DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09862

# *Dzerzhinsk Memorial Book*

Ḳoydenoṿ

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

©2003 THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY AND
THE NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
*Harry and Lillian Freedman Fund*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*David and Barbara Margulies*
*The Nash Family Foundation*
*Harris Rosen*
*David and Sylvia Steiner*
*Ruth Taubman*

•

*Original publication data*

| | |
|---|---|
| TITLE | Ḳoydenoṿ : zamlbukh tsum ondenḳ fun di Ḳoydenoṿer ḳedoyshim, ṿos zaynen umgebrakhṭ geṿorn fun di Dayṭshishe Natsis / redaḳṭirṭ fun Avraham Reyzen ; oysgeendiḳṭ un tsuzamengeshṭelṭ fun Aharon Ḳarlin. |
| IMPRINT | Nyu-Yorḳ : Fareyniḳṭe Ḳoydenoṿer asosyeyshon, 1955. |
| DESCRIPT | 261 p. : ill., ports. ; 24 cm. |
| SUBJECT | Jews -- Belarus -- Dzerzhinsk. |
| | Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Belarus -- Dzerzhinsk. |
| | Dzerzhinsk (Belarus) -- Ethnic relations. |
| ADD'L NAME | Reisen, Abraham, 1876-1953. |

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

# קוידענאָוו

# קוידענאו

## זאַמלבוך

צום אָנדענק פון די קוידענאָווער קדושים
וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן
פון די דייטשישע נאַצים,
ימח שמם וזכרם

●

רעדאַקטירט פון
אברהם רייזען
אויסגעענדיקט און צוזאַמענגעשטעלט פון
אהרן קאַרלין

●

אַרויסגעגעבן פון די
פאַראייניקטע קוידענאָווער אַסאָסיאיישאָן, אינק.
ניו־יאָרק, 1955

Copyright 1955, by
United Koidanover Ass'n, Inc.
New York, N. Y.

אַדרעס :
A. Evans
31 Union Square W.
New York 3, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press Inc., 37 East 18th St., New York, N. Y.

# אינהאַלט

נח — אונדזער קוידענאָוו ............ 7
נח ראָזעוויצקי — דער קוידענאָווער רעליף ............ 11
אברהם עוואנס (אברהמל עוועטשיק) — דער אויסזען פון קוידענאָוו 17
משה חיים איינבינדער — קוידענאָוו ............ 21
הרב ישראל קראוויץ — מיין היים־שטעטל קוידענאָוו (זכרונות) ...... 23
ב. גראָסמאַן — דעראינערונגען און געדאַנקען ............ 27
אברהם רייזען —
מיין צוריקקער אַהיים (פּאָעמע) ............ 33
אַ לידער־רינג ............ 47
מ. איוועניסקי — דער קוידענאָווער רבי ר׳ אהרעלע ............ 54
מנשה אונגער — אַ מופת ............ 64
שמחה גאָרדאָן — דער קב הישר און זיין מחבר ר׳ צבי הירש
קוידענאָווער ............ 69
אלחנן הענלע קירכהאָן — שבת־לידער ............ 81
קלמן רייזען — לידער ............ 84
אברהם רייזען —
מיין פאָטער ............ 86
וועגן מיין ברודער זלמן ............ 90
פּראָפעסאָר שאַפּים — די בעלי מוסר ............ 98
שלמה סימאָן — די ברידער טשעסטער ............ 115
ס. טשעסטער — היימישע לידער ............ 125
יעקב טשעסטער —
אַ יאַריד אין שטעטל ............ 129
דער פרילינג איז געקומען ............ 132
יעקב יוסף שניפּער (נתן דעם בויגערס) — מיין שטעטעלע (ליד) .... 147
מ. איוועניסקי — דער צוזאַמענשטעל (די רעדאַקציע) פון תלמוד בבלי 150
שרה רייזען — חיים יאָסלס האָפנונגען ............ 155
שפרה אָסנאָס ליווי —
די הויכע בערג ............ 159
ווי גליקלעך מען איז דאָ געווען... ............ 162
מאיר טומאַן (תאומים)
זכרונות ............ 167
אַ חלום (ליד) ............ 171
אבא הורוויטץ
דער חזן ר׳ פּיוזע (דעראינערונגען) ............ 174
מיר ווילט זיך ניט גלויבן (פּאָעמע) ............ 179
אַ מעשהלע — איבערגעגעבן פון אייזל ליפשיץ צו אייב עוואנס ...... 181
רחל (נח אברהמס) קראַוויץ — אַ אינטערעסאַנטער אָונט אין
קוידענאָוו ............ 182
נח ראָזעוויצקי — די רעוואָלוציע אין קוידענאָוו ............ 184
איידא איינבינדער־ליבערמאַן — קוידענאָוו אין 1920 (זכרונות) ...... 186

מ. סלאַווין —
לידער ........ 194
צו גאַסט אין מיין שטעטעלע קוידענאָוו (אין 1927) ........ 198
אברהם רייזען ע״ה ........ 208
נח ראָזעוויצקי — קוידענאָווער יידן אין אַמעריקע ........ 213
אבא הורוויץ און אייב עוואַנס — דעם סופרס אַן אייניקל ........ 215
דזשעי גרעיסאָן — מעקס אָסנאַס ........ 217
יוסף חזן — זכרונות ........ 223
א. ר. — קוידענאָווער באַרימטע פאַמיליעס ........ 232
גיטל ניופעלד — צום אָנדענק ........ 237
אַ בריוו פון שטעטל קוידענאָוו צו קרובים אין אַמעריקע ........ 239
גישקע פאַליעייעש — דער יידישער חורבן פון רוביזשעוויץ און אומ־
געגנט (אַ בריוו פון אַ פרוי וואָס איז געבליבן לעבן) ........ 240
בריוו פון לעבנגעבליבענע קוידענאָווער יידן ........ 249
צום הייליקן אָנדענק (נעקראָלאָג) ........ 261

## בילדער

צוזאַמענקונפט פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער אין ניו־יאָרק, 1948
(פיר בילדער) ........ 9, 10, 15, 16,
פיר דורות פון דער משפחה עוואַנס: זכריה, יחיאל, אייב, זכריה (טשאַרלס) 20
אברהם רייזען ........ 32, 208
שער־בלאַט פון ספר קב הישר ........ 68
שער־בלאַט פון ספר שמחת הנפש ........ 80
שער־בלאַט פון קלמן רייזענס בוך לידער אין העברעאיש ........ 83
שרה רייזען, קלמן רייזען, גרישע קאַסל־רייזען, ד״ר ספיוואַק ........ 97
ס. טשעסטער ........ 128
יעקב טשעסטער ........ 131
נתן שניפער ע״ה, ערשטער קוידענאָווער קאָלאָניסט אין ישראל ........ 149
שפרה אָסנאַס ליווי ........ 161
בילד פון יונגוואַרג אין רוביזעוויצער גאַס (1916) ........ 173
בילד פון די ערשטע קוידענאָווער אין ישראל (1913) ........ 183
אַ בילד פון אַ קוידענאָווער גאַס (רוביזעוויצער) ........ 193
דער קוידענאָווער מאַרק מיט די קראָמען ........ 206
גרשון זינגער, ערשטער פּאָרזיצער פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער
אַסאָסיאיישאָן ........ 214
נייטן קלומאַק, פאָרזיצער פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער אַסאָסיאיישאָן 214
אישיע עוואַנס ........ 216
ביילקע עוואַנס ........ 216
מעקס אָסנאַס ........ 221
שער־בלאַט פון אַ פירוש אויף חומש בראשית פון אברהם חיים קאַסעל 222
בילד פון לערער חיים יהודא מערליס מיט אַ קלאַס פון זיינע שילערינס 235
בילד פון דער לערערין ברכה דאַנישעווסקי מיט אירע שילערינס ........ 236
דער מאַסן־קבר פון די זעכצן הונדערט אומגעקומענע
אויף די „הויכע בערג״ ........ 262

# אונדזער קוידענאָוו

דאָס יידישע שטעטל איז אונטערגעגאַנגען, פון צייט צו צייט אָבער געפינען זיך יידן, וואָס לעבן אויף זייער שטעטל אין בוך, אין דעם ליגט דער גרויסער שאַפענדער כוח פון די לאַנדסמאַנשאַפטן; זיי האָבן אַלץ געלעבט אין שטעטל אַלע יאָרן, וואָס זיי זיינען אין אַמעריקע. זיי האָבן זיך אַרומגעריסן איבער קרקע, איבער אַ גדר אַרום בית־עלמין, איבער כבוד, אָבער אין דער טיף אין זייער גוף און נשמה, האָבן זיי זיך געוואַרעמט אין דער שטעטלדיקער שיין, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, דאָס שטעטל האָט אין זיי ניט אויסגעוועפּט, אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דעם אַמעריקאַנעם רוישיקן אימיגראַנטן־לעבן האָט אין זיי געלעבט די שטעטלדיקע שטילקייט... דאָס בוך וואָס די קוידענאָווער לאַנדסלייט האָבן אַרויסגעגעבן, לעבט אויף דאָס שטעטל, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן, דער רוב קינדער און קינדס־קינדער וועלן מסתמא אין דעם יזכור־בוך ניט אַריינקוקן, אָבער דער דראַנג און פאַר־לאַנג צו פאַראייביקן דאָס שטעטל זייערס אין אַ בוך וועט ניט גיין פאַר־לאָרן.

אין דער יידישער אייביקייט בלייבט אַ שטעטל יידן, ערגעץ־וואו קניפּט זיך און בינדט זיך דער פאָדעם, וואָס דער אָנהייב זיינער, און דער המשך איז אין נצח־ישראל. איבער אַלע יידישע שטעטלעך האָט זיך געשפּרייט איין יידישער הימל — דער הימל פון יידישן גייסט. אַלע יידישע שטעטלעך האָבן מקדש געווען אין לבנה, געלעבט מיט דער אייגענער תורה, געפּראַוועט די אייגענע ימים־טובים, און מיט דעם שולחן־ערוך וואָס איז אומעטום געווען דער אייגענער, אַלע יידישע שטעטלעך זיינען געווען אין גלות און געהאָפט און געגלויבט אין ביאת־המשיח. דאָס זיינען געווען די נאַציאָנאַלע שטריכן, וואָס האָבן צוזאַמענגעהאַלטן אַלע יידישע שטעטלעך אונטער איין יידישן הימל.

אָבער יעדער שטעטל האָט געלעבט אַנדערש, מיט אייגענע מנהגים. מיט אַ פּאָר באַזונדערע קנייטשלעך אין דעם לעבנס שטייגער, וואָס האָבן איין שטעטל אָפּגעטיילט פון דעם אַנדערן, אַמאָל האָט אַ טייך געלייגט דעם שטעמפּל אויפן שטעטל, אַמאָל האָט אַ באַרג צוגעגעבן די שיינקייט פון דעם שטעטל, און אַמאָל גאָר די שטאַרקע פּערזענלעכקייט פון אַ רב. איז בעת דאָס יידישע שטעטל האָט געהאַט אַ אַלגעמיין פּנים, האָט עס אויך געהאַט אַ אייגענעם פּנים, וואָס האָט פאַרמאָגט שאַרפע שטריכן.

אין דעם קוידענאָווער בוך זעען מיר דאָס אַלגעמיינע געשטאַלט פון דעם יידישן שטעטל און דאָס אינדיווידועלע. ס'איז מערקווירדיק, ווי דאָס שטעטל האָט פאַמאָגט שאַרף אויסגעשפּראָכענע געשטאַלטן, וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר קוידענאָוו. אַפילו דער יידיש אין קוידענאָוו האָט פאַרמאָגט אייגענע ווערטער, אַ סך פון די דאָזיקע ווערטער האָט אונדזער לאַנדסמאַן, דער באַרימטער שרייבער און דיכטער, אברהם רייזען, ע"ה, גע־ברויכט אין זיינע צאָלרייכע דערציילונגען און לידער.

קוידענאָוו האָט פאַרמאָגט גייסטיקע גבורה, אָבער פיזישע גבורה האָט אין שטעטל אויך ניט געפעלט, קליין איז דאָס שטעטל געווען, אָבער דער יידישער מענטש אין שטעטל איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע פּערזענלעכקייט. אַ סך מער ווי דער היינטיקער ייד אין דער ברייטער פרעמדער וועלט.

די קוידענאָווער לאַנדסלייט וועלן זיך אַן צווייפל קוויקן מיט די באַשרייבונגען פון זייערע געסלעך, בתי־מדרשים, דעם מאַרק, און הויכע בערג.

דער יידישער מענטש פון שטעטל, וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרן אין אונדזערע יאָרן, איז געווען אַ גרויסע יידישע וועלט, ער דאַרף צוריק אויפלעבן ניט נאָר אין דער דערציילונג אָדער ליד, נאָר אויך אין פּשוטן וואָרט, אין דער וואַרעמקייט פון קרוב און נאָענטן.

נח



ערשטע שורה פון רעכטס צו לינקס: **א. ליפשיץ, מערי ראָזעוויצקי, אַנאַ רובין, רבקה בעסעט, נח ראָזעוויצקי.**
צווייטע שורה: **הענריעטא עווענס, לואיס שולמאַן, גיטל נופילד, דאָבקע עווענס, מר. און מרס. חיים עפּשטיין, א. אוזלאנער, סיידי ליווי, מרס. ראָזענבערג, קריינע שימענאָוו, פּעשע פריינד, אסתר בעסעט, מרס. רעלקין, דאָבקע מאָסקאָוויץ, ראָוז וועקסלער.**
דריטע שורה: **מעקס וואליניעטץ, הערי עווענס, אייב ראדזשעס, א. קיוואוויץ, יוסף העלער, דזש. זינגער, אייב עווענס, אייב הורוויטץ, ב. גראָסמאַן, שעק, בינדער, אַנאַ ליווי.**

# צוזאַמענקונפט פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער אין ניו־יאָרק 1948



צוזאַמענקונפט
פון די
פאַראייניקטע
קוידענאָווער
אין
ניו־יאָרק
1948

נח ראַזעווריצקי

# דער קאָרעצער רעליף

## (און ווי ער איז געשאַפֿן געוואָרן)

איך האָב פאַרלאָזן קאָרעצאַו אין 1920, נאָך איבערלעבונגען אין דער ערשטער וועלט מלחמה וואַנדערונגען, בין איך געקומען קיין אַמעריקע. אָבער דאָס שטעטל מיט די בערג און די גאַסן, די אַמאָליקע חברים און די איינוואוינער פון שטעטל זיינען שטענדיק געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. איך האָב שטענדיק געבענקט זיי צו זען.

ווען די צווייטע וועלט מלחמה האָט אויסגעבראָכן, בין איך, ווי מערסטע אַנדערע פון אונדזערע לאַנדסלייט, געווען זייער באַזאָרגט וועגן דער לאַגע פון אונדזערע יידן אין קאָרעצאַו. עס איז געווען אַ גרויסע שמחה ביי מיר, ווען די נייעס איז געקומען, אַז די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט קאָרעצאַו. אָבער וואָס איז געוואָרן פון אונדזערע קרובים און אונדזערע פריינט? וויפל זיינען געבליבן לעבן און וויפל זיינען ניטאָ? וועגן דעם האָבן מיר די ערשטע צייט ניט געקאָנט קריגן קיין ידיעה.

מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו ווענדן זיך צו דעם פּאָסט־באַאַמטן אין קאָרעצאַו און אים בעטן איבערגעבן מיין בריוו צו די יידן אין שטעטל, זיי זאָלן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מיר. מיין בריוו האָט געהאַט רעזול־טאַטן. אַן ענטפער איז אָנגעקומען פון שמעון עליע דעם קצב.

שמעון עליע איז געווען מיינער אַ שכן אינדערהיים און איך געדענק אים גאַנץ גוט, זיין בריוו, וועלכן איך האָב אויפגענומען מיט שמחה, האָט מיר אויך געבראַכט די טרויעריקע בשורה, אַז פון אונדזערע אַלע קאָרעצאַווער יידן זיינען געבליבן אין קאָרעצאַו בלויז ניין — אַז די נאַצי רוצחים האָבן דער־מאָרדעט זעכצן הונדערט יידן. אַ צאָל יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן אין

וועלדער, אָדער זיך ראַטעווען מיט דער רויטער אַרמיי, אָבער וואו זיי זיינען האָט מען די ערשטע צייט ניט געוואוסט.

אָבער באַלד האָבן געגומען אָנקומען בריוו פון געראַטעוועטע יידן: אַרום צוואַנציק בריוו אַ וואָך. די פראַגע איז געווען: וואָס קאָן געטאָן ווערן זיי צו העלפן? איך בין געגאַנגען צו די קוידענאָווער סאָסייעטיס, אָבער קיין רעזול־טאַטן ניט געהאַט. יעדע סאָסייעטי האָט אירע אייגענע ספּעציעלע אויפגאַבן און אירע פליכטן צו די מיטגלידער.

איך בין אַוועק צו מיין חבר א. עוואַנס (אברהמל עווענטשיק פון דער היים) און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו רופן אַ מיטינג פון אייניקע לאַנדסלייט ביי זיך אין הויז. איך האָב געהאַט אַן אנגענעמען סורפּריז. ווען איך האָבביים ערשטן מיטינג געטראָפן מיינע חברים פון דער היים, לואי שולמאַן און יוסף העלער אויך מאָריס ביינדער און פעשע גיטלען. חברים, וועלכע איך האָב ניט געזען 25 יאָר. עס איז געווען אַ רירנדער מאָמענט, מיר האָבן זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד.

מיר האָבן זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט און פאַררופן דעם ערשטן הזכרה מיטינג, דעם 21טן אָקטאָבער 1946, אין פראַטורנאַל קלאָב הויז.

עס זיינען געקומען עטלעכע הונדערט לאַנדסלייט — אַלע מיט דעם זעלבן געדאַנק: צו העלפן זייערע לעבנגעבליבענע לאַנדסלייט. עס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן דער רעליף אונטער דעם נאָמען „דער פאַראייניקטער קוידענאָווער רעליף".

די ערשטע באַאַמטע זיינען געווען: גרשון זינגער, טשערמאַן; אברהם עוואַנס, קאָ־טשערמאַן, בערנאַרד גראָסמאַן, טרעזשורער; לייב שולמאַן, קאָ־טרעזשורער; און יוסף העלער סעקרעטאַר; איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די קוידענאָווער פון יענער זייט ים. אייב עוואַנס האָט געקראָגן די אויפגאַבע צו שיקן הילף. און מאָריס ביינדער איז דערוויילט געוואָרן צו אַראַנזשירן אונטערנעמונגען.

אונדזער ליבער לאַנדסמאַן אייב עוואַנס האָט פריוויליק געגעבן זיין געשעפט אָפיס, אַלס אַן אָפיס פון רעליף. אויך האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט אַכטונג צו געבן אויף דער אַרבעט פון רעליף. און פעשע גיטל פריינט האָט געטאָן די דאָפּלטע אַרבעט: העלפן מיר שרייבן בריוו, און אויך העלפן אַרויס־שיקן די פּעקלעך.

מיר האָבן באַלד גענומען שיקן שפּייז און קליידער־פּעקלעך צו די

אַדרעסן, וואָס מיר האָבן געהאַט, און מיר האָבן געקראָגן ענטפערס מיט קבלות, אַז זיי האָבן עס דערהאַלטן.

ביז איצט האָבן מיר שוין אַדרעסן פון 460 לעבנגעבליבענע קוידענאָווער יידן. די מערסטע פון זיי געפינען זיך אין מינסק און אין קוידענאָוו; אַנדערע געפינען זיך אין אַנדערע שטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויסער די רעגולערע פעקלעך וואָס מיר האָבן געשיקט, האָבן מיר אויך אַוועקגעשיקט עטלעכע הונדערט מצה־פעקלעך.

די ענטפערס וואָס מיר האָבן געקראָגן, און די פרייד פון די געראַטעוועטע יידן, איז געווען אונדזער גרעסטע באַלוינונג. פאַר מיר פּערזענלעך איז יעדער בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון אַ לאַנדסמאַן, געווען אַ שמחה, ווי דאָס אָנקומען פון אַ ניי־געבוירן קינד אין דער משפּחה. איך האָב זיך געפרייט מיט דעם און דאָס אַרומגעטראָגן ווייזן די לאַנדסלייט.

„אונדזער שטעטל קוידענאָוו, בויט זיך אָפּ צוריק", שרייבן אונדז די לאַנדסלייט יוסף סיראָטקין, (זרח דעם שניידערס זון) בערל גלעזער, און זאַריצקי (רחמיאל דעם מוליערס אַן איידעם). „דאָס עקאָנאָמישע לעבן ווערט דאָרט פאַרבעסערט".

עס וועט לאַנג ניט נעמען און די קוידענאָווער יידן וועלן זיך מער ניט נויטיקן אין אונדזער הילף, אָבער אונדזער אָרגאַניזאַציע טאָרן מיר ניט אויפגעבן. מיר דאַרפן זי נאָך אויסברייטערן. ערשטנס, קאָנען מיר אַלס קוידענאָווער טאָן הילפס־אַרבעט פאַר מדינת־ישראל, וועלכע נויטיקט זיך אין הילף. מיר האָבן שוין אַוועקגעשיקט עטלעכע הונדערט דאָלאַר קיין רחובות, וואו עס האָט זיך אויפגעבויט אַ יתומים־הויז. דאָרט וועט זיין אַ צימער אין אָנדענק פון זעכצן הונדערט קוידענאָווער קדושים. מיר פּלאַנעווען צו שיקן נאָך הילף. צווייטנס: דער רעליף האָט אונדז, לאַנדסלייט אין אַמעריקע, דער־נענטערט איינער צום אַנדערן. מיר האָבן געפונען פריינט און אַלטע חברים פון דער היים. מיר זיינען צוזאַמען פאַרבונדן אין העלפן אונדזערע לאַנדסלייט אויף יענער זייט ים.

דער קוידענאָווער רעליף האָט אונדז, אַמעריקאַנער לאַנדסלייט, געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוגעפינען 460 לעבנגעבליבענע יידן פון אונדזער באַליבטער אַלטער שטאָט. מאַרטירער וועלכע האָבן דורכגעלעבט דעם נאַצי־גיהינום און זיינען אַרויס לעבעדיקע, זיי זיינען ביי אונדז טייער, מיר שטייען מיט זיי אין פאַרבינדונג, און העלפן זיי וויפל מיר קענען. דער קוידענאָווער רעליף האָט

אויך אונדז אין אַמעריקע נעענטער צונויפגעבונדן און אויסגעפונען אַלטע היימישע חברים און פריינט.

איך וועל דאָ ניט שרייבן וועגן קוידענאָוו וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגנט. איך וואָלט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דעם. איך וויל דאָ יאָ שרייבן וועגן דער וויכטיקייט פון דעם רעליף, און וואָס עס מיינט פאַר מיר.

מיר דאַרפן האָבן אַ צענטער, וואו אַלע קוידענאָווער לאַנדסלייט, אָן אונטערשייד צו וועלכע סאָסייעטי ער אָדער זי באַלאַנגט, זאָל קומען פאַר איין צוועק: פאַר קוידענאָווער היימישער געזעלשאַפטלעכקייט. מיר קאָנען אויך אויסנוצן דעם צענטער פאַר אַלגעמיינע יידישע קולטורעלע טעטיקייטן צווישן אונדזערע לאַנדסלייט. מיר קאָנען בויען אַ יוגנט־אָפּטיילונג און פאַר־אינטערעסירן אונדזערע קינדער מיטן לעבן און מיט די טראַדיציעס פון די יידן אין אונדזער היימשטאָט.

מיר דאַרפן שטענדיק שטיין אין פאַרבינדונג מיט לעבנגעבליבענע יידן אין קוידענאָוו, אַרויסווייזן אינטערעס און פריינטשאַפט אַפילו ווען זיי וועלן ניט דאַרפן אונדזער הילף און זאָל דער נאָמען קוידענאָוו ניט נאָר בלייבן אַלס אָנדענק ביי יעדן איינעם דאָ דורך דעם דאָזיקן בוך! נאָר זאָל דאָס ווערן אַ לעבעדיקער אָנדענק דורך אָנהאַלטן די פאַרבינדונגען פון קוידענאָווער לאַנדסלייט אין אַמעריקע. און דורך אונדזער פאַרבינדונג מיט קוידענאָווער יידן אין דער גאַנצער וועלט.

איך וויל דאָ אויך דערמאָנען דעם טשערמאַן פון די קוידענאָווער יאָנג־מענס, מיין פריינט און לאַנדסמאַן נייטן קלומאק, אַז דורך זיין איניציאַטיוו איז ביי דעם יזכור־פאַרזאַמלונג, אָקטאָבער 1946, געשאַפן געוואָרן 860 דאָלאַר. און אין 1950, איז דורך זיין איניציאַטיוו רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער רעליף־קאָמיטעט אונטער דעם נאָמען „פאַראייניקטע קוידענאָווער אַסאָסיאיישאַן“ און ער איז דער טשערמאַן פון דער אָרגאַניזאַציע. מיר ווינטשן אים אַז ער זאָל זיין געזונט און אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, פאַר די קוידענאָווער לאַנדסלייט און אויך פאַר מדינת ישראל.



צוזאַמענקונפט פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער, אין עוואנס האָטעל קיאַמישע, ניו־יאָרק, 1948



צוזאַמענקונפט פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער, אין עוואנס האָטל קיאַמישע, ניו־יאָרק, 1948

אברהם עוואנס (אברהמל עווענטשיק)

# דער אויסזען פון קוידענאָוו

צו געבן אַ בילד פון דעם שטעטל קוידענאָוו, — ווען מיר זאָלן מאַכן אַ צירקל איבער דעם שטח פון שטעטל, וועלן מיר די קראָמען, וואָס גע־פינען זיך אויפן מאַרק, געפינען פונקט אין צענטער. אויסגעשטעלט זענען די קראָמען ווי דער בוכשטאַב „ח" מיט אַ פּתח. דער מאַרק איז אָנגעפּי־קעוועט פון אַלע זייטן מיט פאַרשיידענע קראָמען: באַקאַליינע, גאַלאַנטעריינע, מאַנופאַקטור, אייזן־קראָמען, קראָמען מיט טעפּ, קראָמען מיט טאַנדעטנע מלבושים, קראָמען פון שוכוואַרג, פון פעל, פון הערינג, פון מילכיקס און אויך די יאַטקעס. די קראָמען גיבן צו אַ געוויסן חן צו דעם אויסזען פון שטעטל. די גאַנצע עקאָנאָמיק פון די קוידענאָווער איינוואוינער איז געווען אָפּהייגיק פון דעם מסחר וואָס איז אָנגעגאַנגען אין און צווישן די קראָמען. פאַרשטייט זיך, אויך אויפן מיט פון מאַרק וואו די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, פלעגן ברענגען זייערע תבואות, וואָל, פלאַקס א. ד. ג.

די הייזער אויפן מאַרק האָבן באַלאַנגט צו די הויפּט יידישע בעלי־בתים פון שטעטל. דאָ איז אויך געשטאַנען דער רוסישער קלויסטער (אַ געמויערטע געביידע) מיט פינף קופּאָלן און אַן אייזערנעם צאַם אַרום. פון מאַרק אַרויס האָבן זיך געצויגן זעקס גאַסן, צוויי פּאַראַלעל וועלכע האָבן געהייסן נייע מינסקער און אַלטע מינסקער, און נאָך צוויי גאַסן פּאַראַלעל וועלכע האָבן געהייסן סלוצקער און רוביזעוויטצער, דאַן איין גאַס — ווילנער און איין גאַס — פּאַראַבאָצקער (אָדער סטאַנקאָווער) איך וויל דאָ אויך באַמערקן אַז ביי יעדער ראָג פון מאַרק מיט אַ גאַס, איז געשטאַנען אַ „סטאַדאָלע". דאָס איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישע געביידע. דאָס האָט געדינט אַלס אַן אַריינפאָר הויז פאַר פּריצים און רייכערע פּויערים. עס זיינען געווען עטלעכע אַזעלכע סטאַדאָליעס אויך אין מיטן די גאַסן.

אַ חשובן פּלאַץ אין שטעטל האָט פאַרנומען דער שול־הויף וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ראָג פון מאַרק און דער סלוצקער גאַס. דאָרט האָבן זיך געפונען אַלע שולן פון שטעטל. דער מויער־בית־מדרש, דער נייער בית־מדרש, דער שניידערשער בית־מדרש, און אויך דער קליינער בית־מדרש וואָס איז געווען אין איין געביידע מיטן מויער־בית־מדרש.ביים עק פון שול־הויף איז געשטאַנען דאָס חסידישע שטיבל מיט דעם רבינס הויף. דאָרט איז אויך געווען די שטאָט־באָד מיט דעם באַרימטן שטייגנדיקן וואַסער אָרום, וואָס האָט געהייסן די „מצולה". דאָס איז, אגב, געווען אַ פאַרוויילונגס פּלאַץ ווינטער צייט פאַר דעם קליינוואַרג וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויפן גליטש, איבערהויפּט אום שבת, ווען מען איז געווען פריי פון חדר, און דער רבי און דער טאַטע האָבן עס ניט געקענט זען, ווייל ס׳איז געווען הינטער דעם חסידישן שטיבל.

אַ חוץ די הויפּט גאַסן זענען געווען נאָך עטלעכע קליינע געסלעך, ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן, די „הומנעס" (אָדער די שייערן) וואָס זענען געלאָפן פּאַראַלעל צו סלוצקער גאַס, אויך דאָס סאַדאָווע געסל לעבן רובי־זעוויטשער גאַס. אויך דאָס געסל צווישן ניי און אַלט מינסקער גאַסן וואָס האָט געהייסן דער טאַטערשטער באַרג, מיט אַן אַלטן בית־עולם פון די גאָר, גאָר אַמאָליקע צייטן — ווען דער קריג איז אָנגעפאַלן אויף גאַנץ רוסלאַנד...

גאָר אַ חשובן אָרט האָט פאַרנומען „יורזדיקע", ביים עק פון וועלכער ס׳האָט זיך געפונען דער „קאַסטיאַל", די באַרימטע „הויכע־בערג" מיט דעם קאַלווינסקן קלויסטער, די שוועבעלאַך פאַבריק וואָס האָט געהייסן סטראַנגינס־פאַבריקע. ס׳זענען אויך געווען עטלעכע געסלעך וואָס האָבן נ״ט געהאַט קיין נעמען, אָבער זיי זענען געווען באַוואוינט מיט יידישע איינוואוינער. אַזאַ געסל איז געווען צווישן שול־הויף און פּאַראַבאַצקער, און אויך צווישן נייער מינסקער און אַלטער מינסקער גאַס, און אויך צווישן סלוצקער און רובי־זעוויטצער גאַס מיט דעם נאָמען „מאָדלס־געסל".

ביי דעם עק פון נייער מינסקער גאַס האָט זיך געצויגן דער ברוק צום וואָקזאַל וואו קוידענאָווער יידן פלעגן גיין שבת שפּאַצירן און זען ווי ס׳קומט אָן דער „קוריערסקער־פּאָיעזד" און פאָרט פאַרביי אָן אַן אָפּשטעל. ביים עק פון ווילנער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אַ דאָרף וואָס האָט זיך געצויגן פאַר עטלעכע וואָירסט און דאָרט האָבן שוין געוואוינט בלויז פּויערים, ווייל יידן האָבן דאָרט קיין רעכט ניט געהאַט צו וואוינען. דער דאָרף האָט

געהייסן מאקויטשיטץ. דאָרט האָבן געוואוינט צוויי יידן־ברידער וואָס האָבן געירשנט זייער וואוינרעכט פון זייערע עלטערן. זייערע נעמען זענען געווען שלמה און בערל קאַהאַן און זיי האָבן טאַקע געהייסן מיטן נאָמען „מאַקוי־טשיצער”. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די דערפער און הויפן וואָס האָבן געהערט צו קוידענאָווער וואָלאָסט, מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 35.000 נפשות.

גאָר אַ געהויבענעם אָרט האָט פאַרנומען סטאַנקעוו וואָס עס האָט גע־הערט צום באַרימטן גראַף טשאַפּסקי וועלכער איז געווען „גאַלאָווא” אין מינסק. צו אים האָבן געהערט אַ סך הויפן. אָבער אַ גרויסן איינפלוס האָט אויף אונדז געהאַט אַזאַ הויפל ווי האַלינקע, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען דאָס נאָענטסטע טייכל צום באָדן זיך, אָדער שיפן זיך אויף אַ פּליט. אָדער קריסעוו נאָוויסיאָלאָק — דער גרויסער און דער קליינער, אוסע און דזאַלניע. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן דעם קיידערשן וואַלד אין עק פאַראַבאַצקער גאַס און אויך דעם שטיינערנעם שטול אין עק אַלט מינסקער גאַס, אויפן וועג צו באַבריקע, וואָס אַלטע יידן פלעגן דערציילן אַז דאָרט זענען פאַר־געקומען נאַפּאָלעאָנס מלחמות.

קוידענאָוו איז געווען זייער אַן אַלט שטעטל. אַלע הייזער זיינען גע־ווען הילצערנע. ס'איז ניט געווען קיין איין געמויערטע געביידע, אַ חוץ דער מויער־בית־מדרש, און ביי אונדז יונגוואַרג פלעגט אַלעמאָל אויפקומען די פראַגע, פאַרוואָס אַ סך שטעטלעך ווי סטויפץ און „מיר” פלעגן אָפט פאַרלענדט ווערן פון שרפות, אָבער ניט קוידענאָוו.. פלעגן די עלטערע יידן פאַרענטפערן אַז דאָס איז צוליב דער ברכה מיט וועלכער דער באַרימטער מינסקער רב דער „שאגת אריה”, האָט געבענטשט קוידענאָוו ווען ער איז פאַרביי געפאָרן. די ברכה האָט טאַקע אָנגעהאַלטן ביז צום ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די פוילישע באַנדיטן האָבן אונטערגעצונדן די קראָמען אין מאַרק און די הויפּט גאַסן.

**
*

דער חורבן אויפן שטעטל האָט זיך אָנגעפאַנגען בעת דער ערשטער וועלט מלחמה — תשעה־באָב 1914. פּלוצלונג זענען מאָביליזירט געוואָרן אַלע מענער בון 20 ביז 45 יאָרן, און אַלע זענען אוועק אין מיליטער אין רענענקאַמפּס אַרמיי. כמעט אַלע סאָלדאַטן זיינען געפאַנגען געוואָרן ביי די דייטשן אין אָסט־פּרייסן. צוויי יאָר איז די מלחמה אָנגעהאַלטן געוואָרן ווייט

פון קוידענאָוו. מיר האָבן בלויז געזען אַ סך סאָלדאַטן דורכפאָרן קוידענאָווער סטאַנציע און אויך אַ סך פאַרוואונדעטע פון פראָנט. די דייטשן האָבן אָבער אָנגעפאַנגען מאַרשירן נעענטער צו קוידענאָוו, און אַ סך קוידענאָווער ייִדן האָבן אָנגעפאַנגען זיך צו עוואַקואירן, אָבער דער שרעק איז געווען אומזיסט ווייל דער פראָנט האָט זיך איינגעשטעלט ביי דעם טייך ניעמאַן, און קוידענאָוו איז געבליבן אונטער דער רוסישער הערשאַפט, אַלס סטראַטעגישער פונקט צו צושטעלן מיליטער און פראָוויאַנט צום גאַנצן פראָנט. צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן פון אַלע עקן פון רוסלאַנד זענען אָנגעקומען קיין קוידענאָוו און דאָ זענען זיי אויסגעשטאַט געוואָרן אין עשאַלאָנען און אָפּגעשיקט געוואָרן צום פראָנט.

אין פעברואר 1917 האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פראָוויזאָרישע רעגירונג. די רוסישע אַרמיי ביים פראָנט איז דעמאָראַליזירט געוואָרן, די באָלשעוויקעס האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט פון דער רעגירונג. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם פראָנט, און אַ סך כוליגאַנעס האָבן אָנגעפאַנגען צו ראַבירן יידישן האָב און גוטס. ס׳האָט ניט געהאָלפן אונדזער „סאַמע־אָבאָראָנע״ וואָס ס׳האָט זיך צייטווייליק אָרגאַניזירט. אין יענער צייט זענען געפאַלן אונדזערע ערשטע קרבנות, דאָס זענען געווען לייזער ראָמאַנאָווער, פייגל ריינעס אַ טאָכטער און עקיבא העשלס.

## פיר דורות פון דער משפחה עוואַנס



זכריה | יחיאל | אייב | זכריה (טשאַרלס)

**משה חיים איינבינדער**

# קוידענאָוו

מיין טייער ליב שטעטעלע קוידענאָוו, טייער און ליב איז מיר צו דערמאָנען דיין נאָמען, דערצו די רעבזעוויצער גאַס, וואו איך האָב די ערשטע שטראַלן ליכט דערזען פון דער גרויסער ליכטיקער, פאַר מיר נאָך אומבאַקאַנטער וועלט. קוידענאָוו! וואו מיין אָרעם וויגעלע איז געשטאַנען, און איבערגעלעבט אַלע ליידן און פריידן פון די קינדערשע יאָרן. ווי ליב און טייער עס איז מיר צו דערמאָנען דיין יחוסדיקן נאָמען. וואָס איז פון דיר געוואָרן טייער שטעטעלע קוידענאָוו?!

קוידענאָוו איז געווען די אַריסטאָקראַטישסטע פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך, ווי רעבזעוויץ, ראַקאָוו, איוועניעץ, אוזדע, און אַפילו סטייפּץ. שוין אָפּגערעדט פון אַ שווערזניע אָדער וואָלמע, און מיר פלעגן אַ זאָג טאָן האַלב אין שפּאַס און מער אויף אַן אמת „אויך מיר שטעטלעך".

און מיר זיינען געווען שטאָלץ מיט אונדזער גרויסן מאַרק מיט די „צווישן די קראָמען" מיט די זעקס גאַסן און געסלעך, מיט די פּריסאַדעס, מיט די דריי בתי־מדרשים און חסידישן „שטיבל", אַ הויף! אַ ג אַ נ צ ע מ ל ו כ ה.

פיל פון אונדזערע לאַנדסלייט געדענקען נאָך די ניגונים, איבערהויפּט מיכעלעס ניגון, ווען ער פלעגט אויפהייבן די קאָפּ און אונטערשפּאַרן מיטן גראָבן פינגער אונטערן קין־באַק, און פלעגט זיך נאָך דעם רבינס וואונק צו־זינגען זיך אַ ניגון. אָן ווערטער, און דער ניגון איז אַריין אין יידישן פאָלקלאָר פון מוזיק אונטערן נאָמען „דער קוידענאָווער ניגון".

און להבדיל די צערקווע מיטן פּוילישן קאָסטיאָל און דער קאַלעווינסקער קלויסטער מיטן אָרגעל; און מאַנכעס מאָל האָט מען טאַקע געהערט פיינע טענער. די עלטערע און פרומע האָבן געזאָגט, עאַז מען טאָר ניט הערן ווייל

דאָס שטאָמט פון בית המקדש. נאָר פונדעסטוועגן פלעגן זיי אויך פאַרלאַנגזאַמען דעם „טראַט", עס הייסט מען הערט זיך חלילה ניט צו די טענער צו די מוזיק, מען איז גלאַט אַזוי אַ ביסל מיד געוואָרן, גייט מען לאַנגזאַם... און די טענער דערמאָנען נאָך דעם אַמאָליקן שטאָלץ, ווען די לוויים האָבן געשפּילט אין בית המקדש!... שפּאַצירן פאַרביי מיט אַ קרעכץ ביז מען קומט צו „די הויכע בערג" צום האַלב אייגעפאַלענעם קרעפּאַסט וואָס דערמאָנט אין מלחמות און יידישע צרות! אויך האָט אונדזערע שטעטעלע פאַרמאָגט אַ אינטעליגענץ און אַריסטאָקראַטיע, אויך אַ פּראָלעטאַריאַט. און פיל פון זיי האָבן געהאָלפן באַגראָבן ניקאָלאַי דעם לעצטן... און דערפאַר וואָס אונדזער שטעטעלע האָט דאָס אַלעס פאַרמאָגט איז זי געווען די מיוחסת פון גאַנצן „אַרום".

און אַמאָל, מיט יאָרן און יאָרן צוריק האָבן מיר זיך איינגעליבט מיט אונדזער שטעטל וואו מיר האָבן די ערשטע טריט געשטעלט, און אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם אחריות פאַרן לעבן; קיין צו גרויסע פאַרלאַנגען האָבן מיר ניט געהאַט, און האָט אַמאָל אויסגעפעלט אַ פּאָר קלייניקייטן ווי למשל: ברויט, פלייש, פּוטער, מילך! אָבער דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט קעגן די רחבות וואָס מיר פלעגן האָבן אַרויסגייענדיק אין אַ פרימאָרגן אין מאַרק!

און אַזוי האָבן מיר געלעבט מיט אונדזער פרייד און מיט אונדזער טרויער. און מיר וואָלטן אפשר אויך געלעבט די יאָרן ווי אונדזערע עלטער זיידעס. עס זיינען אָבער אָנגעקומען נייע צייטן און מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם זיינען מיר פאַרוואָרפן געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער. אָבער דער גרעסטער טייל זיינען פאַרבליבן אין דער געבענטשטער אַמעריקע. און מען האָט אָנגעהויבן פון דאָס ניי, גאַנצע דורות אויפגעבראַכט, בריתן, חתונות, אַ נייע וועלט, נייע פאַרלאַנגען, גרעסערע זאָרגן. און אונדזער באַליבט שטעטעלע האָט זיך אַלץ אָפּגערוקט ווייטער און ווייטער... און איז פאַרבליבן ווי אַ פאַרשעמטע כלה — דער חתן איז ניט געוואָרן. די מחותנים זיינען זיך צעלאָפן. און עפּעס אין זכרון איז פאַרבליבן אַ ניט קלאָרער געדאַנק, און עס לויפט דורך ווי אַ בליץ: אַמאָל איז געווען — געווען און ניטאָ! און מיר וואָלטן דאָ אויך אויסגעלעבט ווי די פריערדיקע דורות. עס האָט אָבער פּלוצלונג זיך אַראָפּגעלאָזן אַ שטורעם אויף דער וועלט און האָט פאַרוויסט אונדזער שטעטל. אויף אונדז יידן איז געפאַלן דער שווערסטער גורל, אַ קבר פון זעכצן הונדערט לעבעדיק באַגראָבענע לאַנדסלייט!!! און אַזוי האָבן מיר זיך דערמאָנט אין אונדזער שטעטעלע קוידענאָוו.

**הרב ישראל קראַוויץ**

# מיין היים־שטעטל קוידענאָוו

(זכרונות)

דער באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער אַנאַטאָל פראַנס האָט זיך אויס־געדריקט אַז ער איז שטאַרק ערשטוינט פון מענטשן וועלכע האָבן אים געזאָגט אַז זיי געדיינקען גאָר ניט פון זייערע קינדער יאָרן. אין זיין בוך „ליו ליוורע די מאָן אַמי״ באַשרייבט ער אין די מייסטערהאַפטע פאַרבן עראינערונגען פון די סאַמע ערשטע יאָרן פון זיין לעבן.

אויך אויף מיר האָבן די קינדער יאָרן אין מיין געבורט־שטאָט קוידע־נאָוו איבערגעלאָזן אַ גוואַלדיקן איינדרוק, אמת טאַקע די פאַרשידענע עפּיזאָדן פינקלען אויף פון צייט צו צייט ווי ווייטע חלומות אין אַ גאַר ווייטער פאַר־גאַנגענהייט. אָבער דאָך זיינען זיי געוועג איינגעקריצט אין מיין זכרון אַז איך זאָל זיי נאָך עד היום קאָנען באַשרייבן ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן פּאַסירט...

מיין פריעסטע דעראינערונג כאַפּ איך אויף נאָך אַלס קינד אין וויגעלע אין אונדזער דירה ביי לאהקע אהרן לייבס אויף נייער מינסקער גאַס, איך ליג און וויין, קיינער קען מיר ניט איינשטילן, פון דערוויטנס דערהער איך גיכע טריט. דאָס קומט דער טאַטע אַהיים פון „תפארת בחורים״ נאָך מעריב, ער לויפט האַסטיק צו און זינגט מיר דאָס לידעלע „נומה פרח בני מחמדי, ערשך כי אַני״. ער זינגט און וויגט מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט אַז דאָס לידעלע דרינגט אַריין טיף אין מיין נשמה. עד היום געדענק איך אויף אויסנ־ווייניק אַלע פערזן פון אָט דער העברייאישער „לאַלאַביי״ וועלכע איז דורכ־געזאַפּט מיט ליבע צו ישראל און זיין לאַנד. ווען איך דערמאָן מיך היינט צו טאָג וועגן אָט דער ליד הויב איך אָן צו טראַכטן — ווי קומט עס צום טאַטן? (אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישן ייד) אַזאַ הייס ציוניסטיש לידל? און דאַן דערמאָן

איך זיך אַז דאָס איז ניט די איינציקע ליד וואָס דער טאַטע פלעגט זינגען.

איך זע פאַר מיינע אויגן אַ קאַלטע ווינטער נאַכט, אין דרויסן ווינט און שניי, די לאָדן פון די שטאַרק פאַרדאַפּלטע פענצטער קלאַפּן און וואַרפן אָן אַ מורא. מיר קינדער טוליען זיך צום אויוון זיך אָנצואוואַרעמען פון די אָנגעגליטע קאכלעכע ווענט. קעגנאיבער העגנט דער אַלט מאָדישער זייגער מיט די שווערע וואַגשאַלן און קלאַפּט הייזעריקלעך. עפּעס פּילט זיך אַזאַ אומעטיקייט אויפן האַרצן. און מיט אַמאָל גיט זיך אַ שטעל אויף דער טאַטע, וועלכער איז ביז דאַן געזעסן פאַרטיפט איבער אַ גרויסער גמרא און הויבט־אָן צו זינגען „עס שיינט די לבנה, עס גלאַנצן די שטערן... דער אַלטינקער ביכעלע ליגט פאַר מיר אָפן, עס הערט זיך אַ שטימע איך שווער — מיין פּאַלק דו ווערסט זיין ווי די שטערן אין הימל"... עפּעס אַזאַ מין זיסקייט צוגיסט זיך איבערן קערפּער, אַזאַ בענקשאַפט אין דער נשמה. ווי פאַרחלומטע זינגען מיר אַלע מיט.

און ווען איך עס אַמאָל קענען פאַרגעסן אַ פרייטיק צו נאַכט ביי אונדז אין הויז? וואָס פאַר אַ הייליקע אַטמאָספערע — די שטוב אַזוי ריין, ציכטיק אויפן טיש אַ קלאָר ווייס טישטוך, דער טאַטע מאַכט קידוש מיט זיין אָנגענעמע שטים, די מאַמע ע"ה, און מיר אַלע קינדער שטייען אַרום דעם שבת־רייך־באַדעקטן טיש און מיט שיינענדיקע פּנימער ענטפערן מיר אָמן. דער מאַמעס געפילטע פיש האָט אַ טעם גן־עדן, די אייגענע געבאַקטע חלה, די זופּ — אַלעס, עפּעס אַזוי באַטעמט... און די זמירות? דער טאַטע זינגט און מיר, די קאַפּעליע זיינע, האַלטן מיט.

אונטער די פענצטער קלייבן זיך צוזאַמען פיל קוידענאָווער וועלכע האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פאַר אַ שפּאַציר, שטייען ווי צוגעשמידט צום אָרט, און הערן זיך צו מיט גרויס הנאה, ווי ביי רחל ר' נח אברהמס אין שטוב זינגט מען זמירות פרייטיק צו נאַכט... שבת פרי אָפּגעטרונקען אַ גלאָז „ציקאָריע" און פאַרביסן מיט אַ „פּראַזשקעלע" און מיר גייען דאַווענען אין „תפארת־בחורים", דאָס לעצטע איז אַ מין „יאַנג־איזראַעל" וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די קוידענאָווער יונגוואַרג, מיט מיין טאַטן אַלס גייסטיקן פירער. די מתפללים, מערסטנס יונגע בחורים, קלייבן זיך צענויף ביי ר' אברהם איטשע רוזעוויצקין אין שטוב, די אַטמאָספערע איז אַ פריינטלעכע, נח רוזעוויצקי לייענט די תורה, זיין לייענען איז שיין, אויפן היימישן שטייגער, און עס קלינגט

נאָך עד היום אין מיינע אויערן ווי איך וואָלט עס ערשט נעכטן געהערט. דער טאַטע דאַוונט מוסף אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן, מען דריקט זיך פריינט־לעך די הענט — גוט שבת! גוט שבת! מען לאָזט זיך גיין אַהיים. אָט זע איך רעבזעוויצער גאַס, פאַראַבאַצקער גאַס, ווילנער גאַס, אַלט־ און נייער מינסקער, דעם ברייטן מאַרק מיט די קראָמען. אָט גייען מיר פאַרביי דעם שול־הויף, יידן גייען פון די שולן — דער גרויסער בית־המדרש, דער נייער בית־מדרש, די שטיבל, יידן לויפן פאַרביי, טליתים אונטן „פאַכווע" אָדער אויף זיך, מע באַגריסט זיך און מען גייט שוין שנעלער אַהיים, געניסן פון די שבתדיקע מאכלים...

שבת בייטאָג, אַ שיינער זומערדיקער נאָכמיטאָק, מען גייט שפּאַצירן צו די פריסאַדעס אָדער צו די הויכע בערג, אַזוי ווי פאַרכשופטע ליגן אָט די בערג הינטערן שטעטל. דער אַלטער שלאָס מיט די מויערן וואַרפן אָן אַ מין פחד אויף מיין קינדערשן מוחל. עפעס האָבן זיי סודות צו דערציילן פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט. פאַרבראַכט עטלעכע גליקלעכע שעה אין דעם שויס פון דער נאַטור, לאָזט זיך דער לוסטיקער עולם צוריק אַהיים.

און צי געדענק איך אפשר שמחת־תורה ביי אונדז אין דער היים? נישט אינגאַנצן — אָבער ווי די חברה פון „תפארת־בחורים" פלעגט זיך צוזאַמען קליבן שמיני עצרת בייטאָג ביי אונדז אין הויז דאָס געדענק איך שוין גאָר גוט. געווען איז עס אַ מין געמיינשאַפטלעכע סעודה, ערב יום טוב האָט מען אָנגעבראַכט אין שטוב פון כל טוב. די מאַמע ע"ה וועלכע האָט ליב געהאַט מענטשן מיטן גאַנצן הארצן, האָט אַלעמען אויפגענומען מיט אַ שטראַלענדן פנים. גלייך נאָך מוסף שמיני עצרת האָט דער עולם זיך גענומען צוזאַמענ־קלייבן צו אונדז אין שטוב. צוזעצט ביים טיש האָט מען זיך גאָר דעמאָקראַטיש. ביי די בחורים פון „תפארת בחורים" זיינען ניט געווען קיין „אויבן־אָן־יאָגערס", מען האָט געגעסן און געטרונקען מיט שטאַט, געזונגען דער טיש אין זאַל וועלכער איז אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען ווי אַ קעניג צו ווערן שמחת תורה לידער: באַזונדערס פאָפולער זיינען געווען דעם טאַטנס „מפי אל יתברך ישראל" און „יגדל אלוהים חי" מיט אַ ספעציעל ניגון אין ספרדישע הברה, וועלכע דער טאַטע פלעגט זיך דערלויבן צו זינגען בלויז דעם איינמאָל אין יאָר.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, אָפּגעזונגען, אָפּגעטאַנצט און אָנגעשפּרונגען זיך, ביז מען האָט שוין ניט געוואוסט מער בין שמיני עצרת לשמחת תורה, האָט

מען זיך דאָך געגומען גרייטן גיין צו הקפות אין שול. דאַן פלעגן זיך צוזאַמען נעמען אייניקע שטאַרקע חברה־לייט, פאַרלייגן האַנט אויף האַנט, און אויף דעם אַזוי געמאַכטן הענטישן־שטול אַוועקטראָגן דעם טאַטן, באַגלייט מיט געזאַנג אין שול אַריין...

יאָ, ווען איך דערמאָן זיך אָן דער שיינער ברודערלעכער „תפארת־בחורים" פון קוידענאָוו, דוכט מיר אַז אַפילו היינטיקע מאָדערנע „יאָנג־איזראַעלס" האָבן געקענט פיל לערנען פון אונדז. עס ווייזט אויס אַז קוידענאָווער יוגנט איז שוין גאָר ניט געווען אַזוי אָפּגעשטאַנען פון ידישער קולטור. אגב ווילט זיך דערמאָנען טאָקע אַז דעם טאַטנס חומש־ און תנ"ך־קלאַסן, אונטער דער אויפזיכט פון „תפארת־בחורים", זיינען געווען גאָר פיין באַזוכט, ניט נאָר פלעגן די בחורים שטראָמען אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, צו הערן אַ „דבר־תורה", נאָר אַפילו פילע פון די עלטערע בעלי־בתים, ווי אויך דער רב ר' שמואל נחום ז"ל, פלעגן אָפּט קומען זיך צוהערן און צוקוקן מיט גרויס הנאה ווי די יונגוואַרג שלינגט ממש אַ קאַפּיטל תנ"ך אָדער חומש, ווי נאָר דער טאַטע (הרב יצחק קראַוועץ) האָט געוואוסט ווי אַרויסצוגעבן...

ב. גראָסמאַן

# דעראינערונגען און געדאַנקען

די קינדעריאָרן זיינען די בעסטע, די שענסטע און די זיסטע אין מענטשלעכן לעבן.

דערפאַר איז אים אַלע מאָל זייער טייער זיין געבורט פּלאַץ. דער פּלאַץ וואו עס איז געשטאַנען זיין קינדער־וויגעלע און וואו ער האָט צום ערשטן געעפנט זיינע אויגן צו זען די ליכטיקע וועלט.

עס גייען קיינמאָל ניט אַרויס פון זיין געדעכעניש יענע יאָרן און יענער פּלאַץ וואו ער האָט געקראָגן זיינע ערשטע איינדרוקן פון וועלט און מענטשן. און אויך וואו ער האָט געקראָגן זיין ערשטע דערציאונג.

אַלע מאָל זיינען אים ליב און טייער יענע עראינערונגען און יענע פּלעצער וואו ער האָט געוועבט זיינע יוגנט חלומות און האָט זיך געפרייט מיט זיין יוגנט.

און ווי קען מען טאַקע פאַרגעסן דעם געבורט פּלאַץ און די אַטמאָספערע אין וועלכע מען איז געבוירן געוואָרן?

עס איז שוין באַלד אַ האַלבער יאָרהונדערט, זינט איך בין אַוועק פון אונדזער געבורטשטעטל קוידענאָוו. איך האָב שוין זייער פיל דורכגעמאַכט און אַזוי פיל צייט דאָ אין אַמעריקע. דאָך האָב איך קוידענאָוו ניט פאַרגעסן. און איך געדענק אַלע פּלעצער, אַלע מענטשן מיט אַלע איינצלהייטן.

די שטאָט און דער נאָמען קוידענאָוו איז שוין מער ניטאָ. די מענטשן זיינען אויך מער ניטאָ, דער שטורעם פון דער צייט מיט די צוויי בלוטיקע, שרעקלעכע מלחמות האָבן אַלעס חרוב געמאַכט און פאַרטיליקט די מענטשן אָבער אין מיין געדאַנק לעבט נאָך די שטעטל ווי איך געדענק זי פון אַמאָל, און עס גייען פאַרביי מיינע אויגן די אַלע פּלעצער און הייזער, די אַלע מענטשן און געשטאַלטן און דער גאַנצער לעבן פון יענער צייט.

דער געדאַנק גיט אַ פלי אויף יענער זייט אַהין אויף דעם שטיקל ערד וואָס עס האָט זיך גערופן קוידענאָוו. און באַלד דערזע איך דעם מאַרק מיט די קראָמען מיט די 6 גאַסן מיט די געסלעך מיט דעם שולהויף מיט די בתי מדרשים, מיט דעם צאַם, מיט דעם רבינס הויף, מיט דעם „מאַצולע".

איך זע אויך להבדיל דעם קלויסטער, דעם שווינטאַר. די פריסאַדעס, די ארזדיקע מיט די הויכע בערג, מיט די אַלע סעדער און גערטענער. די אַלע קרעטשמעס און הייזער און די גאַנצע שטעטל פון איין עק ביז דעם צווייטן.

מערקווירדיק, איך וואוין דאָ אין אַ סביבה שוין 30 יאָר און איך קען זייער ווייניק מענטשן און פאַמיליעס. אָבער אין קוידענאָוו וואָלט איך נאָך איצט כמעט אויסגערעכנט יעדע הויז מיט די מענטשן וואס האָבן געוואוינט דאָרטן, מיט זייערע נעמען און קינדערשע נעמען, און אַפילו די צונעמענעס וואָס יעדער איינער האָט געהאַט. דאָס ציינט ווי מענטשן האָבן געלעבט אין די קליינע שטעטלעך, ברידערלעך געבונדן מיט פריינטשאַפט און ליבע איינע מיט די אַנדערע.

דעם בונד האָבן זיי אויך מיטגענומען און געבראַכט אַהער אין אַמעריקע. און האָבן געגרינדעט לאַנדסלייט פאַראיינען, חברות נאָך די נעמען פון די שטעטלעך, און זיי וועלן עקזיסטירן כל זמן עס וועלן נאָך לעבן אַריבערגעקומענע לאַנדסלייט.

עס איז ווירקלעך אַ וואונדערבאַרע ליבע און איבערגעבנהייט וואָס לאַנדסלייט האָבן איינע פאַר די אַנדערע. און עס איז גאָר קיין וואונדער וואָס צום גרויסן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן אונדזער יידישן פאָלק בכלל, און אונדזער שטעטל קוידענאָוו בפרט, האָבן זיך אונדזערע לאַנדסלייט אַזוי וואַרעם אָפּגערופן צו העלפן די פאַרבליבענע לאַנדסלייט וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערס גיהנום.

לאָמיר האָפן אַז די הילף וועט פאַרגעזעצט ווערן ווייטער און ווייטער. ביז די וועלט וועט קומען צו זיך.

## ווי אַזוי עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק אין קוידענאָוו

דאָס איז געווען ביים ענדע פון לעצטן יאָרהונדערט, אָרום 1890, ווען אין די יידישע שטעט און שטעטלעך איז געווען אַ גרויסער זינד, אַ פאַרברעך צו לייענען אַ בוך. עס האָט געהייסן „אַ טריף פסול". האָט צוליב דער

השׂכלה באַוועגונג זיך דאָן דערוועקט ביי דער יוגנט אַ שטאַרקער ווילן זיך צו בילדן און לערנען שפּראַכן. דער דראַנג נאָך בילדונג האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד און האָט אויך דערגרייכט צו אונדזער שטעטל קוידענאָוו.

די יוגנט האָט זיך גענומען לערנען, ווער רוסיש, ווער העברעאיש, אויך אַנדערע געגנשטאַנדן. אַלע האָבן געוואָלט ווערן געבילדעטע מענטשן. נאַטירלעך האָט מען זיך געניטיקט אין לערער, אָבער עס זיינען דאָן ניט געווען גענוג לערער אין קוידענאָוו.

לערער פאַר העברעאיש זיינען געווען: חיים יהודה מערליש, סלאָווין, דראַבקין, און אויך „יקנהז", דער באַרימטער שרייבער און פּעליטאָניסט, וועלכן דער גביר מיכל זאוועלעוויץ האָט דאָן אַראָפּגעבראַכט צו אונדז אין שטאָט, כדי צו לערנען מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, אהרן זיסל יאָסעלאָווס קינדער.

אויף רוסיש זיינען אויך געווען גוטע לערער, ווי מאַרשאַק, וואָלאָך, קעלמאַן, אקון, פייגענסאָן, און נאָך אַנדערע. עס זיינען געווען אויך לערער פאַר רוסיש און יידיש, ווי: אברהם רייזען, שלמה חיים פלימאַק, יוסף האַזאַנאָוויץ, יצחק משה און נאָך אַ סך.

חוץ די לערער זיינען אויך געווען מלמדים אין די חדרים וואָס פלעגן לערנען די תלמידים אויסער תנ"ך און גמרא, אויך שרייבן און רעכענען.

צום ביישפּיל: איך האָב געלערנט דעם אָנפאַנג שרייבן ביי ישראל ארציקס, אַ מלמד פון תנ"ך און גמרא. אגב האָט אונדזער באַרימטער לאַנדסמאַן און שרייבער יוסף שלאָסבערג אויך געלערנט ביים זעלבן מלמד און איז געווען איינער פון די תלמידים. אַזוי האָט זיך דאָן די יוגנט געבילדעט און עס איז געוואָרן אַ גרויסע נאָכפראַגע נאָך ביכער. וואו נעמט מען ביכער צום לייענען?

עס זיינען אַפילו געווען אייניקע בעלי בתים, משכילים, וואָס האָבן געהאַט ביכער, ווי זאַוועלעוויץ, יאָסעלאָוו, אברהם חיים קאַסעל, ישעיה העלער, און נאָך אַ פּאָר מענטשן, אָבער ווי קומט מען צו זיי? האָבן עטלעכע פאָר־געשריטענע יונגע מענטשן זיך צוזאַמענגערעדט און באַשלאָסן צו גרינדן אַן אַלגעמיינע ביבליאָטעק — פאַר אַלעמען. מען האָט צוזאַמענגערופן יונגע לייט און מיידלעך פון שטעטל, זיי דערקלערט דעם צוועק און זיי פאַרשריבן

אַלס מיטגלידער און זיי זאָלן צאָלן אַ געוויסע סומע יעדן מאָנאַט און מיט די געלט וועט מען קויפן ביכער.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סומע געלט צו קויפן ביכער. אַלע מאָנאַט האָבן זיך געמערט די ביכער, און אַזוי איז געוואָרן אַ ביבליאָטעק. מען האָט געדונגען אַ צימער ביי איטשע וויינשטיין דעם פּשעמאלניק, אין ווילנער גאַס, און דאָרטן פלעגט מען אויסלייען ביכער, עטלעכע שטונדן דורכן טאָג.

די אָנפירער פון דער ביבליאָטעק זיינען געווען: פייגל אהרן זיסלס, ווי מיר פלעגן איר רופן, פאניע יאָסעלאָוו, אַ געבילדעטע מיידל אין רוסיש און העברעאיש, אַ דעמאָקראַטקע, כאָטש איר פאָטער איז געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט. אויך אַ יונגערמאַן וואַלאַך, אַ געהילף ביי דעם שטעטלשן אפטייקער סאיעט, מאַרשאַק דער לערער, איך, און נאָך אַנדערע.

מיר פלעגן האָבן אָפטע פאַרזאַמלונגען און דיסקוטירן וועלכע ביכער זיינען אַמנויטיקסטן. אייניקע האָבן געהאַלטן שטאַרקער פאַר העברעאיש, אַנדערע פאַר רוסיש. יידיש איז נאָך דאַן ניט געווען אָנערקענט. עס איז אויך ניט געווען קיין גרויסע נאָכפראַגע אויף יידישע ביכער און מיר האָבן דערפאַר געהאַט גאַנץ ווייניק פון דעם סאָרט ביכער.

די פאַרזאַמלונגען פלעגן מיר האָבן ביי וואַלאַכן אין הויז. ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן צימער אין דער נייער הויז דאַן ביי מאַטע זינגער, אויף דער ניימינסקער גאַס. מען האָט בלויז געדאַרפט מיטברענגען אייגענע שטולן.

עס זיינען דאַן געווען פאַרשידענע שטרעמונגען ביי דער יידישער יוגנט. עס איז געווען די עפּאָכע פון „ציוניזם" און „בונדיזם". אַ סך זיינען געווען ציוניסטן, אָנהענגער פון דר. הערצל, און מיר פלעגן אָפט האָבן ציוניסטישע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. עס זיינען אויך געווען בונדיסטן, סאָציאַליסטיש-געזאָנענע, וואָס פלעגן האָבן געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער. אָבער צו דער אָרגאַניזאַציע פון דער ביבליאָטעק האָט דאָס ניט געשטערט. אַלע זיינען געווען פאַראייניגט און אויך טאָלעראַנט.

צייטנווייז האָבן מיר געהאַט זאָרג וועגן דעם וואָס די ביבליאָטעק איז ניט לעגאַל נאָך די רוסישע געזעצן. כאָטש אַלע ביכער זיינען געווען צענזורירטע, כשרע, אָבער מען האָט דאָך געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דער־לויבעניש פון דער רעגירונג, און דאָס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו קריגן.

דערווייל האָבן מיר אָנגעהאַלטן די ביבליאָטעק אַזוי אַ געוויסע צייט, ביז איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ סטאַטשקע (סטרייק) אין דער שוועבל פאַבריק ביי אונדז אין שטעטל. און אַלץ איז געוואָרן שטרענג קאָנטראָלירט. האָט זיך איטשע דעם פּשעמאַלניקס ווייב דערשראָקן צו האַלטן די ביכער צוליב דעם אין הויז און געדונגען אַ גרויסן וואָגן, אַרויפגעלייגט אַלע ביכער און געהייסן זיי פירן צו מיר. איין פרימאָרגן איז פייגל יאָסעלאָוו אַריינ־געקומען צו מיר אין הויז אַ בלאַסע אַ צעשראָקענע, אַ פאַרזאָרגטע, וואָס טוט מען מיט דעם וואָגן ביכער? וואו טוט מען זיי אַהין?

איך האָב געפונען אַן עצה. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

ביי אונדז איז געווען אַ שפּייכלער פון מעל. האָט מען ביי איין וואַנט אָוועקגעלייגט די גאַנצע פּעק ביכער און זיי פאַרשטעלט מיט זעק מעל, אַז קיינער זאָל ניט קענען זען. און אַזוי זיינען זיי געלעגן עטלעכע מאָנאַטן ביז מאַדאַם סאיעט, דעם אפּטייקערס ווייב, האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָט געקראָגן אַ רעגירונג דערלויבעניש, און אויך געדונגען אַ נייעם פּלאַץ וואו מען האָט געקאָנט אויסלייען ביכער צו די לייענער. די ביבליאָטעק האָט אָנגעפאַנגען ווידער צו פונקציאָנירן, ביכער האָבן זיך אַלץ געמערט.

יענעם יאָר, 1900, בין איך געפאָרן קיין אַמעריקע.



אברהם רייזען

אברהם רייזען

# מיין צוריקקער אַהיים

(פּאָעמע)

1

אומגעוואַנדערט און געוואָגלט
האָב איך אין דער פֿרעמד פֿיל יאָרן
איבערדריסיק און פאַרמיאוסט
איז דאָס לעבן מיר געוואָרן.

אַך, די גרויסע שטעט, די גאַסן
מיט די ריזיק-הויכע מויערן
האָבן מיר אַזוי געשראָקן —
כ׳פלעג דאָרט נאָך מיין היימאַט טרויערן;
נאָך דעם קליינעם, ליבן שטעטל
נאָך די געסלעך, — עלנט, אָרעם;
נאָך די שטיבעלעך די קליינע —
נאָך די לעבעדיקע קברים.

טאַקע קברים! דאָך געצויגן
האָט מיך צום בית-עלמין אַלטן —
אָ, וויפיל זכרונות ליבע
ליגן דאָרטן טיף באַהאַלטן.
טיף באַהאַלטן דאָך וועל איך זיי
פון דער ערד צוריק אויסגראָבן,

מיט פֿאַרשטאַרבענע זיך ווידער זען,
אָ, פיל נחת וועל איך האָבן!

כ'האָב די גרויסע וועלט פאַרלאָזן,
בין געפלויגן ווי אויף פליגל,
צו מיין שטעטל, וואו געשטאַנען
איז אַמאָל מיין קינדהייטס וויגל.

2

כ'האָב דערקענט דיך, ליבעם שטעטל,
האָסט זיך פיל ניט אומגעביטן!
איך דערקען די געסלעך דיינע
און דעם גרויסן מאַרק אינמיטן.
אָ, ווי טרויעריק ווייזט ער אויס מיר:
אַלע הייזער אַלט געוואָרן,
און די שויבן פון די פענצטער
קוקן פינצטער, פול מיט צאָרן!...
חיים לייזערס הויז — וואו איז עס
מיט דעם גאַנעק מיט דעם לאַנגן,
וואו עס פלעגט זיך שטענדיק הערן
לוסטיק לאַכן און געזאַנגען?

רייך געווען איז חיים-לייזער
און אַ בעל הבית אַן עכטער,
אַ פרנסה שטוב, אַ גרויסע
און צוויי שיינע, יונגע טעכטער.
איך געדענק די עלטערע, ביילע,
מיט די שווארצע, גרויסע אויגן,
וועלכע פלעגן שטענדיק לאַכן
און מיין האַרץ דאַן צוגעצויגן.

כ'פלעג אָפט קומען אויפן גאַנעק
אין די זומער-נעכט צו זיצן

מיט די טעכטער, מיט די שיינע,
און פלעג שפּאַסן ,זאָגן וויצן.
זייער לאַכן פלעגט דאַן קלינגען,
ווי דאָס ליד פון נאַכטיגאַלן —
אָך, וואו זענט איר, ליבע טעכטער,
אָך, וואו זענט איר איצט פאַרפאַלן?

שלעכטע צייטן! חיים לייזער
איז פאַראָרעמט לאַנג געוואָרן,
נאָך אַמעריקע די טעכטער
זיינען גלייך אַוועקגעפאָרן.
דאָס האָט מיר דערציילט די מוטער,
מיט פאַרוויינטע רויטע אויגן:
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל
זענען איבער ים פאַרפלויגן!”
האָט זי מיט די הענט פאַרבראָכן —
„זעט, אַ תל פון הויז געוואָרן,
און דער גאַנעק איז צעבראָכן”...

3

ניט פאַרגעסן אויך דעם שולהויף,
וואו עס שטייט די תלמוד תורה,
כ'האָב באַטראַכט זי נאָר פון וויטן,
ווייל פון נאָענט איז אַ מורא...
כ'האָב דערקענט די אָרעמע קינדער —
באָרוועס, נאַקעט און דערשלאָגן;
און גערירט פון זייער עלנט
האָט דאָס הארץ געוואָלט וואָס זאָגן:
אָ, איר תלמוד-תורה קינדער!
כ'קוק אויף אייך מיט פייכטע אויגן —
ספרים טראָגט איר ניט אין ראַנצעס —
וואָס-זשע גייט איר איינגעבויגן?

װעלכע שװערע משא קרימט אױס
יונגערהייט נאָך אייער רוקן ?
איז די תורה אַזױ שװער אייך
אָדער איז דאָס ברױט צו טרוקן ?״
נאָר זײ האָבן ניט געענטפערט,
האָבן קענטיק שװאַך פאַרשטאַנען ;
אױסגעשטעלט די אױגן, פרעגנד :
אָ, די װײַטקײט קומט פון װאַנען ? . . .
אָ, די אָרעמע און יתומים
זענען נאָר געװױנט צו װילדע
קולות, קניפּן און קולאַקעס,
אָבער ניט צו װערטער מילדע . . .

4

כ׳האָב געװאָלט זען דעם בית המדרש,
בין אין אים אַרײַנגעגאַנגען —
אָך, װי האַרצלעך און װי פרײַנטלעך
האָט מיך יעדער דאָרט עמפּפאַנגען !
אַ באַקאַנטער, צי אַ פרעמדער
האָט זײַן האַנט מיר אױסגעצױגן
און עס האָט אַ „שלום עליכם״
העל געלױכטן אין די אױגן.
כ׳האָב דערקענט די אָרעמע ברידער,
צװישן זײ אױך חײם בערן,
מײַן אַמאָליקן מלמד —
כ׳האָב דערקענט אים אָן זײַן שטערן
מיט די פּילע, פּילע קנײטשן,
טיפער זענען זײ געװאָרן . . .
„װאָס־זשע מאַכט איר ליבער רבי,
װי האָט איר געלעבט די יאָרן ?
אָך, בײַטאָג אין שול װאָס טוט איר ?

ס'איז מיר עפּעס ניט געפעלן,
אָדער זענט איר רייך געוואָרן
און האָט אויפגעהערט צו קנעלן?

ליבער זון! האָט ער געענטפערט —
כ'בין ניט רייכער, ס'האָט מיין צעטל
ניט געוואונען, דאָך בין איך שוין
אוים מלמד אין מיין שטעטל.
ליבער זון! אויף אונזערע יידן
קומט אַ צרה נאָך אַ צרה;
אַ, נישטאָ שוין יענע יאָרן —
קיינער פרעגט ניט אויף גמרא!
מ'לערנט אוים איצט נאָר דעם יונגל
עפּעס דאַוונען, עפּעס ברכה,
און נאָך פריער פאַר בעל מצוה
ווערט פון אים אַ בעל מלאכה!"

— וואָס־זשע טוט איר, ליבער רבי,
וואו־זשע נעמט איר אויף צום לעבן?
„כ'האָב פאַרקויפט, מיין, זון, דאָס שטיבל
און מיין טאָכטער אויסגעגעבן.
דו געדענקסט מיין קליינע שטיבל,
מ'האָט געדאַרפט עס איבערבויען,
דאָך איך קען עס ניט פאַרגעסן,
ס'ציט דאָס האַרץ, אָ, מעגסט מיר טרויען..
נאָר צוריק די אייגענע מעשה...
שטותים! כ'האָב געמוזט פאַרקויפן;
דו געדענקסט דאָך נאָך מיין בתולה...
און די יאָרן, אוי זיי לויפן...
לאָזן זיצן זיי, קיין תכלית,
ז'איז געווען אַ היפּשע בתולה,
נאָר אין אָרעמקייט וואָס העלפט עס?

שיין אָן געלט איז ניט קיין פּעולה.
פאַר אַ בעל־מלאכה... מילא...
נאָר פּאַרדעקן מיט אַ שלייער...
— וואָסזשע טוט איר איצטער, רבי,
„כ׳זופּ ביי טאָג אַביסל זוהר״.
ניין — איך מיין פון וואַנען לעבט איר?...
„פרעג, מיין זון, ניט — לאָז צופרידן —
מיט דעם בורא׳ס הילף — עס לעבט זיך,
ווי עס לעבן אַלע יידן״...

5

אין בית מדרש אין אַ ווינקל
האָט אַ יינגל זיך פאַרקליבן
און מיט גרויס געפיל, התמדה
האָט ער עפּעס דאָרט געשריבן.
כ׳האָב באַטראַכט אים — הויט און ביינער
און די בעקלעך איינגעצויגן,
האָט קיין צייכן פון אַ פּנים
נאָר עס פינקלען זיינע אויגן.
איך בין צו אים צוגעגאַנגען
און געפרעגט: וואָס שרייבסטו ליבער?
ער האָט זיך פאַרשעמט, דערשראָקן
און געציטערט ווי אין פיבער.
גאָר נישט — האָט ער קוים געענטפערט —
כ׳האָב ליב תמיד נאָר צו מאָלן...
כ׳מאָל פון גרויסע לייט די בילדער —
ס׳איז מיין אַרבעט אויף דער עמוד...
אין דער היים איז ענג און פינצטער
און די קליינע קינדער שרייען,
זיץ איך דאָ מיר אין בית מדרש —
כ׳מאָל איצט — „הבל׳ן הרגעט קין״...
ס׳האָט געזען אַמאָל דער דאָקטער

מיינע אַרבעט, די פּאַפּירן —
כ'וואָלט אַ „לייט" געוועזן, זאָגט ער
ווען איך וואָלט געקענט שטודירן.
ס'האָט מיין טאַטע שטאַרק צעלאַכט זיך
אויף דעם דאָקטערס רייד אין גאַנצן;
מיין זון שיקן אין די קלאַסן, —
אפשר זאָל איך גיין איצט טאַנצן..."

6

טרויעריק בין איך פון בית מדרש
און באַטריבט אַרויסגעגאַנגען,
פול מיט ווייטוט, פול מיט זאָרגן,
פול מיט נאַרישע פאַרלאַנגען...
כ'האָב געלאָזן גיין זיך ווייטער
גיין און גיין... איך זאָל פאַרגעסן
מיינע שווערע, גרויסע ליידן,
וועלכע דריקן מיך און פרעסן.
גייענדיק פאַרטיפט אין טרויער
בין איך צו דעם טייך געקומען
און אַ טיפער, אַלטער קימער
האָט מיין זעלע דורכגענומען.

זיי געגריסט מיר, ליבע טייכל,
אָ, ווי פלעג איך נאָך דיר בענקן,
שטייענדיק ביי גרויסע טייכן
פלעג איך דאָרט אויף דיך געדענקען.
רואיק, שטיל פליסט דיינע וואַסער,
ביי דיר קאָכן ניט קיין כוואַליעס,
דיינע שיפן — שטיקלעך שמאַטעס
שווימען — צייכנס פון דעם דלות.
זומער צייט אין דיינע וואַסער
וואָלט אַ תענוג ווער געפונען,

טריקנסטו דאַן אויס אין גאַנצן,
דיינע וואַסער ווערט ענטרינען...
ווינטער צייט ווערסטו פאַרפרוירן
און מיט שניי פאַרדעקט, פאַרשאָטן...
דאָך האָב איך דיך ליב, מיין טייכל,
כ׳וואָלט פון דיר ניט אָפּגעטראָטן.
אמת, כ׳האָב געזען שוין טייכן,
וואו די כוואַליעס וואַרפן, ברומען,
וואו דאָס וואַסער — שטאַרק און מעכטיק,
דאָך בין איך צו דיר געקומען.

יאָ, צו דיר האָט מיך געצויגן,
דאָרט בין איך געווען אַ פרעמדער, —
איך געדענק, ווי ביי דיין וואַסער
פלעגן מוטערס וואַשן העמדער...
און דערמאָן איך אויך מיין מאַמען —
ווערן ד׳אויגן פול מיט טרערן...
נעם זיי צו צו דיר, ליב טייכל,
ועסטו טרוקן קיינמאָל ווערן...

7

קומענדיק אַהיים, צום זיידן,
דאָרט איז מיין קוואַרטיר געווען —
האָט די באָבע מיר אַ גאַנצע
לעקציע אָנגעהויבן לעזן:
„וואו ביסטו דאָס אויסגעוועזן?
און אונדז האָסטו גאָר פאַרגעסן,
האָסט זיך נאָר דערמאָנט צו קומען
ווען פאַרוואָלט דיר האָט זיך עסן...
מילא איך בין דיר עס מוחל —
האָט זי ליבלעך צוגעגעבן —

ביסט אַ יונגערמאַן, עס ווילט זיך
אומשפּאַצירן, ס׳ווילט זיך לעבן.
איך בין אויך אַמאָל געווען
יונג און ליב געהאַט צו שפּילן;
אַך, וואָס איך פלעג אויסשפּאַצירן
און קיין מידקייט קיינמאָל פילן.
איצטער... אוים! נאָר אין מחשבות,
כ׳האָב פאַררעדט זיך און פאַרגעסן,
ביסט אַ הונגעריקער נעבעך,
נעם אויף גיך און וואַש זיך עסן.״

גוט האָט מיר געשמעקט דער באָבעס
אירע איינפאַכיקע שפּייזן:
שמאַלץ מיט רעטאַך... אין דער פרעמד דאָך
האָב איך ניט געקענט ס׳דערווייזן.
לאַכט אייך, ברידער, פון דעם מאכל,
וואָס איר ווילט דאָס זאָגט און רעדט אייך —
איך בין דאָך ביי מיינס — עס שמעקט מיר
אונדזער מאכל — שמאַלץ מיט רעטאַך...
און אויף פלייש — האָט מיר די באָבע
ווייך געזאָגט — ניט האָב פאַראיבל —
ווערסט אין שטאָט אַ לויט ניט קריגן,
זאָלט באַצאָלן כאָטש אַ רובל.

די קצבים וויינען, קלאָגן
ווילן מאַכן אַן אסיפה:
צען שטיק צוגעגרייט אויף שבת
און דער רב געמאַכט האָט טריפה...
די קצבים — גראָבע יונגען,
פרעג, וואָס ווילן זיי דען
און וואָס האָט עס פאַר אַ פנים?
זאָגנדיק דעם שולחן־ערוך
מער ניט פאָלגן די רבנים...

## 8

שבת פרי בין איך געגאַנגען
אין בית מדרש מיטן זיידן,
אין דעם זעלביקן בית מדרש,
וואו איך האָב אַמאָל אין פריידן
אין מיין קינדהייט נאָך געדאַווענט
מיטן טאַטן פון איין סידור...
און דערמאָן איך יענע צייטן
הויבט דאָס האַרץ אָן פרייען ווידער...
און עס הייבט אָן מעכטיק קלאַפּן
און צו וויינען און צו בעטן...
און איך פיל מיך, ווי מלאכים
וואָלטן קושן מיך און גלעטן...
אין דעם זעלביקן בית מדרש —
אָט דערקען איך זי, די בימה,
וואו דער חזן זינגט, צוגיסט זיך
אויף זיין טרויעריק-זיסער, שטימע.

אָך, ווי טרויעריק זינגט דער חזן!
ס׳העלפט אים אונטער נאָר איין בחור —
וואָס-זשע וויינט ער? אויף דעם אפשר
וואָס עס קלעקט אים ניט דער „וואָכער"?
אָ, וואָס רייסן זיך די טענער
מיט אַזאַ געבעט און ברומען?
אפשר, וואָס די שכירות זיינע
איז פון גבאי שווער באַקומען?
אָ, וואָס שפּרייט ער זיינע הענט אויס
און ער בעט זיך ביי דעם עולם?
אפשר וויינט ער וואָס זיין האָפנונג
איז נאָך אלול, דער בית עולם?...
נאָר געענדיקט האָט דער חזן,
אויסגעזוונגען — זיך אַ חיות,

אָנגעהויבן האָט דער גבאי —
צו פאַרקויפן די עליות
ווי אַמאָל... ניט אומגעביטן
האָט מען נאָך דעם „וועט" דעם ווילדן;
און ס'פאַרקויפט זיך משהם תורה
אויפן רובל, אויפן גילדן.
שישי איז נאָך אַלץ אַ יקרות
און דער מקח ברענט פלאַם פייער...
און רביעי און חמישי
איז נאָך עד היום ניט טייער.
יאָ, צו שישי נאָך עד היום
האָט ר' בער אַ גרויסע תאווה;
אָט־אָ שטייגט ער אויפן בימה
און ער בלאָזט פון זיך מיט גאווה!
און ער גייט אַראָפּ פון בימה,
גלעטנדיק דאָס רונדע בייכל,
ווי געזאָגט וואָלט ער: רבותי,
שישי איז אַ גרויסער מאכל!
עפּעס פיל איך מיך נאָך ששי —
בין אַ בעל בית אַ יוסטער,
בין ר' בער... איר קענט ר' בערן!
ניט קיין שניידער, ניט קיין שוסטער...
און די שניידער און די שוסטער
זיינען אים, ר' בער, מקנא;
ווער וועט זיי זיין ווען מהנא?
ששי ווילט זיך זיי פאַרזוכן
אַ, פאַר וואָס איז זיי באַשערט נאָר
מאַגערס אַלץ דאָס גאַנצע לעבן?
כאָטש אַ שטיקל פעטע תורה —
דאָס אויך וויל מען זיי ניט געבן!

9

זונטאָג פרי בין איך געגאַנגען
אויפֿן מאַרק הין הער און ווידער,
צו באַקוקן און באַטראַכטן
פֿון וואָס לעבן מיינע ברידער.
אָ, דעם גרויסן מאַרק פֿול בלאָטע
האָט מען אונדז אַוועק געגעבן;
נעמט מען צו דעם מאַרק פֿול בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונדזער לעבן...

צווישן פֿילע נייע קרעמער
האָב איך קוים דערקענט נאָר איינע, —
זאָל דאָס ווייבל זיין דען רחל,
זאָל עס רחל זיין די שיינע?
רחל, רחל — בנאמנות!
איך דערקען זי נאָך פֿון ווייטן —
כאָטש זי האָט זיך אומגעביטן
גאָר ניט די פֿון יענע צייטן,
ווען איך בין צו הויז געוועזן
און געקענט זי נאָך אַלס פֿריילין...
איך געדענק נאָך אירע אויגן
מיט די בליקן, ווי די פֿיילן.
רחל, רחל, ליבע רחל!
בין איך צו איר צוגעלאָפֿן —
ביסט אַ קרעמערין געוואָרן?
אָ, ווי האָט זיך עס געטראָפֿן?
אָך, דערצייל מיר, ליבע רחל,
וואָס האָט דיך געבראַכט צו האַנען?
ביסט געוועזן אַ שטאָלצעס פֿריילין
און פֿלעגסט לעזן אָפֿט ראָמאַנען.
און דיין פֿרייע ברוסט — פֿול לעבן,
פֿלעגט זיך, לעזנדיק, אויפֿהייבן,

און מיט דיינע שוואַרצע אויגן
פלעגסטו קוקן ווייט, און גלויבן.

איך געדענק דאָך דיינע טרוימען,
פלעגסט זיי עפּטער מיר פאַרטרויען,
און אַ וועלט פול גליק און ליבע
פלעגסטו דעמאָלט זיך אויסבויען.
און דעם וועג צו צוקונפט האָסטו
אויסגעשפּרייט פול מיט בלומען!
וואו־זשע זענען דיינע גליקן,
ווי ביסטו דערצו געקומען?
אין אַ קרעמל — ענג און פינצטער —
זיצסטו איצט פאַרדעקט מיט טרויער,
און די שיינע אויגן דיינע
קוקן אויס׳עט אויף אַ פּויער...
און די זיסע שטימע דיינע,
וועלכע פלעגט ראָמאַנסן זינגען,
קלינגט איצט הייזעריק, פול טרויער
מיט דעם קונה זיך צו דינגען...

טרויעריק האָט זי מיר געענטפערט:
מאַלע וואָס עס איז געוועזן —
בין אַמאָל געווען פאַרנאַרעשט,
און געהאָפט, געגלויבט, געלעזן.
און מיין יונגעס בלוט פלעגט קאָכן
און פלעגט רייסן זיך און זידן...
איך פלעג גלויבן דאַן און האָפן
אויף אַזוינס, וואָס ניט פאַר יידן...
און די יאָרן פליען, פליען,
און איך ווער אַלץ עלטער, עלטער...
די חלומות שווינדן, שווינדן
און דאָס בלוט ווערט קעלטער, קעלטער...

די געבייען אַלע מיינע
פיל איך הויבן אָן צו פלאַצן,
און איך הער אין גאַס די ווייבער
מיינע יאָרן, ווי זיי שאַצן...
כ׳האָב געהערט עס, און מיין יוגנט
האָב איך שטיל באַוויינט מיט טרערן,
און געמוזט האָב איך אַ כלה
פאַר דעם ערשטן חתן ווערן...
יאָ, געמוזט: מיין גוטע מוטער
האָט געוואָלט פון מיר זען נחת:
„ווער מיין ליבעס קינד אַ כלה,
אונז׳רע שונאים אויף להכעיס״.
און זי האָט דערלעבט דעם נחת,
וואָס זי האָט געוואַרט פיל יאָרן:
ער — אין שטעטל גיט אָפּ „שטונדן״
איך — אַ קרעמערין געוואָרן!...

ווייניק נחת, ליבעס שטעטל,
האָב איך איצט אין דיר געפונען,
פון אַמאָל דיין חן, דיין ביסל
איז שוין אויך פון לאַנג צערונען.
כ׳האָב געבענקט נאָך דיר פון וויטן,
כ׳פלעג אויף דיר דאָרטן וואַרטן, האָפן —
אָרימער, נאָך, ווי געלאָזן,
האָט איך איצטער דיך געטראָפן!

קוידענאָוו—קאָוונע, 1898־99

אברהם רייזען

# אַ לידער־רינג

## פון מיין שטעטל

כ׳קום אריין אין קלויז אין אַלטן —
אַך, ווי טרויעריק, טריב און טונקל!
ליידיק אַלע בענק, — דער שמש
דרעמלט שטיל נאָר אין אַ ווינקל.

וואו־זשע זענען די בחורים
ביי די גמרות, מיט דעם ניגון,
וואָס ער פלעגט מיר די נשמה
דאָ דערהויבן, דאָ פאַרוויגן?

וואו־זשע איז דער הויכער „תנו"
פון דעם „קלעצקער", פון דעם „בעלזער",
מיט די זיסע שטאַרקע טרעלן,
אויסגעדרייט פון יונגע העלדזער?

וואו־זשע זענט איר אַלע קולות?
אַך, ווי באַנג אין קלויז דאָס שטומען?
און דער אַלטער שמש רירט זיך,
און איך הער אים טרויעריק ברומען:

„שיין פון דיר, דו גוטער אורח,
דו געדענקסט נאָך אַלטע יאָרן...
יענע „קלעצקער", יענע „בעלזער"
זענען טאַטעס שוין געוואָרן.

וואגלען, פלאָגן זיך אין גלות,
אין דעם לאַנגן, אין דעם וויסטן,
און די קלעצקערס, בעלזערס קינדער
זענען, רופט מען עס, בונדיסטן.

טראָגן אַלע רויטע העמדלעך,
שוואַרץ פּאָר יידן זיי דערקאָנען;
און פאַרווילט זיך זיי גאָר פלוצלונג,
לאָזט מען זיך אין גאַס מיט פאָנען...

און עס ווערט אַ „שמחת תורה"...
ווילסט זיך זען מיט זיי, — טאָ הער־זשע,
גיי אַריבער אין אַן אָוונט,
דאָרט אַהינצו, אויף דער „בערזשע"...

סאַר'אַ הודזען, סאַר'אַ פליען!
ווי די בינען, ווי די פליגן.
עפּעס לערנען זיי דאָרט אויכעט,
נאָר בסוד אַלץ, אָן אַ ניגון...

1905

## אין דער היים

דרויסן גיסט דער רעגן,
און עס וויינט דער ווינט;
אין דער היים צו זיצן,
אוי, ווי גוט איז צינד!

ס'מורמלט שטיל די מאַמע:
„ס'קומט דער ווינטער אָן!"
טרויעריק איז איר שטימע,
דאָך ווי ליב דער טאָן;

נעבלדיק די שויבן,
טונקל איז אין שטוב, —
דאָך צו זיצן דאָרטן
אוי, ווי ס'דאַרף זיין ליב!

אומעטיק דער טאַטע,
אומעטיק פאַרטראַכט,
דאָך זיין שטומע ליבע,
אַלע אונדז באַוואַכט.

1901

## אַ היימישער ניגון

ס'וואָלט קיין אָנדענק ניט געבליבן
פון דער ליבער היים
ווען מיר וואָלטן ניט פאַרשריבן
אין דער שטיל, געהיים —

יעדע קליינקייט, יעדע שיינקייט,
וואָס עס האָט פאַרמעגט,
יעדע רייכקייט, יעדע ריינקייט,
וואָס עס האָט געעקט;

יעדע הייזעלע די קלענסטע,
זי פאַרגעסן ניט;
יעדע שייבל פון די פענצטער
אויסגעציילט, פאַרהיט.

יעדעס פייערל — פון לעמפּל
האָט דאָס ליד געשווינט;
יעדע וואוינונגל — אַ טעמפּל,
וואו מען האָט געוואוינט.

וואו אַ ברונעם אין אַ הויפל
מיט אַ ראָד און קייט,
וואו אַן עמער, מיט אַ רייפל
שפּיגלט זיך מיט פרייד.

יעדער בוים, וואָס איז געשטאַנען
זומער און געבליט;
וואָס געווען איז פאַראַנען
איצטער — בלויז אין ליד...

## אַ גאַס אינדערהיים

אַ ווארעמער טאָג אין סוף־זומער,
די זון שיקט איר גאָלד צו דער ערד;
די גאַס האַלב אין וואָך, האַלב אין שלומער —
טוט יעדער, וואָס אים איז באַשערט.

דער סטאָליער ,דער שכן אַנטקעגן —
ער הובלט די ברעטער אין הויף;
אַ שכנה — זי דאַרף אים ניט פרעגן —
די סטרוזשקעס, זי קלויבט זיי צונויף.

צו וואָס זאָל זי פרעגן? — אַ שכן!
ער איז דען אַ פרעמדער, ציי ווער?
פאַרנאַכט וועט זי וועטשערע קאָכן
און האָלץ קומט דאָך אָן אַזוי שווער.

דער מאַן זוכט אומזיסט נאָר מסחרים —
אָט שטייט ער ביים שטוב גלאַט אַזוי;
ער בליקט אַלץ פאַריאושט און אָרעם:
צי פאָרט ניט מיט תבואה אַ גוי...

## קײדענאָװ

מיר דאַכט, איך בין אַ קלײנער ײנגל,
איך האָב ערשט אָנגעהױבן לעבן:
די גאַנצע װעלט איז בלױז דאָס שטעטל
און שענערס קען פאַר דעם ניט געבן.

מיר דאַכט ,איך בין אַ קלײנער ײנגל
און בין נאָך ערגעץ ניט געפאָרן,
און װאָס איך האָב געזען אין לעבן
איז װי דורך כּישוף ניט געװאָרן.

עס איז געבליבן בלױז דאָס שטעטל,
אַ גאַנצע װעלט מיט זיבן גאַסן:
זײ ציִען זיך אין מײן זכּרון
װי זון־באַשטראַלטע, גאָלדענע פּאַסן.

דער שול־הױף איז דער פּלאַץ דער שענסטער,
די שולן פיר — איך זע זײ תּמיד:
צװײ טױבן אױפן אָרון־קודש,
צװײ לײבן הױערן בײם עמוד...

דאָס טײכל קלאָר און ריזלט פרײלעך,
מען קען זיך אין זײן װאַסער שפּיגלען.
די װינט־מיל איז דער גרעסטער װאונדער:
עס דרײען זיך אַלײן די פליגלען.

דער װײטסטער װעג — צום װאַלד דעם גרינעם,
אַהין שױן מוז מען גײן צוזאַמען,
און הינטערן װאַלד איז ענדע װעלט שױן
און ס'הױבן אָן זיך װײטע ימען...

## — ? געדענקט איר זיי

געדענקט איר זיי, די היימישע,
די האָרעפּאַשנע יידן;
די „העזהדיקע״ שוסטערלעך,
די שווייגנדיקע שמידן;
די שניידער, די געבויגענע,
מיט שמייכלענדיקע אויגן;
די באַלעגאַלעס קרעפּטיקע,
מיט נעפּל ווי פאַרצויגן?

די פערד הענדלער, די ספּריטנע לייט,
געיאָגט זיך און געריטן;
די שטעלמאַכערס, וואָס טאַקן אויס
די רעדער, וואָגנס, שליטן.
די בלעכער און די קאַטליאַרעס,
וואָס רעכענען ניט טייער
פאַר טעפּ פון בלעך און קופּערנע
צו גליען זיי אין פייער?...

געדענקט איר די געפּאַלענע,
וואָס פלעגן אין פאַרטאָגן
די וואַסער פון די ברונימער
צו באַלעבאַטים טראָגן?
די ליים-פירער, די אָרעמע
אַליין געשפּאַנט אין וואָגן,
וואָס פלעגן ליידן נאָכאַנאַנד
און קיינעם גאָרניט זאָגן?...

# דאָס יאָר...

די יאָרן אין דער היים — מען האָט זיי ניט געציילט,
און ניט אין צייטן פיר אַ יעדן יאָר געטיילט;
נאָך זומער — ווינטער קומט, בלויז זמנים צוויי, ניט מער,
(דערפאַר האָט זיך דאָס יאָר געצויגן אַזוי שווער...)

דעם נאָמען פרילינג — אים האָט קיינער ניט דערמאָנט,
די צייכנס פון זיין טראָט האָט זעלטן־ווער דערקאָנט;
נאָר ווען דער שניי צעגייט, און ס׳שמעלצט דער אייז אין טייך,
געוואוקסט האָט יעדערער, אַז זומער קומט אָן גלייך.

אויך פאַר דער גאָלד׳נער צייט, ווען ס׳ברוינט פון בוים דער בלאַט.
די צייט פון שטילן הארבסט, האָט מען קיין וואָרט געהאַט.
עס האָט געהייסן בלויז: דער זומער גייט אַוועק
און יעדער האָט געזיפצט מיט טיפן ווי און שרעק:

„דער ווינטער קומט שוין אָן"... די ווינטן בלאָזן שאַרף,
און יעדער רעכנט אים באַשטימט פיל האָלץ ער דאַרף;
אַ קלאַפּטער דאָך געוויס, און אפשר טאַקע צוויי...
דער לוח זאָגט שוין אָן, אין השון פאַלט אַ שניי...

אין כסלו שטאַרקע פרעסט און ערשט אין טבת לינד...
דערפאַר אין חודש שבט — אַ גרויסע פרעסט, אַ ווינט...
נאָר ווען עס מישט דאָס בלאַט ווייט ביז אין אייר אריין —
דעם זאָגט דער לוח צו אויך טעג פון זונענשיין...
און ווער עס בלעטערט נאָך ביז וויטסטן לעצטן גאַר —
דעם זאָגט ער אויך שוין צו אַ שיינעם נייעם יאָר...

מ. איוועגסקי

# דער קוידענאָווער רבי ר׳ אהרעלע

איך האָב זיך דערוואוסט אַז קוידענאָווער לאַנדסלייט דאָ אין אַמעריקע גיבן אַרויס אַ בוך וועגן דער היסטאָרישער יידישער קהילה פון קוידענאָוו. דערהערט קוידענאָוו און עס האָט מיך אַ ציִ געטאָן ביי דער נשמה. אַ כוואַליע פון טייערע זכרונות האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

איך בין ניט קיין קוידענאָווער. אָבער איך בין אין קוידענאָוו שיינע עטלעכע מאָל געווען. אין קוידענאָוו האָט געוואוינט דער גרויסער רבי, רבי אהרעלע. יע, דער גרויסער, כאָטש אין וואוקס זייער קליין. זיין השפעה אויף חסידים איז געווען גוואַלדיק. כאָטש עס איז שוין אַ יאָר פיר און פופציק פון דער צייט וואָס איך בין געווען ביים רבין — האָט זיך נאָך די השפעה אין גאַנצן ניט אויסגעוועבט. אינמאָל אַ חסיד, אַלעמאָל אַ חסיד.

חסידים פלעגן ניט זאָגן אַז זיי פאָרן צום רבין. זיי פלעגן זאָגן אַז זיי פאָרן קיין קוידענאָוו. קוידענאָוו אַליין איז געווען אַ שטיק הייליקייט. דאָס, וואָס ירושלים איז געווען אין אַמאָליקע צייטן פאַר אַלע יידן, איז קוידענאָוו געווען פאַר די חסידים, וואָס האָבן אָנגענומען דעם דרך פון די רביים. וואָס האָבן זיך אין קוידענאָוו באַזעצט. און אויב די צאָל קוידענאָווער חסידים איז ניט געווען גרויס אין כמות — זיך פאָרט ניט געקענט צעוואַקסן אין ליטא — זיינען אָבער קוידענאָווער חסידים געווען גרויס אין איכות. קוידע־נאָווער חסידות איז געווען אַ נייער גאַנג אַפילו אין דער לומדישער ליטווישער חסידות.

געדענק איך קוידענאָוו זייער גוט. נאָטירלעך מייסטנס מיטן רבינס זכות. איך בין געווען אין קוידענאָוו ייִנגלוויִז, ווען דער „נר האלקים" גאָטס ליכט האָט נאָך באַלויכטן מיין נשמה. און די איינדרוקן זיינען פריש און זיי בלייבן אין דעם זכרון. מיין פאָטער ע״ה אַ פאַרברענטער קוידענאָווער חסיד פלעגט

פאָרן דאָרטן צום רבין און פלעגט מיטנעמען זיינע קינדער, די יינגלעך, נאָך פאַר בעל מצוה, כדי „לחנכם במצוות״ צו דערציען זיי אין מצוות, און די „מצוה לקבל פני הרב״ צו באַגעגענען דעם רבין, איז געווען פון די גרעסטע. מיט דער מצווה האָט ער געוואָלט איינפלאַנצן אין די הערצער פון זיינע קינדער אַ גייסט, אָפּצוהיטן זיי פון בייזע ווינטן... און אפשר האָט ער טאַקע קיין טעות ניט געהאַט אין זיינע רעכענונגען.

איך בין געווען אין קוידענאָוו אייניקע מאָל, און איינמאָל אַפילו נאָכדעם, ווי איך האָב זיך אָנגעלייגט מיט „טריף פסולדיקע״ ביכער און פאַרבאָטן האָט די ביכלעך ניט נאָר דער רבי, נאָר אויך די טריפנה רוסישע זשאַנדאַרמעריע. איך האָב אַפילו געהאַט איינמאָל אַ וכוח מיטן רבין. בשעת מעשה האָב איך דאָס ניט געפילט, אָבער איצט דענק איך אַז דער רבי האָט דאָך געזיגט...

קוידענאָוו שטייט מיר פאַר די אויגן. די שטאָט אָדער די שטעטל האָט געהאַט אַ באַזונדער חן. אין אַמעריקע זיינען די שטעט, יעדע ווי ויסגעגאָסן פון איין פורעם, ווי דאָס ווערטל גייט: „אַלע יוונים האָבן איין פנים״. די אַלטע יידישע שטעט און שטעטלעך אָבער, וואָס זיינען שוין — ווי צו אונדז — מער ניטאָ, זיינען געווען מיט אייגענע פנימער. יעדע שטאָט האָט געהאַט אַ אייגענע פיזיאָנאָמיע, אַ פנים פול מיט אייגנאַרטיקייט.

אפשר קוקט מיר איצט קוידענאָוו אַזוי חנוודיק, וואָס מען איז געפאָרן צום רבין בהתרוממות הנפש. ווי ווייט איך געדענק איז אין קוידענאָוו קיין באַן סטאַנציע ניט געווען, נאָר אַ „פּולסטאַנאַק״. דער צוג פלעגט שטיין בלייבן אויף אַ מינוט. פאַר ראש השנה פלעגן זיך פון צוג אַ שאָט טאָן אַ פאַר הונדערט חסידים. פון „פולסטאנאק״ אין שטאָט איז געווען עטלעכע וויאָרסט. אין אַ פאָר פורן פלעגן זיך איינפּאַקן שיינע עטלעכע מנינים יידן, אייניקע פלעגן גיין צופוס. דער וועג ביזן שטעטל פלעגט פאַרהילכט ווערן פון חסידישן געזאַנג. אַלטע ניגונים, נייע ניגונים, ווי דער קוידענאָווער „ישמחו במלכותך״ און אַנדערע זמירות. הכלל, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער חסידים זיינען מיר. אין אַזאַ עקזאַלטאַציע אפשר קוקט אויס יעדער בוים, ווי „אשל אברהם״, יעדע כאַטקע — ווי „אוהל יצחק״ און יעדע געבידע — ווי יעקבס לייטער, וואָס פירט גלייך אין די הימלען. דער וועג צום רבין. אָבער דאָך דענק איך, אַז קוידענאָוו אַליין האָט געהאַט אַ אייגענעם חן, אַ שטאָט וואָס לאָזט איבער שטאַרקע איינדרוקן.

די שטאָט אַליין מיט די עטלעכע געדרייטע גאַסן, מיטן מאַרק, מיט

די בתי מדרשים און, להבדיל, מיטן הויכן ווייסן קלייסטער, ווי אינטערעסאַנט זי זאָל ניט זיין, איז אָבער געווען אַ „פּרוזדור״ צום „טרקלין״, אַ פּירהויז צום פּאַלאַץ, און אין יענע יאָרן איז דער רבינס הויף געווען אַסך וויכטיקער, ווי דער שענסטער פּאַלאַץ.

אין צענטער פון רבינס הויף איז געווען די חסידישע שטיבל, דער רבינס שטיבל. לעבן שטיבל איז געווען די רעזידענץ פון רבין בכבודו ובעצמו. אין דעם רבינס הויז פלעגט די רביצין, אַ דיקע שיינע בכבודיקע פרוי טיילן נאָכן דאַוונען לעקאַך. אַרום דער רעזידענץ פון רבין האָבן דעמאָלט געוואוינט זיינע פּאַרהייראַטע קינדער, דריי זין און צוויי טעכטער. אין די יאָרן וואָס איך בין געווען אין קוידענאָוו, האָבן אין באַזונדערע הייזער געוואוינט זיינע זין: רבי יוספקע (דערנאָך אַליין אַ רב) רבי נחמיהלע און רבי בערעלע. די נעמען פון רבי אהרעלעס צוויי איידעמס, געדענק איך ניט גענוי. איך געדענק אָבער אַז איינער איז געווען מיט אַ שיינער שוואַרצער בערדל און דער צווייטער, נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק ביי וועמען קיין באָרד האָט נאָך ניט געשפּראָצט, ער האָט געהאַט לאַנגע געפלאָכטענע פיאות ביז די פּלייצעס. ער איז געקומען פון פוילן און האָט, דאַכט זיך, געהייסן ר׳ זלמנקע. דער רבי ר׳ אהרעלע האָט דעמאָלט געהאַט נאָך אַ זון אַ אַנטיקל רבי שלמה חיימקע, נאָך אַ יונגער בחורל: חסידים פלעגן זאָגן אַז זיין נשמה איז פון זעלבן קוואַל, פון וואַנען עס איז געקומען די נשמה פון בעל שם טוב. ר׳ שלמה חיים איז אָבער נפטר געוואָרן יונג, ווען רבי אהרעלע האָט נאָך געלעבט.

יע, איך געדענק קוידענאָוו זייער גוט און איך וועל זיך מודה זיין אַז זי איז מיר איינגעבאַקן אין האַרצן און ווען איך האָב דערוואוסט אַז עס גייט אַרויס אַ בוך וועגן די היסטאָרישע קוידענאָוו, האָט זיך ביי מיר דערוועקט די געשטאַלט פון קוידענאָווער חסידים בכלל און דעם רבין ר׳ אהרעלען בפרט, און אַ הייסער וואונש איז מיר באַפעלן צו שרייבן וועגן ר׳ אהרעלע קוידענאָווער אויף מיין אייגענעם שטייגער, און איך האָב זיך דעריבער געווענדט צום סאַמען פּראָמינענטן קוידענאָווער לאַנדסמאַן, צו אברהם רייזען, מיט אַ פאָרשלאָג צו שרייבן וועגן ר׳ אהרעלען פון מיין אייגענעם שטאַנדפּונקט. רייזענען איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. איך וועל דעריבער פּרובירן צו גיבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם גרויסן רבין לויט דעם אָפּשאַצונג פון איינעם, וואָס האָט פאַרבלאָנדזעט אין אַנדערע וועגן, אָבער וועלכער געדענקט דעם רבינס טיש זייער גוט.

אין פאַרבינדונג מיט אָט דעם פאַרטראַכטן פּלאַן האָב איך באַקומען

אַ בריוו פון הרב נפתלי צבי גליקמאַן שליט״א, אַן אײדעם פון רבי נחמיהן ז״ל, וואָס פאַרנעמט דעם גרויסן פלאַץ פון צו זיין דאָ דער אדמו״ר פון קוידענאָוו און רופט זיך דאָ דער סאָסנאָוויץ־קוידענאָווער רבי.

איך ציטיר פון דעם בריוו, וואָס איז, אגב, געשריבן אין אַ שיינעם זאַפטיקן יידיש, בלויז אַ פּאָר שורות:

„...אויף דער רעקאָמענדאַציע פון אונדזער גרויסן לאַנדסמאַן, ר׳ אברהם רייזען... וויל איך מיט אייך זיך באַגעגענען.. איך פאַרשטיי אַז אינדזער פריינט און חסיד ר׳ זלמן ליב איוועגסקי פון סלאָנים מוז זיין פון אייער משפחה... און אַזוי ווי איר פאַרנעמט זיך צו באַשרייבן פון מיין עלטער שווער אדמו״ר ר׳ אהרן זצ״ל מקוידענאָוו, קענען מיר אייך געבן פאַרשידענע פּרטים, וועלכע וויסן... ידידו בלתי מכירו עוד נפתלי צבי גליקמאַן.

יע, ר׳ זלמן ליב איוועגסקי, וואָס איז אויך געווען ראש הקהל אין סלאָנים, איז געווען מיין עלטערער ברודער. בין איך ניט געקומען צו דער מדרגה פון חסידות פון מיין ברודער וועלכער האָט געחלומט, און צו אים איז דערגאַנגען די בשורה אַז אדמו״ר ר׳ אהרן זצ״ל איז נפטר געוואָרן. איך האָב זיך אָבער אויפגעהאָדעוועט אין אַ חסידישער אַטמאָספערע און געדענק פילע פּרטים וועגן ר׳ אהרעלען זצ״ל. איך דאַנק זייער אדמו״ר ר׳ נפתלי צבי גליקמאַן פאַר זיין וואונש מיך צו באַגעגענען און ביי אַ גוטער געלעגנהייט וועל איך זיך מיט דער זייער פריינטלעכער איינלאַדונג זיך באַנוצן. אָבער שרייבן וועגן גרויסן ר׳ אהרעלע וויל איך אַן דער גרויסער משפעה פון „בנן של קדושים״. איך וויל שילדערן דעם רבין, ווי עס האָט אים פאַרשטאַנען אַ איינפאַכער בשר ודם... אַ פשוטער ייד.

* * *

ר׳ אהרעלע קוידענאָווער שטאַמט אַזש פון בעל שם טוב הקדוש. די גאָלדענע קייט פון די קוידענאָווער האָט זיך אָנגעפאַנגען פון ר׳ מרדכי לעכעוויצער, נפטר תקע״א (די קוואַלן זיינען ניט אײנגאַנצן צו פאַרלעסלעך).

ר׳ מרדכי לעכעוויצער ז״ל שטאַמט פון די ליטווישע חסידים. אַ גרויסע השפּעה אויף דעם לעכעוויצער האָט געהאַט ר׳ שלמה קארלינער, וועמעס תלמידים עס זיינען געווען ר׳ אורי סטרעליסקער וואָס מען האָט גערופן דער שרף, ר׳ יהודה צבי סטרעטינער און רבי מרדכי לעכעוויצער.

רבי מרדכי לעכעוויצער האָט ניט נאָר פאַרפאָלקאָמט די שיטה פון ר׳ שלמה קאַרלינער; ער האָט אויך אַריינגעבראַכט אין דער שיטה אַ נייעם דרך... דער עיקר איז ביי אים געווען מסירות נפש און דאַוונען. ער האָט דערציילט אַ מעשה פון איינעם, אַ לעגענדאַרענעם פייגל, וואָס זינגט מיט אַזוי פיל מתיקות אַז ער הויכט אויס זיין אייגענע נשמה אין זיין זינגען. „מיט אַזאַ מסירות נפש דאַרפן יידן דאַוונען״, פלעגט ר׳ מרדכי זאָגן.

דער זון פון ר׳ מרדכי איז געווען ר׳ נח לעכעוויצער (לויט די אויבנ־דערמאָנטע קוואַלן איז ער נפטר געוואָרן תקצ״ד). ר׳ נח האָט ווידער אָנגע־פאַנגען אַ נייעם גאַנג אין חסידות. אויף דער פראַגע פון איינעם פון זיינע מקורבים, פאַרוואָס ער גייט ניט אין זיין טאַטנס וועג? האָט ר׳ נח געענטפערט: „געוויס גיי איך אין מיין טאַטנס וועגן, מיין פאָטער האָט אויסגעקליבן אַ נייעם דרך אין חסידות און אַזוי טו איך״... אַ ווערטל, וואָס ר׳ נח פלעגט ליב האָבן איבערצוחזרן איז געווען: „מען טאָר קיינעם ניט נאַרן, גאָט קען מען ניט נאַרן און דער וואָס נאַרט לייטן בלייבט אַליין אַ נאַר.

אַ פלימעניק פון ר׳ נחן איז געווען ר׳ שלמה חיים. פון אים הייבט זיך אָן די קוידענאָווער גאָלדענע קייט. רבי שלמה חיים פלעגט זאָגן צו זיינע קינדער: איר זאָלט ניט מיינען אַז אייער טאַטע איז געווען אַ צדיק, אַ רבי, אַ גוטער ייד, אָבער קיין ליגנער בין איך ניט געווען. די איינצעלנע זאַך, וואָס איך האָב יע געוואָלט זיין, איז געווען צו זיין אַ אמתער ייד און צו דעם האָב איך געשטרעבט.

די קוידענאָווער רביאים האָבן אויך געהאַט אַ נייער גאַנג אין חסידות. דער עיקר איז ביי זיי געווען אהבת ד׳ און אהבת ישראל. ליבע צו גאָט און ליבע צו יידן. קוידענאָווער חסידים פלעגן זאָגן. „מופתים פון רבין זיינען ביי אונדז געווען ניט דער עיקר. דוקא ווען עס האָבן קיין מופתים ניט פאַסירט, האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון רבין״. וועגן מופתים פלעגן זיי זאָגן אַז „אותות ומופתים באדמת בני חם״ נאָר די קינדער פון לאַנד פון חם זוכן מופתים...

האָבן קוידענאָווער חסידים קיין מופתים ניט געזוכט, פונדעסטוועגן דערציילט ר׳ שלומקע, דער אייניקל פון רבי שלמה חיים אין זיין ספר „דברי שלום״ אַז זיין זיידע האָט פאַרשמיסן אַ מלאך. איז דאָך די קשיה אויף וואָס קען מען אַ מלאך שמייסן? קומט אויס אַזאַ מופת גראַדע זייער פריקרע.

אָבער עס מוז שטעקן אין דעם אַ כוונה אַז אַפילו מלאכים ווערן באַשטראָפט און זיי פאַרטשעפּען זיך מיט יידן.

דער זון פון רבי שלמה חיים איז געווען רבי ברוך מרדכי. ר' שלמה חיימן פלעגן קוידענאָווער חסידים רופן דער אַלטער רבי, רבי ברוך מרדכין דער מיטעלער רבי. דער הערשנדער רבי אין די יאָרן וואָס איך געדענק, איז געווען ר' אהרעלע. אין יענע יאָרן איז ער געווען דער רבי שליט"א. שליט"א האָט אויך געמיינט די ראשי תיבות „שיחיה לחיים טובים ארוכים". אין די יאָרן וואָס איך געדענק, פלעגט מען נאָך זאָגן ר' אהרעלע זאָל לעבן.

רבי אהרעלע האָט געהאַט אַ ברודער, ר' שלומקע וואָס האָט געוואוינט אין לידע. זיין אויבנדערמאָנטער ספר „דברי שלום" האָט אויך די הסכמה פון דעם גרויסן לידער רבי, דעם פאַרגעטער פון ריינעסן, הגאון ר' מרדכי מעלצער. ר' שלומקע, אַ תמים, איז געווען דערנאָך רב אין פאַרשידענע שטעט אין וואָלין. ביי די רביים פון ר' מרדכי לעכעוויצער גזע איז געווען דער עיקר דאַוונען, נאָר תורה איז אויך געווען אַ גרויסער ענין. ר' שלומקע איז געווען אַ רב אין פילע שטעט, דער קוידענאָווער רבי, ר' אהרעלע איז געווען אַ גאון אין לערנען. דאָס האָבן אָנערקענט אויך מתנגדישע רבנים. דערהויפּט איז ער געווען קלוג... אַ וועלט חכם.

איז ניט מיין עובדה צו דערציילן מופתים, וואָס חסידים פלעגן דער־ציילן פון ר' אהרעלען. ווי רופט פרץ זיינע אַ דערציילונג „נאָך העכער", די אמתע ביסל פאַקטן, וואָס איך ווייס פון רבין זיינען פיל העכער, ווי יעדער איבערנאַטירלעכער מופת... פלעגן דאָך קוידענאָווער חסידים זאָגן אַז ווען דער רבי באַווייזט קיין מופת ניט, ווייסט מען ערשט ווי גרויס ער איז.

מען האָט דעם רבין ר' אהרעלען געמאַכט אַן אָפּעראַציע. ער האָט גע־האַט, ווי חסידים האָבן דאָס גערופן אַ „פּיסטל" אויפן באַק. מען האָט געדאַרפט די פּיסטל אויסשניידן. דאָס האָט געטאָן אַ כירורג. דער רבי האָט קיין שלאָף טרונק ניט גענומען. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער אָפּעראַציע האָט דער רבי ניט אַרויסגעלאָזן קיין איין קרעכץ. דער כירורג איז געוואָרן נשתומם. „דאָס איז ניט קיין מענטש נאָר אַ מלאך", האָט דער כירורג אויסגעשריען.

ווען מען האָט אָנגעזאָגט דעם רבין די טרויעריקע בשורה, אַז זיין יינגסטער זון ר' שלמה חיים, וועמען ער האָט געליבט מער פון אַלע קינדער, איז נפטר געוואָרן, איז געווען גראַדע שבת. דער רבי איז געזעסן דעמאָלט און

האָט געפּראַוועט דעם טיש... דער רבי איז געווען אין כעס אויף דער חסיד, וועלכער האָט אים די בשורה געבראַכט. נו, נו שבת... נו, נו שבת... דער רבי האָט דעם טיש ווייטער געפּראַוועט. דער טויט פון זיין זון האָט אפשר זיין אייגענעם טויט דערנענטערט, אָבער שבת טאָר מען אין קיין עצבות ניט זיין.

ביי קוידענאָווער חסידים איז געווען אַ ספּעציעלער יום־טוב, וואָס האָט געהייסן ז״כ שבט (27 טעג אין שבט). אין יענעם טאָג איז ר׳ אהרעלע באַפרייט געוואָרן פון אַ מסירה. אַזוי ווי אויפן אַלטן ליובאַוויטשער ר׳ שלמה זלמן, האָט מען אויך אויף ר׳ אהרעלען געמאַכט אַ מסירה אַז ער איז אַ „בוגד במלכות״ אַ בונטאָווטשיק. חסידים האָבן זיך געלאָזן קאָסטן פיל געלט צו נעמען די גרעסטע אַדוואָקאַטן. אַ חסיד מיטן נאָמען משה קיעווער האָט אַראָפּ־געבראַכט דעם דעמאָלט באַרימטן אַדוואָקאַט קופּערניק. עס איז אָבער ניט נייטיק געווען. דער רבי מיט זיין האַלטן זיך און מיט זיינע קלוגע ענטפערס דורך אַ דאָלמעטשער האָט געמאַכט אַליין אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די ריכטער און געשוואָרענע. מען האָט זיך ניט פיל מיישב געווען, מען האָט דעם רבין באַפרייט איידער די אַדוואָקאַטן האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן.

צווישן קוידענאָווער חסידים און אין רבי אהרעלעס צייטן זיינען געווען פאַרבנרייכע חסידים. איינער אַ ווילנער טליתניק רבי מיכל פרידמאַן איז געווען אַ ייד אַ מקובל, ער איז אויך געווען באַהאַוונט אין אַלע מחקר ספרים און האָט געוואוסט אויף אויסנווייניק דעם „כוזרי״ מיטן חובת הלבבות, חוץ דער „שער היחוד״, וואָס חסידים פלעגן ניט לערנען (ער איז ליקווידירט געוואָרן אין מינסק פון באָלשעוויקעס פאַר אַ בילבול). ר׳ מאיר סמאַרגאָנער, דער ברודער פון ווערניק דער רעדאַקטאָר פון מאָרגן זשורנאַל (ווערניק איז אויך געבליבן אַ קוידענאָווער חסיד) איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און מקובל. ער איז אָבער געווען מער פּאָליטיקער ווי למדן. רבי זלמן קיעווער אַ ייד אַ גביר פלעגט זיך לאָזן קאָסטן פיל פאַרן רבין. דער אינטערעסאַנטער קוידענאָווער חסיד איז געווען ר׳ אהרן קאַסויקער. דער ייד איז געווען באַ־האַוונט אין אַלע צווייגן פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע און איז דאָך געווען אַ פאַרברענטער קוידענאָווער חסיד. ער איז געווען אַזאַ טיפּ, ווי ד״ר אהרן מאַרקוס פון האַמבורג, דער קוידענאָווער ר׳ אהרעלע פלעגט אויף אים זאָגן אַז ער האָט אַרויסגעצויגן „יקר מזולל״. דער רבי אהרן קאַסויקער איז געווען יונגערהייט אַן אַפּיקורוס און דער רבי האָט אים מחזיר למוטב געווען. דאָס

איז אַ פאַקט. לײדער װײס איך ניט װאָס עס איז פון דעם אינטערעסאַנטן ייִדן געװאָרן.

הײנט אויב ר׳ אהרעלע האָט געהאַט אַזעלכע חסידים, קען מען זיך פאָרשטעלן, פון װעלכן טײג ער אַלײן איז געװען געקנאָטן. אַ קלײנער, דאַרער ייִדעלע מיט אויגן װאָס פלעגן דורכנעמען די נשמה, האָט ער געהאַט אַ מאַגנעטישע קראַפט צו היפּנאָטיזירן זײנע חסידים.

טרײ די טראַדיציעס פון ר׳ מרדכי לעכעװיצער, איז ער קודם כל געװען אַ דאַװנער, װאָס פלעגט דורכנעמען. דער פילאָזאָפישער שטיק זוהר, װאָס חסידים זאָגן פאַר קבלת שבת „פּתח אליהו„ פלעגט ער זאָגן מיט אַ אויסערגעװײנלעכער מתיקות. „אנת הוא חד ולא בחשבן עילה על עילין וסתימא על כל סתימין ולית מחשבה תפיסא בך כלל״ דו (גאָט) ביזט אײנער אָבער ניט לויט אַריפמעטישן חשבון... דו ביסט די סיבה פון אַלע סיבות און דער מיסטעריעזער װעזן פון אַלע מיסטישע װעזנס און מען קען דיר (גאָט) מיטן געדאַנק גאָר ניט תופס זײן. הײנט דער שטיק זוהר „כגװנא״ און װי מתיקותדיק זײנען געװען די װערטער „כד עיל שבתא (װי דער שבת קומט אָן) „ואנפהא נהירין בזהירו עיל פני״ (און די פּנימער זײנען באַלויכטן מיט אַ העכער ליכטיקײט). מיט אַזאַ ליכטיקײט פלעגן אַלע חסידים זײן באַלויכטן, װען דער רבי האָט מקבל שבת געװען.

װעגן ראש השנהדיקע תפילות איז אָפגערעדט... חסידים פלעגן פאַרקויפן זײערע ציגן צו פאָרן צום רבין אין קוידענאָװ און זאָל ניט אויסגערעדט זײן, װיפל חסידים פלעגן קומען צוגײן צו פוס !...

ראש השנה פלעגן אָנפאָרן שײנע עטלעכע הונדערט חסידים. די שטיבל אין קוידענאָװ איז, דאַכט זיך, ניט געװען אַזוי גװאַלדיק גרויס, אָבער מען האָט זיך „פּאמעשטשיט״. חסידים פלעגן זאָגן אַז אין קוידענאָװער שטיבל פלעגט פאַסירן דער זעלבער נס, װי אין בית המקדש. „עומדים צפופים ומשתחווים רוחים״. מען איז געשטאַנען געענגט און בוקנדיק פלעגט מען זיך אויסלײגן גאַנץ ברײטלעך.

נאָכן מעריב דאַװנען, די ערשטע נאַכט ראש השנה פלעגט ר׳ אהרעלע דורכגײן אַלע רײען פון חסידים און מיט אַ דין קולכל אויסשרײען אײניקע מאָל: „ייִדן, לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים אַרוכים ולשלום״ און אַלע חסידים פלעגן ענטפערן אין אײן קול „גם אתם״. עס האָט אין מײנע

קינדער־אויערן געקלונגען, ווי סאָלדאַטן פלעגן אויסשרייען ביי קאָמאַנדע „ראד סטאראטסו״ צופרידן זיך צו סטארן.

די ערשטע נאַכט ראש השנה פלעגט דער רבי ר׳ אהרעלע קיין טיש ניט פראווען. מען פלעגט אויסשטעלן לאַנגע טישן. מען האָט דערלאַנגט עסן און חסידים פלעגן כאַפּן שיריים ניט פון רבין, נאָר איינער פון דעם אַנדערן. אָט די כאַפּעניש ליגט מיר אין מאָגן. איך בין בכלל ניט קיין בריה צו כאַפּן און דעם ערשטן מאָל ראש השנה אין קוידענאָוו בין איך אַוועק אַ הונגעריקער. דער בעל אכסניה האָט אויסגעזוכט אַ שטיקל קאַלטע פיש מיט אַ גלאָז מילך. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם יום־טובדיקן עסן אין דער היים, און עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס הערצל. געוויינט האָב איך אָבער ניט, איך בין דאָך אין קוידענאָוו...

מוסף האָט ווידער דער רבי געדאַוונט. עס איז געווען געוויין און געבעט, אָבער אין מיטן דערינען פלעגן זיך חסידים צו זינגען „ויאתיו כל לאבדך״ און אַלע וועלן קומען דיר (גאַטעניו) דינען. דער רבי פלעגט זיך צוזעצן און חסידים זיינען געגאַנגען אַ האפקע. האָט מען דאָך גערופן אין אונדזערע שטעטלעך חסידים „סקאקונעס״.

אויף זיינע חסידים האָט ר׳ אהרעלע געהאַט אַ אויסערגעוויינלעכע השפעה. אָט זיצט אַ חסיד און וויינט. ער איז געקומען מיט אַ שווערער האַרץ צום רבין — קראַנקערהייט, אַרעמקייט און צרות אויפן פּוד. ער וויינט און קען אַ ביסן ניט נעמען. גייט צו צום חסיד דער רבי, זאָגט ער צו אים: עלי האָט געפרעגט ביי חנהן „למה תבכי ולמה לא תאכלי״ וואָס וויינסטו און פאַרוואָס עסט דו ניט? אַ צער קען מען ברעכן אָדער מיט וויינען אָדער מיט עסן, פאַרוואָס האָסטו אויסגעקליבן דעם מיטל פון וויינען? גיי און עס אָפּ. דער חסיד האָט אָפּגעגעסן און די עצבות איז פון אים אַוועק.

רבי אהרעלע קוידענאָווער האָט קיין עצבות צו זיך ניט צוגעלאָזן. ער איז געווען פריילעך און וויציק. כאָטש צרות האָט ער געהאַט אויפן פּוד. בכלל האָט ר׳ אהרעלע ליב געהאַט אַ פעפערדיקן וויץ, אַ וויץ, וואָס פלעגט ברענען ווי פייער...

צו אַ רב, וואָס האָט אים געפרעגט פאַרוואָס מען זאָגט ניט קיין תחנון, ווען דער רבי קומט, האָט דער רבי געענטפערט, אַז דער רבי קומט אין אַ שטעטל איז אַ ברית. דער רבי שנײַדט זיינע חסידים אַרום. עס ווערט דאָרטן אַ חסרון כיס. נאָכן וויץ איז ער אָבער געוואָרן ערנסט און גערעדט

על פי קבלה אַז היינטיקע צייטן דאַרף מען איבערהויפּט מער קיין תחנון ניט זאָגן, ווייל עס איז פּרייטיק פאַרנאַכט. סוף אלף הששי. עס קומט באַלד אָן דער יום שכולו שבת. מיר לעבן היינט אין משיחס צייטן.

ר׳ יוספּקע, זיין זון, האָט דערציילט אין טאַטנס נאָמען פאָלגענדן וויץ. ווען הערצל איז געקומען מיטן ציוניזם האָט נאָך ר׳ אהרעלע געלעבט. רבי אהרלע האָט אויסגעהערט איינעם הערצלס אַ חסיד. ער האָט אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט: יע, עס זיינען אָנגעקומען משיחס צייטן. ווען אַ חתן דאַרף גיין צו דער חופּה לויפן די ווייסע חברניקעס אַ פריער. אויב באַדיונגען לויפן איז אַ סימן אַז מען פירט שוין דעם חתן צו דער חופּה. יע, דער חתן גייט שוין, עס הערן זיך שוין משיחס טריט.

ר׳ אהרלע איז געווען זייער שאַרף מיט זיינע וויצן. אַ רב האָט אַמאָל געזאָגט תורה פאַרן רבין. חסידים האָבן דאָס ניט געוואָלט לידן, האָט דער רבי געזאָגט: לאָזט אים זאָגן, ער איז אַ ערלעכער ייד. ער וויל ניט עובר זיין אויף „בל תשקצו״ מען טאָר זיך ניט איינהאַלטן.

אָט דער וויציקער האַרציקער רבי אהרעלע איז געווען איינער פון די גרעסטע חסידישע רביאים. קוידענאָווער חסידות האָט אויסגעטראָטן אַ נייעם דרך. קוידענאָווער חסידות איז אַ גוטער צוזאַמענמיש פון תורה ועבודה. רבי אהרעלע קוידענאָווער האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייעם גייסט אין ליטווישער חסידות.

**מנשה אונגער**

# אַ מופת

## אַ רבי דערציילט ווי אַזוי זיינס אַ ברודער, האָט אַרויסגעטריבן אַ דבוק פון אַ מיידל

דער גלויבן אין גלגולים און אין דבוקים איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט ביי די מקובלים און דערנאָך צווישן די חסידים.

דאָס גלויבן אין גלגולים איז אויפגעקומען אין דער צייט פון נאָכן תלמוד. מען האָט געגלויבט, אַז די נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם מענטשן ווערט „מגולגל" (גייט איבער) אין דעם קערפּער פון אַ ניי־געבוירן קינד און די נשמה לעבט אַזוי אַרום ווידער אויף דער וועלט.

לויט דעם דאָזיקן גלויבן קען די נשמה מגולגל ווערן אַ סך מאָל, און טיילמאָל ווערט זי מגולגל ניט אין אַ מענטשן, נאָר אין אַן אַנדער לעבעדיק באַשעפעניש. דער גלגול איז אָפּצוקומען אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע זינד אין פריערדיקן לעבן. מגולגל ווערן, לויט דעם דאָזיקן גלויבן, ניט דווקא רשעים, נאָר אויך צדיקים, אויב זיי האָבן עפּעס פאַרפעלט אין פריערדיקן לעבן און זיי דאַרפן דאָס ווידער „מתקן זיין" אויף דער וועלט.

דער גלויבן אין דיבוק איז אַרויסגעוואַקסן דירעקט פון גלויבן אין גלגולים. די מקובלים האָבן געגלויבט, אַז די נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם מענטשן, וואָס האָט ניט געפונען קיין „תיקון", קאָן אַריין אין אַ לעבעדיקן מענטשן (ניט בלויז אין אַ ניי־געבוירן קינד, וואָס האָט נאָך קיין נשמה ניט געהאָט). דער דאָזיקער לעבעדיקער מענטש רעדט די שפּראַך פון דעם פאַר־שטאָרבענעם און ווייסט אַלץ וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט געטאָן.

צום שטאַרקסטן איז דער דאָזיקער גלויבן אין דבוקים פאַרשפּרייט גע־

וואָרן דורך די ספרים פון קבלה. אין „שבחי רבי חיים וויטאַל" (פון 16טן יאָרהונדערט) ווערט דערציילט אַ גאַנצע ריי מעשיות וועגן דבוקים. די מקובלים האָבן געהאַלטן, אַז דער צדיק קען מיטן כוח פון קבלה־שמות און דורך בלאָזן שופר גוזר זיין אויפן דיבוק, אַז ער זאָל אַרויס און זאָל באַקומען זיין „תיקון" דורך דעם צדיק...

פון דער קבלה איז דער דאָזיקער גלויבן אַריבער צו די חסידים. אין די סיפורי מעשיות פון רביים געפינען מיר אָפט מעשיות ווי אַזוי אַ רבי האָט אַרויסגעטריבן אַ דיבוק. (דער יידישער שריפטשטעלער אַנסקי האָט אָנגעשריבן אויף דער טעמע אַ מיסטעריעזע דראַמע „דער דיבוק", אין וועלכער ער האָט צונויפגענומען אַלע עלעמענטן פון דיבוק־גלויבן).

* * *

אָבער געוויינלעך ווערט אין די חסידישע מעשה־ביכלעך דערציילט אַ מעשה מפי השמועה — אַ מופת פון אַ רבין. אַז דער רבי אַליין זאָל דערציילן אַזאַ מעשה, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעטריבן אַ דיבוק — דאָס איז שוין אַ זעלטנהייט.

איז דעריבער זייער אינטערעסאַנט דאָס ספרל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו יאָרק, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק „קונטרס דובר שלום", וואו דער רבי ר' שלום פון דער קוידענאָווער דינאַסטיע, דערציילט וועגן אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ דיבוק, און ווי אַזוי זיין ברודער, דער רבי ר' אהרן פון קוידענאָוו האָט דעם דיבוק אַרויסגעטריבן.

דאָס ספרל „דובר שלום" (אַרויסגעגעבן פון הרב שאול ישכר ביק, ניו יאָרק, דאָס יאָר פון דרוק איז ניט אָנגעגעבן) האָט אויך אַ צוואה פון דעם רבין ר' שלום.

דער רבי ר' שלום פון בראַהין איז געווען אַ גרויסער מקובל און אַ גרויסער גאון. ער איז געווען דער זון פון רבין ר' ברוך מרדכי, גערופן דער „מיטעלער קוידענאָווער רבי", וועלכער איז געווען דער זון פון רבין ר' שלמה חיים, דער גרינדער פון דער קוידענאָווער דינאַסטיע. זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון רבין ר' אָשר פון סטאָלין, אַ זון פון גרויסן ר' אהרן פון קאַרלין. זיין פאָטער איז געווען אַן אייניקל פון רבין ר' מרדכי לעכאָוויטשער. דער רבי ר' שלום האָט מחבר געווען די ספרים „דברי שלום" אויף תורה, „עטרת שלום" און „משמרת שלום" אויף שולחן ערוך „אורח חיים". די חיבורים

האָבן הסכמות פון גערער רבין דער „שפת אמת", פון גאון ר' מרדכי מעלצער פון לידא און פון „חפץ חיים".

סיי די צוואה און סיי די מעשה מיטן דיבוק, זיינען געשריבן געוואָרן פון רבין אַליין, און דער קונטרס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון רבינס כתב־יד.

און דער רבי דערציילט אין לשון־קודש, אַריינגעפלאָכטן אַ סך יידישע זאַצן:

„איך וועל צוערשט דערציילן", הייבט אָן דער רבי ר' שלום פון בראַהין, „וואָס איך האָב געזען ביי מיין ברודער דעם צדיק ר' אהרן קדוש־השם פון קוידענאָוו. נאָכדעם ווי מיין פאָטער איז נפטר געוואָרן, האָט מען צו מיין ברודער געבראַכט אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ דיבוק... ווען מען האָט דאָס מיידל צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט צו אים, בין איך דאָרטן ניט געווען, ווייל איך האָב ניט געוואוסט דערפון. נאָר מען האָט מיר דערציילט, אַז ווען מען האָט דאָס מיידל מיטן דיבוק אַריינגעבראַכט צו אים, האָט מיין ברודער גענומען דעם שטעקן פון מיין זיידן, דעם רבין פון לעכאָוויטש, און האָט זי געסטראַשעט דערמיט. אָבער ווען מען האָט זי צום צווייטן מאָל אַריינגעבראַכט צו אים אין שטוב אַריין, בין איך שוין דאָרט געווען. דאָס מיידל האָט געקלאַפּט מיט די הענט אויף דער טיר און געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דער ברודער מיינער האָט געהייסן דעם ייד, וואָס האָט זי אַריינגעבראַכט, ער זאָל איר איינרוימען אין אויער דעם פסוק „הפקד עליו רשע"... און ווי דער ייד האָט דאָס געטאָן, האָט זי אָנגעהייבן צו ענטפערן אויף אַלץ, וואָס מען האָט זי געפרעגט. צוערשט האָט מען געפרעגט דעם „רוח" ווי ער הייסט, האָט ער געענטפערט, אַז זיין נאָמען איז „בערא" און האָט אָנגעגעבן ווי זיין פאָטער האָט געהייסן און ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן. מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויל ניט זאָגן „שמע ישראל", האָט ער געענטפערט, אַז דער פאָטער האָט מיט אים דאָס ניט געלערנט. איך געדענק שוין איצט ניט די אַלע זאַכן געענוי... נאָר דאָס האָבן מיר געזען, אַז דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן צו בילן ווי אַ הונט און מאַכן משונהדיקע קולות, און דער ברודער מיינער האָט אַ שריי־געטאָן: „שאַ", איז דער „רוח" גלייך שטיל געוואָרן. דער ברודער מיינער האָט געהייסן, אַז מען זאָל דאָס מיידל אַהיימפירן אויף איר אַכסניה און זי ברענגען מאָרגן. צוערשט האָט מיין ברודער געוואָלט רופן בלויז אַ מנין יידן, דערנאָך האָט ער זיך באַרעכנט, אַז עס איז בעסער אַז מען זאָל דעם

ענין מאַכן עפנטלעך, כדי די מענטשן זאָלן זען און זאָלן זיך דערפון אַראָפּ־נעמען אַ מוסר״...

און דער רבי ר׳ שלום דערציילט ווייטער, אַז אויפן צווייטן טאָג האָט דאָס מיידל ווידער ניט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב פון זיין ברודער, דעם רבין ר׳ אהרן. מען האָט זי געמוזט אַריינשלעפּן מיט גוואַלד. זיין ברודער, ר׳ אהרן, האָט געהאַלטן אין איין האַנט דאָס ספר פון די כתבי האר״י, וואו עס ווערט געבראַכט ווי אַזוי מען זאָל אַרויסטרייבן אַ דיבוק, און ער האָט אָנגעהויבן נאָכאַמאָל אויספרעגן דעם „רוח״ ווי ער הייסט, ווי לאַנג עס איז שוין ווי ער איז אַריין אין דעם מיידל, און וואָס ער האָט געטאָן איידער ער האָט זיך באַהאַפטן מיט דעם מיידל. און דער דיבוק האָט געענטפערט: „איך בין אומגעגאַנגען״. אז מען האָט אים געפרעגט „פאַרוואָס?״ — האָט ער געענטפערט: „מען האָט מיר (מיך) אויף יענער וועלט צוגענומען״. האָט דער רבי געזאָגט: „זאָג מיר מיט וואָס דו האָסט געזינדיקט?״ אָבער דערויף האָט ער ניט געענטפערט. האָט דער רבי ר׳ אהרן געזאָגט: „אויב דו ווילסט ניט זאָגן דיין חטא, וועט מען דיר הייסן אַזוי אַרויסגיין״. און דער רבי האָט געזאָגט צו די פאַרזאַמלטע, זיי זאָלן מיטזאָגן אויף אַ הויך קול: „מיר זיינען אַלע מסכים בצירוף קדישא בריך־הוא ושכינתא, אַז דו זאָלסט אַרויס פון דעם מיידל דורך דעם קליינעם פינגער פון פוס, צווישן נאָגל און פלייש און דו זאָלסט קיינעם ניט מזיק זיין!״...

פון אָנפאַנג האָט דער ברודער געזאָגט, אַז ער וועט מתפּלל זיין פאַר אים. דאָס מיידל האָט זיך גלייך אויסגעצויגן אויף דר׳ערד. דער ברודער האָט געהייסן מען זאָל די טיר עפענען און קיינער זאָל ניט שטיין ביי דער טיר.

ווען דער דיבוק איז געווען אינעם מיידל, האָט זי נישט געקענט זאָגן קיין הייליקן וואָרט. דערנאָך אָבער האָט זי שוין געקענט זאָגן „שמע ישראל״ און „אני מאמין״...

ספר

# קב הישר

בלשון הקודש, ובלשון אשכנז, בכתב עברי ונקודות, הנקרא עברי טייטש׳

**הוא** ספר נחמד לתועלת הנפש וגוף ונשמה׳ וכל ההוגה בו כימים ימימה׳ לעבודת בוראו לבו יהיה ברה כחמה׳ ובו ק"ב פרקים׳ ומהות הספר תמצא בהקדמת הספר׳ אמרי שפר׳ הם הפשטים טובים והמשלים ומליצה׳ כל הרואה אותם ישמח בשמחה ודיצה:

**חברו** חד זעירא דמן חבריא ה"ה הרב הגדול המופלג בתורה ויראה חכם חרשים ונבון להש מוה׳ **צבי הירש** בן הרב הגאון המפורסם בעל המחבר ס׳ **ברכת הזבח** וס׳ **ברכת שמואל** וס׳ **תפארת שמואל** וס׳ **אמונת שמואל** כבוד הרב המנוח מוה׳ **אהרן שמואל** קוידנאוור ז"ל׳ אשר אור תורתו זורחת בק"ק פפ"ד ובק"ק קראקא יע"א:


## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת **תרל"ה** לפ"ק

КАВЪ ГАЯШАРЪ,
т. е. Моральныя разсужденія
новое изданіе съ изданія 1873 г.

ВИЛЬНА
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ.
На Жмудскомъ пер. въ домахъ №№ 327 и 328.
1875


שער־בלאַט פון ספר „קב הישר"

שמחה גאָרדאָן

# דער קב הישר און זיין מחבר ר׳ צבי הירש קוידענאָווער

זייער ווייניק מחברים האָבן אַזוי באַרימט געמאַכט זייערע געבורט־שטעט ווי ר׳ צבי הירש קוידענאָווער, דער מחבר פון קב־הישר.

אין משך פון איבער אַ פּאָר הונדערט יאָר איז דער קב הישר געווען דער פּאָפּולערסטער ספר פון אונדזער רעליגיעזער פאָלקס ליטעראַטור, און וואו נאָר דער ספר האָט דערגרייכט, האָט אויך דערגרייכט דער שם פון דער שטאָט קוידענאָוו.

פאַר אַ געוויסע צייט האָט אַפילו קיידאַן לעבן קאָוונע אַריינגעכאַפּט אַ שפּאָר ביסל כבוד צוליבן קב הישר, מחמת דער ענלעכקייט פון די נעמען האָט מען פאַרביטן די שטעטלעך. אין דער העברייאישער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל״ ווערט קיידאַן אָנגעגעבן אַלס דער געבורטס פּלאַץ פון די קוידענאָווערס. „נולד בקיידאן אצל ווילנא״. איז דאָס ניט איין טעות, נאָר צוויי. ערשטנס איז קיידאַן לעבן קאָוונע, ניט ווילנא, צווייטנס איז דאָס קוידענאָוו און ניט קיידאַן. די ערשטע אויסגאַבע פונעם קב הישר איז דערשינען אין פראַנקפורט אויפן מיין אין 1705, אין העברעאיש. שפּעטער האָט דער מחבר איבערגעזעצט דעם ספר אין ייִדיש, און אַרויסגעגעבן אין 1709 בײדע טעקסטן צוזאַמען. ביז דעם סוף פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער קב הישר איבערגעדרוקט געוואָרן פינף און פערציק מאָל. פערצן מאָל אין העברעאיש און ייִדיש. דרייצן מאָל בלויז אין העברעאיש, זעכצן מאָל אין ייִדיש אָן דעם העברעאישן טעקסט, און צוויי מאָל אין לאַדינאָ.

ד״ר ישראל צינבערג אין זיין „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן״ גיט אָן 1724 אַלס דעם דאַטום פון דער ערשטער ייִדישער אויסגאַבע, מעגלעך

אַז ד״ר ציגבערג מיינט דאָ די זולצבאַכער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען בערך 15 יאָר נאָך דער פראַנקפורטער בלויז אין יידיש אָן דעם העברעאישן טעקסט. ווי עס ווייזט אויס האָט ד״ר ציגבערג ניט געזען דעם ערשטן יידישן קב הישר פון 1709. וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט אַ יקר המציאות. עס קען זיין אַז ער איז גאָר ניט געווען בנמצא אין די יידישע ביבליאָטעקן פון רוסלאַנד. פּראָ־פעסאָר סאָסיס און נאָך אייניקע פאָרשער וואָס האָבן געאַרבעט אין די רוסישע ביבליאָטעקן באַקלאָגן זיך אַז זיי קומט אויס צו אַרבעטן מיט שפּעטערדיקע אויסגאַבעס. דער פאַקט איז פאַר אונדז ווּיכטיק. וואָלטן די חשובע געלערנטע געהאַט פאַר זיך די ערשטע אויסגאַבעס פון קב הישר וואָלטן זיי געזען אַז ר׳ צבי הירש האָט ניט פאַרהוילן דעם פאַקט אַז ער האָט אַריינגענומען אין זיין ספר די דרשות פון זיין רבין און זיך אויך באַנוצט אין געוויסע קאַפּיטלען מיט אַ כתב יד, פון יסוד יוסף.

ווען מען פאַרגלייכט די טעקסטן פון דעם יסוד יוסף און דעם קב הישר, געפינט מען אַפילו אַ קרובהשאַפט צווישןביידע ספרים. אָבער דאָס פאַר־מינערט ניטס זיין גרויסן ביישטייער צו דער רעליגיעזער פאָלקס ליטעראַטור, דער קב הישר איז אַ זעלבסטשטענדיקער ספר, פיל מער זעלבסשטענדיק ווי דער מחבר אַליין האָט געמיינט.

אין דער הקדמה צו די אויסגאַבעס פון 1705 און 1709 שרייבט קוידע־נאָווער :

„און איך האָב געטרונקען ווי אַ דאָרשטיקער די רייד פון מיין רבין ר׳ יוסף דער זון פון ר׳ יודל פון „מינצק״ און אין געוויסע פּרקים האָב איך איבערגעגעבן ווערטליך זיינע רייד, בלויז דאָ און דאָרט, האָב איך צוגעגעבן אָדער אַראָפּגענומען, איך דערצייל דאָס פאַר אייך, בכדי ניט אָנצוטאָן די קרוין וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדערן, און אויך מקיים צו זיין די רייד פון אונדזערע חכמים : אַז דער וואָס זאָגט איבער אַ וואָרט אין נאָמען פון וועמען ער האָט עס געהערט דערנענטערט די גאולה״.

קב הישר מיינט די מאָס פון גערעכטיקייט, און איז אויך אַ וואָרט־שפּיל אויף דעם מחברס נאָמען, צבי הירש, צבי באַטרעפט 102 דאָס זעלבע באַטרעפט אויך קב (ק — 100 ב — 2) און הירש זיינען דאָ די זעלבע אותיות

ווי אין הישר. דאָס וואָרט קב איז אויך מרמז אויף די הונדערט צוויי קאַ־פּיטלען וואָס זיינען דאָ אין ספר.

פיל פאַקטאָרן האָבן בייגעשטייערט צו דער אויסערגעוויינטלעכער פאַר־שפּרייטונג פון דעם „קב הישר". די בילדלעכקייט פון דער שפּראַך, די פאָלקסטימלעכע היימישקייט פון דעם סטיל, און די פּחדימדיקע געשפּאַנט־קייט פון די מוסר־מעשׂיות האָבן געעפנט פאַר דעם ספר די טירן פון אַלע ספרים שאַנקען ביי יידן. דורך די מוסר מעשׂיות האָט דאָס פאָלק גענומען נקמה אין אַלע זיינע אונטערדריקער. דאָרט קריגט דער שלעכטער זיין שטראָף און דער גערעכטער זיין באַלוינונג, — גאָר אַנדערש ווי דער סדר העולם.

דאָס יידישע פאָלק האָט געזוכט אַ ספר, וואָס זאָל אויסדריקן זיינע מחשבות און געפילן, ניט דעם קאַלטן ראַציאָנאַליזם פון די חקירה ספרים, נאָר די פאָלקסטימלעכע האַרציקייט פון דער אגדתא. ניט דעם טרוקענעם פּלפּול פון די שאַרפע קעפּ, נאָר די זינגעוודיקע היימישקייט פון דעם מגיד.

ר' צבי הירש קוידענאָווער איז טאַקע פאַר אַ געוויסער צייט געווען אַ מגיד, און ווי די מערסטע מגידים איז ער געשטאַנען נאָענט צום פאָלק. פון אַלע כלי־קודש, רבנים, דיינים, שוחטים, האָט קיינער ניט אַזוי שטאַרק אויסגעדריקט דעם ארט דיינקען און פילן פון פאָלקס־מענטש ווי דער מגיד. ניטאָ אין זיין שפּראַך דער פאַרגליווערטער קאָנווענציאָנאַליזם און די אויס־געטראַכטע „ליטעראַרישקייט" פון די שפּעטערדיקע משׂכּילים. אין זיינע שריפטן דערפילט מען דעם הייסן אָטעם פון גערעדטן וואָרט, דעם לעבעדיקן רייד־נוסח פון אַ שעפערישן פאָלקס מענטש.

עס איז דערפאַר ניט על פּי צופאַל דאָס, וואָס קוידענאָווער האָט אַרויס־געגעבן זיינע ווערק אויך אין יידיש; דאָס געשריבענע וואָרט איז ביי אים אַ וואַריאַנט פונעם גערעדטן. און גערעדט האָט ער דאָך יידיש. די יידישע איבערזעצונג האָט מער ווי וועלכעס עס איז אַנדער פאַקטאָר פאַרוואַנדלט דעם קב הישר אין אַ פאָלקס־ספר. און ניט קוקנדיק אויף זיין אַסקעטישן כאַראַקטער, די מיסטישע קאָשמאַרן, און די עצבות, איז ער דאָך געוואָרן דער באַליבסטער ספר פון אַלע פאָלקס שיכטן. ניט בלויז פון די תלמידי־חכמים נאָר אויך פון די וויבער און „פּילצילס" (מיידלעך)

די יידישע היסטאָגראַפיע האָט נאָך דערוויל ניט אויסגענוצט דעם

רייכן געשיכטלעכן מאַטעריאַל וואָס געפינט זיך אין די שאלות־ותשובות און די מוסר ספרים, איינער פון די אויסנאַמען איז דער קב הישר, פון וועלכן געשיכטע־פאָרשער האָבן געשעפּט מיט פולע הויפנס, ווייל עס ווערן אין אים איבערגעגעבן אַ שלל מיט אומבאַקאַנטע פאַקטן פון יידישן שטייגער לעבן, מיר דערהערן דאָרט דעם ווידער־קול פון דעם אינערלעכן געראַנגל פון די קהלות. די סאָציאַלע טעמפּעראַטור ביי קוידענאָווערן איז בכלל אַ הויכע, ער איז אַלעמאָל מיט דעם געקריוודעטן, מיט דעם באַעוולטן.

ר׳ צבי הירש קוידענאָווער האָט געווירקט און געשאַפן אין אַ צייט ווען דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך געקייקלט באַרג אַראָפּ, די נאָכווייען פון גזירת ת״ח ות״ט און די פאַרשידענע מהומות האָבן כמעט ווי חרוב געמאַכט די וויכטיקסטע יידישע קהלות. אַ כראָניקער פון יענער צייט, דער נאַראָלער רב ר׳ משה הכהן, באַקלאָגט דעם דאַמאָלטדיקן יידישן חורבן אין די פאָלגענדע פסוקים:

„פוילן העדינה, דו אויסדערווײלטע פאַר תורה און וויסן, צו דיר איז קיין גלייכן ניט געווען זינט מיר זיינען אין גלות געגאַנגען, און אַצינד ביסטו פאַרוויסט און פאַרוואָגלט, פאַרגעסן און פאַרלאָזן, אַהין פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע פאַסטוכער פון פאָלק, דאָרט פלעגט מען באַפעסטיקן די יסודות פון דת. איצט צו וועמען זאָל איך דיר גלייכן דו פוילן לאַנד? צו אַש איז געוואָרן דאָס הויז פון יעקב, אַוועקגענומען איז פון אונדז דער הייליקער אָרון״.

די דערמאָנטע אַזוי גערופענע „גאָלדענע צייט״ פאַר די יידן אין פוילן (און פוילן האָט דאַן געמיינט אויך ליטע און ווייס רוסלאַנד) איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן דעם 17טן יאָרהונדערט, צו זיין געענדיגט אין 1648 דורך די כמעלניצקי שחיטות און די מלחמות מיט רוסלאַנד און שוועדן. אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען חרוב געוואָרן אַריבער זיבן הונדערט קהלות און די וואָס זיינען פאַרבליבן זיינען געווען אין אַ געדריקטן מצב. אין 1765 זיינען די הויפּט געמיינדעס פון ליטע און ווייס רוסלאַנד שולדיק געווען געגנויע דריי מיליאָן פוילישע גילדן, און זייער הכנסה האָט באַטראָפן עפּעס מער ווי הונדערט טויזנט גילדן. די חובות זיינען געוואַקסן און מיט זיי די שטייערן. אויסער די אַלגעמיינע מלוכה און שטאָט שטייערן זיינען נאָך געווען ביי אַ צענדליק ספּעציעלע שטייערן: פלאַצאָווע, טשאָפּאָווע, הערב אָפּפּצאָל,

קאַראַנאַציע, סטאַנציע „רויך“ און הויף שטייער. דער שענדליכסטער פון זיי אַלע איז געווען דער „קאַזובאַלעץ“ וואָס יעדער ייד האָט געדאַרפט באַצאָלן ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קירכע, קהל איז געצוואונגען געוואָרן צו זיין דער מוכסן פון די אַלע שטייערן. און אויף אויפצוהאַלטן די הוצאות פון דעם גרויסן קהלה אַפּאַראַט איז אין 1650 איינגעפירט געוואָרן די טרויעריק באַרימטע „טאַקסע“ וועלכע האָט ממש אוועקגענומען דאָס לעצטע שטיקל פלייש פון דעם אָרעמאַנס מויל.

דאָס פאָלק האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער אומיושרדיקער פאַנאַנ־דערטיילונג פון דעם שטייער לאַסט, איבערהויפט קעגן געוויסע תקיפים וועלכע האָבן געוואָלט רייך ווערן פון דעם יידישן חורבן. די אינערלעכע דיסציפלין וועלכע האָט קאָנטראָלירט אַלע פאַזן פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט, איז אין די מהומות פאַנאַנדערגעפאַלן, און די כוחות פון צעשטערונג האָבן געקראָגן אַ פרייע האַנט. אין דער פירערשאַפט פון די קהלות האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פינסטערע עלעמענטן, וועלכע האָבן געמאַכט יד אחת מיט די פוילישע פריצים, און אויסגענוצט די יידישע קאַטאַסטראָפע פאַר פערזענלעכע געווינסן. אין ר׳ צבי הירש קוידענאָווער האָבן די שוצלאָזע אָרעמע יידישע מאַסן געפונען אַ מוטיקן פאַרטיידיקער. אויפן שאַרפסטן אופן טרעט ער אַרויס קעגן די תקיפים, די „בעלי־זרוע“ וואָס חנפענען דעם עושר און לייגן אַרויף דעם יאָך פון די שטייערן אויף די אָרעמעלייט.

„דען אזויא וויא דער וואָלקין ווערט פאַרלענדט און פאַרשווינדט, און וויא דער ווינט וואָס ווערט פאַרטראָגן און קערט ניט ווידער, אַזוי אויך דער מנהיג קהילה, וואָש איז זיך ניט נוהג ווי רעכט איז, דאָש ער זאָל זיך נוהג זיין, ער שטאַרבט און גייט אַוועק פון דער וועלט, און פון זיינע קינדער בלייבט נישט קיין געדעכעניש, און אין דער נעץ ווערין גיחאַפּט פיל מנהיגים פון וועגין זייער גאווה און הערשאַפט, זיי וואַרפין איין גרויש פאָרכט אויפן צבור, ניט פון גאָטשי וועגין, זייא טוען זיך אָן גרוישע תענוגים און העלפין ניט דעם עולם מיט די מסים. אויף זיך מאַכין זייא גרינג דעם מס און אויף אַנדערע מאַכין זייא שווער, און אַלערליי כבוד און גדולה נעמען זיי איין חלק צום ערשטין, און זייער פנים פלאַמט תמיד מחמת טרינקען, און זיינען שטאַרק און געזונט מחמת זיי טוען זיך אָן דאָש גלוסטיקייט פון זייער האַרץ. און די עדה, די קינדער

פון אברהם, יצחק און יעקב זיינען צוא שטויסין און נידעריג, און גייען אום באָרוועס און נאַקעט, מחמת דיא שמשים וואָש זיינען גובה דעם מס, און די באַדינערס פון קהל באַגזלנן זייא, און קומען מיט אכזריות אין זייערע הייזער, און חאַפין און ראבעווען פון וואָש זייא גיפינען, און זעהן אַז די בעלי בתים זאָלין בלייבין בעירום ובחוסר כיל, און נעמען אַפילו צו זייערע קליידער אויך, און אַפילו זייער טלית און דעם קיטיל, און פאַרקויפין עס פאַר ווייניג געלט, און אַפילו דאָש בעט געוואַנט נעמט מען ביי זיי צוא, און בייא דיא בעלי בתים בלייבט מער ניט נאָר דאָש שטרויא אין דיא בעטין, און אין דער צייט אַז עס איז קאָלט אָדער רעגין גייט, ציטערן זיי נעבאַך, און ער מיט זיין ווייב און קינדער וויינען איטליכער אין איין באַזונדער ווינקעלע. און ווען דער מנהיג זאָל אָבער אויך זיין צוא הילף אין די מסים, וואָלט ניט אַזויא שווער גיוועז פאַר די מיטעלע לייט, און אויף די אָרעמע לייט.

און עס איז פאַרהאַנדין אַזעלכע מנהיגים, וואָש טוען נאָך אַ גרעסערע עבירה, דאָש זיי עסין און טרינקען פון קהלש געלט. און גיבין דער פון נדן צוא זייערע זין און זייערע טעכטער, און מתנות צוא חתן כלה, און דאָש געלט איז אַלץ דאָש רויבונג און יגיע כפים פון דיא ישראל. און אויף אַזויא איין פרנס און אַזויא איין מנהיג, גייט איין כרוז פאַר אים און רופט אויש, דאָש איזעס וואָס עסט דאָש בלוט און פלייש פון דעם פאָלק ישראל, ער גזלט אָרעמע לייט און יתומים און אלמנות. און דער כרוז שילט אים מיט פיל קללות, און זיין תפלה ווערט ניט צוא גיהערט, גאָט ב"ה זאָל אונז מציל זיין פון זיין עונש. דרום דער מענטש וואָש איז איין מנהיג אָדער איין פרנס, מוז זיין איין דער באַרימיקער און ניט איין אכזר. אין בפרט אויף די צוא בראָכענע כלים דאָש איז עניים אביונים. וואָרום גאָט ב"ה וויל אין דעם כבוד פון די עניים...

נחזור לאָמיר ווידער קערין צוא אונזער ענין, וואָש מיר האָבין גע־שמועסט אין דעם אָנהייב פרק, דאָש עס איז איין גרוישע אזהרה אויף די מנהיגי קהלה אַז זייא זאָלין ניט וואַרפין איין איבעריגע פאַרכט אויף דעם צבור, און זאָלין געבין מס אַזוי וויא אַלע לייט. און ניט זיין קיין חונפים, חס צו האָבין אָדער חנפנן דעם עושר, אָדער אויף זיין משפחה, און דעם יאָך צוא געבין אויף די אָרימע לייט. זאָל ער אַזוי ניט טאָן, דענסמאָלט אַז דער מנהיג וועט זיך אַזוי פירין וועט גאָט ברוך־הוא זיין ווילין

אויך טאָן, און זיינע ווערק וועט ער באַגליקין, און וועט זוכה זיין צוא לאַנג לעבין אמן". (קב הישר ווילנער אויסגאַבע 1875, קאַפּ. ט.)

ר' צבי קוידענאָווערס מוסר איז ניט קיין אבסטראַקטער, ער ברייננט פאַקטן פון טעגלעכן לעבן, און שטורעמט קעגן די גבירים וואָס זוכן נאָכצוטאָן די פריצים, און פירן איין ביי זיך גויאישע מנהגים, ווי גיין אויף יאַגד, רעדן פראַנצויזיש.

„דרום טאָר דער מענטש ניט מצער זיין און ניט מבזה זיין קיין שום באַשעפעניש און דרום דיא יהודים וואָש שיסין מיט פיילין און קוילין דיא עופות און חיות טמאים, האָטשע ווען זיי דאַרפין גאַרניט. דען זיי טאָרין דאָך עש ניט עסין, נאָר פון וועגין זיך צוא לערנען שיסין, און הרגנען אום־זיסט די לעבעדיקע באַשעפעניש, דיא ווילין האָבין איין גרויסין עונש, און דאָש איז ניט פין דיא דרכים פון בעלי רחמנות. צוא טאָן איין שום רעה אום־זיסט צוא איין באַשעפעניש, און אָפילו ניט צוא ביימער און קרייטעכער, און אַנדערע זאַכין וואָס וואַקסין אויף דער ערד. ווייל די אַלע זיינען באַשאַפין געוואָרין פון וועגין ווייל די וועלט דאַרף זייא". (קב הישר פרק פג).

שוין אין קוידענאָווערס צייטן האָט זיך געלאָזט מערקן אַ שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, ביי דער יידישער געלט אַריסטאָקראַטיע, איבערהויפּט צווישן די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו מלכות, באַנקירן, אַקציזניקעס און בעלי טאַקסע. דער קב הישר רעדט וועגן זיי מיט פאַרביטערונג און דערמאָנט אַז אונדזערע עלטערן זיינען אייסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, אין זכות פון דעם וואָס זיי האָבן ניט פאַרביטן זייער הייליקע שפּראַך.

„און אַצינד האָב איך גיזעהן איין גרויסין מכשול, וואָס פיל לייט טוען ניט רעכט, זיי טוען לאָזין לערנען זייערע קינדער צוא ריידין נאָר פראַנצויזיש אין אַנדערע גויאישע שפּראַכין, און אַז דאָש קינד ווערט גרויס, גיט זיין פאָטער גאָר קיין השגחה ניט אַז זיין קינד זאָל גיין אין בית המדרש אַריין דאַווענען און לערנען, די עיקר השגחה איז, ער זאָל לערנען פראַנצייז". (קב הישר פרק כב).

ווי עס ווײַזט אויס איז פראַנצויזיש דאַן אַרײַן אין דער מאָדע ביי די גבירים, (אויך גליקל פון האַמלען (1724־1645) דערמאָנט עס אין אירע זכרונות און זי באַדויערט וואָס מען האָט מיט איר ניט געלערנט קיין פראַנ־צויזיש...)

עס זיינען פאַראַנען שנויים צווישן די ערשטע און די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון קב הישר, איבערהויפּט די רוסישע, וואו עס מערקט זיך די האַנט פון צענזאָר. אַ סך פון די שאַרפסטע שטעלן זיינען אויסגעשטראָכן געוואָרן און ס'איז אויך צוגעגעבן אַ באַמערקונג:

„אין די צייט פון מחבר האָבין זיך די פּרנסים ניט געפירט וויא מען דאַרף, אָבער בזמננו איז די ממשלה הרוממה משגיח אויף זייערע הנהגות און עש פירט זיך אַלש מיט אַ סדר און מיט גערעכטיקייט”. (קב הישר ווילנער אויסגאַבע 1865).

דער בעלעטעריסטישער אינהאַלט פון קב הישר איז אפשר דער רייכסטער פון אַלע מוסר ספרים. ר' צבי הירש קוידענאָווער האָט געשעפּט זיינע מעשיות ניט פון די אָנגענומענע מדרשים קוואַלן נאָר פון זוהר און די לעגענדעס וועגן די מקובלים פון צפת. אָפּטמאָל ביים יסוד יוסף און דעם דרך־הישר־לעולם הבא פון פּראשניצער רב, אָבער יעדער שטיקל מלומד וואָלט געקאָנט ברענגען ממש הונדערטער ביישפּילן פון אַמאָליקע מחברים, וואָס האָב „אויסגעבאָרגט” איינער ביים אַנדערן. אין זיבעצעטן יאָרהונדערט איז דאָס געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג.

* * *

אַ פולשטענדיקע ביאָגראַפיע פון ר' צבי הירש קוידענאָווער איז נאָך דערוויל ניט געשריבן געוואָרן, דער געשיכטלעכער מאַטעריאַל איז נאָך צעוואָרפן, און דער פאָרשער מוז עס קלייבן פון פאַרשידענע מקורים. דער ערשטער קוידענאָווער ייד פון וועלכן מיר וויסן איז ר' ישראל, דער זיידע פון ר' צבי הירש, פון אים האָט דאָס די משפּחה געקראָגן דעם פאַמיליע נאָמען קוידענאָווער.

ביזן 17טן יאָרהונדערט האָבן קיין יידן ניט געטאָרט זיך באַזעצן אין קוידענאָוו, צוליב דעם וואָס דאָרט האָט זיך געפונען אַ גלחים סעמינאַר,

און די כומרים האָבן מורא געהאַט אַז ידן וועלן אַריינבּרענגען „אַפּיקורסות״. דער ערשטער ייד וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט איז געווען ר׳ ישראל. ער האָט אָנגעהאַלטן אַ ווײַנשענק. עס איז ניט באַקאַנט ווי אַזוי ר׳ ישראל האָט געקראָגן די דערלויבעניש צו עפענען אַ ווײַנשענק נעבן סעמינאַר, און לייגן דעם יסוד פון אַ נייעם יידישן ישוב.

דער יידישער ישוב אין קוידענאָוו הויבט זיך אָן מיט ר׳ ישראלן.

אַן אַלטע לעגענדע דערציילט אַז ר׳ ישראל קוידענאָווער איז אין אַ קורצער צייט רייך געוואָרן, אָבער זיין עשירות איז אים ניט באַקומען. ער האָט געהאַט צער פון דעם וואָס נאָך יידן איז ניט באַשערט צו געניסן פון דער שפע, ווייל קוידענאָוו איז געווען אַ מקום פרנסה. איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע זיך משתדל זיין ביי די שרים. איבער אַ האַלב יאָר איז ער צוליב דעם ענין געזעסן אין ווילנע, און אויסגעפועלט אַז יידן זאָל מעגן וואוינען אין קוידענאָוו. און אין זכות פון דער מצוה איז ביי אים געבאָרן געוואָרן אַ זון, דער מהרש״ק וואָס איז באַרימט געוואָרן אין אַלע תפוצות ישראל.

די ראשי תבות פון מהרש״ק זיינען מורנו הרב ר׳ שמואל קוידענאָווער. ער איז געבוירן געוואָרן אין קוידענאָוו אין 1614. אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין בריסק און זיין ערשטע רבנות איז געווען אין ביאַלע. אין דער צייט פון די שחיטות פון ת״ח ות״ט איז ער אַנטלאָפן קיין ווילנע, און דאָרטן איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס דיין אין דעם בית־דין פון דעם חלקת מחוקק.

דער מהרש״ק איז געווען איינער פון די באַרימטסטע רבנים פון זיין דור. אויסער די אויבן דערמאָנטע קהילות איז ער געווען רב אין רייסע, פירט, בריסק, פראַנקפורט ביים מיין און קראָקע. פון דער גאַנצער וועלט האָט מען זיך געווענדעט צו אים מיט שאלות און זיינע תשובות זיינען באַרימט מיט זייער לאָגיק און פשטות. אין זיין דרך פון לערנען האָט ער פאַרבינדן אָרגאַניש חריפות מיט בקיאות, עס איז ניט די אויבערפלעכלעכע חריפות, וואָס בינדט צענויף ענינים וואָס האָבן נישט צווישן זיך קיין שום שייכות דורך קונציקע פשטלעך, נאָר אַן אופן פון לערנען וואָס גראָבט אין דער טיף ביז צו די וואָרצלען פון דער הלכה.

דער מהרש״ק ווערט באַטראַכט, אַלס איינער פון די ערשטע זיך צו

באַנוצן מיט דעם קריטיש־אַנאַליטישן מעטאָד, אין אויספאָרשן די ריכטיקע נוסחאות אין דער גמרא און די ראשונים. כאָטש יעדער אות איז ביי אים געווען הייליק, האָט ער זיך פונדעסטוועגן ניט אָפּגעהאַלטן פון צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען פון טעקסט, אויב עס איז ביי אים געווען אַ ספק וועגן דעם ריכטיקן נוסח. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער העכסט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדע פון טעקסט פאַרגלייכונגען, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ זעלטענהייט, אַפילו צווישן די וועלטלעכע געלערנטע. אַן ענין וואָס פריער האָט ער אויסגעזען טונקל און פאַרפּלאָנטערט, — ווערט גאַנץ אָפט קלאָר און ליכטיק פון זיינער אַ קליינער באַמערקונג.

אַ גרויסער טייל פון מהרש״קס שריפטן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען בעת די קאָזאַקן שחיטות און די מהומות וואָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט. צו אונדז זיינען דערגאַנגען בלויז פיר פון זיינע ספרים: „ברכת הזבח״, אַ פּיאָנערן אַרבעט אויף קדשים, „אמונת־שמואל״, „תפארת שמואל״ און „ברכת־שמואל״. אַ טייל פון זיינע תשובות און אַ גרעסערע אַרבעט אין די ענינים פון גיטין און חליצה זיינען נאָך אין כתב־יד.

דער מהרש״ק האָט דורכגעמאַכט זייער אַ שווערן לעבן. ער האָט פאַרלוירן צוויי טעכטער, זיין הײם און פאַרמעגן בעת די קאָזאַקן שחיטות, און איבער אַ צענדליק יאָר איז ער געווען נע־ונד. זיין בן יחיד צבי הירש, איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט פון די קאָזאַקן מהומות, און דער חותם פון יענע שווערע צייטן, איז שוין מיט אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן.

דער מהרש״ק איז נפטר געוואָרן אין כמעלניק ביי איינע פון די סעסיעס פון ועד ארבע־ארצות, אין דעם זומער פון 1679.

ר׳ צבי הירש האָט געלערנט נגלה ביי זיין פאָטער און די סודות פון קבלה ביי ר׳ יוסף בן יהודה, (ר׳ יוסף איז אַן עלטער, עלטער זיידע פון פּראָפעסאָר דובנאָוו. אויף די עלטערע יאָרן איז ער געוואָרן רב אין דובנע, און פון אים האָט דאָס די דובנאָוו משפחה געקראָגן דעם פאַמיליען נאָמען).

ר׳ צבי הירשס לעבן איז געווען אַ טראַגישער. אויסער די אַלגעמיינע צרות, וואָס האָבן אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט ניט גע־פעלט, איז אים אויך אויסגעקומען צו ליידן פון פערזענלעכע שונאים. זיי האָבן אויף אים געמאַכט אַ פאַלשן בלבול, איבער וועלכן ער און זיין משפחה זיינען פיר יאָר געווען פאַרשפאַרט אין תפיסה. די פרטים פון דעם בלבול

זיינען ניט באַקאַנט ווייל ר׳ צבי הירש קוידענאָווער רעדט וועגן דעם אויף אַ פאַרשטעלטן אופן. אין דער הקדמה צו זיין פאָטערס ספר „תפארת־שמואל״, דערציילט ער אַז אַ געוויסער בן ציון וויזנער האָט אים געמסרט, און צו־גענומען זיין פאַרמעגן. ער גיט אויך אָנצוהערן אַז אייניקע תקיפים וועמען ער רופט אָן „בעלי־זרוע״ האָבן אין דעם געהאָט אַ האַנט.

ר׳ צבי הירש קוידענאָווער איז דאַן אַנטלאָפן קיין פראַנקופרט וואו ער איז שוין כל ימיו פאַרבליבן וואוינען. ער האָט זיך מפרנס געווען פון מגידות און פאַרלעגערשע אַרבעטן. דאָרט האָט ער טאַקע אַרויסגעגעבן דעם קב הישר, דעם שמחת הנפש פון זיין אידים ר׳ אלחנן קירכהן און אייניקע ספרים פון זיין פאָטער. אָבער מיט אלע זיינע פרנסות איז ער אָלץ געווען אַן אָרימאַן.

ר׳ צבי הירש קוידענאָווער איז נפטר געוואָרן אין פראַנקפורט. אין הורוויצעס אבני זכרון ווערט געבראַכט דער נוסח פון קוידענאָווערס מצבה, אויפן פראַנקפורטער בית עולם. ער איז נפטר געוואָרן דעם 23טן מערץ, 1712.

דער גרעסטער טייל פון זיינע שריפטן זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, אויסער דעם קב הישר זיינען פון אים פאַרבליבן תפילות אין יידיש, אַ פירוש אויפן חומש און אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט מיט דיאַגראַמען וועגן די פרינציפן פון לוח. דער מאַנוסקריפט וועגן לוח געפינט זיך אין דער באַדעליאַנא ביבליאָטעק אין אָקספאָרד.

אין די פאַרשידענסטע תקופות פון יידישן שאַפן האָבן קוידענאָווער זין אין טעכטער פאַנאַנדערגעטראָגן דעם שם און דעם רום פון זייער שטעטל אין אַלע תפוצות ישראל און אַריינגעשריבן גלאָרייכע קאַפּיטלען אין דעם ספר־היוחסין פון דער ידישער געשיכטע.




אלחנן הענלע קירכאן, אַן איידעם פון ר׳ צבי היר שקוידענאַווער, מחבר פון ספר „קב הישר״. (אויך דער איידעם — א. סאַמעט האָט געלעבט אין קוידענאָוו פילע יאָרן — א. ר.) געבוירן אין דער צווייטער העלפט פונעם 17טן יאָרהונדערט אין פראנקפורט אויפן מאין. אין 1706 איז דערשינען דער ערשטער טייל פון זיין יידיש־דייטשישן מוסר־ספר „שמחת הנפש״. אין 1927 אז אַרויס פון דרוק דער צווייטער טייל „שמחת הנפש״, פון די פאָלגענדע סטראָפן זיינען גענומען, קאָפּירט נאָך לעווענשטיין לויט דער לאַטיינישער טראַנסקריפּציע. ביבל. דר. לעווענשטיין „בלעטער פיר יודישע געשיכטע און ליטעראַטור״; ז. רייזען, „לעקסיקאָן״.

אלחנן הענלע קירכהאן

# שבת־לידער

דאָס ליד און ג׳זאַנג איז געמאַכט,
צו זינגען פרייטאָג צו נאַכט.

א.

דער הייליגער שבת ווע'לין מיר,
אַנטפאַנגען מיט פריידען,
איהם אָנטאָן זיין געביר,
וועלען מיר ניט פערמיידען,
גוט עסען, גוט טרינקען, וואָס גאָט טוט בעשערען,
קיין צער, קיין רוגז צו ווייזען אונד לאָזען הערען,
אונד תורה לערנען דען לייבען גאָט צו עהרן.

ב.

אַזוי זאָלען טאָן אַללע געמיין,
אַם שבת פיעל פערצערען,
לוסטיג אונד פרעהליך זאָל מען זיין,
גאָט טוט אַללעם ווידער בעשערען,
גוט ביער, גוטען וויין זאָל מען אָנבערייטען,
גוט פלייש, גוטע פיש מאַך פערטיג ביי צייטען,
אונד ליכט צו ברענען איף אַללע זייטען.

זינג אָהנע זאָרגען,
דאָס געזאַנג שבת צו מאָרגען.

יום שבת איז די הערליכע כלה גענאַנט,
דרום זאַמעלט אייך איין,
אַללע געמיין,
גרויס אונד קליין,
גיבט צו גאָט ליב אונד זעגען;
יום שבת איז די מלכה פֿון גאַנצן לאַנד,
ליעבער גאָט מיין,
עס איז אַללעס דיין,
עס איז נייערט איין שיין
אַללעס וואָס מיר האָבען אונד פֿערמעגען.

זינג דאָס געזאַנג,
אַן שבת צום אוסגאַנג.

א.

דער הייליגער שבת איז איין שאהנע רוה,
דען עס קומט דעם מענטשן איין נשמה יתירה צו,
איין צדיק טוט עס ביי זיך שפּירן, —
אונד מוצאי שבת טוט זיך ווידער פֿערליערן.

ב.

ליעבער גאָט דו טוסט די גאַנצע וועלט ערנערען,
אַן דיר זיינען מיר פֿערזיכערט,
דאָס דו אונזער ברויט טוסט בעשערען,
נייערט מיר ביטט דיך גאָט פֿון דיינער הענד אַליין טו אונז שפּייזן,
אונד ניט דורך לייטען הענד,
די פֿערשעמען אונד טונען אָב ווייזען.

# יוֹנָה הֹמִיָּה

יונתי בחגוי הסלע בסתר המדרגה
(שיר השירים ב׳)

---

קבצת שירים אשר שר

קלמן רוֹזין •

הסכנה „בהמליץ" י׳ק׳ר׳

חלק ראשון

---

ברדיטשוב
דפוס של חיים יעקב שעפטיל
שנת תרנ״ד לפ״ק

---

ІОНА ГОМІЯ
Стихотворенія
К. РОЙЗИНА

שער־בלאט פון קלמן רייזענס בוך לידער אין העברעאיש

קלמן רייזען

# הערער בערבה

רוח ים
יהום בעים,
ענן ושואה
סער וסועה
ביום ובליל
יהימו בילל.

בשפלה בודד
ערער בתנודד,
מורדף ברוח
לכל רוח ;
ושכני העין
פרס וניץ.

ברעש ובזעם
ירעים הרעם,
בעוז ובחזק
יברוק הבזק ;
תמרות שחק
ינעו בשחק.

משחיתים גזעהו,
טורפים עלהו,
לא לרעבונם,
אך בהרונם,
כי בשפלה —
רבה הנבלה.

ארין ערבה
לא נושבה,
אדמה מלחה
שנם ליחה,
ותעצרונה עבות
גשמי נדבות.

ומסעפים פארה
להגדיל המדורה ;
האה מבערת ;
ותחמם ופרם
וטורף למינהו
יתום בשרהו . . .

**קלמן רייזען**

# המבדיל בין קודש לחול

(פאָלקס ליד)

המבדיל בין קודש לחול —
וואָס טוט מען — עס גייט גאָרנישט וואויל.
זרעינו פאַראַן וכספינו — אַני!
דאָס שטיקל ברויט קומט אָן מיט מי!

יום פנה — דער שבת איז אַוועק
אַזוי ווי אַ שאָטן — פון בוים.
פון אַלע שפּייזן נישט געבליבן קיין זוים,
פון אַלע געריכטן נישט געבליבן קיין לעק!

און דאָ באַלד, אוי ווי און אַך,
באַלד קומט שוין אָן די גליקלעכע וואָך:
זיצן ביים קראָם, ווי אַ צוגעבונדענער הונט
און צו שרייען: „טאָם מאַלי" פונט!

**אברהם רייזען**

# מיין פאָטער

געווען אַ צייט, כמעט אין מיין קינדהייט, ווען מיין פאָטער קלמן רייזען, פון „פּראָפּעסיע" אַ תבואה־הענדלער און פלאַקס־סוחר, האָט זיך אָפּגעגעבן צוליב זיין גייסטיקע הנאה וועגן מיט שרייבן העברייאישע שירים. ער איז דערפאַר געווען אָנגענומען אין „גאַנץ־שטאָט", איבערהויפּט צווישן די איי־גענע נאָהענטערע בעלי־מלאכות, בינדער — וואָס האָבן געבונדן די בינדלעך פלאַקס ביי מאָטע זינגער, אָדער מאָטע דושקעס — ווי ער האָט געהייסן אויף זיין ווייבס נאָמען. איך וואונדער מיך אָבער, איך געדענק עס, ווי דורך אַ ליכטיקן חלום, אַז כאָטש מאָטע זינגער דער גרויסער פלאַקס־סוחר איז גע־ווען אַ שטרענגער באַלעבאָס, האָט ער אָבער אויך געהאַט, קאַנטיק פיינע יידישע מעלות. ווייל סוף כל סוף האָבן אים די בינדער, ביי אַכט אָדער צען אין צאָל, אים ליב געהאַט. ווען די דאָזיקע איידעלע יידן זיינען געוואויר גע־וואָרן אַז ער, מאָטע דושקעס, זייער שפּייזער, איז געוואָרן אַלט פופציק יאָר, האָבן זיי זיך געגרייט אים צו פייערן אַ יובילייע. צי האָט די פייערונג טאַקע געהייסן מיטן געהויבענעם נאָמען יובילייע — געדענק איך נישט. איך גע־דענק נאָר אַז דער עיקר „כיבוד" צום יובילאַרס שמחה האָט מען באַשטעלט ביי מיין טייערן גייסטרייכן פאָטער, דעם גרויסן „קענער" און דעם גרויסן בעל־לשון־קודש אין דער פאָרמע פון אַ שיר, וועדליק די בינדער האָבן יאָרן לאַנג וועגן דעם שיר גערעדט!... אַפילו דאַן ווען מיין פאָטער קלמן רייזען ז"ל, האָט שוין געפּרואווט די געבאַרשטענע און געבונדענע פלאַקס שיקן אַליין אַזש קיין לייפּציק, ווייל מאָטע זינגער האָט זיך עפּעס איינגעעקשנט אין צאָלן דעם ריכטיקן מקח, וויבאַלד אַז דער פלאַקס איז נישט קיין קרוין, ווי מיין פאָטער האָט געהאַלטן און אַלס קרוין פאַר אים אַליין טייער גע־צאָלט...

די דאָזיקע פּאַסירונג האָב איך שוין מיט פילע יאָרן שפּעטער באַשריבן אין מיין דערציילונג „פלאַקסן", צוגעבנדיק אייניקע דעטאַלן פון דער פאַנ־טאַזיע, שוין ווי אַ סאָציאַליסט, אָננעמענדיק זיך די קריוודע פון דעם שוואַ־כערן צד — פון מיין טאַטן, און איבערטרייבנדיק, ווי דער שטייגער איז, מאַטע זינגערס, דעם רייכן סוחרס קאַפּריזן.

געוויי געדענק איך שוין ווען מיין טאַטע ע"ה — טאַקע צוליב די נישט געלונגענע געשעפטן, טאַקע ביי די פלאַקס, עטוואָס שפּעטער ביי די זוימען און נאָכדעם ביי אַ וואַגאָן האָבער, וואָס איז אָנפאַנגס געשטיגן, טייערער געוואָרן און לויט דעם טאַטנס מיינונג אַז ער וועט נאָך שטייגן ביז אַ רובל אַ פּוד, אַזוי אַלנפאַלס האָט ער געטייטשט דעם אלטעגלעכן קורס אין העב־רייאישן „המליץ" — און גראָד איז ער אַזוי הויך טאַקע געשטיגן. אָבער מיין פאָטער האָט געגלויבט אַז עס וועט נאָך העכער שטייגן, ביז דער פּרייז פון האָבער — ס'איז שוין געווען אַרום ערב פּסח, האָט אָנגעהויבן צו פאַלן — נידעריקער, נידעריקער, ביז זיין ערשטן פּרייז מיט אַ קאָרגן יאָר צוריק... איך געדענק נאָך ווי דער טאַטע פּלעגט אין יענער צייט — זיפצען אין די נעכט, נישט קאָנען איינשלאָפן פאַר גרויס צער, און ער פּלעגט ענדלעך אין מיטן נאַכט אויפשטיין און ביים קליינעם לעמפּעלע — נישט אויפצואוועקן די שלאָפנדיקע משפּחה — שרייבן לידער, און דווקא יידיש...

אינדערפרי, אַ נישט אויסגעשלאָפענער אָבער אַ דערפרייטער פון די שאַפונגען פּלעגט ער זיי פאַר דער מאַמען און פאַר אונדז, די גרעסערע קינ־דער הויך פאָרלייענען. די מאַמע פּלעגט פון יעדער ליד אַנקוועלן, איר קרי־טיק איז געווען זייער מילד. אגב האָט זי אים געוואָלט טרייסטן אין זיין גרויסן צער פון זיין היזק אין האָבער, וואָס איר האָט עס אויך שטאַרק גע־אַרט: אַ קלייניקייט — געהאַלטן און געהאַלטן אויף פּרנסה און צוגעלייגט אַרום אַ פינף הונדערט רובל — אַ גאַנצער נדן, פאַר דער שוין דאַן הויך געוויקסיקער, כאָטש נאָך קוים זעכצן יאָריקער טאָכטער רבקהן.

פון די אַלע יידישע לידער וואָס ער האָט אין יענע שלאָפלאָזע נעכט, אַרום 1886, אָנגעשריבן, האָב איך, שוין דאַן אַ יינגל פון אַ יאָר נייַן, אָדער צען, פאַרגעדענקט אויך אויף שפּעטער און עד היום דאָס ליד „המבדיל בין קודש לחול". איך האָב זיי אויך געדענקט ביז מיין אָנקומען אין קאָוונע. דאָרט אין קאָוונע האָב איך אַליין אַ סאָלדאַט, אַ מוזיקאַנט — געזאַמלט יידישע

פאָלקס לידער, און וועלנדיק טאָן אַ טובה מיין טאַטן האָב איך צווישן די אַלע מיינע דאַן געזאַמלטע פאָלקס לידער אויך געשיקט דעם „המבדיל״ פון מיין פאָטער, אָבער מיט דעם אונטערשריפט — אין רוסיש, מיט דעם נאָמען פון דעם זאַמלער. ווען נישט וואָלט עס קיין פאָלקס ליד נישט געווען, נאָר אַ ליד פון אַ יחיד.

מיין טאַטן ע״ה, האָט עס, ווי איך געדענק טאַקע הנאה געטאָן, ער האָט דערזען זיינס אַ ליד, כאָטש אמת, אין יידיש — אין זשאַרגאָן, לויט יענער צייט ביי אַ העברעער — נישט אַזאַ יחוס, אָבער געדרוקט! מיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ חכם, און אַ פקח, מיט אַ חוש פאַר אַ פיינערן הומאָר, אָבער די לוסט געדרוקט צו זיין איז ביי אים געווען, מסתם, אַזוי גרויס ווי ביי אַלע פאָעטן, וויבאַלד אַז ער האָט זיך נאָך ביז דאַן אין ערגעץ נישט געדרוקט. און ער האָט שוין, דאַן — איבערהויפט אין העברייאיש, געהאַט אַ גרויסע צאָל שירים וואָס זיינען געווען לכל הדעות ווערט געדרוקט צו ווערן.



קלמן רייזען



**זלמן רייזען**

באַרימטער יידישער שרייבער

אברהם רייזען

# וועגן מיין ברודער זלמן

(נאָטיצן און שטריכן וועגן **זלמן רייזען** ווען ער איז אָנגעקומען
קיין אַמעריקע)

פילע זענען געבליבן שטאַרק אַנטוישט, ווען זיי האָבן אויפגעעפנט דעם פּערטן באַנד פון זלמן רייזענס לעקסיקאָן און צווישן די שרייבער, וואָס גייען אַריין אין בוכשטאַב ריש („רייז") האָבן זיי דעם מחבר פון לעקסיקאָן אַליין — ניט געפונען.

דער ברודער פון דעם מחבר פון לעקסיקאָן, דער שרייבער פון די דאָזיקע צייַלן האָט זיי אַפילו געטרייסט, אַז עס דאַרף קומען נאָך אַ פינפטער באַנד — „מילואים" — און דאָרטן וועט זיין נאָמען זיך אפשר יאָ געפינען, צוזאַמען מיט אַנדערע, צוליב געוויסע אורזאַכן ניט אַריינגעקומענע אין די פיר בענד. אָבער דאָס פאַרשפּרעכן מיינס האָט די אַנטוישטע ניט צופרידנגעשטעלט, אַזוי גרויס איז די נייגעריקייט זייערע צו וויסן איינצעלהייטן אָדער אַפילו אַלגעמיינע שטריכן פון דעם לעבן און פון דעם שרייבן פון מחבר פון לעקסיקאָן — זלמן רייזען.

דער שרייבער פון די דאָזיקע צייַלן — אַ ברודער פון זלמן רייזען, איז, דעם אמת געזאָגט, אַליין אויך געווען אַנטוישט. אויך ער איז געווען נייגעריק צו דערגיין געוויסע איינצעלהייטן פון זלמן רייזענס לעבן און שאַפן. צוליב דעם, וואָס די מלחמה און שפּעטער די רעוואָלוציע האָט אונדז יאָרן לאַנג אָפּגעריסן איינעם פון דעם צווייטן און אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע איז ווילנע געווען אָפּגעריסן פון גאַר דער וועלט, אַזוי אַז איך האָב זיך מיט אים ניט געקענט דורכשרייבן — איז מיר פיל פון זיין טעטיקייט און פון זיין פּערזענלעכן לעבן געבליבן אומבאַקאַנט. איך

רעד שוין ניט פון די יאָרן פון פאַר דער מלחמה, ווען — צוליב מיין אומ־וואַנדערן אין אַלערליי לענדער, האָב איך אויך ניט געהאַט די מעגלעכקייט נאָכצופאָלגן געניי די אַנטוויקלונג פון מיין מיר גייסטיק נאָענטן ברודער.

אָבער אום צופרידנצושטעלן די נייגעריקייט פון די פריינט פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור, וואָס אַזעלכע זענען שוין אויך די פריינט פון זלמן רייזען — נעם איך אויף זיך די — אפשר פאַר מיר — ניט צו באַקוועמע אַרבעט — דערציילן אייניקע פאַקטן פון מיין ברודערס ריי־כער און טעטיקער פּערזענלעכקייט. קיין איבעריקע אַרבעט וועט עס זיכער ניט זיין, ווייל סיי ווי סיי וואָלט דער באַשיידענער זלמן רייזען אַפילו אין פינפטן באַנד מילואים — ניט דערציילן צו פיל פון זיין טעטיקייט. אויסער דאָטן אין טרוקענע איינצעלנע פאַקטן — און דאָס אויך בלויז צוליב דער יידישער ליטעראַטור. וועט טאַקע דאָס ביסעלע וואָס איך וועל איצט וועגן אים דער־ציילן צו זיין באַזונד אין אַמעריקע — זיין ווי געפונען...

ווי אַזוי מיין ברודער זלמן רייזן איז בכלל געוואָרן אַ אידישיסט און נאָך מער אַ פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך איז ביי מיר עד היום איי־נער פון די גרויסע וואונדער. ערשטנס — לויט זיין דערציאונג. געבליבן צו דריי יאָר אַ יתום — אָן אַ מאַמען — איז ער דערצויגן געוואָרן, דאָ ביי דער עלטערער שוועסטער רבקהן אין דעם קליין שטעטעלע מאָהילנע, דאָ צוריק אין קיידענאָוו, ביי זיין זיידן פסחן און דאָ — אַ פּאָר יאָר אין ווינצא, וואו זיין פאָטער — קלמן רייזען — האָט אין די יאָרן 1892—1894 געהאַט אַ שטעלע ביי זיינעם אַ לאַנדסמאַן, דעם אין יענער צייט באַרימטן זשיטאָמירער פּאַדריאַטשיק מאדל קראָל, אַ ייד אַ גביר, וועלכער איז אָבער מיין פאָטער מיט וועלכן ער, מאדל קראָל, האָט זיך דערצויגן אין קיידענאָוו — פיל פאַר־פליכטעט געווען, ווייל ער, מיין פאָטער, האָט אים געמאַכט פאַר אַ משכיל, אים געלערנט רוסיש און דייטש און געלייענט מיט אים באַהאַלטענערהייט דעם „אהבת ציון", „אשמת שומרון", און „עיט צבוע" און אוודאי אויך דעם „התוהו בדרכי החיים"... פון דעם דאָזיקן „התוהו בדרכי החיים", האָט מאדל קראָל דוקא געפונען „אַ וועג" אין לעבן, ניט ווי מיין טאַטע, וואָס האָט ניט קוקנדיק אויף זיין גרויס חכמה — זיין גאַנץ לעבן געזוכט אַ וועג, און האָט געהאַלטן עס פאַר אַ גליק, וואָס ער האָט אין זיינע, שוין מיטעלע יאָרן, ביי דעם דאָזיקן מאדל קראָל — פּערזענליך אַ וואוילער ייד, געהאַט אַ קורצע צייט אַ שטעלע און איז געווען פאַרזאָרגט מיט „פּרנסה" פאַר אים און זיינע

דריי קלענערע קינדער (איך בין שוין אַלס זעכצן־זיבעצן יאָריקער — געבליבן אין דער היים, געגעבן אוראָקן דאָ אין קוידענאָוו, דאָ אין מינסק, דאָ אין דערפער אויף קאָנדיציעס...)

פון ניין־צען יאָר אָן, האָט זיך שוין מיין ברודער דערצויגן אין מינסק, אָנפאַנגס אונטער דער אויפזיכט פון קרובים, שפּעטער אונטער דער השגחה פון אונדזער שוועסטער שרה באָשע (שרה רייזען), וואָס איז שוין צו צוועלף יאָר געוואָרן די דערציערין, ניט נאָר פון זלמנען, נאָר אויך פון מיט צוויי יאָר עלטערן ברודער הירשל, און אַליין האָט זי זיך געלערנט און אין דער זעלבער צייט געאַרבעט אַלס שניידערין אין דער דאַן באַרימטער מינסקער „מאָסטערסקאַיאַ" פון ראָזע סלעפּיאַן. ווי אַזוי מיין ברודערל זלמן (און אויך הירשל) איז אַרויס גאַנץ מיט די ביינער איז טאַקע אַ וואונדער. ביז עלף יאָר געלערנט אין מינסקער תלמוד־תורה האָט ער שוין דאָרטן אויך געלערנט — על פּי זאקאָן רוסיש, שפּעטער שוין אָנגעקומען אין אַ רוסישער אָנפאַנגס שולע, נאָך שפּעטער אַ דאַנק די השתדלות פון הירשל, וואָס איז עלטער פאַר אים מיט גאַנצע צוויי יאָר — אַריינגענומען אים אין דער באַ־רימטער מינסקער גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע, וואָס דאָס איז געווען אין יענער צייט אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג. אין דער מינסקער גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע האָט מען אין יענער צייט, ווי אין די רעאַל שולן און גימ־נאַזיעס קיין יידן, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, ניט אַריינגעלאָזן. אויב אין גימנאַזיע און רעאל שולן האָט מען נאָך אַריינגענומען יידן לויט אַ פּראָ־צענט, האָט מען אָבער אין דער גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע אַפילו לויט אַ פּראָצענט ניט אַריינגענומען; פאַר מיין ברודער הירשל האָט זיך גע־סטאַרעט דער רוסישער לערער, אַ קריסט פון דער תלמוד תורה, און הירשל — אַ ייִנגל אַ ברען, זייענדיק שוין אין דער „גאָראָדסקאָיע", האָט אויך מיין ברודער זלמנען אַריינגענומען. נאַטירלעך האָט מען נאָך געמוזט האָבן פּראָטעקציע — פון דער איינפלוסרייכער מינסקער קרובה אונדזערער נעכע־דאָבע קאַפּלאַן, דאַן אַ באַרימטע כלל־טוערין אין מינסק.

מינסק אַ יידישע שטאָט, איז אָבער די סביבה פון דער גאָראָדסקאָיע אוטשילישטע געווען לויטער אַ רוסיפיקאַטאָרישע. אָבער צו מיינע ברידערלעך איז די דאָזיקע רוסיפיקאַטאָרישע שטימונג ניט צוגעשטאַנען. אָבער דער „יידישיסט" איז גאָר דאַן געווען הירשל, וואָס ניט קוקנדיק, וואָס ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים און אַפילו „פּרעמיעס" באַקומען,

ווי מיין ברודער זלמן — האָט ער דאָך אַלס צוועלף יאָריקער יינגל געקעמפּט קעגן מיין שוועסטערס שרה באַשעס חברטעס, וואָס האָבן גערעדט מיט איר רוסיש. און געקעמפּט טאַקע ניט נאָר טעאָרעטיש. ווי זלמן האָט מיר דערציילט — אין אַ הומאָריסטישע פאָרם, נאַטירלעך — פלעגט דער קליינער הירשל, הערנדיק אין גאַס, ווי שרה באַשעס חברטעס רעדן רוסיש, אַמאָל אַ וואָרף טאָן אויף זיי אַ שטיינדל, ניט צו טרעפן זיי אין פיזישן זין, נאָר אין מאָראַלישן און ניט חלילה צוליב שאָוועניזם — מיין ברודער הירשל איז שוין דעמאָלט געווען אַ רעוואָלוציאָנער און בשתיקה געפירט אַ „שולע", וואו ער האָט אָרימע קינדער פון טרעצקער באַרג אַגיטירט און געבילדעט, וועגן וואָס איך האָב שוין אין קורצן דערציילט אין מיינע עפּיזאָדן.

צי איז זלמן שוין אין יענער צייט געווען אַ „יידישיסט" איז מיר ניט באַקאַנט. די צייט וואָס זלמן און הירשל האָבן געלערנט אין „גאָראָדסקאָיע" האָב איך געדינט אין מיליטער און זייער אַנטוויקלונג האָב איך ניט געקענט נאָכפאָלגן. קומענדיק פון מיליטער, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, נאָכדעם אין קראָקע. ערשט אין פינפטן יאָר וועןן איך בין געקומען פון קראָקע קיין וואַרשע, און אין אַ יאָר אַרום אין 1906 זיך באַזעצט אויף אַנדערהאַלבן יאָר אין מינסק האָב איך אָנגעהויבן צו מערקן, ווי מיין ברודער זלמן „באַברעט" זיך עפּעס אַרום אַ קעסטעלע אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי פּאַפּירן און אויסשניטן פון יידישע צייטונגען, איבערהויפּט פון „פריינט"...

צווישן זיי — עטלעכע אויסשניטן וואָס זענען באַשטאַנען פון די אַרטיקלען פון דר. גאַידאַראָוו (דער דעמאָלסטדיקער פּסעוודאָנים פון דר. חיים זשיטלאָווסקי) וואו עס האָט זיך באַהאַנדלט די פראַגע וועגן יידיש און וועגן דעם צי האָט יידיש אַ גראַמאַטיקע... נאַטירלעך האָט ער געפּסקנט אַז יאָ און חיזק געמאַכט פון די וואָס מיינען, אַז ניט...

איך ווייס ניט, צי זיינען דר. גאַידאַראָווס אַרטיקלען געווען דער ערשטער שטויס, וואָס האָט געגעבן מיין ברודער זלמנען, צו שאַפן אַ גראַמאַטיקע. איך ווייס נאָר, אַז אין יענער צייט — ענדע 1906 האָט ער שוין מסדר געווען „ווערטער", און איז שוין דערגאַנגען, אַז אייב שטאָט איז ווייבלעך איז שוין אָבער „שטעטל" זאַכלעך — ווייל „דאָס" — דאָס שטעטל, און אייב מענטש איז מענלעך איז אָבער אַ מענטשעלע זאַכלעך — דאָס קליינע מענטשעלע... און פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט שוין אַ סך געלייענט, ניט קוקנדיק, וואָס ער האָט נאָר וואָס געענדיקט די „גאָראָדסקאָיע"

מיט אַ „פּאָכוואַלני ליסט, אַז מען שרייבט ניט, און מען זאָגט ניט די מיידל, נאָר דאָס מיידל און דאָס ווייב — דערצו האָט ער שוין אויסגעשטודירט — אין דער שטיל, אַז געוויסע הויפּט ווערטער וואָס אין לשון יחיד זענען זיי אויף „וי״ ווערן זיי אין רבים „יי״, און האָט שוין געהאַט אַ משל דערצו, למשל — בוים —ביימער...

דערזען, אַז איך באַקום — אין מיין קאַמף פאַר יידיש, אַזאַ קראַפט — האָב איך אַזש געריבן די הענט פאַר נחת און גדולה. מיין ברודער איז אָבער דאַן געווען ניט נאָר אַן עניו, וואָס ער איז עס געבליבן ביז היינט, נאָר אויך אַ שעמעוודיקער — היינט שוין, אַלס קעמפער — ניט אַזאַ — האָט זיין אַר־בעט פאַר מיר פאַרלייקנט. אַט, ער איז בלויז נייגעריק... און דערביי גע־שמייכלט פאַרשולדיקט און פאַרשעמט. ווי קומט ער — הייסט עס, אַ ברודער פון אַ שרייבער, זיך מישן אין אַזעלכע הויכע ענינים... ער, וואָס איז ערשט אַרויס פון אַזאַ גויאישקער אוטשילישטע... פונדעסטוועגן — צוליב דער יידישער גראַמאַטיקע, וואָס ער האָט שוין פאַרטראַכט האָט ער זיך געגערט מיט דער גרויסער פרייד פון באַשאַפן אַזאַ — פון וואָס זיין מילדער בליק האָט שטענדיק געלויכטן — צוליב דער יידישער גראַמאַטיק.

אין אַ קורצער צייט, אין 1908, איז דערשינען אין יעקב לידסקיס פאַרלאַג „פּראָגרעס״ זלמן רייזענס ערשטע יידישע גראַמאַטיקע וואָס דאָס איז אַ דאַטע אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט און שפּראַך פאַרשונג. קיינער האָט זיך דאַן ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַן אַכצן יאָריקן בחורל ערגעץ אין מינסק, וואָס דורך זיין ליבע, אָהן קיין שום אַגיטאַציעס פון קיין זייט — ריין אינטיטואיוו, איז ער געקומען צום גע־דאַנק, אַז יידיש איז די שפּראַך פון דעם באַנייטן יידישן פאָלק, אַז די אַלע באַלידיקונגען, וואָס זי האָט געהאַט — מיט אירע פאַרשטייער — אויסצו־שטיין, אַז זי איז אַ זשאַרגאָן, אָן אַ גראַמאַטיק, איז ניט ריכטיק. זי האָט, ווי יעדע שפּראַך, פעסטע כללים. דערצו האָט ער אויך באַוויזן די אייגנאַרטיקייט, די בויגזאַמקייט אין די שיין קלינגעוודיקייט פון דער יידישער שפּראַך.

ניט קוקנדיק, וואָס קיין סך קריטיקען און אַפילו רעצענזיעס איז וועגן דער ערשטער יידישער גראַמאַטיקע ניט געשריבן געוואָרן אין יענער צייט, האָט דאָך איר דערשיינען אַרויסגערופן אַ גרויסן רושם, לידסקי, וואָס האָט אַ דאַנק מיין אַגיטאַציע — געריזיקירט אַרויסצוגעבן די יידישע כרעסטאָמאַטיע, די „מוטער שפּראַך״ און דער פאַרלאַגער איז אַליין געוואָרן גליקלעך איבער־

ראָשט פון דער גרויסער נאָכפראַגע אויף די אַלע דריי דערשינענע ביכער און איבערהויפּט פון דער גאַנגבאַרקייט פון דער יידישער גראַמאַטיק.

ניט קוקנדיק, וואָס זלמן רייזען האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס פילאָלאָג, איז ער אָבער אויך באַזעסן אַ וואונדערלעכן יידישן סטיל. נאָכדעם, ווי עס איז דערשינען די גראַמאַטיקע און ער האָט זיך שוין באַזעצט אין 1909 אין וואַרשע, האָט ער פאַרן זעלבן פאַרלאַג „פּראָגרעס" איבערזעצט דאָסטאָיעווסקיס גרויס־ווערק „פאַרברעכן און שטראָף". קיינער האָט דאַן ניט געגלויבט אַז דער ריזיקער שריפטשטעלער דאָסטאָיעווסקי איז איבערזעצבאַר אין יידיש. זלמן רייזען האָט ניט נאָר באַוויזן, אַז עס איז מעגלעך איבערצוזעצן דאָס־טאָיעווסקין אין יידיש נאָר אַז ס'איז אַפילו מעגלעך, אַז די איבערזעצונג זאָל אין געוויסע שטעלן — אויב ניט אינגאַנצן — איבערשטייגן דעם אָריגינאַל. די איבערזעצונג האָט אַרויסגערופן גרויס אַנטציקונג ביי אַלע יידישע לייענער און אַפילו שרייבער, וואָס לייענענדיק עס נאָכאַמאָל אין דער איבערזעצונג האָבן זיי דורכגעלעבט אַ נייעם גענוס פון גרויסן ווערק, ווי פון אַ נייעם ווערק בכלל. דר. זשיטלאָווסקי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אין דער יידישער איבער־זעצונג איז דאָסטיאָיעווסקיס ווערק נאָך גרעסער און טיפער געוואָרן. און עס איז ניט קיין וואונדער — אין יידיש, וואָס האָט אַלערליי נואַנסן פאַר פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען — האָט דאָסטיאָיעווסקיס סטיל אין זלמן רייזענס איבערזעצונג געפונען אַ תיקון...

אויך האָט זלמן רייזען אַרויסגעוויזן גרויס מייסטערשאַפט אין זיינע איבערזעצונגען פון טאָמאַס מאַן „דער קליינער הערר פרידמאַן". — די ערשטע דערציילונג בכלל פון טאָמאַס מאַן, און אין יידיש! פון יאָהאַנעס יענסענס וואונדערלעכער דערציילונג „לואיזאַן", קנוט האמסנס הומאָריסטישע דערציי־לונג „אַ פאַרלעזונג", פון היינריך היינעס „אַטא־טראָלל" און אַפילו אַ פּאָר לידער פון ביאַליק און פילע אַנדערע, מיט וועלכע ער האָט באַרייכערט די יידישע איבערזעצונגס ליטעראַטור, אַריינטראָגנדיק אין איר נייע ווערטן, נייע באַגריפן און געפיינערטן סטיל.

אָבער זיינע גרויסע פאַרדינסטן, פּויאיקייטן און באַגאַבונג איז ניט צו זוכן אויפן פעלד פון איבערזעצונגען. די טעטיקייט פון אַזאַ אָריגינעלן שעפער (אין שפּראַך פאָרשונג איז אויך נויטיק שעפונג און אָריגינאַליטעט) ווי זלמן רייזען שעפּט זיך ניט אויס דערמיט. זיין הויפּט ווערק איז און וועט בלייבן — ניט קוקנדיק אויף אַלע אַנדערע גרויסע אַרבעטן זיינע, וואָס זיינען

אויך שאַפונגען — דער „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט יאָרן לאַנג אין די שווערסטע באַדינגונגען.

די וועלט ליטעראַטור קאָן זיך ניט באַרימען מיט אַזאַ ריזיקער אַרבעט, וואָס דערגרייכט צו העכסטער שאַפונג, געבנדיק די ביאָגראַפיעס פון די קלענסטע ביז די גרעסטע אין אַזאַ געליטערטער פאָרם, מיט אַזאַ ריינער אומפאַרטייאישקייט און מיט אַזוי פיל ליבע צו אַלע די וואָס האָבן — יעדער לויט זיין באַגאַבונג — געפלאַנצט דעם גרויסן גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור. און ניט נאָר פון די יידישע שרייבער, דיכטער, דענקער און פילאָזאָפן אַליין. אויב אַזאַ ריז ווי געטע וואָס האָט דאַכט זיך קיין שייכות ניט מיט דער יידישער ליטעראַטור, האָט אָבער נאָך אין זיין יוגנט געשאַפן עט־וואָס אין יידיש — אַ „פורים־שפיל". האָט דער גרויסער יידיש פאָרשער, זלמן רייזען — אויך געטאָס נאָמען און ווערק אין יידישע שאַפונגען פאַרצייכנט — מיט גרויס חשיבות — אין זיין לעקסיקאָן.

זלמן רייזענס אמתע גרויסע נאַציאָנאַלע טעטיקייט אין 1914, אין ווילנע, וואָס ער האָט ממש אין יענער צייט אָפּגעהאַלטן מיט זיין קאַמף פאַר יידיש — אָפּגעהאַלטן איר זיג פאַר איר אויפקום.



שרה רייזן — קלמן רייזן — גרישע קאסל־רייזן — ד״ר ספּיוואַק

**פראָפעסאָר שאָטיס**

# די בעלי מוסר

## (דאָס יידישע סאָציאַלע לעבן אין דער „מוסר" אין 16—18־טן יאָרהונדערט)

אין 16־טן יאָרהונדערט, ווען ס׳פאַרפעסטיקן זיך די יידישע געמיינדעס אין פוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, ווען די יידישע באַפעלקערונג פאַרשטאַרקט אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, — דערהויפּט, אין האַנדל — בליט אויף אויך דאָס קולטורעלע יידישע לעבן. ס׳גרינדן זיך ישיבות, ס׳טרעטן אַרויס אויף דער סצענע אויטאָריטעטע רבנים און לומדים.

דער הויפּט־לימוד איז געווען תלמוד אין זיינע קאָמענטאַריעס; דער מעטאָד פון לערנען — „פּילפּול". די רעפאָרמאַציע אין אייראָפּע מיט אירע נייע אידייען האָבן זייער ווייניק געווירקט אויף יידן בכלל און אויף דער יידישער אינטעליגענץ, בפרט. ווען אַפילו אייניקע פון אירע פאָרשטייער פלעגן זיך יאָ באַקאָנען מיט דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע (לויטן רמב"ם), איז דאָס געווען בלויז אַ מיטל צו דיסקוטירן מיט די אַפּיקורסים („דע מה שתשיב לאפיקורוס" — וויס, וואָס צו ענטפערן דעם אַפּיקורוס). אמת, רייכע פוילישע יידן פלעגן אָפט שיקן זייערע יונגעלייט אין אייניקע אייראָפּעאישע אוניווער־סיטעטן, כדי צו שטודירן מעדיצין, נאָר ס׳איז ניט קענטיק, אַז זיי זאָלן אַריינברענגען וועלכע ס׳ניט איז נייע אידייען אין דער יידישער קולטורעלער סביבה. אָבער דאָס אַליין, וואָס אין יענער צייט (ערשטע העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט) ריידן אָפט די רבנים וועגן קאַמף מיט די אַפּיקורסים, מיט אַריסטאָטעלעס פילאָסאָפיע, וואָס האָט געפונען אירע אָנהענגער אויך אין די ישיבות, — דערווייזט, אַז דער אייראָפּעאישער קולטורעלער רענעסאַנס האָט אַ קליינעם אָפּקלאַנג יאָ געפונען צווישן יידן.

לערנען האָט געהייסן — שטודירן תלמוד און זיינע קאָמענטאַריעס.

דאָס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט די פּוילישע און ליטוויש־ווייסרוסישע יידן נאָך פון דייטשלאַנד. נאָר ביי אונדז האָט זיך דערדאָזיקער לערנען־מעטאָד נאָך מער פאַרשטאַרקט אין 16טן יאָרהונדערט. ניט באַקומענדיק קיין שום ווירקונג מצד דער אַרומיקער גייסטיקער קולטור (אַ ווירקונג, וועלכע איז געווען, צ. ב., אין שפּאַניען), האָבן די פּויליש־ליטווישע לומדים (וועלכע זיינען אָפט געווען אויך די אַנגעזעענסטע גבירים), געשטרעבט נאָך מער צו פאַרשאַרפן דעם תלמוד דורך „פּלפול" און „חילוק". דידאָזיקעביידע מעטאָדן פון גמרא לערנען זיינען כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס זיי איגנאָרירן אינגאַנצן דעם אינהאַלט, דעם ריכטיקן פשט פון גמרא און שאַפן קינסטלעכע קעגנזאַצן און פאַרדרייעניש פון פאַרשיידענע דינים.

דעם יידישן גביר איז דאַן פרעמד געווען דער „מוסר" פון דער תורה, פון תלמוד. זיין אָרטאָדאָקסאַלער גלויבן איז אַ ריין פאָרמעלער, אַ זאַך פון ריטואַלן, וועלכע זיינען אויך פאַרבונדן מיט קלאַסן־קאָנקורענץ. די יידישע שול מיט איר שטרענגער קלאַסן־פאַנאַנדערטיילונג בנוגע צו די פלעצער („שטעט") פאַר גבירים און לומדים (מזרח־וואַנט), מיטעלע באַלעבאַטים און אָרעמע־לייט; די קאָנקורענץ פאַר „עליות", „הקפות" א. אַז. וו. — דאָס אַלץ איז אויך אַ קולטורעלער אויבערבוי" און עקאָנאָמישן „באַזיס". מיט דעמזעלביקן גייסט איז אויך דורכגעדרונגען געווען דאָס לערנען תורה.

פאַר די אָרעמע שיכטן פון יידישן פאָלק איז דידאָזיקע קולטור געווען פרעמד, אומצוגענגלעך און אומפאַרשטענדלעך. זיי האָבן הויך געשאַצט דעם למדן, אים שטאַרק אידעאַליזירט, אָבער אים ניט פאַרשטאַנען. די פאָלקס־מאַסע, אונטער דעם דרוק פון מאַטעריעלער נויט און פיין, האָט געזוכט אַ ספר, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אירע געפילן און אַרט דענקען, און דאָס האָט זי געפונען אין חומש, אין דעם הגדישן טייל פון תלמוד און מוסר־ליטעראַטור, אין די דערציילונגען וועגן ניסים א. ד. גל., וועלכע זיינען דורכגעדרונגען ניט מיטן ראַציאָנאַליזם, „שכל הישר", נאָר מיטן גלויבן, מיטן געפיל, מיט דער טענדענץ צו טרייסטן דעם מענטשן אין זיינע ליידן און צרות.

שוין די אַלטע תלמודיסטן האָבן באַמערקט, אַז די אָרעמע מאַסע גאַרט צו דער ביבל און צו „אגדה", און דער פאָרמעגלעכער קלאַס צו „הלכה". נאָך שטאַרקער איז געוואָרן דערדאָזיקער גייסטיקער קלאַסן־אונטערשייד אין מיטלאַלטער און באַזונדער, אין דער נייער צייט, אָנהויבנדיק פון 16טן יאָרהונדערט, ווען די עקאָנאָמישע נויט, פון איין זייט, און די רייכקייט פון

די אויבערשטע שיכטן פון פאָלק, פון דער צווייטער זייט, האָבן פאַרגרעסערט די עקאָנאָמישע און קולטורעלע דיפערענצירונג צווישן ייִדן. ס'הויבן זיך אָן צו דרוקן ספרים אויף ייִדיש פאַר די פרויען און דער מאַסע, וואָס פאַרשטייען ניט קיין העברעאיש און אַראַמעאיש (די שפּראַך פון תלמוד).

דאָס זיינען, די ערשטע ביבל־איבערזעצונגען אויף ייִדיש, די מוסר־ספרים און אַנדערע. שווער איז געווען צו דרוקן און פאַרשפּרייטן אַזעלכע ביכער. די לומדים האָבן זיך באַצויגן צו זיי מיט אַ פאַראַכטונג. די ייִדישע איבערזעצער און אויטאָרן זיינען, מערסטנטיילס, געווען אָרעמעלייט, וועלכע פלעגן אָפּט אַליין אַרויסגעבן דידאַקטישע ביכער און זיי אַליין פאַרשפּרייטן. די מאַסע, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין אַזעלכע ביכער, איז געווען אָרעם. פאַרקערט, די פּלפּולים־שרייבער האָבן אַלע מאָל באַקומען די „הסכמות הגאונים" אויף זייערע ווערק און די נויטיקע שטיצע מצד די גבירישע מעצענאַטן. די רבנים פלעגן אָפּט אַרויסטרעטן קעגן דרוקן ביכער אויף ייִדיש. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, אַז די ערשטע איבערזעצונגען פון דער ביבל זיינען געמאַכט געוואָרן ניט דורך ייִדן, נאָר דורך משומדים. די רבנים האָבן אַ צייט ניט דערלויבט צו דרוקן „תנ"ך" אין איין באַנד, כדי ער זאָל זיך ניט צו פיל פאַרשפּרייטן און ניט אָפּציען פון גמרא־לערנען[1]). די לומדים, וועלכע האָבן געשריבן פאַרענטפערנדיק זיך דערביי, אַז זיי זיינען גענויט דאָס צו טאָן, ווייל די פרויען און דער פּשוטער עולם פאַרשטייט ניט קיין העברעאיש. ניט קוקנדיק אָבער אויף דידאַקטישע שטערונגען, האָט זיך דידאַקטישע פאָלק־ליטעראַטור, וועלכע איז דורכגעדרונגען, מערסטנטיילס, מיט מאָראַל, „מוסר", אַלץ מער אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט צווישן דער ייִדישער מאַסע[2]).

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער מוסר־ליטעראַטור איז איר נאָענטקייט צו דער ביבל און אגדה, אינם „מוסר" ווערט אָפּט אויסגעדריקט

---

1) אויספירלעך וועגן דעם — ב. א. שולמאַן אין זיין באַוואוסטע ווערק וועגן דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור.

איבערהויפּט דאַרף מען באַמערקן, אַז דער בוך אויף ייִדיש האָט דעמאָקראַטיזירט די רעליגיעזע ליטעראַטור, זי געמאַכט צוגענגלעך אַפילו פאַר פרויען און האָט געשטעלט אין אַ געפאַר די מאָנאָפּאָל פון די רבנים און למדנים אויף תורה־לערנען. אַ שולמאַן גיט איבער, אַז אין זיין קינדהייט האָט ער געהערט דערציילן, אַז מיט אַסך דורות צוריק האָט מען אין ווילנע פאַרברענט די ייִדישע איבערזעצונג פון „שלחן ערוך", ווייל פּראָסטע מענטשן, באַזונדער פרויען האָבן אָנגעהויבן צו פּסקענען שאלות (שפת יהודית־אשכנזית וספרותה" ז. 74 באמ. 2).

2) א. שולמאַן „שפת יהודית־אשכנזית וספרותה ז. IX — V, 4 — 12, 22, 23, 37 — 40, 56 — 61, 68, 88, 89, 93, 99 א. ח.

דער פּראָטעסט קעגן דער העגמאָניע פון תלמוד און „פּילפּול" אין דער ייִדישער דערציאונג. אין איינעם פון די ערשטע ייִדישע ביכער, וועלכע ייִדיש, פּלעגן זיך שעמען דערמיט און דרוקן זייער ייִדישע ווערק אַנאָנים, זיינען דערשינען אין 16־טן יאָרהונדערט, קלאָגט זיך דער אַרויסגעבער, אַז כמעט אין גאַנץ פּוילן (און אויך אין אַנדערע לענדער) איילט מען זיך שיין מיט קינדער אָנצוהייבן לערנען גמרא מיט „חריפות" און „חילוקים" און דעם „עיקר יסוד", די ביבל לאָזט מען שטיין [3]).

אַזעלכע פּראָטעסטן הערן מיר אויך מצד אייניקע פּוילישע רבנים, וועלכע האָבן געשריבן „מוסר". איינער פון זיי, שלמה אפרים פון לונטשיץ, וועלכער פלעגט איבערהויפּט שאַרף אַרויסטרעטן אין זיינע דרשות קעגן די רבנים צו זיין צייט (צווייטע העלפט פון 16־טן יאָרהונדערט), באַשרייבט אויף אַזאַ אופן די דעמאָלטיקע לערן־מעטאָדן: דאָס קינד לערנט פּסוקים פון יעדער סדרה, ניט פאַרשטייענדיק דעם אינהאַלט. אין גיכן טרעט ער שוין צו צו לערנען גמרא — אַזעלכע טראַקטאַטן, ווי „עירובין", „חולין", וואָס זיינען אינגאַנצן פרעמד דעם קינדערשן פאַרשטאַנד. ער באַקומט אַ ידיעה נאָר וועגן „שיטת התלמוד", אָבער ניט וועגן מצוות און מוסר. און די סיבה דערפון באַשטייט אין דעם, וואָס דער פאָטער פונם קינד וויל דערמיט בלויז באַפרידיקן זיין גאווה: לייט זאָלן זאָגן, אַזאַ יונג קינד, און לערנט שוין „הלכה", „תוספות", „פּילפּול", „חילוק"... און ווען ער וואַקסט אויס, גייט ער שוין ווייטער אין דעמזעלביקן וועג, ווייל אין די ישיבות לערנט מען דאָסזעלבע. דער רב זיצט אין דער ישיבה און פאַרדרייט דעם פּשט פון דער גמרא, וויסנדיק, אַז ניט אַזוי איז דער פּשט, נאָר ווילנדיק אַרויסווייזן זיינע „חידושים" און זיך מאַכן אַ שם מיט פאַלשקייט און נאַרישקייטן. דער אויטאָר גיט צו, אַז ס'זיינען פאַראַן אייניקע מענטשן, וועלכע וואָלטן וועלן אָפּשאַפן אַזעלכע לערן־מעטאָדן, נאָר זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו קעמפן דערמיט. ער אַליין האָט געפירט דיספּוטן מיט די גרויסע „חכמי הדור", כדי זיי איבערצוצייגן, אַז מ'דאַרף פאַרניכטן דעם „פּילפּול", נאָר ער האָט זיי ניט געקאָנט מנצח זיין. די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס זיי יאָגן זיך נאָך כבוד און הערשאַפט. זיי זאָגן: אויב ניט דער פּילפּול, וועלכער שאַרפט אויס דעם שכל, טאָ מיט וואָס וועט זיך אויסצייכענען איין למדן פון צווייטן?... דערפון קומט אַרויס, אַז די יונגעלייט, וועלכע קאָנען ניט קיין פּילפּול, ווערן אינגאַנצן איגנאָרירט

3) דאָרטן ז. 45 — 46.

(„נחשבים למאומה") אין מיזן איפהערן צו לערנען, כאָטש זיי וואָלטן געקאָנט האָבן אַן ערפּאָלג אין „מקרא, משנה ותלמוד ופּוסקים". דער מחבר פּראָטעס־טירט ווייטער קעגן די לומדים פון זיין צייט, וועלכע האַלטן זיך גרויס ביי זיך, פירן צווישן זיך מחלוקתן א. אַז. וו.[4]).

.2

אין דער מוסר־ליטעראַטור ווערט, געוויינטלעך, אָנגעוויזן אויך אויף אַנדערע נעגאַטיווע זייטן פון יידישן לעבן.

איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער יידישער גביר און קרעמער האָבן אַריינגעטראָגן אין שול, אין בית־מדרש, די וואָכעדיקייט פון מאַרק מיט דער קריגעריי און צאַנקעריי. דער „מוסר" טרעט אַרויס שאַרף קעגן דעם און מאָלט דערביי דיווירקלעכקייט. אין ערשטן מוסר־ווערק אויף יידיש „זיטנבוך" (אין העברעאיש — „ספר המדות", דערשינען צום ערשטן מאָל אין 1542־יאָר), קלאָגט זיך דער מחבר, אַז ווען גיים באַזוכן יידישע שולן און זעען, ווי די דאָווגער ריידן און קריגן זיך, טרייבן רכילות, בילבולים א. ד. גל., קומט דערפון אַרויס אַ גרויסער „חלול השם"[5]). דערזעלביקער מאָטיוו ווערט אויסגעדריקט אויך אין אַנדערע מוסר־ספרים, וועלכע זיינען אַרויס אין דזשטשלאַנד און פוילן (באַזונדער אין „לב טוב"[6]); ער חזרט זיך איבער אויך אין דער מוסר־ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דאָס פּויליש־ליטוויש און ווייסרוסישע יידישע לעבן.

בנוגע צום פּוילישן יידנטום, בכלל, איז כדאי אָנצואווייזן אויף דעמזעלבן בעל־מוסר, שלמה אפרים פון לונטשיץ, וועלכער קריטיקירט שאַרף די פּאַר־דאַרבענע מנהגים אין שול: דאָס שרייען און קריגן זיך, דאָס אויסרופן („כרוזיו"), וועגן פאַרשיידענע מאַטעריעלע געשעפטן (וועגן פאַרקויפן סחורות, שפּייז־פּראָדוקטן, בראָנפן א. ד. גל.). ער ווייזט אָן, אַז אויב מ'קאָן זיך ניט באַגיין אָן יענע „כרוזים", וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די באַדערפענישן פון דער גאַנצער יידישער געמיינדע („צרכי הציבור"), איז אַ זינד און אַ

---

4) „עמודי אש" (געשריבן אין שס"ה, 1605־טן יאָר) קאַפּיטל 5 און ז. 61 — 62, לעמבערגער אויסגאַבע פון 1865־טן יאָר.

5) ביי שולמאַנען, ז. 88.

6) אויספירלעך אויפן סאָציאַלן אינהאַלט פון „לב טוב" וועל איך זיך אָפּשטעלן באַזונדער (אין אַ צווייטער אַרבעט).

שאַנד איסצורופן אין שול וועגן די אָנגעוויזענע פּריוואַטע מאַרק־ענינים. דער בעל־מוסר שטראָפט זיינע בני־דור: די מאַסע פאַרשטייט ניט די תפילות, ווייל זי קאָן ניט קיין העברעאיש, און די, וואָס פאַרשטייען יאָ די „הייליקע שפּראַך״, טראַכטן אין דער צייט פון דאַווענען וועגן זייערע געשעפטן, און וועלכע זיי זיינען אַזוי פיל פאַרטאָן, אַז אַפילו „בשעת התפילה״ קאָנען זיי ניט פאַרגעסן וועגן זיי:

„זיי שטייען אין שול און זייער האַרץ איז אין גאַס. אַ טייל פון זיי שפּאַצירן אין דערזעלבער צייט אין די גאַסן... אַפילו די חזנים טראַכטן ניט וועגן אינהאַלט פון דאַווענען, נאָר וועגן דעם, ווי אויסצונעמען באַם אוילעם מיט זייער שיינער שטימע, כדי מע זאָל זיי לויבן און בעסער באַלוינען מיט געלט און מאַטאָנעס, זיי איינלאַדן אין טרינק־הייזער, ווו זיי וועלן זינגען גאָטס ליד („שיר ה׳״)... באַזונדער גרויס איז אָבער דער „חילול השם״ איבער די שטענדיקע קאָנפליקטן און מחלוקעסן צווישן די יידן אין שול, וועלכע פאַרהאַלטן אָפט דאָס דאַווענען, דאָס לייענען די תורה (עיכוב התפילה, עיכוב התורה) צוליב זייערע פּערזענלעכע שטרייטיקייטן. דערפון קומט אַרויס אַ שאַנד פאַר די קריסטן, וועלכע באַזוכן אָפט די שולן, קעדיי צו זעען, ווי יידן פירן זיך דאָרט: הערנדיק דעם געשריי און קריגעריי אין שול, זידלען זיי דעם גאָטס־גלויבן פון די יידן און אַלע זייערע איניאָנים. און די יידישע אָנפירער טוען גאָרניט קעגן דעם, ווייל זיי זיינען די ערשטע, וואָס נעמען דערינען אָן אָנטייל...״[7].

די מחלוקתן אין שול, דער עקשנותדיקער קאַמף צווישן פאַרשיידענע צדדים, וואָס מיר באַמערקן אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, — קאָן דערקלערט ווערן נאָר מיטן קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט אויסער דער שול, — אויף דער גאַס, אין מאַרק, אַרום דער מסחר, אַרענדע א. ד. גל. אין בית־מדרש האָט די קאָנקורענץ באַקומען אַ גייסטיקע פאָרם. זי איז געוואָרן „מחלוקת לשם שמים״ — פאַר אַ חזן, אַ רבֿ, פאַר דעם אָדער יענעם „נוסח״ פון דאַווענען א. ד. גל. אָפט פלעגט מען אַפילו אַריינמישן אין דידאַזיקע מחלוקתן — די

---

7) „עמודי אש״, ז. 22, 23.
8) דאָרטן ז. 62.

אויסערלעכע מאַכט...[ט]). דער „מוסר" דעקט אָפּט אויף דידאַקטיק געוויינלעכע דערשיינונג פון יידישן לעבן און פריידיקט שלום, אחדות[י]).

די פּראָבלעם פון רייכקייט און אָרעמקייט פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער מוסר־ליטעראַטור (אויספירלעך וועגן דעם — ווייטער, ק. 6 און 7), דער מוסר איז ניט קעגן אָרעם און רייך, בכלל. ס'שטייט דאָך נאָך אין דער תורה: „לא יחדל עני מקרב הארץ" (דער אָרעמאַן וועט שטענדיק זיין). דער בעל־מוסר שטראָפט דעם קאַרגן גביר פאַר וואָס ער גיט ניט קיין צדקה און ווייזט אָן דערויף, אַז ער קען גיך פאַרלירן זיין רייכקייט. אין דער־זעלבער צייט טרייסט ער דעם אָרעמאַן מיטן קומענדיקן גן־עדן אויף יענער וועלט, אַלס שכר פאַר זיינע צרות אויף דעם וועלט.

דער מוסר טרעט אָפּט שאַרף אַרויס (ווי מיר וועלן ווייטער זעען) קעגן די פאַרשטייער פון די יידישע געמיינדעס, פרנסים און רבנים, שטראָפט זיי פאַר זייער גרויסקייט, קאַלטבלוטיקייט צום אָרעמאַן א. ד. גל. אָבער צוזאַמען דערמיט פריידיקט ער הכנעה בנוגע דעם יידישן קהל און זיינע אָנפירער. דערמיט ווערן אָפּט אויפגעדעקט די סאָציאַלע קעגנזאַצן צווישן יידישן פאָלק. דאָס זעען מיר אין די באַוואוסטע מוסר־ספרים: „ספר־חסידים", „ספר־המדות" („זיטנבוך"), „לב טוב" און אַנדערע. און אויך ביי שלמה אפרים פון לונטשיץ אין זיינע ווערק „עמודי שש"", „עוללות אפרים", „שפתי דעת".

.3

די סאָציאַלע מאָטיוון און טענדענצן טרעטן באַזונדער שאַרף אַרויס אין דער ליטוויש־ווייסרוסישער מוסר־ליטעראַטור: אין „יסוד יוסף" און אין דעם באַוואוסטן מוסר־ספר — „קב הישר" פון צבי הירש קוידענאָווער, וועלכער האָט פיל געלערנט פון זיין רבין, יוסף פון דובנאָ און זיין נאָר וואָס דערמאָנטן אינטערעסאַנטן מוסר־ווערק „יסוד יוסף". ביידע האָבן זיי געלעבט אין ווייסרוסלאַנד. דער מחבר פון „יסוד יוסף" — אין מינסק (דערנאָך — אין דובנאָ) [11]); דער מחבר פון „קב הישר" האָט געשטאַמט פון קוידענאָוו און האָט

9) אין אייניקע ערטער, — שרייבט דערזעלבער מחבר, — צוטיילן די גוים, די „שרי האומות", די תפילות און תקיעות, ז. 63.

10) ז. 44, 57, 63 — 64.

11) פון יוסף פון דובנאָ שטאַמט די פאַמיליע דובנאָוו.

געלעבט אין ווילנע. זיי האָבןביידע איבערגעלעבט די שווערסטע פעריאָדע פון דער יידישער געשיכטע אין פוילן — נאָך די קאָזאַקן־אויפשטאַנדן און פּאָגראָמען פון 1648—1658 יאָרן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אוקראַינע און האָבן שטאַרק אויפגערודערט אויך די יידישע באַפעלקערונג פון ווייסרוסלאַנד און ליטע. דידאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט זייער פאַרשטאַרקט די אָרעמקייט, די פּראָלעטאַריזירונג פון דער יידישער מאַסע און די סאָציאַלע אונטערשיידן, קאָנטראַסטן צווישן איר און די אויבערשטע שיכטן פון יידישן פאָלק. אָט דערדאָזיקער שרעקלעכער קריזיס שפּיגלט זיך זייער בולט אָפּ אין ביידע אָנגערופענע מוסר־ספרים.

ביידע מחברים זיינען דורכגעדרונגען מיט דער מרה־שחורה פון זייער צייט און מיט אַ גרויסן אַסקעטיזם, וועלכן זיי שטרעבן איינצופּלאַנצן אין די הערצער פון דער יידישער מאַסע[12]). יידן טאָרן ניט לאַכן, ניט פרייען זיך אין שטענדיק אין זינען האָבן דעם חורבן בית־המקדש און די „הייליקע נשמות", וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף קידוש־השם. מ'דאַרף מכניע זיין דאָס האַרץ, אַלע מאָל טראַכטן אויף זיך די פּאַרכט פון גאָט און תמיד געדענקען, אַז מיט יעדן טאָג דערנענטערט זיך דער מענטש צום טויט און אויף יענער וועלט וועט ער דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר יעדן וואָרט, יעדן טאָט אין געדאַנק א. א. וו.[13]). דער מחבר פון „קב הישר", וועלכער האָט שפּעטער געלעבט נאָך אין אַ שווערער צייט, און אַליין איבערגעטראָגן גרויסע יסורים אין רדיפות (א(יבער אַ בילבול איז ער מיט זיין פאַמיליע געזעסן אין תפיסה 4 יאָר), — ער איז נאָך אַסך פּעסימיסטישער פון זיין רבן און איז מער אָנגעשטעקט מיט די פינצטערסטע גלויבונגען פון זיין צייט.

אָבער זיי ביידע מוזן אָפּט קאָנסטאַטירן, אַז דאָס ווירקלעכע לעבן איז אין געוויסע געביטן זייער ווייט געווען פון אַסקעטיזם. נאָך די שווערסטע גזירות, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט, שטעלט זיך געוויינטלעך איין דער אַלטער לעבנשטייגער מיט רייכקייט און אָרעמקייט, שמחות און פאַרגעניגן, אויף איין זייט, און אַ לעבן פון טרויער און פּיין, אויף דער צווייטער זייט. שוין דער אויבנציטירטער מחבר פון „עמודי שש", וועלכע איז צוזאַמען מיט

12) אין אַנדערן כאַראַקטער טראָגט אַ צווייטער מוסר־בוך „שמחת הנפש", אויף וועלכן ס'איז כדאי באַזונדער זיך אָפּצושטעלן.

13) „יסוד יוסף", שקלאָווער אויסגאַבע 1785־טן יאָר (תקמ"ה), געשריבן אין די 80־ער יאָרן פון 17־טן יאָרהונדערט. זע די הקדמה אין זייטן 1 — 4.

דער גאַנצער ידישער געמיינדע אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לעמבערג (וועגן דעם דערציילט ער אַליין אין פאָרוואָרט צום אַנגערופענעם ספר), ווייזט אָן אויף דעם פאַקט, אַז ידן פאַרגעסן גיך די איבערגעלעבטע צרות און רדיפות. — כאָטש זייער לעבן איז שטענדיק אין געפאַר. די סיבה דערפון זעט ער אין דעם, וואָס ידן קאָנקורירן שטענדיק צווישן זיך, האָבן פיינט און זיינען מקנא איינער דעם צווייטן. איבער דעמדאָזיקן אינערלעכן קריג פאַרגעסן זיי די אויסערלעכע געפאַר. ווען זיי לעבן צייטווייליק אין פרידן, מיינען זיי, אַז שטענדיק וועט דאָס אַזוי זיין. דער אמת איז אָבער ניט אַזוי... יעדן טאָג זיינען מיר אָפּהענגיק פון גאָטס ווילן און גענאָד. נאָר אַ בלינדער מענטש זעט ניט די פאַרגאַנגענהייט, די איצטיקע צייט און, באַזונדער די צוקונפט[14].

דעמזעלביקן געדאַנק זאָגן אַרויס אין איין קול די מחברים פון „יסוד יוסף" (ז. 13) און „קב הישר" (פ׳. ז׳):

...-„אַזו וויא מיר האָבין גיזעהען אַז פיל עשירים זענין געהרגת געוואָרן פון וועגין זייער עשירות, דס דיא גזלנים האָבין אויף זייא גילאָקרט און האָבין זייא נאָך גיאָגט און האָבין זייא געשלאָגין מיט שלעק און האָבין זיי געשטראָפּט מיט שווערע יסורים, ביז זייער נשמה איז אַרויס גיגאַנגען מחמת די שלעק און די ווינדן, און אַ טייל פון זייא זענין אַפילו צו דער קבורה ניט גיקומען, איז דאָס געלט גיוועזן צוא זייא אַ שלעכט פירונג, וואָרום מיר האָבין דאָך גיזעהן בחוש, אַז פיל מענטשין זענין געגאַנגען אין דעם וועג און עס האָט זיך זייא ניט געטראָפין קיין שום שלעכטס, נאָר צוא דער עושר האָט זיך אַזעלכעש גיטראָפין, דאָס ער איז פאַרלאָרין געוואָרין דורך זיין עשירות. און וואָרום זאָל דער מענטש ניט ווידער קערין צוא זיין האַרץ, אַז פיל מענטשין, וואָס האָבין גרויס טרחות און יגיעות גיהאָט: ביא טאָג טוט זייא די היץ פאַר דרבין און די קעלט ביא נאַכט און גיין אין דר פינסטער, אין וואַסער און אין שנייא, ביז זייא האָבין שוין געקריגין עטליכע טויזנט גילדין, און די צייט וואָס ער דאַרף זיך שוין פרייען מיט זיין חלק און זאָל הנאה האָבין פון זיין יגיע כפו, קומט פלוצלינג אויף אים דער טויט, און מוז פון אַלעמען ווערין אָפּ געשייד און שטאַרבט און לאָזט צו אַנדערע גאָר זיין עשירות וואָס ער האָט זיך

14) „עמודי אש" פ. 5.

גימיהט און האָט איין גיזאַמילט איינציג ווייס, ביז ער האָט געקריגין זייער פיל געלט מיט זיין שוויס און זיין האַרעוואַניע. אַצינד סאַר לאָזט ער עס צו אַנדרן מענטשין. אין אַ מאָל נעמט זיין ווייב דס געלט פאַר איר כתובה, און נאָך זיין טויט האָט זיא חתונה צו איין אַנדערין מאַן און גיט אים אַוועק גאָר איר געלט, און זיינע קינדער זייען באָרוויס און זייערע קליידר זענין צו ריסען און דיא קינדר האָבין קיין שום הנאה ניט פון זייער פאָטערס געלט"...

די פאָגראָמען פון 17־טן יאָרהונדערט האָבן באַשאַפן נייע „קינות" און „תפילות": די רבנים און פרנסים האָבן געשטרעבט צו פאַרגרעסערן די פרומקייט אין שול און אויסער דער שול. די ווירקלעכקייט פלעגט זיך אָבער אָפּט ניט רעכענען מיט די פאַרשיידענע רעליגיעזע פאַרבאָטן.

יוסף פון דובנאָ פּראָטעסטירט קעגן די ייִדן, וואָס זאַמלען זיך צונויף קאָמפּאַניעסווייז און פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישע וועלטלעכע דער־ציילונגען, בפרט נאָך, ווען דאָס קומט פאָר אין שול: גאָטס שכינה באַלידיקט זיך דאָן און פאַרלאָזט דעם בית־מדרש, ווען מען שמועסט דאָרטן וועגן ניט פּאַסיקע זאַכן...[15]). דאָס אייגענע חזרט זיך איבער אין „קב הישר".

...„איך האָב גיזעהן איין גרויס שטרויכלונג אין פיל מדינות, דאָס מענטשן קומען אין שול אַריין און ניט גינוג וואָס זיי זאָגן קיין קינות מיט געוויין אין איין ביטר קול, נאָר זיי לאַכן נאָך און פרייען זיך, גלייך ווי אין שמחת תורה...

אין אַ צווייטן אָרט — אַלץ וועגן יענע מענטשן, וואָס זוכן נאָר פאַרגעניגן אויף דער וועלט:

„און אַז זיא שטייען אויף אין דער פריא, גייען זיי אין דיא גאַסין און אין די מאַרקין צו ריידן נאַרעשקייט אָדער פון וועגין זייער שפּיז און גייען אין שול אַריין אויף איין קליינער צייט און טוען אָן תפילין נאָר פון איין זכרון וועגין... און דאַבענען גישווינד אָן כוונה"...[16]).

פאַרקערט, מ'טראַכט אָפּט גאָר וועגן אַנדערע אינטערעסן. דער „קב הישר" איז מזהיר וועגן דעם:

---

15) „יסוד יוסף", ז. 2, 28, „קב הישר" פּ. צ"ד.
16) פּ. ל"ז.

„דער מענטש זאָל ניט זאָגן: דוקא איין הרהור עבירה איז אסור צו טראַכטן אין מיטן דאַוונען, נאָר אַפּילו איין הרהור פון משא ומתן, אָדער אַנדערע הרהורים זענען אייך אסור, וואָרום דער מענטש דאַרף זיין גלייך, ווי די מלאכים, וואָס צווישן זיי איז ניט פאַר האַנדין קיין עסקים פון עולם הזה"[17]).

די לעצטע ווערטער זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן בעל־מוסר. ער וויל ניט וויסן פון וועלטלעכע געשעפטן. ער פאַרטיפט זיך אין הימלישע ענינים, נאָר דאָס לעבן וועקט אים אויף פון זיין שלאָף און ער זעט, אַז דאָרט איז אַלץ דער היפוך פון זיין אַסקעטישן אידעאַל. באַזונדערס איז אין דעם זין אינטערעסאַנט דער „יסוד יוסף", וועלכע שטרייכט אַליין אונטער דעם קאָנטראַסט צווישן הימלישער „הייליקייט" און דער ערדישער וואָכעדיקייט.

ער מאָלט אונדז (ז. 24—25) אַ בילד וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך ביינאַכט, פאַר „חצות", אויפן הימל. גאָט צוזאַמען מיט די מלאכים קלאָגן אויף „חורבן בית המקדש" און זינגען „על נהרות בבל". זיי באַקלאָגן די צדיקים, וואָס זיינען דעמאָלט אומגעקומען און וועלכע ווערן אין יעדן דור געקוילעט, גע־הרגעט, פאַרברענט, דערטרונקען אָדער געפייניקט אויף קידוש השם און איבער פאַרשיידענע בילבולים. און דער געשריי אין הימל ווערט אַלץ שטאַרקער. גאָט דערמאָנט אַלע גרויסע צרות און יסורים, וואָס די ייִדן שטייען אויס פון די גוים („אומות העולם"), און ער לאָזט אַראָפּ צוויי טרערן, און ס'צופּלאַקערט זיך אַ גרויס פלאַקער... דאָס געדויערט ביז „חצות", ווען ס'קרייעט דער האָן. דאַן קומט גאָט אין גן־עדן און פאַרברענגט די צייט מיט די נשמות פון די צדיקים, — ביז דער מאָרגנשטערן גייט אויף. דאַן הויבן אָן צו זינגען „שירה" די שטערן און די „מזלות" און די מלאכים, וואָס זיינען אויף זיי באַשטימט („ממונה"). דערנאָך הויבט אָן די זון צו זינגען „שירה"...

פון דערדאָזיקער הימלישער אידיליע לאָזט זיך דער מחבר אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד און קאָנסטאַטירט, אַז די מענטשן, מיט פאַרשטאָפּטע הערצער, טראַכטן גאָרניט וועגן דער הייליקער מיסטעריע, וואָס קומט פאָר אויפן הימל יעדע נאַכט און פאַרטאָג. זיי שטרעבן ניט צו זיין צווישן די הייליקע נשמות, נאָר יאָגן זיך נאָך פאַרגעניגן אויף דער וועלט. מ'שטייט אויף אין דער פרי און מ'לויפט אין גאַס, נאָך פאַרן דאַוונען אין שול, מ'שפּאַנט

---

17) פּ. ח.

איפן מאַרק, אינדערהיים — אַלץ צוליב פּרנסה. ערשט נאָך די געשעפטן גייט מען אין שול און דערביי איז מען נאָך אַלץ פאַרטאָן אין וואָכנדיקע געדאַנקען. דערנאָך קערט מען זיך ווידער אום צו דערזעלביקער וואָכעדיקייט, ביז דער מענטש גייט שלאָפן און זיין נשמה קערט זיך אום צו גאָט, כדי אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון פאַר אַלץ, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן בייטאָג...

דאָס אייגענע חזרט איבער דער „קב הישר", ווי געוויינלעך, מיט די־זעלביקע ווערטער (פּ. ל"ז).

די ווירקלעכקייט איז געווען זייער ווייט פון דעם אַסקעטישן אידעאַל. לויטן „מוסר" האָט דאָס פּראַזאַישע לעבן געזאָלט „געהייליקט" ווערן דורך „מצוות ומעשים טובים". דער ייד האָט געדאַרפט געשעפט פירן, כדי צו לערנען תורה, עסן און טרינקען צוליב אַ ברכה, סעודות האָבן געדאַרפט זיין בלויז „סעודה של מצוה", פאַרגעניגן האָבן מיט זיין פרוי — נאָר מיט אַ פרומער כוונה, ס'זאָלן געבאָרן ווערן ערנטלעכע קינדער („יסוד יוסף" ז. 16) א. ד. גל. דאָס לעבן האָט אָבער געגעבן גאָר אַנדערע ביישפּילן. דער „יסוד יוסף" קלאָגט זיך אַלץ, אַז דער „המון עם" פירט זיך זייער שלעכט. אַ גאַנצן טאָג האַנדלט מען און אויף דער נאַכט קומט מען אַהיים און מען עסט און טרינקט און מען לייגט זיך שלאָפן, ווי אַ „בהמה ממש"... וואָס זשע, טענהט ער, איז דער אונטערשייד צווישן יידן און גוים? גוים, אַז זיי פייערן זייערע חגאָס, פרעסן זיי און שיכורן א. ד. גל. אָבער יידן עסן און טרינקען און פרייען זיך צוליב אַ מצווה, לערנען תורה און גייען אין שול... אַזוי דאַרף זיין, אָבער אַזוי איז עס ניט. טאָ צוליב וואָס האָט גאָט אויסדערוויילט דאָס יידישע פאָלק פון אַנדערע פעלקער? דאָך ניט צוליב דעם, אַז אויך דער ייד זאָל פרעסן און זויפן, זאָל גיין אויף אַלץ, וואָס זיין האַרץ גלוסט, זאָל זיין גאַנצן לעבן אָפּגעבן בלויז צוליב געשעפט און קערפּערלעכע פאַרגעניגנס... און דער מיסרניק חזרט איבער זיינע טענות: דער ייד דאַוונט, לייגט תפילין אָן אַ כוונה, טראַכט וועגן גאָר אַנדערע זאַכן און קערט זיך ווייטער אום צו זיינע געשעפטן, — אַלץ צוליב דער גוף און ניט דער נשמה"...[18]).

דער מענטש דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. דער, וואָס האָט קיין „בטחון" ניט, איילט נאָר צו זאַמלען געלט און טראַכט ניט, צי ס'איז גוט אַזוי. ער מיינט, אַז אויב ער וועט נאָר האָבן אַסך געלט, וועט אים שוין קיין שום „גזירה

---

18) „יסוד יוסף" ז. 24 — 25, 35, 38, 68.

מן השמים" ניט שאַטן און קיין אומגליק ניט טרעפן, ווייל דאָס געלט וועט אים פון אַלץ ראַטעווען. דעריבער האָט ער אַזוי ליב געלט, אַז ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר אָפּנאַרן און גזלענען דעם צווייטן, פאַלש שווערן אויפן געריכט, שטעלן פאַלשע עדות א. ד. גל. דער בעל־מוסר סטראַשעט זיי מיט גאָטס שטראָף און זאָגט צו, אַז יענע, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף גאָט, יאָגן זיך ניט נאָך אומאָרנטלעכע פאַרדינסטן, ליידן גרויסע צרות און האָפן דאָך, אַז פּלוצלינג וועט קומען די רעכטע צייט און זיי וועלן כשר געהאָלפן ווערן, — זיי וועלן ניצל ווערן פון אַלע אומגליקן, וואָס קומען אויף דער וועלט[19]).

די האָפענונג אויפן ווייטן גאָט איז אָבער שוין געווען צו אַבסטראַקט פאַר דער מאַסע ישובניקעס, קרעטשמאַרעס א. ד. גל. לעבנדיק נאָענט צו די פּויערים, האָבן אויך די יידישע ישובניקעס אָנגענומען אַסך פּויערשע אָבער־גלויבן. זיי ווענדן זיך צו קריסטלעכע כישוף־מאַכערס. דער מחבר פון „יסוד יוסף", אין זיין דרשה וועגן דער נויטיקייט זיך צו פאַרלאָזן אויף גאָט, קאָנ־סטאַטירט ווידער, אַז דער „המון עם" גייט ניט אין אָזעלכע וועגן. זיי יאָגן זיך נאָך פּרנסה און ווען זיי זעען, אַז ס'איז ניטאָ מער, מיט וואָס צו לעבן, טוען זיי שרעקלעכע זינד מיט כשופים און ברענגען אַריין אין זייערע הייזער „זונות", וועלכע מאַכן פאַרשיידענע קונצן. ווי איז צו זיי, שרייט אויס דער מחבר, זיי פאַרלירן די קומעדיקע וועלט פאַר „חיי שעה" און נעמען ניט אין אַכט, אַז גאָט מאַכט אָרעם און רייך, און ווער ס'האָט ניט קיין פּרנסה, דאַרף דאָס אָננעמען פאַר ליב און באַמיען זיך צו געפינען אַ כשרן געשעפט[20]).

כמעט דאָסזעלבע חזרט איבער דער „קב הישר", ווען ער שרייבט (פּ. כ"ה):

„וואָס איז שכיח צווישן די בעלי מחיות, דאָס זענען שענקערס, קרעמערס, דאָס אז זיי זעהן, אַז זייער מחיה ווערט גיוויינינגט, ווילן זיי ניט אָן נעמען מיט ליבשאַפט די גזירה פון גאָט ב"ה, כדי ער זאָל זייא גירעכינט ווערן פאַר איין כפּרה אוף זייערי זינד, נאָר זיי קליגן זיך קעגן גאָט ב"ה און טוען זאַכן דורך כישוף, אַז די מחיה זאָל זיך ווידער קערין צו זיי, און דאָס איז אַ גרויסע זינד"...

ס'זיינען געווען פרומע יידן אין גאָטס־זאַכן, אין דאַווענען און אין אַנ־דערע מצוות, אָבער ניט אין מענטשלעכע באַציאונגען. ביי זיי זיינען די מצוות

19) „יסוד יוסף", ז. 7, 26, 30, 31.
20) ז. 44. ב.

און דאָס תורה־לערנען געוואָרן בלויז אַ געוויינלעכער ריטואַל, אַ פּאַר־גליווערטער שטיק פון זייער לעבנשטייגער. דער „מוסר״ באַגנוגנט זיך ניט דערמיט, ער פאָדערט ניט נאָר מצוות, נאָר גוטע טאָטן („מעשים ובים״). דער ייד דאַרף, פאַרשטייט זיך, זאָגן אַלע „ברכות״ און „תפילות״ און הויבן דערביי זיינע הענט צו גאָט.

„נאָר בתנאי זיינע הענט זאָלן ריין זיין פון גזל און גנבה. אָבער אַז זיינע הענט זענען ניט ריין פון דעם אַלעמען, ווערט נאָך דערמאָנט זיינע זינד דורך דעם, וואָס ער הויבט אויף זיינע הענט אַפילו בשעת דאַוונען אין ער פאַרקערט דעם מדת הרחמים צו איין מדת הדין ח״ו. דרום זאָל דער מענש זעהן זיין משא ומתן באמונה, דאָס אין זיין געלט זאָל ניט זיין קיין שום אבק איסור, נאָר בהיתור. און אַז ער טוט זיין משא ומתן באמונה, די הענט, וואָס זיינען פאַרשפּרייט אַרויף בשעת תפילה, די דערוועקין אויף אים הייליקייט פון גאָט און דערבאַרעמקייט און גנאָד״...[21]).

דער בעל־מוסר האָט געקעמפט מיטן שווערן בכלל און מיט פאַלש שווערן בפרט[22]). אויף דעמזעלבן וועג גייט אויך דער מחבר פון „קב הישר״, ווען ער שרעקט דעם עולם:

„אין דער שטוב אָדער אין דער שטאָט, וואָס איז געוואוינטלעך פאַלשע שבועות איז דאָרט געוואוינטלעך אָרעמקייט״ (פּ. ב״ו):

אין אַ צווייטן אָרט (פּ. ס״א) שטראָפט אונדזער בעל מוסר די מענטשן, וועלכן זאָגן איין זאך און מיינען עפּעס אַנדערש, אָפּנאַרנדיק זייערע חברים:

...„וואָרום דעם מענשן, וואָס זיין פירונג איז אַן רמאות, און דער מענש וועט וועלן טראַכטן: מיר געפינען דאָך פיל מענשן, וואָס זייערע מעשים זענען מיט רמאות און זייער מויל און זייער האַרץ איז קיין מאָל ניט גליך און זענען מרמה די לייט מיט זייערע רייד און זענען פאָרט מרויח מיט זייערע מעשים, דען זאָלסטו וויסן, אַז זייער עונש איז זייער גרויס, אין זייער סוף וועט זיין — זיי וועלן אַוועק גיטריבן ווערין פון עולם הזה און עולם הבא״... און נאָך ווייטער (פּ׳ ס״ד):

21) „קב הישר״, פּ. ס״ג.

22) ז. מיין דערמאָנטן אַרטיקל אין „יווער סטאַרינאַ״ 1924, ז. 224 — 225.

..."אַז די ישראל זענען מבטל פון דער תורה און טוען ניט קיין מצות און גמילות חסדים, נאָר איטליכער פאַרגינט ניט זיין חבר, וואָס גאָט גיט אים, און זיינע מעשים זיינען איטל שנאה ושקר און מיט ערמה און איז מחלל השם מיט השגת גבול, אוי־וויא צו דעם מענשן"...

.4

דער בעל־מוסר איז געשטאַנען נאָענט צו דער יידישער מאַסע, ווייל נאָר זי האָט געפונען אַ טרייסט אין זיינע דרשות, וועלכע זיינען גאַנץ פרעמד געווען דעם פאַרמעגלעכן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס דער מוסר שטראָפט געוויינטלעך דעם רייכן יידן און פאַרטיידיקט דעם אָרעמאַן. דאָס זעען מיר שוין אין מיטלאַלטער (אין „ספר חסידים"), ווען די אָרעמקייט איז נאָך ניט שטאַרק געווען צווישן יידן (דייטשישע, פראַנצויזישע). דידאַקטישע טענדענץ ווערט אַסך דייטלעכער און שאַרפער אויסגעדריקט אין דער צווייטער העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט, אין ביידע מוסר־ווערק, „יסוד יוסף" און „קב הישר", וואָס שפיגלען אין זיך אָפּ יענע צייט [23]). אָט ווי אַזוי זיי שילדערן די לאַגע פונם רייכן און אָרעמאַן:

..."אַז עס קומט די צייט פון קעלט, דר עושר אין זיין הוז, גוט געבויט, און ער זיצט זיך, ווי איין הער, אין דר ווינטר שטוב און זיין אויבין איז וואַרים אין ביי אים אין שטוב איז גאַנץ וואַרים. און דר ארום מאַן, ניט גנוג ווס זיין שטוב איז פול מיט לעכר, נאָר ער האָט אָפילו ניט, פר ווס זיך האָלץ צו קופין, ער זאָל זיין לייב קענען דעכט אן וואַרמן. און די קעלט צו ברעכט זיין לייב און זיין גוף און די לייבער פון זיין הוז געזינד. און אַז איין רעגן גייט, רינט אין זיין שטוב אַריין און די וואַסער גיסט זיך אויף זיין הלז. און אַלע טעג פון איין אָרום־מאַן זענען מיט גרוס צער און ער מיט זיין הויז גזינד זיפצן תמיד און שרייען. און פון דעסט וועגן נעמן זיי עס אַלץ אָן מיט ליבשאַפט. און אז שבת און יו"ט קומט, וואָס דענמאָלט איז דיא צייט זיך צו זענפטיגן מיט עסין און טרינקן און מיט שייני קליידער, און דר אָרום־מאַן האָט קיין ברויט ניט, און פון דעסט וועגין גיט דער אָרום־מאַן און אַלמן אָפּ איין שבח

23) דער „קב הישר" איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין 1705־טן יאָר, נאָר געשריבן איז ער פריער.

והודיה צו גאָט ב"ה. דר עושר איז משדך זייני קינדר צוא וועמין אים גיפעלט, און דר אָרום־מאַן, ווייל ער הט נעביך קיין יכולת ניט צו טאָן אַ רעכטין שידוך, מוז ער טאָן וואָס פאַר איין שידוך אים קומט צו האַנדין, וועז ער, דער חתן, איז אַפילו איין בּור און האָט קיין שום ריח תורה ניט און איז ניט גאָטס פאַרכטיג, און עס איז פּונקט אַזוא, וויא ער בינט זיאַ פאַר איין לייב, אין זייני אייגין זעהן, ווי דר בּור שלאָגט אַלע טאָג זיין טאָכטער, און זיא לייט יסורים. און ווער קען עס אוס שרייבין גאָר דס ביטערקייט אין גאָר דעם צער, וואָס דר ארום מאַן לייט. און איטליכער ארום מאַן, ווס נעמט דס אַן מיט ליבשאַפט, איז דס סייער פון דעם גהינם ניט שולט אין אים, אין זיין שכר איז זייער גרויס, דען דר ארום מאַן איז אוף דער וועלט גירעכינט וויא איין מת. און דרום בין איך מזהיר: איטליכער ווס ניט געלט דעם ארום מאַן בשעת עס איז אים איינג, מוז ער געוואָרינט זיין, ער זאָל אים געבין מיט אַזו איין אופן, ער זאָל אים ניט מביש זיין, נאָר ער זאָל אים געבן אז קיינר זאָל ניט זעהן. און אַז זער גיט אים בפרהסיא, מוז ער געבן מיט אַזעלכע רייד, ווס זייא רוען אוף דאָס האַרץ, כלומר, ער זאָל אים אוס ריידן דס האַרץ" („קב הישר" פ. ט׳; גענומען פון יסוד יוסף ז. 8—7).

בכלל, ווערט דאָ גערעדט וועגן אָרעמע לייט. דאָס זיינען אָבער ניט בלויז קבצנים, נאָר אויך רואינירטע יידן, וועלכע האָבן געהאַט פרנסה „בצימצום" אָדער פאַרלאָרן אינגאַנצן דעם עקאָנאָמישן באָדן אונטער זיך און געמוזט אָנגעמען צום גביר, צו דער שטיצע פון דער געמיינדע"). ספּעציעל וועגן אַן אַרבעטער, אַ בעל־מלאכה ווערט גערעדט בלויז אין איינציקע ערטער, וועלכע ס'איז נויטיק אויספירלעך צו ברענגען.

איבערחזרנדיק די באַוואוסטע ביבלישע געבאָטן בנוגע צו אַ געדונגענעם אַרבעטער („שכיר"), שרייבט דער „קב הישר":

... „דיר, וואָס האַלט בייא זיך דאָס פר דינסט פון דים, וואָס האָט בייא אים פאַרדינט און גיט יס אים ניט אָפּ, דער האָט איין גרוסן עונש, וואָרום איטליכער פּועל שטעלט נעביך איין לעבין צוא זיין טירחה און צוא זיין מלאכה, פון וועגין צוא פר דינן זיין פרנסה, און ווייל ער האַלט זיינע שכירות בייא זיך, איז גלייך, וויא ער באַצווינגט זיין לעבין און דס לעבין פון זיין הויז גיזינד... דרום איז דר פין איין גרויסע אזהרה

צוא די מענטשין ווס הערין דס קול פון דעם שכיר, וואָס ער וויינט כמעט פון וועגין די שכירות פאַר זיין טירחא, סייא איין יהודי, סייא איין אינו יהודי, וויא דער פועל און דער שכיר גייט אים נאָר נאָך און וויל דעם שכר פר דעם, ווס ער האָט זיך גימיט און מטריח גיוועזן איין גאַנצן טאָג, און דער בעה״ב שטאָפּט זיינע אויערין פון צו הערין און איז אים מדחה: גייא היינט אַוועק און קום מאָרגין, וועל איך דיך בצאָלין, איז קיין גרעסערער חלול השם ניט פאַר האַנדין דערפון, און זיין עונש איילט צו קומען, און ער ווערט אָרום, און חאָטשע ער איז לפי שעה אין גוטס, וועט ער צום סאָף קיין הצלחה ניט האָבין און ער וועט בוודאי קריגין דעם דלות און קיינר וועט זיך איבר אים ניט דר באַרעמן... דרום מוז דער מענטש זייער נזהר זיין, ער זאָל ניט גישטרויכלט ווערן אין דער עבירה פון ניט אָפּ צוא געבין דעם שכיר זיינע שכירות אין דעם זעלביגין טאָג וואָס ער האָט פר דינט״. („קב הישר״ פּ. י״ד, גענומען פון „יסוד יוסף״, זייטל 13).

וועגן אַ בעל־מלאכה, אַ שניידער, גייט וויטער די רייד אין צוזאַמענ־האנג מיט רעליגיעזע און עקאָנאָמישע מאָטיוון. ס׳באַשאַפט זיך אויף אַזאַ אופן אַ אינטערעסאַנטער בילד פון יידישן לעבנשטייגער אין יענער צייט.

שלמה סימאָן

# די ברידער טשעסטער

ווען איך דערמאָן זיך אָן די דריי ברידער טשעסטער, קומט מיר אַרויף אויפן זינען דאָס פאָלקס ליד „צען ברידער זיינען מיר געווען". דער אַנאָנימער פאָלקס־דיכטער דערציילט מיט וויפיל זאַכן די ברידער האָבן איבערגעהאַנדלט: לייַן, (פלאַקס), ריבן, געבעקס, ביר, בליי און צום סוף:

„איין ברודער איז געבליבן
האָט ער געהאַנדלט מיט ביינער,
איז ער אָוועקגעשטאָרבן —
איז נישט געבליבן קיינער".

און דער דיכטער צעוויינט זיך:

„אוי, בערל אויפן פידל,
שמערל אויפן באַס;
זינגט זשע מיר אַ לידל,
אויפן מיטן גאַס".

יידן שמייען, האָוען, לויפן, יאָגן זיך און ס'איז נאָך גוט וואָס עס בלייבט נאָך זיי אַ לידל, אַ ניגון. ווען נישט דאָס לידל, דער ניגון, ווער וואָלט זיך דערמאָנט אָן די ברידער וואָס האָבן געברענט אַ וועלט?

***

מיט דער שווערער קייט פֿון אייביקייט.
איך פֿיל די פֿיס זיי טרעטן,
טרעטן נישט אויף פֿרעמדס:

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף די זומפּן דײַנע האָב איך שטעט דיר אויפֿגעבויט,
העכער, העכער, העכער דײַנע הײַזער אויפֿגעהויבן,
דײַן העמד ווי אויך דײַן סײַבל אויפֿגענייט
און דײַן האַנדל אויף דער וועלט פֿאַרשפּרייט,
און די טרוימען פֿון מזרח האָב איך דיר געבראַכט —
מיטן פֿײַער פֿון מײַן האַרצן אַ מתנה דיר געשענקט".

„די טרוימען פֿון מזרח" איז אַ מליצה, אַ שיינע מליצה פֿאַר אַ ליד. אָבער די טרוימען זײַנען באמת געווען קוידענאָווער־טרוימען, דאָס פּיצעלע שטעטעלע וואָס האָט קאָנקרעטיזירט, אײַנגעפּירט אין לעבן, די רייד פֿון די נביאים, די געבאָטן פֿון צדק און יושר, פֿון קדושה און שלימות — דאָס טאָג טעגלעכע ברויט פֿון קוידענאָוו. דוכט זיך אַ פֿאָלק וואָס לעבט פֿון מסחר אָבער דאָס וויג־ליג פֿון אָט דעם פֿאָלק איז: „תורה איז די בעסטע סחורה"; „תורה וועסטו לערנען און ספרים וועסטו שרײַבן".

דרײַ ברידער זײַנען זיי געווען, זיי האָבן געהאַנדלט, געוואַנדלט, געווען פֿאַרשמייעט, פּאַרטאַן, געקויפֿט „ליין, פּראַכט, ריבן, געבעקס, ביר, בליי, טיי, ביינער און הײַזער", אָבער דאָס איז געווען בלויז דאָס דרויסנדיקע.

דער עלטערער, יעקבֿ, האָט געטראָגן פֿאַרבאָרגן אין זיך גײַסטיקע וועלטן. ער האָט זיי פֿאַרדעקט, פֿאַרטושט: „שפּעטער, שפּעטער וועל איך אײַך דערציילן וועגן זיי, איך וועל זיי באַשרײַבן, איצט איז קיין צײַט נישטאָ". אָבער וויפֿיל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיי, זײַנען זיי געווען אַ טייל פֿון אים, און ווען די עשירות איז געוואָרן צונישט האָט ער זיך אומגעקערט צו זײַנע אינערלעכע וועלטן.

דער מיטלסטער ברודער, סעם (מאָדנע, ער איז דער איינציקער וואָס מען האָט גערופֿן מיט דעם נישט יידישן נאָמען) אַ טיפֿער מענטש מיט אַ פֿאַרפּלאָנטערטע נשמה, אַ גרויס געפֿיל פֿאַר לשון, אַ העל אויג צו זען און

איך האָב זיך באַקאַנט מיט די טשעסטער ברידער, יעקב, סעם און חיים מיט פולע דרייסיק יאָר צוריק. זיי זיינען דעמאָלט געווען „אין די פעדערן". זיי האָבן געהאַנדלט און געשמאַליעט אַ וועלט. זיי זיינען דעמאָלט געווען אין די „ריל עסטייט ביזנעס", געהאַנדלט מיט באָדן, אָבער נישט גלאַט „בילדערלעך", מעקלערס, אַגענטן — נאָר טאַקע בערן, מיט אַ נאָמען און אַ גרויס קאַפּיטאַל. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַכט און צען שטאָקיקע געביידעס, געגעבן היפּאַטעקן, מאַרטגיידזשעס, אויף הונדערט טויזנט דאָלאַרן. געעפנט אַן אייגענע באַנק, אַליין פינאַנסירט זייערע אונטערנעמונגען און אין געציילטע חדשים האָט זיך אַלץ אַ דריי געטאָן — אויס. צוויי פון זיי האָבן געקראָגן האַרץ פעלערן און לאַנג נישט געלעבט נאָכן קראַך. בלויז דער עלטערער, יעקב, האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן.

וואָלטן די ברידער געווען בלויז בויער פון הייזער, וואָס האָבן אָנגעקליבן אַ פאַרמעגן און פאַרלאָרן, וואָלט נישט געווען כדאי צו שרייבן וועגן זיי. נאָך דריי אימיגראַנטן זיינען געקומען פון דעם יידישן שטעטל קיין אַמעריקע, מיט אַן איבערפלוס פון פיזישער און גייסטיקער ענערגיע און נאַריש פאַרשפּילט זייערע לעבנס. נו, וואָס איז די גדולה? זיי זיינען נישט געווען די איינציקע.

אָבער די דריי ברידער טשעסטער, יעקב, סעם און חיים זיינען נישט געווען בלויז „ביזנעסלייט". ווי פאַרקאָכט זיי זיינען געווען אין זייערע אונטערנעמונגען, איז דער געשעפט אַלץ ביי זיי געווען נישט מער ווי אַ טפל. זייער אמתער אינערליכער לעבן איז געווען גאָר אָנגעפילט מיט גייסטיקער נייגער און אומרואיקייט פאַרן וועלט גורל.

סעם, דער שפּעטערשטער פון זיי איז געווען ווי אַ פינפטער ראָד אין זייער מסחר וואָגן, דאָך איז ער געווען ביי זיי אַ גלייכער שותף.

אין מיטן פון זייער הו־האַ פון גרויסע מסחרים, דרוקט זיך אָפּ ס. טשעסטערס אַ בוך לידער „אַמעריקע" און דאָס ערשטע ליד איז דער אני מאמין פון די ברידער. שטאָלץ דערציילט סעם וועגן זיין, זייער, ביישטייער צום נייעם לאַנד:

„אַמעריקע, מיין וויג איז נישט געשטאַנען דאָ,
און באַגראָבן ליגט מיין טאַטע ערגעץ ווייט;
דאָך האָט מיין שוויס צו דיר מיך צוגעבונדן

באַמערקן יעדער קליינעקייט פון לעבן, אַ מאָדנע רואיקייט הינטער אַ שטענ־דיקן אויפברויז און שרעק. ער האָט לפּנים מיטגעאַרבעט מיט זיינע ברידער אין די גרויסע געשעפטן — און באמת שטענדיק געלעבט מיט זיין ליד און דערציילונג. אָבער די טאָפּלטקייט האָט ביי אים אַוועקגערויבט די זיכער־קייט, דעם אימפּעט און התלהבות. צוליב דעם מעכאַנישן צובונד צו די „ביזנעס״ האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט קיין „התפשטות הגשמיות״ און ער האָט נישט דערגרייכט צו דער הייך צו וועלכער ער האָט זיך געקאָנט דער־הויבן.

דער יינגסטער ברודער, דער פּראַקטיקסטער, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט די שעפערישקייט פון די ערשטע צוויי, איז דוכט זיך געווען ראשו ורובו אַריינגעטאָן אין געשעפט — אָבער דער געשעפט איז בעצם ביי אים אויך געווען נישט מער ווי עפּעס אַ טפל. דער עיקר איז געווען זיינע חלומות וועגן מלכות־שדי, אָט דאָ אויף אונדזער זינדיקער וועלט. ער האָט געהאַט אַ זומער וואוינונג. אין דער צייט פון דער דעפּרעסיע האָט ער געצויגן חיונה פון דעם פאַרם. דער זומער פּלאַץ איז געווען אַ שם דבר צווישן דעם פּראָגרעסיוון עולם.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט זיי אין די צוואַנציקער יאָרן — אַרום 1925. איך בין געווען יונג און סעם איז געווען אַ באַקאַנטער, נייַן, אַ באַרימטער שרייבער אין „פרייהייט״. יעקבן האָב איך געדענקט פון „די פרייע אַרבעטער שטימע״ און „פאָרווערטס״. איך האָב נישט געוואוסט אַז זיי זיינען געוואָרן רייך. ווען איך האָב זיך אַריינגעקליבן אין איסט פלעטבוש זיינען זיי געווען די גרעסטע הענדלער פון באָדן און די גרעסטע בויער אונטערנעמער פון הייזער אין יענעם געגנט. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן מיטאָג־צייט אין געגענט רעסטאָראַנט.

יעקב, דער עלטערער איז געווען אַ ייד אַ תלמיד חכם. נאָך פיל יאָרן ניט אַריינקוקן אין אַ יידישן ספר האָט ער נאָך אַלץ געדענקט אַ מאמר חז״ל, אַ מימרא פון גמרא און פסוק. ער האָט זיך אָפט באַנוצט מיט דעם. ער האָט יעמאָלט שוין מער ניט געשריבן. ער איז געווען פאַרנומען מיט געשעפט. ער איז געווען דער פּראַקטישער דורכפירער פון די געשעפטן.

סעם איז אַלעמאָל געווען ווי אין אַ טראַנס. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען זיך אַמפּערן וועגן געשעפט, אָדער פרעגן עפּעס ביי די ברידער וועגן די עסקים. חיים, דער יינגערער ברודער איז געווען דער, וואָס האָט געמאַכט די פּלענער פאַר נייע אינוועסטירונגען. יעקב האָט געוויינטלעך געמאַכט דעם

חשבון צי עס לוינט זיך דער געשעפט, צי ניט. סעם האָט אַלעמאָל צוגעשאָקלט צו ביידן מיטן קאָפּ.

געלט איז געפלאָסן צו זיי ווי די וואַסערן פון די טייכן שטראָמען אין ים. צו וואָס זיי האָבן זיך צוגעריכט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַסיגנאַציעס. איך האָב יעמאָלט געעפנט מיין קאַבינעט. איך בין געווען איינגעטונקט אין חובות, געאַרבעט שווער אויסצוהאַלטן אַ ווייב און אַ ניי געבאָרן יינגעלע. איך האָב אַרויפגעקוקט צו זיי מיט אַ היפּשער מאָס קנאה.

איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרדינען און איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר טאָלער און די טשעסטערס האָבן מיר אָנגעהויבן צוריידן איך זאָל אינוועסטירן די פּאָר טאָלער אין אַ „פּאַרסל”, זיי וועלן מיך רייך מאַכן. איבערהויפּט האָט מיך צוגערעדט סעם:

— איר מיינט אַז מען דאַרף עפּעס שכל אויף די זאַכן? ווייס איך וואָס! ס'איז אַ משוגענע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. דו לייגסט אַריין אַ פּאָר קופּערנע גראָשנס און עס ווערט פון זיי גאָלד. דאָס גאָלד פאַרמערט זיך און דו בייטסט עס אויף אויף אַסיגנאַציעס.

אָבער זיי אַליין האָבן ביי מיר אָפּגענומען דעם חשק רייך צו ווערן. זיי זיינען פאַרהאָוועט, פאַרשמייעט, פאַרטומלט, ממש פאַרשיכורט פון די אַלע ספּעקולאַציעס און מסחרים. זיי זיינען זיך מחיה ווען זיי רייסן אָפּ אַ שעה צו עסן זייער מיטאָג אַלע טאָג און צו ריידן מיט מיר וועגן ליטעראַטור, תורה און אומיושרדיקייט פון דער וועלט. עפּעס האָט זיך מיר אויסגעדוכט ווי די רייכקייט ליגט אויף זיי ווי אַ באַרג — דער געשעפט איז ווי אַ שטראָם, וואָס האָט זיי פאַרפּלייצט, זיי זיינען פאַרכלינעט פון דעם וואַסער און קאָנען ניט אָטעמען.

אָבער סוף כל סוף האָב איך אויף זייער עצה געקויפט אַ „פּאַרסל”. איך האָב „געשריבן” קאָנטראַקט — און דערנאָך דריי נעכט נישט געשלאָפן. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך ניט געוויזן אין רעסטאָראַנט. אויף דער צווייטער וואָך ווען איך בין געקומען אין רעסטאָראַנט און זיך געזעצט ביי זייער טישל, איך האָב אַרויסגעפּלאַצט:

— איך האָב חרטה אויפן מסחר. אפשר קאָנט איר מיר צוריקגעבן דאָס געלט?

— פאַרוואָס חרטה? — האָט מיך חיים געפרעגט. אָט האָט איר שוין פאַרדינט אין דער וואָך דריי הונדערט טאָלער.

— איך האָב מורא — האָב איך געענטפערט.

— וואָס איז די מורא? איר הערט דאָך, איר האָט שוין פּאַרדינט מיט אייערע פינף הונדערט טאָלער גאַנצע דריי הונדערט.

— איך האָב מורא רייך צו ווערן — האָב איך געענטפערט. — איר וועט מיר מוחל זיין, איך וויל ניט פאַרכאַפּט ווערן, ווי איר, פון ביזנעס. איך וויל בעסער שרייבן קינדער מעשיות און לערנען.

חיים האָט זיך צעלאַכט: אוי, יאָלד! וואָס שאַדט געלט צום שרייבן און לערנען? סעם האָט אויף מיר געקוקט שטאַר, איך וואָלט געשוואָרן, טאָקע מיט קנאה. יעקב האָט אומגעדולדיק אַ זאָג געטאָן צו חיימען:

— שרייב אים אויס אַ טשעק אויף אַכט הונדערט טאָלער, און זאָל ער חתמנען אַ „ביל אָוו סייל" — אַ שטר מכירה.

איך האָב פּראָטעסטירט:

— איך וויל ניט קיין ריוח. איך האָב מורא פאַר די גרינג פּאַרדינטע דריי הונדערט טאָלער.

יעקב האָט מיר געענטפערט שאַרף:

— אויב די דריי הונדערט טאָלער וועלן אייך קאַליע מאַכן, זייט איר שוין אַ פאַרפאַלענער. מאַכט זיך ניט נאַריש, נעמט דאָס געלט, ס'איז אייערס.

***

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, ס'איז געווען אין 1927, איז דערשינען ס. טשעסטערס בוך „וואַלד ברונים", אַרויסגעגעבן פון דער „פרייהייט". ער האָט מיר ביים „לאָנטש" געגעבן אַ בוך אַ מתנה:

— נאָט, אַן ערשטלינג, געפינט חסרונות!

איך האָב איבערגעלייענט דאָס בוך און באמת פאַרגאַפט געוואָרן. די דערציילונגען אין בוך־פאָרם האָבן געמאַכט אַסך אַ בעסערן איינדרוק ווי ווען איך האָב זיי געלייענט באַזונדער, ווען זיי האָבן זיך געדרוקט אין צייטונג. מיך האָט פאַרכאַפּט צום ערשט דאָס לשון. אים איז געלונגען, דאָס, וואָס ווייניק פון אונדז איז געלונגען צו טאָן. ער האָט געשריבן וועגן אַמעריקאַנער פאַרמער, וועגן אַמעריקאַנער תושבים, וואָס זייער שפּראַך איז ענגליש און זיין יידיש איז געווען אַן אידיאָמאַטישער און האָט דאָך איבערגעגעבן דעם קלאַנג פון ענגלישן לשון. נאָך מער, אונדזער יידיש איז צוגעפּאַסט צו דער אוקרייאינער, ווייס־רוסישער און רוסישער לאַנדשאַפט און דאָרף און ביי אים

זיינען די אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט און אַמעריקאַנער פאַרמס געוואָרן אַ טייל פון יידיש. חוץ דעם, איז די טעמאַטיק געווען אַ וואַריאירטע. אויך איז געווען אין בוך אַ מאָדנע רואיקייט, אינגאַנצן אַן אָביעקטיווע. גאָר אַסך האָט ער דערגרייכט אין זיינע שילדערונגען פון אָבנאָרמאַלע טיפן און טראַגישע געשעע־נישן.ביידע זאַכן האָבן ניט אויסגעזען ווי עפּעס אויסנאַמען, נאָר אַ טייל פון לעבן.

דאָס בוך האָט אים אָבער ניט פאַרשאַפט קיין נחת. ב. ריווקין האָט דווקא געלויבט דאָס בוך, נאָר צו די לויב גרזאַנגען האָט ער צוגעגעבן אַסך מאָדנע טענות — ווי ריווקינס שטייגער איז געווען. צווישן די שורות האָט זיך געפילט אַז די תביעות און טענות זיינען עכט און די לויב געזאַנגען זיינען נאָר פון יוצא וועגן. ס. טשערסטערן, ווי אַ סענסיטיוון מענטשן, האָט מען ניט געקאָנט אָפּנאַרן.

גאָר אַסך צער האָט אים פאַרשאַפט משה אָלגין, דער רעדאַקטאָר פון „פרייהייט". ער האָט דווקא געלויבט דאָס בוך אָבער — — — פאַר אַזעלכע זאַכן וואָס אין בוך איז ניט געווען קיין זכר. ער האָט פשוט צוגעשריבן „רעוואָלוציאָנערע" פאַראַגראַפן צו אַסך טשעסטערס דערציילונגען. טאַקע צוגע־שריבן און נאָכדעם ציטירט זיי ווי זיי וואָלטן געווען אין בוך און אויפן סמך פון די רעוואָלוציאָנערע פאַראַגראַפן האָט ער טשעסטערן דערקלערט פאַר אַן אמתן פראָלעטאַרישן שרייבער.

סעם האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן פאַר מיר דעזעלביקן פּזמון:

— דאָס באַצאָלן זיי מיר אַזוי שיין פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן פון מיר אַרויסגעשלעפּט. זיי האָבן צו מיר דערלייגט זייער באָבעס ירושה.

איך האָט אים געטרייסט:

אַ מענטש וואָס האָט אין קעשענע דימענטן דאַרף אים ניט אַרן ווען מען זאָגט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט שטיקלעך גלאָז.

אָבער ער האָט זיך ניט געטרייסט.

מיר זיינען געוואָרן זייער נאָענט איינער צום אַנדערן. איך האָב פאַר אים אָפט פאַרגעלייענט מיינע קינדער מעשיות. ער האָט אַלעמאָל געהאַט דיזעלביקע טענה:

— צופיל מעשה. אַלץ איז ביי אייך מיט אַן אָנהייב און מיט אַ סוף.

— איך האַלט עס ניט פאַר קיין חסרון — פלעג איך אים ענטפערן — מעשיות דאַרפן האָבן אַן אָנהייב און אַ סוף. אַ מעשה דאַרף פאַרכאַפּן דעם

לייענער. אין דער יידישער ליטעראַטור פעלט טאַקע די פּאַבולע. ס'איז אַ ירושה פון דער רוסישער ליטעראַטור.

ער פלעגט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט מיט ביטול:

— געהערט שוין, געהערט שוין. אָבער ליטעראַטור איז לעבן. ס'איז ניטאָ קיין אָנהייב און ניטאָ קיין סוף אין לעבן. אַלץ הענגט. מען דערזעט עפּעס און מען ווייסט ניט דעם אָנהייב און קיינער קאָן ניט פאָראויסזאָגן דעם סוף. סיידן צוטראַכטן. דאָס איז פאַלש. אַפילו געבורט איז ניט אָנהייב — עפּעס איז פריער געווען און טויט איז ניט דער סוף — קאָן ניט זיין דער סוף — ס'וואָלט געווען ניט שכלדיק. עפּעס דאַרף דאָך ווערן פון לעבן!

איך האָב געלאַכט:

— דערציילט עס ניט אייערע חברים, ס'איז טריפהנע מיסטיק.

— אַסך זאַכן דערצייל איך זיי ניט. אָט ליגן ביי מיר פּעק מאַנוסקריפּטן, וואָס איך וועל זיי אַפילו ניט ווייזן.

יאָ, ער האָט געהאַט ליגן ביי זיך אַ זעקס זיבן בענד אין כתב־יד. איך האָב אָנגעהויבן צושטיין צו אים אַז ער זאָל זיי פאַרעפנטלעכן. וויפיל דאַרף עס קאָסטן? אַ פיר, פינף טויזנט טאָלער. וואָס פאַר אַ ווערדע איז עס ביי אים?

ער פלעגט זיך אָנהייבן באַקלאָגן:

— איר פאַרשטייט ניט וועגן געלט ענינים. וואָס האָב איך און וואָס פאַרמאָג איך? און ווייסט איר וויפיל מיין הוצאה אַ יאָר איז? ווי קאָן איך אַפּרייסן אַזאַ סומע?

איך האָב אים ניט געענטפערט: ס'איז דאָך אַ פראַגע פון ווערטן. ווי קאָן מען עס דיסקוטירן?

אין יענער צייט איז קלעצקין אָדער זיינער אַ פאַרשטייער געקומען קיין אַמעריקע. ס. טשעסטער האָט אים אָוועקגעגעבן זיין כתב־יד „טאָמאַסוויל" און אים באַצאָלט פאַרן דרוקן. דאָס בוך איז — — — פאַרפאַלן געגאַנגען.

ס'איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1929. דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן. אין געציילטע חדשים זיינען די ברידער געבליבן מיטן בייטש־שטעקל. אָבער נקי, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. איך האָב פאַר אַ לענגערע צייט ניט געזען, ניט סעמן און ניט חיימן. איך האָב אָפּגענומען שלעכטע גרוסן פון זיי.ביידע זיינען קראַנק געוואָרן, האָט מיר יעקב דערציילט.

אַ צוויי יאָר שפּעטער, אָדער אפשר ווינציקער, האָב איך צופעליק אָנגע־טראָפן סעמן אויף סאָטער עוועניו. ער איז געשטאַנען און געקוקט שטאַר,

מיט אַ מאָדנעם צעקרימטן פּנים, אויף אַ הייכן מויער. איך בין צו אים צו־געגאַנגען, זיך באַגריסט מיט אים. ער האָט אָבער מסתּם מיך ניט דערקענט. ער האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן יידן. מיר איז געוואָרן אומהיימלעך פון זיינע ליידיקע אויגן. איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין, ערשט ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אַרבל און אַרויסגערעדט מיט אַ האַלב געליימטער צונג:

— איר זעט דעם מויער? ער איז אויך געווען אונדזערער. איצט טוט אַ קוק אויף מיר!

איך האָב ניט געוואוסט אים וואָס צו ענטפערן. איך האָב איך אַ פרעג געטאָן: וואו וואוינט איר? ער האָט ניט געענטפערט און גענומען זיך אָפּרוקן פון מיר. איך האָב אַלץ ניט געוואוסט צי ער האָט מיך דערקענט, צי ניט.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז ער געשטאָרבן. חיים איז געשטאָרבן יונג פון אַ האַרץ קראַנקייט.

דער עלטערער ברודער, יעקב האָט געלעבט אָרים, אָבער ער האָט זיך ניט באַקלאָגט. צייט האָט ער געהאַט אַסך, האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַריינקוקן אין אַ ספר און צוריק אָנגעהויבן שרייבן. אין 1938 האָט ער מיר געבראַכט אַ כּתב־יד און מיך געבעטן איבערצולייענען די דערציילונגען.

— פאַרשטייט מיך — האָט ער צו מיר געזאָגט — איך וויל הערן אייער מיינונג. אויב ס'איז דרוקבאַר וועל איך עס אַרויסגעבן אין אַ בוך. זאָל בלייבן אַ זכר, אַז איך האָב געוואָלט זיין אַ שרייבער.

איך האָב איבערגעלייענט די דריי דיקע העפטן און דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקוועטשט פון ווייטיק: גוטע דערציילונגען. מען האָט געקאָנט באַלד זען אַז דער שרייבער האָט טאַלאַנט און זאָגט צו אַסך. אָבער איך האָב דאָך געוואוסט אַז דער שרייבער איז אַלט פולע אַכט און זעכציק יאָר. ווען וועט ער גוטמאַכן דעם חוב? ווען וועט ער קאָנען סילוקן די וועקסלען?

איך האָב אים דערציילט דעם אמת:

די דערציילונגען זיינען גוטע. איבערהויפּט איז אייך געלונגען די נאַטור שילדערונגען און דאָס מאָלן פון קראַנקע און עלטערע מענטשן. די בילדער פון שטעטל, וואָס פאַרנעמען אַ דריטל פון בוך זיינען גלאַט געשריבן, אָבער זיי זיינען ניט מוסיף עפּעס וואָס ניי צו דאָס וואָס מיר האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור. ווען איר וואָלט פאַרעפנטלעכט דאָס בוך ווען איר זענט געווען

יונג, לאָמיר זאָגן צו פינף און צוואַנציק יאָר, וואָלט איר געווען זייער אַ צוזאָגנדיקער שרייבער.

— וועל איך עס פאַרעפנטלעכן — האָט ער געזאָגט פעסט — אפשר וועט אַמאָל, יאָרן שפּעטער, עמיצער וואָס וועט ניט וויסן ווי אַלט איך בין געווען, ווען איך האָב אָפּגעדרוקט דאָס בוך, באַדויערן וואָס דער שרייבער האָט מער נישט געשריבן. און אפשר וועט זיך עמיצער אָראָפּנעמען אַ מוסר השכל און זאָגן: „נאַט, זעט וואָס יעקב האָט געקאָנט ווערן און איז ניט געוואָרן. לאָמיך ניט מאַכן דעמזעלביקן טעות!

— ס'איז מיר געפעלן אייער צוגאַנג — האָב איך צו אים געזאָגט — אָבער נאָך עפּעס. דער כתב יד דאַרף נאָך פאַרריכט ווערן. די זאַצן זיינען צו לאַנגע, דאָס אויסלייגאַכץ צו אַלט־מאָדיש. ניטאָ כמעט קיין פּאַראַגראַפן און די ערשטע דערציילונג „אויף אַ פאַרם", וואָס פאַרנעמט פולע הונדערט זייטן, דאַרף מען צעטיילן אויף קאַפּיטלעך. אויך דאַרף מען אַרויסוואַרפן געוויסע אויסדרוקן און — — —

— זעט איר, דאָס וואַרף איך זיך אָן אויף אייך. איך בין אַן עם־הארץ אין טעכניק. איר וועט מיר מוזן קאָרעגירן דעם כתב יד — האָט יעקב געבעטן.

דאָס בוך איך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1939. ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן „שטאָט און דאָרף". פאַרשטייט זיך, קיין אָפּרוף אויפן בוך זיינען ניט געווען. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז ער געשטאָרבן.

---

דריי ברידער זיינען זיי געווען — פון אונדזער דור, אַ שיינער דור ניט געקוקט אויף אַלע חסרונות. אַ דור, וואָס האָט פאַרשענערט און באַרייכערט אַמעריקע און פאַרצערט געוואָרן פון גרויסן „סוקסעס". אַ גרויסער דור ניט געקוקט אויף דער בלאָנדזשעניש און צוטומלעניש. אַ דור פון דערפאָלגרייכע דורכפאַלער. אַ דור וואָס האָט אַסך פאַרזייט. זאָל דער נייער דור וואָס וועט קומען ניט פאַרשעמען די טאַטעס.

ב. טשעסטער *)

# היימישע לידער

## אין אָוונט

איינזאַם זיצט די אַלטע באָבע,
אויפגעלעגט די דאַרע הענט.
אין דעם קליינעם ווייסען צימער
רוט איר שאָטן אויף די ווענט.

וויגט זיך אום אַ קאָפּ אַ גרויער,
און אַ פּנים פול מיט לייד,
און צוויי בלאַסע, שטומע ליפּן —
אויסגערעדט פון לאַנג די רייד.

ברענט אַ לעמפּל מיד און טונקל,
גיסט זיך מאַט און געל זיין שיין,
זיצט אַליין די אַלטע באָבע,
וויגט און וויגט זיך, דרעמלט איין.

בויגט אַראָפּ דער קאָפּ, דער מידער;
קומט אַ שמייכל, קומט אַ שרעק,
רינגלען בייטן אום איר פּנים,
קומט אַ טרוים און גייט אַוועק.

*) טאַלאַנטפולער שרייבער און דיכטער, געבוירן אין דערצויגן אין קוידענאָוו און גע־שאַפן אין אַמעריקע לידער און גרעסערע דערציילונגען.

ערגעץ פלאָנטערט זיך אַ פליגל
אין דעם נעץ פון שפין, און זשומט.
אין דעם קליינעם ווייסן צימער
שטאַרבט אַ קרעכץ, אַ זיפץ פאַרשטומט.

קומט עס פון אַ שווערן האַרצן,
פון אַ טיפן לייד און שמערץ,
אָדער פון אַ בייזן חלום
שלייכט אַרויס אַ שטילער קרעכץ?

פלוצים געגעצט אָפּ די באָבע,
מורמלט עטוואָס פון פאַרדראָס,
בלייבט פאַרשטאַרט אַ ווײַלע קוקן,
ווייס ניט ווער, און ווייס ניט וואָס.

עפנט זיך אַ ברעם אַ מידע,
טוט אַ מידע אויג אַ קוק;
באַלד פאַרשליסט די ברעם זי ווידער,
ווען נאָר גיט אַ ליפּ אַ צוק.

איינזאַם זיצט די אַלטע באָבע,
אויפגעלעגט די דאַרע הענט.
וויגט זיך, וויגט זיך אום איר שאָטן
אויף די הוילע ווייסע ווענט.

# ניי-לאַנד

**(אַמעריקע)**

איך ווייס ניט ווער איך בין...
ניט דער „מאַי-בלום"
האָט מיר דאָ געבראַכט.
עס האָט די אורטראַכט פון מיין מוטער
אויף דיין ערד זיך ניט געבראָכן: —
די לאַנגע קייט פון עלטער-זיידעס
האָט זיך ציענדיק צעריסן
ערגעץ אין אַ לאַנד אַ ווייטער,
וואָס איך ווייס ניט ווי זי הייסט.

בין איך דאָ אַ קייטנרינג,
וואָס האָט פליענדיק פון אימפעט
צו דיין ברעג זיך צוגעקייקלט.
איז דיין ערד דאָ פריש און זאַפטיק
בין איך ווי דיין ערד געזונט.
און די קינדער מיינע הויבן זיך צום הימל
ווי די סאָסנעס אויף דיין ערד.
צי איך פון דאָס ניי רינגען פרישע און געזונטע.

מיין זיידע איז אין קלויז געזעסן
און איך וואַנדער אין די בערג,
יאָג זיך נאָכן הירש און נאָכן שפּאַרבער,
ווי אַ קוואַל פון באַרג איילן מיינע טריט אין טאָל.
שפּיל זיך מיט געפאַרבטע שטיינדלאך,
קלייב די פישעלך ביים וואַסער,
און די פעדערן פון אָדלער
פלעכט איך אין די האָר.
צו די בערג און צו די טאָלן
צאָל איך איצט אַ חוב פון דורות,



ס. טשעסטער

יעקב טשעסטער

# אַ יאַריד אין שטעטל

ערב יאַריד אין שטעטל. דער גרויסער יאַריד קומט מאָרגן אָן. אַלע זיינען פאַרנומען, פאַרהאָרעוועט, פאַרשמייעט. די גרויסע שניידערשע און שוסטערשע משפחות האָבן שוין פאַרנומען זייערע ערטער. אויפגעשטעלט ביידלעך און אויסגעלייגט סחורה. אברהם אהרן, דער זיידע פון דער גרויסער שניידער משפחה, שטייט ביי זייןביידל פאַרזאָרגט. די לאַנגע דאַרע שניידערשע הענט אַריינגערוקט אין די אַרבל פון זיין פלאַשטש, קוקט אַרויף אויפן הימל און זאָגט: האַ! וואָס זאָגסטו זישע, וועגדעט ער זיך צו זישען דעם קירזשנער, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר פון זיין קראָם. קוקט ניט אויס דער הימל אויף רעגן?

איך ווייס? זאָגט זישע אין זיין שוואַרץ בערדל, שווער צו זאָגן. אַמאָל יאָ און אַמאָל ניין. דעם אַלטן אברהם אהרן געפעלט ניט דער ענטפער, נעמט ער אַרויס די הענט פון די אַרבל פון פלאַשטש, שווייגט אַ ווײַלע און גיט פּלוצלינג אַ זאָג: ביסט אַ חכם געוואָרן, זישע, האָסט געבראַכט עטלעכע קערבלעך פון אַמעריקע איז ווייצלסטו זיך? וואַרט וואַרט, עס וועט ניט נעמען לאַנג און דו וועסט דאַרפן פאָרן צוריק.

אין די שיינקען איז מען אויף אַ גאַנצע נאַכט. די גרויסע בליץ לאָמפּן מאַכן ליכטיק אַרום און אַרום, די שיטערע בלאָטע פרן גרויסן מאַרק שיינט, שפּיגלט אָפּ פון ליכטיקייט.

דאָבע הינדע, גנעסע און רבקה זיינען פאַרהאַוועט, פאַרטאָן, פאַרשוויצט. די קליידלעך הייך פאַרקאַטשעט, פאַרהייבן, פאַרשטעקט אויף איין זייט. אַ מילטענע קאַלאָשע פון דאָבע הינדעס וואַטאָווע אינטער־הויזן זעט זיך אַרויס און עס דאַכט זיך אַז ביי דער הייכער, ברייטער, שווערער דאָבע הינדע וואַקסט אַ דריטע פיס.

ביי אברהם עליען דעם בעקער שלאָפט מען אייך ניט. מען גרייט געבעקטס פאַרן יאַריד. די אַלטע חיה לאה שטייט ביים אויוון אין האָדע די קורצע מיט די גרויסע צוזאַרטע פינגער, מיכט די בייגל אין דערלאַנגט איר. אברהם עליע שאַרט זיך אַרום מיט די גרויסע וואָליקעס איבערן שטוב, רייכערט די לייטענע לייזלקע דורך דעם קליינעם ציבעק וואָס ער מאַכט אליין פון אַ צווייגל און שפייט נאָך יעדן פאַרצי מער אייפן באָרד ווי אויפן דיל.

זלמן דער קצב לויפט אַרום ווי אַ פאַרסאַמטער. ער זוכט וואו צו לייען אַ גמילות חסד, אַ פּאָר קערבלעך איבערן יאַריד. כאַפּט זיך אַריין צו יאָסל דער שיינקער. האָ, וואָס, פרעגט ער ביי ביילען, יאָסלס ווייב: ר׳ יוסף איז נאָך ניטאָ? זיצט אין בית מדרש. עס איז צו מקנא זיין, הלוואי קען איך אויך זיצן אין בית מדרש. ביילע שמייכלט, זי פאַרשטייט צו וואָס ער צילט. מיר וועלן מירצישעם מאָרגן האָבן אַ שיינעם יאַריד.

דער גרויסער מאַרק איז שוין אויפגעפילט מיט וועגענער, עס איז שוין שווער דורכצוגיין, מען וועט לייזן געלט. איר ווייסט, ביילינקע, פאַנגט זלמן אָן מיט אַ געהייבענעם טאָן, מען וועט טאַקע לייזן געלט... און איך האָב ביי אייך געוואָלט בעטן אַ טובה, אַ קליינעם גמילות חסדל, און גלייך נאָכן יאַריד ברענג איך אייך אָפּ מיט אַ גרייסן דאַנק, און נאָך מיט אַ קישקע אויף שבת. צום שלימזל ווערט ביי מיר די לעצטע צייט אַלץ טריף. איך וועל אייך מירצישעם אויסצאָלן ביז דעם לעצטן גראָשן. איך זאָג דען אַז איר וועט ניט באַצאָלן? ענטפערט ביילע, נאָר פאַר אַ יאַריד ווער האָט דאָס געלט?

ביי רבקהן אין קרעטשמע איז לעבעדיק און פריילעך, די גרויסע אַלטע סטאַדאָלע איז אויפגעראַמט און באַלייכטן, מיט קאָלירטע פאַנאַרן. אַ מיידל מיט רויטע געפאַרבטע באַקן זיצט ביים טויער און פאַרקויפט בילעטן. זי רופט אין שרייט: גאָספּאָדאַ, קויפט בילעטן, בלויז פופצן קאָפּיקעס אַ בילעט, עס וועט זיין צו זען וואונדער איבער וואונדער: אַ בלינדער וועט גיין אין דער הייך אויף אַ דראָט; אַ שוואַרצער בער וועט מאַכן לחיים און פאַרבייסן מיט אַ טעלער האָניק; און אַלטע באָבע וועט טאַנצן אַ קאַמאַרעסקע. אַלץ בלויז פאַר פופצן קאָפּיקעס אַ בילעט. אייניקע פויערים קוקן זיך איבער און שמייכלען, גייען צו פאַמעלעך מיט ניט קיין זיכערע טריט, נעמען אַרויס זייערע לייוונטענע ביטלעך צו זוכן דאָרטן עטלעכע גראָשן און

קויפן אַ בילעט. אַ רעדל יידן גייען פון שול און בלייבן שטיין פון דער־ווייטנס, קוקן פאַרזאָרגטע אויף רבקה׳ס סטאַדאָלע און שאָקלען מיט די קעפּ: נאָר דאָס האָט אונדז געפעלט, קענען מאַכער אינמיטן דערינען. ווי פאַרדינגט זי דאָס איר קרעטשמע צו קונצן מאַכער? ווער ווייס וואָס פאַרא פויגלען זיי זיינען? און ווער ווייס וואָס זיי וועלן דאָ אייפּטאָן? זיי וועלן אַרויסשלעפן דעם לעצטן גראָשן, זיי וועלן אויסליידיקן די שטעטל.

— געוואָרט אַ האַלב יאָר פאַרן יאַריד. רופט זיך אָפּ עליע כאַלאַנעס, געהאָפט אויף פרנסה, אויף לייזאַכץ און פּלוצלינג נאַדיר קונצן מאַכער! אָנגעקומען אויף אַלעס פאַרטיקן און וועלן אויסליידיקן די שטאָט...



יעקב טשעסטער

**יעקב טשעסטער**

# דער פרילינג איז געקומען

פרילינג האָט גענומען שפרייטן זיך איבערן שטעטל. פון אַלע זייטן זיינען געקומען וואַרעמע ווינטעלעך. דער שניי, וואָס איז געלעגן אַ גאַנץ ווינטער אויסגעשפרייט איבער די קרומע גאַסן, האָט גענומען צעגיין, פאַרשווינדן. קליינע ריטשקעס האָבן זיך געפּירעמט, זיך געדרייט און געשלענגלט, געלאָפן איילנדיק באַרג אַראָפּ צום טאָל. וואו דער גרויסער טייך האַלינקע האָט געשטורעמט, געקרעכצט, געריסן זיך פון איר אייזיקן פאַנצער. גרויסע שווימענדיקע שטיקער אייז האָבן זיך געוויגט און געטונקט, פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ ווײַלע ביי די סלופּעס פון בריק, און פלוצלונג זיך איבערגעקוליעט, צעפאַלן געוואָרן אויף שטיקער און אַנטלאָפן העט וויט וויט, אין דער גרויסער, פרעמדער וועלט.

די שטעטלדיקע בלאָטע האָט זיך גענומען צו ביסלעך טרוקענען. די וואַרעמע, זוניקע שטראַלן און די קילע ביינאַכטיקע ווינטעלעך האָבן אַרויסגעצייגן דעם זאַפט, דעם חיות פון די בלאָטעס. און ס׳זיינען געבליבן פאַרטריקנטע רודעס, פונקט ווי אַ פעלד איבער וועלכן מען איז איבערגעגאַנגען מיט אַן אַקער און איבערגעלאָזן אויף סוף זומער צו פאַרזייען.

איבער דעם גרויסן מאַרק לייפט אַרום דער ווינט. ער הייבט דעם שטויב, טראָגט אים אַרום פון איין אָרט אין דעם צווייטן, כאַפּט זיך אַריין אין אַ קראָם, גיט אַ הייב אויף די קליידל פון אַ דרעמלדיקער קרעמערקע און אַנטלויפט מיט געוואַלדן, מיט געשרייען ערגעץ אין דער ווייט.

עטלעכע גויאישע פורן שטייען צעוואָרפן איבערן מאַרק. די מאָגערע פערדלעך שטייען פאַרטראַכט, קייען אָן אַפּעטיט די סעטשקע פון די טאָרבעס, וואָס הענגען אויף זייערע קעפּ. זיי שאָקלען מיט די ווידלען הין און צוריק,

פון געוויינהייט אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט ווענען פאַרטריבן פון זיך, כאָטש קיין פליגן זיינען נאָך ניטאָ.

יונגעלייטלעך, ערשט פון קעסט אַרונטער, דרייען זיך אַרום איבער דעם גרויסן, לערן מאַרק. זיי גייען צו, באַטראַכטן די עטלעכע פורן, וואָס שטייען ביי די שענקערשע הייזער, קוקן זיך איין גוט אין די וועגענער, רוקן אַריין די הענט אין די שטרוי פון וואָגן, טאַפּן, אפשר האָבן דאָ די גויים עפּעס וואָס צו פאַרקויפן. זיי נעמען אַרויס אַ שטרוי, שפּילן זיך אַ ווײַלע מיט דעם לערן אויסגעדראָשענעם זאַנג, טראָגן צו די שטרוי צום מויל און בלייבן שטיין אָנגעשפּאַרט אויף די וועגענער פאַרקלערטע, קוקנדיק אין דער ווייטער וועלט אַריין.

עטלעכע יידן, מיט די שווערע טלית־ און תפילין־זעק אונטער די אָרעמס, גייען איצט פון בית מדרש. זיי גייען פּאַמעלעך, ניט געאיילט. זיי האָבן אָפּגעדאַוונט, אָפּגעלערנט נאָך אַ פּרק משניות, גייט מען אַהיים מיט רואיקע קעפּ. זיי קוקן מיט ביטול אויף די עטלעכע גויים, וואָס גייען באָרוועסע, פאַרזאָרגטע, נאָך די וועגעלעך מיט מיסט, וואָס זיי פירן שוין אויף זייערע פעלדער.

— עשיו — גיט אַ זאָג דער אַלטער דוד יונה צו משה האַשקעס — אַ גוי, אויך פאַרזאָרגט. עשיו אַריינגעטאָן אין דער אַכילה. —

ביי די טירן פון די קראָמען זיצן יידן אומעטיקע, פאַרדאגהטע, מ׳רעדט וועגן דעם, אַז דער זומער איז געקומען צו פרי. וואָס ער איז געקומען מיט־אַמאָל, אַזוי שנעל, גאָר אומגעריכטערהייט, פּלוצים.

— ווער ווייס — גיט אַ זאָג דער אַלטער שמואל יונה — צי מיר וועלן גאָר האָבן אַ יאָריד. די גויים האָבן זיך שוין גענומען צום אַקער —

אַ פּריצישער וואָגן איז פּלוצים דורכגעפאָרן. אַלעמענס אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם געשפּאַן, מיט זשעדנע בליקן גאָכגעקוקט ווי דער פּריצישער וואָגן ווערט פאַרשוואונדן.

די אַלטע דאָבע איז געקומען און האָט איבערגעשלאָגן דעם געשפּרעך. — געבראַכט דיר וואָרעמס, משה! — האָט זי אַ זאָג געטאָן — גיי וואַש זיך. עס איז שוין צייט.

דער אַלטער משה האַשקעס האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון בענקל, געבליבן שטיין אַ ווײַלע. ער האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד, גענומען די בלעכענע קענדל און אַוועק צום מאַרק־ברונעם אָנשעפּן וואַסער. ווען ער

איז געקומען צוריק, האָט ער זיך געוואַשן, אָפּגעווישט די הענט מיט דער פּאָלע פֿון זײַן קאַפּאָטע, געקוקט פֿון ווײַטן אויף דעם פּריצישן וואָגן, וואָס איז געבליבן שטיין בײַם אַפּטייק, ער האָט אַ שמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן, און שטילערהייט געצומען זאָגן שאו ידיכם.

טיפֿער און בלויער האָט דער הימל געצומען ווערן איבערן שטעטל. דינע, ווייכע, דורכזיכטיקע טעג אַרײַנגעוועבט, אײַנגעפּלאָכטן אין דער יונגער פֿרילינג זון, קומען איינע נאָך די אַנדערע, שמייכלען זאָגן אָן, אַז דער ווינטער איז שוין אַוועק. דער ריח פֿון אויפֿגעאַקערטן פֿעלד און פֿון פֿריש געבאַקטע מצות טראָגן זיך אין דער לופֿט, קריכט אין אַלע הײַזער, זאָגט אָן די פֿרײלעכע בשורה: פֿרילינג דער גרויסער יום טוב קומט אָן.

בײַ דעם אַלטן ישראל בערלען אין הויז איז איצט אַ טומל, אַ יאַריד. עס ווערט בײַ אים אין שטוב געבאַקט מצה פֿאַר דעם גאַנצן שטעטל. יונגע ווײַבלעך און מיידלעך שטייען בײַ די קלאָר געהובליעוועטע ברעטער, אויס־געשטעלט אין רייען ווי סאָלדאַטן מיט הייך אַרויפֿגעשאַרטע אַרבל. זיי וואַל־גערן אויס מצות. מ׳רעדט און מ׳לאַכט הויך אויפֿן קול.

דער אַלטער ישראל בערל, אַ דינער, טרוקענער ייד, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן לעטניק אינגאַנצן ווײַס, פֿאַרשטויבט פֿון יאַרמעלקע ביז די שיך, לויפֿט אַרום אַ צעטראָגענער הין און צוריק איבערן שטוב. ער שאַרט אַרום די יאַרמעלקע אויף זײַן שפּיץ־קאָפּ, פֿון איין אויער צום צווייטן, האַקט מיט דער האַנט אין דער לופֿטן און שרײַט:

— געוואַלד, ווײַבער, זאָל זײַן אַ ווײַלע שטיל! — מ׳קען דאָך משוגע ווערן.

נאָר אַ פּלוצלונגדיקער געשריי, — א—איי, מ׳איז אומגליקלעך — האָט אַלעמען אין איין רגע שטיל געמאַכט. די מצה וואַלגערקעס זײַנען געבליבן שטיין דערשראָקענע; די הויך פֿאַרקאַטשעטע הוילע הענט אויס־געצויגן, פֿאַרגליווערט אויף די קאַטשעלקעס. דער זעצער, אַ ייד מיט אַ געלער, לאַנגער באָרד, אָנגעטאָן אין טלית קטן, האָט זיך מיט דער לאָפּעטע אין האַנט אַ לאָז געטאָן צום טיר מיט אַ געשריי:

— האַ, ווײַבער, וואָס האָט דאָ געטראָפֿן? —

חנה פֿייגע, די יונגע, דאַרפֿישע ווײַבל, שרה רבקה דער בעקערקעס שנור, איז געשטאַנען בײַ דער אָפֿענער טיר מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

— איך ווייס ניט — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שווײַגן געצומען שטאַמלען,

ריידן צום זעצער — איך ווייס ניט וואָרום ער איז אַנטלאָפן מיט אַזאַ גוואַלד. איך האָב געזען ווי עס שיט זיך מעל אויף דער ערד. זאָג איך, ר׳ ישראל בערל, זעט, פון וואַנען שיט זיך דאָס די מעל. זאָל זיין אַ מויז האָט דורכ־געגעסן אַ לאָך אין זאַק?

— חמץ! — האָט דער זעצער אַ געשריי געטאָן — אַלץ איז דאָ חמץ! — אין די ציציות פון טלית קטן מיט דער לאַנגער באָרד האָבן געציטערט: — חמץ, מ׳איז אומגליקלעך!

ווען ישראל בערל איז געקומען פון רב, האָט אים דער זעצער איבער־גענומען ביי דער אָפענער טיר מיט אַ נו?

— נאָך גוט אָפגעשפּילט, מיט חסד — האָט ישראל בערל, אַ הויב טוענדיק די האַנט אין דער לייפּטן, אַ זאָג געטאָן. — גיי, חנה פייגע, זאָג דיין שוויגער, אַז זי זאָל ברענגען אַן אַנדער זאַק מיט מעל. מ׳טאָר די מעל ניט ניצן פאַר מצות. אַ סוף!

וואַרעמער אין פרייליכער ווערט פון טאָג צו טאָג. אָט, אָט און דער גרויסער יום טוב קומט שוין אָן. אַלע אין שטעטל זיינען פאַרהאַוועט, פאַר־נומען. מ׳וואַשט, מ׳שייערט טיש און בענק.

פון די שניידערשע, שוסטערשע הייזער טראָגן זיך געזאַנגען, פסחדיקע ניגונים. ביי די גרויסע, לאַנגע שניידערשע טישן זיצן יונגע בחורים מיט די פיס אונטער זיך. מ׳נייט, מ׳ענדיקט די מלאכה, מ׳רעדט וועגן די פסחדיקע סדרים, וועגן די מאכלים.

שייע, וועמען חברה באַלמעלאָכעס רופן שייע די שעפס, אַ בחור פון אַ יאָר ניינצן, דערציילט און באַרימט זיך, אַז פאַראַיאָרן פסח צום ערשטן סדר, האָט ער אַריינגעקנאַקט צען קניידלעך, און וואָס פאַר אַ קניידלעך.

— איר האָט געדאַרפט זען, חברה, קניידלעך, ווי איך בין אַ ייד, אַז יעדער קניידל איז געווען די גרויס ווי אַ גרויסער קנויל פאַדעם. —

ישראל איציק, אַ יינגערמאַנטשיק מיט אַ בערדל, אַ באַלעבעסל, וואָס חברה רופן אים „כשרע לאַפּע״, האָט אַ מאָדנעם קוק געטאָן אויף שייען דעם שעפּס און אַ זאָג געטאָן:

— אַ גרויסקייט דערציילט ער. אַ קונץ איז עסן.

ביי ראובן שאול דעם שוסטער טוט זיך איצט מעשים אין הויז. זי, שרה טירצע די שוסטערקע, ווי די שטעטלדיקע ווייבער רופן איר, שטייט אָנגעטאָן אין איר גרויסער געקעסטלטער פאַטשיילע ביים נידעריקן שוסטערשן

וואַרשטאַט, האַלט אירע הענט אויסגעשפּרייט. זי רעדט און טענהט צו איר מאַן, צו ראובן שאולן:

— גזלן איינער, וואָס קען איך אויפטאָן מיט אַזוי ווינציק געלט. אַרדבא, זע, צייל איבער וויפיל איך האָב. און מ׳דאַרף האָבן אַזוי פיל אויף יום טוב — ציבעלעס, קאַרטאָפל, פאַסטערנאַק אויף צימעס. עס איז אַזאַ לאַנגער יום־טוב, נאָך מיט אַ שבת צו פאַרבייסן. עס איז דאָך שוין דער לעצטער מאַרק. אַט איז דאָך שוין פּסח, ראובן שואל! זע, גיב כאָטש נאָך עפּעס. וואַרף צו נאָך אַ פּאָר גילדן. איך דאַרף האָבן מיט וואָס צו פאַרנאַנדערנעמען די הענט. זע, איך זאָל ניט פאַרשעמט ווערן.

— און דו בחור — ווענדט זי זיך צו זייער אַרבעטער, צו זרח יאָשען, וואָס איז ניט לאַנג צוריקגעקומען פון סאָלדאַטן — נישקשה, מעגסט נאָך עפּעס אָפּשטעקן, מעגסט נאָך עפּעס צוּוואַרפן אויף יום טוב. קניידלעך וועסטו וועלן עסן גאַנץ היפּש.

ראובן שאולס אויסגעבויגענער, שוסטערשער האַלדז ווערט פלוצים צונטער רויט. מיט זיין אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ הייבט ער זיך לאַנגזאַם אויף פון דעם נידעריקן שוסטערשן בענקל. ער זוכט און טאַפּט מיט די צעדרייטע, שוסטערשע פינגער אין קעשענע, נעמט עפּעס אַרויס און זעצט זיך לאַנגזאַם אַוועק צוריק. ער דערלאַנגט איר אַ פּאָר מטבעות מיטן האַנט איבער זיין אַקסל און בורטשעט אַרויס מיט כעס:

— עס איז זיך גאָרניט אַנצוּנעמען מיט געלט פאַר איר.

ביי זכריה דעם בדחן אין הויז איז איצט לעבעדיק, פריילעך. זיינע פיר זין די כלי זמרים זיינען געקומען אַהיים אויף יום טוב. יעדן אָנהייב ווינטער פאָרן זיי אַוועק אין ראַסיי און אויף פּסח קומען זיי צוריק אַהיים. יעדן ווינטער איידער זיי פאָרן אַוועק אין טיף רוסלאַנד, פאַרזאָגט זיי זכריה הויך אויפן קול, אַזוי אַז אַלע שכנים פון שול־הויף, וואו ער וואוינט, זאָלן הערן:

— קינדער — זאָגט ער צו זיי — איר פאָרט דאָך אַוועק וויט, צווישן גויים, ניט פאַרגעסט, אַז איר זענט יידן.

זכריהס הויז איז איצט אויפגעראַמט, יום־טובדיק. די ווענט אויסגע־קאַלכט, דער דיל אויסגעבעט מיט שטרוי, די אויסגעפּוצטע שויבן גלאַנצן אַנטקעגן דער זון, די צווייי פענצטער, וואָס קוקן אַרויס אויף דעם שניידערשן בית מדרש, זיינען באַהאַנגען מיט האַלב־ווייסע פאָרהענגלעך, באַפּוצט מיט גרינע געהעפטע קרויזלעך.

גאָלדע, זכריהס ווייב, די מוטער פון די פיר זין, וואָס די לצים אין שטעטל ווילצלען זיך, אַז ביי איר אין ביי גרונען, שייע דעם שוסטערס ווייב, זיינען געבענטשטע בייכער. ביי גרונען — דריי זין רבנים און ביי גאָלדען — פיר זין כלי זמרים.

זי, גאָלדע, גייט אַרום איבערן הויז הין און צוריק ווי אין אַ חלום, קוקט נאָכאַנאַנד אויף אירע פיר זין, רעדט שטילערהייט צו זיך אַליין:

— קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַטן — קעניגלעכע פנימער, פריצישע קינדער, איינער שענער פון דעם צווייטן.

זי גייט צו צום מוזיקער, בלייבט שטיין, נעמט אים פלוצים אַרום, קושט אים און ווישט זיך די אויגן פון פרייד.

זכריהס הויז איז איצט אָנגעפילט מיט מענטשן. ס'קומען באַקאַנטע, קרובים, משפחה, מ'גיט שלום. אַ גרויסע פלאַש בראַנפן שטייט גרייט אויפן טיש. זכריה גיסט אָן גלעזלעך, מ'זאָגט „לחיים", מ'ווינטשעוועט זיך. יידן נעמען צו ביסלעך. מ'רעדט, מ'פרעגט וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער גרויסער וועלט, וואָס רעדט מען דאָרט אין טיף ראַסיי. וואָס זאָגט עפּעס פאַניע — וועט טאַקע אויסברעכן אַ מלחמה מיטן טערק? גיט אַ פרעג מאָטיע בער דער שמש, וואָס האָט אַ נאָמען אין שטאָט פאַר אַ גרויסן פּאָליטיקער.

— דאָ ביי אונדז גייט שוין אַרום אַ סלוך אַ גאַנץ ווינטער, אַז אָט, אָט...

ישראל יונה, זכריהס עלטסטער זון, צו וועמען די פראַגע איז געווען געשטעלט, שמייכלט פון הנאה, וואָס אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט צו אים, וואָס אַלע וואַרטן אויף זיין ענטפער.

— איך ווייס — גיט ער אַ זאָג דרייענדיק מיט זיינען קלעזמערישע לאַנגע פינגער די שוואַרצע וואָנצלעך, וואָס ציט זיך ווי אַ שנור אויף זיין פולער פון קלאַרנעט אָנגעבלאָזענע ליפּ. — ווערדליך מ'האָט גערעדט אין קלוב, קוקט אויס, אַז ס'וועט יאָ זיין אַ מלחמה, אָבער ניט מיטן טערק. מ'רעדט, אַז ס'וועט זיין גאָר מיטן דייטש.

— מיטן דייטש — האָט מאָטע בער שמש פאַרוואונדערט איבער־געזאָגט — מיטן דייטש אַ מלחמה? האַ, וואָס קענען מיר זיך מיט אים ניט צעטיילן? —

— איך ווייס — האָט ישראל יונה אַ הייב געטאָן די אַקסלען. אַזוי

ווי ער אַליין וואָלט זיך אויך אַ ביסל געוואונדערט אויף אַזאַ סאָרט מלחמה — איך ווייס, פּאַניע גנב, אַט אַזוי רעדט ער.

אויף מאָרגן איז זכריה בדחן מיט זיינע זין און מיט די עטלעכע כלי זמרים, וואָס זיינען אַ גאַנץ ווינטער געווען אין שטעטל, אַוועק צו ישראל דעם קייסער, גאָלדעס אַ נאָענטער קרוב, אין שענקל. מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט, גערעדט ווי מ׳זאָל זיך טיילן מיט דער פּרנסה. וואָס פאַר אַ חלק ס׳קומט דעם און יענעם, ווע מען מער און וועמען ווייניקער. מ׳האָט זיך געווערטלט, זיך געקריגט. צום סוף איז מען ווי עס איז דורכגעקומען.

אויפן טיש איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע פלאַש בראָנפן מיט פאַרבייסן. מ׳האָט גענומען צו ביסלעך. חברה זיינען געוואָרן פריילעך, אויפ־געלייגט. מ׳האָט געזאָגט כלי זמרישע וויצן. זכריה האָט גענומען גלעטן אַ האַנט אָן אַ האַנט, ווי זיין שטייגער איז ווען ער נעמט אַ ביסל בראָנפן. ער האָט אַ רוף געטאָן דעם באַלעבאָס פון שענקל.

— ר׳ ישראל — האָט זכריה ווי אויסגעזונגען — קומט אַהער, זיצט זיך, נעמט אויך אַ ביסל בראָנפן, נישקשה. רוקט זיך צונויף, קינדער, מאַכט אָרט פאַר נאָך אַ יידן.

ישראל דער קייסער, אַ הויכער דאַרער ייד מיט אַ לאַנגער, רויטער באָרד, מיט קלוגע שמייכלענדיקע אויגן, איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַ רוק געטאָן די יאַרמעלקע פון איין האַלבן קאָפּ אויפן צווייטן, אַ גלעט געטאָן זיין רויטע באָרד און זיך אַוועקגעזעצט לעבן זכריהן.

— נו, קינדער, דאַנקען גאָט — האָט זכריה אַ זאָג געטאָן — ניטאָ וואָס צו זינדיקן. אַ שיין ביסל כלות האָבן מיר אין שטאָט. עס וועט זיין פּרנסה. מ׳דאַרף נאָר ספירה איבערקומען, הלוואי נאָר דו, אַרטשע, און מיין בענצינקע זאָלן אויסגעלייזט ווערן האַיאָר פון גויישע הענט. איך האָף אַזוי. מיר האָבן דאָך עפּעס אַ גאָט אין הימל.

— האַ, וואָס זאָגט איר, ר׳ ישראל, מיר האָבן דאַנקען גאָט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן. אונדזער גאָט האָט מען נאָך ניט דערהרגעט.

ישראל דער קייסער האָט אַ ווילע געשוויגן. ער האָט אַ הויב געטאָן זיין דאַרע האַנט, אָפּגעווישט די ברעקלעך קיכל וואָס איז געבליבן צוגע־קלעפּט צו זיין געדיכטער, לאַנגער באָרד נאָכן פאַרבייסן און אַ זאָג געטאָן הויך אויפן קול:

— צי מיר האָבן זיך איף וועמען צו פאַרלאָזן, אוי, האָבן מיר, וואָלטן מיר נאָר אַזוי, ר׳ זכריה, וועלט געווען.

הירשל דער פלייטיסט, וואָס האָט אַ נאָמען פאַר אַ טרייפענעם ביין און איף וועמען דאָס גאַנצע שטעטל רעדט, אַז זייענדיק אַ סאָלדאַט, האָט ער זיך שיר ניט געשמדט, האָט איבערגעשלאָגן ישראל דער קייסער אין מיטן די רייד און אַ זאָג געטאָן הויך אויפן קול:

— ווייס איך וואָס! גאָט ווי גאָט — זאָגט בעסער דאָס, ר׳ ישראל, אַז מ׳וועט איבערשמירן מיט אַ פאָר הונדערטער וועמען מען דאַרף, וועט טאַקע גאָט העלפן, איך מיין...

דער אַלטער זכריה האָט אים מער ניט געלאָזט רעדן. ער האָט אים אָפּגעהאַקט אין מיטן.

— נו, גענוג — האָט זכריה בייז אַ זאָג געטאָן — גענוג! זיי ניט קיין אַפּיקורס, הירשל. אין גאָט דאַרף מען גלייבן. שפּיל זיך ניט מיט פייער.

איינער פון די קלעזמאָרים האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן אויפן קלעזמאָרישן לשון. חברה האָבן זיך צעלאַכט. נאָר דער אַלטער זכריה האָט צעשראָקן געקוקט איף הירשלען, איף ישראל דעם קייסער און מיט כעס זיך אויפגעשטעלט און געפּאַטשט מיט דער האַנט אין דער לופטן.

פרייטיק אין דער פרי האָט זיך די גאַנצע קאַפּעליע אַרויסגעלאָזן איבערן שטעטל שפּילן „דאָברי־דזשענס" צו אַלע מחותנים פון דוד הירשל דעם שניידערס טאָכטערס חתונה. זכריה דער בדחן איז געגאַנגען פאַראויס כמין מאַרשאַל, נאָך אים די כלי־זמרים — די צוויי מעשענע טרובעס אין די קלעזמערשע הענט האָבן זיך געשפּיגלט אין דער קאַלטער, פרימאָרגנדיקער זון. דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט קנאה זיי נאָכגעקוקט. איבערהויפּט האָט מען מקנא געווען זכריהס זין. אַלע פיר זין אַזוי שיין אָנגעטאָן — ברייטע סאָלדאַטסקע פּלאַשטשן, מיט באַשליקעס פאַרוואָרפן איף הינטן, באַראַשקענע היטלען און אין גלאַנציקע קאַלאָשן. מיידלשע אייגן האָבן פון באַהאַלטענע ערטער, פון צווישן די ווייסע פאַרהאַנגען, וואָס מ׳האָט אויפגעהאַנגען איף די אייסגעפּיצטע יום־טובדיקע פענצטער, געשוואומען, געטונקען זיך אין די כלי־זמרים.

די גאַנצע קאַפּעליע פון אַכט מאַן איז אַריין צו משה יונה דעם שניידער, דער כלהס עלטסטער ברודער, אין שטוב. זכריה האָט אַ גלעט געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט און האָט אויסגעזונגען: קינדער, אַ שיינער „דאָברי־דזשען" זאָל

איפגעשפילט ווערן פאַר דער כלהס עלטסטן ברודער הנגיד ר׳ משה יונה ברב דוד צבי. חברה האָבן אַ שפּיל געטאָן אַ מאַרש, ערשט טאָקע געבראַכט פון טיף רוסלאַנד. די גאַנצע גאַס איז פיל געוואָרן מיט ווייבער און קינדער. איך איינעקע מאַנסבילן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסקוקן פון די הייזער. ישראל שואל דער שוסטער איז אַרויסגעקומען אין זיין לייוונטענעם פּעכיקן פאַרטוך. ער האָט איסגעשפּייט אין היפּן די אייזערנע, שוסטערשע טשוועקעס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין מויל, אָפּגעווישט מיט זיין צווייטער האַנט די שפּייעכץ פון זיין שוואַרצער באָרד. ער איז צוגעגאַנגען צו דוד משה דעם טשעסלער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן טויער פון זיין הויף.

— הא, האָט ישראל שואל אַ זאָג געטאָן — וואָס זאָגט איר, ר׳ דוד משה, חברה קענען שפּילן, מוזיקאַנטן! ניטאָ וואָס צו רעדן, זכריה בדחן האָט נחת. ער האָט איסגעפירט בעסער מיט זיינע קינדער ווי די רייכע באַלעבאַטים.

דוד משה דער טשעסלער, וואָס ביי אים אין קאָפּ דרייט זיך שוין לאַנג אַ געדאַנק צו מאַכן זיינע צוויי זין פאַר כלי־זמר, האָט צוגעשטימט צו ישראל שואלס רייד.

— איך מיין — האָט ער אַ זאָג געטאָן — מ׳דאַרף צו אַלץ האָבן מזל. און אפשר, ר׳ ישראל שואל — האָט דוד משה נאָך אַ ווײַלע שווייגן מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן — מ׳דאַרף האָבן שכל, וואָס צו טאָן מיט די קינדער.

שבת ביינאַכט, ווי מ׳האָט אָפּגעמאַכט הבדלה, האָבן זיך צו דוד הירשל דעם שניידערס הויז גענומען ציען די יונגוואַרג פון דעם גאַנצן שטעטל. די נאַכט איז פאַר יונגוואַרג. דאָס איז די זמירות נאַכט. זיינע געקומען בחורים און מיידלעך, די באַלעמלאָכעדיקע קינדער פון דעם גאַנצן שטעטל, זיך דורכטאַנצן.

אין דער גרויסער, טומלדיקער, שניידערשער שטוב ברענען איצט די צוויי נייע בליך לאָמפּן, וואָס כאַלע דער באַלעגאָלע האָט געבראַכט מיט אַ וואָך צוריק פון דער גרויסער שטאָט. די נייע בליך לאָמפּן שיינען ווי זונען. זיי האָבן זיך ניט וואו אהינצוטאָן מיט זייער ליכטיקייט. ס׳איז פאַר זיי קענטיק צו ענג די ווענט. כאַפּן זיי זיך אַרויס אין דרייסן אין באַלייכטן, מאַכן ליכטיק אַ האַלבע גאַס.

אַ רעדל עלטערע יידן, גייענדיק פון בית מדרש פון מעריב, בלייבן

אַ ווײַלע שטײען בײַ דוד הירשל דעם שנײַדערס שטוב. זײ קוקן מיט נײַגעריקײט אױף דער שאַרפֿער ליכטיקײט, װאָס די נײַע לאָמפּן גיבן אַרױס.

— עס מוז אױפֿעסן אַ װעלט מיט קעראָסין — גיט אַ זאָג אײנער פֿון די ײדן — צו אַזאַ לאָמפּ דאַרף מען האָבן קורחס אוצרות. איך גלײב גאָרניט, אַז דאָס איז פֿאַר דוד הירשל דעם שנײַדערס קעשענע.

— נו, מסתמא קען ער — ריפּט זיך אָפּ איצע װעלװל דער טשעסלער

— אַז ער װאָלט ניט קענען, װאָלט ער אַזעלכע לאָמפּן ניט געקױפֿט. כ׳מײן, אָט לאָמיך דאָס קענען קױפֿן!

פֿון דער גרױסער, שנײַדערשער, ליכטיקער שטוב מיט די האַלב־אָפֿענע פֿענצטער, טראָגט זיך איצט אין דרױסן פֿרײד און געזאַנג. די גאַנצע שטאָטישע קאַפּעליע — אַכט מאַן אַלע כלי־זמרים זיצן אַרום דעם גרױסן ניט געפֿאַרבטן שנײַדערשן טיש. די מעשענע כלים גלאַנצן אַנטקעגן די נײַע בליץ־לאָמפּן. חברה כלי־זמר אַרבעטן געשמאַק, מ׳שפּילט אַ פֿריילעכס.

מײדלעך און בחורים טאַנצן. מ׳איז צעהיצט. מ׳הײבט זיך, מ׳דרײט זיך, מ׳נעמט זיך אַרום און מ׳גײט אַװעק פּליצים אײנער פֿון צװײטן װי ברוגזע. מײדלעך גײען איבער פֿון אײן בחור צום צװײטן, פֿון אײן קאַװאַליער צום אַנדערן. מ׳װינקט זיך איבער און מ׳לאַכט. פּנימער ברענען, אױגן פֿײַערן.

חברה כלי זמר נעמען ניט אַראָנטער די אױגן פֿון די טענצער. שטעכן דורך די מײדלעך מיט זײער בליק. שלום דער קלאַרנעטיסט האָט פּלוצים אַרױסגענומען דעם קלאַרנעט פֿון מױל. ער האָט זיך אַ בײג געטאָן און אַ זאָג געטאָן עפּעס אין דער הײך אױף זײער קלעזמעריש, פֿאַרשטעלטן לשון. די גאַנצע חברה שפּילער האָבן זיך איבערגעװאָרפֿן און זיך צעשמײכלט.

היציקער און היציקער װערן די טענץ, שטאַרקער און שטאַרקער װערט דאָס טופּען מיט די פֿיס. אָרע בערל דער שװאַרצער, אַ דאַמסקער שנײַדער, װאָס איז דעם יאָר אַרױס פֿון פּריזיװ מיט אַ רײטן בילעט און האָט אַ נאָמען אין שטעטל פֿאַר אַ גרױסן פֿראַנט, האַלט פֿעסט אַרומגענומען דאָס מײדל מיט װעלכער ער טאַנצט. ער רעדט נאָכאַנאַנד צו איר עפּעס סודותדיק אין אױער.

זי, דאָס מײדל, דאָבקע יונה בערל דעם סטאָליערס טאָכטער, ענטפֿערט ניט. זי האַלט אירע אױגן אַראָנטערגעלאָזן, קוקט ניט אױף אים און שאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק אױף נײן. אָרע בערל פֿילט זיך באַלײדיקט, װאָס זי, דאָבקע דעם סטאָליערס טאָכטער, שאָקלט דעם קאָפּ נאָכאַנאַנד אױף נײן.

ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין אין מיטן טאַנצן, נעמט אָן מיט זײַנע לאַנגע שניידערשע הענט איר שפּיציקע מאָרדע, הייבט אויף איר קאָפּ און קוקט אויף איר צעהיצטן פּנים. דאָבקעס האַלב פאַרמאַכטע, גרויסע, שוואַרצע אויגן עפענען זיך לאַנזאַם אויף. זי קוקט אים אָן מיט אַ מאָדנעם שמייכל. פּלוצים נעמט זי אים אָן פאַר זײַן לאַנגער נאָז און צעלאַכט זיך הילכיק מיט אַ קוויטש.

וואָס ווייטער ווערט די גרויסע שניידערשע הייז מער אָנגעפּילט מיט באַזוכער. די טענץ ווערן רווישיקער. די בחורים קלעפּן זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צו די מיידלעך. עס דאַכט זיך, אַז אַלע טענצער האָבן זיך פּלוצים ווי דורך אַ כּישוף צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע, צונויפגעדרייט זיך אין איין קנויל, און דער קנויל דרייט זיך אָן אָן אָפּשטעל אין אָן אָן ענדע.

מיקאָלע פּאַכאָם, אַ יונגער שגץ, אַ שוסטער, אַ שכן פון דוד הערשל דעם שניידער, איז אַרײַנגעקומען מיט זײַן ליובאָווניצע, די גראָבע מאַרישקע, ווי די יידן פון גאַס פלעגן איר רופן. מיקאָלע איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע ביים טיר, באַטראַכט די קלעזמער, געקוקט אויף די יידישע מיידלעך און בחורים ווי זיי טאַנצן, אַ זאָג געטאָן עפּעס אין דער שטיל מאַרישקען. און פּלוצים אָננעמענדיק זײַן געליבטע ביים טאַליע, האָט ער זיך מיט פעסטע טריט אַרײַנגעשאַרט צווישן די טענצער. ער האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט זײַן פּעלצל, אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, אַ טרייסל געטאָן די טשופּרינע, אַ טופּע געטאָן מיט די שווערע שטיוול אויף די ברעטער פון דיל און ער און זי זענען אַוועק אַ טאַנץ — אַ קאַמאַרינסקע. די ברעטער פון דיל האָבן געציטערט אונטער דעם טופּען פון זייערע פיס און העכער פון די קלעזמערישע טענער האָט זיך געטראָגן מיקאָלעס געזאַנג אין גווייש: — אַך טי, קום, טי דוראַק — באַגלייט מיט מאַרישקעס קוויטשעדיקן קול: — ניע זנאַיעש דיעלאַ, אַך ניע טאַק —

די כּלי זמרים האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, זיך אויפ־געשטעלט. פּייווע דער פידלער, דער עלטסטער פון דער קאַפּעליע, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן סמיטשיק איבער דעם דעק פון פידל און חברה כּלי זמרים האָבן אַ שפּיל געטאָן אַ קאַמאַרינסקע. פּעסטער, שנעלער און שנעלער האָט זיך מיקאָלע מיט זײַן געליבטע גענומען דרייען. זיי האָבן זיך געבויגן, זיך געקנייטשט, זיך געוואָרפן איינער צום צווייטן און אַלץ העכער און העכער

האָט זיך איבערן הויז געטראָגן זייער געזאַנג: — אַך טי, קום, טי דוראַק; ניע זנאַיעש דיעלאָ, אַך ניע טאַק —

**
*

טעג זענען געלאָפן, וואָכן זענען פאַרשוואונדן. דער אָנפאַנג זומער מיט זיין מילדער וואַרעמקייט איז געקומען און זיך באַזעצט אין שטעטל, באַגריסט און באַגרינט די גויאישע ביימער און געוואַרעמט זייערע פעלדער.

גויים נאָך אין זייערע וואַרעמע, ווינטערדיקע היטלען, באַרוועסע, מיט ליולקעס אין די מיילער, גייען פאַרזאָרגטע נאָך די וועגענער מיט די שפּעטיקע זריעה, וואָס זיי פירן צו פאַרזייען אויף זייערע פעלדער. די מאָגערע פערדלעך, די ניט דערגעסענע פון דעם לאַנגן ווינטער, שטרענגען אָן די לעצטע כחות, שלעפּן קוים די וועגענער, וויגן זיך פון שוואַכקייט צווישן די האָלאָבליעס. זיי ציען זיך אויס, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט ווערן לענגער. עס דאַכט זיך, אַז ניט נאָר די גויים און די פערדלעך זענען איסגעהונגערט, אויסגעמאַטערט, נאָר אויך דער וואָגן, די רעדער — אַלץ איז מיד, אַלץ איז פאַרזאָרגט, אַלץ קרעכצט, אַלץ שלעפּט זיך קוים.

אויך אַרום די יידישע הייזער, אין די יידישע הויפן, האָט זיך גענומען זומערן. יידן ראַמען זיך אַרום פון דעם שווערן ווינטער.

גויים פון די אַרומיקע דערפער קומען אין שטעטל קויפן ביי די יידן דעם מיסט פון זייערע הויפן.

כאַשקע כייצעס, אַ בייזע יידענע, אַן אלמנה, וואָס האָט אַ שטיבל ניט ווייט פון גרויסן בית המדרש, דינגט זיך איצט וועגן איר שמעטניק, טענהט צו אַ גוי הויך אויפן קול. זי קען מיט אים ניט דורכקומען וועגן מקח. דער גוי האַלט, אַז מער ווי דריי וועגעלעך מיסט האָט זי ניט. און זי, כאַשקע כייצעס, טענהט, שווערט זיך, ווינטשט זיך אין גויאיש, אַז אַזוי פיל קופּער זאָל זי פאַרמאָגן, וויפיל ס׳איז דאָ מער ווי דריי וועגעלעך מיסט. — אין שטאַל אַליין, זאָגט זי, וועט זיין דריי וועגעלעך. היינט וואו איז דער גאַנצער הויף. איך האָב דאָך קיין עין הרע דריי שכנים, ענדיקט זי אין גויאיש.

— אַ גוי, אַ חזיר — פּאַגנט זי אָן צו ריידן אין יידיש, דערזעענדיק דעם אַלטן אברהם לייבן, וואָס איז איצט פאַרבייגעגאַנגען איר הויז מיט דעם טלית און תפילין אונטערן אָרעם פאַרקלערט פון בית המדרש.

— וואָס זאָגט איר, האַ, ר׳ אברהם לייב, איר זייט דאָך עפּעס אַ מבין

איך אַזעלכע זאַכן. דריי וועגעלעך מיסט זאָגט דער ערל איז ביי מיר אין הויף און אין שטאַל, מער ווי דריי וועגעלעך, זאָגט ער, וועט ניט זיין. אַזוי פיל מכות מיינע און „נאַרעשטע" אייערע אין אַלע יידישע שונאים, וויפיל ס'איז דאָ מער. וואָס זאָגט איר, ר' אברהם לייב, אַ גוי גנב, רק זיי ווילן אָפּנאַרן אַ יידן. ער מיינט, אַז איך בין אַ יידענע, וועט ער ביי מיר אויסנאַרן די מיסט פאַר גאָרניט. אַז ניט דערלעבן זאָלן עס מיינע שונאים. —

דער אַלטע אברהם לייב איז געבליבן שטיין מיטן טלית און תפילין זאַק אונטערן אָרעם און אָנגענומען מיט דער צווייטער האַנט די באָרד, אַזוי ווי ער וואָלט מיט דער באָרד זיך געוואָלט מישב זיין. ער האָט גוט זיך איינגעקוקט אין איר הויף און אַרום גאַנעק און אַ זאָג געטאָן, אַזוי ווי אין דער וועלט אַריין:

— איך מיין, קום דורך מיט אים, גלייכט זיך אויס —

— וואָס מיינט איר, ר' אברהם לייב, דורכקומען — האָט כאַשקע כייצעס אָן אויפגערעגטע אַ זאָג געטאָן — אָן עצה, וואָס הייסט דורכקומען? אַ מכה דעם חזיר אין די קישקעס. הערסט אָן עצה — אָפּגעבן אַזאַ שמעטניק פון אַ גאַנץ ווינטער פאַר אַכט גילדן. ניט דערלעבן וועט ער. —

דער אַלטער אברהם לייב האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַ הויב געטאָן אָן אַקסל, איבערגענומען דעם טלית און תפילין זאַק אונטער דעם צווייטן אָרעם און פאַמעלעך מיט געמאָסטענע טריט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעשאַרט.

זי, כאַשקע כייצעס, איז געבליבן שטיין אַ דערצאָרנטע און באַגלייט אים פון ווייטן מיט שטעכעדיקע בליקן.

— אַ בעל צדקה איך יענעם, — האָט זי גאַנץ הויך אַ זאָג געטאָן — אָן עצה פון אָן עלטערן יידן, אַ שכן. קום דורך, זאָגט ער. נישקשה, פאַר זיין שמעטניק האָט ער אָפּגענומען מער ווי אַכט גילדן, אָפּגענומען געניג געלט.

**
*

מיט שטאַרקע היצן איז דער זומער באַפאַלן דאָס שטעטל. די גרויסע בלאָטע פון שול־הויף, וואָס טראָגט דעם געהייבענעם נאָמען „די מצילה", איז אויסגעטריקנט געוואָרן. קיין סימן פון וואַסער איז אין דער מצילה ניט פאַרבליבן.

יידן מיט פאַרשוויצטע פנימער און נאַסע בערד זיצן אומעטיקע ביי

זייערע קראַמען. מ'רעדט, מ'שמועסט וועגן נייע גזירות, וואָס דער נייער גובערנאַטאָר וועט אינגיכן איינפירן; וועגן דעם שלעכטן אַקציזניק, וואָס לאָזט ניט די קרעמער צו רו. אַלע עטלעכע וואָכן פאָרט ער אַרונטער אומגעריכט פון דער גרויסער שטאָט מיט זיינע משרתים. זיי באַפאַלן ווי הייעשעריקן, לאָזן ניט לעבן.

יידן רעדן און קרעכצן:

— זאָל כאָטש ניט אויסברעכן קיין שריפה, — רופט זיך אָפּ איינער פון די יידן, — און אַזעלכע היצן קען זיך אַ שטיב אָנצינדן פון זיך אַליין. — — — —

איינער פון די קרעמער, דער אַלטער משה ליפעס, וואָס וואוינט ביי אַ גוי, ביי קאַצאַרסקען אויף דער ווילנער גאַס, האָט גענומען דערציילן, אַז דער ברונעם ביי זיי אין הויף איז כמעט ווי טרוקן. קיים וואָס מ'ציט אַרויף אַ פערטל עמער וואַסער. און דאָס ביסל וואַסער איז ליימיק, מ'קען דאָס אין מויל ניט נעמען. דער גלח האָט שוין פיל מאָל געפּראַוועט מאַליטוועס אין קלויסטער. האָט קאַצאַרסקי מיר דערציילט, געבעטן אויף גשם. נאָר עס העלפט ניט. ער, דער גלח, האָט געזאָגט, דערציילט משה ליפע שמייכלענדיק, אַז אויב עס וועט ניט רעגענען די טעג, וועט מען מוזן אַרויסנעמען די הייליקע, די מאַמען מיטן זון פון קלויסטער און ברענגען זיי אויף די פעלדער. זאָלן זיי זען ווי אַלץ ווערט פאַרברענט.

יידן האָבן זיך איבערגעקוקט און גענומען שמייכלען. איינער פון די יידן, דער אַלטער נח אברהם, דער פעל־קרעמער, האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד און אָפּגעהאַקט אַ זאָג געטאָן:

— מיר יידן האָבן באמת געדאַרפט עפּעס טאָן. איך ווייס — זאָגן תהילים, גוזר תענית זיין, ניט שווייגן. —

אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף יאָ. קענטיק צוגעשטימט, אַז ביי יידן אין די הענט ליגט דער ריכטיקער מיטל.

**
*

וואָכן זענען געפלויגן, חדשים האָבן זיך געביטן, סוף זומער האָט זיך דערנעענטערט. פרייליכע געזאַנגען פון די שניטערקעס, פאָרנדיק היים און צוריק פון די פעלדער, האָט זיך געטראָגן איבערן שטעטל.

וועגענער אָנגעלאָדענע מיט זאַנגען, האָבן זיך גענומען ציען פון די

נאָענטע פעלדער, דורך דעם גרייסן לערן מאַרק, פאַרביי די אומעטיקע ידישע קראָמען, אין די גויאישע הויפן אין די שייערן אַריין, פרוכט־ביימער איינ־געבויגענע פון אַלטקייט, אָנגעלאָדענע מיט פירות, זענען געשטאַנען צעשפּרייטע אין די גויאישע הויפן. די כיף־זימערדיקע זון איז ניט אָפּגעטראָטן פון זיי נאָכאַנאַנד. געוואַרעמט און גרייטלט די פרוכט. אַזוי ווי די זון וואָלט זיך געאײַלט אַלץ צייטיק צו מאַכן איידער די גרייסע ימים טובים, וואָס קומען באַלד אָן. ייִדן זאָלן האָבן איבער וואָס צו מאַכן שהחיינו.

אין די ייִדישע הייזער, אויפן מאַרק און אין די קראָמען פילט זיך שוין דאָס אָנקומען פון ימים נוראים. דער קול פון שופר טראָגט זיך אַלע פרימאָרגן איבער דעם אומעטיקן שטעטל, זאָגט אָן, אַז אָט־אָט, דעם יום הדין איז ניט ווייט.

ייִדן האָבן זיך גענומען סטאַרען אויפשטיין גאַנץ פרי, פאַרברענגען נאָך מער צייט אין בית־המדרש — ווער ביי תהילים, ווער ביים עין יעקב און ווער ביים משניות. מ׳גייט אהיים פאַרקלערטע, אומעטיקע, מיט די שווערע טלית און תפילין זעק אונטער די אָרעמס, מ׳גלעט די גרויסע צעוואַקסענע בערד און מ׳קרעכצט.

דער שטעטלדיקער הימל איז אויך געוואָרן אַן אומעטיקער, אַ פאַר־קלערטער. דער קול פון שופר האָט קענטיק אים אויך אומעטיק געמאַכט. דער הימל האָט פּליצים פאַרלאָרן זיין בלייקייט, זיין טיפקייט, זיין גלאַנץ. עפּעס אַזוי ווי עמיצער וואָלט אים אָנגעטאָן אַ טונקלען שלייער, אַ שוואַרצע יאַרמעלקע.

אַ ריזיקע אויג פון אַ פאַרוויינטער זון כאַפּט זיך אַרויס דורך די וואָלקנס, גיט אַ בליק אויף דעם ייִדישן מאַרק אויפן שטעטל און באַהאַלט זיך צוריק אונטער דעם שוואַרצן הימלשן שלייער.

ייִדן זיצן אומעטיקע, פאַרדאגהטע ביי די טירן פון זייערע קראָמען און קוקן אַריין אין ספרים. עס שאָקלען זיך קעפּ, עס וויגן זיך בערד, מ׳אויקעט, מ׳קרעכצט און מ׳דרעמלט לאַנגזאַם איין.

יעקב יוסף שניפער (נתן דעם ביגערס)

# מײַן שטעטעלע

קודענאָװ, צו מײַן קלײן שטעטעלע,
איך האַלט אַ שנירעלע ביז דאָרט,
צו אַ װיגעלע פֿאַרבונדן נאָך,
װאָס איז געשטאַנען אױף יענעם אָרט.

טיף אין מײַן זכרון בײַזט געבליבן
פֿון דעם װײַטן יוגנט דער אַמאָל.
דוכט איך זע נאָך די טײַכל דײַנע,
די הױכע בערג, און אױך דעם טאָל.

כ׳זע דעם מאַרק דעם קלױסטער דאָרטן
און פֿאַרפֿלאַנצט די קראָמען אין אַ ראָד,
כ׳זע דעם שול־הױף מיט זײַן ברונעם
און להבדיל אױך די באָד

אָט גײען ײדן פֿון די גאַסן
איצט ניט צום קױפֿן; ניט צו האַנדלען,
נאָר צום שול־הױף זײ פֿאַרנײגן
דאָרט מיט גאָט אין שול פֿאַרהאַנדלען.

װײַל אָט קומט אָן באַלד דער „אָסיען״
מיט אַרבעט שװערע און פֿיל מיט זאָרגן,
און פֿאַרדינען װילט זיך עטװאָס גרינגער
ניט צו דאַרפֿן לײַען; באָרגן.

און אויך קומט ער מיט די בלאָטעס.
די סאָדן אַלע הוילע שטייען,
און אָט זע איך פּיס שוערע טרעטן,
דאָרט די וואַסער-טרעגער גייען.

יאָ איך זע דיר שטעטעלע מיינע
פאַרבליבן ביזט צו מיר אַ שיינער טרוים,
נאָר עס האָבן דיר בייזע הענט פאַרשניטן
און הויל געלאָזן — ווי דעם שוים.

און איך בין ווייט פון דיר פאַרפלויגן
אויך פאַרהיטן האָב איך ניט געקאָנט,
דאָך אין מיין זינען בלאָזט אויף פייער
און די האַרץ — ברויזט און מאָנט.

מיין האַנט עס קאָן דעם פיינט ניט גרייכן
אויך קאָן ניט ווייטקייט קירצער מאַכן.
דאָך צו מינדערן דיין ליידן
איך זאָל איצט מיט פילע זאַכן.

אַמאָל אויף יענער ערד האָב איך געטראָטן
מיט קינדער ליבשאַפט און פאַרטרויען.
איצט זי רופט מיר, ברודער העלף מיר
העלף מיר ווידער זיך צו בויען.

און פאַריאָגט איז פיינט דער ווילדער,
וואָס האָט אויף מיר מיין לייב צעריסן,
נאָר איצט די הילף מיר זיך באַקליידן,
און דעם הונגער מער ניט ויסן.

און זאָל ווידער דעם לעבן ציען,
און צו שפּייזן די קינדער טריבע,

פון מיין לייב איין טייל זיי זיינען,
און מיר זיינען אַלע ליבע.

יאָ אַלע — אַלע אָן אונטערשיידן,
אַזוי מיר בויען דעם נייעם לעבן,
און די צייט זאָל אונדז פאַרשטאַרקן,
ווייל אויך נאַטור האָט דאָס געגעבן.

און ווידער זאָל דאָס טייכל פליסן,
און ווידדער וועל איך טרוימען וועבן,
פאַר די מענטשן קינדער אַלע מיינע,
אויף דער ערד זיי זאָלן לעבן.



**נתן שניפער ע״ה**

ערשטער קוידענאָווער קאָלאָניסט אין ישראל

מ. איוועגסקי

# דער צוזאַמענשטעל (די רעדאַקציע) פון תלמוד בבלי

דער אינהאַלט (תוכן הענינים) פון דעם קאָלאָסאַלן ווערק פון דר. יחיאל (דזשוליוס) קאַפּלאַן פון קוידענאָוו. דאָס ווערק איז געווידמעט צו די עלטערן פון דעם מחבר, דעם פאָטער הרב יצחק יונה ב"ר חיים ז"ל, די מוטער רבקה בת הרב אברהם מאיר הליר ז"ל. אין ענגליש הייסט דער בוך

The Reduction of the Babylonian Talmud

דאָס ווערק פון דר. יחיאל (דזשוליוס) קאַפּלאַן איז פון אַזאַ פאַרנעם. אַז עס איז אוממעגליך אין אייניקע זייטן איבערצוגעבן די בקיאות און די חריפות פון דעם מחבר.

די עטלעכע זייטלעך זיינען בלויז אַ פּרואוו אָנצווייזן, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ווערק דר. קאַפּלאַן האָט אָנגעשריבן.

מיר ווילן בלויז מאַכן אַ פּרואוו איבערצוגעבן דעם אינהאַלט, דעם תכן הענינים פון דעם גרויסן ווערק. און די, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט די וויכטיקע פּראָבלעמען פון דעם צוזאַמענשטעל פון תלמוד, וועלן מוזן לייענען דעם אָריגינאַל.

עס איז צום באַדויערן, וואָס אַזאַ וויכטיקער למדן איז אַזוי פריי־צייטיק פון אונדז אַוועק.

דער בוך הייבט זיך אָן מיט אַן אַריינפיר. אין דעם אַריינפיר זאָגט דער מחבר אומגעפער פאָלגענדעס:

דער תלמוד בבלי ווערט אָנגערופן מיט רעכט „ים התלמוד״ איבער די שטורמדיקע כוואַליעס פון ים צווישן די אמוראים. זיי זוכן צו דערגרונטעווען די טיפענישן און זיי שטויסן זיך אויף פעלדזן און ריפן, וואָס לאָזן ניט גיין ווייט. איינער פון די גרויסע קענער פון תלמוד, דר. דייטש, זאָגט אַז איבערן תלמוד שוועבט דער גייסט פון געהיימניספולע מיסטיק... אין תלמוד האָט זיך אָנגעזאַמלט מאַטעריאַל פון פילע יאָרהונדערטע. אויף וואָס פאַר אַ אופן איז דער מאַטעריאַל געזאַמלט געוואָרן? ווער האָט דעם תלמוד רעדאַקטירט? וועגן די פראַגן שוויגט דער תלמוד. עס איז דאָ אַ באַרימטער בריוו פון רבי שרירא גאון „אגרת רבי סבירא גאון״, וואָס איז געשריבן אין יאָר 987, וואָס גיט אַ אומקלאָרן ענטפער איבער די פראַגן. די ביסל ידיעות, וואָס דער בריוו ענטהאַלט זענען באַזירט מער אויף טראַדיציעס, ווי אויף דאָקומענטן און די פראַגן בלייבן ניט פאַרענטפערט. אין דעם בוך זוכט דער מחבר הרב דר. יחיאל קאַפּלאַן דורך געוואַלדיקע בקיאות צו וואַרפן ליכט אָט אויף דער פאַרפלאָנטערטע פראַגע.

צוערשט ברייִנגט דער מחבר די שיטות וועגן דעם ענין.

דער היסטאָריקער גרעץ פאַרלאָזט זיך הויפּטזעכליך אויף דעם בריוו פון רבי שרירא און זאָגט אַז רבי אשי דער ראש ישיבה האָט צוזאַמענגע־קליבן דעם מאַטעריאַל. רב אשי איז געשטאָרבן אין יאָר 427. זיין ווערק איז פאַרגעזעצט געוואָרן דורך רבינא בר הונא וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 499 און רבי יוסי וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 520. אָבער דאָס ווערק איז נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט געוואָרן. די רבנן סבוראי נאָך די אמוראים האָבן פאַרענדיקט די רעדאַקציע אַרום דעם יאָר 550.

דר. זכריה פרענקעל (1801 — 1875) זאָגט אַז דער תלמוד איז פאַר־ענדיקט געוואָרן מיט דער עפּאָכע פון אמוראים, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם טויט פון רבינא בר הונא. די רבנן סבוראי האָבן בלויז צוגעגעבן געוויסע הגהות.

שלמה יהודה ראַפּאַפּאָרט „ישר״ (1790 — 1867) דענקט אַז נאָך דעם טויט פון רב אשי ביז דעם טויט פון רבינא, איז אַרונטערגענומען געוואָרן דער פאַרבאָט פון שרייבן תורה שבעל פה. „דברים שבעל פה אין אתה רשאי לכתוב״. די זאַכן וואָס מען מוז זאָגן אויסווייניק קאָנסטו ניט שרייבן, אָבער צוליב די נויטווענדיקייט מען זאָל דעם תלמוד ניט פאַרגעסן האָט מען דער־

לויבט אויך זיך צו באַנוצן מיט שריפט. דעריבער רעכנט מען אַז רב אשי און רבינא האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם תלמוד.

בריל זאָגט אַז הגהות וואָס די רבני סבוראי האָבן געמאַכט און אויך אפילו הגהות פון גאונים זענען אַריין אין טעקסט פון תלמוד.

אייזיק הירש וואָס דענקט אַז אין די ישיבות פון בבל האָט זיך אָנ־געקליבן ווידערשפּרעכנדע אויסטייטשונגען פון דער משנה און דער פאַר־דינסט פון רב אשין איז געווען די ווידערשפּרעכן אויסצוגלייכן.

עס זענען נאָך דאָ שיטות פון הלוי אין זיין ספר „דורות הראשונים" און רבי זאב יעבץ.

דער צד השוה פון אַלע שיטות איז וואָס זיי ווערן באַגרינדעט אויף די ווערטער פון רבי שרירא גאון וואָס ער זאָגט „ובתר רבינא איפסיקא כמדחזא שמואל ירחינאי בספרא דאדם הראשון דהוי כתוב בו אשי ורבינא סוף הוראה" און נאָך רבינאן האָט זיך דער תלמוד געשלאָסן, ווי שמואל ירחינאי האָט דאָס (אויסגעפונען) געזען אין סדר פון אדם הראשון, מיט אשן און רבינאן ענדיקט די הוראה.

אויך אין דער גמרא בבא מציעה איז דאָ „רב אשי ורבינא סוף הוראה", אַז מיט רב אשן און רבינאן ענדיקט זיך הוראה.

דער מחבר דר. יחיאל קאַפּלאַן ווידמעט פינף און צוואַנציק קאַפּיטלעך אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן צו ווייזן די אַרבעט פון די רבנן סבוראי אין רעדאַקטירן דעם תלמוד.

די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך האַנדלען וועגן דער עצם פּראָבלעם און וועגן פאַרשידענע שיטות וועגן אָט דער פּראָבלעם.

דער דריטער קאַפּיטל באַלויכט די קוועלן פון תלמוד גופא וועגן דער פראַגע.

אין תלמוד איז דאָ בלויז אָנדייטונגען וועגן דעם.

אין מסכת גיטין דף נ"ו עמוד א' איז דאָ דער פאָלגענדער מאמר:

„אמר רבה בריה דרבא ואיתימא רבי הלל בר אלס מימות משה ועד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד, אמר רב אחא בריה דרבא אף אני אומר מימות רבי ועד רב אשי לא מיצנו תורה וגדולה במקום אחד".

האָט געזאָגט רבה דער זון פון רבאן און אַנדערע זאָגן אַז דאָס האָט געזאָגט רבי הלל, אַז פון דער צייט פון משה ביז רבאן זענען ניט געווען

קאָנצענטרירט תורה און גרויסקייט (פירערשאַפט) אין איין מענטשן. האָט רב אחא דער זון פון רבא געזאָגט, און איך זאָג אויך אַז פון רבין ביז רב אשין זענען ניט געווען פאַראייניקט תורה און גרויסקייט אין איין מענטשן.

נעמט מען אָן אַז אַזוי ווי רבי האָט מסדר געווען די משנה האָט רב אשי מסדר געווען דעם תלמוד.

דר. קאַפּלאַן ווייזט אָן אַז דער מאמר און ענלעכע מאמרים ציינן בלויז אַז רב אשי איז געווען אַ גרויסער מענטש און עס האָט ניט צו טאָן מיט דער רעדאַקציע פון תלמוד.

אין פערטן קאַפּיטל אַנאַליזירט דער מחבר די אינעווענייקסטע ראיות אין דעם תלמוד גופא.

אין דעם פינפטן קאַפּיטל אַנאַליזירט דער מחבר די אַנאָנימע טיילן פון תלמוד. די טיילן וואָס טראָגן ניט קיין נאָמען פון אַן אמורא.

אין זעקסטן קאַפּיטל רעדט דער מחבר וועגן די שולע (תלמידים) פון רב אשין.

אין זיבעטן קאַפּיטל זוכט דער מחבר זיך צו דערגרונטעווען וועגן די אָרדנונג פון תלמודישע „רעקאָרדס״ (פאַרצייכנונגען).

אין אַכטן קאַפּיטל רעדט ער וועגן תלמודישע שטעלן וואָס זענען אין תלמוד אַריינגעשטעלט געוואָרן שוין נאָכדעם ווי רב אשי איז געשטאָרבן.

אין נייגטן קאַפּיטל רעדט אַרום דער מחבר אַלע שטעלן אין תלמוד, וואָס שטאַמען דירעקט פון רב אשין. ער ווייזט אָן אַז אַ רעדאַקטאָר פון תלמוד וואָלט די שטעלן אַנדערש איינגעאָרדנט.

דער צענטער קאַפּיטל איז וועגן רבינאן.

דער עלפטער קאַפּיטל איז געווידמעט וועגן די באַציאונגען פון רב אשין און רבינאן.

דער צוועלפטער קאַפּיטל איז געווידעמט רבינא בר רב הונא.

אין דעם דרייצנטן קאַפּיטל אַנאַליזירט דער מחבר דעם אופן ווי דער תלמוד איז פאַרמירט געוואָרן.

דעם פערצטנן קאַפּיטל ווידמעט דער מחבר דעם אַנאַלאַזיס פון פאַר־שידענע אָנגענומענע שיטות וועגן צוזאַמענשטעלונג פון תלמוד.

אין דעם פופצנטן קאַפּיטל רעדט דער מחבר אַרום וואָס הייסט תלמוד און וואָס הייסט גמרא. גמרא מיינט אַ פאַרענדיקטן ענין און תלמוד איז די דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע ענינים און די ענינים נעמען אַרום רעליגיע

און עטיק, פשט און גערעצן, מעדיצין און כשוף, אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע, היסטאָריע און געאָגראַפיע, מסחר און סאָציאַלע פראַגן אין צוויי אָפּטיילונגען הלכה און אגדה.

אין דעם זעכצנטן קאַפּיטל אַנאַלאַזירט ער די תלמודישע טערמאָנאָ־לאָגיע.

אין דעם זיבעצעטן קאַפּיטל רעדט ער אַרום אַז צוליב דער צענזור זענען פאַרביטן געוואָרן די טערמינען גמרא און תלמוד.

אין דעם אַכצנטן קאַפּיטל רעדט ער אַרום ווי די דיסקוסיעס צווישן געלערנטע אמוראים און תנאים זענען פאָרגעקומען און וועגן די גרויסע ישיבות.

דער ניינצנטער קאַפּיטל איז געווידמעט דער פראַגע ווי אַזוי פון תורה שבעל פה איז געוואָרן אַ תורה שבכתב.

דער צוואַנציקסטער קאַפּיטל איז וועגן דעם סוף פון דער עפּאָכע פון אמוראים.

דער איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל רעדט אַרום וועגן דעם טערמין סברא.

דער צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל איז וועגן „רבנן סבוראי״. נאָך זיין מיינונג, האָבן די רבנן סבוראי צוזאַמענגעשטעלט דעם תלמוד בבלי.

דער דריי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל דערציילט וועגן די גאונים.

דער פיר און צוואַנציקסטער קאַפּיטל באַשרייבט ווי פּאָליטישע גע־שעענישן האָבן באַווירקט דעם צוזאַמענשטעל פון תלמוד.

דער פינף און צוואַנציקסטער קאַפּיטל איז וועגן די פאַרשידענע שיטות וועגן די רבנן סבוראי.

דער תוכן הענינים צייגט וואָס פאַר אַן אַרבעט עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם קאָלאָסאַלן בוך וועגן תלמוד און ווי גרויס עס איז די בקיאות פון דעם מחבר פון בוך.

דער מחבר איז פון גרויס יחוס, פון הרב הגאון ר׳ אברהם מאיר העשיל איינער פון די וויכטיקסטע רבנים פון זיין צייט. ער איז געווען רב אין קוידענאָוו. רבי א. מ. העשלס זון, רבי יחיאל לייב איז געווען רב אין ירושלים.

קוידענאָוו האָט געהאַט גרויסע מענטשן, צווישן וועלכע מען קען פאַר־רעכענען דעם מחבר ר׳ יחיאל קאַפּלאַן.

שרה רייזען

# חיים יאָסלס האָפנונגען

עס זענען שוין געשטאַנען הערבסטיקע טעג. דער רעגן האָט אָפטער געגאָסן. און די בלעטער פון די בוימער האָבן זיך געשפּרייט געלע, ברוינע, איבער דער ערד. „הערבסט״ „אלול״ האָבן אָנגעזאָגט די ווינטן מיט טרויעריקע געזאַנגען.

חיים יאָסל דער שניידער איז אומגעגאַנגען אָן אַרבעט, און די זאָרג פון דעם אָנקומענדיקן יום טוב האָט אים אַרומגענומען ווי מיט צוואַנגען. ער האָט קיין אָרט ניט געפונען. זיין חיונה האָט ער באַדאַרפט קריגן פון לייען אַ גמילות חסד, — אָבער אַז ער באָרגט ביי זיין שוועסטערקינד, איטקינד, און גיט אים ניט אָפּ צו דער צייט, קען מען דאָך ניט האָבן קיין „פּאַר־שטאָכענע אויגן״ און קומען נאָך אַמאָל און בעטן, טאַקע שווער, אָבער מ׳קען ניט קומען צו דעם שוועסטערקינד און אים זאָגן:

— ברודער, אַ שווערע צייט, העלף אַרויס.

אין דער היים, ווען חיים יאָסל כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דאַכט זיך אים, אַז ער וועט קענען אַזוי זאָגן זיין שוועסטערקינד: „ברודער אַ שווע־רע צייט, העלף אַרויס״, אָבער, ווי ער קלינגט אָן צו זיין שוועסטערקינד איטקינד און די וייב איטקינדס, וואָס איז אים אַ פרעמד — ס׳הייסט אַ צו־געקומענע קרובה, עפנט אים פריינטלעך די טיר (זי ווייסט, אַז ער איז אויף צרות) איז נעמט אָפּ ממש ביי חיים יאָסלען דער לשון. אָט דער־זעלבער חיים יאָסל, וואָס בעת ער איז געווען דער שניידער, דער תקיף, בעת ביי אים האָבן געאַרבעט צען, אַרבעטער, פלעגט תמיד בעתן רעדן מיט אַ מענטשן אַריינגעוואָרפן אין די רייד עפּעס אַ וויץ — און איז געווען דער גרעסטער „בעל דברן״ — איז איצט ווען קיין אַרבעט איז נישטאָ, און די מאַשינען, די צוויי נייע מאַשינען, שטייען צוגעמאַכט און צוגעדעקט, אָפילו

אַן נאַדלען, איז ער געוואָרן אָן לשון, ניטאָ קיין ווערטער, אַפילו דאָס ווייב זאָגט אָפּט צו אים:

— חיים יאָסל וואו איז דיין לשון, ביזט דאָך געוואָרן אַ לעמעלע.

שמייכלט חיים יאָסל פאַרשולדיקט. ער וואָלט אַפילו איר געענטפערט: אַז עס טוט זיך אָפּ דער מזל, טוט זיך אָפּ דער שכל, נאָר ער האַלט אַז די קליגסטע זאַך פאַר אים איז שווייגן. שווייגן איז גאָלד, און ריידן איז זילבער" קומט אים אין געדאַנק — אַ שפּריכוואָרט, און ער שוויגט.

אַמאָל פלעגן קרובים צושיקן פון אַמעריקע אויף ראש השנה עטלעכע דאָלאַר, פלעגט זיך גרינגער דעם יום טוב צו מאַכן. הייגט זאָגט מען, אַז אַמעריקע וויים אויך פון זאָרג און פון דלות... און די אַמעריקאַנער קרובים האָבן אויפגעהערט ניט נאָר צו שיקן געלט נאָר אַפילו צו שרייבן.

ער אָבער שרייבט אַלע פאַר יום טוב צו די קרובים פון אַמעריקע, זאָלן זיי ניט מיינען, אַז ער איז אויסן געווען בלויז דאָס געלט און ניט די קרובהשאַפט. אמת עס איז אים ניט פון די לייכטע זאַכן צו קויפן אַ „שנה טובה" קאַרטע און מאַרקעס, אָבער דערפאַר מיטן אַוועקשיקן דעם בריוו קומט גלייך די ליכטיקע האָפענונג.

עס וועט אפשר אָנקומען געלט! עס איז דאָך עפּעס „אַמעריקע". „פאַרט אַמעריקע" מוטיקט ער זיך אַליין און שטאַרקט זיין האָפענונג, און שרייבנדיק דעם בריוו באַקומט ער צוריק זיין לשון פון די אַמאָליקע גוטע צייטן. ממש די ווערטער זינגען זיך אַרויס, ווי אַ ליד, וואָס ער פלעגט אַמאָל ביי דער אַרבעט זינגען. און די ווערטער, וואָס אין דער היים ליגן זיי ווי צושראָקענע פויגל אין זיין האַרץ קומען אַרויס. עס ווערט אים לייכ־טער אויף דער נשמה. ער שרייבט דעם אמת: פון דער ווייטנס איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען, און דאָס ווייב לייענט ניט זיינע בריוו, וואָס ער שרייבט, איז טאַקע, ווי ער וואָלט רעדן פאַר גאָט אַליין.

און בעת ער שרייבט זיין בריוו ציטערט אים זיין האַרץ — אָט אָט דאַכט זיך און עס שטעלט זיך אָפּ. און מיט אַ קיילעכדיקן כתב, ווי ער האָט אַמאָל נאָך געשריבן ביי דעם לערער טעבעל, שרייבט חיים יאָסל.

„מיינע ליבע ברידער אין אַמעריקע! (איין בריוו צו אַלע קרובים, אויף דעם אַדרעס, פון דעם עלטסטן קרוב נחמן יעקב) מיינע ליבע קרובים.

מיין האַרץ און מיין האַנט ציטערן שרייבנדיק אייך דעם בריוו, די צייט איז שווער, און עס גייט יום טוב און מיט אים קומט דער ווינטער, מיינע

מאַשינעס „זינגען ניט". (אים אַליין געפעלט די פּראָזע און ער טוט אַ שמייכל). די קינדער זענען אַפּגעריסן, איך אַליין זינג אויך ניט, ווייל ווען איך וואָלט קענען זינגען, וואָלט איך דאָרט געקענט קריגן אַן אָרט אויף ימים נוראים, וואו צו דאַוונען, און כאַפּן אַ פּאָר גילדן, אָבער אַזוי איז גאָר ניט פריילעך, און צוזאַמען מיט די ווייַנענדיקע אלול ווינטן ווינט צו אייך מיין האַרץ און מיין געבעט און איך בעט: דערבאַרעמט זיך! דערבאַרעמט זיך און שיקט עפּעס אַ קרוב אין אַ שווערער צייט! (אַז ער זאָגט אַרויס די פּראָזע דערפילט ער זיך פרייער). ניטאָ קיין אַרבעט, האָב איך זיך גע־וואָלט נעמען פאַר אַן אַנדער פּרנסה, איז ניטאָ אַזאַ פּרנסה וואָס מ׳זאָל פון איר קענען האָבן פּרנסה. איך האָב גענומען אַ סאָד האָב איך צוגעלייגט, אַ גאַנצן זומער געאַרבעט, סיי טאָג סיי נאַכט, אָבער פאַרן טייוול... פאַר־טראַכט זיך, ער לייענט איבער וואָס ער האָט אָנגעשריבן און בלייבט ניט צופרידן, אים דאַכט זיך, אַז אויך פאַר אַ יאָרן האָט ער דאָס זעלבע גע־שריבן. און ער מעקט אויס דעם „סאָד" (ווייל ניט היי יאָר ניט פאַר אַ יאָרן האָט ער געהאַט מיט וואָס צו דינגען אַ סאָד. נאָר איינמאָל געשריבן אַ ליגן קען מען דאָך אַצווייטן מאָל דאָס זעלבע ניט שרייבן), מיט איין וואָרט — קיין פּרנסה איז גאָר ניטאָ, און מען וואַרט נאָר אויף אַ נס. און וואָס פאַר אַ ניסים קענען ביי אונדז פּאַסירן — וואַרט מען אַז פון אַמעריקע זאָל אָנקומען די פאַר דאָלאַר אויף יום טוב. און עס ציטערט דאָס האַרץ, טאָ־מער חלילה ניט. איז דעריבער בעט איך אייך, מיינע ברידער אין אַמע־ריקע — טאָמער זייט איר ניט אימשטאַנד אַליין צו שיקן לייגט זיך צונויף און שיקט צוזאַמען! איך שיק דאָ צו מיין „שנה טובה" פאַר אייך אַלעמען צוזאַמען, אייער ברודער און קרוב, חיים יאָסל ברווינער".

און אויף דער „שנה טובה" קאַרטע צירקלט אויס חיים יאָסל אַלע נעמען פון די קרובים און שיקט עס אַוועק אין אַמעריקע.

אַז ער טראָגט אָפּ דעם בריוו אויף פּאָסט און קומט אַהיים — דער־קענט אים ניט זיין ווייב, צירל, אַ נייער מענטש, אַן אומגעביטענער.

ער רעדט העכער, און וואַשט זיך מיט שטאָלצייט צום עסן. — האָסט עפּעס? פרעגט ער ברייט. דאָס ווייב, וואָס פאַרשטייט ניט פון וואָס פאַר אַ גליקן ער איז אַזוי דערהויבן געוואָרן און ווערט בייז.

„אים אַרט דען פאַר עמיצן, נאָר אים זאָל מען געבן", טראַכט זי פאַר זיך, און אים זאָגט זי:

— איך האָב פאַר דיר מאַרצעפּאַנעס.

די פראַגע גיט חיים יאָסלען אַ שניט אין האַרצן, אָבער ער פאַרשוויגט. און זיצט לאַנג און וואַרט מיט געדולד ביים טיש, ביז צירל דערלאַנגט אים נעכטיקע בוריקעס, אָבער אויסגעהונגערט פאַרצערט עס חיים יאָסל מיט אַן אַפּעטיט, ווי ער וואָלט געגעסן מאַרצעפּאַנעס. אים ווילט זיך אַפילו בעטן דערצו אַ ציבעלע, אָבער ער האַלט זיך איין, אַ מענטש דאַרף ניט זיין קיין צו גרויסער זולל וסובא — טראַכט ער.

נאָכן עסן — לייגט ער זיך אַביסל צו און ווערט אַנטשלאָפן. און אָט איז ער אין אַמעריקע, גייט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, פליט אין דער לופטן — אַפילו אין עראָפּלאַנען. אָט גלאַט אויפגעהויבן זיך און ער קען פליען, און אָט איז ער ביי די קרובים. זיי לייענען זיין בריוו, און זיין בריוו איז גאָר ניט ענלעך צו דעם וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט, די „שנה טובה" איז געוואָרן גרויס און לויכט מיט אירע גאָלדענע ברעגן. און אָט ווערט זי אינגאַנצן פון עכטן גאָלד, און די קרובים וואונדערן זיך.

— אַזאַ רייכער קרוב איז חיים יאָסל, שיקט גאָלדענע „שנה טובה".

ער דערפילט זיך דערמוטיקט פון דעם חלום, טייטשט אויס אַליין אים צו גוטן.

— עס וועט זיין אַ גוטער יאָר! און ער בעט ביים ווייב מיט געמאַכ־טער מונטערקייט:

— צירל עס וועט אָנקומען געלט פון אַמעריקע ווערסט זען, עס וועט אָנקומען, ווערסט זען, איך האָב אַ סימן! און אַ ווײַלע וואַרט ער אָפּ און זאָגט:

— איי וואָלט עס איצט געווען גוט אַ וואַרעמע גלאָז טיי!

שפרה אָסנאַס ליווי

# די הויכע בערג

ווען איך בין געווען אַ מיידל פון אַ יאָר 12־13 בין איך געווען אַ פּריקאַשטשיצע ביי גיטל מאַטעס אין קראָם, וואָס מען האָט ביי אונדז גע־רופן אַ הורטאָוונע „סקלאַד״, וואו מען פלעגט פאַרקויפן צו קרעמער. איך בין דאָרט געווען די גאַנצע פירערקע. געווען פאַרטאָן מיט די געשעפטן, ווען ען צו פאַרקויפן פאַר געלט און ווען ען צו באָרגן. דאָס איז געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע, ביי וועלכער איך בין געווען פאַרנומען פערצן שעה אַ טאָג.

איינמאָל איז געקומען אין קראָם אַ קאָמיטע אַרויסצורופן אַ סטרייק. אין דער קאָמיטע איז געווען מענדל מערליס, אָדער ווי מען האָט אים גע־רופן מענדל שפּאָן און יאַשקע כּאַכּאַס, און זיי האָבן געפאָדערט פון מיין באַלעבאָס, צו פאַרקלענערן מיינע אַרבעטס שטונדן פון פערצן שטונדן אויף צוועלף און אַ העכערונג אין שכירות (ווידזשעס).

דאָס איז געווען אַ נייע זאַך אין אונדזער שטעטל קוידענאָוו, ווייל ביז דאַן איז אַזוינס ניט פאָרגעקומען — ווי אַ סטרייק. דאָס איז געווען אין יאָר 1906.

מיין בעסטע פריינדינע איז דאַן געווען מלכה סולסקי, זי האָט זיך געלערנט נייען ביי מלכה יודיל דעם קעמעלעס. מיין חברטע איז געווען אַ יונגע, אַ קלוגע און אינטעליגענטע מיידל. זי איז געווען פון די סולסקעס וואָס איינער פון אירע ברידער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון ביבליאָטעק. (דאָ אין אַמעריקע איז ער אַ דאָקטער). איר ברודער אייב און חנה שולץ זיינען געווען הייסע רעוואָלוציאָנערן, ווי די גאַנצע יוגנט פון יענער צייט, וואָס האָבן זיך אָנגעפאַנגען גרופּירן אין פאַרשידענע פאַרטייען, — ווער צו ציוניסטן, וואו חיים יהודה מערליס איז געווען דער פירער, אַנדערע צו

די פּועלי־ציון און אַנדערע צו די בונדיסטן. די גאַנצע יוגנט איז געווען פאַראינטערעסירט אין יענער צייט בויען אַ בעסערע, שענערע וועלט.

איינמאָל איז געקומען צו מיר מיין חברטע, אַ שבת נאָך וואַרמעס און האָט מיר גערופן צו אַ סאַבראַניע (פאַרזאַמלונג), אויף די הויכע בערג, נאָר עס האָט געדאַרפט זיין זייער קאָנספּעראַטיוו, קיינער האָט ניט געטאָרט פון דעם וויסן. דאָס איז געווען אַרום שבועות צייט, ווען די ביימער, מיט די בלומען אויף די די הויכע בערג און פריסאַדעס האָבן זיך פאַרנאַנדער געבליט מיטן פולן פּראַכט. די בלאַטע אויפן מאַרק, לעבן שליימקע מאַרגאָלעס דהויז איז שוין כמעט געווען אויסגעטריקנט. די לוזשע האָט נאָך געוואָרט אויף אַ גוטן זוניקן טאָג.

ווען איך בין געקומען מיט מלכהן אויף די הויכע בערג, צו דער „סאַבראַניע”, האָט זיך פאַר מיר אַנגעהויבן אַ נייער לעבן. איך האָב דאָרטן געטראָפן אַ היבש ביסל פון אונדזערע יוגנט, פילע פון אונדזער אינטעלע־גענץ. אַ רעדנער האָט גערעדט און דערקלערט די שווערע לאַגע פון מיין קלאַס און פון מיין פאָלק. מען האָט מיר אָנגעוויזן ווער עס געהערט צו „סאַמאָ־אַבאַראָנע” (זעלבסט־שוץ). איך האָב אַפילו זיך געוואונדערט צו וואָס זי איז עס נויטיק, — די וועלט גייט דאָך סיי־ווי צו ציוויליזאַציע. עס האָט זיך ניט דאַן געקאָנט גלויבן אַז מיט יאָרן שפּעטער זאָל אין גאַנג פון ציוויליזאַציע אויסוואַקסן אַ היטלער — אַזאַ אומגליק.

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע און געזעסן אין שאַפּ ביי דער מאַשין, האָב איך אָפט געזען, ווי אין אַ חלום, די הויכע בערג, די פּאַפּלאָוועס, און טשערעשנעס פליסנדיק טייכל. איך האָב זיך ניט געגלויבט, אַז עס איז אַ חלום. ווי שיין די בערג זיינען פאַרבליבן אין מיין קינדערשער פאַנ־טאַזיע.

אָבער איצט קאָן איך מער פון די הויכע בערג ניט רעדן מיט באַ־גייסטערונג.

דער אומגליק פון מיין פאָלק, פון מיין גאַנצן יידישן פאָלק, פון מיינע ליבע לאַנדסלייט, פון מיין קוידענאָוו. עס וויינט זיך, ווען איך שרייב דאָס און עס וויינט זיך ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט וועגן דעם גרויסן גרוב מיט די לעבעדיק באַגראָבענע נפשות אויף די הויכע בערג.

איך קען די הויכע בערג, מער ניט דערמאָנען, אָן אַ זיפץ, אָן טרערן נאָר מיט אַ וויטיק אין האַרצן. עס ווילט זיך אויסשרייען, — דערמאָנט

מיר ניט מער די הויכע בערג! מיר דאַכט אַז איך הער די מוראדיקע קולות פון די דערשראָקענע, פאַרצוויפּלטע לויפנדיק מיט שרעק פון אַלע גאַסן, — דער לעצטער געשריי פון לעבעדיקע מענטשן.

וואו לויפט מען? וואו באַהאַלט מען זיך? עס ווילט זיך ראַטעווען און בלייבן לעבן. איך הער די קולות פון מאַמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט, און הער פון די עלטערע מענטשן די לעצטע תפילה.

און דאָס איז געשען דעם 21טן אָקטאָבער, 1941.



שפרה אָסנאַס ליווי

שפרה אָסנאַס ליווי

# ווי גליקלעך מען איז דאַן געווען...

(דערציילונג)

ערגעץ אין דער ליטע איז געלעגן דאָס קליין שטעטל ק. געלעגן ווי אין אַ כישוף־ראָד צווישן הויכע, פאַרחלומטע בערג און טיפע טאָלן, באַזוימט מיט שפּיגלדיקע טייכלעך, שמעקעדיקע בלומען, גרינע גראָזן, מיט בלויע, העלע הימלען איבער אַלץ און אַלעמען... דערצו דער גרויסער, געדיכטער „בראָשקעס" וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן ווייט און ברייט מיט זיינע הויכע, געזונטע, שטאָלצעביימער, וואָס האָט פאַרשמעקט די לופט און פאַרשאַפט אַ סך נחת רוח די זומער־פאַרנאַכטיקע, און שבת־יום־טובדיקע שפּאַצירנדיקע, פון דער גאַנצער וואָך שווער פאַרהאָרעוועטע, שטעטלדיקע איינוואוינער וואָס האָבן דאָרט געפינען שבת־יום־טובדיקע רו...

פאַר סאָפיע אסנאס, האָט איר געבורטס־שטעטל ק. געקלונגען ווי אַ ליד פול מיט צויבער־מעלאָדיען, מחמת, זי איז געווען געבענטשט מיט אַ טיף־פילנדער נשמה, מיט אַ האַרץ פול מיט געפיל און בענקשאַפט, מיט אַן אויער, וואָס האָט אויפגענומען קלאַנגען, און מיט אויגן, וואָס האָבן באַמערקט אָט די שיינקייט אַרום איר און האָט אַלץ אַריינגעזויגן אין זיך. דעם טייערסטן פערפיום...

און געווען איז סאָפיע דווקא אַן אָרעם קינד, פון אָרעמע עלטערן, וואָס דינען געוועזן צו אָרעם צו מאַכן איר קינדעריש לעבן גליקלעך...

אין דער לופט פון איר היים האָט געשוועבט די אָרעמקייט שטיל, פויל, און פול מיט זאָרג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר יונגער נשמה... שוין אַלס קליין מיידעלע האָט סאָפיע באַגריפן, וואָס פאַר אַ „גליקלעכע" קינדהייט עס איז פאַר איר אָנגעגרייט... אַ קינד אין סאָפיעס אָרעמען שטאַנד

ווערט קלוג פֿאַר דער צייט, פֿאַרשטייט און באַנעמט, אַז איר לעבנס־וועג וועט ניט זיין אויסגעשפּרייט מיט בלומען, אַז זי וועט ניט דאַרפֿן בענקען נאָך דער קינדהייט אָפּילו נאָך דער יוגנט, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט...

אין סאָפֿיעס זכרון וועט שטענדיק בלייבן איינגעקריצט איר אָרעמע היים: די פֿיר קליינע קאַמערלעך אין וועלכע מען האָט זיך קוים געקאָנט באַ־וועגן... דער „גרעסטער" צימער אין שטיבל איז געווען דער „זאַל" מיט די צוויי קליינע פֿענצטערלעך וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט צום שמאָלן געסל, וואו עס זיינען געשטאַנען נאָך אַזוינע שטיבעלעך אָפּגערוקט איינע פֿון די אַנדערע... די פֿענצטער פֿון אין שטוב זיינען געלעגן איינגענורעט אין דער ערד, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו די אוצרות, וואָס ליגן טיף אין דער ערד באַהאַלטן און מיט איינמאָל אַ הויב זיך געבן אין עושר און אין כבוד...

די נידעריקע און שמאָלע טירן פֿונעם שטיבל האָבן נאָכגעפֿאָלגט דעם זעלבן גורל פֿון די פֿענצטער, נאָר ניט אַזוי שטיל און באַשיידן... די „זאַוויעסעס" פֿון טירן וועלכע זיינען געווען אַלט און פֿאַראָסטעט האָבן געמאַכט סקריפּן די טיר און געדינט ווי אַן אָנזאָג ווען אימיצער איז געקומען אָדער אַוועקגעגאַנגען...

אין סאָפֿיעס זכרון האָבן זיך אויך איינגעקריצט די צוויי בילדער וועלכע זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. משה מאָנטעפֿיאָרע און יצחק אלחנן, וועלכע האָבן אויף איר איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זייער פֿרומען, פּאַטרי־אַרכאַלישן אויסזען...

נאָר אַ בילד וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק, איז געהאַנגען אין פּאָדער־שטיבל איבער אַ גרויסן קופֿערט, עפּעס מיט אַזאַ מאָדנעם אויס־זען: דאָס פּנים מיד, מילד און צעקנייטשט, מיט טיפֿע, גוטע אויגן, מיט אַ בערדל וואָס האָט אים צוגעגעבן חשיבות... ווען זי האָט דער מאַמען געפֿרעגט וואָס פֿאַר אַ בילד דאָס איז? האָט זי געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער מאַן פֿון אַמעריקע, וואָס מען רופֿט: „אברהם לינקאָלן" און מען זאָגט אַז ער איז אַ ייד...

סאָפֿיע האָט ליב געהאַט אַרומבלאָנקען איבערן מאַרק, אַריינקוקן אין די האַלבע ליידיקע קראָמען וואו די קרעמער זיינען געזעסן און געוואַרט אויף אַ קונה... אין אַ מאַרק־טאָג איז אויפֿן מאַרק געווען אַ סך לעבעדיקער,

עס פלעגן אָנפאָרן פויערים פון די אַרומיקע דערפער און איינגעקויפט זייף, הערינג, מאַכאָרקע, שיך, קליידער, היטלען און אַנדערע זאַכן אין וואָס זיי האָבן זיך געניייטיקט. זיי, פון זייער זייט, האָבן פאַרקויפט הינער, אייער, קאַרטאָפל און אַלע אַנדערע זאַכן אין וואָס אַ שטאָט נויטיקט זיך...

סאָפיע פלעגט לאַנג שטיין לעבן פוילישן קלויסטער וואו עס פלעגן זיצן בעטלער און קאַליקעס און בעטנדיק זינגען אַזוינע טרויעריקע לידער, וואָס פלעגן איר אַזוי אויך שווער געמיט נאָך טרויעריקער מאַכן... דער גאַנצער צער און אָרעמקייט פון דער וועלט איז, דאַכט זיך, געלעגן אין זייער טרויעריקן געזאַנג. — — — — — — — — — — — — — — — —

***

אָט אַזוי האָבן יידן זיך געלעבט אין שטעטל פאַר דורות, געפירט זייער איינגאַרטיקע קליינשטעטלדיקן לעבן, וועמען בעסער, וועמען ערגער, און ס׳וואָלט גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז עס איז פאַראַנען ערגעץ אַ בעסער, און אַ שענערער לעבן... אַזוי האָבן געלעבט זייערע טאַטעס, זייערע זיידעס און עלטער זיידעס און אַזוי וועלן זיי שוין אויך אויסלעבן זייערע יאָרן אין פרייד און איןליידן...

אַפילו איר, סאָפיען, מיטן איינגעבוירענעם געפיל פאַר שענערס און בעסערס, איז אויך ניט איינגעפאַלן אַז איר לעבן וועט זיך מיט עפּעס ענדערן. וואָס קען אַן אָרעם מיידל דערוואַרטן און אויף וואָס קען זי האָפן, אַ חוץ אפשר חתונה האָבן מיט אַן אָרעמען בחור און זיך פּלאָגן און ליידן, ווי איר טאַטע, איר מאַמע, און אַלע אַנדערע אין שטעטל?...

***

איינמאָל, איז אין שטעטל אָנגעקומען אַ בריוו פון אַמעריקע פון בערל דעם שניידערס זון, אַז עס לעבט זיך אים גאָרנישט שלעכט אין קאָלאָמבוסעס מדינה, ער פאַרדינט גאַנצע זעקס דאָלאַר אַ וואָך, וואָס מיינט אויף היימיש געלט צוועלף רובל... דאָס האָט אויפגערודערט דאָס שטעטל... מען האָט דעם בריוו געבראַכט צו טראָגן אין מאַרק צווישן די קראָמען... יידן האָבן געלייענט דעם בריוו און געגאַפט: עפּעס אַ קלייניקייט צוועלף רובל אַ וואָך!...

דאָס שטעטל האָט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף... וואו

מען איז געגאַנגען און געשטאַנען האָט מען גערעדט פון די אַמעריקאַנער גליקן... ס'שטעטל האָט מיט אַמאָל דערזען, אַז אַחוץ זייער שטאָט ק. איז נאָך ערגעץ דאָ אַ ווייטע, ברייטע וועלט וואו מען קען אויפגעריכט ווערן און פּטור ווערן פונעם שטענדיקן ביטערן דלות... אַז בערל דעם שנײַדערס זון קען, פאַרוואָס זאָלן זיי ניט קענען?

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער: אַמעריקע! וועך עס האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט צונויפצוקלייבן אויף הוצאות איז אַוועק קיין אַמעריקע; מען האָט געליען, געבאָרגט, געשריבן צו קרובים, אַפילו געטאָן שידוכים כדי מיטן נדן קענען פאָרן קיין אמעריקע — האַלב שטאָט איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַמעריקע!

**
*

אין איין טאָג ווען אין ניו יאָרקער האַפן איז אָנגעקומען אַ שיף פון ליבאַווע, פול געפּאַקט מיט עמיגראַנטן, האָט זיך אויף דער שיף אויך געפונען סאָפיע אַסנאַס, וועלכע האָט מיט אַ טרויעריקן געמיט און מיט טרערן אין די אויגן פאַרלאָזט איר באַליבט שטעטל ק. און געפאָרן זוכן איר גליק אין דער ווייטער אַמעריקע...

זי איז פאַרפאָרן צו אירן אַ לאַנדסמאַן, אַ געוועזענעם שכן זייערן, וואָס איז שוין דאָ אין לאַנד געווען אַ פּאָר יאָר און איז שוין ביי אים געבליבן וואוינען אַלס באָרדערקע...

אירע לאַנדסלייט וועלכע זיינען נאָך אַלע געווען ניט לאַנג אַריבער־געקומענע און זיך געפילט איינזאַם און פאַרבענקט נאָך דער אַלטער היים, האָבן זיך דאָ אַלע געהאַלטן צוזאַמען אין נאָענטער פריינטשאַפט. געוואוינט אויף דער איסט סייד, ניט ווייט איינע פון די אַנדערע, געקומען אָפט איינע צו די אַנדערע צו גאַסט און צווישן זיך געלעבט ווי אין דער אַלטער היים...

זיי האָבן סאָפיען אויפגענומען מיט פיל וואַרעמקייט און האַרצי־קייט, וואָס מען האָט נאָר געקענט געפינען ביי דיימישע לאַנדסלייט, וואָס זיינען דאָ אַליין געווען נאָך ניט לאַנג אין לאַנד... מען האָט איר איינ־געלאַדן פון איינעם צום אַנדערן און איר אומעטום געמאַכט פילן ווי אין דער היים, וואָס דאָס האָט אין איר אַביסל געשטילט די בענקשאַפט נאָך אירע נאָענטסטע און ליבסטע...

קענענדיק אַביסל נייען פון דער היים, האָט מען איר פאַרשאַפט אַרבעט

ביי אַ באַרימטע קליידער־פירמע, וואו זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען פאַר זיך און נאָך געקענט באַהילפיק זיין אירע אָרעמע עלטערן אין דער היים...

ווען סאָפיע האָט שוין פאַרדינט אַביסל מער, האָט זי זיך אָנגעהויבן פיין צו קליידן, קומען אין געזעלשאַפט, אויף ליטעראַרישע אָוונטן, אויף לעקציעס און אָנגעהויבן צו לעבן גאָר אַ ניי לעבן...

אויף איינעם אַזאַ ליטעראַרישן אָוונט האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יונגערמאַן אויף ניט לאַנג אַריבערגעקומענעם פון זעלבן שטעטל, וואָס האָט אויף איר געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק מיט זיין היימישער ערנסטקייט און פאַרחלומטער בענקשאַפט... זיי האָבן ביידע גלייך דערפילט, אַז זיי פאַסן זיך איינע פאַר די אַנדערע, אַז זיי פאַרשטיין זיך, ווי זיי וואָלטן זיך שוין געקענט אַ לענגערע צייט...

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרעפן אָפטער. עס האָט ניט לאַנג גענומען און זיי זיינען געוואָרן זייער נאָענטע און ליבע פריינט... ער האָט זי אָפט אָפּגעוואַרט ביים שאַפּ וואו זי האָט געאַרבעט, און ווען זי האָט אים איינמאָל אַרויפגעבראַכט צו איר לאַנדסמאַן אין הויז ביי וועמען זי האָט געוואוינט, האָט זי שוין מישאַן, אַזוי האָט מען אים גערופן, פאַרגעשטעלט פאַר איר חתן...

אין הויז איז געוואָרן אַ שמחה. מען האָט איר געווינטשט מזל טוב! און לאַנדסלייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו איר חתונה!

די יונגע חתן כלה האָבן טאַקע באַשלאָסן חתונה צו האָבן אַזוי גיך ווי זיי וועלן ביידע אָנזאַמלען אַביסל געלט זיך איינצואָרדענען אַ היים... ביי דעם וואָרט „היים" האָבן זיי אַזש ביידע אויפגעציטערט — האָבן אַן אייגענעם היים איז דאָך דאָס גרעסטע גליק פון וואָס צווי עלנדע, מיט ליבע אָנגעזאַפּטע הערצער קענען חלומען... זיי האָבן געהאַפט אויף דער מינוט ווען זייער חלום וועט פאַרווירקלעכט ווערן... — — — — — — — — — — —

איצט זיינען זיי שוין ביידע גאַנץ אַלטע לייט מיט אויסגעגעבענע זין און טעכטער און מיט אַ טוץ אייניקלעך פון וועמען זיי שעפּן הויפנס נחת, אָבער ווען זיי ווילן פאַרגעסן אָן די פילע צרות, לידן וואָס די איצטיקע וועלט מאַכט איצט דורך, זיצן זיי ביידע און פאַנגען אָן ריידן וועגן זייער אַמאָליקן שטעטעלע אין ליטע... טאַקע אין נויט און אין אָרעמקייט, אָבער ווי גליקלעך מען איז דאָן געווען...

מאיר טומאַן (תאומים)

# זכרונות

קוידענאָוו! וויפיל זכרונות קומען אַרויף ווען איך טראַכט און דער־מאָן דעם נאָמען. אַ קליין שטעטעלע, אין מינסקער גובערניע, איז קוידענאָוו געוועזן מיט אַ מאַרק און עטלעכע גאַסן און געסלעך.

די שטעטל האָט געהאַט פיר בתי מדרשים, צוויי רבנים, צוויי שוחטים, איין חסידישן רבין און אַ סך אָרעמע לייט. די שטעטל וואָלט אויסגעלעבט אירע יאָרן אין נחת און אין כבוד מיט אירע „גבירים" און מיט אירע אָרעמע לייט און קיינער וואָלט פון איר ניט געוואוסט, קאַרג שטעטלעך זיינען דען אויף דער וועלט? האָט אָבער גאָט געבענטשט דאָס שטעטל מיט אַ גרויסן דיכטער, אונדזער אברהם רייזען ע"ה, האָט ער באַשריבן דאָס שטעטל און יעדן יידן און יידענעס. אַפילו דעם שבת גוי יאַזעפ, האָט דער דיכטער ניט אויסגעלאָזן. ער האָט דאָס געטאָן מיט פיל ליבשאַפט. ער האָט אַרויסגעפירט אויף דער וועלט די שוסטער און די שניידער, די מלמדים און די אָרעמע בעלי־בתים פון שטעטל, מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָט זיי פאַר־געשטעלט: זעט! וואָס פאַר שיינע יידן מיין שטאָט פאַרמאָגט. טאָקע ניט קיין גבירים, חלילה, אָבער גוטע מענטשן מיט הויכע נשמות, ערלעכע און גוטהאַרציקע.

דאָס שטעטל האָט געלעבט פון דאָרף. יעדן דאָנערשטיק פלעגן אָנפאָרן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. יעדער פויער האָט געבראַכט עפּעס צו פאַרקויפן: אַ קעלבל, הינער, אויער, חזיר־האָר, קאַרטאָפל, כריין, ציבע־לעס און אַנדערע זאַכן וואָס דער דאָרף האָט געהאַט צו פאַרקויפן. פון מאַרק האָבן יידן געהאַט זייער אויסקומעניש אויף אַ גאַנצער וואָך. יידן זיינען אַרומגעגאַנגען פון וואָגן צו וואָגן און געשטופּט די הענט אין די שטרוי.

מען האָט באַטאַפּט די סחורה, געפּרעגט דעם מקח, זיך געדונגען און זיך געקריגט מיט אַ קאָנקורענט איבער אַ בינטל חזיר האָר. די ווייבער האָבן באַטאַפּט די הינער, געבלאָזן אין די פעדערן, זיך געשוואוירן ביי די קינדערשע חופות.

אַמאָל איז אַ גוי געקומען אין מאַרק מיט אַ היפּש געלאָדענעם וואָגן. ער האָט פאַרנומען זיין שטעל אין מאַרק. די שטאָטישע סוחרים האָבן אים אַרומגערינגלט, באַטאַפּט דעם וואָגן, באַטראַכט די סחורה זי געדונגען און געקויפט. דורכן טאָג האָט דער פויער אַלץ אויספאַרקויפט און אַריינגעלייגט דאָס געלט אין אַ לייוונטער בייטעלע און דאָס בייטעלע פאַרשטופּט אין בוזים פון פּעלץ. עס איז געווען נאָך צו פרי צו פאָרן אַהיים. ער האָט נאָך באַדאַרפט איינקויפן אין די קראָמען אייניקע זאַכן פאַרן שטוב: ווי זאַלץ, פעפער, מאַ־כאָרקע פאַר דער ליולקע, עפעס אַ מתנה פאַר דער ווייב. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל, עס איז נאָך פרי. ער האָט נאָך צייט. ער וועט דערוויל אַריינגיין אין שענק און נעמען אַ קאַפּעטשקע, טאַקע ניט מער ווי באַנעצן די ליפּן. ער וועט מער ניט טאָן די נאַרעשקייט און אָנטרינקען זיך ווי ער האָט געטאָן דאָס לעצטע מאָל. אים ליגט נאָך גוט אין קאָפּ ווי ער האָט זיך אַזוי פאַרשיכורט ביז שפּעט אין דער נאַכט. היינט וועט ער אַזאַ נאַרעשקייט ניט טאָן. ער וועט טרינקען צוויי העכטנס דריי גלעזלעך בראָנפן, און וועט באַלד אַרויס פון שענק. גייט ער גלייך אַריין מיט פעסטע טריט צו לייזער ראַמאַנאָווער אין שענק און הייסט זיך דערלאַנגען אַ גוטע גלעזעלע בראָנפן, אָט טאַקע פון דער רויטער פעסל וואָס ליבע, לייזערס ווייב, גיט אים אַלעמאָל.

לייזער ראַמאַנעווער איז געווען ניט אַבי ווער אַ שענקער. ער איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון קוידענאָווער רבין רב אהרעלע זצ״ל. ער איז געווען אַ גאַנץ גוטער מענטש מיט אַ נאָמען אין שטעטל. האָט מען באַדאַרפט עפעס אַ טובה איז מען געגאַנגען צו ר׳ לייזערן. האָט מען באַדאַרפט עפעס אָן עסק ביים פּריסטאַוו, איז מען געגאַנגען צו ר׳ לייזערן. האָט מען באַדאַרפט ערגעץ וואו עפענען אַ טיר, איז מען געגאַנגען צו ר׳ לייזערן. ער פלעגט אין מיטן ברען פון שענק איבערלאָזן אַלעס מיט אַנאַנדער און לויפן אין בית המדרש כאַפּן אַ מנחה און מעריב. ער האָט גוט געוואוסט אַז ער קען זיך אויף זיין ליבען גוט פאַרלאָזן. זי איז געווען אַן אמתע אשת חיל, און האָט געוואוסט ווי אויסצוקומען מיטן גוי. לייזער ראַמאַנעווער איז געווען אונדזערער אַ קרוב. ווינטער נאָכן יאַריד פלעגט מיין מאַמע מיר שיקן

מיט אַ לידיקן טאָפּ אין שענק און ליבע פלעגט אים אָנפילן מיט די שיריים פון די געפּרעגלטע געגנדז וואָס זי פלעגט פאַרקויפן צו אירע קונדן. וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי אונדז אין שטוב ווען איך פלעג ברענגען דעם טאָפּ מיט לעבערלעך, פיסלעך און העלדזלעך, און די אַנדערע שטיקלעך און ברעקלעך וואָס ליבע פלעגט אַהין אַריינוואַרפן, איז ניט צו באַשרייבן. ביי מיין מאַמען, חיה שיינע די אלמנה, איז ניט געווען אין הויז ניט נאָר געפּרעגלטע לעבערלעך, נאָר קיין ברויט איז אויך ניט געווען. עס שטעלט זיך מיר נאָך איצטער טרערן אין די אויגן ווען איך דערמאָן זיך ווי פיר הונגעריקע קינדער פלעגן באַפאַלן דעם טאָפּ מיט די געגנדזענע שיריים, ווי הונגעריקע וועלף.

יענעם אָוונט, ווען איך בין געקומען אין שענק מיטן טאָפּ איז דאָרטן געווען אַ שרעקלעכער טומל. אין שענק איז געווען אַנגערויכערט און ס'האָט געהערט זיך בראָנפן און מאַכאָרקע. שיכורע גוים האָבן זיך געאַפּערט, מען האָט זיך גערזידלט און געשאָלטן אין טאָטן אַריין. מי־שבֿרכס זיינען געפלויגן אין דער לופטן. אַ גוי שטייט און שרייט מיט באַנומענע קולות, שפּייט אין אַלע זייטן, טראַסקעט מיטן קולאַק אין טיש, צעוויינט זיך אויף אַ קול אַז מען האָט אים באַגנבֿעט. ער רייסט זיך שלאָגן לייזערן און זיין ווייב ליבע. מען האַלט אים קוים אָפּ. דער אוראַדניק שלאָגט אים מיטן קולאַק אין פּנים און שלעפּט אים צום פּריסטאַוו. דער גוי האַלט זיך שטאַרק אָן דעם גרויסן שווערן דעמבענעם טיש און שרייט אַז ער וועט צום פּריסטאַוו ניט גיין. ער וועט גייט דאַ ראַבינו, צום רבֿ. עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן אויפן בייזן וואונדער. מען האָט געשריען, געליאַרעמט און דער גוי האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. מען האָט מיט אים געמוזט גיין צום רבֿ. רב הירש דער רבֿ, אַ קלוגער מענטש און האָט אויך גערעדט אַ ביסל גויאיש, איז שוין דאָן געווען אין קליינעם בית מדרש ביים מעריבֿ. מיט אַמאָל האָט זיך אָן עולם אַריינגעריסן מיט אַ קעלט אין קליינעם בית מדרש מיטן גוי אין דער מיט. אַלע האָבן זיך געשטויסן און געשטופּט צו הערן וואָס דער פּסק־דין וועט זיין. דער גוי מיט דער קוטשמע אין האַנט האָט דערציילט דעם רבֿ די גאַנצע מעשה: ווי ער האָט אויספאַרקויפט זיין סחורה גאַנץ פרי אין מאַרק, ווי ער איז אַריין צו פאַן לייזערן אויסצוטרינקען אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן; ווי ער האָט זיך פלוצלינג געכאַפּט אַז דאָס בייטעלע מיט די געלט איז ניט געוואָרן. דאָ האָט ער זיך צעוויינט. ער דאַרף קויפן זאַלץ, קעראָסין, מאַכאָרקע און ער האָט ניט מיט וואָס. ער בעט דעם רבין דאָס מען זאָל רחמנות

האָבן און זאָל זען אַז מען זאָל אים צוריקקערן דאָס בייטעלע. ער האָט מורא צו קומען מיט לײדיקן אַהיים. רב הירש האָט אים אויסגעהערט און האָט אים עפּעס געפרעגט אין דער שטיל, און האָט באַלד צוגערופן נחום דעם קרעמער און האָט אים געהייסן געבן דעם גוי אַלעס וואָס ער דאַרף „אויף מיין רעכענונג". דעם גוי האָט ער געהייסן פאָרן אַהיים און איבעראַכטאָג דאָנערשטיק ווען ער וועט קומען צום מאַרק אָל ער אַריינקומען צו אים, צום רב, און עס וועט אַלעס רעכט ווערן. דער גוי האָט מיט טרערן באַדאַנקט דעם רב, אים אָנגעבענטש און געסאַפּט קושן זיין האַנט. דער רב האָט ניט געלאָזן. דער עולם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און זייענדיק שטאַרק צופרידן פונעם פסק דין, איז זיך פאַמעלעך צעגאַנגען.

אין שטעטל, ווי איך האָב שוין פריער דערמאַנט, איז געווען אַ חסידישער רבי. דער רבי האָט געפירט אַ שיין בעל הביתישן הויף, ניט קיין רייכן. ער האָט געפּראַוועט טישן און געזאָגט תורה. אַלס קליינער יינגל פלעג איך זייער שטאַרק ליב האָבן צו זיין אין שטיבל. עס האָט מיר געצויגן אַהין די שיינע האַרציקע נגונים פון די שבתדיקע זמירות. דאָס געזאַנג ביים טיש, פון די זמירות, פון המבדיל, און פון די אליהו הנביאס ביים מלוה מלכה פלעגן מיר פאַרכישופן. איך פלעג זיצן אין אַ ווינקל און מיטזינגען. אַמאָל אין אַ יום־טוב בין איך געשטאַנען און צוגעקוקט ווי חסידים, הויך געוואַקסענע יידן מיט לאַנגע בערד און פיאות, די פאָלעס פון די לאַנגע קאַפּאָטעס פאַרשטעקט אין די גאַרטלען, געשלאָסן האַנט אין האַנט האָבן געטאַנצט אַ ריקוד. דאָס האָט מיר אַזוי פאַרכישופט אַז איך האָב מיינע אויגן ניט געקענט אָוועקרייסן פון דעם רעליגיעזן עקסטאַז, פון דעם פייער און ברען פון טאַנץ וואָס איז פאָרגעקומען פאַר מיינע אויגן. אַ חסיד האָט מיר באַמערקט שטייענדיק אַזוי מיט אַן אָפענעם מויל און שלינגענדיק די לופט ארום דעם טאַנץ, האָט ער מיר אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט און האָט מיר אַריינגעשלעפּט אין דער מיט און איך האָב מיטגעטאַנצט. איך, אַ קליינער יינגל, האָב מיטגעטאַנצט מיט אַלטע הויכע יידן, מיט גרויע בערד און פיאות, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט שטריימלעך אויף די קעפּ און מיט ווייסע זאָקן אויף די פיס. די סצענע וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

מאיר טומאן (תאומים)

# אַ חלום

א.

עס האָט מיר געחלומט אַז איך בין געווען
אין שטעטל צו גאַסט אויף אַ לענגערער צייט.
אַ שטוב פול מענטשן זיינען געקומען מיר זען
אויך קרובים אַ סך פון נאָענט און ווייט

זיי זיינען געקומען אויפן יינגל אַ קוק טאָן,
וואָס האָט פאַרלאָזן די שטעטל מיט יאָרן צוריק.
יעדער טוט זיך נעענטער צו אַ רוק טאָן,
צו געבן אויף אים כאָטש איין מאָל אַ קוק.

דער עולם הויבט אָן שטאַרק טומלדיק ווערן,
אין שטוב איז ענג, עס דריקן די ווענט:
אַ גרוס פון קרובים וויל יעדער הערן,
און שטעקן מיר אַלע מיט שלום די הענט.

איך דריק די הענט וואָס גיבן מיר שלום,
דער עולם פרייט זיך מיט מיר זייער וואָר.
(עס שפינט אַזוי ווייטער דער בעל החלום)
די סצענע איז לעבעדיק, דייטלעך און קלאָר.

ב.

כ׳שטיי לעבן זיידן אין בית־מדרש דעם גרויסן,
און דאַוון געשמאַק מיט האַרץ, מיט כוונה;
און שבת ביינאַכט אין ליכטיקן דרויסן,
בין מחדש מיטן עולם די נייע לבנה.

אָט הער איך איינעם פון די אַלטע מגידים,
וואָס זאָגן אין שטעטל כמעט יעדן שבת;
ביים רבין אין שטיבל, ביים טיש מיט די חסידים,
זינג איך מיר זמירות מיט גרויסע התלהבות.

דער בעל החלום האָט מיר ווייטער געטראָגן
צו חברה עין־יעקב אין נייעם בית־מדרש,
ווען מאיר מלמד האָט געהאַלטן אין זאָגן
אַ רבא בר חנא פאַרטייטשט מיט אַ מדרש.

ביים טאַטנס קבר שטיי איך געבויגן,
אויפן נייעם בית עולם איז טונקל און קיל.
די האַרץ צעבראָכן, טרערן אין די אויגן
אל מלא רחמים שעפּטשע איך שטיל.

ג.

איך גריבל זיך טיפער אין מיין זכרון,
טאָמער נאָך עפּעס, וועל איך געפינען;
אָבער פאַרבלאַסט האָבן אַלעם די יאָרן,
אַ שפּור ניט געקענט קיין גוטן געפינען.

דאָס שטעטל האָט קיינמאָל מיר מער ניט געגעבן
ווי וואַסער מיט אַ שטיקל טרוקענעם ברויט.

קען מען דען זיסע חלומות אויסוועבן
פון הונגער, פון צרות, עלנט און נויט?

דאָך קומען מיר אָפּט די רעיונות,
די קינדערשע יאָרן, די שלעכטע אַפילו.
עס שווימען אַרויף אַ פּאָר אַלטע זכרונות,
און אַ בענקשאַפט אין הארצן אַ טיפע אַ שטילע.

שטעטעלע מיינע פון די קינדערשע יאָרן,
נאָך דיר ווערט מיין האַרץ פון בענקשאַפט צעגעסן,
נאָר גאָט וויים וואָס פון דיר איז געוואָרן,
אין מיין לעבן וועל איך קיינמאָל דיר ניט פאַרגעסן.



בילד פון יונגוואַרג אין רעבזעוויצער גאָס

אבא הורוויץ

# דער חזן ר׳ פּיוועֶ

(דעראינערונגען)

איך דערמאָן זיך יענע צייט ווען איך בין געווען אַ משורר ביי פּיוועֶ דעם קוידענאָווער חזן. פּיוועֶ איז דאַן געווען אין די מיטעלע יאָרן, איך נאָך גאָר אַ יונגער ייִנגל, איך געדענק זייער גוט מיין פאַרגעטערונג און באַגייסטערונג פאַר דעם דאָזיקן יידן. ער איז געווען אַ שטילער, אַ רואיקער, וואָס מען רופט ביי אונדז — אַ ליבער מענטש. איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען אין כעס, איך געדענק אים אַ שמייכלדיקן. זיינע, דאַכט מיר לאַכענדע אויגן, ווען זיי פלעגן אויף מיר קוקן — האָבן געוואַרעמט מיין האַרץ און אָנגעפילט מיין קינדערשע נשמה מיט התפעלות. ער איז געווען פון מיטעלן הויך, אַ „וואָגיקער״, זיין שוואַרצע באָרד איז שוין ווי דורכגעוועבט געווען מיט זילבערנע פעדים... דער געמיש פון עכט שוואַרץ און זילבער־ווייס האָבן נאָך צוגעגעבן מער אויסדרוק צו זיין, אַזוי אויך, הדרת פנים.

געקומען בין איך צו פּיוועֶן מיט מיין עלטערן ברודער ישראל ע״ה. מיין ברודער ישראל האָט שוין ביי פּיוועֶן געזונגען עטלעכע יאָר, ער איז שוין דאָרט געווען איינער פון דער משפחה. מיין ברודער ישראל ע״ה האָט דאַן שוין פאַרמאָגט אַ טענאָר־שטים, און ניט איינמאָל פלעגט ער דאַוונען אַליין ביים עמוד. ער האָט געבעטן דעם חזן ער זאָל מיר „פאַרהערן״ ווייל ער איז געווען זיכער אַז איך האָב אַ שיין שטימעלע... פּיוועֶ האָט אויף מיר געוואָרפן אַ ליבן קוק, מיר געגעבן אַ גלעט איבער די בעקלעך, אַרויסגענומען פון ערגעץ זיין „קאַמער־טאָן״ און ער גרייט זיך אויספּרובירן מיין שטים, און אָט גיט ער אַ קלאַפּ מיטן קאַמער־טאָן איבערן ברעג פון טיש, און הייסט מיר „ציען אַ טאָן״ גלייך מיט אים: „דאָ־רע־מי־פאַ־סאָ...״ איך זינג מיטן חזן גלייך — מיין שטימע רייסט זיך ניט איבער. אַפילו ביי דער

העכסטער אַקטאָווע קלינגט עס ווייך און מיט געפיל. פּיזוע בלייבט מיט מיר זייער צופרידן און ער זאָגט אָן משה דעם באַס אַז ער זאָל אויף מיר אַכ־טונג געבן, דאָס הייסט, מיר אַרייננעמען אין כאָר עם כל־הנערים. און מיר האָט ער „אָנגעזאָגט" אַז איך זאָל קומען אַלע טאָג, ווייל עס איז שוין באַלד די צייט ווען מען דאַרף זאָגן סליחות, און גלייך נאָך סליחות, דאַרף מען זיך גרייטן צו ימים־נוראים, דערפאַר הייסט ער מיר קומען אַלע טאָג „איינ־זינגען" די תפילות...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די נאַכט פון די ערשטע סליחות! אַלע משוררים זיינען ביי דעם חזן אין שטוב, קיינער טראַכט גאָרניט וועגן אַהיימגיין, אָדער שלאָפן. מיר זיצן אַלע אַרום דעם גרויסן לאַנגן טיש, דער חזן הייסט זיין שיינער יונגער טאָכטער מינדלען, זי זאָל אַלעמען געבן טיי. ער אַליין לייגט אַריין צו צוויי שטיקלעך צוקער יעדערן אין גלאָז, די טיי זאָל זיין זיס... מיר און ברוך־יאָסל־לאַזערס (דאָ אין אַמעריקע געווען באַ־קאַנט מיטן נאָמען בעני הורוויץ) גיט ער צו שטיקלעך „קאַנדל־צוקער", און האָבער־צוקער, און זאָגט אונדז אָן, אַז מיר זאָלן דאָס ניט גלייך צוכראָמשקען, האַלטן עס אין מויל ביז עס וועט אַליין צוגיין, ווייל איך דאַרף זאָגן אַ סאָלאָ „רחמנא דענא", און ברוכקע דאַרף נאָכדעם אַריינפאַלן מיט אַ געבעט רחמנא חוס", איז וואָס לייכטער מיר וועלן עס האַלטן אין מויל אַלץ בעסער וועלן זיין אונדזערע „סאָלאָס".

און אָט גייען מיר אין שול, ער הייסט אונדז אָנשטעלן די קאָלנערס, מיר זאָלן חלילה ניט „כאַפּן קיין ווינט". ער אַליין גייט פאַרוויקלט מיט אַ שאַל אויפן האַלדז. פונדעסטוועגן איז דאָס געווען אַ קנאַפּע סגולה, ער איז אָפּט־מאָל געוואָרן אַביסעלע הייזעריק... ווי אַ גענעראַל מיט סאָלדאַטן, אַזוי גייען מיר מיטן חזן טראָט אין טראָט. עס איז שטיל, ממש מען קען הערן דאָס קלאַפּן פון אונדזער האַרץ. אַ ווינטעלע, אַ קילער, בלאָזט אין די בלעטער פון די ביימער, עס הערט זיך בלויז אַ שאָרך פון אַן אַראָפּגעפאַ־לענעם בלאַט, כאַפּט זיך פון דעם שאָרך אויף אַ האָן און גיט אַ קלאַפּ מיט די פליגלען און קרייעט אויס אַזאַ „קוקערוקו" אַז עס קלינגט אָפּ אין דער שטילקייט פון דער נאַכט ווי אַ בת־קול. די בלאַסע לבנה באַלייכט דעם שול־הויף. פאַנטאַסטיש זיינען די שאָטנס וואָס גייען אונדז נאָך... אַלץ איז ווי פאַרכשופט. איך גיי נאָך מיט דעם חזן און עס שרעקט די האַרץ... ס'ערשטע מאָל וואָס איך דאַרף שטיין ביי דעם עמוד און „זאָגן" אַ סאָלאָ...

מיר גייען אַריין אין דעם גרויסן געמויערטן בית־מדרש. עס ברענען צענדליקע ליכט און זייער שיין שפּיגלט זיך אויף ניט אויסגעשלאָפענע פּנימער, שפּילן זיך ליכט־שטראַלן אויף בערד שוואַרצע, ווי קליינינקע רעגן־בויגנס קאָלירן זיך און פאַרבן די ייִדן אין שול. זיי קוקן מיר אויס ווי פון אַן אַנדער וועלט, ניט די זעלבע ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר. אַלע זיינען זיי פאַרטאָן אין קדושה, געטובלט אין קדושה... אַפילו יואל־דאַמעצקעס וועל־ האָט ניט געקאָנט אַזוי שנעל דאַוונען ביי דעם עמוד ווי יואל דאַמעצקעס. האָט ניט געקאָנט אַזוי שנעל דוונען ביי דעם עמוד ווי יואל דאַמעצקעס. אָבער היינט ביי סליחות לויפט ער ניט, ער גייט פּאַמעלעך, פאַרטראַכט זיך אין דעם טייטש פון די ווערטער וואָס ער רעדט אַרויס. קיינער יאָגט זיך ניט...

און אָט גייט דער חזן צום עמוד אָנגעטאָן אין זיין גרויסן טלית, און משה־באָס וויזט יעדן איינעם פון די זינגער וואו ער זאָל שטיין.

פון דער וויבערשער שול הערט זיך אַ כליפּן. דער פול געפּאַקטער מויער־בית־מדרש מיט ייִדן, שטייען פאַרטיפט אין קדושת חשבון־הנפש, אין עקסטאַז...

מיין טאַטנס קול הערט זיך מער ווי יעדן איינעמס. ער קלינגט אַלעמען אַריבער. אָט שרייט ער אויס „וירד ה׳ בענן ויתיצב עמו שם, ויקרא בשם ה׳״. דאַכט זיך מיר, אַז מיין טאַטע ע״ה האָט ממש דערזען גאָט אין וואָלקן און ער כאַפּט אים ביים נאָמען. עס ציטערט אין מיר יעדער אבר פון דער אָנגעשטריינגטער וויינענדיקער שטימונג וואָס הערשט אין שול, קוק איך אויף מיין טאַטן, באַגעגנט ער מיין בליק, פאַרשטייט מיין שטימונג, מיין שרעק — באַלד דאַרף איך שוין „זאָגן״ מיין סאָלאָ. קוקט ער אויף מיר מיט זיינע בלויע אויגן, מוטיקט ער מיר מיט זיין בליק, און באַרואיקט מיר, ווי ער וואָלט געזאָגט: ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן מיין קינד!..

און אָט דערפיל איך פּיזוס פוכקע־האַנט אויף מיינער, גיט מיר מוט, איך זאָל זיין גרייט צו דער סאָלאָ. און איך זינג מיין סאָלאָ אָן שרעק, האָב בטחון אין חזן. און ברוך־יאָסל־לאַזערס כאַפּט מיר שוין איבער: „רחמנא חוס, רחמנא שזיב״. ווער קען עס פאַרגעסן יענע צייט? ווער קען עס פאַר־ געסן די ייִנגלעשע איבערלעבונגען?...

פּיזוע איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. יעדער איינער האָט אים געאַכט און געליבט, יעדער איינער האָט געפונען פרייד אין פּיזוס קאָמ־

פּאָזיציעס, אַלע האָבן געזונגען זיינע ניגונים! אַך! וויפיל פריד ער האָט דאָס אַריינגעבראַכט אין יידישע הערצער... ער איז געווען כמעט ווי אַ לעגענדאַרע פיגור (געוואָרן שוין ביי זיין לעבן). מען פלעגט אַ סך דער־ציילן פון אים פאַרשידענע אַנעקדאָטן, וויצן, וועגן תמימות אַז גאָר אויסער־געוויינלעך! אָט צום ביישפיל פלעגט מען דערציילן אַז ער פלעגט ווערן באַגייסטערט, פשוט נתפּאל ווערן פון אַ קעזל. שטעלט זיך פאָר אַזאַ וואונ־דער: מען גיסט אַריין זויערע מילך אין אַ זעקעלע ווערט דערפון אַ קעז. היינט די „קנייטשעלעך" פון קעז, און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס דעם געוויינטלעכן מענטשן וועט גאָר ניט איינפאַלן צו טראַכטן גאָר פון אַזעלכע זאַכן. עס איז דאָ אפילו אַ יש אומרים אַז ער איז געווען גאָר אַ קלוגער, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט אין זיינע געשפּרעכן געשפּרודלט מיט אידעלן הומאָר און שאַרפן וויץ, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזאַ באַשיי־דענעם מענטשן. ער האָט זיך געהאָט זיין אייגענעם צוגאַנג צו לעבן. תכלית פלעגט ער זאָגן איז ביי גאָט, דער מענטש איז ניט קיין בעל־הבית איבער תכליתים, עס איז בלי רשות, בלי תכלית.

איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען פאַרזאָרגט, ניט אַריינגעפאַלן אין יאוש אין די ערגסטע אומשטענדן. דער בית המדרש איז פאַר אים געווען דאָס וואָס פאַר דעם כהן גדול איז געווען דער קדשי־קדשים. דער עמוד און די במה — דאָס אָרט וואָס דערנענטערט אים צו גאָט. איינגעוויקלט אין זיין אַלטן גרויסן וואָלענעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה אויף וועלכע די פלעמלאַך פון די ליכט האָבן אַראָפּ און אַרויף זיך געהויבן און געשפּילט זיך דאָרט אין די זילבערנע פעדים, האָט זיין אויסזען נאָך מער אויסטערליש־קייט צוגעגעבן. זיינע האַרציקע נגונים איז געווען דער אויסדרוק פון זיין שיינער נשמה. ער האָט פון דאָרטן געצויגן זיינע תפילות — האַרציקע, אָן געשרייען, ניט געוואָלדעוועט, אָן ליאַרעם. מען שרייט ניט אויף גאָט, אָן רוגזה. אַ אידעלער מענטש קאָכט זיך ניט, גאָט האָט פיינט קאָכעניש, מ׳דאַרף בעטן שיין, שטיל, ווייך און צאַרט. אַזוי האָט ער געלערנט זיינע זינגערלעך.

זיך כאָר איז באמת געווען אַ סימפאָניע פון האַרמאָניע, ער פלעגט מערסטע פון זיינע תפילות איינטיילן אין „סאָלאָס" צו די יינגלעך מיט שיינע שטימעלעך. פלעגט זיך אַ יונגע קינדערשע שטימעלע צוקלינגען איינער אַליין אין אַ סאָלאָ, אָט ווי עס צוזינגט זיך אַ פייגל אין וואַלד ביי דעם אויפ־גאַנג פון דער זון, פאַרגאַפט אין דעם הייליקסטן עקסטאַז פון קדושה, פלעגט

אַ שטילקייט אַרומגעמען אַלעמען. ער פלעגט זאָגן אַז אַ קינד בעט, אַז ער זיגנט אויס אַ תפילה צו גאָט, רירט דאָס ביז דער נשמה, איז ווער קען עס ביישטיין?! ווען קען עס אים אָנטזאָגן?! אַזאַ געבעט מוז מאַכן אויף גאָט אַן איינדרוק...

איך געדענק ווען מען האָט אין דעם גרויסן בית־מדרש אַריינגעשטעלט אַ נייעם אָרון־קודש האָט מען געפייערט דעם חנוכת הארון־קודש, און דער חזן מיטן כאָר האָבן אָנגעפאַנגען זינגען פון מזמור שיר חנוכת, האָב איך געזאָגט די סאָלאָ פון „אלך ה׳ אקרא, ואל ה׳ אתחנן. איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָבן אויף מיר געמאַכט אָט די ווערטער. איך האָב שוין דאַן פאַרשטאַנען דעם פשט פון די ווערטער, און ווען איך האָב אויסגעזונגען „מה בצע בדמי ברדתי אל שחת״, האָב איך דערפילט טרערן אויף מיין פנים. דאָס זיינען ר׳ פייוועס אייגענע נגונים פון האַרצן געגומען, און אַפילו איצט באַנוצן זיך גרויסע חזנים מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס.

איך געדענק זיינע לעצטע טעג ווען ער האָט שוין מער קיין כוח ניט געהאַט איינצוזינגען מיט אונדז, פלעגט ער נעמען זיין פידעלע, אַוועקלייגן זיין קאָפּ מיט זיין ווייסער באָרד אויף דער פידעלע, און זיינע גרויסע אויגן פלעגן אויף אונדז קוקן מיט אַזוי פיל ליבע און צערטלעכקייט, און שפּילן מיט אַזויפיל געפיל. מיר דוכט זיך אַז דאָס האָט ער זיך מיט אונדז אָפּגעזעגנט און אָפּגעדאַנקט פאַר די פילע הימלישע מאָמענטן וואָס ער האָט דורך אונדז אַרויסגעזונגען...

און איצט אין מיינע נאָענטע זעכציקער איז מיר נאָך אַלץ פריש אין מיין זכרון מיינע קינדערשע איבערלעבונגען. שווער צו גלויבן אַז עס איז שוין מער ניטאָ די שטאָט און אירע איינוואוינער. עס טוט זייער וויי אַז מען דאַרף שרייבן פון דעם ווי אַ זאַך — וואָס עס איז שוין מער ניטאָ.

אונדזערע שונאים, די נאַציס האָבן פון אַלץ געמאַכט איין קופּע אַש...

**אבא הורוויטץ**

# מיר ווילט זיך ניט גלויבן

מיר ווילט זיך ניט גלויבן,
אַז גאָט אין הימל דאָרט אויבן
האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן
און געלאָזט זיינע קינדער אויסקוילן.

ווי אַזוי האָסטו דערלאָזן אַזויפיל אומשולדיק בלוט פאַרגיסן?
לעבעדיקערהייט פון זיי גלידער געריסן?
אין די קרעמאַטאָריעס — פון העלישן פייער זיי ניט באַשיצן,
זעקס מיליאָן פון דיינע קינדער אין אַנגסט פון גסיסה אָפּצווישן?

איך קען זיך גאָר ניט גלויבן,
אַז פון מיין ליב שטעטעל קוידענאָוו איז קיין זכר ניט פאַרבליבן,
זי איז אַ מצבה מיט בלוט פאַרשריבן:
זעכצן הונדערט קדושים פון נאַצי־מערדער אין אַש צעריבן.

איז שוין טאַקע ניטאָ מער די שול, די באָד און די מצולה,
וואו מיר פלעגן שעפּן פרייד עמערם פולע?
שבת נאָך שלוש־סעודות אַלע אין שול פרייע און פרומע
הערן דעם מגיד טרייסטן, אַז היינט־מאָרגן קומט די גאולה.

איז שוין טאַקע ניטאָ דאָס חסידיש־שטיבל,
וואו טענץ און געזאַנג האָבן געגרייכט ביזן הימל?
דער רבי ר' אהרעלע האָט געטיילט שיריים פון אַ פולע שיסל,
דערציילט ניסים ונפלאות, דערקלערט אַ רמז אַ פלפול?

איז שוין טאַקע ניטאָ די הויז פון גרויסן גאון ר׳ אברהם מאיר העלער
פון וואַנען עס זיינען אַרויסגעקומען דורות פון לומדים גרויסע קענער,
דאָרט וואו תורה קלאַנגען האָבן כשופדיק געוואָרעמט הערצער,
טיפע סודות פון דיין תורה, פון דיין פאָלק געמאַכט קלערער ?

אַ חתונה אויפן שול־הויף ווער קען עס פאַרגעסן,
אַ בלויער הימל מיט שטערן באַזעסן
ווי ווייס־בלויע־דימענטן פון הימל פינקלען,
אַ פאַרכשופטע נאַכט צו חתן־כלה ווינקען.

אין פלאַמיקן פייער די זון דאָרט פאַרגייט,
די סאַמעט פון דער חופה ווערט פון צונטער מער רויט,
שפילן זיך שאָטנס אויף קינד און אויף „קייט"
די שטערן די לבנה אונדז אַלעמען באַגלייט.

און אָט קומט זכריה דער בדחן מיט זיינע בנים
עס הערט זיך שוין די באַנדורע, די פידל און פייפל, די כליזמרים ;
אַלע אויסגעפוצט אין יום־טובדיקע בגדים,
עס איז אַלעמענס חתונה, אַלע זיינען מחותנים.

און דער חזן מיטן כאָר
מי אדיר זינגען קלאָר,
קינדערישע שטימעלעך ווייך און צאַרט
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

און ווען איך דערמאָן מיך אויף אָט די אַלע זאַכן,
וואָס דו האָסט דערלאָזט חרוב מאַכן,
ווייטיקט מיין האַרץ אויף אָט די בראָכן,
מוז מיט צאָרן מיין בלוט אין מיר קאָכן.

איך זאָג יזכור נאָך אייך קדושים, נאָך די הייזער און די גאַסן
איך שווער דאָס אייערע מערדער די נאַצים אייביק וועל איך האַסן,
איר זייט דער סימבאָל פון העלדישן קאַמף און מוט,
**ישראל** געבוירן געוואָרן איז פון אייער בלוט...

# אַ מעשהלע

## איבערגעגעבן פון אייזל ליפשיץ צו אייב עוואַנס

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אַ באַאַמטער פון מינסק, און האָט זיך אַרויסגעלאָזן איבערן שטעטל און האָט אַרויסגעגעבן „פּראָטאָ־קאָלן" פאַר ניט האַלטן אין סאַניטאַרישן אָרדענונג די הייזער, אָדער די הויפן, און ס'איז געוואָרן אַ בהלה. און איידער וואָס ווען האָט ער פאַר־חסמעט די באָד און מקוה, און אויך, להבדיל, דעם גרויסן בית־המדרש, וויל נאָך דער צאָל מענטשן וואָס דער בית המדרש נעמט אַריין, דאַרפן די באַלקנס מיטן דאַך זיין מיט איין אַרשין העכער. עס האָט גאָרניט געהאָלפן, מען האָט געמוזט פאַרבעסערן דעם סאַניטאַרישן צושטאַנד פון מרחץ, און מען האָט געמוזט איבערבויען דעם בית־מדרש.

מען האָט גערופן אַן אַסיפה, און נאָך אַ סך אַמפּערייען און קריי־גערייען, איז געבליבן אַז מען מוז אַלעמען ביישטייערן. ניט פאַרהייראַטע בחורים האָבן געמוזט איינצאָלן אַ רובל, און יעדער בעל מלאכה פון בוי אַרבעט האָט געדאַרפט געבן אַ טאָג אַרבעט פריי. און די איבעריקע זיינען ביישטייערט געוואָרן לויט נאָך זייער פאַרמעגן.

דער הויפּט בעל־דעה פון די שטייערן איז געווען מוניע קרופּיצקע, און מענטשן זיינען געשטאַנען אין דער ריי צום צאָלן. דער טומל איז געווען זייער גרויס. יעדער איינער האָט געפילט זיך געקריודעט, און האָט גע־טענהט אַז ער צאָלט מער ווי זיין שכן. אָבער דער הויפּט־טומל־מאַכער איז געווען מוניע. ער האָט געשריען: נישקשה! יעקב־זלאטע־באַשעס קען באַצאָלן צוויי הונדערט רובל, און אישיע־גרשון קען אויך געבן אַ הונדער־טער. אַזוי האָט ער זיך געבייזערט און געקאָכט, און דער עולם נעבעך האָט געצאָלט.

פייוועַ ליפשיץ איז אויך געווען אין קאָמיטעט, און ער האָט פאַר־שריבן וויפיל יעדער האָט געגעבן, און ווען זיין ברודער איזל האָט זיך צו אים אָפּגערופן, אַז ער זעט ניט די סומע וויפיל מוניע האָט געגעבן, ענטפערט אים פייוועַ: וואָס ווילסטו? בידעע זאָבן זאָל ער טאָן — אי שרייען, אי געבן?

רחל (נח אברהמס) קראַוועץ

# אַ אינטערעסאַנטער אָוונט אין קוידענאָוו

איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַ געשעעניש וואָס עס איז איינגע־קריצט אין מיין זכרון.

ווען הרב ר׳ אברהם מאיר זצ״ל איז נפטר געוואָרן, איז אידער מען האָט אים געבראַכט צו זיין אייביקער רו, זיינען אַרויס בעלי־בתים איבערן שטעטל צו זאַמלען אונטערשריפטן אויף אַ כתב פאַר זיין זון ר׳ יחיאל. ווייל בעת דעם טרויעריקן מאָמענט האָט זיך קיינער ניט ענטזאָגט, און מען האָט געגעבן חתימות, און ווען מען האָט געבראַכט דעם כתב איז דאָס הויז געווען פול מיט מענטשן, האָבן זיך עטלעכע בעלי־בתים צוגעבויגן צום נפטר און אים געזאָגט: רבי, מזל־טוב! אייער זון ר׳ יחיאל איז געוואָרן רב. פון אַרומיקער שטילקייט האָט זיך מיט אַמאָל פון אַלעמענס הערצער אַרויסגעלאָזט אַ יאָמער־געשריי, דאָס שטעטל האָט זיך איינגעוויקלט אין טרויער...

די צייט איז דער בעסטער דאָקטער, עס איז אַוועק דאָס יאָר פון טרויער און הרב ר׳ יחיאל איז אַ חתן געוואָרן מיט דעם סטאָלעוויצער רבס טאָכטער. ר׳ יחיאל איז אַוועקגעפאָרן אין סטאָלעוויץ חתונה האָבן, און ווען ער האָט געלאָזט וויסן דעם טאָג ווען ער קומט צוריק מיט זיין פרוי, איז געוואָרן אין שטעטל לעבעדיק. מען האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַ קייסער־לעכן פאַראַד. זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען צו דער סטאַנציע „ניעגאָרעלע״, זיינען אַ האַלב פון שטעטל מענטשן געגאַנגען אַנטקעגן ביז „האַלינקע״. אַ פאָר פון די מאַרק־בעלי־בתים מיט זייערע פרויען האָבן געדונגען „פורן״ מיט מוזיקאַנטן און אויך מיטגענומען לעקאַך מיט בראָנפן צו באַגעגענען די געסט.

אין האַלינקע איז געווען דער קבלת־פנים מיט דעם רב און רבצין, און איר פאָטער דעם רב. מזל־טוב האָבן אַלע געשריגן און די מוזיקאַנטן האָבן אויפגעשפילט אַ פריילעכן מאַרש, און מען איז געגאַנגען לאַנגזאַם פון האַליינקע ביז צו דעם רבס הויז. אין יעדער פענצטער פון מאַרק ביז ענדע גאַס האָט געברענט צו צוויי ליכט. די פלעמעלאַך פון די ליכט האָט אַרויס־

געשיינט אין גאַס. אַלע זיינען געווען יום־טובדיק פאַרפוצט. ביי דעם רב אין הויז האָבן געברענט בליץ־לאָמפּן, און קאָלירטע פּאַפּירענע לאָמטערנעס מיט אָנגעצונדענע ליכט אין אַלע פענצטער. די יונגע רבצין ווי אַ פּרינצעסן שיין, האָט מען אויף די הענט אַריינגעטראָגן אין הויז. דאָס שטעטל איז אַרויס פון דעם וואָכענדיקן טרויער און זאָרג, סלוצקער גאַס איז געווען פול מיט מענטשן, דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען צו דעם רבס הויז מיט אַ מזל־טוב.

אָבער מער איז אין קוידענאָוו אַזוינע פאַרוויילונגען שוין ניט געווען. דער צויבער ווי די ליכט האָבן געברענט אין אַלע פענצטער, גיט מיר איצט אַ פינקל אין מיינע אויגן. די ליכטיקייט און פריילעכקייט אין דעם שטעטל יענעם אָוונט וועל איך אייביק ניט פאַרגעסן. גאָט זאָל העלפן אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל שוין אויפלייכטן, אַז מיר זאָלן קענען גיין מיט גרויס פאַראַד אין אונדזער אייגן לאַנד. מיר זאָלן ווערן אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, און עס זאָל זיין פרידן אויף דער וועלט...



בילד פון די ערשטע קוידענאָווער אין ישראל (1913)

נח ראָזעוויצקי

# די רעוואָלוציע אין קוידענאָוו

## (דערציילט פון מיין פאָטער)

אַנדערע האָבן געשריבן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און פון דער רוסישער עוואָלוציע, און איך וועל שרייבן פון דער ק. רעוואָלוציע.

מיט יאָרן צוריק האָט זיך אין ק. געפירט ווי אין אַלע ידישע שטעט־לעך, מען איז געלעגן איינגעלייגט אונטער דער הערשאַפט פון דעם אוראַטניק, און נאָך מער אונטער די בעלי־בתים. די גאַנצע דעה אין שטעטל האָבן געהאַט אַ פּאָר רייכע בעלי־בתים, וועלכע האָבן זיך אַליין גענומען דאָס רעכט צו געוועלטיקן איבער אַלעמען, און צו איזדעקעווען איבער די בעלי־מלאכות, די אָרעמע דערשלאָגענע אַרבעטער. אַ שניידער אָדער אַ שוסטער האָט ניט געטאָרט עפענען דאָס מויל. אָבער ווי זאָגט מען: „על הכל עת״, „אויף אַלץ קומט אַ פּייער״. די אָנשטענדיקע בעלי־בתים אונטער דער פּי־רערשאַפט פון דוד־שלמהן און קלמן שולקעס האָבן זיך צעבונטעוועט און גענומען קעמפן קעגן די דיקטאַטור פון די רייכע אוון שטאַרקע בעלי־המתימלעך און זיי האָבן טאַקע אויסגעקעמפט אַז מען זאָל מאַכן וויבאָרעס, וואָלן אויסצוקלייבן מבוהים, דאָס הייסט פאָרטרעטער פון אַלע איינוואוינער, וואָס זאָלן פאָרוואַלטן מיט די געשעפטן פון שטעטל.

און דאָ איז געשען דער גרויסער וואונדער. עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אין דער רעוואָלוציע, די דערשלאָגנסטע און דערנידעריקסטע פון די אָרבעטער, די שטומע בחורים, וואָס האָבן קיינמאָל מער ניט גע־וואוסט ווי צו הונגערן, און פאָלגן וואָס רייכע און פרומע לייט הייסן, — אָט די שוציאָקעס און שניידערקעס האָבן זיך צעיושעט און גענומען פאָ־דערן, אַז פון זייערע רייען זאָל מען אויסקלייבן אַ מבורר. דאָס איז שוין געווען אַביסעלע צופיל. סטייטש! האָבן די שיינע בעלי־בתימלעך געטענהט,

ווי קומט אַ שוסטער צו זיין אַ מבורר? אַ מבורר דאַרף זיין אַ קרעמער, אַ שענקער, אַ פּראַצענטניק, אָבער ניט קיין שוסטער. „אַ שוסטער אַ מבורר גאָר"? זאָגט אַליין, איז דאָס ניט לעכערלעך? אָבער גיי רייד צו דער וואַנט.

אונטערגעהעצט פון אַלע בעלי־מלאכות און אונטער דער פירערשאַפט פון זרח יאַשען און יעקב אייזיקס האָבן די שוסטער געקערט וועלטן, אַז ניט אַנדערש נאָר מען זאָל אויך פון זייערע מענטשן אויסקלייבן אַ מבורר, און זיי האָבן טאַקע אויסגעפירט. ווילענדיק, ניט ווילענדיק האָט מען גע־מוזט נאָכגעבן זייער פאַרלאַנג. און טאַקע מאַכן זייער קאַנדידאַט דעם שוסטער יעקב אייזיקס פאַר אַ מבורר! די שוסטער האָבן געפּראַוועט זייער זיג מיט אַ פאַראַד איבערן שול הויף. פאַראויס זיינען געגאַנגען די קלעזמער, ישראל מיט דער באַנדורע, הירשל מיטן פייפל און קאַלדוניע מיט דער פידעלע. דערנאָך איז געפאָרן יעקב אייזיקס מיט זרח יאַשען רייטנדיק אויף ווייסע פערדלעך, און די גאַנצע מאַסע שוסטער און אַנדערע בעל־מלאכות האָבן נאָכגעפויקט זינגענדיק און פייפענדיק מיט געשרייען: הורא פאַר יעקב אייזיקס! און הורא פאַר זרח יאַשען! און הורא פאַר דער ק. רע־וואָלוציע...

ערשט דעמאָלט האָבן די בעלי־בתים, די חכמים פאַרשטאַנען אַז די שוסטער זיינען געווען גערעכט מיט זייער פאָדערונג צו האָבן זייער איי־גענעם פאַרטרעטער.

פאַרגלייכנדיק די ק. רעוואָלוציע מיט דער רוסישער, קאָן מען זאָגן:

אַז קערענסקי האָט געשפּילט די ראָל פון דוד שלמהן, — געמאַכט אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע, און טראָצקי האָט געשפּילט די ראָל פון זרח יאַשען, — פון אים האָט ער געכאַפּט דעם שניט צו מאַכן אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

אײדאַ אײַנבינדער־ליבערמאַן

# קוידענאָוו אין 1920

(זכרונות)

די פּאָליאַקן טרעטן אָפּ פון קוידענאָוו, די שטימונג איז זייער אַ געדריקטע. איך פיל אַז עפּעס זייער ערנסט רוקט זיך אָן. די סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַגיין ווי ווילדע חיות, אויפן מאַרק ראַבירט מען, אַלע קראָמען באַרויבט, וואָס זאָלן מיר טאָן?

ס'איז געווען צוועלף אַזייגער בייטאָג, מיר האָבן אָנגעהויבן צו באַהאַלטן די ווערטפולערע זאַכן, פאַרהאַנגען די פענצטער, פאַרשפּאַרט די טיר. אונדזער הויז איז געווען די גרעסטע אין סלוצקער גאַס, אַזוי אַרום אַז מען האָט זי גיכער באַמערקט. אונדזער פאָטער איז אַוועק צו די שכנים און מיר האָבן מורא געהאַט אַז צוליב אים וועלן מיר אַלע לײַדן, ווײַל מען האָט פײַנט געהאַט צו זען אַ ייִדן מיט אַ באָרד. מײַן שוועסטער פאַניע האָט אַזוי מורא געהאַט, אַז זי איז אויך אַוועק צו די שכנים. איר האָט זיך געדאַכט אַז דאָרטן איז בעסער — וואו מיר זײַנען ניטאָ.

אין שטוב זײַנען פאַרבליבן בלויז מײַן מוטער, מײַן ברודערס קינדער די מיידעלע סאָניע פינף יאָר אַלט און אַ ייִנגעלע ליוואַ, צען יאָר, און איך. מײַן מוטער איז געווען זייער אַ נערוועזע פרוי, האָב איך זי געבעטן זיך ניט אַרײַנצומישן אין פאַל, ווען די פּוילישע סאָלדאַטן וועלן צו אונדז אַרײַנקומען. מיטאַמאָל הערן מיר אַ טומל, מען האָט געכאַפּט אַ פרוי אויפן מאַרק אין אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, איר מאַן מיט די קינדער זענען זיי נאָכגעלאָפן, געזויינט און זיך געבעטן מען זאָל איר אָפּלאָזן, אַלס ענטפער האָבן זיי באַקומען מיט „נאַהייקעס". ס'האָט לאַנג ניט גענומען ווי מען האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין אונדזער טיר. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווינקלעך און געשוויגן. אַפילו אונדזער הונט וואָס פלעגט קיינמאָל ניט אַרײַנלאָזן אַ פרעמדן, איז

דאַסמאָל געווען שטיל און געלעגן ווי אַ דערהרגעטער אין אַ ווינקעלע און זיך ניט אָפּגערופן מיט קיין פּיפּס אויף זייערע קלעפּ.

די בראַזשגעריי איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און זיי האָבן אָנגעהויבן אויפצוברעכן די טיר. איך האָב דערזען אַז ס׳איז שלעכט און בין אַרויס זיי אַנטקעגן און אויפגעעפנט די טיר, די קינדער האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן, איך האָב זיך פאַר זיי אַנטשולדיקט און געזאָגט אַז צוליב שבת, צוליב אַ יום־טובדיקן טאָג האָבן מיר זיך פאַרשלאָפן און ניט געהערט דאָס קלאַפּן, איך האָב זיי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט געפינען. איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן צו ריידן זייער שאַרף, אָבער איך האָב אים ווי עס איז געמאַכט ווייכער, זיי האָבן אָפּגעגעסן, גענומען וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט און זיינען אַוועק, און אַזוי איז געווען אַ גאַנצן טאָג — אַריין־אַרויס און גענומען אַלעס וואָס זיי איז געפעלן געוואָרן.

ביי אונדז אין הויף האָט געוואוינט אַ פויער מיטן נאָמען אינגאַליע, צו אים האָב איך אַוועקגעשיקט מיין מוטער און די קינדער, איך מיט דער מיידל נינא זיינען אַוועק צו אַן אַנדער פויער, אויך אונדזערער אַ שכן, ביי וועמען עס זיינען איינגעשטאַנען די זשאַנדאַרמעריע און דער קאָמענדאַנט. איך האָב זיי גוט געקענט ווייל זיי זיינען אָפּגעווען אין דעם דאָזיקן הויף ניין חדשים. ניין אַזייגער אין אָוונט איז איינער פון די זשאַנדאַרמען צוגעגאַנגען צו אונדז און געזאָגט: — איי מיידלעך, מיר איז אויף אייך זייער אַ רחמנות וואָס איר זייט ניט אַוועקגעפאָרן פון דעם דאָזיקן שטעטל! ווי איך האָב דאָס דערהערט האָט מיר אָנגעהויבן וואַרפן אין קעלט און איך האָב זיך אַזש גע־טרייסלט. מיטאַמאָל איז אָנגעלאָפן אַ צווייטער זשאַנדאַרם און אַ געשריי געגעבן צו דער באַלעבאָסטע: — דערלאַנג עפּעס צום עסן, מיר דאַרפן גלייך אַנטלויפן! — און ער האָט זיך געווענדעט צו אונדז: — גיט נאָר אַ קוק ווי ס׳איז ליכטיק אָט־דאָרטן, איך האָב דאָס ערשט אונטערגעצונדן און באַלד וועט דאָס גאַנצע שטעטל זיין אין פייער! איך האָב אויפגעעפנט די טיר און אַרויסגעקוקט, דערזען אַז דער וואַקזאַל ברענט, ס׳איז געווען פּונקט צוועלף ביינאַכט. איך האָב געזאָגט צו נינען: לאָמיר לויפן און אויפוועקן אַלע אייגענע אין הויז, אפשר וועלן מיר קענען ראַטעווען עפּעס פון די טייערע זאַכן.

מיין פאָטער און ברודער זיינען געלעגן באַהאַלטן אין גאָרטן צווישן הויכע גראָז, פּלוצלונג לויפט אַריין מיין ברודערס ווייב מיט אַ געוויין און שרייט אויס צום קאָמענדאַנט: — ראַטעוועט. מ׳הארגעט דעם פאָטער! —

נו, וואָס, וועט זיין מיט אַ זשיד ווייניקער... איז געווען דעם קאָמענדאַנטס ענטפער. צום גרויסן גליק האָט מען ביי אים בלויז צוגענומען די שטיוול און אָוועקגעלאָזן אַ באָרוועסן. נאָר מיט דעם האָט זיך דאָס ניט געענדיקט. ס׳איז ערשט געווען דער אָנהייב. איך האָב זיך געאיילט צו לויפן און אויפ־וועקן אַלעמען, נאָר ס׳איז געווען ניט מעגלעך דורכצוגיין, דער גאַנצער הויף איז געווען פאַרנומען מיט שלאָפנדיקע סאָלדאַטן. איך האָב מורא געהאַט צו שפּריזן איבער זיי, — ציטער ניט, — האָט מיין פריינדין נינע שטיל געזאָגט — זיי זיינען מיד, לאָמיר גיין! ס׳איז געווען זייער פינצטער און מיר האָבן ניט געזען וואו צו שטעלן אַ טראָט, האָבן מיר טאָקע געשטעלט די פיס ווי ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן. ווי מיר זיינען אַזוי דערגאַנגען ביז צום „שוועל", איז מיט אַמאָל געוואָרן ליכטיק, דער פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל.

איך בין אַריין אין הויז און כ׳האָב דערזען אַז מיין מוטער און שוועסטער ליגן אויפן בעטל צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, שטילערהייט האָב איך אַרויס־גערופן דעם שכן אינגאַליע און אים אָנגעוויזן אויף דער שרפה. פון שרעק האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, ער האָט געוואָלט לויפן צוריק אין צימער, איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר וועלן קענען אַלץ אַרויסראַטעווען, מיר דאַרפן זיי נאָר אויפוועקן.

אין צימער וואו ס׳זיינען געשלאָפן מיין מוטער און שוועסטער איז געווען נאָר איין פענצטער וואָס איז געווען פאַרהאַנגען, אַזוי אַרום, אַז זיי האָבן גאָרניט געקענט זען. איך האָב זיי אויפגעוועקט און געזאָגט, אַז ס׳וואָלט בעסער זיין, ווען מיר גייען אַרויס און פּרובירן זיך ראַטעווען אָן די זאַכן. און אויב מיר וועלן לעבן, וועלן מיר ווידער זיך אַרויפאַרבעטן אויף אַ נייעם פאַרמעגן. איך האָב אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג און זיי אָנגעוויזן אויף דער שריפה. זיי זיינען געוואָרן פאַרציטערט, נאָר איך ווייס ניט פון וואַנעט האָט זיך ביי מיין מוטער גענומען כוח און באַהערשונג. מיר האָבן אָנגעהויבן צו שלעפּן די זאַכן, מיר האָבן אַפילו אַרויסגעשלעפּט די שווין פריער באַהאַלטענע, און זיי אויפגעלייגט צוזאַמען מיט דעם האָב־און־גוטס פון אונדזער שכן. אויפן הויף איז געווען אַזוי ליכטיק אַז מען האָט ניט געוואוסט צי ס׳איז טאָג, אָדער ס׳איז פון די פלאַקערנדיקע פייערן, די אַלע אויפגעקליבענע זאַכן האָבן מיר אַוועקגעטראָגן אין פעלד. אויפן וועג האָבן צוויי סאָלדאַטן אָפּגע־שטעלט מיין ברודער: — די הענט אין דער הויך! — האָבן זיי אַ קאָמאַנדע

געטאָן, — און ביי אים צוגענומען דאָס געלט וואָס זיי האָבן נאָר גע־פונען.

אַלע שכנים האָבן געשלעפּט זייערע זאַכן אויפן פעלד. און אַרום האָט זיך געטראָגן דער געשריי און געוויין פון מענטשן, און דער פייער האָט געטאָן דאָס זייניקע, געברענט אָן אַ איבערייס. אָט זיינען צוגעקומען פּוילישע סאָלדאַטן, אַנדערע צווישן זיי מיט וועגעלעך. זיי האָבן צוגענומען וואָס זיי איז נאָר געפעלן געוואָרן און דאָס איבעריקע פאַרניכטעט, אָבי ניט איבער־לאָזן עפּעס פאַר יידן, ווייל צוגיין פלעגן זיי בלויז צו יידישע משפחות. אונדזערע זאַכן זיינען געווען ביי איגנאַליען, און מיר זיינען געזעסן פון דערווייטנס, זיינען טאַקע די סאָלדאַטן צו אים ניט געגאַנגען, ווייל ער איז געווען אַ פּויער. אַביסל שפּעטער זיינען מיר אָפּגעטראָטן, ווייל דער פייער האָט אָנגעהויבן דערגרייכן צו אונדז. ביינאַכט איז געוואָרן שטיל. די סאָלדאַטן האָבן מורא געהאַט צוצוגיין צו אונדז, מיר אויפן פעלד האָבן בלויז געהערט ווי זיי זיינען געלאָפן מיטן שאָסיי און האָבן געשריען: שנעלער! מיר האָבן אַ טראַכט געטאָן אַז ס׳איז שוין אַ סוף צו אונדזערע צרות. אָבער אינדערפרי האָט אָנגעהויבן צו ברענען אַ צווייטער טייל פון שטעטל. זיי האָבן שוין באַגאָסן מיט נאַפט אונדזער הויז און אונטערגעלייגט פייער, אָבער אַדאַנק איינעם פון אונדזערע שכנים, אַ פּוילישן פּויער, איז צו קיין שריפה ניט געקומען, ער האָט פאַרזיכערט די סאָלדאַטן, אַז די געבידע געהערט צו אים, און האָט אַפילו אָנגעשטעלט „איקאָנעס" אין אַלע פענצטער, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן, זיי האָבן אים מערדערלעך געשלאָגן און אַ לאַנגע צייט איז ער געווען קראַנק.

פּלוצלונג זענען די סאָלדאַטן געקומען צו אונדזער שכן איגנאַליע, און זאָגן אים, אַז מען האָט זיי איבערגעגעבן, וועגן יידישע זאַכן, וואָס ער האָט באַהאַלטן, איגנאַליע האָט זיי געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין שום יידישע זאַכן. זיי האָבן אים געוואָרנט, אויב זיי וועלן געפינען עפּעס פון יידישן האָב־און־גוטס, וועלן זיי אים שיסן. זיי האָבן גענומען זוכן אין דעם באַרג זאַכן און געפונען אַלערליי תפצים ווי לייכטער, טליתים און ספרים, און אַנדערע געגנ־שטאַנדן מיט יידישע סימנים. איינער פון זיי האָט מיט אַ רעוואָלווער אים געוואָלט גלייך דערשיסן, נאָר איגנאַליע האָט זיך אַזוי געבעטן, זיך אייגן לעבן האָט ער ניט געזשאַלעוועט, אים איז נאָר געווען אַ שאָד זיך צו שיידן מיט זיין קליין טעכטערל, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, ער האָט זי

אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך, זיך פּרוּוי האָט די סאָלדאַטן געקושט די הענט און געבעטן ביי זיי רחמים, אַז מען זאָל אָפּלאָזן איר מאַן. האָט אַ סאָלדאַט זיך אָפּגערופן: וואָס הייסט אים אָפּלאָזן! ער איז דאָך אַ באָל־שעוויק! ס'האָט זיך אַריינגעמישט אַן אַנדער סאָלדאַט, און מען האָט אונדזער שכן איגנאַליען ניט דערהרגעט, דערפאַר האָבן זיי צוגענומען אַלע זאַכן, אָפּילו די וואָס האָבן באַלאַנגט צו אים. מיר זיינען געזעסן פונדערווייטנס און געזען דאָס גאַנצע בילד. מיין מוטער איז געוואָרן ניט גוט און זי האָט געחלשט. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט מיין ברודערס ווייב. וואָס זאָל איך טאָן? איך זיץ דאָ אַליין מיט די קינדער און ווי זאָל איך קריגן וואַסער, אַז אַלץ אַרום ברענט. דער ברונעם איז אָט דערנעבן, אָבער מען קען ניט צוגיין, די שׂרפה איז צו שטאַרק. די קינדער האָבן זיך צעוויינט. סאָניעטשקע האָט געשריען: באָבע, באָבע! איך האָב זי ווי עס איז באַרואיקט. איך האָב מורא געהאַט אַז די סאָלדאַטן זאָלן אונדז ניט דערהערן. מיין שוועסטער פאַניע איז מיט אונדז ניט געווען, אַן איבערגעשראָקענע איז זי נאָך אינדער־פרי אַוועקגעלאָפן אין וואַלד, מיין פאָטער און ברודער זיינען ערגעץ באַהאַלטן אַנדערשוואו... ווידער פאַלט צו דער אָוונט, מיר האָפן אַז עס וועט זיך גיך ענדיקן — אָט דאָס אָפּטרעטן פון דעם פּוילישן מיליטער, וואָס מער זיי האָבן אונטערגעצונדן און ראַבירט, אַלץ גיכער וועט נעמען דערצו אַ סוף.

מיטאַמאָל דערזע איך מיין ברודער, מיט אים דריי ייִדישע יונגעלייט אונדזערע שכנים, און ווי צווי סאָלדאַטן גייען צו, און הייסן מיין ברודער גיין מיט זיי. מיין ברודער האָט זיך געבעטן ביי זיי, באַוויזן זיינע הענט און געזאָגט: „זעט, די „מאָזאָליעס" זיינען פון דער אַרבעט וואָס איך האָב געטאָן פאַר אייך", ווי עס איז האָט ער זיך אָפּגעבעטן. דאַן האָבן זיי זיך גענומען צו די דריי יונגעלייט, איינעם האָבן זיי דערהרגעט, דעם צווייטן האָבן זיי אונטערגעשאָסן די פיס, ווען ער איז געפאַלן, האָבן זיי, די מערדער, געמיינט אַז ער איז אויך טויט, דער דריטער, אַ יונגער, פלינקער בחור פון אַ יאָר 18, איז אַנטלויפן אין הויכע קאָרן, זיי האָבן נאָכגעשאָסן, אָבער ניט געטראָפן, מען האָט אים געפונען מיט דריי טעג שפּעטער אַ פאַרחלשטן...

ס'איז נאַכט, די קינדער האָבן ניט געגעסן, און פאַר די גאַנצע צייט האָבן מיר ניט געהאַט קיין טראָפּן וואַסער אין מויל, מיין מוטער האָט געהאַט אַ קליין שטיקל ברויט, האָט זי עס געהאַלטן פאַר די קינדער. פון שוואַכקייט האָבן מיר שוין ניט געקענט שטיין אויף די פיס. ווען מיר פלעגן זיך

דערנענטערן צו די פויערים, פלעגן זיי אונדז אַוועקטרייבן, זאָגנדיק, אַז צוליב אונדז וועלן זיי דאַרפן ליידן...

און די מענטשן זיינען דאָך געווען אונדזערע פריינט, אָט וואָס איז געוואָרן. ס'איז געווען ווייטאָקדיק. נאָר אונדזער שכן איגנאַליע איז אונדז פאַרבליבן געטריי. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויפן גראָז, מיין מוטער, סאָניעטשקע און איך, אויף דער אַנדער זייט איגנאַליע מיט זיין ווייב און טאָכטער, און אַלע האָבן זיך צוגעדעקט מיט איין קאָלדרע. מיין פלימעניק ליאָווע איז געווען אַזוי אויסגעשעפּט און דערשראָקן, אַז ער איז אַנידער־געפאַלן אין די הויכע גראָז איז איז איינגעשלאָפן ניט ווייט פון אונדז. מיט־אַמאָל קומט צו אַ שכנישע פויערטע און דערציילט אונדז אַז זי האָט ערשט גערעדט מיטן קאָמאַנדיר, ער האָט איר געזאָגט, אַז זיי וועלן אויסשחטן אַלע יידן און אַריינוואַרפן אין קעסל, זי איז אַלעמאָל געווען כוליגאַניש, אָבער ס'איז אַזאַ צייט אַז אַלץ איז געווען מעגלעך. איך האָב איר גאָרניט געזאָגט. מיין מוטער האָט דאָס אויך געהערט, אונדזער שכן איגנאַליע האָט זיך איבער־געשראָקן, און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער אונדז געזאָגט: — וואָס זאָל איך איצטער טאָן מיט אייך, וואו קען איך אייך אויסבאַהאַלטן? איך ליג און טראַכט: — אָט איז דער סוף...

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, מען הערט געשרייען און געוויינען, איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָב דערזען אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט פוסגייער און רייטער, מיר וועלן דאָ אומקומען, — איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. — מיר קענען זיך אין ערגעץ ניט ראַטעווען. מיר האָבן געוואַרט אפשר וועט אונדז געלינגען דורכגנבענען זיך אין וואַלד. די קליינע סטעזשקע, וואָס האָט געפירט אין וואַלד איז געווען פול מיט מיליטער, אין אַ מינוט צוואַנציק אין געוואָרן ווייניקער סאָלדאַטן און מיר האָבן געהאַפּט אַז מיר וועלן קענען דורכמאַכן די צוויי וויאָרסט, שלייכנדיק זיך צווישן די הויכע קאָרן און געדיכטע גראָז. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און גענומען סאָניעטשקן אויף די הענט, איך האָב מורא געהאַט אַז זי וועט אָנהייבן וויינען, ווען זי וועט זיך אויפכאַפּן. ווען מיר זיינען געקומען אין געפערלעכסטן אָרט, האָב איך זיי אָפּגעוואַרט און אַזוי זיינען מיר אַלע אַריבערגעלאָפן. פּלוצים הערן מיר הינטער אונדז שטימען, מען שרייט: האַלט! האַלט — זיי... דער געשריי האָט אונדז פונאַנדערגעשיידט. די מוטער איז פאַרבליבן און איז געפאַלן אין דעם קאָרן־פעלד, זי האָט ניט געהאַט קיין כוח ווייטער צו לויפן. איך, צוזאַמען

מיט די אַנדערע האָבן זיך דורכגעגנבעט ווייטער און זיך אויך אויסבאַהאַלטן אין קאָרן. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, מיר זיינען געלעגן אויף דער פייכטער ערד אָן מאַנטלען, אָדער טיכלעך, און אַלע האָבן מיר געציטערט פון קעלט און הונגער און שרעק. מיין מוטער איז אַלץ ניט געקומען צו אונדז. וואָס זאָל איך טאָן? גיין צוריק איז געווען אוממעגלעך, ווייל די געפאַר איז געווען צו גרויס. האָבן מיר געוואַרט אַז עס זאָל ווערן אַביסל ליכטיקער. מיר האָבן מורא געהאַט אַפילו צו שעפּטשן, מיר האָבן זיך בלויז צוגעהערט צו די געשרייען. ווען ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן האָב איך געוואָלט אויפהייבן דעם קאָפּ פונעם קאָרן, אָבער מיר האָט אויסגעפּעלט דער מוט. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט ווי עמיצער האָט זיך באַוועגט לעבן מיר. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט, ערשט איך זע, אַז מיין מוטער ליגט לעבן מיר. פון פרייד האָבן מיר שיעור ניט צעוויינט. מיר האָבן זיך אָבער איינגעהאַלטן, ווייסנדיק אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט פון שונאים. ווידער האָבן מיר דערהערט געשרייען, געוויין, און יאָמערן. אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלעמען האָט מען שוין אויסגעהרגעט און מיר זיינען דאָס די איינציקע לעבן־געבליבענע שטעטלדיקע ייִדן.

מיטאַמאָל איז צו אונדז צוגעלאָפן אַ רוסישער יונגערמאַן און האָט אונדז געזאָגט אַז צוויי פּוילישע זעלנער האָבן זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט. אונדזער באַהעלטעניש, האָט ער געהאַלטן, איז ניט זיכער, די פּאָליאַקן האָבן זיך דערנעענטערט צו אונדז. האָט ער אונדז געראָטן צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. די פּוילישע סאָלדאַטן שלאָגן אַלעמען אָן רחמנות, האָט ער אונדז געוואָרנט. אין פופצן מינוט אַרום האָבן פּוילישע קאַוואַלעריסטן אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע פעלד, מיט בלאַנקע שווערדן האָבן זיי געהאַקט די הויכע קאָרענע זאַנגען, אפשר וועט זיי געלינגען אָנצוטרעפן אויף עמיצן. מיר האָבן זיך אָבער געפונען ניט ביים סאַמע ברעג פון פעלד, און דאָס האָט אונדז טאַקע געראַטעוועט, ווייל די רייטער האָבן מורא געהאַט אַריינצודרינקען טיפער. מיר האָבן זיך איבערצייגט אַז די באַהעלטעניש איז גאָרניט זיכער. האָבן מיר באַשלאָסן אַריבערצוכאַפּן זיך אין וואַלד, מיר האָבן געדאַרפט אַריבערגיין אָן אייזן־באַן־ליניע, און דאָס איז געווען ריזיקאַליש. די פּוילישע זעלנער וואָלטן אונדז לייכט געקענט באַמערקן. אַז מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן, האָבן מיר דערזען ווי מיטאַמאָל האָבן זיך פאַר אונדז באַוויזן אַלע איינוואוינער פון סלוצקער גאַס, און אויך גענומען לויפן צום וואַלד. מיר האָבן זיך דערשראָקן

פאַר דער גרויסער בהלה, אַלע זיינען געלאָפן, און ניט וויסנדיק וואו עס איז בעסער און זיכערער... מיר ליגן שוין אין וואַלד. די קינדער אָן כוחות פון הונגער, ס'איז שוין דריי טעג ווי מען האָט גאָרניט געגעסן, מיר האָבן געפונען עטלעכע יאַגדעס און מיט זיי אַביסל געשטילט דעם הונגער.

פונדערווייטנס הערן מיר געשרייען: — „פרענדזע־פרענדזע" — (גיכער) ניט פון פוילישע זעלנער, נאָר פון היגע פויערים וואָס האָבן זיך אנגעראַבעוועט מיט יידישן האָב־און־גוטס. ס'איז געווען אַ גאַנצער קאַראַוואַן מיט וועגענער, און פון זיי האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז אין שטעטל איז שוין קיין פוילישע מיליטער ניטאָ, און מען דערוואַרט דאָס אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי. מיט פרייד האָבן מיר זיך געלאָזט גיין פון וואַלד, אויפן וועג האָב איך באַגעגנט מיין פריינדין חנה סליאזבערג מיט אַ געוויין אַז זי זוכט איר מוטער, מען האָט איר געזאָגט אַז מען האָט איר דערהרגעט.

צוקומענדיק צו אונדזער הויז האָב איך פון דער ווייטנס דערזען מיינע עלטערן, ווי אויך די שוועסטער און דעם ברודער. זיי זיינען געזעסן אויפן פעלד און געקאָכט קאַרטאָפל. מיר האָבן זיך אַלע צעזעצט אין אַ קרייז, שטיל, אָן ווערטער, די טרערן האָבן אונדז געשטיקט, דערצו די לעמעניש אין האַרצן, וואָס די פוילישע באַנדיטן האָבן געמאַכט פון אונדזער ליב שטעטל, קוידענאָוו...



אַ בילד פון אַ קוידענאָווער גאַס (רוביזעוויצער)

מ. סלאַווין

# מיין שטעטל קוידענאָוו

## (אין אָנדענק)

אין שטעטל נאָך פורים
קומען בושעלס צו פליען
און קרייזן אין לופטן,
מאַיעסטעטיש אַזוי.
זיי פלעכטן זיך נעסטן
אויף די שפיצן פון טורם,
כאָטש ס'בלענט נאָך
אין שאָטן פון טאָלן דער שניי.

דער קופערנער הימל
ווערט בלויער און בלויער,
ס'יאָגן די ווינטן
שוין מער ניט מיט האַסט;
פון הינטער אַ לאַנדשאַפט
אַ כמאַרנער, אַ גרויער
שפּאַנט זיך פּאַמעלעך
דער פרילינג — אַ גאַסט.

ער קומט אָן.
די פלאַכן די ברייטע צעגרינען,
מיט גראָזן באַדעכן
דעם טאָל און דעם באַרג.

נאָר ער וועט קיין יידן
שוין דאָ ניט געפינען —
ניט דאָ, און ניט דאָרטן,
און ניט אויפן מאַרק.

אַט דאָרט, וואו דער באַרג
לאָזט זיך אַרונטער צום נידער
און ס׳ריזעלט אַ טייכל
האַרט־דאָ דערביי,
ליגן פאַרשאָטן
מיינע האַרציקסטע ברידער,
מיט הערצער צעלעכערט
פון קוילן און בליי.

איבער זיי וויגן זיךביימער
מיט שפּיציקע צווייגן
און ס׳קלאָגן פון ווינטן
אין אומעט פון נאַכט
און „הייליקע״ פיגורן אויפן „קאסטשאָל״
קוקן און שווייגן —
עדות פון אַן עדה,
וואָס מ׳האָט אומגעבראַכט.

כ׳מאַך צו די אויגן
און זע דיך, מיין שטעטל:
די גאַסן, דער שול־הויף,
די קראָמען אין מאַרק;
פון אַלץ איז געבליבן
בלויז פון קדושים אַ צעטל
און קברים פאַרזייטע
צופוסנס פון באַרג.

# ווען זומער קומט

דער ים איז מיר ניט
אזוי נאָענט,
ווי נאָענט מיר זײַנען
ביימער, גראָזן.
איך האָב זיך ערשט
פֿון דעם דערוואוסט
ווען כ׳האָב מיין אַלטע
היים פֿאַרלאָזן.

איך האָב געשיפֿט זיך
אויף זײַנע פֿלאַכן,
און דאָך איז ער
מיר פֿרעמד געבליבן.
אין האַרץ פֿאַרקריצט
כ׳האָב ביימער, שליאַכן,
און זיי, ווײַזט אויס,
נאָר קען איך ליבן...

און ווען ס׳קומט אָן
דער הייסער זומער,
לאָז איך דעם ים
פֿאַר אַנדערע איבער

אַ ווינקל, שטיל,
מיט וואַלד אַרום מיר,
איז טויזנט מאָל
פֿון ים מיר ליבער.

אין פייגל צוויטשער
אין באַגינען;
אין־הילך־געקריי
פֿון די הענער,
טו איך פֿרייד
אַ סך געפֿינען —
אין זיי דערהער איך
אַלטע טענער...

דער ים פֿאַרמאָגט
אַזוי פֿיל רייץ,
דאָך לאָז איך עס
פֿאַר אַנדערע איבער;
אַ בוים, אַ בלאַט,
אַ פֿעלד פֿון ווייץ —
מיר טויזנט מאָל
זיי זײַנען ליבער...

# אַרע יעקעלס

(פֿון מיינע זכרונות)

אין רעכטער האַנט
אַ טיכל רויט,
אין לינקער האַנט אַ שטעקן;

אין שטעטל — איז איצט
גרויס די נויט
גייט אָרע — קהל וועקן...

זײַן באָרד איז רויט,
דאָס פּנים — בלאָס;
די אויגן גליען — פֿײַער!
ער שפּאַנט מיט האַסט
פֿון גאַס צו גאַס —
עס איז די צײַט אים טײַער...

פֿון הויז צו הויז
אַרײַן — אַרויס —
ער זאַמלט מעות חטים;
די אָרעמקײַט —
איז ווײַט פֿאַרשפּרייט —
זאָל ער, אין הימל, היטן!

די פֿרילינג זון
זי שיינט שוין אויף —
דער הימל איז שוין לויטער;
אויף אָרען פּאַלט
אַראָפּ אַ שטראַל
און פֿאַרבט זײַן באָרד נאָך רויטער.

אַזוי צעפֿלאַמט,
ער שפּאַנט און שפּאַנט
מיט רויטן טוך און שטעקן;
דער טאָג איז קליין —
ס'איז גרויס די נויט —
און קהל מוז מען וועקן...

מ. סלאווין

# צו גאַסט אין מיין שטעטעלע קוידענאָוו

(אין 1927)

כ׳מאַך צו די אויגן און ס׳שווימט אַן מיין שטעטל קוידענאָוו מיטן מאַרק און קראָמען, גאַסן און געסלעך, מיט אירע טיפּן און געשטאַלטן און מיט אַלץ וואָס האָט זיך פאַרקריצט אין מיין זכרון און האַרצן אויף שטענדיק און שטענדיק.

געווען אַ וועלטל אַ ליבע, אַ טייערע און פאַרשוואונדן און ניטאָ; פאַר־שניטן געוואָרן דורך רוצחישע הענט, אַפּגעווישט געוואָרן און בלויז איבער־געלאָזט אונדז מיט דערינערונגען פון דעם וואָס איז געווען און וועט מער ניט זיין!

מיט „יזכור" — איז שווער אַזוי אָנצוהויבן; אַלץ איז אַזוי ליב און טייער, אַלץ איז אַזוי וויכטיק און ס׳ווילט זיך פאַרצייכענען יעדע זאַך און נאָכ־אַמאָל איבערלעבן די קינדער יאָרן, וואָס האָבן מיר געגעבן, אַזוי צו זאָגן, צידה לדרך, אָנגעלאָדן מיך מיט יוגנט־בילדער אויפן גאַנצן לעבן.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל כאָטש איינמאָל נאָך זען מייך שטעטעלע און אַריינזאַפּן אין זיך אירע דופטן אײדער אַלע וועגן און שטעגן צו איר זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן. בין איך טאַקע אין דעם יאָר 1927, צען יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אויף מיין רייזע קיין אייראָפּע, פאַר־פאָרן קיין קוידענאָוו, דעמאָלט שוין אונטער דער סאָוועטן־מאַכט. כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי ס׳האַרץ האָט געקלאַפּט ביי מיר בעת די באַן האָט זיך דערנענטערט צו נעגאָרעלאָיע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די היימישע לופט האָט אַ שלאָג געטאָן אין מיינענאָזלעכער און אויף מיר האָט אַ ווייע גע־טאָן מיט היימישקייט און וואַרעמקייט. די באַן לויפט דורך אַלטע באַקאַנטע

שטחים און די גאַנצע יוגנט מיינע לויפט מיר אַנטקעגן. אָט איז שוין קווי־דענאָווער וואָקזאַל, דער הילצערנער פּעראָן, די היימישע פאַנאַרן, די בעלי־עגלות, וואָס וואַרטן אויף פּאַסאַזשירן, און מיר דאַכט זיך, אַז כ׳בין קיינמאָל פון דאַנען ניט אַוועקגעפאָרן. די גרויסע ווייטע וועלט איז בלויז געווען אַ חלום און די וואָר איז דאָ אין שטעטעלע מיט וועלכער כ׳בין פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים.

כ׳פאָר אַריין אין שטעטל דורך דער נייער מינסקער גאַס. ס׳איז אַ שיינער פּרעכטיקער אָוונט. די לעצטע שטראַלן ליגן אויפן קלויסטער דאַך און טשערעדעס קערן זיך אום אַהיים. כ׳קוק זיך איין אין די פּנימער פון פאַרבייגייענדע, כ׳דערקען זיי: די זעלבע קוידענאָווער יידן, הגם אַביסל פאַר־עלטערט. אין מאַרק גיי איך אַרונטער פון פור און בלייב שטיין. אייגנטלעך האָב איך דעמאָלט אין קוידענאָוו שוין קיינעם ניט געהאַט פון מיין משפּחה. דער טאַטע מיט דער מאַמען שוין לאַנג אויפן עולם האמת און מיין שוועסטער וואוינט אין מינסק. נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת בין איך צוגעגאַנגען צו אַ זעלצער־קרעמל און זיך געהייסן געבן אַ גלעזל זעלצער־וואַסער. אין דער קרעמערין דערקען איך חיה־פייגל יאַנקעוו זלאַטע־באַשעס. אַ וואַרט פאַר אַ וואָרט און מ׳ווייס שוין ווער איך בין און דאָ האָט זיך ס׳שטעטל אַ רודער געטאָן. קינד און קייט זיינען באַלד געשטאַנען ביי דער קראָם, אַרומ־גערינגלט מיך און אָפּגעשטעקט שלום עליכמס. כ׳קוק נייגעריק אַריין אין די ליבע, היימישע, האַרציקע פּנימער און פיל מיך גליקלעך, וואָס כ׳האָב די זכיה כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן זען מיין שטעטל.

אברהם יאַנקעוו גיטלין, דער אייזנקרעמער, צו וועמען כ׳האָב אַ גרוס פון זיין זון וואוליע, מיין יוגנט־חבר, מיט וועמען כ׳בין פיר יאָר צוזאַמען געגאַנגען אין „גאָראַדסקאָיע״, פירט מיך צו זיך אַהיים אויף סלוצקער גאַס. מענטשן באַגלייטן מיך ביז סאַמע שטוב. ווי ווייט איך קאָן, גיב איך איבער גרוסן, דערצייל וואָס ס׳טוט זיך אין דער ווייטער אַמעריקע, אין נוי־יאָרק. אַ קלייניקייט — אַמעריקע! מ׳הערט זיך צו צו מיר מיט אָפענע מיילער, מ׳פאַרשט און מ׳פרעגט און אין די אויגן גליען אַזוינע פאַרבענקטע פייער־לעך. יעדערער האָט דאָך עמיצן אין אַמעריקע און ס׳ציט, און ס׳בענקט זיך, און גאָט ווייסט צי מען וועט זיך נאָך אַמאָל זען. — און דאָ האָט מען אי־בערגעלעבט אַ גרויסע וועלט־מלחמה. אָט איז מען געווען אונטער די טייטשן

און באַלד ווידער ביי די רוסן און שפּעטער ביי די פּאָליאַקן, און דאַן ווידער ביי די רוסן, וואָס זיינען געקומען מיט אַ נייער אָרדנונג, מיט נייע, פּאַראַנדקעס און איינשטעלענישן, וואו ס׳איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די קליינע קרעמער און סוחרים, — ווער שמועסט שוין — פאַר די גרויסע. זיי האָט מען שוין פון לאַנג ליקווידירט און מ׳וויס ניט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. ס׳לעבן ענדערט זיך און ס׳איז שווער זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען אין דער דאַזיקער בין־השמשות צייט, ווען דאָס אַלטע ווערט אַרויסגעשטויסן און דאָס נייע איז נאָך ניטאָ. ניטאָ שוין אין שטעטל די יוסטע קרעמער. ניטאָ סעגאַלאָוויטש מיטן שיינעם אַפּטעקאַרסקן מאַגאַזין, מיט דער רייכער שטוב אין מיטן מאַרק. ערגעץ, דערציילט מען מיר, איז ער אין דער מלחמה־צייט שפּורלאָז פאַרלאָרן געגאַנגען און זיין פרוי אסתר איז געשטאָרבן פון אַ ראַק.

מאַטליע־גיטל איז שוין אויך ניטאָ. ניטאָ די פּריצים, וואָס פלעגן איינקויפן ביי מאַטליע־גיטלען אין קראָם און איר זון יאָסל שטייט, נעבעך, מיט אַ טישעלע אין מאַרק און פאַרקויפט גאַלאַנטעריי, מ׳שטייגס גערזאָגט. ס׳האַרץ ווערט פאַרדריקט פון צער, קוקנדיק אוי די דאָזיקע יורדים. כ׳וויס, מ׳וועט אַמאָל אפשר אויפבויען דאָ אַ שענערע וועלט, נאָר דערווייל איז צרהדיק. עפּעס אַן עלנט קוקט אַרויס פון די אויגן. ס׳פילט זיך — אַ וועלט גייט אונטער. דרייסט און מוטיק זיינען בלויז חברה־צעך. ס׳פעלט זיי, מאַלט אייך, נאָך אויך זייער אַ סך צו אַ גוט לעבן, נאָר זיי איז איצט פאַרט בעסער, מחמת די מאַכט האָט מיט זיי איינזעעניש און זיי פילן, אַז זיי זיינען איצט דאָס אויבערשטע פון שטויסל.

כ׳שפּאַן איבערן מאַרק און אַנטקעגן קומט מיר מיין יוגנט־חבר פיניע. פיניע נחום וועלוועל דעם שמידס. ער אַרבעט אין שטעטלשן אַפּטייק און וואוינט נאָך אין זיין טאַטנס אַמאַליקער שטוב, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ווערענדע און וואו מיר פלעגן אין די יונגע יאָרן פאַרברענגען און שטיפן. נחום וועלוועל און זיין ווייב זיינען שוין לאַנג אויפן עולם האמת. קיינער קלאַפּט שוין ניט אין קוזניע און שטעלט צוזאַמען סעטשקאַרניעס. און דער הויף מיט די הייזער באַלאַנגט שוין צו שטאַט.

קעלמאַנס טאַבאַק געשעפט אויף ווילנער גאַס איז שוין אויך ניטאָ. ער, קעלמאַן, פאַבריצירט איצט זייף. עפּעס אַזאַ מאָדנע קלעפּיקע, גרויע זייף. ער ווייזט מיר אַ בילד פון זיין זון אַקע, אַ קאָמיסאַר ערגעץ אין סיביר; אַ

שיינער יונג אין אַ מיליטערישן מונדיר מיט אַ נאגאן ביי דער זייט און מיט אַ קאַמעץ־בערדל. אַך, ווי די צייט לויפט! ערשט, דאַכט זיך, איז אַקעגעגאַנגען אין קאַמערטשעסקע, און איך האָב דעמאָלט געלערנט אין מינסק לאַטיין צוזאַמען מיט שאַיע קאַרטאַזשינסקי (מיניע ראַשקעס) און הירשל לעווין. אַקע אין סיביר, הירשל לעווין אין ישראל, אַ אינזשעניר דאָרטן, און איך — אַן אַפּטייקער אין אַמעריקע, געקומען צוגאַסט אַהיים.

און אַט גייט מיר אַנטקעגן אַ באַקאַנטער ייד, אַ טייערער ייד, יחיאל דער שערער, ביי וועמען כ׳פלעג זיך שערן נאָך ייִנגלווייז. ר׳ יחיאל, וואָס מאַכט איר? דערקען איך אַט דעם האַרציקן יידן, מיר דערפרייען זיך אַזוי שטאַרק איינער מיטן צווייטן. כ׳באַמערק ווי ער האַלט אַ פינגער אויפגעהויבן אין דער הויך און דער פינגער איז אַנגעשמירט מיט דזשעגאַכץ. ער זאָגט מיר, אַז דאָס פינגער רייסט אים און דזשעגאַכץ איז אַ גוטער מיטל דערצו. כ׳נעם אים אונטער דער האַנט, פיר אים אַריין אין אַפּטייק און הייס זיך געבן דאָס שוואַרצע זאַלב מיט ריינער מארליע. כ׳פאַרבינד אים דעם פינגער און ער איז מיר מודה, אַז ער פילט טאַקע בעסער. דער אַפּטייק מיט די קאָלירטע שייבעלעך פון דרויסן, מיט די פאַרצעלייענע כלים מיט די לאַטייניש נעמען, באַלאַנגט שוין ניט צו יודעלע סאַיעט. דאָס איז איצט שוין אַ קהלשע אינסטיטוציע. איך טרעף טאַקע סאַיעטן זיצנדיק אויף די טרעפּ פון אַפּטייק — גאַרניט דער זעלבער סאַיעט. ס׳פעלט די אַמאָליקע עלעגאַנץ. ער איז אַזוי באַריידעוודיק איצט און האַלט אין איין טענהן, הלמאי לאָזט מען אים ניט אַרבעטן אין זיין אייגענעם אַפּטייק. זיין טאָכטער ראָזע, באַמערק איך, אַרבעט יאָ אין אַפּטייק — אַן אַנגעשטעלטע, מיט אַלע אַנדערע צוגלייך. סאַיעטס פרוי, אַנאַ סאַיעט, איז שוין אויך ניט דאָס וואָס אַמאָל. פאַרשוואונדן דער גלאַנץ, דער אַמאָליקער שטעל און די אַפּזאַצן פון די שיך ביי איר אויסגעדרייט. הפנים, די צייט האָט דאָ אַ סך זאַכן געענדערט. מיין יוגנט־חבר בערעלע פּיקוס איז געקומען אַזש פון אוזדע צו זען זיך מיטן גאַסט. כ׳שטיי אין טאַקע ביי זיין מאַמען — שרהקע דוד אריהס. נאָך גאָר אַ זשוואַווע אַלטיטשקע מיט שמייכלדיקע אויגן. ס׳איז אַ מחיה צו רעדן מיט איר.

ס׳איז חודש יולי און ס׳איז הייס. איך דינג אַ בעל־עגלה און ער פירט מיך זיך באָדן אין אוסער טייך. אויפן וועג טרעף איך סימענטשיק דעם זייגערמאַכער. איך רוף אים פאָרן מיט מיר. „ס׳איז הייס, זאָג איך,

פּאַני סימענטשיק, לאָמיר פּאָרן זיך אויסבאָדן". נאָר סימענטשיק ליגט גאָר־ניט אַזאַ זאַך אין קאָפּ. ער וויל מיר בעסער פּאַרקויפן אַ רינגל און, ווי זיין שטייגער איז, ציט ער באַלד אַרויס פון וועסטל־קעשענע אַ האַלבן טוץ רינגען און ווייזט מיר זיי.

איך באָד זיך אין אוסער טייך און דערינערונגען פון די קינדער יאָרן שווימען אָן. אַהער פלעגן מיר, ייִנגלעך, אָפּט גיין צופוס. ס'פלעגט אונדז שטענדיק ציען צו די אָפענע שטחים, גרינע לאַנקעס און טייכלעך.

צוריק נעם איך מיט אַ פּאַסאַזשיר, וואָס איז אויך געקומען אַהער צו באָדן זיך. דאָס איז דער איצטיקער סודיא פון שטעטל, נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן, פון פויערים־אָפּשטאַם. ער פאַרבעט מיך אין סוד, טאָמער וויל איך הערן אַ „דיעלאָ". צומאָרגנס קום איך טאַקע אין סוד: אַן איינפאַכע שטוב מיט איינפאַכע בענקלעך. ס'דערמאָנט זיך מיר די אַמאָליקע קאַנצעליאַריע, וואו, דער „זעמסקער" פלעגט משפטן. אָט דער זעמסקער, וואָס האָט גע־האַט אַ הויף אין דיאַלניע און פלעגט פאָרן מיט אַ פּאָר פערד, איך דער־מאָן מיך, וואָס פאַר אַ רושם עס האָט געמאַכט אין שטעטל ביי יענער צייט זיין חתונה האָבן מיט זילבנען, דעם פאַטשט־נאַטשאַלניקס טאָכטער, וואָס איר פאָטערס שטאַנד איז געווען אַ סך נידעריקער פון דעם זעמסקיגס, וואָס איז געווען אי אַ יוריסט אי אַ פּריץ. אין היינטיקן סוד פעלט שוין די אַמאָליקע שטרייגקייט און אָנגעבלאָזנקייט. דער סודיא משפט ניט אַליין דאָ, נאָר מיט נאָך צוויי זאַסעדאַטעלעס. איך דערקען צווישן זיי יאַשקע גרושע, דעם שניידער. מיט זיינע זין האָב איך צוזאַמען געלערנט אין „גאָראָדסקאָיע אוטשילישצע". יאַשקע רעדט גאָר אַ פיינעם יידיש. איך דערמאָן אים ווי ער האָט מיך אַמאָל, אין די צאַרישע צייטן, אויסגעפּאַטשט פאַר מיין פּאָר־זוך אַריינצוגעמען זיינע ייִנגלעך אין אַ געהיימען לייען־קרייז. ער האָט זיך דאָן שטאַרק געשראָקן פאַר נאַטשאַלסטוואָ. די „דיעלאָס" אין סוד זיינען אַזוינע נישטיקע, ניט אינטערעסאַנטע און איך הויב מיך אויף אַוועקצוגיין. דער סודיא באַמערקט עס און שיקט מיר צו אַ צעטעלע: — אפשר וועט דיר אינ־טערסירן אַן „אַלימענטן דיעלאָ"? — (אַן אַלימאַני קייס). איך פאַרבלייב אין סוד און באמת ווערט שוין דאָ באַלד אינטערעסאַנט, גאָר ווי אין אַמעריקע: מען דאַרף צאָלן אַלימאַני.

היינט איז אַ מאַרק־טאָג אין שטעטל. איך שפּאַציר איבער די קראָמען, איך שטעל זיך אָפּ דאָ און דאָרטן, באַטראַכט די האַלב־ליידיקע פּאָליצעס.

אין שטעטל איז אַ מאַנגל אין זאַלץ. קעראָסין און צוקער זיינען גאָר ביקר המציאות. אַפילו אין שטעטלשן קאָאָפּעראַטיוו פעלט אויך סחורה. אין מאַרק דרייט זיך אַרום האַשע־רייזל. זי האָט זיך כמעט ווי ניט געענדערט. איך באַוואונדער איר זכרון ווי זי דערקענט מיך און רעדט צו מיר ווי אַ בר־דעת, נאָר באַלד טאַקע כאַפּט זי אַ טענצל און פּלוידערט וועגן קאַצמאַנגען אין אַמעריקע. יאַנקעלע דער בעל־עגלה, שוין האַלב־בלינד און געבויגן, זוכט מיר אָפּ אין מאַרק און טענהט מיט מיר איך איך זאָל, למען השם, זען, אַז זיינע קינדער אין אַמעריקע, זאָלן פאַר אים באַשטעלן אַ קדיש. איך זאָג עס אים צו. צווישן מנחה און מעריב כאַפּ איך מיר אַריין אין מויער בית־מדרש. הירשל דער שוחט לערנט נאָך אַלץ דאָ מיט יידן עין־יעקב ביי דער שיין פון צאַנקענדע ליכט.

איך קוק אויפן פּרוכת, אויפן עמוד, אויף די ענג־לייכטער און אַ ים מיט דערינערונגען דערוואַכן אין מיר. איך דערמאָן מיך אויף מאָטע־בערל דעם *שמש*, די רבנים — ר׳ ייאל און ר׳ לייב־נחום. מיר דאַכט זיך, אַז איך זע זיי ביי דער מזרח וואַנט איבערגעדעקט מיט טליתים און מיין טאַטע לייענט די הפטורה: — רני עקרה לא ילדה! — צעקלינגט זיך זיין קול איבערן גאַנצן בית מדרש. אַלע, זיסע טענער! ניט ווילנדיק, ווערן מיינע אויגן פול . עס טוט באַנג אויף דעם, וואָס איז אַוועק און ניטאָ!

מיינע פיס טראָגן מיך ווייטער, צו דער חסידישער שטיבל. דער „קוידענאָווער״ חסידישער ניגון באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ. איך דערמאָן זיך אויף אַ חתונה ביים רבין, דער רבי האָט אויסגעגעבן אַ טאָכטער. אוי, איז דאָס געווען אַ חתונה! שוין איינמאָל אַ חתונה. פון גאָר דער וועלט האָבן זיך געצויגן חסידים און רביים צו דער חתונה. אַלע אכסניהס זיינען דאָן געווען איבערגעפּאַקט מיט אורחים. היינט די הכנות צו דער חתונה, אַ קלייניקייט צוגרייטן אַ מאָלצייט פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן מיט אַמאָל. ווי איצט זע איך דעם שיינעם מצוה־טאַנץ. דער מחותן גיט דער כלה איין עק פון זיין רויטער פאַטשיילקע און, אָנהאַלטנדיק זיך אין צווייטן עק, איז ער אַוועק מיט איר אין טאַנץ. די קוידענאָווער קאַפּעליע האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם קוידענאָווער ניגון, דער עולם האָט צוגעפּליעסקעט און דער מחותן מיט דער לאַנגער, גרויער באָרד האָט זיך געדרייט מיט פאַר־מאַכטע אויגן און די כלה, אַן אמתע בת־מלכה, איז אים נאָכגעגאַנגען מיט

קלײנע טריטעלעך אין טאַנץ. און אַט, געדענק איך, צעזינגט זיך אַ ווילנער חסיד מיט אַן אנגענעמענעם באַריטאָן:

אַך טי, סטאַרי יעוורײ,
ניע בוד טי יאַק אַנדרײ;
ענ׳י דאַ רעבי פּאַסקאַרײ,
ענ׳י נאַ חסידעס פּאַכאַוואַרײ...

אַצינד איז פינצטער אין שטיבל. ס׳חסידות אין קוידענאַוו איז אויס־געלאָשן געוואָרן.

אויפן מאַרק האָט מען אויסגעבויט אַ קינאָ און קאַניצער זאַל. אין אָוונט טרעפט מען דאָ יונגע בחורים און מײדלעך. איך בין אַ בעלן צו פאַר־ברענגען אַן אָוונט מיט דער קוידענאַוווער יוגנט און איך גײ אַרײַן אין זאַל. פאַרשידענע אַרטיסטן זינגען און שפּילן און צום ערשטן מאָל הער איך דאָ דאָס שפּעטער באַקאַנטע ליד — „קויפט בובליטשקי״.

פרײטיק בין איך אָוועק אין באָד. געטראָפן דאָרט אי דעם אַלטן בעדער, אי דעם אַלטן פאַרסטשיק. איך ליג פאַר דעם אַלטן פויער אַרומוואַשן מיך און אויספּאַרען. ער טוט עס גערן, נאָר ס׳פעלן אים מכשירים; רײַבט ער מיך מיט אַן האַרטן בעזים.

עס ציט מיך כאַפּן אַ בליק אויף די „הויכע בערג״ און דורך דער יורזדיקע לאָז איך מיך אַהינצו. כ׳גײ פאַרבײַ דעם „קאָסטשאָל״, פאַרנעם זיך צו „שלאָס״ צו, באַטראַכט די טורעמס מיט די רונדע לעכער, די נעסטן פון בושעלס אויף די שפּיצן. אַלץ ווי געווען. כ׳קוק אַרונטער צו סטראַנגינס פאַבריק אין טאָל, צו שמואל־דודס גערטנער, צום טײַכל, וואָס פליסט נאָענט דאָ דערבײַ. כ׳מאַך צו די אויגן און מיר דאַכט זיך, — כ׳בין ווידער אַ ײנגל און איך פאַרגנבע זיך רײַסן אוגערקעס. אַט־אַט און שמואל־דוד וועט זיך אַ יאָג טאָן מיט אַ שטעקן און איך וועל מאַכן פליטה.

רוביזעוויצער־גאַס — די גאַס, אין וועלכער כ׳האָב זיך אויסגעהאָדעוועט, איז עפּעס מיר מער אײַנגעבאָקן אין האַרצן ווי אַלע אַנדערע גאַסן. אָט איז דער ברונעם מיט דער „פּאָמפּע״ אַנטקעגן ישראל דעם בעל־עגלהס שטוב. אַמאָל, אַמאָל האָט מײַן טאַטע געהאַלטן אַ „חדר״ בײַ ישראלן אין הויף. ישראל איז אַלע יאָרן געווען אַ יוסטער בעל הבית. צווײ פערד ווי די לײבן פלעגן בײַ אים שטענדיק פירן פאַסאַזשירן פון באַן און צו דער באַן. איצט

איז שטיל אין ישראלס הויף. ניטאָ שוין ישראל, ניטאָ שוין זיינע לייבן. אַביסל ווייטער — איטשע־זלמן דעם קצבס שטוב. אַנטקעגן האָט געוואוינט מיין פאַמיליע — אין נח חיים דעם קצבס שטוב, וואָס האָט ביי יענער צייט באַלאַנגט שוין צו ראַבערט דעם שוסטער. איטשע־זלמנס שטוב האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם, ברייטן גאַניק צו דער גאַס און אין די זומערדיקע שבתים פלעגט איטשע זלמן און זיין הויז־געזינד אויסזעצן זיך אויפן גאַניק. איך זע זיי, דאַכט זיך, אַלעמען פאַר די אויגן: מאָטשיק, בערל, אַרקע, פעשע־גיטל, דאַן נאָך אַ בליענדע פריילין וואָס האָט געקענט פיין העברייאיש, מחמת זי האָט יאָרן לאַנג געלערנט ביי חיים־יהודהס מערליס. (דאַכט זיך, אַז זי האָט אָנגעהויבן לערנען ביי מיין טאַטן, וואָס איז אויך געווען אַ פיינער העברייער און בעל־דקדוק). איטשע־זלמן, אַ הויכער און פעסט־געבויטער ייד, מיט אַ שוואַרצער, שיך־צעקאַמטער באָרד, איז נאָך אין 1927 געווען אין קוידענאָוו. בעת כ׳האָב אים אָפּגעגעבן שלום האָב איך, קוקנדיק אויף אים, דערמאָנט זיך אויף די פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייד, אַ תקיף מיט דער שיינער יאַטקע און מיטן גרויסן פאַרנעם.

אַרונטער רוביזעוויצער גאַס איז נאָך געשטאַנען דער ברונעם מיט דער גרויסער ראָד. איך האָב ביים ברונעם געטראָפן לייזער איכילקעס מיט די בלאָנדע, לאַנגע פאות, שעפּנדיק וואַסער. לייזער גיט מיר אַ טרונק פון בלעכענעם עמער, צערעדט זיך מיט מיר און וויל וויסן צו איך דאַוון נאָך אין אַמעריקע. „מאָטל״ — טענהט ער אַריין אין מיר, „ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און מ׳טאָר עס ניט פאַרגעסן״. לייזערן, ווייזט אויס, האָט די צייט ניט געענדערט. דער זעלבער פרומער לייזער מיט די מילדע קינדערשע אויגן.

טאָג־איין, טאָג־אויס דריי איך מיך איבער די גאַסן פון שטעטל, פאַרברענג מיט דעם און מיט יענעם און ס׳איז מיר גוט. ביי טאָג באַקט צו די יולי־זון מיט אַ טרוקענע וואַרעמקייט און די אָוונטן זיינען מחיהדיק קיל. די קוידענאָווער אָוונטן פאַרמאָגן עפּעס אין זיך אַזוינס און אַזעלכעס. דו שפּאַנסט זיך אַראָפּ צו עליצקער גאַס מיט די פּריסאַדעס און צעביסלעך ווערט טונקעלער און טונקעלער. די זון — אַ פיירדיקע ראָד אין מעריב־זייט — וואַרפט נאָך סנאָפּעס ליכט אויפן גאַנצן אַרום, נאָר באַלד הויבט זי זיך אָן אויסלעשן און דו שפּאַנסט שוין צוריק אין דער פינצטער.

טייערע יידן — די קוידענאָווער: גרויסע מכניסי־אורחים. וואו איך

קום נאָר אַריין, שטעלט מען כבוד. און וואָס איז בעסער פון אַ גלאָז קאַקאַאָ מיט קוכן? זשעדנע קינדערלעך מיט הונגעריקע אויגן קוקן, ווי מען איז מסבב דעם גאַסט, נאָר מ׳וואַגט, נעבעך, ניט, צוגיין צום טיש, — מ׳טאָר ניט.

כ׳שטויס מיך אָן אין קוידענאָוו אויף ביטערע אָרימעלייט, וואָס בעטן מיך משתדל זיין זיך פאַר זיי ביי די אַמעריקאַנער קרובים. כ׳קוק אויף די פאַרפינצטערטע פנימער און איך טראַכט: פאַרוואָס קומט עס אָט די וואוילע, טייערע נשמות אַזאַ דאַליע. יאָר 1927 — אין אַמעריקע איז דאַן געווען „פּראָספּעריטי״ און דאָ אַזאַ דחקות. כ׳פיל מיך שולדיק לגבי אָט די דאָזיקע נויטבאַדערפטיקע פאַר מיינע שיינע בגדים, מיין אַמעריקאַנעם פּאַספּאָרט מיט מיינע דאָלאַרן. מיט וואָס האָב איך אַזוי שיין געדרשנט?...

מיין וויזע האַלט ביים אויסגיין. נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג; כ׳זאַפּ איין אין זיך, ווי ווײַט איך קאָן, די היימישע דופטן. ס׳ווילט זיך מיר איינקריצן אין האַרצן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך. און אָט בין איך אין אַ קילן באַגינען שוין ווידער אויפן וואַקזאַל. די באַן קומט פון מאָסקווע ווי אַלעמאָל, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט און פירט מיך אַוועק צו מערב־צו, צו נעגאָרעלאָיע. האַסטיקער און האַסטיקער קלאַפּן די רעדער. איך וואַרף אַ לעצטן בליק אויף מיין שטעטעלע, אויף די פעלדער און לאַנקעס, אויף דעם גאַנצן אַרום און טרערן קאַפּן פון מיינע אויגן. ווי אַ חלום פאַרשווינדט מיין שטעטעלע — אַ זיסער חלום, וואָס וועט מיך נאָכגיין אַלע מיינע טעג אויף דער ערד.



דער קוידענאָווער מאַרק מיט די קראָמען



אברהם רייזען

# אברהם רייזען ע״ה

דינסטיק ביינאַכט, דעם 31טן מאַרטש, 1953, נאָכן 2טן פּסחדיקן סדר איז אויסגעלאָשן געוואָרן די נשמה פון אונדזער גרויסן לאַנדסמאַן אברהם רייזען ע״ה.

דער באַרימטער דיכטער און דערציילער אברהם רייזען איז געבאָרן געוואָרן אין קוידענאָוו שבת הגדול, 1876, ביי זיינע עלטערן קלמן און קריינע רייזען.

זיין פאָטער, קלמן רייזען איז געווען אַ זון פון משה, שלמה־קלמנס, אַ ייד אַ נגיד, געהאַנדלט מיט טאַבאַק און אייזנוואַרג; אַ צדיק און אַ תמים, וואָס איז שטענדיק געווען אַריינגעטאָן אין מוסר־ספרים און אין זאָגן תהילים. זיין פרוי שולקע, האָט געשטאַמט פון אַ יחוסדיקער משפחה, צו וועלכער עס האָבן געהערט דער גרויסער לאַדזשער רב ר׳ אליהו חיים מייזל, די באַוואוסטע יידישע געלערנטע, די ברידער ניקאָלאַי און אָסיפּ באַקסט, און דער באַרימטער קינסטלער לעוו באַקסט.

זייער זון, קלמן רייזען האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דער־ציאונג. געלערנט ביי די בעסטע מלמדים פון שטעטל, זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענע פעאיקייטן און אַ גוטן זכרון; האָט אַליין זיך אויסגעלערנט דייטש און איז געווען באַהאַוונט אין דער קלאַסישער, דייטשער און אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט געשמט אין שטעטל פאַר בעסטן העברעער און משכיל. נאָך זיין חתונה האָט ער זיך פאַרנומען מיט תבואה־האַנדל, אָבער אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט זיינע אַמביציעס צו שרייבן שירים אין העברעאיש און אויך אין יידיש. סוף 80יאָרן האָט ער אָפּגעדרוקט איניקע פעליעטאָנען אין „המליץ״.

נאָכן פריצייטיקן טויט פון זיין פרוי קריינע, איז ער אָוועקגעפאָרן צו אַ חבר אין באַרדיטשעוו, אוקראַינע, און האָט אין 1878 אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער (יונה הומיה). קומענדיק צוריק האָט ער באַזוכט קיעוו, וואַרשע. געשטאָרבן ה׳ תמוז 1921.

קלמן רייזענס פרוי, קריינע איז געווען אַ טאָכטער פון פסח עפשטיין, אַ ייד אַ למדן און משכיל, אַ סוחר פון תבואה. זי איז געווען אַ פרוי מיט אַ ליבן און שטילן כאַראַקטער, אַ וואוילקענעוודיקע אין יידישע ספרים פאַר ווייבער און זייער אַ פרומע להיפוך איר מאַן קלמן רייזען. ביי אָט דער דערמאָנטער פאַמיליע איז אין 1876, שבת הגדול, געבוירן געוואָרן אַ זון וועמען זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן אברהם.

אברהם רייזען האָט פון קינדווייז אָן אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן, אָבער אויך פאַר אַ גרויסער שטיפער. אין חדר, צום בייזן רבין, האָט ער ווייניק חשק געהאַט צו גיין. ווען ער איז אַביסל עלטער געוואָרן, האָט ער געלערנט ביי זיין פעטער ר׳ הירש, וועלכער איז געווען פאַררעכנט אַלס דער בעסטער גמרא־מלמד אין שטעטל. זיין פאָטער קלמן האָט אים אויך געגעבן אינטעררעכט אין העברעאיש, רוסיש, דייטש און שפּעטער צו האָט ער אויך געלערנט אַלגעמיינע לימודים און שפּראַכן ביי דעם שטעטלשן לערער: מאָנוסעוויטש. אַזוי אַז ער האָט שוין אַלס 13—14 יעריקער־ יינגל באַקומען די העכסטע בילדונג, וואָס מ׳האָט אין יענע יאָרן געקאָנט באַקומען אין קוידענאָוו. ער איז דאָן אַליין געוואָרן אַ לערער.

דער חשק צו שרייבן האָט זיך ביי אים דערוועקט זייער פרי. שוין, אפשר צו אַכט־ניין יאָר, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן גראַמען און נאָכטוענדיק זיין פאָטער, אויך געפּרוּווט שרייבן אַ פּאָר העברעאישע שירים. צו צוועלף יאָר האָט ער שוין אָנגעפאַנגען לייענען די ליטעראַרישע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און מרדכי ספּעקטאָר; אָבער ערשט שפּעטער, צו זיבעצן יאָר הויבט ער אָן זיך טיפער פאַראינטערעסירן אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער לייענט טורגעניעוו, פּושקין, לערמאָנטאָוו, קאָלצאָוו און נעקראַסאָוו. אָבער אַמשטאַרקסטן ווערט ער באַצויבערט פון גאָגאָלן, פון וועלכן ער איז געווען באַגייסטערט זיין גאַנצן לעבן. באַווירקט צו ליטעראַרישער טעטיקייט האָט אים דער שרייבער יכנה״ז, וואָס האָט זיך באַזעצט אין קוידענאָוו און זיך דאָרט פאַרנומען מיט לערעריי. אברהם רייזען האָט זיך מיט אים באַקענט און אויף זיין עצה געשיקט אַ פּאָר קאָרעספּאָדענצן און

עטלעכע לידער צום „אידישן פאָלקס בלאַט" אין פעטערסבורג און זיי זיינען דאָרט אָפּגעדרוקט געוואָרן. אברהם רייזען האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דורכשרייבן מיט יעקב דינעזאָן און מיט י. ל. פרץ. י. ל. פרץ האָט דאַן אויסגעקליבן איינס פון די לידער וואָס אברהם רייזען האָט אים צוגעשיקט און עס אָפּגעדרוקט אין „דער אידישער ביבליאָטעק".

אַרום יענער צייט איז רייזענס מוטער קריינע, געשטאָרבן און די היים פון יונגן דיכטער איז צעשטערט געוואָרן. פון דאַן אָן פאַנגען זיך אָן זיינע וואַנדער־יאָרן: ער ווערט אַ לערער אויף איין זמן אין אַ דערבייאיקער שטעטל סאמאכוואלאוויטש. דאַן פאָרט ער קיין מינסק, וואו ער באַקענט זיך מיט אַ סך משכילים און פיאָנערן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג. ער דרוקט דאָרט אָפּ זיין ערשטע דערציילונג. ווינטער 1892 פאַרברענגט ער ווידער אַ שטיקל צייט אויף אַ ישוב אַלס לערער. דאַן קערט ער זיך צוריק קיין קוידענאָוו. ער שרייבט זיך דאַן דורך מיט שלום עליכם און קריגט באַגייסטערטע אָפּרופן פון אים, אין וועלכע ער פאַרגלייכט אים, רייזענען, אין איין הויך מיט ש. פרוג.

אין 1895 ווערט אברהם רייזען אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט און האָט געדינט אין קאָוונע. דאָס שווערע קאַזאַרמע־לעבן האָט געלייגט אַ שווערן געוויכט אויפן דיכטערס נשמה. זיין לאַגע איז אָבער פאַרלייכטערט געוואָרן ווען ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער מוזיקאַנטן־קאָמאַנדע.

אין קאָוונע האָט ער זיך באַפריינדעט מיט א. מ. דעוועניששקי (א. וויי־טער) דמיטרי צענזאר (רוסישער דיכטער) מ. פראפוס. ער האָט דאָרט געשריבן לידער: „די יידישע טרער" אַן עלעגיע אויפן טויט פון ר' יצחק אלחנן. אין דער קאַזאַרמע האָט ער זיך אויך נעענטער באַקאַנט מיט דער רוסישער און אייראָפּייאישער ליטעראַטור. ווען ער איז צוריקגעקומען פון מיליטער־דינסט, קיין מינסק, האָט ער אָפּגעדרוקט אין וואָכנבלאַט „דער יוד" זיין באַרימטע פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים". ער פאָרט דאַן אַוועק קיין וואַרשע — און זינט דאַן הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

צווישן די ליטעראַרישע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען אַרום וואָכנבלאַט „דער יוד", דעם איינציקן יידישן וואָכנבלאַט אין מזרח־אייראָפּע, האָט רייזען פאַרנומען איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער: אַ חוץ לידער האָט ער אויך דאָרט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, וואָס האָבן אים אַרויס־

געדרוקט אין דער ערשטער ריי פון די שעפער פון דער נייער יידישער לי־טעראַטור. אין אַ צייט אַרום גיט ער, מיט דער מאָראַלישער הילף פון י. ל. פרץ און ה. ד. נאָמבערג און מיט פינאַנציעלער הילף פון יוסף קאַפלאַן, אַרויס דאָס זאַמלבוך „דאָס 20סטע יאָרהונדערט" אין וועלכן ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק וועגן יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך. אַרום יענער צייט האָט ער, אברהם רייזען באַווירקט יעקב לידסקין צו שאַפן דעם פאַרלאַג „פּראָגרעס", וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לידער־זאַמלונג. אין 1903 ווען אין פּעטערבורג האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די ערשטע טעג־לעכע יידישע צייטונג אין רוסלאַנד „דער פריינד" איז אברהם רייזען געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער דאָרטן. אין 1904 ווען עס ברעכט אויס דער רוסיש־יאַפּאַנישער קריג פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און פאָרט אָפּ קיין ווין. דאָרט קאָן ער אָבער לאַנג נישט זיין, ווייל אים פעלן די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער פאָרט דאַן קיין קראָקע וואו ער גיט אַרויס אַ וואָכנבלאַט „דאָס יידישע וואָרט", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אויף די ראַדיקאַלע און לי־טעראַרישע קרייזן איבער דער יידישער וועלט.

אין 1905 ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז אברהם רייזען געקומען צוריק קיין וואַרשע, מינסק און ווילנע. אָבער ווען די רעאַקציע איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, האָט אברהם רייזען ווידער פאַרלאָזן רוסלאַנד צום צווייטן מאָל. אין דער זעלבער צייט גענומען אַן אַקטיוון אייגטייל אין דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, גאַליציע, און צוזאַמען מיט י. ל. פּרץ, אַש און נאָמבערגן געמאַכט אַ טורנע איבער די שטעט פון גאַליציע און בוקאָווינע.

אין 1908 איז רייזען צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג פון דער יידישער אינטעליגענץ און די פאָלקס־מאַסן. ער האָט אָבער נישט לאַנג פאַרבראַכט אין אַמעריקע און איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין אייראָפּע. קומענדיק צוריק קיין וואַרשע ווערט ער זייער טעטיק ביי פאַרשידענע ליטעראַרישע אַרבעטן. אין 1911 פאָרט ער צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע. אויפן וועג באַזוכט ער די גרויסע אייראָ־פּיאישע צענטערס ווי פאַריז, ציריך, זשענעווע און לאָנדאָן. אין ניו יאָרק האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנשריפט „דאָס נייע לאַנד" ער ווערט אויך אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און „צוקונפט". ער איז אָבער ווידער צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע, זיך באַזעצט אין פאַריז און דאָרט אָנגעהויבן

אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט: „דער נייער זשורנאַל" וואָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן בלויז אַ פּאָר חדשים. ער קומט דאַן ווידער קיין אַמעריקע און הויבט אָן אַרויסגעבן אַ נייע וואָכנבלאַט „די ליטעראַרישע וועלט" צוזאַמען מיט אהרן קאַרלין, וואָס איז געווען דער פינאַנסירער און האָט אין דער אונטערנעמונג אָנגעוואוירן אַ קליינעם פאַרמעגן — ער איז אָבער געבליבן פריינט מיט אברהם רייזענען ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. און אברהם רייזען איז אַלע יאָרן שפּעטער געווען אַ מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל און זאַמלשריפט „די פעדער", פון וועלכער אהרן קאַרלין איז דער רעדאַקטאָר.

אברהם רייזען איז ווידער צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, אָבער ביים צוקומען צום רוסישן גרענעץ האָט פונקט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ער איז דאַן דורך קאָפּענהאַגען און לאָנדאָן, אַוועק צום דריטן מאָל קיין אַמעריקע וואו ער איז שוין פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן, צוערשט אַלס מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס" און זינט 1917 פון „טאָג". אין 1926 איז רייזען אַריבער אַלס מיטאַרבעטער פון „פרייהייט". סוף 1928 האָט רייזען באַזוכט מערב־אייראָפּע, פוילן און ראַטנפאַרבאַנד. זיין באַזוך האָט זיך דאָרט פאַרוואַנדלט אין אַ טריאומף. מ'האָט אים פשוט אויף די הענט געטראָגן. ער איז באַגריסט געוואָרן פון די העכסטע פאָרשטייער פון רעגירונג און ליטעראַטור. קומענדיק צוריק קיין אַמעריקע איז ער אָבער זייער ענטוישט געוואָרן פון דער האַלטונג פון דער „פרייהייט" מכוח די פּאָגראָמען פון די אַראַבער אויף די יידן אין חברון, ארץ ישראל. אַלס פּראָטעסט האָט ער, מיט נאָך אייניקע דיכטער, רעזיגנירט פון דער „פרייהייט". מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער צוריק געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס", וואו ער איז פאַרבליבן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

איבערגעבן אַלע זיינע אויפטואונגען און אויסגאַבעס איז אַ ספּעציעלע אַרבעט פאַר אַ ביבליאָגראַף. אָבער איין זאַך ווילן מיר זאָגן: מיר קוידע־נאָווער יידן זיינען שטאָלץ וואָס אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן אין אונדזער שטאָט און וואָס אונדזערע מענטשן זיינען געווען דאָס טייג פון וועלכן ער האָט ליטעראַריש אויסגעקנאָטן זיינע טיפן פאַר דער וועלט און יידישער ליטעראַטור. אין אונדזערע הערצער לעבט ער און וועט תמיד לעבן. ערע זיין אָנדענק!

**נח ראָזעוויצקי**

# קוידענאָווער יידן אין אַמעריקע

שרייבן וועגן מיינע לאַנדסלייט, פון זייער געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָ־מישן לעבן דאָ איז אַמעריקע, גלויב איך אַז מען האָט געקאָנט אָנשרייבן אַ בוך, ספּעציעל געווידמעט פאַר זיי, פון יעדן איינעם וואָס האָט דאָ אין לאַנד „דורכגעמאַכט". עס איז אָבער ניט פאַר מיינע כוחות שרייבן אַ בוך פון מיינע אַלע קוידענאָווער לאַנדסלייט, וועל איך זיך באַגנוגען שרייבן אַ פּאָר ווערטער פון איינעם אַ קוידענאָווער ייד וואָס איך פערזענלעך האָב אים ניט געקאָנט, זיין פאָטער געדיינק איך גאַנץ גוט, טעוויע דעם שטעפּער, איך האָב זיך באַקאָנט מיט אייבי הורוויטש אַזוי ווי מיט פילע אַנדערע לאַנדסלייט, אין דעם קוידענאָווער־רעליף וואָס איך האָב זיי אויך ניט געקאָנט ווי צום ביישפּיל: נייטן קלומאַק, סעמועל שאַק, אייבי גוריאַן מיט זיין ליבע פרוי, דאָרא מאָרדער, גיטל נייפעלד, נישקע ליווי, סיידי ליווי, אייב שולץ מיט זיין גוטער פרוי און מעקס דזשאָזעף (רבקה־רחלס אײדעם) און נאָך פילע, ווי איך האָב געזאָגט אַז מען וואָלט געקענט פון יעדן איינעם שרייבן. איך וויל דאָ נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין לאַנדסמאַן אייבי הורוויטש, איינער פון די אינ־טעליגענטע איבערגעבענסטע טוער אין רעאָרגאַניזירן דעם רעליף. אונ־טער דעם נאָמען „יונייטעד קוידענאָווער אסס׳ן". איך האָב געשריבן וואָס קוידענאָווער רעליף מיינט פאַר מיר, דאָס זעלבע קען איך זאָגן וואָס אייבי הורוויטש מיינט פאַר דעם יונייטעד קוידענאָווער אַסס׳ן.

מיט זיין פריינטלעכן שטענדיקן שמייכל באַצויבערט ער אַלעמען, ווען ער נעמט דאָס וואָרט און רעדט, איז אַלע מאָל פאַראַן וואָס צו הערן, ווייל ניט נאָר רעדט ער שיין, נאָר טאַקע לאָגיש אויך, נאָר פאַרקערט גערעדט: עס איז גאָר ניט קיין וואונדער, אַז אַ מאַן קען זיך אָוועקשטעלן ימים נוראים ביים עמוד און דאַוונען אַזוי, אַז דער עולם זאָל האָבן אַ גייסטיקן פאַרגעניגן...

נו איז דאָך שוין פאַרשטענדלעך דעם פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן ווען ער שטעלט זיך אויף צו רעדן; צו זיינעם אַ מיינונג הערט מען זיך צו מיט רעספּעקט. און ער האָט אין דעם „אַ גרויסן חלק״ וואָס מיר אַלע פילן זיך צוזאַמען ווי איין פאַמיליע, די פריינטשאַפט און איבערגעבענקייט וואָס מען האָט איינע צו די אַנדערע האָט געמאַכט טאַקע אַז די יונייטעד קוידענאָווער פירט דורך איר אַרבעט מיט דערפאָלג. פאַר מיר פערזענלעך איז אַ כבוד, וואָס איך האָב די מעגלעכקייט אַרבעטן צוזאַמען מיט אַזוינע לאַנדסלייט. איך ווינש אים מיט זיין ליבער פרוי און פאַמיליע, לאַנגע פריילעכע־גליקלעכע יאָרן, און צו דערלעבן פרייד פאַר אונדז יידן איבער דער גאָרער וועלט...



**גרשון זינגער**

ערשטער פאָרזיצער פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער אַסאָסיאייִשאָן



**נייטן קלומאַק**

פאָרזיצער פון די פאַראייניקטע קוידענאָווער אַסאָסיאייִשאָן

**אבא הורוויץ און אייב עוואַנס**

# דעם סופרס אַן אייניקל

אַ מאַרק־טאָג אין קוידענאָוו. אַ ישובניק איז געקומען צום אַלטן סופר ר׳ יוחנן איטשע צו קויפן אַ פּאָר תפילין פֿאַר זיין יינגל וואָס דאַרף ווערן בר־מצוה, אָבער אַיין אומגליק איז געשען, דער ישובניק האָט אים איבערגעגעבן אַ גאַנצן „צענערל״, דאָס הייסט פֿינף קאָפּיקעס, אַנשטאָט די פֿינף און דרייסיק קאָפּיקעס וואָס ס׳איז דער פּרייז פֿון די תפילין, האָט ער אים גאָר געגעבן 40 קאָפּיקעס. דער סופר האָט שוין ניט געקאָנט איינ־רוען און איז אַוועק זוכן דעם ישובניק אויפֿן מאַרק און אין אַלע „סטאַדאָלעס״. אין אָוונט איז ער געקומען אַ פֿריילעכער אַהיים און האָט אויסגעשריען, דאַנקען גאָט איך האָב אים געפֿונען און אים אָפּגעגעבן זיין געלט, די פֿינף קאָפּיקעס.

אין דעם קליינעם עפּיזאָד שפּיגלט זיך אָפּ די געשטאַלט פֿון דעם ממש הייליקן אַלטן סופר ר׳ יוחנן איטשע. דער מענטש איז געווען די ערלעכקייט און גייטסקייט אַליין. זיינע קינדער און אייניקלעך זיינען גע־גאַנגען און גייען אין זיינע וועגן.

דאָ אין לאַנד זיינען פֿאַראַן אַ סך אייניקלעך פֿון סופר ר׳ יוחנן איטשע, אָבער מיר זיינען זיכער אַז אישיע (יהושע) און זיין פֿרוי ביילקע עוואַנס (עווענטשיק) פּאַסן צו זיין די אמתע טיפּן אַלס אייניקלעך פֿון אַלטן סופר.

אישיע איז דער דריטער זון פֿון יאָשע דעם סופרס אידעם, (זיין מוטער ראָשע־בלומע איז זייער יונג געשטאָרבן אין קינפּעט ווען זי האָט געבוירן זיין שוועסטער רחל. זיין פֿאָטער איז געבליבן אַן אלמן מיט קליי־ני קינדער), און האָט געמוזט אָנפֿאַנגען זיך לערנען אַן אַרבעט (סטאָלעריי) כדי אַרויסצוהעלפֿן זיין פֿאָטער. ער האָט געאַרבעט זייער שווער אָבער ער

איז אויסגעוואַקסן אַ גוטער בעל־מלאכה און אַ שיינער בחור. און טאַקע זיין שיינקייט האָט געוואונען דאָס האַרץ פוןביילקע, ירחמיאל דעם מוליערס טאָכטער, וואָס איז געווען פון די שענסטע מיידלעך אין שטעטל, אַ איינציקע טאָכטער ביי אירע עלטערן, בעל־הביתישע מענטשן מיט אַן אייגענער הויז און גרויסן גאָרטן אויף פאַראַבאַצקער גאַס.

אָבער צו גיין דינען „פאָניען" איז ניט קיין תכלית, — האָט אונדזער אישיע געשריבן תנאים און האָט זיך געזעגנט מיט זיין פאַמיליע און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, כדי זיך איינצואָרדענען און אַריבערברייינגען זיין געליבטע כלה. ניט אַזוי גרינג קומט דאָס אים אָן. פיר יאָר האָט גע־נומען דאָס צו דערגרייכן.

אָנקומענדיק אין אַמעריקע האָט ביילקע, זיין כלה, געוואָלט גיין אַר־בעטן אין אַ שאָפּ, אָבער יחיאל עווענטשיק, אַ פעטער פון אישיען האָט אים געראָטן אַז אַזאַ שיינע מיידל טאָר מען ניט לאָזן גיין אַרבעטן אין אַ שאָפּ. דו גיי אַרבעטן און „אַרבעט זיך אַרויף" און ביילקע וועט וואוינען ביי אונדז און עס וועט איר גאָרניט פעלן...

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט אים דער פעטער יחיאל געפרעגט: נו, וויפיל געלט האָסטו, אישיעלע? ניינציק דאָלאַר, האָט ער געענטפערט. אויב אַזוי קאָנסטו שוין חתונה האָבן. מען האָט געפראַוועט אַ חתונה כיד־המלך אַז די גאַנצע משפחה קאָן עס נאָך איצט ניט פאַרגעסן.

דער שמייכל און גוטסקייט פון סופרס אייניקל איז אַלע מאָל מיט אישיע און זיין ליבע פרוי.

זיי זיינען זייער טעטיק צווישן די לאַנדסלייט, און זיי זיינען פון די וועלכע מיר, קוידענאָוועד, שטאָלצירן מיט זיי.


ביילקע עוואַנס
זיין פרוי


אישיע עוואַנס
דעם סופרס אייניקל

# מעקס אַסנאַס

מעקס אַסנאַס, דער אייגנטימער פון „סטעידזש דעליקאַטעסן”, איז דער ייִדישיסטער פון אַלע ייִדישע אייגנטימער פון די באַרימטע טעאַטראַלע רעסטאָראַנען וואָס ווערן „פּעטראָנאַיזד” (אָפּט באַזוכט) פון בראָדוויער באַ־רימהייטן.

מעקס אַסנאַס איז געבוירן געוואָרן אין קוידענאָוו, מינסקער גובערניע. בעתן בירגער־קריג נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, איז ער גע־דרעפטעד געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי.

ער איז אַנטלויפן פון דער רויטער אַרמיי און איז אַריבער דעם גרענעץ קיין פּוילן ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט. ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע אין 1919 און האָט געוואָלט פון דאָרטן קומען קיין אַמעריקע צו זיין עלטערער שוועסטער סיידי (שפרה) ליווי, וועלכע איז געקומען אַהער פאַרן ערשטן וועלט־קריג.

אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין פּאַספּאָרט און קיין אַנדערע נויטיקע דאָקומענטן, האָט מעקס ניט געקאָנט קריגן קיין אַמעריקאַנער וויזע. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט זיין עלטערער שוועסטער אין אַמעריקע; ער האָט אָפּגעשלאָגן די טירן פון „האַיאַס” אין וואַרשע, אָבער ער האָט קיין וויזע ניט געקאָנט קריגן.

אַסנאַסעס פאָטער איז געשטאָרבן בעת דער רעוואָלוציע. זיין מוטער, העניע ליבע, און אירע צוויי ייִנגערע קינדער, לאהקע און חיים, זיינען נאָך פאַרבליבן אין קאָידענאָוו. מיט דער הילף פון „האַיאַס” אין מעקסן געלונגען אַריבערצובריינגען זיי פון סאָוועט־רוסלאַנד קיין וואַרשע. דער ייִנגסטער ברודער, היימי, וועלכער איז נאָך דאַן געווען אַן 11־יאָריקער ייִנגל, איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע מיט איינער פון די יתומים־שיפן וואָס האָבן נאָך דער מלחמה געבראַכט אַהער אַ צאָל ייִדישע יתומים פון די מלחמה־לענדער, וואָס אַמעריקע האָט אַריינגעלאָזט.

מעקסיס מאַמע און זיין יינגערע שוועסטער, לאה, האָבן באַוויזן צו קריגן וויזעס און זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע אַ פּאָר מאָנאַטן נאָכדעם ווי חיים איז געבראַכט געוואָרן אַהער.

מעקס און אַ גרופּע אַנדערע ידישע עמיגראַנטן האָבן זיך דאָן דער־שלאָגן קיין לאָנדאָן. פון ענגלאַנד האָבן זיי זיך אַלע אַרויסגעלאָזט קיין קענעדע, מיט דער האָפענונג, אַז פון דאָרטן וועט זיי ענדלעך געלינגען צו קומען קיין אַמעריקע. די קענעדער אימיגריישאָן באַאַמטע האָבן אָבער צוריקגעשיקט מעקסן און די אַנדערע ידישע עמיגראַנטן. מ׳האָט זיי אַלעמען צוריקגעבראַכט קיין ענגלאַנד. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז מ׳וועט זיי דעפּאָרטירן צוריק קיין רוסלאַנד, נאָר דער לאָנדאָנער ידישער קאָמיטעט האָט זיך משתדל געווען און אויסגעווירקט, אַז מען זאָל אַרויסלאָזן די דעפּאָרטירטע יונגעלייט אויף דער פריי ביז דער קאָמיטעט וועט פאַר זיי אָפּזוכן נייע היימען אין לענדער וואָס וועלן זיי אַריינלאָזן.

מעקס און די אַנדערע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין לאָנדאָן פּילע מאָ־נאַטן, און ער האָט זיך דערוויייל דאָרט גענומען לערנען ענגליש און שפּאַניש.

פאַר מעקסן האָט מען געקראָגן אַ וויזע קיין קיובאַ. אין 1921 איז ער אָנגעקומען קיין האַוואַנאַ. ער האָט דאָרט אָפּגעוואַוינט אַ יאָר צייט.

מעקס אַסנאַסעס קרובים האָבן ענדלעך געקראָגן אַן אַמעריקאַנער וויזע פאַר אים, און אין 1922 איז מעקס אַסנאַס אָנגעקומען אין ניו יאָרק.

קיין גרינער איז שוין מעקס מער ניט געווען. ער האָט זיך „אויסגעגרינט" אויפן וועג קיין אַמעריקע, ד. ה. אין לאָנדאָן און אין קיובאַ. ער האָט זיך דאָ אין ניו יאָרק, שוין באַלד נאָך זיין אָנקומען, געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

— דער ערשטער דזשאָב מיינער אין אַמעריקע איז געווען אין אַ בוטשער־סטאָר, אָבער אַזוי ווי דער בוטשער האָט זיך געפילט מיר צו צאָלן ווידזשעס, בין איך אַוועק און האָב זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדער דזשאָב אין אַ דעליקאַטעסן סטאָר. איך בין געוואָרן אַקטיוו אין דער יוניאָן פון די דעליקאַטעסן קלוירקס און מ׳האָט מיך ערוועלט אין דער עקזעקוטיווע פון דער יוניאָן — דער־ציילט מעקס.

אין 1939 האָט מעקס געעפנט די „סטעידזש". ער האָט אַריינגענומען

אַלס פּאַרטנערס זיין יינגערע שוועסטער לילי (לאה), (וועלכע איז שוין דאָן געווען פאַרהייראַט צו דזשאָזעף מאַרסאַן) ; זיין יינגערן ברודער היימי און עדי דאַברושין.

כמעט די גאַנצע פאַמיליע אָסנאַס איז מיט אים צוזאַמען אין די „ביזנעס".

מעקסעס שוועסטער, לילי מאַרסאַן, איז אַ זייער שיינע פרוי, מיט אַן אַנגענעמער פערזענלעכקייט. זי איז די קאַסירשע אין „סטעידזש". זי איז אַ קליין־געוויקסיקע און האָט אַ פיינע פיגור. זי האָט אַ פּאָר בלויע אויגן. זי איז שענער און חנעוודיקער פון פילע מואווי־סטאַרס און אַקטריסעס וואָס קומען אַריין אין „סטעידזש".

לילי ווערט בכלל ווייניק־וואָס נתפעל פון די באַרימטהייטן וואָס קומען אַריין אין „סטעידזש". זי זעט זיי טעגלעך און זי זעט ניט אין וואָס ס'איז דאָ צו באַוואונדערן זיי און פאַרוואָס מען זאָל זיך בוקן פאַר זיי.

— זיי זיינען ניט מיינע מענטשן. איך האָב ווייניק־וואָס געמיינזאַמעס מיט זיי. איך האַלט מער פון מיין לאַנדסמאַן אברהם רייזען און פון אַנדערע יידישע שרייבער ווי פון די אַלע בראָדוועיער גרויסע מענטשן מיט וועלכע מעקס חברט זיך. ער פילט זיך מיט זיי ווי אַ פיש אין וואַסער. איך פיל זיך אַ סך בעסער מיט מיינע אַלטע פריינד, מיט די קאַידענאַווער לאַנדסלייט, ווי מיט אָט די לייטע — האָט זיך לילי אויסגעדריקט פאַר מיר — זייער אָפט פאַרבענקט זיך מיר נאָך קאַידענאָוו, נאָכן אַמאָליקן שטילן, רואיקן לעבן, וואָס מיר האָבן געפירט אין אונדזער שטעטל. ס'איז געווען אַ לעבן וואָס האָט ענטהאַלטן אַ סך פּאָעטישקייט, טראָץ זיין אויסערלעכער אָרעמקייט און גרויקייט.

לילי זעט אויס אַ סך יינגערער ווי אירע יאָרן. זי זעט אויס יונג געגוג, אַז איך האָב אָנפאַנגס אָנגענומען זי און איר עלטערן זון אַלס ברודער און שוועסטער, ניט אַלס מוטער און זון. סימאָר אַרבעט אויך אין דער „סטעידזש" אַלס קאָונטערמאַן און געהילפס־קעשיר.

לילי האָט אויך אַ דערוואַקסענע טאָכטער, פלאָרענס, וועלכע איז 24 יאָר אַלט. ווען זיי גייען־אויס צוזאַמען זעען זיי אויס ווי שוועסטער. פלאָרענס האָט גראַדואירט פון האַנטער קאַלעדזש און אַרבעט איצט אַלס סעק־רעטערי.

מעקסעס יינגערער ברודער, היימי, וועלכער איז אויך אַ פּאַרטנער אין דער „סטעידזש", האָט טיילוויז צוריקגעצאָלט אַמעריקע פּאַר איר גאַסט־פריינטלעקייט, וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן. בעתן קריג האָט היימי וואָלונטירט אין די „סיביס" און האָט געדינט אין סאָוט פּאַסיפיק אין פּאַרלויף פון גאַנצן קריג.

נאָך אין די צייטן ווען ער האָט געאַרבעט אין דער „געיעטי" האָט זיך מעקס באַקענט מיט אַ סך בראָדוויער באַרימטהייטן. ווען ער האָט געעפנט נייע דעליקאַטעסן־רעסטאָראַנען האָבן די מערסטע קאַסטאָמערס זיינע אים נאָכגעפאָלגט אין די נייע פּלעצער. די „סטעידזש" איז גאַנץ שנעל געוואָרן פּאָפּולער און האָט גענומען טאָן גוטע ביזנעס.

אָבער דער אָנגעלעגסטער פון אַלע זיינע קאַסטאָמערס — האָט מיר מעקס געזאָגט — איז — אַדאָלף העלד, דער סאָציאַליסטישער און געזעלשאַפטלעכער טוער.

מעקס אָסנאָס קען אַדאָלף העלדן נאָך פון אייראָפּע, נאָך איידער ער איז געקומען אין אַמעריקע.

נאָכדעם ווי אָסנאָס איז געקומען קיין וואַרשע פלעגט ער אָפט קומען אין „האַיאַס" און ער פלעגט דאָרט זען אַדאָלף העלדן, בעטן זיין הילף אין קריגן אַ וויזע.

אַדאָלף העלד איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען דער „האַיאַס" קאָמישאָנער און הויפט פון „האַיאַס"־אָפיס אין וואַרשע. דער „האַיאַס" האָט אים געהאָלפן אַרויסקריגן זיין מוטער און זיין יינגערער שוועסטער פון רוסלאַנד קיין פּוילן און אָפּשיקן זיי קיין אַמעריקע צו אַן עלטערער שוועסטער, מרס. סעידי (שפרה) ליווי.

— כ'האָב דאַן געזאָגט מר. העלדן, אַז אויב ער וועט מיר העלפן דער־שלאָגן זיך קיין אַמעריקע וועט ער קיינמאָל ניט דאַרפן חרטה האָבן; אַז איך וועל אים ניט פאַרשעמען. נאָכדעם ווי איך האָב געעפנט די „סטעידזש" און מר. העלד האָט אָנגעפאַנגען אַריינקומען אַהער, איז דאָס פאַר מיר געווען דער גרעסטער כבוד, און ער איז דער ליבסטער קאַסטאָמער מיינער. איך וועל אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן פאַר די טובות וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר און מיט די אַנדערע וואַנדערער, וועלכע האָבן זיך דאַן געריסן פון פּוילן קיין אַמעריקע.

מעקס אַסנאַס איז געקומען קיין אַמעריקע ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדינט אַ צייט אין דער רויטער אַרמיי. הגם ער איז פאָלקאָם אַמעריקאַניזירט און רעדט ענגליש ווי עס וואָלט געווען זיין מוטער־שפּראַך, גייט ער אָבער אַלץ אַריבער צו יידיש ווען ער דערוואַרעמט זיך אין אַ געשפּרעך, באַזונדערס ווען ער רעדט מיט אַן אייגענעם מענטשן.

**דזשעי גרעיסאָן**



מעקס אָסנאַס

ספר

# בראשית

עם פירוש

## פשטיה דקרא

מבאר המלות והלשון והענין עפ״י הפשט, כמאמרם ז״ל
אין מקרא יוצא מידי פשוטו (שבת ס״ג, ע״א).

מאת

אברהם חיים קאסעל מקאיידאנאוו.

## ווילנא

בדפוס ר׳ יהודא ליב מ״ץ נ״י, ב״ר אליעזר ליפמאן ז״ל.
שנת תרנ״ט לפ״ק

**ГРАМАТИЧЕСКІЙ КОММЕНТАРІЙ.**
На книгу Бытіе. Соч. А. Х. Каселя.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на
Завальной улицѣ домъ Вендорфа.
1899 г.

שער־בלאַט פון אַ פירוש אויף חומש בראשית פון אברהם חיים קאסעל

יוסף חזן

# זכרונות

פון די אַמאָליקע באַרימטע משפּחות וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין קוידענאָווער עקאָנאָמישן (אַלס גרויסע סוחרים), פּאָליטישן (אַלס שתדלנים) און גייסטיקן (אַלס לומדים) לעבן — וועגן פינף אַזעלכע: די לובאַשיצעס, די קראָלס, די הוטנערס, די אילהס און די אַרקעס. (אַביסל געדענק איך זיי אַליין, — ניט פון זייער בליהונגס פּעריאָדע, נאָר פון זייערע לעצטע יאָרן ווען זייער רום האָט שוין געצאַנקט און פיל האָב איך געהערט דערציילן וועגן זיי).

## די קראָלס און די לובאַשיצעס

פון די קראָלס. מאדל קראָל איז געווען קלמן רייזענס (דעם דיכטער אברהם רייזענס פֿאָטער) אַ חבר און אַ מיטגליד פון דער גרופּע משכילים אין קוידענאָוו אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן, ניינצעטן יאָרהונדערט, פון וועלכער קלמן רייזען איז געווען דער אָנפירער.

די קראָלס, אַזוי ווי די לובאַשיצעס זיינען געווען משפּחות פון אינטעליגענטע, ענערגישע מענטשן מיט אומרוהיקע נאַטורן וואָס האָבן שוין אין יענע אַמאָליקע יאָרן, אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ניט געקענט פאַרטראָגן די לאַסט פון פאַרשימלטן, מיט אָבערגלויבנס דורכגעוויקטן, לעבן. זיי האָבן רעוואָלטירט; זיך געעמיט צו שאַפן אין קוידענאָוו אַ ניי לעבן. ענדלעך האָבן זיי אַלע פאַרלאָזן קוידענאָוו, צעפאָרן זיך אין אַלע עקן וועלט: אין אָדעס, אין כערסאָן, אין קיעוו, אין זשיטאָמיר. כוואַלעס פֿאָטער, אברהם וועלוויל לובאַשיץ (זיין צונעמעניש איז געווען סאַראַקאַץ),

און דער אַלטער לערער זלמן לובאַשיץ האָבן געשטאַמט פון יענע לובאַ־שיצעס.

די קלמן רייזען־גרופּע משכּילים איז ניט געווען די ערשטע אין קווי־דענאָוו. נאָך מיט אַן ערך צוואַנציק־דרייסיק יאָר פריער איז אין קוידענאָוו אויפגעקומען אַ גרופּע משכּילים צו וועלכער עס האָבן באַלאַנגט אייניקע פון די לובאַשיצעס; איינער אַ ראַסקין (מרדכי לייב דעם וואַסער טרעגערס אַ ברודער), אשר תּומים, משה האזקעס און נאָך אייניקע. משה האזקעס האָט מיט יאָרן שפּעטער געוואוינט ביי אונדז אין דירה. האָב איך ביי זיי געפונען דעם „אפס דמים" פון מרדכי אהרן גינצבורג (אַ באַשרייבונג פון דעם עלילת דם אין דמשק) אַן איבערגעשריבענעם פון אַ געדרוקטן.

דער נושא כּלים פון יענער גרופּע איז געווען מאיר זינגער, אָדער ווי מ׳פלעגט אים רופן, מאיר דער ראַטניק, דער קוילעטשן בעקער. מאיר איז געווען איינער פון זיי; ער האָט זיך געדרייט אַרום זיי אַלס זייער שיק ייִנגל צו טראָגן די „טריף פּסולס" פון איינעם צום צווייטן. און ער האָט טאַקע פון זיי עפּעס געכאַפּט אויך. ער איז געווען, אַט דער מאיר דער ראַט־ניק, אַ גאַנצער אַפּיקורס. ער האָט קיינמאָל ניט געדאַוונט און האָט זיין ייִנגערן זון, יודל געשיקט, אַנשטאָט אין חדר, לערנען אין שקאָלע. איינמאָל אין אַ שמועס וועגן משיח, האָט מאיר דער ראַטניק געזאָגט אַז פּאָר פינף און צוואַנציק שרייבט ער זיך אונטער אַז משיח וועט ניט קומען און פּאָר נאָך פינף און צוואַנציק יאָר וועלן אונערשרייבן זיינע זין מאַטע און יודל — אין יענע יאָרן איז דאָס געווען אַ געוואַגטע זאַך דאָס צו זאָגן... מ׳פלעגט אין קוידענאָוו דערציילן, אַז אַז ווען מאיר פלעגט אויפשטיין פּאַרטאָג צו באַקן בייגל פלעגט ער די ליכט, וואָס ער האָט גענוצט צו באַלייכטן אים, אַריינשטעקן אין די טייג, אַנשטאָט אַ לייכטער — אַזאַ אַפּיקורס איז דאָס געווען!....

מאיר זון, יודל, האָט נאָכהער געענדיקט אין דער מיר די „אויעזדנע אוטשילישצע" און איז געוואָרן אַ סעקרעטאַר ביים „סלעדאַ־וואַטעל". אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. דאַן האָט מאיר דער ראַטניק תּשובה געטאָן, ווי אין פּסוק שטייט: „קאַלי טרעוואָגא טאַ דאַ באָגאַ"... ער האָט געקויפט אַ טלית און אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין שול דאַוונען. איך האָב דעמאָלט געלערנט אין בית מדרש און מאיר

דער ראַטניק האָט דאָס מיר דעמאָלט דערציילט פון דער דערמאָנטער גרופּע משכּילים און פון זייַן אַפּיקורסות...

אַ גרויס שאָד וואָס איך בין דעמאָלט, אַלס יונגער בחור, געווען ניט איבעריק פאַראינטערעסירט אין דער גאַנצער געשיכטע און איך האָב קיין שכל ניט געהאַט אַרויסצוקריגן פון אים מער אינטערעסאַנטע איינצעלהייטן וועגן יענער צייט און וועגן יענער גרופּע משכּילים.

## די הוטנערס

די הוטענרס זיינען געווען שיינע, רייכע באַלעבאַטים, גרויסע סוחרים, גרויסע בעלי־צדקות און גרויסע לומדים מיט אַן אונטערשלאַק פון מענ־דעלסאָנס ביאור השכלה. זייער הויז איז געווען אַ פאַרזאַמלונגס פּלאַץ פאַר די פּני העיר, פאַר לומדים און גלאַט זיידענע יונגעלייט. ביי זיי אין הויז האָבן אַלע טאָג געגעסן ביי אַ צען קלויזניקעס, און איינער פון די הוטנערס האָט אין דער קוידענאָווער ישיבה געזאָגט צוויי מאָל אַ וואָך אַ שיעור.

די גייסטיקע השפּעה פון די הוטנערס האָט זיך אין קוידענאָוו נאָך געפילט אַ סך יאָרן. די הוטנערס זיינען געווען די הויפּט דעה־זאָגער אין קהלשע זאַכן, אין די שטאָטישע אינטערעסן פון קוידענאָוו אין די פופציקער און זעכציקער יאָרן פון נייַנצענטן יאָרהונדערט. דערהויפּט האָט מען זיך געמוזט רעכענען מיט זייער מיינונג ביים אויפנעמען אַ נייעם רב. און ווען קוידענאָוו האָט אַמאָל געוואָלט צו נעמען אַ רב אָן זייער צושטימונג, האָבן די הוטנערס אַרויפגעצוואונגען אויף קוידענאָוו נאָך אַ רב פון זייער צד, טאָקע זייערס אַן אָנקל, ר׳ יאָסעלע. און פון דעמאָלט אָן איז דאָס אין קוידע־נאָוו פאַרבליבן די מאָדע פון צוויי רבנים...

אַז ר׳ יאָסעלע איז געשטאָרבן האָבן זיי געמאַכט פאַר אַ רב זייערן אַ מענטשן, ר׳ יאָסעלעס אַן אַרומהענגער, ר׳ הירשן. שפּעטער זיינען אַרונטער פון דער סצענע. זיי זיינען פאַראַרעמט געוואָרן, אייניקע פון די הוטנערס זיינע צעשטאָרבן און אייניקע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע.

צווישן קלויזניקעס האָט מען געשמועסט אַז איינער פון די הוטנערס האָט געדינט אברהם מאַפּון אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר איינעם פון זיינע טיפּן אין „עיט צבוע״.

# די אילהס

די אילהס זיינען ניט געווען קיין שטאָט תקיפים, קיין גרויסע דעה זאָגער אין קהלשע זאַכן, אָבער דאָך געאַכטעטע שטאָטנע באַלעבאַטים, קלוגע ענערגישע מענטשן, אייניקע פון זיי גרויסע סוחרים, און אַלע גרויסע לומדים און פון גרעסטן יחוס.

דויד שלמהס (דעם קאָנטראַליארס) שווער אהרן חיים אַילה איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ שיינער באַלעבאָס, אַ קלוגער און אַן ענערגישער מענטש. מ׳האָט אים פיל מאָל אָנגעבאָטן די רבנות פון גרויסע שטעט, אָבער ער האָט עס ניט געוואָלט אָננעמען. ער איז אַ סך יאָרן געווען אַ מלמד ביי די בראָדסקיס אין קיעוו. די לעצטע יאָרן איז ער געווען אַ ראש ישיבה אין וויטעבסק. זיין פאַמיליע איז אימער פאַרבליבן וואוינען אין קוידענאָוו וואו ער האָט געהאָט עטלעכע הייזער, און ער פלעגט איינמאָל אין יאָר, אויף ימים נוראים קומען אין קוידענאָוו באַזוכן זיין פאַמיליע. ער פלעגט פאַרברענגען אין דערהיים איבער סוכות און נאָך יום־טוב פלעגט ער גיין, באַגלייט פון אַ שמש, איבער גאַנץ שטאָט זעגענען זיך בעפאָר זיין אָפּפאָרן.

זיין ברודער שמואל אילה איז געווען, אַחוץ זיין גרויסע לומדות, אַ גרויסער וויצלינג, אַ משלים־זאָגער, איינער פון די גרעסטע מגידים אין רוסלאַנד אין די זעכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט. שמואל אילה האָט פאַרמאָגט אַן אומאורדיקע נאַטור. ער איז געווען אַ וואַנדערער, אַ נע־ונדניק. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שטענדיקער היים, דעם גאַנצן לעבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט.

אַז אהרן חיים פלעגט קומען אויף סוכות באַזוכן זיין פאַמיליע פלעגט גראָדע זיין ברודער, שמואל אויך קומען צו אים אויף יום טוב. נו, נו... פלעגט זיך עס טאָן אין שטעטל אויף טיש און אויף ביינק... גאַנץ שטאָט פלעגט קומען צו אהרן חיימען אין הויז צו הערן זייער תורה זאָגן, זייערע מעשות, משלים און וויצן. אין פאַרבינדונג מיט אהרן חיימען איז כדאי איבערצוגעבן אַ קוריאָז, כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. עס איז געווען אין 74־טן יאָר פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען מ׳האָט אין רוסלאַנד איינגעפירט די נייע סיסטעם פון „פריזיוון". פריער פלעגט יעדע קהילה דאַרפן צושטעלן אַ געוויסע צאָל רעקרוטן. יעדע שטאָט האָט געהאַט אַזעלכע כאַפּערס וואָס פלעגן כאַפּן יונגעלייט און צושטעלן צו דער רעגירונג זייער קוואָטע רעקרוטן. געווינטלעך, פלעגן

זיך די רייכע אַרויסדרייען זיך, אויסקויפן זיך. וועמען פלעגט מען כאַפּן? די אָרעמע, די „שושצאַקעס" מיט די „שנײדורעס".

אונטער דעם נייעם סיסטעם האָט מען רעגיסטרירט אַלע יונגעלייט אָן אויסנאַמע, און די וואָס מ'האָט אָפּגעשאַצט 21 יאָר האָבן געצויגן נומערן. דאָקטוירים האָבן עקזאַמענירט די נומעראַנטן נאָך דער רייע און די וואָס מ'האָט געפונען פּאַר פּאַסיק זיינען צוגענומען געוואָרן פּאַר סאָלדאַטן. די יידן פון יענער צייט האָבן דאָס באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן אומגליק וואָס האָט זיי געקענט טרעפן. אַלע זיינען געווען נידערגעשלאָגן, צובראָכן פון דער גזרה... ווער רעדט, אַז מ'האָט איינעם אין אַ משפחה אָפּגעשאַצט 21 יאָר, האָט זיך געטאָן חושך. מ'האָט געזוינט און געקלאָגט אָן אַ שיעור. מיט איין וואָרט, גאַנץ קוידענאָוו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן יאָמערטאָל.

אהרן חיים האָט געהאַט אַן אייניקל, שלום. דער שלום איז געווען אַן אײדים ביי יעקב ניסן פון טשערנאַקויסצינע. האָט מען שלומען אָפּגעשאַצט איין און צוואַנציק יאָר. אַז אהרן חיים, וואָס איז געשטאַנען אַרום קאַנצעליאַריע צו הארכן וואָס עס הערט זיך, האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך מיט קולות און וויי געשרייען אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. מ'האָט אים אַרויפגעלייגט אויף אַ גרויסן שליטן און מ'האָט אים געפירט אַהיים אין מינסקער גאַס, און די גאַנצע וועג האָט ער געשריען מיט באַנומענע קולות: גוואַלד! וויי צו מיר! אַז מיינער אַן אייניקל זאָל דאַרפן גיין דינען פאַר אַ סאָלדאַט!

דער סוף איז געווען אַז שלומען האָט מען גראָדע באַפרייט ווייל ער האָט געהאַט אַ „לגאַטע"... פרעגט זיך די פראַגע: וואָס האָט ער געשריען? אָט דער קלוגער, נאַרישער אהרן חיים!

ר' אלינקע, אהרן חיימס אַן עלטערער ברודער, איז געווען זיין פאַרצייגענעם נאָמען, אַ ייד אַ צדיק, אַ למדן, אַ בעל צדקה און אַ שיינער באַלעבאָס. ער פלעגט זיצן יום ולילה און לערנען און זיין ווייב, האשה הצנועה יוכבד האָט געפירט אַ גרויסע שניטקראָם.

ר' אלינקעס אַ זון, יצחק אילה, איז געווען אַ קלוגער ייד, אַ גרויסער סוחר פון חזיר האָר און גאָר אַ גרויסער למדן. ער איז געווען אַן אײדעם ביי דעם מינסקער רב, דער באַוואוסטער גאון ר' טעוועלע. אין יענער צייט, אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט אין קוידענאָוו בית מדרש געלערנט אַ בחור, אַ קלויזניק, פון קאָוונער גובערניע מיטן נאָמען אברהם חיים, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן עילוי... און

אַזוי ווי ר׳ איצעלע אילה האָט געהאַלטן ביי טאָן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער און האָט, נאַטירלעך, געזוכט אַ בחור אַ וואויל לערנער, האָט אַ שדכן אים פאָרגעשלאָגן אָט דעם אברהם חיימען אַלס אַ פּאַסיקן חתן פאַר זיין טאָכטער שרה. ר׳ איטשע האָט גענומען אברהם חיימען צו זיין שווער, ר׳ טעוועלען אין מינסק צו פאַרהערן אים. האָט ר׳ טעוועלע באַלד געזאָגט וועגן אים: איך בין זיכער אַז אין מיינע יאָרן וועט ער זיין אַ גרעסערער למדן פון מיר. און עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך. נאָך דער חתונה איז אברהם חיים אַוועקגעפאָרן, ווי די מאָדע איז געווען אין יענער צייט, צו לערנען אַלס אַ פּרוש.

אין יענע יאָרן האָט אין מאָהילעוו געוואוינט אַ באַוואוסטער גביר, צוקערמאַן, וועלכער האָט אויסגעבויט פאַר זיך אַן אייגענעם בית־מדרש, אַ קלויז, און האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין אייגענעם רעכענונג 10 פּרושים וועלכע דיינען געזעסן אין זיין קלויז און געלערנט. געוויינלעך, זיינען די צען פּרושים געווען געקליבענע, פון די בעסטע לערנערס, וואָרעם בעלנים אויף אָנצוקומען אין צוקערמאַנס קלויז זיינען געווען אַ סך. אברהם חיים האָט אָנגעצויגן קיין מאָהילעוו און איז אויך אָנגענומען געוואָרן אין צוקערמאַנס קלויז אַלס איינער פון די צען פּרושים. צוקערמאַן האָט געהאָט אַן אידעם וואָס האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד, אַ געענדיקטן פון אַ דאָרטיקן אוניווערסיטעט, וועלכער איז אָבער אין יידישער וויסנשאַפט געווען זייער באַגרענעצט. צוקערמאַן האָט געוואָלט אַז זיין אידעם זאָל ערווערבן אַ ביסל מער יידישע קענטעניש, און ווייל אברהם־חיים איז געווען פון די בעסטע לערנער אין זיין בית מדרש, האָט ער אים אָנגעשטעלט צו לערנען מיט זיין אידעם. אַז זיי האָבן זיך נעענטער באַקענט, אברהם־חיים מיט צוקערמאַנס אידעם, האָבן זיי געמאַכט אַ שותפות: אברהם־חיים האָט צוקערמאַנס אידעם געלערנט יידישע געגנ־שטאַנדן און יענער האָט אים געלערנט שפּראַכן און אַנדערע קענטענישן. אין אַ פּאָר יאָר, לערנענדיק בלויז צווי שטונדן אַ טאָג, האָט אברהם חיים דורכ־געמאַכט דעם גאַנצן קורס פון אַן אוניווערסיטעט. דאַן האָט ער זיך באַ־טראַכט אַז צו זיצן אין בית מדרש און לערנען איז קיין תכלית ניט... איז ער אַוועקגעפאָרן אין בערלין און איז אָנגעקומען אין אַ ראַבינער שול.

אַז מ׳האָט זיך אין קוידענאָוו דערפון דערוואוסט, איז געוואָרן אַ טומל, אַז ר׳ איטשע אַלינקעס אידעם האָט זיך, רחמנא ליצלן, געשמדט... ר׳ איטשע איז גלייך אַוועקגעפאָרן אין בערלין און האָט אים געבראַכט אַהיים.

אברהם חיים איז געווען אַ קלוגער, אַן אײדעלער מענטש. ער האָט גוט פאַר־שטאַנען זיין שווערס געדאַנקען־גאַנג, אַז ער איז אין פערלענעהייט. אין אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע אַלס אַ חשובער באַלעבאָס וואָס דאַרף אָנהאַלטן שטאַט, — האָט ער געפאָלגט דעם שווער זיינעם, מקריב געווען זיין קאַריערע און איז געקומען מיטן שווער אַהיים צו ווערן אַ קוידענאָווער קרעמער.

אברהם חיימס זון, ישראל קאסעל, האָט, ווי באַוואוסט, אַלס אינזשענער געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין מינסק. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז ער אַרויסגעפאָרן אין פּאַלעסטינע. דאָרט איז ער געווען די רעכטע האַנט פון פּנחס רוטענבערג. ער האָט אויך געהאָלפן אויפבויען די מוסטער שטאָט הדר הכרמל. אברהם־חיימס יינגסטער זון, יאַנקעלע, איז אַ גרויסער „אַקאַאונ־טעט", ער וואוינט אין די בראָנקס.

ר' איטשע אלינקעס האָט אויך געהאַט אַ זון, אהרן; אהרן האָט געהאַט אַ זון, טעוועל האָט מען אים גערופן. טעוועל־אָרע — איטשע־אלינקעס...

## די אָרקעס

די אָרקעס: די ברידער לייבע און איטשע אָרקעס און זייערע קינדער זיינען געווען ניט קיין לומדים, ניט קיין סוחרים און ניט קיין „שיינע באַלע־באַטים"... זיי זיינען געווען אָרעמע, פּראָסטע שוסטערס — „שוסשצאַקעס" וואָס האָבן גאַנץ אָפט געמאַכט אַ שנעפּסל און אַמאָל אויך געכאַפּט אַ טענצל... ניט געהאַלטן קיין „שטאַט"...

זיי האָבן אָבער באַזעסן עפּעס אַזוינס אין זייערע נאַטורן וואָס האָט זיי געמאַכט ביי אַלעמען באַליבט און צוגעצויגן יעדן איינציקן צו זיי. זיי זיינען געווען זייער אָרנטלעכע און גוט־האַרציקע מענטשן, שאַרפזיניקע און גרויסע וויצלינגע, גרויסע הוליאַקעס און פריילעכע „לונג און לעבערס"... זייערע שאַרפזיניקע וויצן האָט מען אין קוידענאָוו און אומגעגנט איבערדערציילט און אָנגעקוואָלן. נאָך עד היום דערציילט מען זייערע וויצן און קלוגע איינפעלע. זיי זיינען געוואָרן לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייטן, די אָרקעס... ספּעציעל האָט זיך פון זיי אַלעמען אויסגעצייכנט לייבע אָרקעס עלטערער זון, זרח יאָשע. אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט טונקעלע געזיכטציקע, ניט שוואַרצע, טרוימערישע אויגן אונטער זיינע לאַנגע פּעך שוואַרצע ברעמען. פון זיין באַסאָווער שטימע האָט געאָטעמט מיט האַרציקייט און מיט אַ זעלטענעם גוטמוטיקן הומאָר. ער

פלעגט אָפּט מיט זיין קרעפּטיקער שטימע אונטערהעלפן דעם „גילדערנעם פלאַקען״, פּיזוען, דעם שטאָטישן חזן (ווייל פּיזוע איז געווען אַ גרויסער מנגן. אַלע אַרקעס זיינען געווען ניט קיין שלעכטע זינגער פון לידער און חזנישע זאַכן. מיט זיינע תורה־ווערטלעך און פאַרטייטשונגען פון פּסוקים האָט זרח יאַשע איבערגעשטייגט „טוביה דעם מילכיקן״... אַז ער האָט באַגעגנט אַ מענטשן וועמען ער האָט אים שוין לאַנג ניט געזען, האָט זרח יאַשע זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט אַזוי ווי מיט אַ פאַרלאָרענעם ברודער, אַרויסברומענדיק דערביי מיט זיין אַנגענעמער באַסאָווער שטימע. וואָס מאַכסטו ברודערקע?!... און אין דעם „וואָס מאַכסטו ברודערקע״ איז געלעגן אַ וועלט מיט האַרציקייט און פריינטלעכקייט. און, אין דער זעלבער צייט, אויך אַ טיפער הומאָר, ווי איינער וואָלט זאָגן: „טאַקע, ברודערקע, שוין לאַנג ניט געזען זיך, אָבער וואָס האָבן מיר פאַרלאָרן דערביי? לחלוטין גאָרנישט פאַרלאָרן״...

אָט זיינען אייניקע פון די אַרקעס וויצן:

יאַשע קוליעס: שותּפות איז אַ וואוילע זאַך.

יאַשע עוזרס: שותּפות טויג אין דר׳ערד! מ׳דאַרף אימער מורא האָבן טאָמער כאַפּט איינער מער ווי עס קומט אים...

לייבע אַרקעס: אין שותּפות איז גוט צו עסן פאַרשטונקענע פיש: טאָמער כאַפּט יענער מיט אַ שטיקל מער — מאַכט אויך ניט אויס...

* * *

לייזער דער שמיד: (אַרויסלויפנדיק אין גאַס אַריין) גוואַלד, מ׳האָט מיך באַגאַנוועט!... מ׳האָט צוגענומען די בעטגעוואַנט און דער ווייבס פּערס!...

איטשע אַרקעס: זיי רואיק! עס וועט זיך געוויס אָפּזוכן...

לייזער דער שמיד. פון וואַנען ווייסט איר, ר׳ איטשע, אַז עס וועט זיך אָפּזוכן?...

איטשע אַרקעס: ווייל איך האָב אַ גוטן סימן — די האַרץ מיינע טוט מיר אויף דעם ניט ווי...

* * *

עס איז אַ גרויסער יאַריד. איטשע שצופּאַק, דער גרויסער סוחר, איז פאַרהאַוועט; ער לויפט הענדים פענדים. זרח יאַשע שטעלט אים פּלוצלינג אָפּ.

זרח יאָשע: ר׳ איצעלע, איך דאַרף אייך נויטיק האָבן, איך וויל ביי אייך עפּעס פרעגן.

איטשע שצופּאַק: נו, נו, וואָס דאַרפסטו? פרעג שוין.

זרח יאָשע: פאַרשטייט איר מיך ס׳איז זייער אַ וויכטיקער זאַך! ביי וועמען אַנדערט קען איך דען פרעגן?

איטשע שצופּאַק: נו שוין, גיכער, פרעג! איך האָב דאָך קיין צייט נישט!...

זרח יאָשע (ניט אַפּלאָזנדיק אים): ס׳איז זייער אַ נויטיקע זאַך. איר מוזט מיר געבן אַ ריכטיקן ענטפער...

איטשע שצופּאַק: גוואַלד, גזלן, פרעג שוין!

זרח יאָשע: זייט אַזוי גוט, ר׳ איצעלע, זאָגט מיר אויף זיכער צו אַנטאָן און אַנטאָן איז ניט אַלץ איינס? איך דאַרף עס נויטיק וויסן!...

---

עטוואָס היסטאָרישעס:

ר׳ שמואל קוידענאָווער איז געווען דעם ווילנער גאונס אַ תלמיד מובהק, און האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער מחלוקת צווישן חסידים און מתנגדים, פאַרשטייט זיך, אויף דער זייט זייט פון ווילנער גאון, פון די מתנגדים. צי דער שמואל קוידענאָווער איז געווען אַ רב אין קוידענאָוו, צי בלויז אַ געבאָרענער פון קוידענאָוו, אָדער בײדע זאַכן — וויס איך ניט...

און פון אָט דעם שמואל קוידענאָווער שטאַמט דער פאַמיליען נאָמען מאַרשאַק — מי״ר ש״ק. מהרש״ק איז די ראשי תיבות פון: מורנו הרב ר׳ שמואל קוידענאָווער.

---

ביי ר׳ אברהם מאיר דעם רב האָט זיך געפונען אַ פּנקס פון וועלכן מ׳וואָלט געקענט געפינען אָן אַ שיעור פאַקטן פון הונדערטער יאָרן צוריק אין קוידענאָוו. אָבער וואו, וואָס, ווען? צי דער פּנקס געפינט זיך נאָך יעצט ביים יעצטיקן קוידענאָווער רב. אָדער ער געפינט זיך ביי ר׳ יחיאלן, ר׳ אברהם מאיר דעם רבס זון, וועלכער וואוינט, דאַכט זיך, אויף אַ פאָרם לעבן ירושלים. (ר׳ יחיאלס אַדרעס קען מען קריגן דורך זיינע שוואָגערס אין נויאָרק, די באָוואוסטע לעמפּערטס; אָדער פיליכט דורך משה אייזיק תומים, דער באָבע מערקעס זון, וועלכער געפינט זיך אין תל אָביב. נאָר גיכער פון אַלעס קען זיין אַז אין דער מהומה פון דער מלחמה מיט דער רעוואָלוציע איז דער פּנקס פאַרלאָרן געגאַנגען...)

**א. ר.**

# קוידענאָווער באַרימטע פאַמיליעס

**די לאַפּטשעוויטשער.** — יונה לאַפּטשעוויטשער (שלאָסבערג), ערש־טער פאָטאָגראַפּטשיק אין שטעטל (1891־2) — אַ יונג פאַרשוין. די שענסטע שנור ראַשקע — איר מאַן אַ הויכער, פון די לאַפּטשעוויטשער. פון די ערשטע — ניט בעלי מלאכות — געפאָרן קיין אַמעריקע. געשיקט אַ סך געלט ראַשקען. שטאָט האָט גערעדט. אַ ווייבל אַ פאַרשוין, ער בענקט נעבאַך און טאַקע באַלד איר און דעם קינד געשיקט אַ שיפסקאַרטע צו פאָרן קיין אַמעריקע.
ס'איז געווען דאָן אַ פּאַסירונג...

**אהרן מיכל לעווין,** פון ווילנער גאַס, — דער מחותן פון מאיר מערליס, פון נייעם מינסקער גאַס — בידע געשילדערט אין מיינע דערציי־לונגען — מיט הדרת הכבוד און מיט ליבשאַפט. די אַלע דריי פאַמיליעס האָבן פאַרמאָגט ערד, וואָס ניקאָליי דער ערשטער האָט פאַרטיילט אין זיין צייט און זייערע זיידעס האָבן עס אָנגענומען.

**קרעטשמעס**: די אייגנטימער גרויסע בעלי בתים — אין איין קרעטשמע — ביי לייב מאירקעס — פלעגט איינשטיין אַ דורכפאָרנדיקער ציירק און אָפּשטיין אַמאָל ביי אַ פּאָר וואָכן. פילע מאָל אויך אַ באַרימטער צירק — מיט רייטערקעס אויף פערדלעך — אין טריקאָ געקליידטע שיינהייטן... לייבקע מאירקעס — אַ ייד שוין אַ זקן, וואָס האָט, אַלס איבער אַכציק יאָריקער זקן, איבערגעבויט זיין הויז. פלעגט יעדן אָונט, ווען אַ צירק פלעגט ביי אים איינשטיין, באַזוכן די פאָרשטעלונגען און קוועלן פון די קלאָאונען און פון די פלינקע יונגע שיינהייטן — די רייטערינס, די טענצערינס.

**דוד קרופּיצקי,** עק סלוצקי גאַס — אַן אינטערעסאַנטע פאַמיליע. אַן אייניקל דאָ אין אַמעריקע — האָט איבערזעצט פּושקינען און לערמאָנטאָוון

אין ענגליש. אריינגעלייגט אין דער אויפלאַגע זיין שווער אָנגעזאַמלט געלט — אַרבעטנדיק, אַלס סינגל־מאַן — אין אַ ניו־יאָרקער פּאָסט־אָפיס, און איז אין זיינע שענסטע יאָרן — אַ גרויסער אידעאַליסט — געפאַלן אַלס קרבן אין קאַמפּ. ער האָט אויך געשריבן יידיש, און אין מילערס וואָכנשריפט פאַר־עפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג וועגן עדגאַר עלן־פּאָ. (ער מוז אין קוידענאָווער בוך פאַראייביקט ווערן, ווי אַ מאַרטירער — פון אַן אַנדער מין, ווי אַ ניט פאַרשטאַנענער אידעאַליסט).

## די מערליסעס

1) **ר׳ אברהם מערליס** — אַ ייד אַ חכם, אַ שתדלן אין רבי, ר׳ אהרעלעס הויף, אַ ליבלינג ביי די חסידים און ביי די מתנגדים.

2) **חיים יהודא** — אַן עכטער אָסקאַר וואילד, מיט אַ געמיש פון לאָרד בייראָנס שיינקייט און דענדישקייט, אָבער בטבע אַ אידעאַליסט, איבער־הויפּט אין זיין געטריישאַפט צו דער העברייאישער שפּראַך. גרינדעט אַ שול צו לערנען קינדער, ייִנגלעך מיט מיידלעך העברייאיש, אָבער צוליב זיין שיינקייט, פאַרשרייבן זיך מער מיידלעך, דערוואַקסענערע, און עס ווערט ענדלעך — אַ שול פאַר מיידלעך — פאַר הונדערטער תלמידות, און אַלע תלמידות זיינען אין אים פאַרליבט און טרוימען וועגן אים.

**אברהם משה פּאַליאַקאָוו.** אַ לערער אָדער ריכטיקער — אַ שריי־בער, איבערהויפּט פאַר מיידלעך — צו לערנען זיי שרייבן און אויסלייגן יידיש, אַ יידישן בריוו אָנשרייבן; אַ חשבון — פון חיבור, חיסור, ביז כופל, חילוק — און אַן אַדרעס שרייבן אויף רוסיש. ער פלעגט אויך שרייבן פּראָ־שעניעס פאַר די מיעשטשאַנעס אין שטעטל און אַפילו פאַר די פּויערים פון די נאָענטערע דערפער — צום קוידענאָווער מיראָווױ סודיא — פרידנס ריכטער. ביז דער ריכטער אַ שטרענגער, האָט פאַרלאַנגט אַ ריינערן רו־רישן סטיל אין די פּראָשעניעס — און דער „שרייבער" פּאַליאַקאָוו האָט אויף דער עלטער זיין צווייטע פּרנסה — פּראָשעניעס שרייבן אויפגעגעבן. ער איז אָבער געוועזן אַן אינטערעסאַנטער טיפּ אין פּאָזיטיוון זין.

**ישראל דער צווייטער שמש** פון גרויסן בית מדרש, אַ קורצע צייט — איידער די פּאָסט אין שטעטל איז ער געווען אויך דער בריוו טרעגער. זיין זון שלמה חיים פלימאַק איז אויך געווען אַ שרייבער, אָבער שוין מער לויט דער נייער צייט, האָט ער טאַקע געהייסן ביי אַנדערע דער לערער, גע־

לערנט שוין אויך רוסיש לייענען, און זיך געקלידט גאַר מאָדיש. אויך האָט ער אָנגעשריבן די איינציקע „קאָרעספּאָנדענץ" פון קוידענאָוו און עס געשיקט צום יידישן פאָלקסבלאַט אין פעטערבורג, וואו זי איז געווען — אויך ווי אַ מין אזהרה — געוווען פּראָמינענט פאַרעפנטלעכט. די „קאָרעספּאָנדענץ" איז געווען וועגן אַ קוידענאָווער יונגער פרוי, — אַ מילך־פאַרקויפערין אין מינסק — וואָס אַ וואָך נאָך איר חתונה־האָבן מיט אַ וויניק באַקאַנטן יונגן מאַן אין מינסק, האָט ער ביי איר אויסגענאַרט אויף מאָרגן נאָך דער חופה אירע שווער פאַרדינטע פאַר הונדערט רובל און איז נעלם געוואָרן... אין יענער צייט איז דאָס געווען די גרעסטע סענסאַנציע, אויסער די רחמנות־געפיל וואָס די קאָרעספּאָנדענץ מיט אַזאַ פּאַסירונג, האָט ביי די לייענער דאָן אַרויסגערופן... שלמה חיים פלימאַק, ע"ה, האָט טאַקע די פּאַסירונג אָנגערופן — אין זיין קאָרעספּאָנדענץ — „אַ האָרץ־רייסענדע פּאַסירונג". דער סטיל פון זיין באַשרייבן דעם אומגליק, איז געווען ראָמאַן־מעסיק. די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי, איז געווען פון איר פּאָטערס צד — אַ קרובה פון דער פאַמיליע פּסח פּייווע יקותיאלס, אָדער פּסח עפּשטיין, ד. ה. אויך אַ קרובה פון אונדזער מיטאַרבעטער אברהם רייזען.

**פּסח עפּשטיין.** — אַ געהויבענע פאַמיליע, געהייסן אויך פּסח דער עקסטער, ווייל זיין הויז איז געשטאַנען אין סאַמע עק פון דער נייער־מינסקער גאַס, דורך וואַנען די בעלי עגלות פלעגן פאָרן קיין מינסק... ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ שטיק פעלד... אָבער די שטיבעלע הינטערן שטיק פעלד איז שוין געשטאַנען נאָכן תחום פון שטעטל, האָט קיין ייד דאָרט ניט געטאָרט וואוינען. דער זיידע האָט דאָרט געפּרואווט אַמאָל זונטיק — אין אַ מאַרקע טאָג — האַנדלען, האָבן די ענדלער שכנים געסטראַשעט מיטן געזעץ...

**אברהם אַשעראָוויטש.** — אַ ייד אַ גרויסער סוחר, פאַרמעגט זין און טעכטער. איינע, הינדע קאַנטאָר וואוינט שוין יאָרן אין ניו־יאָרק, אַמעריקע, מיט איר אײדעלען מאַן, דעם פאַרמאַצעפּט קאַנטראָוו, אַ זון פון קוידענאָווער אופראָווע שרייבער קאַנטראָוויטש.

**די העלערס. די באַראַנעסעס. די בירגערס. די גימפּעלסאָנס. פּייווע גימפּעלסאָן.** — די רייכע, אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס אָבער איידעלע און ליבע מענטשן, בעלי־צדקות.



בילד פון לערער חיים יהודא מערליס מיט אַ קלאַס פון זיינע שילערינס



בילד פון דער לערערין ברכה דאַנישעווסקי מיט אירע שילערינס

גיטל ניִפעלד

# צום אָנדענק

נאָכדעם ווי חיים יהודה איז געבליבן מיט די „בנות יהודה״, זיינען די העברעאישע קלאַסן, וואו מען האָט געלערנט אָן געלט, איבערגענומען געוואָרן פון די לערער: חיים יוסלס ע״ה; אים צו לאַנגע יאָר, מיכל יאמין שרה גימפּלסאָן, רישע אברהם חיים קאסעלס טאָכטער, און ברכה דאנישעווסקי, און די ישיבה בחורים. כבוד זייער אַלעמענס אָנדענק!

איך האָב געלערנט כמעט ביי אַלע לערער, ווייל ווען איך האָב גע־אַרבעט אין פאַבריק, פלעג איך גיין לערנען ביינאַכט, און ברכקע איז גע־ווען די לערערין בייטאָג, ביז איך האָב געהאַט דאָס גליק, ענדלעך און איך בין אָנגעקומען אין ברכקעס קלאַס.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן איר פיינע אידעלע געשטאַלט, ווי פיין זי איז זיך באַגאַנגען מיט אונדז. צוגעגעבן חשיבות, אונדז פון אָרימע היימען. מיר גייען אַרום אין די גאַסן רעדן העברעאיש, אַזוי ווי די טעכטער פון די רייכע היימען, — טוב מאוד.

שבת גיי איך שפּאַצירן צו די פריסאָדעס מיט נאָך חברטעס, און חיים יוסלס און זיין פריינט יאָשקע כארכאס, דעם ראש ישיבהס זון. זכרם לכבוד. אין העברעאיש הערט סלוצקער גאַס אָן אַ צאָל, און אַלץ צו פאַרדאַנקען דער לערערין ברכקע. זי איז די הויפּט. זי זעט אַז אין אַלע קלאַסן זאָל געלערנט ווערן, און מען גייט צום לערנען מיט פרייד, ווייל ווען מען קומט און מען זעט איר געשטאַלט, — אַ ניט הויכע, זייער חנעוודיק, געווינלעך אָנגעטאָן, די קלייד מיטן הויכן קאָלנער, די האָר גלאַט פאַרקעמט אַרויף. שטראַלט פון איר פנים און אויגן מענטשלעכקייט און פריינטשאַפט...

איינמאָל איז עמיצער געקומען צו ברכקען פון די יידישע טעכטער, וואָס ביי חיים יהודהן צו מסרן אויף מיר, אַז איך האָב זיי עפּעס אָפּגעטאָן:

מיר זיינען איצט געווען צוויי באַזונדערע גרופּן, (כאַטש חיים יהודה איז געווען דער אָנפאַנגער פון לערנען מיט די קלאַסן העברעאיש). ווען איך בין אַריינגעקומען אין קלאַס, האָט ברכקע אָנגעזאָגט אַז קיינער זאָל מיר גאָרניט זאָגן, און זי האָט מיט אַזויפיל פאַרשטענדלעכקייט מיר געפרעגט: „זאָג מיר דעם אמת, איך וועל דיר גלייבן, האָסטו זיי עפּעס אָפּגעטאָן, אַז די זאָלן האָבן פאַרדרוס״? און ווי האָט מען געקאָנט ברכקען זאָגן אַ ליגן, ווען זי האָט אַזוי גערעדט?

איך וואונדער זיך ביז היינטיקן טאָג, ווי אַזוי אין קוידענאָוו, נאָענט צו אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, האָט זיך געקאָנט געפינען אַ יונגער מענטש, אין די צוואַנציקער יאָרן, זאָל האָבן געהאַט אַזוי פיל איבערגעבנהייט פאַר מענטשן מיט איר צייט און מוח, און שטיין טאָג טעגלעך לערנען אומזיסט, און מיט אַזאַ ליבע, און פאַרשטענדעניש פאַר די אָרימע...

איר שוועסטער יענטל (פלעגט) וואָס ברכקע איז גאָרניט געווען איר שוועסטער. תמרה, ברכקעס מאַמע איז געווען יענטלס שטיפמאַמע, נאָר זיי אַלע האָבן געלעבט אַ שיינע משפחה, און אונדז פון די קלאַסן אַריינגערעכנט. יענטל פלעגט פאָרן אין מינסק נאָך סחורה פאַר איר שניט קראָם. אַז זי איז געקומען צוריק מיט אַ ליד וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט, האָט זי מיט אונדז געזונגען צוזאַמען:

> מיר זיינען אַלע ברידער,
> איעדער אינטעליגענט,
> איעדער וואָס טראָגט האַרטע
> מאַזאָלעס אויף די הענט.

כבוד אונדזערע קוידענאָווער פרי פאַר דער צייט פאַרשניטענע לעבנס, און מיין שוועסטער חייקע מיט איר מאַן און די קינדער און מיין ברודער חיים און זיין ווייב מיט די קינדער און מיין אַלטן טאַטן ר׳ אהרן בן צבי הקדוש.

# אַ בריוו פון שטעטל קוידענאָוו צו קרובים אין אַמעריקע

צו אונדזערע קרובים לייב גאָלדשטיין און פאַמיליע, וואָס וואוינען אין סאַנטאַ באַרבאַראַ, קאַליפאָרניע. עס שרייבט אייך סאָנציע, די טאָכטער פון חיים שוסטער און איר מאַן שמואל פונעם שטעטל קוידענאָוו, ווייס־רוסלאַנד.

איך וויל אייך באַשרייבן אונדזערע צרות און אומגליקן, וואָס מיר האָבן איבערגעטראָגן בשעת דער פינצטערער הערשאַפט פון די פאַשיסטן.

אין 1941־טן יאָר האָבן די דייטשן געשאַפן אַ געטאָ אין קוידענאָוו. דעם 21־טן אָקטאָבער דעם זעלבן יאָר איז געקומען אין שטעטל אַ שטראָף־אָטריאַד און אין איין טאָג אויסגעקוילעט אַלע יידן. איך מיט מיין מאַן שמואל זיינען די איינציקע צוויי מענטשן, וואָס זיינען לעבן געבליבן.

איר געדענקט אַוודאי דאָס בערגל קאַלווינטשינא, וואָס זומער פלעגט מען אַהין גיין שפּאַצירן. אויפן בערגל געפינט זיך אַן איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטן שלאָס. אַהין צו יענעם בערגל האָבן די דייטשע רוצחים אַוועקגעטריבן אַלע יידן, אויסגעגראָבן אַ טיף, ברייט גרוב, און רייען נאָך רייען געטריבן אַלט און יונג, מענער און פרויען, געשאָסן און געוואָרפן אין גרוב. ביז דער פינצטערער קבר איז שוין געווען איבערגעפולט מיט הרוגים.

אין דעם טאָג האָבן די דייטשן מיך מיט מיין מאַן גראָד אַוועקגעטריבן אַרבעטן אויף דער אייזנבאַן־סטאַנציע. פון ווייטן האָבן מיר געהערט, אַז אין שטעטל קוילעט מען. פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, האָבן אונדז ווייס־רוסישע פרויען אָפּגעשטעלט אין וועג מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, וואָס אין קוידענאָוו איז פאָרגעקומען.

— גייט ניט אַהין. פון אייער משפּחה איז קיינער ניט לעבן געבליבן. איר וועט סיי־ווי גאָרניט קאָנען העלפן. אַנטלויפט. ראַטעוועט זיך.

**סאָנציע שוסטער פון קוידענאָוו**

**גישקע פאליעיעש**

# דער יידישער חורבן פון רוביזשעוויץ און אומגעגנט

(אַ בריוו פון אַ פרוי וואָס איז געבליבן לעבן)

מר. מ. אַראַנאָווסקי פון 1280 — 43טע סטריט, ברוקלין, נ. י. האָט אונדז איבערגעגעבן אַ טרויעריקן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון אַ פרוי פון זיין היימשטאָט רוביזשעוויץ, מינסקער גובערניע, די פרוי געפינט זיך איצט אין ישראל. די פרוי האָט אַ סך איבערגעלעבט און אין דעם בריוו, וואָס איז אַ וויכטיקער דאָקומענט, דערציילט זי וועגן די שרעקלעכע רציחות אין אייניקע שטעט. דער בריוו לייענט זיך ווי פאָלגט:

טייערע פריינט אַראַנאָווסקי און קאָנטראָוויטש!

דאָס שרייבט צו אייך גישקע פאָלעיס פון רוביזשעוויץ, לייזער שמואל דעם מגידס בת יחידה. איצט געפין איך זיך אין אַ קעמפּ אין דער פאַר־שאָלטענער דייטשלאַנד, — פון דער אַמעריקאַנער זאָנע. — פון מיין גרויסער פאַרצווייגטער משפחה בין איך אַליין געבליבן לעבן מיט מיין איינציקער טאָכטער. ניט מיט טינט, נאָר מיט הייסע טרערן און מיט בלוט פון האַרצן וואָס ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער, שרייב איך אייך דעם בריוו. — דערמאָנענדיק זיך וואָס עס איז געווען און וואָס עס איז פאַרבליבן פון אונדז...

אין די ערשטע טעג, ווי ס׳האָט אויסגעבראָכן די פאַרפלוכטע צווייטע מלחמה איז אונדזער שטעטל, וועלכע האָט זיך געגרעניצט מיט רוסלאַנד, און לויט דעם באַוואוסטן אָפּמאַך מיט היטלערן, פאַרנומען געוואָרן פון די באָלשעוויקעס. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן אַלס פוילישע בירגער און, אינדערפרי האָבן מיר אויסגעפונען אַז מיר געהערן צו רוסלאַנד. נאַ־טירלעך, די ערשטע זאַך האָט מען אונדז געמאַכט פאַר אויס קרעמער און

אַלץ איז געוואָרן קאָנפיסקירט. עס איז ניט געווען גאָר גוט, אָבער מען איז דאָך געווען זיכער מיטן לעבן. און אַזוי זיינען זיי אַפּגעווען ביי אונדז צוואַנציק מאָנאַטן, ביז דער פּלוצימדיקער אָנפאַל פון היטלערן אויף רוס־לאַנד.

און דאָ האָבן זיך אָנגעפאַנגען די אמתע צרות.

עטלעכע וואָכן צייט, טאָג און נאַכט, זיינען געלאָפן די רויטע אַרמיי מיט זייערע טאַנקען און אָבאָזן פון דעם העלפט פוילן וואָס איז געווען פאַר־נומען פון רוסלאַנד. און דערנאָך איז געקומען דער פינצטערער עמלק, דער פאַרשלאָטענער דייטש. מיר האָבן אָנגעהויבן צו לידן פון זיי שרעקלעך. דאָס ערשטע האָט מען אונדז רעגיסטרירט און באַפוילן אָנטאָן די געלע לאַטע און אונדז געטריבן אויף שווערע אַרבעט. דער צוועק איז געווען אונדז צו דערנידעריקן און אָפּשוואַכן, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן צום סוף אויס־שעכטן אָן אַ שטיקל ווידערשטאַנד.

דער קאָמאַנדאַנט פון שטעטל האָט פאַראָרדערט אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ יידן ראַט, אַ „קהלה", וועלכע איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע בעלי בתים: ליאָטע אייזענבוך, יצחק גוריאָן, סאָלאָוויצ'יק, יעקב ליפשיץ און שאַיע שאַפּירא. וואָס ער האָט נאָר פאַרלאַנגט האָט מען אים צוגע־שטעלט, פאַר אים און פאַר דער פאָליציי... און, דערפאַר אַז מען האָט געטריבן צו דער אַרבעט, פלעגט מען ניט אַזוי שלאָגן און מאָרדעווען ווי בעפאָר — אָבער וואָס אַ טאָג ווייטער פלעגן מיר' אַלץ הערן מער שרעקליכעס און פון שחיטות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אונדזערע שכנותדיקע שטעט־לעך, ווי צווייי גרויסע שחיטות אין קוידענאָוו, ראַקאָוו, באַראַנאָוויטש און סטויביץ. און מיר, צוליב דעם גוטן קאָמאַנדאַנט וואָס פלעגט נעמען אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרלאַנגט — איז אונדזער שטעטל באַשערט געווען צו לעבן אַ ביסל לענגער...

אָבער וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? נאָר מ'הערט זיך אָן כסדר פון שרעקלעכע שחיטות אין די שכנותדיקע שטעטלעך, וואָס זיינען אַזוי איינגעבאַקן ביי אונדז אין די הערצער. וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס, אַז מען דאַרף וואַרטן אויפן טויט?

מיר זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין לעבעדיקע מתים. מיר האָבן געזען פאַר זיך די אָפענע גריבער, אין וועלכע מען וועט אונדז לעבעדיקער־הייט אַריינוואַרפן...

אויך אין אונדזער שטעטל האָט מען אַ געטאָ געמאַכט — און מען האָט אַריינגעטריבן מענטשן פון די דערבייאיקע שטעטלעך. פון נאַליבאָק דערעוונע און וואַליע, אין די קליינע הילצערנע הייזער פון שטעטל וואו עס איז פאַראַן פלאַץ קוים פאַר איין פאַמיליע איז אויסגעקומען צו זיין צו פופציק פערזאָן אין אַ הויז — מען איז געלעגן צונויפגעשטיקט אַזוי ווי הערינג אין אַ פעסל און מען האָט זיך געטיילט מיטן שטיקל טרוקן ברויט איינער מיטן צווייטן. די געטאָ איז געווען דער מאַרק פלאַץ, און אַזוי ווי די פויערים פלעגן דאַרפן דורכפאָרן דורכן שטעטל, האָט מען אונדזער געטאָ מיט שטעכעדיקן דראָט ניט פאַרצוימט, אַזוי ווי מען פלעגט טאָן אין די אַנדערע שטעטלעך. אָבער מיטאַמאָל זיינען געקומען פון דעם הויפּט שטאָב פון איוועניץ, די אמתע גזלנים און מערדער, און, מען האָט צונויפגעטריבן אַלע פון צען יאָר אַלט ביז זעכציק צו פיר אין דער רייע, און מען האָט אונדז געטריבן צו דער שטעטל איוועניץ. די געוואַלדן, די געשרייען און די געוויינען פון די עלטערע מענטשן, פון די מאַמעס און די קינדער האָט מען געקענט הערן פאַר מיילן וויט אַוועק.

עס איז געווען אַן ערב שבועות (דאָס איז שוין געווען באַשטימט ביי די טייוואָלים צו דורכפירן די גזירה פאַר אַ יידישן יום טוב), זייער אַ הייסער טאָג, און מען האָט געטריבן און געשלאָגן יעדן איינעם וואָס האָט אַזוי שנעל ניט געקאָנט גיין. גייענדיק די צוואַנציק קילאָמעטער צו דער שטעטל איוועניץ זיינען צען מאַן געפאַלן אין מיטן וועג און אויב איינער האָט גע־וואָלט זיך אָפּרוען און אַ טרונק טאָן אַ ביסל וואַסער, האָט מען אים גע־שאָסן אויפן אָרט.

ביילקע, רפאל קאַלמאַנאָוויצעס די יינגסטע טאָכטער, מיט נאָך אַ יונגען בחור איז שווער געוואָרן דער גאַנג, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פעקלעך, האָט מען זיי אַרויסגענומען פון די רייע מיט נאָך צען מאַן און געשאָסן זיי אויפן מיטן וועג פאַר אַלעמען אין די אויגן, און מען האָט אונדז ווייטער געטריבן אָן אַן אָפּרו ביז מען האָט אונדז פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן די קליינע קינדער געשריען און געבעטן אַביסל וואַסער, און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. אינדערפרי זיינען די מערדער, די דייטשע קולטור מענטשן, געקומען און צוגענומען די קליינע קינדער פון די מוטערס — די וועלכע האָבן ניט געלאָזן האָט מען זיי מער־דערלעך געשלאָגן.

מען האָט מיך איינציקע טאָכטער, וועלכע איז דאַן אַלט געווען צען יאָר — און איר ווייסט דאָך ווי איך האָב קוים דערלעבט זי צו דערציען, ווי עס איז געווען אַ גרויסע שמחה ביי אונדז אין משפחה, אַז איך האָב אַ קינד געבוירן, און מיינע עלטערן האָבן דאַן אַ סך צדקה צעטיילט און מיין מאַן יעקב פאַלייזש, האָט אַ ספר תורה אַריינגעגעבן — און איצט וויל מען זי ביי מיר אַוועקרייסן... איך שריי... מיך מאַן לאָזט ניט און מען צע־שלאָגט אים און מען צעבלוטיקט אים שרעקלעך דעם קאָפּ... און עס ווערט אַ גרויסער געשריי און אין דעם טומל רייס איך זיך אַרויס מיט מיין טאָכ־טער און האָב זיך באַהאַלטן ביז וואַנען עס איז געוואָרן רואיקער.

דערנאָך האָט מען אונדז געטריבן צו דער שטעטל נאַליבאַק, פון דאָרטן צו דער שטעטל איוועניץ — נאָכהער אין נאָוואָרעדאָק, און דערנאָך צו דער שטעטל דווארעץ — מען האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָרטן וועלן מיר אַרבייטן, מיר וועלן דאַרפן אַרויסגראָבן שטיינער.

מיר זיינען געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט, צעשלאָגן, מיט גע־שוואָלענע פיס פון דעם גיין צענדליקע קילאָמעטער צופוס פון איין שטעטל צו דער צווייטער. אַז דער קאָמענדאַנט האָט אונדז דערזען איז ער געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט — ווי אַזוי וועט איר קענען אַרבייטן אין די בערג ביי דעם אַרויסגראָבן די שטיינער, אַז איר קענט נישט שטיין אויף די פיס? איך וועל אייך מוזן אָפּשיקן צוריק צו דער שחיטה אין נאָוואָגרודאָק.

אַז מיר האָבן דאָס דערהערט האָבן מיר אָנגעהויבן שרעקלעך צו וויינען, און מיר זאָגן אים, — ווי אַזוי קענען מיר זיך האַלטן אויף אונדזערע פיס? אַז מיר האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ גרויסע שטרעקע צופוס. דערצו האָט מען ביי אונדז צוגענומען אונדזערע קינדער. פילע פון אונדז זיינען געפאַלן אין וועג...

ער זאָגט אונדז, אַז ער האָט געהערט פון דער גרויסער שחיטה, וואָס עס דאַרף פאָרקומען אין נאָוואָגרודאָק, האָט ער געבעטן, אַז ער דאַרף האָבן לייטע צו דער אַרבייט און אַזוי אַרום האָט ער אונדז אויף אַ ביסל צייט אָפּגעראַטעוועט, אָבער איצט וועט ער אונדז מוזן שיקן צוריק.

מיט געוויינען און געשרייען האָבן מיר אים געבעטן, אַז ער זאָל אונדז לאָזן זיך אויסרוען אַ פּאָר טעג און מיר וועלן אים אַוועקגעבן אַלעס וואָס מיר האָבן ביי זיך, און מיר וועלן טאָן אַלע שווערע אַרבעט וואָס ער וועט אונדז נאָר הייסן. און אַזוי אין געווען. נאָך אַ ביסל אָפּרו, האָבן מיר

געאַרבעט זייער שווער און ביטער 8 מאָנאַט צייט. אין דער זעלבער צייט איז מען צווי מאָל געקומען מאַכן אַ שחיטה איבער אונדז, אָבער ער פלעגט אַלץ אָפּהאַלטן און זאָגן, אַז ער דאַרף אונדז האָבן צו דער אַרבעט.

ניט איין מאָל האָט מען אונדז צוגעפירט צו די פאַרטיקע אויסגעגראָבענע גריבער, וואָס עס איז געווען באַשטימט פאַר אונדז, אַז מיר זאָלן זען מיט אונדזערע אייגענע אויגן... דעם סוף פון אונדזער אַלעמענס לעבן... אָבער יעדער מאָל פלעגט פּאַסירן אַן אַנדער צופאַל אָדער אַ נס און מיר פלעגן ווערן געראַטעוועט אויף נאָך אַ ביסל צייט צו לעבן.

מיר האָבן זיך אָפּגעמוטשעט אַכט מאָנאַטן ביז עס איז געקומען די שחיטה. די געוואַלדן און געשרייען איז ניט צו באַשרייבן. איך מיט מיין טאָכטער מיט מיין מאַן און עטלעכע פון מיין שטעטל רוביזשעוויץ זיינען מיר געווען צוזאַמען. אין דעם שרעקלעכן טומל פון דער שחיטה אין דווארעץ אויף די אַלע ידן וואָס זיינען געווען דאָרטן צונויפגעטריבן פון אַלע שטעטלעך, האָבן מיך זיך אַרויסגעריסן און זיך באַהאַלטן אין אַ וואַנט פון אַ חורבה. מיר זיינען דאָרטן געלעגן צווי טעג און צווי נעכט, ביז מיר האָבן געהערט, אַז עס איז געוואָרן שטילער. דאַן זיינען מיר געלאָפן איבער פעלדער און וועלדער. בייטאָג פלעגן מיר ליגן באַהאַלטן אין וואַלד און ביינאַכט פלעגן מיר גיין אין די דערפער צו באַקאַנטע פויערים, בעטן אַביסל עסן. אַנדערע פלעגן פון רחמנות וועגן געבן אַ ביסל צו עסן, אָבער אויף צום שלאָפן האָבן זיי מורא געהאַט צו לאָזן אונדז; פלעגן מיר אַוועקגיין צוריק אין וואַלד. דערווייל האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט דער פאַמיליע סאַגאַלאָוויץ און מיר אַלע צוזאַמען מיט נאָך אַ ביסל ידן זיינען אַוועק אין אַ געדיכטן וואַלד.

אַכט מאָנאַטן צייט זיינען מיר אָפּגעלעגן אין דעם געדיכטן וואַלד און דערנאָך האָבן מיר געהערט, אַז די פאַרפלוכטע דייטשן מאַכן אַן אַבלאַווע און מיר האָבן געפילט, אַז מיר קענען שוין ביינאַכט אויך ניט אַרויסגיין זוכן עסן. די אַבלאַווע האָט געדויערט עטלעכע וואָכן צייט, אָבער אונדזער גליק איז געווען, וואָס אַלע טעג האָט גערעגנט און דאָס האָט אונדז געראַטעוועט.

דערנאָך האָבן מיר געהערט, אַז אין דעם גרויסן וואַלד צווישן דער שטעטל נאַליבאַק און לובץ אין די פּושצעס געפינט זיך אַ גרויסע פּאַרטיזאַנישע גרופּע פון ידן. מיר זיינען אַהין אַוועק, דאָרטן זיינען שוין געווען איינגעאָרדנט זימליאַנקעס אין דער ערד, מיט אַ קיך. די יונגע מענטשן פלעגן ברענגען קאַרטאָפל מיט ברויט פון די דערפער און אַזוי האָבן מיר

פאַרבראַכט ניין מאָנאַטן אין דער פושצע פון דעם דאָזיקן וואַלד. דערווייל האָבן מיר שוין אָנגעהויבן הערן די גוטע נייעס אַז די רויטע אַרמיי איז שוין ניט ווייט פון אונדז. אָבער אין די לעצטע טעג האָבן די דייטשן געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף אונדז. אָבער אַזוי ווי מען האָט אונדז אָנגעזאָגט, זיינען מיר אַרויסגעלאָפן פון די זימליאַנקעס און זיך באַהאַלטן אין די טיפע זומפן פון דעם וואַלד. אַז עס איז געוואָרן שטילער זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון אונדזערע באַהעלטענישן צוריק צו אונדזערע זיעמליאַנקעס — אָבער מיר האָבן דאָרטן געפונען אַכט מענטשן דערשאָסענע, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין כוח צו אַרויסלויפן און זיך באַהאַלטן, ווי מיר האָבן געטאָן.

אין יענעם טאָג האָט די רויטע אַרמיי אַרנגעמאַרשירט אין אונדזער געגנט און מיר זיינען געוואָרן באַפרייט. אָבער מיין גוטער מאַן האָט דאָס ניט דערלעבט. אין דעם זעלבן טאָג איז ער געשטאָרבן, נאָך אַ קראַנקהייט פון עטלעכע וואָכן. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע שרעקלעכע ענויים — הונגער, קעלט, געאַרבעט שווער ביי דייטשן, אַרויסגעראַטעוועט זיך פון אַלע שחיטות, געלעגן אין די וועלדער מיט דעם געדאַנק, אַז ער וועט אַלעס איבערקומען צוליב זיין פרוי און איינציק קינד. אָבער ער האָט ניט דערלעבט דעם טאָג פון דער באַפרייאונג. אויך פריינקמאַנס פרוי יהודה בענציעס טאָכטער, איז געשטאָרבן אין וואַלד.

איך אַליין — אויסגעמאַטערט, הויל נאַקעט — מיין טאָכטער וויינט און מיר אַלע וויינען מיט. — וואוהין גייט מען? און מיר לאָזן זיך אַרויס פון דעם געדיכטן וואַלד צופוס צוריק צו אונדזער שטעטל רוביזשעוויץ. איך קום אַהין און אַ שרעק באַפאַלט מיך — שטייען הייזער סקעלעטן, מיט צופראַלטע טיר און פענצטער, ניטאָ קיין גאַס, ניטאָ קיין הויז — עס איז אַ בית עולם. איך ווין זיך ביטער פאַנאַנדער הויך אויפן קול — וואו זיינט איר מיין טאַטע מאַמע, וואָס איר האָט מיר געצערטלט און געקיכלט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן איבער מיר? וואו זיינט איר מיינע שוואָגערס, מיינע שוועגערנס מיט אייערע פאַמיליעס? וואו זיינט איר אַלע, מיינע טייערע, געליבטע שוועסטער און ברידער מיט וועמען איך האָב זיך צוזאַמען אויפ־געהאָדעוועט? — איך קום צוריק, אָבער וואו זאָל איך אייך זוכן, וואו קען איך אייך געפינען? איך לויף אַרויס פון שטעטל, און איך קום אויפן וועג צום דאָרף סימקאָוויץ ניט ווייט פון דעם גויאישן מאָהילניק — דאָרטן — דאָרטן ליגן אין אַ ברודער קבר פינף הונדערט פון אונדזערע בעסטע, שענסטע

און טייערסטע. אין אַ גרויסן ברענענדיקן פראָסטיקן טאָג אין 1942, 20 טעג אין טבת, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט פון שטעטל און לעבעדיקערהייט געהייסן וואַרפן זיך אין די גרויסע גריבער, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר זיי.

די שכנים, די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן אַלעס אויס־געפּלינדערט, אַלעס צוראַבירט, אָפּגעגאַזלט און דערנאָך געהאָלפן לעבעדי־קערהייט אַלעמען באַגראָבן. איז אַ טאָג אַרום זיינען זיי צום נייעם יאָר געגאַנגען אין קלויסטער אָנגעטרונקען און אָנגעזויפט פון ייִדיש האָב און גוטס מיט געזאַנג און געלעכטער.

די בעלי בתים האָבן זיך געריכט אויף דעם — ווייל דער אַלטער גרייז גראָער רב, מיט לאַטע אייזנבענד האָבן זיך אָנגעטאָן אין קיטל, טלית און תפילין, אויף צו מקבל פּנים זיין דעם רבונו של עולם יום־טובדיק, מיט די געשרייען פון שמע ישראל אויף זייערע פאַרדאַרטע פאַרפּראָרענע ליפּן.

— פאַרשאָלטן זאָל זיין די ערד וואָס האָט אַריינגעזאָפּט אין זיך אומ־שולדיק ייִדיש בלוט — און די רוצחים זאָלן ווי משוגענע הינט אַרומלויפן און שניידן די העלדזער איינער דעם אַנדערן אין די שטעט און שטעטלעך וואו זיי האָבן געמאַכט יודן ריין... און דאָס זאָל בלייבן אַ שאַנד־פלעק אויף זיי אַלעמען אויף דור דורות...

— — — — — — — — — — — — — —

איך קום צוריק. איך דערמאָן זיך, אַז זייענדיק אין וואַלד האָט מיין מאַן, ווען ער איז געוואָרן קראַנק, געפילט אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן, געוויינט מיט ביטערע טרערן אַז ער וויל ניט פאַרבלייבן באַגראָבן אין וואַלד — ער וויל קומען צו קבר ישראל.

איך נעם אַ פערד און וואָגן מיט צוויי מענטשן און פאַר אין וואַלד און נעם אים אַרויס פון דאָרטן. איינגעוויקלט אין אַ ווייסן ליילעך ברענג איך אים צום אַלטן בית עולם. זאָל ער זיך רוען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, ווי ער האָט פאַרלאַנגט.

איך ווער קראַנק און אַלע וואונדערן זיך און קענען זיך קוים גלויבן, אַז איך האָב געקענט טאָן אַזאַ זאַך.

מען איז דאָך אָבער אַ לעבעדיקער מענטש — און כל זמן די אויג איז אָפן דאַרף מען עסן, און וואָס צו טאָן איז ניטאָ. איך דערקען ביי אַנדערע

גוים־שכנים פון מיין האָב און גוטס. אַנדערע קוקן קרום אויף מיר און ווילן ניט לײדן אַז איך דערקען זיי גאָר — אַזוי ווי איך וואָלט זיי וועלן באַראַבעווען. אַנדערע קענען ניט צוזען מיין צער און ווייטאָק, גיבן מיר וואָס צו עסן, קענענדיק מיך פון פריער, ווי גוט עס האָט זיך מיר געלעבט, זיי שענקען מיר צוביסלעך קאָרן. נעם איך דאָס ביסל קאָרן און פאָר־צו אין קוידענאָוו, דאָרטן אויסצובייטן אויף זאַלץ, און פאַר די זאַלץ וועל איך אין דאָרף ביי די גוים קריגן עסנוואַרג... צום שלים מזל כאַפּט מען מיך אין קוידענאָוו און מען אַרעסטירט מיך — ווייל ביי באָלשעוויקעס איז שטרענג פאַרבאָטן צו האַנדלען (מ׳שטיינס געזאָגט אַזאַ האַנדל!) און מען פאַרשפּאַרט מיך אין טורמע. מען האַלט מיך דאָרטן צוויי טעג אָן עסן און אָן טרינקען און איך פיל, אַז מיינע כחות גייען מיר אויס. מיין איינציק קינד ווייס אַפילו ניט וואו איך בין אַהינגעקומען... מען נעמט מיך אויף אַ פאַרהער און מען וויל מיר איינשמועסן, אַז איך בין געקומען האַנדלען. איך טענה אָבער, אַז איך האָב געקראָגן די קאָרן פון אַ באַקאַנטן פויער, וועלכער איז מיר שולדיק און איך בעט זיך ביי זיי: — „די דייטשן האָבן מיר געוואָלט ניט איינמאָל שיסן. איך האָב זיך קוים געראַטעוועט מיט מיין איינציקע טאָכטער. פון מיין גרויסער משפּחה בין איך אַליין געבליבן, גע־וואַלגערט זיך אַזוי פיל מאָנאַטן אין די וועלדער, און יעצט ווילט איר מיר שיסן? איך האָב דאָך אויף אייך אַזוי פיל געוואַרט און געהאָפט". יע, מען האָט מיך אָפּגעלאָזן און באַפרייט און אַז איך קום צוריק צו מיין שטעטל באַגעגנט מיך מיין טאָכטער און פרעגט: „מאַמע, וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט? וואו איז די זאַלץ?" און איך ענטפער איר, — יע, די זאַלץ האָב איך אָפּגעשיקט מיט אַן עראָפּלאַן — און איך דערצייל איר די גאַנצע געשיכטע. — זי זאָל וויסן, אַז זי האָט אַ געפּונענע מאַמע. מיין טאָכטער ווײנט און איך וויין מיט איר צוזאַמען. וואָס זאָל מען טאָן? די שטעטל איז הרוב, פּוסט און וויסט, בלויז איינצעלנע הייזער זיינען געבליבן, די איבעריקע זיינען צושטערט, צוריסן, צושלעפּט פון אונדזערע „גוטע" שכנים.

פון מיינע שיינע הייזער זיינען געבליבן מער ניט ווי פּוסטע ליידיקע ווענט. פאַר אַ קליניקייט האָב איך דאָס פאַרקויפט צו אַ פויער און קלייב צונויף נאָך אַביסל פון מיין אָרעמקייט און איך האָב זיך מיט מיין טאָכטער און נאָך אַ ביסל לאַנדסלייט אַוועקגעלאָזט צוריק וואַנדערן... מיר ווילן זיין נעענטער צו אונדזערע ביסל יידן — די שארית הפליטה. מיר ווילן קומען

צו אַ היים, מיר פילן, אַז אין די שטעט און שטעטלעך וואו אונדזער בלוט איז בעסטיאַליש פאַרגאָסן געוואָרן איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אונדז. פוילן איז פאַר אונדז אַ בית־עולם, וואָס דערמאָנט אונדז דאָס שרעקלעכסטע וואָס עס איז געווען. מיר זיינען געקומען נאָך גרויסע וואַלגערנישן און מאַטערניש נאָך לאָדז. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ דירה צוזאַמען מיט דער פאַמיליע קאַשצעוויץ און סאַגאַלאָוויץ, און אַז מיר זיינען אָפּגעזעסן אַ וואָך צייט האָט מען אונדז דאָ אויך געפונען. ביינאַכט איז מען געקומען צו אונדז — צוויי פוילישע כוליגאַנעס — מיט ביקסן, און פאַרלאַנגט אַז מיר זאָלן גיין מיט זיי. אונדזער שרעק איז ניט צו באַשרייבן. זיי האָבן דערנאָך איינגעשטימט צו נעמען אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך און זיינען אַוועק. דאָס האָט פּאַסירט אין לאָדז. זעענדיק וואָס פוילן איז איצט — האָבן מיר לאַנג ניט געטראַכט און ווידער געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

מיט גרויס מאַטערניש און שרעק זיינען מיר אַוועק פון לאָדז און מיר זיינען געקומען קיין בערלין.

פון דאָרטן זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, וואו מ׳האָט אונדז אין אַ לאַגער מיט די אַלע שארית הפליטה, געראַטעוועטע פון די שחיטות און פון גאַז קאַמערן, וואָס וואַרטן צו פאָרן, די מערסטע פון אונדז, נאָך ארץ ישראל. און אין נאָמען פון אייערע לאַנדסלייט — די געראַטעוועטע וואָס געפינען זיך אין לאַגער — בעטן מיר אייך, טוט וואָס איר קענט צו געפינען אַ היים פאַר אונדז.

מיר קענען ניט פאַרבלייבן אויף דער פאַרשאָלטענער דייטשישער ערד מיר קענען ניט אָנקוקן אַ דייטש מיט זיין טריפהנעם אָנגעפרעסענעם פרצוף, אָנגעפרעסן און אָנגעזויפט פון די יידישע בלוט, האָב און גוטס...

# בריוו פון לעבנגעבליבענע קוידענאָווער יידן

## שימקע יעווילעווסקי (שרהס טאָכטער — שרה יעקילס) שרייבט...

אַך ווי גוט עס איז ווען אַן עלנטער מענטש דערוויסט זיך, נאָך פילע שרעקלעכע איבערלעבונגען, אַז עס איז דאָ עמיצער ווער עס קימערט זיך וועגן אים. דאַן דערפילט ער אַ פאַרגריבגערונג אין זיין עלענטקייט און ער ווערט ביי זיך אַביסל מוטיקער. עס איז אַזוי גרויס דער עלנט, מען איז אַזוי צעבראָכן אָן אייגענע, אָן אייגענע פריינט. ניטאָ פאַר וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. ווי קען מען זיין געזונט פון אַזוינע צרות? וויסנדיק ווי די מערדער זיינען געשטאַנען איבער זיי ווען די גרוב איז פאַרטיק געוואָרן, ווען די פוליעמאַטן האָבן געשאָסן וועמען די קויל האָט געטראָפן, און ווער עס איז מיט טויטע מענטשן פאַרוואָרפן געוואָרן און לעבעדיקערהייט באַ־גראָבן און דערשטיקט געוואָרן. איז וויסנדיק דאָס אַלעס קען מען זיך ווען באַרוהיקן? ניין! אויף אייביק בלייבט די וואונד און וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילן. פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די דייטשישע מערדער און זייער לאַנד אויף אייביק, פאַר דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן צו אונדזער יידיש פאָלק!

מיין איציע איז געווען אין ניעסוויזש דריי טעג. געפאָרן אויף קבר אבות, און אַז ער איז געקומען צוריק האָב איך אים ניט דערקאָנט, אַזוי פינצטער און שוואַרץ, ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער קרענק. שטעל זיך פאָר אַז זיין פינף און זיבעציק יאָריקע אַלטע מוטער האָט גע־דאַרפט גיין אין גרוב אַריין מיט אירע פינף טעכטער, אידעמס און איי־ניקלעך, אַלע צו דער שחיטה. מען האָט אים דערציילט ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען. דעם 30טן אָקטאָבער 1941, איז דער ניעסוויזשער רב העלדיש געגאַנגען פריער פון אַלעמען אָנגעטאָן אין תכריכים און געפירט דעם

גאַנצן עולם צו יענעם אָרט, וואו עס האָבן אויף זיי געוואַרט די מערדער מיט דער פאַרטיקער גרוב. ער האָט געוויינט און צו אַלעמען געזאָגט: „קומט ברידער! קומט ידן! אַזוי איז אונדזער גורל". און ער איז דער ערשטער אין גרוב אַריין. און אָט אַזוי זיינען זיי אומגעקומען די אומגליקלעכע. ער איז אויך געווען אין סטויפּץ. געדענקט אפשר איז ווער פאַרבליבן. נאָר צום באַדויערן איז דאָרט מער ניט געבליבן ווי צוויי יידן. איז ניט קיין וואונדער, וואָס ער איז געקומען אַזוי פאַרביטערט און צעוויטיקט? מיר זיינען עלנט אַזוי ווי אַ שטיין. דאָס איינציקע טרייסט וואָס איך האָב, איז דאָס וואָס איך דערהאַלט פון דיר אַ בריוו. דו ביסט אונדז אַלע קוידענאָווער דאָ אין מינסק טייער ווייל מיט דיין שרייבן אונז בריוו, פאַרהיילט אַביסל אונדזערע וואונדן.

## יעקב זינגער (ברכה דער בעקערקעס אַן אייניקל) שרייבט...

מיינע טייערע. אין אָקטאָבער 1941 האָבן די דייטשישע באַנדיטן דערהרגעט מיינע עלטערן און נאָך טויזנטער יידן פון קוידענאָוו. זיי זיינען אומגעקומען, ווער אין פייער, ווער אין וואַסער, ווער דורכן שווערד, ווער דורך פוליע, ווער אין קרעמאַטאָריע, ווער דורך הינט און דורך וועלף. די שטוב אין קוידענאָוו איז פאַרברענט. אין ציצענע קליידלעך אָן אַ קאָפּיקע געלט האָבן מיר פאַרלאָזט די ערד פון עלטערן, זיידעס און עלטער זיידעס.

## ליזע חורגין (אברהם אהרן דעם בעדערס אייניקל) שרייבט...

טייערע גוטע פריינט. מיר דאַנקען אייך זייער וואָס איר שיקט אונדז פּאַסילקעס. אַלץ וואָס איר שיקט אונדז איז זייער גוט, מיר נייען איבער און עס איז גוט. אַז מען באַקומט אַ פּאַסילקע וויזן מיר אַלע איינעם דעם אַנדערן און די פרייד איז אַזוי גרויס אַז איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, ווייל מיט דעם פילן מיר אַז מיר האָבן גוטע פריינט און מיר זיינען ניט עלנט. גיט איבער אַלע קוידענאָווער אַמעריקאַנער אַ גרויסן דאַנק פאַר זייער גוט האַרץ.

### יענטע (ארע מאיר דעם קירזשנערס טאָכטער) שרײַבט...

עס האָט מיר איבעראַשט, איך האָב פּיל געזוויינט פון פרייד, וואָס עס געפינען זיך גוטע פריינט און זוכן אויס באַקאַנטע און ווילן העלפן ביי אַזאַ צייט. יאָ מיר זיינען געבליבן אַזוי ווייניק, מיר האָבן דאָך פאַרלאָרן אַלע אייגענע מענטשן. איז דערפאַר די פרייד וואָס מיר האָבן גוטע פריינט מעבר לים, וואָס ווילן אונדז העלפן. אייער בריוו איז פאַר מיר דער בעס־טער רעצעפּט. די פּאָסילקע איז גוט צו נוץ געקומען.

### בערל פּלימאַק (נחמן דעם בעל עגלהס זון) שרײַבט...

טייערער נח.

נעמען דיר אויסשרייבן פון מיינע צרות וועט ניט סטייען טינט און פּאַפּיר. מיר זיינען געבליבן הויל און נאַקעט און אָן כוחות. געבליבן אַ עלנטער אויף דער וועלט און דערצו אָן אינוואַליד. דאָס איינציקע טרייסט איז ביי מיר איצט, וואָס איך וועל לייענען אַ ידיש וואָרט פון ווייטע גוטע פריינט.

### סאָניע קאַץ (גיטל מאָטעס טאָכטער) שרײַבט...

איך קען אייך גאָרניט אָפּדאַנקען און טרערן גיסן זיך פון די אויגן פון שמחה אַז אַ פרעמדער גוטער באַקאַנטער קען זיך אָפּרופן מיט אַ פּעקל. מיר סטייעט קיין ווערטער אויף צו אָפּדאַנקען אייך...

### חיענע אסטראכאן (משה ליפשיץ שווענערין) שרײַבט...

טייערער נח. אייער וואַרימער בריוו האָט מיינע קאַלטע בלוט דער־וואַרעמט. מיר זיינען ב"ה לאַנג אָפּגעוואוינט פון אַ גוטן וואָרט. ווי די עלנטע שאָף זיינען מיר. אַז מיר דערהערן איצטיקע צייט פון וועמען אַ וואַ־רעמע אָטנאָסעניע, אַ פריינטלעכן וואָרט, דערפילן מיר ווי אונדזער צע־בראָכנקייט ווערט עפּעס גרינגער אויפן האַרצן.

## מערע בערסאַן (דעם קאַציהארס טאָכטער) שרייַבט...

ליבער פריינט עווענציק. היינט האָב איך דערהאַלטן אייער פעקל אויף יום־טוב אַלעס אין גאַנצן. דעם פעקל האָב איך באַקומען היינט אין דעם טאָג וואָס אין דער מינסקער געטאָ אין די גאַסן איז געראונען טייכן יונגע בלוט, אזוי ווי אין אַ מבול אין די קאַנאַלעס. אַמאָל ביי אונדז אין דער אַלטער מינסקער גאַס פלעגן קינדער מאַכן שיפעלעך און לאָזן לויפן. אַזוי איז געלאָפן בלוט פון פינף און צוואַנציק טויזנט יונגע בחורים מיט מיידלעך אַכצן־צוואַנציק יאָריקע. אין דעם טאָג האָט זיך אויך געגאָסן די בלוט פון מיין זון וועלכער האָט שוין איצט געדאַרפט זיין דאָקטאָר. און איצט האָב איך פונאַנדער גענומען דעם פעקל אין דעם טאָג ווען די יאָרצייט ליכט ברענט און איך וויין וואָס מיינע דריי קינדער און ברידער האָבן דאָס ניט דערלעבט ווידער צו מאַכן פסח.

## סאָניע מאַרגאָלין (יאַנקל דעם ארוזענס טאָכטער) שרייבט...

דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלן די פרייד בשעת מען האָט געבראַכט דיין בריוו צו מיר. מיין האַרץ איז באַגאָסן מיט בלוט און מיט טרערן דערמאָנענדיק זיך ווי עלנט איך בין פאַרבליבן פון אַזוי פיל שוועסטער. עס גלויבט זיך מיר ניט און די האַנט ציטערט מיר שרייבנדיק דעם ערשטן בריוו צו מיינע אַ שוועסטער. טאָקע ווייט פון מיר אָבער שוין ניט אַזוי עלנט.

## נפתלי טשערטשעס שרייַבט...

היינט האָב איך באַקומען אייער בריוו. אַ גרויסן שיינעם דאַנק אייך פון טיפן האַרצן פאַר אייער זאָרגן זיך פאַר אונדז. עס איז שווער צו שרייבן און דערמאָנען זיך וועגן אונדזערע ליבע און געטרייע וואָס זיינען אומגעקומען אין קוידענאָוו אין 1941. די שטעטל האָט אָפגעברענט אַ חוץ ווילנער גאַס. אין ווילנער גאַס איז געווען די געטאָ. יונגע מענער האָט מען דערמאָרדעט אין דריי־פיר טעג אַרום ווען די דייטשן זיינען געקומען. יאָשקע קיטאַיעוויטש (דעם קרופעניקס זון פון אַלטער מינסקער גאַס) איז אַראָפּ־

געשפרונגען פון אויטאָמאָביל בעת מען האָט זיי געפירט שיסן. די מערדער האָבן מיט דער מאַשין אים נאָכגעיאָגט און געשאָסן אין מיטן פעלד. בעת עס איז פאָרגעקומען די צעשיסונג פון פרויען, קינדער און אַלטע לייט, דעם 21טן אָקטאָבער 1941, זיינען די ערשטע אַריין אין גרוב, מיט די טליתים און תפילין, הירשל דער שוחט, מרדכי און איטשע פריינט, און נאָך על־טערע ייִדן. אין גרוב זיינען געגאַנגען צו דרייסיק־פערציק מענטשן. זיי פלעגט מען דערשיסן און אויף זיי פלעגן אַריינגיין נאָך דרייסיק־פערציק מענטשן, און אַז די גרוב איז געוואָרן פאַרפולט מיט אומשולדיקע קרבנות, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז צוויי פרויען ביילקע שליאַנסקי און מלכה (חיה פייגלס) זיינען געווען פאַרוואונדעט נאָר מען האָט זיי אויך פאַרשאָטן מיט ערד, און אין שטיקל צייט אַרום האָבן זיי זיך מיט גרויס שוועריקייטן אַרויסגעקראָכן פון גרוב, נאָר עס זיינען ווידער געקומען מערדער און מען האָט זיי דערשאָסן. בריינדל עשקעס מאַן האָט בעת דער צושיסונג זיך געראטעוועט פון זינען און ער אַליין האָט דערשטיקט זיינע צוויי יינגלעך און זיך אַליין דערקוילעט. עס איז שווער אַלעס אויסצושרייבן. איבער גאַנץ קוידענאָוו האָט זיך געהערט דער געשריי פון פרויען, קינדער און אַלטע לייט. אַז גאָט וועט געבן און ווער ס׳איז וועט קומען אין קוידענאָוו פון אייך, וועלן מיר אַלץ דערציילן. אייער בקשה פיל איך אויס, און איך שרייב אייך די אַדרעסן פון די קוידענאָווער וואָס איר פרעגט זיך נאָך אויף זיי.

## מערע בערסאָן (דעם קאַציזאַר טאָכטער) שרייבט...

איך בין געווען אין דער פינצטערער געטאָ און מ׳האָט מיינע אַלעמען געהרגעט און מיר איז געלונגען אַנטלויפן צו די פּאַרטיזאַנער. מיין טייערער פריינט, מ׳זאָגט עלנט ווי אַ שטיין. אַ שטיין האָט שטיינדעלעך און איך האָב דאָס אויך ניט. דעריבער בעט איך אייך, פּאַרדינט אַ מצוה, שרייבט מיר. לאָמיר כאָטש האָבן אַ פּאָר יידישע ווערטער פון גוטע פריינט.

## מערע ראָזענשטיין (שלמה אָזערסקים שוועסטער) שרייבט...

איך און מיין מאַן לעבן, אַז אַך און ווי צו אונדזער לעבן, אָבער עס רופט זיך וואָס מיר לעבן. געבליבן אויף די עלטערע יאָרן אַזוי ווי צוויי

שטיינעד. עס איז ניטאָ אפילו מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. אונדזערע צרות דאַרף מען שרייבן גאַנצע ביכער, וואָס מ׳האָט מיט אונדז געטאָן, ווי עלטערן האָבן געדאַרפט זען דעם טויט פון קינדער און גאָרנישט קענען העלפן.

## קלמן און שמואל (לייזער פּרייַנטס קינדער) שרייַבן...

מיר האָבן היינט באַקומען פון אייך אַ פּעקל. עס איז נישט אַזוי טייער דער פּעקל, ווי די פריינטשאַפט וואָס מיר זיינען נישט עלנט. מיר האָבן דעם בריוו געלייענט מיט טרערן פון פרייד, וואָס מיר זיינען ניט עלנט. מיט דעם גיט איר אונדז שטאַרקייט אויסצוהאַלטן די ווייטאָקן וואָס מיר האָבן איי־בערגעלעבט פון די פאַשיסטישע מערדער.

## שמחה בעדערסאָן שרייַבט...

טייערע פריינט. עס פרייט מיר זייער וואָס אין דער ווייטער אַמעריקע „יש בישראל״ ייִדן וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעריסן פון אונדז פון דער קליין ביסל וואָס עס איז געבליבן פון דעם שרעקלעכן פייער וואָס האָט געפלאַ־קערט אין גאַנץ אייראָפּע פינף יאָר און וואָס האָט פאַרברענט דאָס גרעסטע טייל פון אונדזער פאָלק. יאָ מעגלעך אַז אונדזער פאָלק וועט אייביק לעבן, אָבער אין אַ גרויסן טייל וועלט זיינען אונדזערע ייִדן אויסגעמעקט און אין הונדערטער שטעטלעך זיינען ניטאָ קיין סימן פון ייִדן. אונדזערע ייִדן, קווי־דענאָווער ייִדן אין מאָסקווע און אין מינסק האָבן אויף דעם אָרט וואו די שרעקלעכע בלוטיקע מערדער־חיות אין געזיכט פון מענטשן, דייטשישע בלו־טיקע היינט האָבן צעשאָסן און פאַרשאָטן מיט ערד, אויף די הויכע בערג אונדזערע בעסטע און ליבסטע — אויפגעשטעלט אַ שיינע מצבה. נאָר דאָס איז ניט דער איינציקער אָרט. אין דזאַלניער וואַלד זיינען אויך דערמאָרדעט געוואָרן פיל ייִדן. דאָס גרעסטע טייל פון שטעטל איז אָפּגעברענט. אונדזער שטוב איז וויסט געבליבן גאַנץ, זיינען געקומען די מאָקאָווציצער און אונ־טערגעצונדן. פאָר דערפאָר בין איך זיי דאַנקבאַר, בעסער אַז עס איז אַ בערגל אַש.

## מיכליע (בערל דעם שמידס טאָכטער) שרײַבט...

פיל פרייד און גליק ווינטשן מיר אייך אונדזערע פריינט דורך וועלכע מיר באַקומען שטיצע. מיר באַדאַנקען אייך פאַר די מתנות, מיט אַ פאַרלאַנג אַז איר זאָלט זיך פרייען און זיין געזונט. דאָס שרייבט אייך בערל דעם שמידס טאָכטער מיכליע פון קוידענאָוו מיט מיין מאַן הירשל. איך בין געווען אין דעם שרעקלעכן שלאַכט אין וועלכן די פאַשיסטישע מערדער האָבן אָנגעגריפן. פון דעם קריג בין איך געקומען אַ פאַרוואונדעטע. אַז מען בלייבט לעבן איז נאָך ניט אַזוי שרעקלעך. שלעכט איז דאָס וואָס פון אונדזערע משפּחות און פון נאָך פילע איז קיינער ניט פאַרבליבן. דאָס האָבן געטאָן די פאַשיסטישע מערדער די דייטשישע הינט. שיקט אונדז בגדים, עס איז בעסער ווי די שפּייז פּעקלעך.

## בערל גלעזער שרײַבט...

בעסטער פריינט אברהמל עווענציק. איך האָב באַקומען פון אייער נאָמען צוויי פּאַסילקעס עסנוואַרג און זאַכן. מיר דאַנקען אייך זייער. אויך אַלע מענטשן וואָס נעמען אַן אנטייל אין דער הייליקער אַרבעט. איר העלפט אונדז פאַרהיילן די וואונדן וואָס די פאַשיסטן האָבן ביי אונדז אַלעס פאַרענדערט. די בריוו וואָס מיר באַקומען איז ביי אונדז די בעסטע רפואה.

## שאַשקע גרינשפּאַן שרײַבט...

בעסטער פריינט אברהמל. איך האָב שוין גאָר ניט געהאַט קיין האָפנונג צו באַקומען אַ בריוו. אָ! ווי גוט ווען עס איז נאָך פאַראַן אפילו גאַנץ ווייט פון מיר פריינט וועלכע טראַכטן נאָך וועגן מיר. איך דערמאַן מיך נאָך יענע גוטע יאָרן אין קוידענאָוו. יענע צייט וועט זיך ניט אומקערן. פון קוידענאָוו איז געבליבן אַ גרויסער קבר. פון די בריוו קריג איך מער מוט אין לעבן.

## דוד עווענטשיק שרײַבט...

מיין ליבער קאָזין אברהם. מען איז אַזוי עלנט אַז דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלן די פרייד ווען מען באַקומט אַ בריוו פון אַן אייגענעם. עס איז

אומעגלעך צו באַשרייבן אויפן פּאַפּיר דאָס וואָס די פאַשיסטישע מערדער און סאַדיסטן האָבן געטאָן מיט אונדזער פאָלק. פאַר אייך אַמעריקאַנער וועלכע די מלחמה האָט כמעט ניט אָנגערירט איז דאָס אומעגלעך צו פאַרשטיין, דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט און אויך ווי מען איז עלנט. דעריבער איז די וואַרעמע ווערטער פון אַן אייגענעם גיסן אַריין אַ נייעם שטראָם פון לעבן און מען פילט זיך אַ סך בעסער, מען פילט עס איז נאָך דאָ אייגענע, און אַז די דייטשישע מערדער איז ניט געלונגען אויספילן היטלערס פּראָגראַם פון אומברענגען אַלע יידן, וועלכער האָט געזאָגט אַז אַ יידן וועט מען קאָנען זען נאָר אין קינאָ. דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט און וועט לעבן! איך האָב געדינט אין דער מיליטער אַלס קאַפּיטאַן און איך האָב נקמה גענומען פאַר די טייכן בלוט וואָס האָט זיך געגאָסן פון אונדזער פאָלק. און אײנאײנעם מיט דער רויטער אַרמיי דערגאַנגען ביז קעניגסבערג און גענומען נקמה פון די סאַדיסטן.

**שמעון עליע גאנעלעס (דער קצב) שרייבט...**

ליבער נח,

דיין בריוו האָבן מיר געלייענט מיט גרויס פרייד וואָס מיר האָבן דערלעבט צו הערן פון אונדזער משפּחה, ווייל דאָ האָבן מיר כמעט קיינעם נישט. היטלער ימח שמו, האָט אַלעמען אויסגעהרגעט, איז גוט כאָטש וואָס מיר האָבן אייגענע פון ווייטן. איך דערמאָן מיך ווען דער זיידע האָט געלעבט האָט ער צונויפגעקליבן די גאַנצע משפּחה אויף פּורים צו דער סעודה און עס איז געווען פריילעך, און איצט איז קיינער ניטאָ. ווען עס קומט אָן אַ פּאַסילקע קלייבן זיך צוזאַמען יידן און מען וויינט פאַר פרייד וואָס מיר זיינען ניט עלנט. עס איז ביי אונדז אַלעמען דאָס גרעסטע טרייסט ווען מיר לייענען אַ פּאָר יידישע ווערטער פון אייערע בריוו.

**לייזער סאָלאָווייציק (דוד דעם פאַקטערס זון) שרייבט...**

פון אומבאַקאַנטע זיינען מיר געוואָרן נאָענטע פריינט. גלויבט מיר אַז אייער בריוו גיט מיר צו פיל געזונט און כוח. טויזנטער דאַנקען פאַר די פּאַסילקעס. מיר איז געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן אַז איך ווייס דאָס איך בין ניט עלנט.

### זינע עווענטשיק (חיים מאַטעס טאָכטער) שרייבט...

טייערע פריינט. וואָס זאָל איך אייך שרייבן? דאָס ערשטע זאָך דער־לויבט מיר אייך אָפּדאַנקען פאַר דער פּאָסילקע, איר זאָלט זיין געזונט און שטאַרק פאַר אייער גוטע האַרץ. איך האָב פון פרייד געוויינט. איך האָב זיך אַליין ניט געקענט גלויבן אַז פאַר טויזנטער מיילן זיינען פאַראַן מענטשן וועלכע זאָרגן זיך וועגן מיר. עס זאָל אייך אָנקומען אַלעס גוטעס וואָס נאָר איך ווינטש אייך אַלע טאָג בשעת איך דאַרף אָנטאָן אַ קלייד. די קליידער זיינען אויף מיר זייער גוט, מען דאַרף זיי ניט איבערנייען, נאָר די טופליעס זיינען אויף מיר אַביסעלע גרויס.

### איטשע שימקע יוועלעוסקים (מאַן) שרייבט...

מיר זיינען געווען זייער צופרידן פון דיינע טרייסט ווערטער, וועלכע זיינען פאַר אונדז אַ טרייסט אין אונדזער עלנטקייט. פונקט ווי אַ וואַנדע־רער אין דער מדבר דורשט נאָך אַ טרונק, אַזוי דורשטן מיר נאָך אַ טרייסט וואָרט פון אַ גוטן פריינט.

### סאָנציע (חיים דעם שוסטערס טאָכטער) שרייבט...

טייערע פריינט. היינט האָב איך באַקומען פון אייך אַ פּאָסילקע, פאַר וועלכע איך דאַנק אייך זייער. איך גלויב אַז איר מוזט מיר געדענקען. איך געדענק אייך זייער גוט. איך בין סאָנציע, חיים דעם שוסטערס טאָכטער פון פאַרעבאָצקער גאַס. איך בין די איינציקע פרוי וועלכע איז געבליבן לעבן פון דער קוידענאָווער געטאָ. מיין גאַנצע משפחה האָבן די מערדער צעשאָסן. איך און מיין מאַן זיינען געווען אין פּאַרטיזאַנער. אונדזער ביסעלע יידן וואָס זיינען דאָ זיינען אייך זייער דאַנקבאַר וואָס איז פאַרגעסט ניט אָן אייערע לאַנדסלייט.

### אהרן שאַפּירא שרייבט...

צו מיין בעסטן פריינט נח רוזעוויצקי. דיר שרייבט דיין אַלטער פריינט און חבר אהרן שאפּירא פון האַלינקע. איך גלויב אַז דו מוזט מיר

געוויס געדענקען ווייל דו ביסט ניט איינמאָל געגאַנגען אַהין זיך באָדן. אַלס געליטענער פון דער גרויסער קריג אין וועלכער איך האָב אַליין גע־נומען אַן אָנטייל און צוליב דעם געבליבן אָן אַ פוס. עס איז שווער צו פאַרגעסן וואָס מיר האָבן זיך אויסגעליטן פון די פאַרפלוכטע דייטשן. עס איז, מיין פריינט, נישטאָ קיין ווערטער אויף צו טרייסטן זיך. דער איינציקער טרייסט איז דאָס וואָס מיר האָבן פאַרניכטעט דעם דייטשישן פאַשיזם. איך בין אָפּט אין קוידענאָוו און איך זע אַז אַלע דערהאַלטן פעקלעך. אין זייער נאָמען קען איך אייך אויסדריקן טויזנטער דאַנקען צו די וואָס באַשעפטיקן זיך אַזוי אינטערעסירן זיך צו שטיצן די קוידענאָווער. איך פערזענלעך האָב דערהאַלטן היינט אַ פעקל שפּייז פון מיין בעסטן פריינט אברהם עווענטשיק. איך וועל עס מיין גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן.

חיה אָזערסקי (הירשל שמואל־נחומס טאָכטער) שרייבט...

אייער בריוו און די פּאַסילקע דערהאַלטן, פאַר וועלכע איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אייער אינטערעסירן זיך אין אונדז ביסעלע איבערגע־בליבענע יידן וועלכע האָבן געהאַט מוט און קרעפטן צו אַנטלויפן פון די היטלעראָווצעס. הונגעריק זיינען מיר ניט, נאָר אין קליידער בין איך ניט זייער זאַט.

ביילקע זייטשיק (אליהו קרילעווערס טאָכטער) שרייבט...

איך בעט אייך האָבן אונדז אין זינען ווייל איר ווייסט און קענט זיך פאָרשטעלן ווי מיר זענען אויס נאָך אַזעלכע צרות וואָס היטלער ימח שמו האָט אונדז געבראַכט. איך האָב נישט קיין ווערטער ווי דאַנקבאַר איך בין אייך פאַר דער פּאַסילקע.



אַ גרופּע פון רוביזעוויטצער גאַס

## אינדעפּענדענט קוידענאָווער אונטערשטיצונגס פאַראיין
## אָף ברוקלין

אָרגאַניזירט דעם 4טן אָקטאָבער 1902. איצט 220 מיטגלידער. עלעמענט מערסטנס אַרבעטער. 8 פּראָצענט אַמעריקאַנער געבאָרענע. שפּראַך: יידיש. צוועק: קרקע, קראַנקען בענעפיט, טויט פאָנד. שטיצן מיט גרויסע פאָנדן יונייטעד דזשואיש אַפּיל און האַיאַס און אַ סך יידישע אינסטיטוציעס.

מאַקס וואַלינעץ, פּרעז.

---

## אנשי שלום קוידענאָוו

אָרגאַניזירט 1884 מיט 20 מיטגלידער, איצט 85, כמעט אַלע אַר־בעטער. 20 פּראָצענט אַמעריקאַנער געבאָרענע, 10 פּראָצענט ניט לאַנדס־לייט. שפּראַך: יידיש. צוועק: שול, קרקע, טויט פאָנד. פלעגן שטיצן אַלטע היים. שטיצן היגע אינסטיטוציעס.

שאול ראַקאָוויץ, פּרעז.

---

## קוידענאָווער בענעוואָלענט סאָסייטי

אָרגאַניזירט 1899 מיט 10 מיטגלידער. איצט 140. עלעמענט גע־מישט 25 פּראָצענט אַמעריקאַנער געבאָרענע. 5 פּראָצענט ניט לאַנדסלייט. שפּראַך: יידיש. צוועק: קראַנקען, טויטן בענעפיט, קרקע, גמילת חסד און זקנים פאָנד. האָבן געשטיצט אַלטע היים. שטיצן היגע אינסטיטוציעס.

מאַקס דזשאָזעף, פּרעז.

## קוידענאָווער יאָנג מענס בענעוואָלענט אסס'ן

אָרגאַניזירט 1903 מיט 10 מיטגלידער, איצט 140. עלעמענט: מערסטנס אַרבעטער. 6 פּראָצענט אַמעריקאַנער געבאָרענע. 25 פּראָצענט ניט לאַנדס־לייט. שפּראַך: יידיש. קולטורעלע טעטיקייטן: לעקציעס. צוועק: קראַנקען, טויטן בענעפיט, קרקע, נויט פאַנד. פלעגן שטיצן אַלטע הימ. שטיצן היגע אינסטיטוציעס מיט צוויי הונדערט דאלאר יערלעך.

ניימן קלומאַק, פּרעז.

---

## חסידי קוידענאָוו וחסידי קאָברין

אָרגאַניזירט 1896 מיט 40 מיטגלידער, איצט 100. עלעמענט פאַר־שיידענער. 5 פּראָצענט אַמעריקאַנער געבאָרענע. 5 פּראָצענט ניט לאַנדסלייט. שפּראַך: יידיש. קולטורעלע טעטיקייטן: לערנען. צוועק: שול, קרקע, העלפן היגע אינסטיטוציע און געבן צדקה.

נאָוואָגרודסקי, פּרעז.

---

## חברה בית אהרן חסידי קוידענאָוו

אָרגאַניזירט 1980 מיט 40 מיטגלידער, איצט 30. עלעמענט: צוריק־געצויגענע געשעפטסלייט. צוועק: דאַוונען, רעליגיעזע צוזאַמענקונפטן. האָבן אייגענע חסידים שטיבל.

רבי משה טווערסקי, פּרעז.


צום
הייליקן
אָנדענק
אָקטאָבער
21
1941




דער מאַסן קבר פון די

זעכצן הונדערט אומגעקומענע

# צום אייביקן אָנדענק

## דעם גרויסן יידישן קלאַסיקער און דיכטער



אברהם רייזען ע״ה

# לזכרון עולם



צו אונדער ליבן לאַנדסמאַן און חבר, וועלכער איז אַוועק פון אונדז
אַזוי יונג, איינער פון אונדזערע ערשטע גרינדער און
איבערגעגעבענער טוער פון די
„פאַראייניקטע קוידענאָווער"

## אריה לייב שולמאַן ע"ה

מיר וועלן דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן פאַר דיינע מעשים-טובים
צו די לאַנדסלייט און צום כלל-ישראל.
זאָל דיין נשמה באַהעפּטיקט ווערן
מיט די נשמות פון די קדושים
פון אונדזער פאָלק

פאַראייניקטע קוידענאָווער אסס'ן, אינק.

DEDICATED

TO THE BELOVED MEMORIES

OF THOSE WHO DIED FOR

THE SANCTIFICATION

OF THE NAME

**INDEPENDENT KOIDANOVER BENEVOLENT ASSOCIATION**

Max Walenitz, *Pres.*

1971 STRAUSS STREET BROOKLYN, N. Y.

WE REMEMBER THE DEAD

AND PROMISE NOT TO FORGET THE LIVING

**KOIDANOVER BENEVOLENT ASSOCIATION**

Max Joseph, *Pres.* Samuel M. Shack, *Treas.*

# צום אייביקן אָנדענק

אונדזערע טייערע לאַנדסלייט וועלכע זיינען
פּריצייטיק אַוועק אויף קידוש־השם דורך
רוצחישע הענט אין קוידענאָוו
אָקטאָבער 1941

## קוידענאָווער יאָנג־מענס
## בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאַן, אינק.

נייטן קלומאַק
פּרעזידענט

אייב שולטץ
סעקרעטאַר

# לזכרון עולם

צו די קוידענאָווער מאַרטירער וועלכע זיינען אומגעקומען
אָקטאָבער 21, 1941

●

## חברה משניות
## פון אינדעפּענדענט קוידענאָווער
## אָוו ברוקלין

---

## צום אייביקן אָנדענק

אונדזערע פריינט און קרובים וועלכע זיינען אומגעקומען
אויף קידוש-השם

●

## ליידיס אוקזילערי פון די קוידענאָווער יאָנג-מענס
## בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן

דזשוליא גילמאַן, פּרעזידענט      איידא ליפּשיץ, סעקרעטאַר

# לזכרון  עולם



ברודער מרדכי מיט זיין פרוי גיטל
און די קינדער שמואל, זעליג, אברהם און יוסף
פייגע, פרוי פון אונדזער ברודער בערל, טאָכטער איטקע
מיט אירע צוויי טעכטער
רבקה, פרוי פון יואל גאַנעלעס און די קינדער
חנה, פרוי פון יוחנן גאַנעלעס, טאָכטער ראַשקע,
מיט איר מאַן הירש רעקלין, און זייערע קינדער

די פאַמיליע:

מענדל גאַנעלעס, פסח גאַנעלעס
פעשע פריינט
רבקה באַססעט
ראָזע וועקסלער

## לזכרון עולם

●

אונדזערע ליבע עלטערן

**שמואל און העניע ריווע אָסנאַס ע״ה**

און שוועסטער

**פייגל**

אייביק וועט איר לעבן אין אונזערע הערצער

**שפרה, מעקס, לייקע און היימי**

---

## צום אייביקן אָנדענק

●

מיין ליבע טאָכטער

**ען ליווי**

וועמענס לעבן איז אָפּגעשניטן געוואָרן אַזוי יונג.

אייביק וועסטו לעבן אין מיין האַרץ

**גרשון זינגער**

# אין הייליקן אָנדענק

אונדזער ליבן פאָטער און מוטער
**יחיאל און מלכה עווענטשיק**

אונדזער ליבן ברודער
**אריה עווענטשיק**

אונדזער ליבן שוואָגער
**משה מרדכי מאַכטיי**

וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די רוצחישע הענט.
אייביק וועלן מיר געדענקען אייך, און אַלע קוידענאָווער לאַנדסלייט
וועלכע זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם
אָקטאָבער 21, 1941

**אברהם און הענריעטא**
**און זון זכריה עוואַנס**

# לזכרון עולם

אונדזערע ליבע עלטערן

**נח און חיה לאה שולמאַן**

מיר דריקן אויך אויס אונדזער צער אויף די

1600 קוידענאָווער וועלכער זיינען אַזוי

גרויזאַם אומגעקומען

די קינדער

**דזשאָ, העניע טעלמאַ און משה**

# צום אייביקן אָנדענק

ליבע פרוי און מאַמע
**רחל ראָזעוויצקי**

טאָכטער, שוועסטער און שוואָגער
**עשקע און ברוך גאַרמיזע ע"ה**

און זייערע קינדער
**ריווע, חיים יעקב און שימע**

וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די רוצחישע הענט אין דעם שטעטל סטייפץ

מיר וועלן אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן

פאָטער:
אברהם יצחק ראָזעוויצקי

שוועסטער:
פרומקע, גישע, שרה זישקע און דינקע

ברידער:
נח און עליע

# לזכרון עולם



פאַטער און מוטער: **ברוך און עשקע גאַרמיזע**

שוועסטער: **ריווע און שימע**

ברודער: **חיים יעקב**

אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די רוצחישע הענט אין שטעטל סטייפץ, צוזאַמען מיט זעקס מיליאָן פון מיין פאָלק.

אונדזער נחמה: מיר בויען אונדזער לאַנד. נצח ישראל!

דוב גאַרמיזע, מדינת ישראל

# א י ן  אָ נ ד ע נ ק

נאָך אונדזערע ליבע קרובים און פריינט

און אַלע קוידענאָווער לאַנדסלייט

**היימען און פרוי קילשטיין**

---

# צ ו ם  א י י ב י ק ן  אָ נ ד ע נ ק

אונדזערע ליבע עלטערן

**זעליג און סאָשע עוואַנס**

און אויך צו די הייליקע מאַרטירער

וועלכע זיינען אומגעקומען

אין קוידענאָוו

די קינדער

**מאָריס, חנה, הערי מעקס און סילוויע**

## צום אייביקן אָנדענק

●

אונדזערע ליבע עלטערן

### זעליג און שיינע לאה קלומאַק

איר וועט שטענדיק לעבן אין אונדזער האַרץ צוזאַמען מיט די
קוידענאָווער לאַנדסלייט וועלכע זיינען אומגעקומען פון דעם שונא

די קינדער

מאַליע, איידע, העניע, נייטן, סעם און דזשין

---

## לזכרון עולם

●

אונדזערע ליבע עלטערן

### ר׳ מאיר ב״ר נח יצחק און קריינע מאַכלים

אייביק וועט איר לעבן מיט אונדז און אייערע נשמות זאָלן זיך באַהעפטן
מיט די נשמות פון די 1600 קוידענאָווער קדושים

קינדער:

מרדכי בער, יונה נח

טאָכטער:

מאַריאַשע

איידעם:

נחום בינדער

## צום הייליקן זכרון

אונדזערע ליבע עלטערן

**אליהו און נחמה אוזליאַנער**

און אויך אַלע פריינט און קוידענאָוער וועלכע זיינען
אומגעקומען אויף קידוש השם

**אברהם און פרוי אוזליאַנער**

---

## צום אייביקן אָנדענק

אונדזערע טייערע און ליבע עלטערן

**יחיאל און העניע אוזליאַנער**

איר וועט ווי אַ פאַקל לייכטן פאַר אונדז אין דער פינצטערניש
פון דער שלעכטער וועלט

די קינדער

**קלאַראַ, סאַל, סעם, בערנאַרד און סאָניע**

## כבוד אייער אָנדענק

פאָטער און מוטער

**מרדכי און רבקה אַזערסקי**

מיר טרויערן נאָך אייך צוזאַמען מיט 1600 קוידענאָווער קדושים

**סעם און בעלאַ ראַדזשערס**

---

## לזכרון עולם

מיין פאָטער און מוטער

**רפאל און חיה אַזערסקי**

און צו מיינע קרובים און לאַנדסלייט וועלכע זיינען אומגעקומען אין קוידענאָוו

**אייב און פרידע ראַדזשערס**

---

## אין אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן

**ראובן און חיה ליובטשאַנסקי**

מיר וועלן אייך אייביק געדענקען צוזאַמען מיט די מאַרטירער
פון אונדזער ליבער שטעטל קוידענאָוו

**הערי און סאָניע ליובטשאַנסקי**

---

## יזכור

פאָטער און מוטער

**הירש לייב און משה קוואָוויטץ**

אָנקלס

**מרדכי און אברהם**

צוזאַמען מיט די יידן אין שטעטל איוועניטץ. מיר וועלן אייך אייביק געדענקען

**אברהם און רחל קיוואָוויטץ**

אין אָנדענק

מיינע ליבע עלטערן

**דוד חיים און חיה העלער ע״ה**

צוזאַמען מיט דעם אָנדענק פון אַלע אומגעקומענע קדושים

יוסף און איווע העלער

---

IN MEMORY OF MY DEAR BROTHER
& SISTER-IN-LAW

**DRS. LEON AND TANIA HELLER**
**and their Daughters**

JOSEPH HELLER AND FAMILY





## לזכרון עולם

אונדזערע עלטערן

## משה און שרה רחל האזאנאָוויטש

מיר וועלן אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן

האָדל, בושקע, זלמן, הערי, אברהם און קריינע שימאנאָוו

---

## לזכרון עולם

אונדזער ליבן פאָטער



## ר׳ חיים נח ליפשיץ ע״ה

געוועזן אַ הייליקער מענטש און ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן „דער צדיק״

מיר וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן

די קינדער

איזיק, יצחק ליפשיץ און רייכל שערמאַן

# לזכרון עולם

●

אונדזער ליבן און טייערן לאַנדסמאַן

## אבא הורעוויטש ע״ה

אַוועק פון אונדז יונג, אָבער אָנגעזעטיקט מיט גוטע טאַטן
מיר קוידענאָווער וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן

**פּאַראייניקטע קוידענאָווער אסס׳ן, אינק.**

---

In Loving Memory of
Our Beloved Uncle

**Aaron Mayer Meyerson**

**Mr. & Mrs. Bernard Bellman**

131-03—101st STREET

Richmond Hill, L. I., N. Y.

---

With Sympathy

**CASTLE COAL & OIL CO., Inc.**

**Mary Romita**

Eastchester Rd. & Haswell St.

Bronx, N. Y.

---

Condolences from

**MR. LOUIS SMITH**

346 Chester St., Brooklyn, N. Y.

**& Daughter
Mrs. A. Rosenstein**

667 NASLEY PL.
Far Rockaway, N. Y.

---

Condolences from

**ABRAHAM BASHOFF**

2310 STRAUSS ST.

Brooklyn, N. Y.

## צום אייביקן אָנדענק

מיין ליבן מאַן

**איזיק לייב גראָסמאַן ע"ה**

**נחמה גראָסמאַן**

---



## לזכרון עולם

מיין פאָטער און מוטער

**יצחק און זישע שאַכנאָוויץ**



**שכנה שעק**

---

WITH SYMPATHY

**BARNETT LIPSHITZ**

COLLINS & LOGAN, INC.
Bluefield, W. Va.

---

## צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזער אָנקל

**משה ראקאָוושטיק**
מיט זיין פאַמיליע.

**רובין און דאָראַ לעווין**

# לזכרון עולם



מוטער: פרידע. ברודער: אישיע מאַרגאָלין

שוועסטער: נעחע דבורה מאַרגאָלין, חיה קאָרעיעץ,

אסתר גאַנזער און הינדע חייט מיט זייערע מענער און קינדער

אומגקומען אין דער שחיטה אין קוידענאָוו

נייטן נישקע ליווי

---





## אין אָנדענק

אונדזער פאָטער און מוטער

**שואל און פראַדע גוריאַן**

**אייב און דאָרע גוריאַן**

לזכרון עולם









מיינע ליבע עלטערן

**מרדכי און האַנדל פריינט**

שוועסטער

**שאַשקע מיט איר מאַן — האַשקע מיט איר מאַן**

וועלכע זיינען געווען די ערשטע אומגעקומענע אין קוידענאָוו

**דינקע פריינט**

---

***Complimentary***

MRS. S. RICK, 2415 Creston Ave., Bronx, N. Y.

MRS. EDELMAN, 240 Glenmore Ave., Brooklyn, N. Y.

S. FREED, 1778 Vyse Ave., Bronx, N. Y.

MR. & MRS. JACK GLICK

MR. & MRS. RUBINSTEIN

MR. & MRS. A. FISHBEIN

MR. & MRS. BROWN

MR. & MRS. ZIMMERMAN

In Memoriam

**S. RAKOWITZ**

202 HENRY STREET

Brooklyn, N. Y.

---

In Memory of

**CHIRA & RAPHAEL RUBERMAN**

**MRS. SAMUEL ELKINS**

406 TOMPKINS AVE.

Brooklyn, N. Y.

---

In Memory of

**BEZALEL & SARAH GITELSON**

**HYMAN & AARON GITELSON**

241 WEST 37th STREET

New York, N. Y.

---

אין הייליקן אָנדענק

מיין שוועער און שוויגער

**יוסף און באַשע גראָסמאַן**

**נחמה גראָסמאַן**

---

לזכרון עולם



מיינע גאָטזעליקע עלטערן

**צבי הירש און שרה לאה קעלמאַן**

**דאָבקע עוואַנס**

---

צום אייביקן אָנדענק

מיין ליבן אָנקל

**אַרטשע עוואַנס ע״ה**

**אייב עוואַנס**

CONDOLENCES FROM

**BARNET SHUL**

●

BELVEDERE HOTEL

Miami Beach, Florida

---

WITH SYMPATHY

●

**JOSEPH & LILLY MARSON**

**and Family**

200 WEST 54th STREET

New York, N. Y.

*In Memory of Beloved*

*Father, Mother & Brother*

**ABRAHAM, PAULINE & GEORGE**

**KAPLAN**

Deborah Abrams

Esther Litchfield

WITH SYMPATHY

**BELGOR CORPORATION**

4920 — 9th AVENUE

Brooklyn, N. Y.

IN MEMORY OF THE KINSMEN
WHO DIED THROUGH THE
HANDS OF TYRANNY

**CONGREGATION**
**ANSHEI SHOLOM-KOIDANOV**

S. Rand, *Pres.*

33 JEFFERSON ST. NEW YORK, N. Y.

CONDOLENCES FROM

**HYGRADE FOOD PRODUCTS CORPORATION**

30 CHURCH STREET

New York 7, N. Y.

CONDOLENCES FROM

**I. J. MORRIS INC.**

*FUNERAL HOME*

9701 CHURCH AVENUE

Brooklyn, N. Y.

DIckens 2-1273

CONDOLENCES FROM

**S. MEYERSON**

15 CROWN STREET

Brooklyn, N. Y.

---

IN MEMORY OF
MY BELOVED MOTHER

**RIVKAH HECHT**

**ROSE WEINTRAUB**

INDIAN ROAD TOMS RIVER, N. J.

---

TO THE HALLOWED MEMORY
OF THE MARTYRS

**MR. & MRS. BERNARD GROSSMAN**

1266 — 50th STREET
Brooklyn, N. Y.

---

IN MEMORIAM

**KOIDANOVER LADIES SOCIETY OF BROWNSVILLE**

Mrs. Alpert, Pres.

CONDOLENCES FROM

**HARRY PINCUS**

**"BOBBY LANE"**

1099 CONEY ISLAND AVE. BROOKLYN, N. Y.

Condolences from

**JO-MAR COAT CO.**

237 WEST 37th STREET

New York, N. Y.

With Sympathy

**PAULINE KRASNER**

1663 PARK PLACE

Brooklyn, N. Y.

Condolences from

**JEWISH MEMORIAL CHAPEL, INC.**

1406 PITKIN AVENUE

Brooklyn, N. Y.

In Memoriam

**BELLA RAKOVCHICK**

80 ROCKAWAY AVE.

Brooklyn, N. Y.

WITH SYMPATHY

**JOSEPH ARONSON**

2160 BRONX PARK EAST

BRONX, N. Y.

---

Compliments of . . .

**LOUIS A. RIFKIN & FAMILY**

25 WEST 44th STREET NEW YORK, N. Y.

---

IN MEMORY OF

**SGT. JOSEPH HECHT**

**RIVKAH HECHT**

---

WITH SYMPATHY

**H. L. KLEBANOW**

247 WEST 37th STREET NEW YORK, N. Y.

IN MEMORY OF MY BELOVED PARENTS

**JACOB AND IDA**

**DORA PRICE**

960 GRANT AVENUE — BRONX, N. Y.

---

WITH SYMPATHY

**CHARLES EVANS**

122 — 5th AVENUE — NEW YORK, N. Y.

---

IN MEMORY OF MY BELOVED PARENTS

**JACOB & CHIRA OSHEROVSKY**

**VERA LIFSHITZ**

715 ST. MARKS AVE. — BROOKLYN, N. Y.

---

IN MEMORY OF MY DEAR PARENTS

**YETTA & NEHACH**

**RENA BERNSTEIN**

73-48 — 194th STREET — FLUSHING, L. I., N. Y.

Condolences from

**JOSEPH RAKOFF**

80 ROCKAWAY AVE.
Brooklyn, N. Y.

---

Compliments of . . .

**SINGER & SINGER**
**HARDWARE**

335 SUTTER AVENUE
Brooklyn, N. Y.

---

Condolences from

**DR. ISAAC GROSSMAN**

297 EAST 10th STREET
New York, N. Y.

---

With Sympathy

**YELLIN BROS.**

240 WEST 37th STREET
New York 18, N. Y.

---

With Sympathy

**LOUIS FRIEND**

FERNDALE, N. Y.

---



צום אייביקן
אָנדענק
אונדזער
ליבן
לאַנדסמאַן

**חיים זינגער**

**פאַראייניקטע קוידענאָווער**

---

Compliments of . . .

**KENOSIA LODGE**

Bertha & Joseph Grossman

DANBURY
Connecticut

---

In Memory of

**ISAAC LIPSHITZ**

**EVA LIPSHITZ**

In Memory of the
Relatives Lost in Russia

**HARRY GELFAND**

114 RIVER STREET

Paterson, N. J.

---

In Loving & Everlasting
Memory of My Beloved Father

**MOSHE CHURGIN**

**Mr. & Mrs. Max Goldstein**

1415 FULTON AVENUE

Bronx 56, N. Y.

---

With Sympathy

**ANNA HECKER**

NEWARK, N. J.

---

Condolences from

**SAM HELLER**

1710 CARROLL STREET

Brooklyn, N. Y.

---

**צום אייביקן אָנדענק**

אונדזער טייערן און ליבן לאַנדסמאַן

**יאָסל שאַכנאָוויטש ע"ה**

**געווען אַ האַרציקער און גוטער**

**מענטש צו די לאַנדסלייט**

מיר וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן

**פאַראייניקטע קוידענאָווער**

---

In Loving Memory of My Uncle

**Aaron Mayer Meyerson**
**& His Family**

**Jack A. Kantor**

100 BENNETT AVE.

New York, N. Y.

---

In Loving Memory of Our Uncle

**Aaron Mayer Meyerson**
**& His Family**

**Mr. & Mrs. Jos. Bellman**

131-03—101st STREET
Richmond Hill, L. I., N. Y.

---

In Loving Memory of Our
Beloved Uncle

**Aaron Mayer Meyerson**
**& His Family**

**Mr. & Mrs. Chas. Meyerson**

530 EAST 90th STREET
New York, N. Y.

צום אָנדענק

פון אונדזערע געפאַלענע לאַנדסלייט
און אויך אונדזערע ליבע עלטערן

**ברוך מרדכי און ליבע**
**מאירסאָן**

1683 BOSTON ROAD
Bronx, N. Y.

---

Condolences from

**Mrs. FANNY GOLDSTEIN**

361 IRVING AVENUE
Brooklyn, N. Y.

---

Compliments of . . .

**PARK SOUTH**
**WINE & LIQUOR SHOP**

200 WEST 59th STREET
New York, N. Y.

---

With Sympathy

**H. FEIGERSON**

901 — 79th STREET
North Bergen, New Jersey

---

In Memoriam

**JOSEPH BASHOFF**

5629 KINGS HIGHWAY
Brooklyn, N. Y.

---

In Memory of

**MRS. B. SYMANSKY**

**Barnet Symansky**

72 GOUVERNEUR STREET
New York, N. Y.

---

With Sympathy

**J. SILVERBERG**

BECKLEY
West Virginia

---

Compliments of . . .

**Mr. & Mrs.**
**BENJAMIN SKLAR**

Brooklyn, N. Y.

Compliments of . . .

**CORTLAND WOOLEN CORP.**

240 WEST 37th STREET
New York, N. Y.

Condolences from

**SOL SILVERMAN**

4319 — 18th AVENUE
Brooklyn, N. Y.

In Memory of My Relatives & Friends Who Perished at the Hands of Tyrants

**MAX SLAVIN**

817 EAST 175th STREET
Bronx, N. Y.

Condolences from

**ROSNER-FREILICH**

249 WEST 29th STREET
New York, N. Y.

In Memory of

**MORRIS ROSENBERG**

**Rae Rosenberg**

1065 EAST 9th STREET
Brooklyn, N. Y.

With Sympathy

**PNINA ASHKENAZY**

3916 NEPTUNE AVENUE
Sea Gate Brooklyn, N. Y.

In Loving Memory of My Uncle

**Aaron Mayer Meyerson**
**& His Family**

**Mr. & Mrs. Harry Selin**

1331 OCEAN PARKWAY
Brooklyn, N. Y.

Compliments of . . .

**N. BLACHER**

1786 TOPPING AVENUE
Bronx, N. Y.

Condolences from

**Dr. HENRY H. SCHULTZ**

101 McKIBBEN STREET

Brooklyn, N. Y.

---

In Memory of

**BARNET & CLARA CHURCH**

**DR. A. CHURCH**

ONE EAST 42nd STREET

New York, N. Y.

---

Condolences from

**Mr. & Mrs. MAX JOSEPH**

---

In Memory of My Beloved Brother

**AARON MAYER MEYERSON**

**& His Family**

**Mr. & Mrs. SHER**

Bronx, N. Y.

---

With Sympathy

**J. RUBINSTEIN**

985 EAST TREMONT AVE.

Bronx, N. Y.

---

Compliments of . . .

**ELLIS J. MEYERSON**

1457 BROADWAY

New York 18, N. Y.

---

In Memory of

**SARAH & IRVING MACHIZ**

**Mr. & Mrs. JOSEPH MACHIZ**

651 WEST 178th STREET

New York City

---

Compliments of . . .

**G. & S. SILK CO.**

592 EIGHTH AVENUE

New York, N. Y.

---

In Memory of My Parents

**TEVIA & GUTA HUREWITZ**

**MEYER HUREWITZ**

---

In Memory of the Martyrs

**Mr. & Mrs. ISIDORE LIFSCHITZ**

568 MAPLE STREET

Brooklyn, N. Y.

---

In Loving Memory of Our Uncle

**AARON MAYER MEYERSON**

**& His Family**

**Mr. & Mrs. IRVING MEYERSON**

835 FRONT STREET

Hempstead, L. I., N. Y.

---

צום אָנדענק פון מיין ליבן ברודער

**אַרע מאיר מאירסאָן און פאַמיליע**

**שלום מאירסאָן**

530 EAST 90th STREET

New York, N. Y.

---

Condolences from

**HANNAH SCHWARTZ**

828 BELMONT AVENUE

Brooklyn, N. Y.

---

Condolences from

**SAMUEL RIFKIN**

4010 SAXON AVENUE

Bronx, N. Y.

---

Compliments of . . .

**NATHAN FORMAN**

651 LINDEN BOULEVARD

Brooklyn, N. Y.

---

Compliments of . . .

**HELLER BROS.**

**Manufacturing Furriers**

129 WEST 29th STREET

New York, N. Y.

Condolences from

**Dr. B. HERMAN, D.D.S.**

117 SOUTH 2nd AVENUE
Mount Vernon, N. Y.

---

Compliments of . . .

**SUPERB MEAT PRODUCTS, Inc.**

90 DELANCEY STREET
New York, N. Y.

---

Compliments of . . .

**Dr. RICHARD I. KILSTEIN**

81 EAST 79th STREET
New York, N. Y.

---

Condolences from

**Mr. & Mrs. ABE MARSON**

1995 DAVIDSON AVENUE
Bronx, N. Y.

---

Condolences from

**LEAH SOMMERS**

130 FORT WASHINGTON AVE.
New York, N. Y.

---

In Memory of My Sister

**SARAH ABELOFF**

**ABRAHAM ROGER**

2886 BRIGHTON 6th STREET
Brooklyn, N. Y.

---

Condolences from

**ROSE PERLMAN**

940 FOX STREET
Bronx, N. Y.

---

In Memory of

**SAM KILSTEIN**

**IDA, LILLIAN & JACK KILSTEIN**

1810 AVENUE N
Brooklyn, N. Y.

---

Compliments of . . .

**ALBERT SKLAR**

**REAL ESTATE - INSURANCE**

4401 FT. HAMILTON PARKWAY
Brooklyn, N. Y.

---

Compliments of . . .

**IRVING GOLD**

1945 — 19th LANE
Brooklyn, N. Y.

---

Condolences from

**Mr. & Mrs. ROSENBERG**

---

In Memory of

**MEYER STEIN**

**SAM STEIN**

---

Compliments of . . .

**REAL KOSHER SAUSAGE CO.**
**Inc.**

15 RIVINGTON STREET
New York, N. Y.

---

Condolences from

**Dr. & Mrs.**
**SEYMOUR ROSENBLUM**

1923 — 84th STREET
Brooklyn, N. Y.

---

With Sympathy

**RAE LIFSCHITZ**

9311 AVENUE A
Brooklyn, N. Y.

---

Condolences from

**Mr. & Mrs. SCHWARTZ**

1115 EAST 165th STREET
Bronx, N. Y.

Compliments of . . .

**SCHERLING & SONS**
**HARDWARE**
7315 — 20th AVENUE
Brooklyn, N. Y.

With Sympathy
**DR. WM. CHARKES**
7302 BAY PARKWAY
Brooklyn, N. Y.

Condolences from
**JACOB KAPLAN**
30 BRONSON STREET
Waterbury, Conn.

Compliments of . . .
**DITMAS REFRIGERATION CO.**
**Inc.**
1159 BEDFORD AVENUE
Brooklyn, N. Y.

Condolences from
**Mr. & Mrs. HERBERT SENREICH**
824 CROWN STREET
Brooklyn, N. Y.

Compliments of . . .
**BETTY & MEYER SHER**
1615 LINCOLN PLACE
Brooklyn, N. Y.

With Sympathy

**H. & A. BAIMAN INC.**

250 WEST 39th STREET

New York, N. Y.

In Memory of My Brother
& His Family, The
**JACOB MARGULIES FAMILY**
**MR. & MRS. S. ELKINS & FAMILY**
101 SCHUYLER AVENUE
Newark, N. J.

With Sympathy
**Mr. & Mrs. JOSEPH COOPER**
2001 EAST 9th STREET
Brooklyn, N. Y.

Condolences from
**Mr. & Mrs. SAM BINDER**
705 BRISTOL STREET
Brooklyn, N. Y.

With Sympathy
**ABRAHAM EVANS**
492 POWELL STREET
Brooklyn, N. Y.

With Sympathy
**A. B. CHERTOFF**
1559 CARROLL STREET
Brooklyn, N. Y.

Condolences from
**Mr. & Mrs. HARRY RIFKIN**
3805 — 15th AVENUE
Brooklyn 18, N. Y.

In Memory of Our Beloved Brother
**AARON MAYER MEYERSON**
**& His Family**
**Mr. & Mrs. RALPH COHEN**
1275 GRANT AVENUE
Bronx, N. Y.

In Memory of My Beloved Father
**AARON MAYER MEYERSON**
**& His Family**
**DORA MARDER**
201 WEST 89th STREET
New York 24, N. Y.

*IN MEMORIAM*

Of the death of the 1600 Men, Women and Children of Koidenov, who perished by the hands of the Nazis

## MR. & MRS. IRVING EVANS & FAMILY

of the

EVANS KIAMISHA HOTEL

Kiamisha Lake, N. Y.

---

*COMPLIMENTS OF*

**ROBERT EVANS, Ph.G.**

**PHARMACIST and CHEMIST**

The Leading Southside Druggist

192 MONTAUK AVENUE
Brooklyn, N. Y.
Telephone APplegate 7-9580

---

## לזכרון עולם

אונדזערע ליבע עלטערן

**בערל און שרה אַזערסקי**

און אויך אַלע אונזערע קרובים און לאַנדסלייט וועלכע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם

טעכטער

**עטקע סליעפּיאַן**

**און דאָבקע מאָסקאָוויטש**

---

**IN MEMORIAM**

**MORRIS GLINN**

Beloved Husband, Father and Grandfather

You will live forever in our heart.

Your Wife Dinah
Daughters, Eleanor and Jean
and Granddaughter, Susan

---

**IN MEMORIAM**

Of Our Beloved Parents

**ISRAEL AND RACHEL EVENCHIK**

May their Souls Rest in Peace, together with the 1600 Martyrs of our town Koidanov.

**From Louis, Ely, Sam and Sarah**

---

In Memoriam of My Dear Parents

**LENA AND WILLIAM TISCH**

May Their Souls Rest in Peace

**ABRAHAM TISCH**

אברהם רייזען

# הימישע געשטאַלטן

דערציילונגען

(אַ מתנה מיינע קוידענאָווער לאַנדסלייט)

ניו-יאָרק, 1955

Published by
**United Koidanover Ass'n, Inc.**
New York, N. Y.

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, 37 East 18th St., New York, N. Y.



**אברהם רייזען**

# אינהאַלט


דער יידישער רייטער ........ 7

אונטערן גרינעם בוים ........ 15

זומערדיקע געסט ........ 20

צווישן די בוימער ........ 26

אַן אַנדער מענטש ........ 32

צוויי עפּל־פּאַרקויפערס ........ 37

גרינע בלעטער ........ 43

אַמאַליקע חברטעס ........ 49

פּאַרטאַג ........ 54

געשלאָסן אַ געשעפט ........ 58

אין גאַנג פון דורות ........ 61

ווען ער קומט אַהיים ........ 67

דער אָרימער מאַלצייט ........ 73

געראַם אין שניידערשער שול ........ 78

די גלעזערנע פושקע ........ 84

אַ נייער פריינט ........ 88

דער היימישער קאָנצערט ........ 92

אויף אָרעמע חתונות ........ 98

דער פריינטלעכער וויזיט ........ 104

די יונגע מצה־וועלגערינס ........ 109

די נייע־געבוירענע ........ 114

אָנהויב פרילינג ........ 121

דער דאָפּלטער יום טוב ........ 126

יונגע גבאיטע ........................ 133
וואו איז יושר? ........................ 138
די ערשטע באַשטעלונג ........................ 141
אַ גבירישע לאַטע ........................ 146
אַן אַמעריקאַנער ניגון ........................ 152
יעקב דער בעל־עגלה ........................ 157
דער לוח־למדן ........................ 162
דער שייגעץ פאָרט קיין אַמעריקע ........................ 166
צו דער באַן ........................ 171
אַ היימישע זאַך ........................ 177
דאָס דערהויבענע ליד ........................ 185

## לידער

צוויי חברים ........................ 191
איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד ........................ 198
אין דעם נייעם לעבן ........................ 199
אַ טאָג, סוף זומערדיק ........................ 201
דיכטער־פאַנטאַזיע ........................ 202
דער מענטש ........................ 203
אין רעגן, אין ווינט ........................ 203
פאַרזאַמט ניט ........................ 204
היימלאַנד ........................ 205
צוויי שטעט ........................ 206
אין ארץ־ישראל ........................ 208

# דער יידישער רייטער

בערל צאַרפּין, וועלכן מען האָט, ניט געקוקט אויף זיין „לגאָטע״ פון צווייטן גראַד, אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, האָט באַלד נאָך זיין אָנקומען אין דער באַשטימטער ראָטע פון דעם באַשטימטן פאָלק, זיך צוגעפּאַסט צו דער לאַגע און אָנגענומען פילאָזאָפיש דעם יאָך פון דינסט.

ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר די עטלעכע „יונגע״ יידישע סאָלדאַטן אין דערזעלבער ראָטע, וואָלט ער אַפילו געזאָגט, אַז ס׳איז גאָרניט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט.

יענע, אָבער, האָבן זיך אַזוי שטאַרק געקלאָגט אויף דער שוועריקייט, אַז צאַרפּין האָט ניט געוואָגט אַרויסצולייגן פאַר זיי זיינע פּערזענלעכע מיינונגען

ערשטנס, קענען זיי נאָך מיינען, אַז ער איז אַ פּאַטריאָט, און דאָס וואָלט שוין אין יענער צייט צאַרפּינען באַלידיקט. צאַרפּין איז שוין אַפילו דעמאָלט, ביי דעם אָנהויב פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג געווען נאָענט מיט זיין געדאַנק צום אינטער־נאַציאָנאַליזם.

קיין פּאַטריאָט טאָקע ניט. דאָס וואָרט פּאַטריאָט איז אַ באַלידיקונג פאַר אַ מענטשן מיט זיינע געדאַנקען. אָבער ווי באַלד אַז אין רוסלאַנד וואוינען אַזויפיל און אַזויפיל יידן, איז דאָס דינען אין מיליטער אויך זיינע אַ פליכט.

זיין פּאַרדרוס און זיינע פּאַראיבלס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן ווען ער איז אין די ערשטע וואָכן פון זיין „דינען״ געוואויר געוואָרן פון די גזירות און פאַרבאָטן אויף יידן אין מיליטער בכלל.

אין דער גאַנצער דיוויזיע, וואָס געפינט זיך אין דער שטאָט, וואו ער „דינט״, איז ניטאָ ניט נאָר קיין איין ייד אַן אָפיציר, נאָר אַפילו קיין איין ייד אַ פעלדפעבל, צי אַן אונטער־אָפיציר.

ער איז זיי מוחל די אָפיצירן מיט די פעלדפעבלס מיט די אונטעראָפיצירן.

ער אַליין האָלט ניט פון מיליטאַריזם און פון די אַלערליי ראַנגען זייערע. נאָר דאָס באַליידיקן דאָס יידישע פאָלק — דאָס האָט אים געאַרט און אַפילו ווײ געטאָן.

אין דעם יאָר, ווען ער איז אָנגעקומען דינען, האָט זיך אַפילו ניט געפונען קיין ייד אַ „שרייבער" אין אַ ראַטנער קאַנצעלאַריע.

דאָס העכסטע צו וואָס אַ ייד האָט זיך געקאָנט דערדינען איז צו ווערן אַ יעפרעיטאָר — אַ ראַנג, וואָס האָט געהאַט אַ קאָמישן אָפּקלאַנג: „יעפרעיטאָר". די פּראָסטע סאָלדאַטן, אַפילו זיי, לאַכן פון אַזאַ מין דערהויבונג.

פון דעסטוועגן האָט זיך צאַרפין נאָכגעפרעגט אויף דעם דאָזיקן יעפרעיטאָר.

— וואו איז ער? אין וועלכן פאָלק, אין וועלכע ראָטע, און וואָס איז ער פאַר אַ מין ייד — אַ פּראָסטער צי אַ געבילדעטער? און ווי אַזוי איז ער מיט זיינע סאָלדאַטן, די יידן: איז ער מיט זיי מילד, צי שטרענג?

אַוודאי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער איינציקער יעפרעיטאָר, דער ייד מיטן איינציקער בענדל אָנגענייט אויף זיין לינקער שליפע פון ביליגן מונדיר און נאָך ביליגערן גרויען שינעל, איז אַ וואוילער מענטש. מיט יידישע סאָלדאַטן רעדט ער ידיש, און מיט די סאָלדאַטן די גויים, וואָס זיינען אונטער זיין ממשלה — צוועלף אין צאָל — בעגייט ער זיך ווי אַ נאַטשאַלניק, אָבער מיט חסד... דער איינציקער יידישער יעפרעיטאָר אין גאַנצן גאַרניזאָן פאַרשאָפט, הייסט עס, דעם יידישן נאָמען כבוד.

מען דערציילט אַפילו, אַז דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט אים שוין געוואָלט מאַכן פאַר אַן אונטער־אָפיציר, אָבער ער קען ניט גיין איבערן געזעץ. איז נאָך יענער דערווייל אַ יעפרעיטאָר.

איז דאָס צאַרפינען געווען אַ קנאַפּע פאַרגיטיקונג. „וויס איך וואָס — אַ יעפרעיטאָר! שוין בעסער, אַז עס וואָלט אַפילו אַזעלכער אויך ניט געווען. זאָל שוין די זינד פון דער רעגירונג, פאַר די גזירות און פאַרבאָטן אירע, זיין פאַרפול". דער דאָזיקער יעפרעיטאָר, ווי קליין און אַפילו באַליידיגנדיק זיין „ראַנג" איז, מינערט ער פאַרט די מאָס רשעות פון די רעגירער... צוגעוואָרפן אַ יעפרעיטאָר!

נו, יאָ... שפּעטער שוין, ווערט צאַרפין געוואויר, אַז ווי גאַרנישט — אין איין פאָלק אין דער דיוויזיע איז דער קאַפּעלמייסטער אַ ייד. דער איינציקער ייד אין גאַנצן גאַרניזאָן — אַ קאַפּעלמייסטער.

מיט דעם מיליטער האָט עס אַפילו דירעקט ניט צו טאָן, פונדעסטוועגן

האָט צאַרפּין גרויס נחת פון דעם דאָזיקן יידישן קאַפּעלמייסטער. געזען האָט ער אים נאָך ניט. יענער דינט אין אַן אַנדער פּאָלק. אָבער די „עלטערע" סאָלדאַטן, די יידישע, פון צאַרפּינס ראָטע, דערציילן, אַז זיי האָבן אים שוין געזען דיריגירן דעם אָרקעסטער.

— אַ מאַן אַ העלד! אַ הויכער, און אָנגעטאָן איז ער ווי אַן אָפיציר. און אין זיין מיליטערישער היטל — אַ קאָקאַרדע, נאָר די קאָקאַרדע איז פון אַן אַנדער מין. אויך טראָגט ער אַ שפּאַגע ביי דער זייט. זי איז קלענער פון אַ שווערד, אָבער די שייד איז נאָך אַ שענערע.

צאַרפּין לויכט אויף. נאָכן יעפרעיטאָר איז אַ קאַפּעלמייסטער אַ דערהויבונג. נישט מער, קיין אָפיציר איז דאָס ניט. קיין „טשעסט" אָפּגעבן קומט אים ניט. און אויב מען גיט אים יאָ אָפּ טשעסט, איז דאָס בלויז צוליב זיין שיינעם מיליטערישן מונדיר מיט דער שפּאַגע און מיט דער קאָקאַרדע.

שפּעטער שוין דערגייט ער, אַז דער „סיגנאַליסט" פון פּאָלק איז אַ ייד. קיין ראַנג איז דאָס ניט, אַ פּשוטער סאָלדאַט ווי יעדער; נישט מער, ביי אַ פּאַראַד, צי ביי אַ „סמאָטר", פּאָרט רייטנדיג דער סיגנאַליסט זייט ביי זייט מיטן קאָמאַנדיר פון פּאָלק. מען דערציילט, אַז דאָס פערד, אויף וועלכן דער סיגנאַליסט פּאָרט, צי זיצט, איז אַ וויסער.

— הם... אַ סיגנאַליסט אַ ייד... ווי אַזוי קומט עס טאַקע אין אַ צייט פון אַלערליי פּאַרבאָטן?

וויזט זיך אַרויס, אַז וויבאַלד אין די געזעצן איז ניט אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אַ ייד טאָר קיין סיגנאַליסט ניט זיין און דער יידישער סאָלדאַט, אַ הויכער, אַ שיינער און אַ גערויטענער, און רעדט אַ שיינעם רוסיש — האָט דער קאָמאַנדיר זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק און אים אויסגעקליבן פאַר דעם סיגנאַליסט. מען דערציילט נאָך, אַז דער קאָמאַנדיר האָט אָט דעם סיגנאַליסט זייער ליב. ער באַגייט זיך מיט אים ווי מיט אַ גלייכן און זאָגט אים „איר".

איז טאַקע צאַרפּין אַ בעלן געווען זען דעם דאָזיקן סיגנאַליסט זייט-ביי-זייט מיטן קאָמאַנדיר — אויפן ווייסן פערד.

---

אַרויסגעצויגן זיך אין מיטן מאַי פון די שטאָטישע קאַזאַרמעס אין „לאַגער" אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע האַרץ פון אַ וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן מיט זיין גרינקייט אויף אַ ווייטער שטרעקע, האָט זיך צאַרפּין צוגע-

פאַסט צו דער מיליטערישער דינסט מיט אירע יאָכן און פריהייטן, מיט אירע מאַנגלען און מיט דער געוויסער זאָרגלאָזיקייט. ער האָט אָנגעהויבן צוקוקן זיך צו דעם לעבן פון די סאָלדאַטן. אין פרייע שעהן פון פליכטן איז ער געגאַנגען אין דער „טשאַינע" — אַ לאַנגער בנין פון פרישע ברעטער. אינעווייניק זיינען געזעסן סאָלדאַטן ביי לאַנגע טישן און געטרונקען טיי פון פאַרצעלייענע קריגלעך, וואָס די האָבן, פאַרשוויצטע, געגאָסן פון אַ גרויסן בלעכענעם „טשאַיניק".

אַזוי ווי אין „לאַגער" איז געשטאַנען די גאַנצע דיוויזיע, האָט אויך אין טשאַינע ניט געפעלט קיין ידישע סאָלדאַטן. אַנדערע פון זיי זיינען געווען געסט פון אַנדערע פאָלקן, וואָס זיינען געקומען אַהער צו זייערע „לאַנדסלייט" און פריינד.

צאַרפין האָט אויסגעזוכט אַ טיש, וואו עס זיינען געזעסן ידן. ניט צוליב דעם, וואָס די גויאישע סאָלדאַטן זיינען אים געווען פרעמד, נאָר מיט אייניקע פון די ידישע סאָלדאַטן איז ער שוין געווען פאַרבונדן אידעאיש. איינער פון זיי, מיט דעם פאַמיליע־נאָמען משורר, וואָס האָט גערעדט דווקא רוסיש, האָט שוין געהערט צו אַ פאַרטיי, וואָס האָט שוין אין איר פראָגראַם געהאַט די באַפרייאונג פון די פויערים. אָט דעם משוררן איז דווקא געווען פרעמד צאַרפינס געפילן וועגן ידן. אָבער ס'האָט אים געצויגן צו צאַרפינען ווי צו אַ מענטשן מיט אַן אויפריכטיקער נאַטור. אויך צאַרפין האָט אים שוין פאַרטרויט וועגן זיין אַגיטאַציע צווישן די גראַמאָטנערע סאָלדאַטן.

האָט שוין צאַרפין געפילט, אַז אויך משוררן, מיט אַנדערע געדאַנקען וועגן ידישן פאָלק, פאַרדריסט פונדעסטוועגן וואָס עס הערשן אַזעלכע ברוטאַלע באַגרענצונגען פאַר ידן אין מיליטער.

— נו, יאָ... אָודאי... — פלעגט משורר, טרינקענדיק זיין טיי, צושטימען — מיט דער באַפרייאונג פון רוסישן פאָלק וועלן אויך די ידן באַפרייט ווערן.

האָט שוין צאַרפין זיך ניט געקאָנט באַהערשן און דערציילט משוררן פון זיין גדולה:

— אין אונדזער פאָלק איז דער סיגנאַליסט אַ ייד. ווי געפעלט אייך?...

משורר האָט געשמייכלט:

— ווייס איך... אַ סיגנאַליסט... מסתמא קיין אַנדערן ניט געקענט קריגן. אַן איינרעדעניש, אַז ידן זיינען פעהיק, ווען עס קומט צו מוזיק. און די מוזיקאַנטן אין פאָלק זיינען טאַקע דאָס רוב ידן.

און משורר האָט שוין געגעבן אַן עצה צאַפּרינען, אַז וויבאַלד ער אינטערעסירט זיך אַזוי מיט ידישע סאָלדאַטן וואָס וועלן דערהויבן, זאָל ער אַליין אַריינקומען אין דער מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע.

— אַלס מוזיקאַנט קענט איר ווערן אַפילו אַן אונטער־אָפיציר.

צאַרפּין האָט געשמייכלט. ער איז ניט אויסן קיין ראַנג פאַר זיך. אים גייט־אָן, וואָס אַ פאָלק און גראָד זיך פאָלק, ווערט באַלידיקט.

---

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז צאַפּרין אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ מוזי־קאַנט.

אַנקומענדיק סוף זומער, ווען מען האָט שוין, קומענדיק פון די מאַנעוורעס, זיך אַריינגעקליבן — פון די לאַגערן אין וואַלד — צוריק אין די שטאָטישע קאַזאַרמעס — אין דער מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע. האָט זיך צאַרפּין דערפילט, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון מיליטער־דינסט און ער איז דאָס אַנגעקומען אין אַ קאָנסערוואַטאָריע... און דער גרעסטער טייל פון די שילער זייַנען יידן...

ווען ניט די סאָלדאַטסקע מונדירן און ווען ניט די שפּייז, וואָלט צאַפּרין זיך פאַרגעסן, אַז ער איז אַ סאָלדאַט. ער האָט זיך געפילט ווי אַ באַפרייטער. און דערצו איז ער אַרומגערינגלט פון טענער און קלאַנגען, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט נאָך פון קינדווייז־אויף.

זיין אינסטרומענט — אַ גרעסערער טרומייטער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „באַריטאָן", האָט אויסגעזען זייער שיין. מיט זיינע געפּלאַכטענע רערן און מיט זיין אויבערשטער רונדיקייט, וואָס האָט געפינקלט ביז טיף אין אינעווייניק און ביי די אַלע זיינע זייטן, קאַנטיקייט און געדרייקייט, האָט ער, דער אינסטרומענט, צוגעגעבן צאַרפּינען גרויס חשיבות.

דער נייער קאַפּעלמייסטער, וואָס איז, צו צאַרפּינס איבעראַשונג, געווען אַ ייד, האָט איינלערנענדיק די מאַרשן און די וואַלסן און די לייכטערע אוּווער־טורעס, ווענדענדיק זיך צו אים, צאַרפּינען, מיט אַ באַמערקונג וועגן אַ טאָן, אין דער שטיל, האָט אים אַריינגעזאָגט אַ וואָרט אין ידיש — צו מוטיקן אים.

צאַרפּין האָט זיך פאַר גליק אַזש געררויטלט.

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ווען צאַרפּין האָט שוין געשפּילט אַפילו אויף מיליטערישע פּאַראַדן און אויף גרויסע סמאָטרעס.

אויף איין סמאַטרע האָט מען דערוואַרטעט, אַז דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר וועט קומען „סמאַטרעווען" — דאָס איז געווען אַן אַלטער גענעראַל מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ שטרענגער, אַ פּינקטליכער און אַפילו די קנעפּ ביי די סאָלדאַטן באַטראַכט ער; און ווי יידישע סאָלדאַטן האָבן גערעדט, איז ער אויך אַ שונא פון יידן — האָט צאַרפין זיך געגרייט מיט שרעק און האַרצקלאַפּונג צו דעם „סמאַטר".

נאָך אַלע גליקן איז ער אַ ייד, אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער, פיינטלעכער וועלט. ניט נאָר הערשט מיליטאַריזם, נאָר שנאה און מלחמה צו יידן בכלל... און אָט וועט סמאַטרעווען דער דיוויזיע־גענעראַל!... פון אים אַליין שטאַמען אויך געגנוג גזירות און באַגרענעצונגען.

וואָס וועט דאָ פּאַסירן?

האָט צאַרפין זיך געגרייט אַליין און אויפמערקזאַם געמאַכט די איבעריקע מוזיקאַנטן, די יידן:

— זייט אַלע פּאַרזיכטיק. אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג... וואָרעם, אַז ער וועט זען אַ יידישן אָרקעסטער מיט אַ יידישן קאַפּעלמייסטער, וועט ער זיך טשעפּען.

און אָט איז געקומען דער טאָג פון דעם סמאַטר.

סוף זומער. אין לאַגער.

דער פּאָלק איז געשטאַנען אין זיין גאַנצן גרויס, אין מיליטערישן באַשטאַנד — מיט די זעכצן ראָטעס אויסגעשטעלט ניט ווייט פון די ביידלעך, די „פּאַלאַטקעס", וועלכע האָבן אַלע געפּוצטעווועט. נאָר ביי די אַריינגאַנגען זיינען געשטאַנען די דניעוואַלנעס, די שוואַכערע, וואָס זיי האָט מען געלאָזט היטן די ביידלעך.

צאַרפין, וועלכער איז געשטאַנען אין דער ערשטער רייע פון דעם אָרקעסטער, האָט באַטראַכט דאָס בילד. אָט זיצט אויף זיין פערד דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק און ביי זיין זייט, אויף זיין ווייסן פערד, זיצט הויך און שלאַנק דער יונגער יידישער סיגנאַליסט. זיינע שוואַרצע אויגן קוקן אין אַלע זייטן. זיין בליק איז אָבער אַ ווירדיקער. דער קאָמאַנדיר קוקט זיך אום צו אים, זאָגט אים עפּעס, ווי זיינעם אַ גלייכן, און ער קוקט פאָרויס. דער סיגנאַליסט בליקט אויף צום זעלביקן פונקט. יונג און שיין־געשטאַלטיק זעט ער אויס, אויפן ווייסן שלאַנקן פערד — שענער און העכער פאַר דעם קאָמאַנדיר.

צאַרפּין ווערט פאַרכאַפּט פון דעם דאָזיקן סיגנאַליסט, ווי פון אַ וואונדער. אַרום און צווישן די סאָלדאַטן רייען הערשט אַ גרויסע שטילקייט.

און דאָ נעמט דער סיגנאַליסט דעם טראָמפּייט, וואָס הענגט אויף אַ שיינעם רויטן שנירל ביז זיין ברוסט, אַ פינקלדיקער קעגן דער זון, און ער גיט די געהעריקע סיגנאַלן. איבער דעם גאַנצן פּאָלק גייט דורך ווי אַ ציטער.

אַ שאָלונג אין דער מחנה...

דער אַלטער גענעראַל, אין זיינע גענעראַלסקע קליידער, הויבט זיין אויס־געדאַרטע האַנט און סאַלוטירט מיט גרויס ערפורכט.

דאָס סאַלוטירט ער די פאָנען פון פּאָלק גופא.

אָבער איבער די אַלע זיצט הויך און פעסט אויף דעם ווייסן פערד דער סיגנאַליסט... און ס׳קומט אויס, אַז אַלע בליקן זיינען געווענדט צו אים.

נאָך זיינע סיגנאַלן, וואָס ער האָט אַזוי הויך און אַזוי קלאָר אָפּגעקנאַקט אויף זיין טראָמפּייט, צעפייקלען זיך די פייקלער — זעכצן פייקלער, מיט יידישע פּנימער, גיבן דעם טאַקט צום מאַרש. און באַלד דער אָרקעסטער, נאָכן ערשטן וואונק מיטן שטעקעלע פון דעם יידישן קאַפּעלמייסטער.

פרעגט בחרם דעם אַלטן גענעראַל וואָס דאָ האָט פּאַסירט... ווער עס האָט געגעבן די סיגנאַלן, ווער עס האָט זיך צעפייקלט און ווער עס האָט זיך צעשפּילט...

דעם סוד האָט געוואוסט בלויז איין צאַרפּין... און נאָך דעם „סמאָטר״ האָט ער עס דערציילט דעם פריינט זיינעם, דעם רעוואָלוציאָנער משורר.

— איר פאַרשטייט, אָפיציעל איז דאָ אין פּאָלק איין יידישער יעפרעיטאָר, אָבער ווען איר זעט דעם סמאָטר — ווי די גאַנצע ערשטע ריי, די מוזיקאַנטן, און פאָרויס דער יידישער סיגנאַליסט, וואָס איז געזעסן אַזוי שיין אויף דעם ווייסן פערד און געקוקט פאָרויס, און די פייקלער נאָך דערצו — אַלע זעכצן יידישע פייקלער — האָט שוין דער קאָמאַנדיר מיט זיין גאַנצן מאַיעסטעטישן אויסזען באַקומען אַן אַנדער מינע. ערנסט און גוטסקייט האָט אויסגעדריקט זיין גאַנצע האַלטונג.

— און דער גענעראַל — האָט שוין צאַרפּין געשמייכלט — איז געווען ווי דערשראָקן און ווי פאַרוואונדערט. צי האָט ער געפילט וואָס דאָ קומט פאָר, צי ער האָט טאַקע געוואוסט — זיין מינע איז געוואָרן אויס מיליטעריש. זי איז געוואָרן טיף־מענטשלעך, ווי עס וואָלטן ניט געווען אויף דער וועלט ניט קיין פעלקער און ניט קיין לענדער, נאָר ס׳איז דאָ בלויז איין מענטשהייט

און די וועלט איז בלויז איין לאַנד און דאָס אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר איז צוליב אַ הויכן און וויטן, פרידלעכן ציל...

און איבערהויפּט טאַקע דער סיגנאַליסט. עס גלויבט זיך ניט, אַז ער איז אַ פּשוטער סאָלדאַט...

משורר האָט געשמייכלט, ניט געוואָלט נאָכגעבן דעם פאַרטרוימטן צאַרפינען, אַז ס׳איז עפּעס דאָ באַזונדערס. אָבער אויך ער, משורר דער רעוואָלוציאָנער, האָט צוגעגעבן, אַז דאָס בילד איז טאַקע אינטערעסאַנט און האָט דערפון גע־דרונגען, אַז יעדער וואָס ווערט באַליידיקט — מוז ווערן דערהויבן סיי־ווי־סיי.

# אונטערן גרינעם בוים

גיין מיט אַ בוך אונטערן אָרעם איז שוין אין גאַס קיין נייעס ניט געווען. אַפילו אין מאַרק, וואו אויף די לאַנגע גאַניקעס פון די רייען־קראָמען זענען אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג געזעסן די קרעמערינס אָן ליזונג און האָבן יעדן דורכגייער, צי דורכגייערין, באַגלייט מיט די אַלערליי בליקן, פריינטלעכע און קנאַהדיקע, האָט אויך דאָרט אַ יונגער מענטש — אַ בחור צי אַ מיידל — מיט אַ בוך אונטערן אָרעם ניט געמאַכט קיין רושם. מען האָט עס שוין ניט באַוואונדערט און ניט אויסגעלאַכט. קיין גרויסער יחוס איז דאָס שוין ניט געווען. אין שטאָט איז שוין דאָ זינט עטלעכע יאָר אַן אמתע ביבליאָטעק מיט יידישע, העברעאישע און רוסישע ביכער. אויסער דער ביבליאָטעק זענען שוין דאָ אַזש דריי לערער, יונגעלייט פון דער פרעמד, וואָס גיבן אָפּ שטונדן אויף רוסיש, און איינער פון זיי, מאַניסעוויטש, וואָס איז געקומען אַזש פון טיף רוסלאַנד און רעדט טאַקע בלויז רוסיש, האָט אַפילו אַ קלאַס געענדיקט, און אַז מען ענדיקט זיין קלאַס קען מען אָנקומען אין דריטן קלאַס גימנאַזיע, וואָס זי, די גימנאַזיע, געפינט זיך שוין אין דער גרויסער שטאָט, אין דער גובערניע. אויסער די דריי רוסישע לערער איז אויך דאָ אַ לערער, אויך פון דער פרעמד, וואָס גיט־אָפּ שטונדן אויף העברעאיש. ער לערנט דקדוק און פון אַ ביכעלע, וואָס הייסט „שפה חיה", די שפּראַך די לעבעדיקע, הייסט עס — לייענט ער מיט די תלמידים און תלמידות אויף אַ גאָר נייעם שטייגער און בשעת ער לערנט מיט זיי רעדט ער מיט זיי נאָר העברעאיש, לשון־קודש, אָבער אויך, ווי די רוסישע לערער, אָן אַ היטל. אויך די צוויי היימישע לערער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן שטונדן נאָר אין יידיש שרייבן און אָנהייב רוסיש און אַ חשבון־מאַכן, האָבן זיך שוין אויך געקליגט צו ווערן היינט־וועלטיקער. זיי האָבן יידיש אַ נאָמען געגעבן זשאַרגאָן — צו דערהויבן זייער פאַך, עס זאָל קלינגען ווי אויך זיי זענען לערער פון אַ שפּראַך, וואָס מען דאַרף לערנען, ווייל זשאַרגאָן — האָבן זיי שוין געהערט און אַליין וועגן דעם געלייענט — איז אַ שפּראַך, ווי

אַלע שפּראַכן און אַז מען וויל, האָט זי אַפילו אַ גראַמאַטיקע, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי צוזאַמענצושטעלן זיי... און ס׳איז אַ סברא, אַז אַזאַ איז שוין אויך דאָ.

פון אַזאַ גערעטעניש אין לערער און אין בילדונג בכלל און דערצו טאַקע די ביבליאָטעק מיט די עטלעכע הונדערט ביכער, איז שוין דאָס לייענען אַ בוך אַפילו אַ רוסישן, ניט געווען קיין אויסצייכנונג. און אויב אַפילו אַ „זשאַרגאַנישן״, וואָס דאָס איז שוין ניט געווען שמרס אַ ראָמאַן, נאָר אַ זאַמלבוך „דער הויז-פריינט״ און „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, וואָס אַ געבילדעטער לייענט דאָס אויך און עס איז אָנפאַנגס געווען אויך אַ יחוס צו לייענען אַזעלכס — איז מיט דער צייט אויך געוואָרן אַ געוויינלעכער ענין. און אויף אַ יונגן מענטשן — די עלטערע איז אַ בוך איבערהויפּט ניט געלעגן אין זינען — האָט מען זיך שוין ניט אומגעקוקט, ווען ער, צי זי איז געגאַנגען אין גאַס מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. די מיידלעך, וואָס האָבן געוואָלט זיין אַנדערש ווי אַלע, אַז מען זאָל זיי דערזען, האָבן געמוזט שוין טאַקע ווידער זיך אָנטאָן אין שענערע קליידער. אַ זיידענער זאַנטיק אין דער רעכטער האַנט, צי אין אַ הייסן זוניקן טאָג אַן אויפגעעפנטער איבערן שיין-פאַרקעמטן קאָפּ האָט שוין מער געצויגן די נייגעריקייט.

— שאַ, ווער גייט דאָס, ווער איז זי? — פרעגט איין שכנה, זיצנדיק אויפן גאַניק, ביי דער צווייטער שכנה אויפן צווייטן גאַנעק, ווען דאָס מיידל מיטן זיידענעם זאַנטיק גייט שוין אַריבער עטלעכע הייזער און מען מעג שוין וועגן איר רעדן.

ערשט יאָ, ס׳איז פייגל גיטלס, דער שניט-קרעמערינס טאָכטער. די שכנה ווייסט אַקוראַט.

און די פּאָר בחורים, וואָס די דאָזיקע פייגל גיטלס האָט זיך אין גאַנג מיט זיי באַגעגנט, האָבן זי אויך באַטראַכט, אַ באַקאַנטערער האָט אַפילו געצויגן די הוט פאַר איר, אויף אַ גאַר-גאַר געהויבענעם שטייגער.

און טאָמער איז דאָס געווען איינער פון די פיר פרעמדע לערער, האָט ער זיך אַפילו אָפּגעשטעלט און געגעבן איר די האַנט, וואָס אַזוינס איז שוין אויך געווען מאָדע אין גאַס, אָבער ניט יעדער האָט דאָס געוואַגט בפרהסיא, טאַקע מען זאָל ניט באַרעדן, און דער עיקר — מען זאָל ניט אָפּלאַכן... עס זיינען דאָ אין גאַס און אין מאַרק אַזעלכע, איבערהויפּט יונגע ווייבלעך וואָס האָבן אַ טבע, ווען זיי דערזען, אַז אַ בחור גיט אַ מיידל די האַנט — אויסצוטראַכטן, אַז ס׳איז אַ ליבע.

און מען רעדט שוין:

— פייגל גיטלס פירט אַ ליבע מיטן העברעאישן לערער. מען האָט זיי געזען אַפילו זיך קושנדיק אין די פּריסאָדעס...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז צו קושן־זיך איז קיינמאָל ניט געקומען. מען האָט קיינמאָל אינאיינעם אַפילו ניט געשפּאַצירט.

כאָטש הערצער האָבן שטאַרק געבענקט... סיי אין די זוניקע טעג, סיי אין די וואַרעמע ליכטיקע אויסגעשטערנטע לבנה־נעכט...

דאָס באַגעגענען זיך איז געווען אַלע מאָל צופעליק.

פייגל גיטלס האָט טאַקע דערפאַר מער געלייענט, געזוכט די ליבע אין בוך — אין טורגעניעווס אַ ראָמאַן, און אַפילו אין אַ זשאַרגאָנישן בוך: אין אַ סטעמפּעניו, אין אַ יאָסעלע סאָלאָוויי, און אין דעם ראָמאַן „יידישע סטודענטן און יידישע טעכטער"....

אָבער אויב גיין אין גאַס מיט אַ בוך אונטערן אָרעם איז שוין אויס מאָדע, און דערמיט אַליין קען מען שוין קיינעם ניט פאַראינטערעסירן, האָט אָבער פייגל גיטלס אויסגעפונען אַ נייערן מיטל.

אין שטוב איז געווען הייס און טומלדיק. גיין ערגעץ איז ניט געווען וואוהין און אויף אַ שפּאַציר אין גאַס, צי גיין אין מאַרק, צו דער מאַמען אין קראָם, אַפילו מיט דעם זאָנטיק אַן אויפגעעפנטן, האָט די זון צו שטאַרק געברענט, און ס'איז איר געווען ניט אינטערעסאַנט, האָט זי דורכן אָפענעם פענצטער געוואָרפן אַ בליק געגנאיבער — צו דעם שכנס, דעם בעל־הגופס, הויז, מיט דעם בוים מיט די אַראָפּגעהאַנגענע געדיכטע צווייגן ביים טויער פון הויז, צו דער גאַס־צו. ס'איז אי זיין בוים, אי דער בוים פון דער גאַס... און סיי־ווי־סיי איז דער שכן, אנופרי, אַ גוטער גוי, און זומער אַרבעט ער סיי־ווי מיט ווייב און קינדער, מיט די זין און די טעכטער, אויף דעם פעלד, און קומען קומען זיי ערשט אַן אַהיים פאַרנאַכט.

וועט זי, פייגל גיטלס, זיך זעצן אויף אַן אייגענעם בענקל, וואָס זי וועט נעמען פון שטוב, אונטער דעם דאָזיקן בוים, וואָס זיינע צווייגן רוישן אַזוי זינגעוודיק פאַרטראַכט און דער שאָטן זיינער איז אַזאַ קיילעכדיקער — אַרום און אַרום פאַרגאָסן ווי מיט אַ טונקל־בלוילעכן קילן שיין. און מיט אַ בוך אין דער האַנט, זיצן אונטערן בוים, פאַרטיפן זיך אין די לעבנס פון די העלדן פון דעם ראָמאַן, וואָס זי האַלט איצט אין לייענען.

אָפּגעזעסן אַ האַלבע שעה אונטערן בוים, איבערן בוך, ניט אויפהייבנדיק

די אויגן און פאַרטיפט אין לייענען, איז זי עטוואָס מיד געוואָרן. האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן פון בוך, געוואָרפן אַ בליק — ערשט ווער עס גייט פאַרביי, וואָרפט אַ בליק פול מיט באַוואונדערונג און מיט גוואַלדיקן רעספעקט.

מיט אַ בוך אונטערן בוים — האָט מען נאָך אַפילו דעם גרעסטן קענער, די גרעסטע קענערקע ניט געזען. ניט פון רייכן קלאַס און ניט פון מיטעלן קלאַס. די אָרעמע ווייסן דאָך גאַרניט דערפון, זיי זענען פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים — פרנסה מיט חיונה.

דער רושם איז געווען אַ גוואַלדיקער. פייגל גיטלס האָט דאָס אַפילו ניט גע׳חלומט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין אָנטקעגן איר געשטאַנען דער שענסטער בחור פון גאַס, מיט וועלכן זי איז גראָד וויייניק געווען באַקאַנט, און האָט פאַרפירט מיט איר אַ שמועס וועגן העכערע זאַכן, און איבערהויפּט געפרעגט וועגן בוך גופא, גענומען אַפילו ביי איר דאָס בוך אײדל פון איר שויס, אויף וועלכן דער בוך איז געלעגן אָן אויפגעעפנטער, אַ בלעטער געטאָן און אַריינגעקוקט אין איינער פון די זייטן.

— פון ביבליאָטעק? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, צו פאַרלענגערן דעם שמועס, ער זאָל ניט דאַרפן אַוועקגיין פון דעם גרינעם בוים, וואָס זיינע צווייגן האָבן אויך אים, דעם בחור, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט גאָר זייערע בלעטער און ליבלעכן רוישן.

ווען ער קען זיך נאָך צוזעצן אַ ווײַלע, כאָטש אויף דער ערד, ביי אירע פיס — נאָר דאָס וועט ניט פאַסן, עס גייען מענטשן פאַרביי און קוקן.

מיט אַ בוך אונטערן גרינעם בוים... און אונטערן גרינעם בוים איז פייגל נאָך שענער געוואָרן. זי האָט אויסגעזען אונטער די געדיכטע צווייגן, ווי אַ כלה אונטער אַ חופה.

באַלד איז דער שיינער בחור אַוועק. אַ ברירה האָט ער געהאָט! ער האָט ניט געוואָלט, ערשטנס, שטערן איר אין לייענען דאָס בוך, ווייל ווערליק זי האָט אים געזאָגט אין פאַרלויף פון געשפּרעך, איז דאָס אַ בוך, וואָס מען קען זיך פון אים ניט אָפּרייסן... און צווייטנס, איז שוין אויך — מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען — לעבן זיי, ביי דער רעכטער זייט פון בוים, געשטאַנען דער העברעאישער לערער. און מיטן לערער קאָנקורירן האָט אַפילו דער שיינער בחור, פון איין גאַס מיט פייגל גיטלס, ניט געוואָגט.

דער לערער האָט שוין דוקא געזוכט אַ פּלאַץ וואו צוצושפּאַרן זיך. ניט

געוועזן וואו: — האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צום בוים גופא, געקוקט אין פייגלס פּראָפיל און ער האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן דער העלדין פון ראָמאַן, פון דעם בוך, וואָס ער האָט שוין עגלייענט. צו לאַנג פאַרברענגען מיט פייגלען האָט ער אָבער אויך ניט געקענט. אַ פּאָר פאַרבייגייער פון דער אַנדער זייט גאַס האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן, דורכגעגאַנגען, און אַנדערע האָבן זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

פייגל גיטלס זיצט מיט אַ בוך אונטערן בוים און ביי איר רעכטער זייט — דער העברעאישער לערער.

ס'איז דאָ וואָס צו זען.

מיט אַ בוך אונטערן אָרעם איז שוין טאַקע אַ געוויילעכע זאַך. ווענען זעט מען דען ניט אין היינטיקער צייט מיט אַ בוך אונטערן אָרעם! אָבער אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג זיצן מיט אַ בוך אונטער אַ בוים — דאָס דאַרף מען זיך קענען פאַרגינען.

און די אַנדערע מיידלעך פון גאַס, וואָס האָבן אויך ביכער געלייענט, האָבן פייגלען מקנא געווען. נאָכטאָן איר קענען זיי ניט, ווייל ס'איז געווען דער איינציקער בוים אין גאַס, און זי וואוינט פונקט אַנטקעגן — אַ שכנה פון דעם גוי מיט דעם גרינעם בוים ביים הויז.

בפרט, אַז זי, פייגל גיטלס, פאַרכאַפּט שוין דעם בוים גלייך צוועלף דעם זייגער.

און מיטן בוך זיצט זי אונטערן בוים און ווער עס גייט פאַרביי שטעלט זיך אָפּ קוקן, עטוואָס פון דער ווייט. מען וואָגט ניט אַפילו נאָענט צוצוגיין, סיידן אַ יונגער בחור, וואָס קען ניט באַוועלטיקן זיין פאַרלאַנג, ווייל אונטערן גרינעם בוים, פאַרטיפט אין בוך, זעט פייגל אויס אַזוי שיין, אַז מען דאַרף האָבן כחות ניט צוצוגיין און ניט צו באַגריסן זיך מיט איר מיט אַ קלינגענדיקן „זדראַוסטוואויטיע״...

און פייגל איז שוין גענוג אידל געווען צו פאַרפירן אַ געשפּרעך.

און מיט דער צייט האָט זי שוין פאַרן שיינעם בחור, דעם שכן פון דערזעלביקער גאַס, אַרויסגעטראָגן נאָך אַ בענקל. דער בוך איז שוין געלעגן אויף אירע קני אַ פאַרמאַכטער, ביז מען האָט שוין אונטערן גרינעם בוים, זיך מודה געווען, זיצנדיק איינע לעבן דעם אַנדערן, אַז מען האָט זיך שטאַרק ליב...

# זומערדיקע געסט

ווען אברהם דער ווילנער איז אַראָפּ פון דעם אָרימען קעסט, אויף וועלכן שווער־און־שוויגער האָבן אים, צוליב זיין לומדות, געלערנטקייט און זיין אידלקייט בכלל, געהאַלטן מיט אַ פּאָר יאָר מער, ווי זיי האָבן געקענט, ווי אָרימע מענטשן אָן אַ באַשטימטער פּרנסה, — האָט ער זיך גענומען זוכן אַ פּרנסה, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו זיין נאַטור.

אַראָפּ פון קעסט איז ער גראָד נאָך פּסח. די טעג זענען געווען שיינע און וואַרעמע, און עס איז שוין זומער. ער דוקא, וואָס אַ חוץ אַ למדן, אויך אַ געלערנטער און אַ וועלטלעכער מענטש, וועדליק זיין פיינער צונאָמען, „דער ווילנער", האָט עס גערופן פרילינג. און כאָטש ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדער: אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, און אַריינגעצויגן האָט ער זיך מיט זיין ציפּען ערגעץ אין אַ קליין שטיבעלע, טיף אין אַ הויף, טאַקע אויף דער ווילנער גאַס, — האָט אים אָנגעהויבן ציען צו אַ פּרנסה אין דעם ליכטיקן דרויסן, אונטערן פרייען הימל...

און אַזוי ווי ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון בוימער, האָט ער, פאַרביי־גייענדיק אַ בעל־הגופישן הויף און אַריינקוקנדיק טיף אין הויף אַריין וואו עס זענען, ווי אין אַן עיגול, געשטאַנען בוימער, דערקענט, אַז דאָרט איז אַ סאָד... אַ סאָד, וואו עס וואַקסן פּירות — עפּל און באַרנעס...

אַוודאי זענען נאָך די פּירות אויף די בוימער ניט געווען. די בוימער האָבן זיך ערשט צעבליט. אָבער אברהם דעם ווילנער האָט גליך אַ צי געטאָן אַריינצוגיין צום בעל־הגוף און פּרוואון אַ רעד טאָן וועגן דינגען דעם דאָזיקן סאָד און אַריינציען זיך, ווי עס פּירט זיך, אַז מען האַלט אַזאַ פּרוכט־סאָד, אויף איבער זומער טאַקע אין סאָד גופא, וועלכער געפינט זיך טיף אין הויף...

און ער איז אַריין דורך דער אָפענער פאָרטקע אין הויף און באַלד צום בעל־הגוף אין הויז אַריין.

ס׳אַ גליק געווען, וואָס דער בעל־הגוף, פּאַכאָם, וואָס האָט געענדיקט די שטעטלשע אָנפאַנגס־שקאָלע און האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ געלערנטן מענטשן, האָט אברהם דעם ווילנער נאָך זיין שאַרפן „זדראַווסטוואַויטע״ ביים אַריינ־קומען און ביים אַראָפּנעמען דאָס היטל, אויפגענומען פריינטלעך און גע־פרעגט אויף אַן אידעלן אופן: — וואָס וועט דער שכן זאָגן?

אברהם דער ווילנער איז דווקא קיין שכן ניט געווען; ער האָט גע־וואוינט מיט אַ גאַס ווייטער פון אַט דעם פּאַכאָמען. האָט אים דער טיטול „סאָסיעד״ געקלונגען זייער ליב... הייסט עס, אַז דער גוי איז פון די חסידי אומות העולם, פון די, וואָס וועלן האָבן עולם־הבא...

האָט שוין אברהם דעם ווילנערס קלאָר פּנים אויפגעשטראַלט, און די בלויע אויגן — אופגעלויכטן, און די בלאָנדע באָרד, וואָס, כאָטש ער איז נאָך געווען אַ יונגער מאַן, איז זי שוין געווען לענגלעך, האָט זיך ווי מער צעגאָלדיקט... און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ הדרת פּנים, ניט געקוקט אויף דעם כמעט־אָרעמען הילוך זיינעם, וועדליק וואָס עס איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה זיינער מיט ציפען. און אַ חתן איז ער געוואָרן, ווי אַ ישיבה־בחור, גלייך פון דעם שטאָטישן גרויסן בית־מדרש, וואו ער האָט עטלעכע יאָר געלערנט און גע־געסן „טעג״ ביי אַלערליי בעלי־בתים. דער שידוך, וואָס ער האָט געטאָן, איז טאַ־קע געווען, ווייל ער האָט פריער ביי דער כלהס אָרימע עלטערן געהאָט געגעסן אַ טאָג, און ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי, ערשטנס, געזאָגט, אַז ער איז דער באַ־שערטער און, צווייטנס, ווייל זיי זענען טאַקע געווען גוטע מענטשן. אָבער אויסקליידן אים צו דער חופּה און אַפילו נאָכדעם אין דער צייט, וואָס ער האָט געגעסן קעסט ביי זיי, האָבן זיי ניט געקענט זיך דערלויבן...

נאָר צו וואָס די שיינע, רייכע בגדים, אַז אברהם דער ווילנער סיי מיט זיין שיינער וואוקס, סיי מיט זיין שיינעם פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ רייכער, וואָס האָט צוליב עפּעס אַ סיבה פאַרלאָרן זיין עשירות, אָבער קיין אָבי וועד איז ער ניט, און אַן אידעלער גוי, ווי פּאַכאָם, האָט עס, קענטיק, דער־שפּירט...

אברהם האָט אים שוין קלערער געגעבן צו פאַרשטיין צוליב וואָס ער איז געקומען. און דערקלערט טאַקע אין אַ ריכטיקן רוסישן לשון און ניט אויף פּראָסט גויאיש — וואָס דעם דאָזיקן לשון האָט ער גאָר ניט געקענט — עס איז אים ניט אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ פּשוטן גוי. דערהערט אַ ריכטיקן רו־סיש שיער־ניט ווי עס האָט גערעדט דער „נאַסטאַווניק״, דער לערער אין דער

שקאַלע, אַן װעמען פּאַכאַם האָט זיך דערמאָנט װען אברהם דער װילנער האָט זיך שיער ניט צעזונגען מיט אַלערליי רייד, װי: „יאַ זשעלאַל בי פּאָסמאָטריעט װאַש סאַד", װאָס דאָס האָט געמיינט: איך װאָלט װעלן אָנקוקן אייער סאַד, און נאָכדעם צוגעגעבן: „יעסלי װי דאָיאָטיע יעװאָ װ'נאַיאַם" — אויב איר פּאַרדינגט אים — האָט פּאַכאַם, װאָס האָט זיך אין די פּאָר צענדליק רובל דװקא ניט געגויטיקט, זיך אָנגערופן:

— „פּאָזשאַלוי, יעסלי װאַם אוגאָדנאָ, טאַק ס'פּאָטשעניעם". װאָס אברהם דער װילנער האָט עס געטייטשט, װעדליק ער האָט געלערנט רוסיש, אין בית־מדרש נאָך, אַלס ישיבה־בחור, לויט שטייַנבערגס „סלאָװאַר" און לויט װאָלפּערטס „רוסקאַיאַ ריעטש" — אויב אייך איז ניחא — מיטן גרעסטן כבוד... קומט אָנקוקן!

עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז דער סאַד איז גאָר ניט אַזוי קליין, װי אים — אברהם דעם װילנער — האָט זיך געדאַכט פון װייטן. ער האָט פאַר־מאָגט, דער סאַד, הייסט עס, ביי אַ דרייסיק עפּל־בוימער און ביי אַ צען באַרן־בוימער. צװישן זיי אַ טייל עפּל־בוימער מיט אַ סך צװייגן צושפּרייט אין דער ברייט. עס איז אַ סברא, אַז אַזאַ מין בוים אַליין קען אַרויסגעבן אַ סך עפּל. אַזוי אויך די באַרן־בוימער. די ביסעלע אַגרעס־בוימעלעך ביי די װענט פון די שייערן, מיט װעלכע דער סאַד גרעניצט זיך — דאָס איז װי עד לחשבון... אָבער אַז זיי װערן צייטיק, זענען דאָ דערויף בעלנים גענוג — אָרעמע ידישע װייבער — צו פּרעגלען, װי זיי רופן עס, זייערע װאַרעניעס.

און אברהם האָט דעמאָלט — װאָס עס איז געװען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן — געדונגען דעם סאַד, מושװה געװאָרן פאַר דרייסיק רובל... גע־געבן דעם בעל־הגוף, פּאַכאָמען, אַ װאָרט, אַז מאָרגן קומט ער מיט אַ ביסל געלט, מיט אַן אויפגאָב, און ביים אַריינציען זיך אַרום דעם ידישן ערב־שבועות אין סאַד — נאָך אַ טייל. און דאָס רעשט — ביים אַראָפּנעמען די פּירות מסתם אַרום אָסיען... האַ?

געקומען אַהיים, האָט אברהם דערציילט זיין ציפּען װעגן זיין אויפטו...

— נו, און גאָר ניט געפרעגט ביי מענטשן, צי ס'איז װערט. און װאו װעסטו נעמען מאָרגן דעם פינפערל האַנט־געלט, אויפגאָב, אַז איך אַליין האָב קוים אַ פּאָר גילדן, און אויף שבת, װייס איך נאָך ניט װאו צו קריגן, סיידן אפשר צו דער מאָמען צוגיין?...

האָט אברהם אַ גלעט געטאָן די בלאָנדע באָרד זיינע און זיך אָנגערופן:

— איך וועל באַרגן ביי מיין חבר פון דער ישיבה, זעליג־לייבן. ער האָט, ווייסט דאָך, חתונה געהאַט מיט אַ בת־יחידה און גענומען אַ סך נדן. און ער איז דער באַלעבאָס אויף דעם געלט.

דאָ האָט שוין ציפּע ניט געקענט אײַנווענדן. אַז איר אברהם, ניט קיין באַרימער, זאָגט — איז דאָס לויטער אמת... אַזוי באָרגן וואָלט ער טאַקע ניט. פון וואַנען וועט ער אָפּגעבן צוריק? אָבער וויבאַלד אַ סאָד פון פּרוכט, אפשר וועט גאָט העלפן און עס וועט אַרײַן די מזל ברכה...

געקראָגן ביי זיין חבר די פינף רובל און נאָך מיט אַ ברכה, דערצו, אַז עס זאָל זיין מיט הצלחה, און דערצו נאָך אויסגעטרונקען ביים חבר אַ שטאַרקע גלאָז טיי און צוגעביסן מיט אַ קיכעלע, פון די געבליבענע פון די שבתדיקע, האָט אברהם באַקומען נאָך מער אמונה אין דעם סאָד פון פּרוכט, וואָס ער האָט געדונגען אויף איבערן זומער.

ער איז מיט די פינף רובל געגאַנגען צום בעל־הגוף פּאַכאָם. און עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי ער איז אַ קליין ייִנגל אין דער אָרעמער היים זײַנער און עס איז אָנהויב זומער און אַז ער גייט פאַרביי אַ סאָד, שטעלט ער זיך אָפּ לענגער ביים פּאַרקאַן, ווייל בוימער האָט ער זייער ליב... אַזוי אויך אין די בחורישע יאָרן. און איצטער, אַז ער האָט שוין אַ ווייב און ער איז אַ טאַטע פון צוויי קינדערלעך, וועט ער כמעט אַ גאַנץ זומער פאַר־ברענגען און אפילו שלאָפן אין אַ סאָד. ער איז אַרײַן מיט עטוואָס אַ שטאַר־קערן האַרץ־קלאַפּן צום גוי, דערלאַנגט אים דאָס האַנט־געלט, אַ פינפערל — צום גליק, אַ נייע, אַ שיינענדיקע, אַ זינגעוודיקע... פּאַכאָם, טאַקע ניט קיין אָרעמער גוי, אַ בעל־הגוף, מיט אייגן פעלד הינטערן שטאָט, מיט אַן אייגן הויז, צווישן ייִדישע הייזער, מיט אַ סאָד אין הויף, — אָבער אַ מזומן גראָשן איז געווען טייער און נויטיק. אַ מיעשטשאַנין לויטן טיטול, האָט ער זיך גע־פירט שיעור ניט ווי אַ פּריץ — מיטן סאַמאָוואַר אין אָונט, צי אַזוי אין אַ פרייער צייט — אין אַ חגא, צי אין אַ זונטיק, און מיט אַ בעסערן לעבל ברויט אויפן טיש... אַמאָל ביים ייִדישן בעקער געקויפט, — וועט טאַקע די דריי־סיק רובל צונוצקומען. דאָס פינפערל אָנהויב זומער וועט זיין צושטייער אויף אַ פּאָר נייע קאָסעס צו שניידן שוין די הויכע גראָזן אין פעלד אַרום סוף מאַי.

האָט ער אברהמען ערשט נאָכדעם אויפגענומען ווי אַ קינפּטיקן גרויסן געשעפטסמאַן, ווי איינעם, וואָס נעמט זיך צו פּרוכט־האַנדל. זומער, הייסט

עס, מיט אַ סאַד, און ווינטער וועט ער פאַרקויפן די עפּל און די באַרן צו די יידישע ווייבער. פאַכאַם ווייסט, נישקשה, ווי אַזוי יידישע ווייבער קויפן די עפּל אויפן מאַרק ביי די עפּל־פאַרקויפערקעס, און יענע קויפן עס טאַקע ביי די, וואָס האַלטן די סעדער זומער־צייט.

און פאַכאַם האָט אים טאַקע דערקלערט, ווי אייגעם וואָס נעמט זיך ערשט צו אַ נייעם מסחר, ווי אַזוי ער זאָל זיך ניט לאָזן נאַרן פון די פאַרקויפערינס אויפן מאַרק, ווען די עפּל און די באַרן וועלן צייטיק ווערן...

אברהם, דער נייער פּרוכט־סוחר, האָט אָבער עפּעס אַנדערש אין זינען געהאַט... ער האָט שוין נאָכאַמאָל געוואָלט זען זיך מיט דעם סאַד... בעט ער טאַקע דעם טייערן מענטשן — פאַני פאַכאַם, ווי ער הייסט דאָרטן, — ער זאָל אים שוין טאַקע אַריינפירן אין סאַד, און ער וועט זיך באַקענען מיט די אַלע ביימער, און טאַקע מיט די שטעגעלעך צווישן די ביימער...

פאַכאַם, וויבאַלד ער האָט געהאַט צייט און אויפן פעלד האָבן געאַרבעט די צוויי זין און די צוויי טעכטער, און ער האָט זיך געקליבן ערשט צו פאָרן אין אַ פּאָר טעג אַרום, זען וואָס די קינדער האָבן דאָרטן אָפּגעטאָן, האָט ער זיך געלאָזט וואָוילגיין מיט אברהמען, וועלכער איז אים שטאַרק געפעלן גע־וואָרן אי פאַר זיין קענען רוסיש, אי פאַר זיין האַלטן וואָרט צו ברענגען דעם אויפגאָב, דאָס האַנט־געלט. די פרייד פון דעם פינפערל האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן...

ער איז אַרויס מיט אברהמען פון הויז און האָט אים אַריינגעפירט אין סאַד אַריין. דער סאַד איז אין פאַרלויף פון איין טאָג ווי פרישער געוואָרן און זיין דופט איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן ווען פון אברהם דעם וויל־נער... ער האָט געצויגן די דופטן וואָס טיפער אין זיך, ניט געוואָלט אָבער זיך צופיל צו אַנטציקן פאַרן בעל־הבית פון סאַד, יענער זאָל, חלילה, ניט חרטה האָבן אויפן מקח, צי אויף עפּעס אַנדערש...

אָבער צוליב יושר, צוליב דעם געפיל פון אַנערקענונג האָט אברהם דער ווילנער זיך פאָרט ניט געקענט באַהערשן און אַרויסגערעדט זיין פרייד מיט הויכע מינים ווערטער.

פאַכאַם, וואָס האָט שוין יאָרן־לאַנג געהאַט באַזעסן דעם סאַד, און צוליב דער קליינער צאָל ביימער קיינמאָל ניט געטראַכט צו פאַרדינגען אים איבערן זומער, נאָר ער פלעגט ענדע זומער, פאַר אָסיען, פאַרקויפן די עפּל און די באַרן ווען עס האָט זיך געלאָזט, האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער דאָזיקער

שײַנער געלערנטער ייִד, מיט די בלויע אויגן און מיט דער שײַנער באָרד, איז אַזוי גליקלעך...

און ערשט אין די װײַטערע זומערדיקע חדשים, װען די פּרוכט האָבן שױן געריפּט און אַנדערע עפּל און באַרן זענען שױן פֿון אַ װינט אַראָפּגעפֿאַלן און זיך געזאַמלט אין קופּעס, און אברהם דער װילנער איז שױן געזעסן אין סאָד, — דעמאָלט זײַנען צו אים געקומען אין סאָד אַרײַן, דורך פּאַכאָמס הויף, אַלערלײ יונגעלײַט — צו באַזוכן אים...

דאָס זענען געװען זײַנע חברים פֿון בית־מדרש, װען ער און זײ זענען נאָך געװען ישיבה־בחורים און געגעסן „טעג״ — יעדער אין אַן אַנדער שטוב, בײַ אַן אַנדער „טיש״...

װער פֿון זײ ס׳איז נאָך געװען אַ קעסט־אײדעם און פֿאַרמאָגט אױך אַ ביסל מזומן אין קעשענע האָט געגעבן צו לײַען; געקױפֿט און געגעסן אַן עפּל, צי אַ באַר אין סאָד גופֿא, אי אױך מיטגענומען אַהײם. דאָס איז ער אױסן געװען ניט נאָר די עפּל, נאָר אױך צו שטיצן אַ חבר, אַ תּלמיד־חכם װי אברהם דער װילנער, אין זײַן נײַער אונטערנעמונג...

מיט די אָרעמערע אײדעמס, געװעזענע ישיבה־בחורים מיט אים אין אײן בית־מדרש, װאָס האָבן אים באַזוכט, האָט ער פֿאַרבראַכט זיצנדיק בײַ דער בײדעלע, װאָס דער באַלעבאָס פֿון סאָד, דער בעל־הגוף פּאַכאָם, האָט שפּעטער אױפֿגעשטעלט, — פֿאַר דער דאָזיקער בײדל האָט ער אים גאָרנישט גע־רעכנט.

ער האָט אים בלױז געװאָרנט, אַז טאָמער פֿאַרװיכערט װער אַ פּאַפּיראָס, זאָל ער רױכערן פֿאָרזיכטיק, זיך שטאַרק היטן...

אברהם דער װילנער האָט אַלײן ניט גערױכערט, און זײַנע פֿרײַנט, װאָס זענען געקומען צו אים, אי צו קױפֿן עפּל, אי צו פֿאַרברענגען, זענען געװען זײער פֿאָרזיכטיק. און ער, אברהם האָט זײ טאַקע געהיט, װען אײנער פֿון זײ האָט יאָ גערױכערט. דאָס שטרױענע בײדל איז געװאָרן זײַן צװײטע הײם. — זינט די פּרוכט זענען צײַטיק געװאָרן און ער האָט געמוזט נעכטיקן אין סאָד, כּלומרשט צו היטן די פּירות, אָבער אין דער אמתן האָט ער אין דער דאָזיקער בײדל ערשט דערפֿילט די פֿרײד פֿון אַ לעבן אױף דער פֿרײַער נאַטור...

# צווישן די בוימער

אברהם, מיט זיין צונאָמען „דער ווילנער", כאָטש ער איז פון זיין געבורטס־שטעטל קיין מאָל ניט אַרויסגעפאָרן, האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ פרעמדער, ווי פון אַן אַנדער לאַנד...

פון דער נאַטור אַ שטילער, ניט קיין באַרעדעוודיקער, האָט ער מיט זיינע „רעיונות" זיך אַרומגעטראָגן אַליין.

צוליב זיין פרנסה — אַ פרוכט־הענדלער — פלעגט ער זומער דינגען אַ סאָד און דאָרטן זיצן ביז די עפּל פלעגן צייטיק ווערן צום אַראָפּנעמען און צום פאַרקויפן, קענען זיך איבערגעבן זיינע רעיונות. ווינטער פלעגט ער שוין אין די טעג מוזן אַרומגיין איבער די גאַסן מיט אַ קויש עפּל, אין די אָוונטן אָבער פלעגט ער מיטן רעשטל עפּל אַריינגיין אין בית־מדרש. צווישן די דאָרטיקע קונים איז אויך געווען דער פרוש, וואָס האָט געהאַט, ווי אברהם אַליין — אַ נייגונג צו חקירה...

ווי דאָס שטעטל איז געווען ניט גרויס, האָט זי דאָך געציילט ביי אַ זיבן גאַסן מיט עטלעכע קליינע געסלעך און אַודאי מיט אַ מאַרק און אַ שול־הויף, האָט ניט יעדער געוואוסט אַקוראַט ווער איז דער דאָזיקער אברהם „דער ווילנער". אויפן „קוק" אַ שיינער איד, אַ הויכער. די באָרד אַ בלאָנדע, אַ לאַנגע און די אויגן בלויע, ליכטיקע, שפּיגלדיקע... ווען ער וואָלט זיך געקליידט, ווי דער גביר, וואָלט ער אודאי געווען שענער פאַרן גביר אַליין. אַזוי האָט זיך געלאָזט פאַרשטעלן אין געדאַנק. אָבער אפילו אין זיין אָרעמען הילוך, האָט ער אויסגעזען לייטיש, ווי אַ גביר, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן... אָבער אַן אָרעמאַן ניט אַבי־ווער... מען זאָל אויף אים, חלילה, דאַרפן רחמנות האָבן — ניין! ווייל אַ שמייכל האָט אברהם „דער ווילנער" פאַרמאָגט, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר דעם רייכסטן און גליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט... עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדער האָט דעם שמייכל באַמערקט... דאָס

רוב האָט מען ווינטער־צייט — מער באַטראַכט זיך קאַשיק מיט עפּל, ווי אים אַליין, און זומער־צייט איז ער, ווי פאַרשוואונדן געוואָרן פאַר דאָס רוב מענטשן אין דער גאַס אפילו, וואו ער האָט מיט זיך ווייב און קינדער געוואוינט...

אַ שטיק זומער האָט אברהם „דער ווילנער" זיך געפונען אין אַ פּרוכט־סאַד. יעדן זומער אַ סאַד — אין אַן אַנדער גאַס... אין סאַד האָט ער שוין געוואוינט...

צי האָט דעם „פּאַראַיאַריקן" סאַד אַן אַנדערער אויסגעדונגען, צי אברהם „דער ווילנער" האָט אַליין שוין מער ניט געוואָלט האַלטן דעם זעלבן און געזוכט אַ נייעם גליק — דאָס האָט קיינער, און אפשר אויך ער אַליין, ניט געוואוסט...

דער אמת איז אָבער געווען, אַז אברהם „דער ווילנער" איז טאַקע געווען פאַרבענקט נאָך נייע ערטער. אפשר דערפאַר האָט מען אים גערופן „דער ווילנער", ער האָט אודאי אַמאָל געטראַכט צו פאָרן קיין ווילנע און האָט פאַר עמיצן זיך באַגער אַרויסגערעדט און דער צונאָמען, וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט זיך טאַקע געפּאַסט. ער האָט אויסגעזען, ווי ניט קיין היגער...

געדונגען יעדן זומער אַ סאַד אין אַן אַנדער גאַס. האָט ער איינמאָל אין זיך בענקשאַפט נאָך אַ נייעם אָרט, „געוואגט" און האָט געדונגען אַ סאַד, וואָס האָט זיך שוין געפונען הינטער אַ שיינע, רייכע הויז, וואו ס'האָט געוואוינט אַ גרויסער נאַטשאַלניק — דער „סלידאָוואַטעל", דער וואָס פאַרשט אויס אַלע שווערע „דיעלעס", און מיט אַזאַ איז בעסער, אַז מען הויבט זיך ניט אָן... באַהיט זאָל מען ווערן... מען דערציילט, אַז אויף זיינע פראַגעס, וואָס ער שטעלט און דוקא מיט גוטן, מיט איידלקייט — מוז מען ענטפערן דעם אמת און ערשט נאָכדעם הויבט זיך אָן דער אמתער משפּט...

דאַרף דוקא אברהם „דער ווילנער" קריכן צו אַזאַ נאַטשאַלניק — דינגען דעם סאַד ביי אים...

וואָס איז? — באשר אברהם „דער ווילנער" קען רוסיש רעדן. פון וואַנען — ווייסט מען ניט. ער אַליין ווייסט אויך ניט אַקוראַט, ווי אַזוי עס רעדט זיך ביי אים... מילא, פּראָסט גוייש איז קיין וואונדער ניט — אַלע זומער דינגט ער אַ סאַד ביי אַ שטאַטישן בעל־הגוף און ווי ווייניק ער רעדט מיט אים, מיט דעם בעל־הגוף, אין משך פון זומער לערנט ער זיך אַלץ מער אויס זייער לשון. אָבער רוסיש, דערצו דאַרף מען דאָך זיין געלערנט... אמת, אין זיינע יינגלשע

און בחורשע יאָרן האָט ער אַריינגעקוקט אין אַזאַ ביכעלע — האַלב רוסיש, האַלב דייטש, און האָט מיט זיין גוטן קאָפּ באַלד תופס געווען די גאַנצע חכמה פון לייענען איןביידע לשונות, רוסיש און אפילו דייטש... דאָס דייטש האָט ער טאַקע מיט דער צייט פאַרגעסן, אָבער דאָס רוסיש, אַז ער געפינט אַמאָל אַ געדרוקט שטיקל פּאַפּיר אין רוסיש — הויבט ער עס אויף און לייענט עס דורך...

צי האָט ער טאַקע גערעדט ביים נעמען דעם סאָד מיטן „סליעדאָוואַטעל״, אַליין, צי מיט יענעמס יונגע ווייב, אַ הויכע, עלעגאַנטע פריצטע, צי אפשר מיט דער דינסט־מיידל, וואָס האָט אויך גערעדט אַ טיפן רוסיש — דאָס האָט ער קיינעם ניט דערציילט... דער גאַנצער ענין איז געווען איינגעוויקלט אין סודות...

אַז איינער איז געקומען אין סאָד — קויפן עפּל — און געפּרוּווט דערגיין אַקוראַט, האָט אברהם געענטפערט צווידייטיק:

— וואָס איז שייך... קיין קרימינאַל בין איך ניט באַגאַנגען — איז וואָס האָב איך געהאַט מורא צו האָבן?

און נאָך אַ קורצן שוויגן, אַ צושיינטער, אַ צושמייכלטער, האָט ער עס מסביר געווען:

— וואָס דער שררה איז גרעסער, אַלץ גרינגער איז מיט אים צו האַנדלען...

און מען זיך געשטויסן, אַז דאָס איז טאַקע אַן איינפּאַל פון אַ תלמיד־חכם... ס׳איז אַ סברא, אַז דעם סאָד האָט ער „גענומען״ פאַר אַ שיבוש און מסתמא אין עטלעכע „ראַטעס״ אויסצוצאָלן...

איז טאַקע דער יונגער דור געווען גיינעריק שבת צו קומען צו אברהם „דעם ווילנער״ אין סאָד — עסן עפּל... ס׳פאַרשטייט זיך, אויף „באָרג״. באַצאָלן וועט מען אינמיטנוואָך...

פאַרבייגעגאַנגען דעם סליעדאָוואַטעלס וואוינונג האָט מען שוין געוואָלט אַריינקוקן אינעווייניק, אָבער דאָס איז געווען, צוליב די אַראָפּגעלאָזטע גאַר־דינען, ניט מעגלעך.

מען זעט ניט קיין לעבעדיקן מענטשן אינעווייניק...

איז דאָס געווען אי אַ מעלה, אי אַ חסרון.

אַ מעלה — מען איז פאַרט זיכערער מיטן אַריינגיין אינעווייניק אין סאָד.

אַ חסרון — עס ווילט זיך זען דעם סליעדאָוואַטעל. וואָס וועט ער זאָגן, ווען ער זעט ידישע יונגעלייט, אַמאָל איינציקווייז, אַמאָל פּאָרווייז און אַמאָל — אַ בחור מיט אַ מיידל — דער מיידל צו מכבד זיין מיט עפּל — מיט אויבסט הייסט עס...

צי וועט דער סליעדאָוואַטעל ענטפערן אויפן „זדראַוּוסטוואַיטע", אָדער ווי באַלד אַז מען קומט צו אים — וועט ער דער ערשטער זאָגן דעם „זדראַ־ווסטוואַיטע"...

און עס קען זיין, אַז ער זאָל גאָר פּאַראיבל האָבן, וואָס מען גייט דורך זיין הויף?...

און אפילו דעם „סליעדאָוואַטעלס" ווייב זעט מען ניט, ווי זי וואָלט זיך באַהאַלטן אין דער גרויסער רייכער וואוינונג...

אַ קלייניגקייט — אַ סליעדאָוואַטעל! אַזאַ נעמט אפשר צוויי טויזנט רובל אַ יאָר „זשאַלאָוואַניע" — און די געלט קומט אָן גלייך פון פּעטערבורג, פון דער „קאַזנאַטשעיסטוואָ"... די אַסיגנאַציעס — שפּאָגל־נייע, זיי ברעכן זיך אַזש, זיי קנאַקן, זיי זינגען... ניט ווי אַ קרעמערס אַ רובל, וואָס גייט דורך הונדערטער הענט און איז צעקנייטשט, און אַמאָל פאַרקלעפּט מיט אַ פּאַפּיראָס־פּאַפּיר אין סאַמע מיטן...

אָבער מען זעט זיי ניט — ניט דעם סליעדאָוואַטעל, ניט דאָס ווייב זיינס, די פּאַרשוין. און אפילו ניט דאָס דינסט־מיידל.

אָבער אין סאָד גופא איז אויך ווערט דאָס אַריינגיין...

דאָס הויז, הינטער וועלכן דער סאָד געפינט זיך, האָט, קענטיק, אַמאָל־אַמאָל געהערט צו אַ גרויסן שררה... די וועגעלעך און שטעגעלעך צווישן די אַלטע, געדיכט־צוויגיקע פּרוכט־בוימער — זיי זענען אַזוי אויסגעפּלאָסטערט, אַז עס פאַרכאַפּט דאָס אויג; די פיס גייען אַליין. עס ליכטיקט זיך אַנטקעגן די בליקן... און אין מיטן סאָד — אַ געפלאָכטענע אַלטאַנקע, אַ ביידעלע, קענטיק, פאַר געליבטע — ווי מען לייענט אַמאָל אין אַ ראָמאַן — אינעווייניק איז קיל און שאָטנדיק...

אויב אַ חתן־בחור קומט מיט זיין כלה, גלוסט זיך זיי אַריינגיין אינעווייניק... זיי שעמען זיך אָבער פאַר די אַנדערע יונגעלייט... אין סאָד צו אברהם „דער ווילנער" ציט עס צו קומען סיי־ווי־סיי. בפרט, ווען דער סאָד איז אַזאַ גע־הויבענער און מע מעג אַריינקומען...

דער סליעדאָוואַטעל האָט אפילו קיין הונט ניט אויפן הויף... דאָס קליין

הינטעלע, וואָס זיין פרוי, ווען זי גייט אַמאָל שפּאַצירן — פּירט אויף אַ באַ־זילבערטער קייטל — איז איצטער טיף אין די חדרים — מוז אודאי ליגן אויף אַ ווייכער קאַנאַפּע און נאָך אויף אַ ווייך־קישעלע דערצו...

איז מען טאַקע יענעם זומער אין די שבתים צו אברהם „דער ווילנער" אין סאַד געגאַנגען איינציקווייז און פּאַרווייז, פון דער סאַמע „פּני" פון דער יוגנט... אַנהויבנדיק פון בחורים בעלי־מלאכות, וואָס האָבן זיך געשניטן אויף באַלעבאַטישן שטאָט, צו קענען חתונה האָבן, צו אַפּילו פירן בלויז אַ ליבע מיט אַ באַלעבאַטישע מיידל — ביז די אינטעליגענטן פון „שטאָט", מיט זייערע באַקאַנטע מיידלעך, שוין איינגעשלאָסן די צווי לערער — דעם העברעאישן און דעם רוסישן...

אַזעלכע געסט האָט שוין אברהם „דער ווילנער" מקבל פּנים געווען מיט דעם ליכטיקסטן שמייכל — לומדיש און וועלטלעך, פרום און פרייהייטלעך. ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז ער אַליין פירט זיך זיין לעבן, מיט זיין אופן, אָבער מישן זיך און זאָגן דעות דער נייער וועלט — וויל ער ניט...

קיין מזומן געלט, וואָס אַן אַנדערער פון די יונגעלייט וואָלט געצאָלט — נעמט ער טאַקע ניט. אָבער פּאַרקויפן אויף באָרג — דאָס יאָ... נישט מער, ער זאָגט ניט קיין מקח... ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין כח הזכרון.. דער יונגער־מאַן וועט קומען מאָנטיק, צי אַפּילו דינסטיק און מיטוואָך איז אויך רעכט — עס ברענט ניט — און וועט פרעגן וויפל איז ער שולדיק — וועט אברהם „דער ווילנער" וויסן. ער געדענקט די צאָל עפּל און זייער גרויס און זייער מין אַפּילו...

— איר האָט געהאַט מיט אייער כלה — אַזוי הייסט ביי אים יעדע מיידל, וואָס קומט צו אים שבת מיט אַ בחור— פיר עפּל, פון די זיסע...

— איר האָט געהאַט מיט אייער חבר — זאָגט ער שוין צו אַן אַנדערן, וואָס קומט אין מיטנוואָך באַצאָלן — דריי עפּל פון די וויינעדיקע, די רויטע. —

און ער זאָגט שוין דעם מקח...

דער שבתדיקער פּדיון איז ביי אים ניט דער עיקר. ער האָט ליב צו זען ביי זיך אין סאַד, און בפרט נאָך אין אַזאַ געהויבענעם סאַד — די יונגעלייט מיט זייערע כלות... און טאָמער איז איינע נאָך ניט קיין כלה, וועט זי ווערן. קיין שדכן איז ער טאַקע ניט, אָבער אַז ביי אים אין סאַד זאָל ווערן אַ שידוך — האָלט ער עס פאַר אַ מין מצוה...

און דערפֿאַר איז ביי אים יעדער בחור, וואָס קומט מיט אַ מיידל, אַ מער אָנגעלייגטער גאַסט, ווי יענער וואָלט געקומען אַליין, צי אפֿילו מיט אַ חבר.

עס אַרט אים אַפֿילו ניט, אברהם „דער ווילנער", ווען דער בחור מיט דער מיידל ווערן אַמאָל ניט... פֿאַרשווינדן פּלוצלינג...

ערשט ער טוט אַ קוק — זיי זיינען אַריין פֿאַרברענגען אין דער אַלטאַנקע, אין דער שיינער, געפֿלאָכטענער ביידל... און דאָרטן אויף אַ באַנק זיצן זיי ווי צוגעקלעפּטע און בייסן־איין די זאַפֿטיקע עפּל...

און דוקא אין דעם סליעדאָוואָטעלס סאָד, וואָס ער, אברהם „דער ווילנער", האָט אָפּגעדונגען פֿאַר דעם זומער — מיט די גאַנצע פּרוכט...

ביז ווינטער, ווען ער וועט די איבערגעבליבענע עפּל — וואָס ער לייגט זיי אָפּ נאָכדעם אין אַ געדונגענעם קעלער — און טראָגט זיי, צוביסלעך, אין אַ קאָשיק, איבער די גאַסן, איבער די בתי־מדרשים און אָפֿילו איבער די רייכערע הייזער — איז נאָך ווייט... אָבער איצט, אין אַ זומערדיקן שבת, ווען די עפּל, אפֿילו די אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון די בוימער, ליגן אין קופּעס אַזוינע פֿרישע און ווינקנדיקע — קומט מען צו אים, ניט ווי צו אַן עפּל־פֿאַרקויפֿער, נאָר ווי צו אַן עלטערן חבר, אַ גוטן פֿריינט...

און אַז די זומערדיקע געסט באַגעגענען אים אפֿילו ווינטער, שמייכלען זיי צו אים, ווי צו אַ נאָענטן מענטש, וואָס ווייסט אַלע זייערע סודות.

און אברהם „דער ווילנער" שמייכלט צו זיי צוריק און זיין פּנים לויכט־אויף, ווי די זומערדיקע זון, און אין גאַס דערשפּירט מען דעם דופֿט פֿון עפּל...

# אַן אַנדער מענטש

אברהם דער ווילנער איז געווען ווי אַ רעטעניש אין שטאָט: ווער איז ער טאַקע באמת? פון וואַנען שטאַמט ער? כאָטש ער הייסט „דער ווילנער", קען דאָך דאָס אויך אַמאָל זיין אַ צונעמעניש. ווען האָט ער חתונה געהאַט? און פאַרוואָס אַ ייד, אַ למדן, ווי מ׳זאָגט, האַנדלט ער, זינט מען געדענקט, רוקא מיט פרוכט. דאָס הייסט, ער דינגט אָנהויב זומער אַ סאָד ביי אַ שטאָטישן גוי, וואָס דער סאָד געפינט זיך אין הויף, און פאַרקויפט שוין אַזוי די עפּל אַ גאַנץ יאָר, סיי זומער, ווען די עפּל ווערן צייטיק אויף די בוימער, אין סאָד גופא, סיי ווינטער, אַרומגייענדיק שוין מיט אַ קאָשיק עפּל אין גאַס, אויפן מאַרק, און אַמאָל אין די הייזער? — איז טאַקע אברהם דער ווילנער געווען ווי אַ לעבעדיקע רעטעניש...

אין אַ שבת־צו־נאַכט, אויף אַ חתונה, ווען עס קומט שוין פאָר אַ „טאַנץ" ביי דער כלה אין שטוב, און קלעזמער שפּילן און פאַרלעך טאַנצן, קומט אויך אברהם דער ווילנער מיט דעם קאָשיק עפּל, אויף דער עצה פון זיינע גוטע פריינט, און אַמאָל — פון זיין ווייב. די ווייב פירט אים טאַקע צו צו דער שטוב, וואו די חתונה, דער „טאַנץ" הייסט עס, קומט פאָר.

אויף אַזאַ חתונה, וואו עס האָבן שוין געטאַנצט בחורים מיט מיידלעך, איז דאָס מכבד זיין אַ מיידל מיט אַ ראָזעווען עפּל געווען שיר ניט אַ מין ליבעס־ערקלערונג... אויף אַזאַ חתונה, שבת־צו־נאַכט, וואו עס איז שוין געטאַנצט געוואָרן די דאַמאָלסטיקע „הייגטוועלטיקע" טענץ, אַ קאַדריל מיט אַ לאַנסע, אַ פּאָלקע־מאַזורקע, און אַפילו אַ וואַלס, איז איין קאָשיק עפּל, וואָס אברהם דער ווילנער האָט געבראַכט, געווען ניט גענוג. ס׳איז געקומען אויף אַזאַ מין טאַנץ שבת־צו־נאַכט אויך חנה די עפּלניצע, אַ יידענע אַ הויכע, און מיט אַ געמבע; מיט איר איז אויך געקומען איר מאַן מאָטע. שפּעטער האָט ער איר אַרויסגעהאָלפן און געבראַכט נאָך אַ פּאָר קאָשיקעס מיט עפּל און אָפּט אויך

איינער פון אירע עטלעכע זין, וואָס אַ פּאָר פון זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן שטאַרק געלערנט, און איינער — אפילו אַ גרויסער סאָציאַליסט, האָט איר שוין אַרום פאַרטאָג צוגעטראָגן נאָך אַ קאָשיק מיט עפּל.

אוודאי האָט אברהם דער ווילנער אויך אויף אַזאַ מין חתונה, שבת־צו־נאַכט, ווען די יינגעלייט האָבן געטאַנצט, זיך ניט געענדערט אין ־יין פירונג, אין זיין האַלטונג. ער איז געבליבן דער איידעלער איד, דער אידעלער מענטש, דער איידעלער עפּל־פּאַרקויפער... חנה די עפּל־פּאַרקויפערין, וואָס פאַר איר האָט אפילו, אויב ניט קיין מורא, געהאַט דרך־ארץ דער מאַן, און זי אַליין מיט איר גבורה און מיט אירע גרויסע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן האָט אַראָפּגעקוקט אויף אַ סך מאַנסביל צי לומדים, צי יאַלדן, צי בעלי־מלאכות, האָט דאָך אויף אברהם דער ווילנער געקוקט מיט אַ בליק פון דרך־ארץ... ערשטנס, זאָגט מען אויף אים, אַז ער איז אַ גרויסער למדן; און, צווייטנס, איז ער אויך, האָט זי געהערט אַ קענער. דערצו איז ער טאַקע, ווען ער זאָל זיין געקלידט אַביסל שענער, איבערהויפּט אין ווינטער — אין מער ווינטערדיקע בגדים און דאָס היטל ניט אַזאַ דינס, כמעט אַ זומערדיקס — איז ער טאַקע אויך אויפן קוק אַ מאַנסביל אַ פאַרשוין... די באָרד בלאָנד, ווי ביים גביר, אברהם מאירס זון, נאָר יענער טראָגט פענסנע מיט גאָלדענע רעמלאך און אויך אַ זיידענער שנירל וואָס ס'פּאַסט אים זייער; דער עיקר אָבער האָט זי אָפּגעשעצט, וואָס אברהם דער ווילנער וואַרפט זיך ניט מיט זיין פרנסה, ווי אַנדערע, וואָס האַנדלען מיט סעדער, וואָס דאָס איז ביי זיי נאָר אַ מין צייטווייליקע, זומערדיקע פּרנסה. אמת, ער איז ניט אַזוי רייך, ווי זי, פון דעם שטענדיקן האַנדלען מיט סעדער, און ווינטער מיט די פּרוכט פון די אַראָפּגענומענע פּרוכט־ביימער; אָבער זי קען צו אים פאַר זיין אָרעמקייט קיין טענות ניט האָבן. ער קען זיך צו איר ניט גלייכן. ערשטנס, איר אייגענע גבורה און געמבע טאַקע; און, צווייטנס, די הילף, וואָס זי האָט פון דעם מאַן, מאַטע, אַ ייִד, אַ גבור, און פון די זין און דערצו טויג זי זיך טאַקע אויס אַליין צום מסחר...

ער, אברהם דער ווילנער, פאַרקויפט אַן עפּל, צי אַפילו אַ פּאָר, צי מעג זיין אַמאָל אַ האַלב צענדליק, מיט איין־און־דערזעלבער מינע, מיט איין־און־דעם זעלבן שמייכל.

— האָט איר געהערט אביסל, — פלעגט חנה, צוקוקנדיק עס, דעמאָלט זיך וואנדערן — אַ מענטש זאָל גלייך ווערן גוט... וואַרט אַ ווילע, אַז מען וועט שוין האַלטן ביים באַצאָלן, דעמאָלט האָט זי אויך ליב אַ שמייכל טאָן,

פּאַרוואָס טאַקע ניט — אַ מענטש גיט צו לייזן... אָבער ער — גלייך שמייכלט ער און מאַכט אַ מינע, אָדער ווי מען וואָלט אים געראַטעוועט, אָדער פאַרקערט, ווי ער וואָלט געטאָן אַ טובה און האָט ליב צו טאָן טובות, דערפאַר באַקומט ער, הייסט עס, אַזאַ פריינטליכע מינע...

גיי פאַרשטיי, סיי־ווי־סיי, אַזאַ איינעם, ווי אברהם דער ווילנער...

שפּעטער שוין אין ווינטער, אַרום חנוכה, האָט ער די בעסערע סאָרטן עפּל שוין געהאַט שיר ניט אויספאַרקויפט. די סאַמע פּערווי סאָרט עפּל, די אַנטאָנאָווע, וואָס האָבן ניט געהאַט אויף זיך קיין פּינטעלע אפילו, די האָט ער געהאַלטן פאַר דעם „פּאַניע" וואָס פלעגט קומען אַלע יאָר פון מאָסקווע, און האָט אָפּגעקויפט ביי אַלע פּרוכט־הענדלער און סאַדאָווניקעס זייער בעסטע פּרוכט, די קרוין, ווי מען האָט עס גערופן אויפן סוחרישע לשון, פאַר מאָסקווע. האָט שוין אברהם דער ווילנער אויך פון זיין סאָד, ווי עס איז אָפּגעקליבן אַ זעקעלע עפּל פאַר די מאָסקווער, און זאָלן זיי דאָרט עסן געזונטערהייט, ער האָט צו זיי גאָרנישט... בפרט, אַז אין מאָסקווע האָבן דעמאָלט זיך געפונען אַ פּאָר שטאָטישע יוגעלייט, וואָס האָבן דאָרטן געהאַט וואָזשנע שטעלעס און פלעגן קומען אַמאָל אויף אַ יום־טוב. און ער, אברהם דער ווילנער, האָט זיך מיט איינעם פון זיי געקענט, שוין ניט דוקא ווי אַן עפּל־פאַרקויפער, נאָר טאַקע ווי ער אַליין פון די היינט־וועלטיקע יידן, וואָס ווייס וואָס צו פרעגן און וואָס צו ענטפערן, כאָטש אַלץ שטיל, בנעימות און אָן העזה, חלילה.

די בעסטע סאָרט עפּל, די ווינטערדיקע, ווי מען האָט זיי גערופן צוליב דעם וואָס זיי האָבן געקענט לענגער ליגן און אויסזען ווי פון בוים, כאָטש פּינטעלעך און אַ צייכן פון אַ דרוק מיט אַ פינגער וואו־ניט־וואו האָט אַ מאַנכע יאָ געהאַט, און דערפאַר זיינען זיי טאַקע אויסגעבראַקירט געוואָרן פון „פּאַניע", ווייל די מאָסקווער קונדן האָבן געהאַלטן נאָר פון פאַלקאָמענע פּרוכט, אָן אַ מום, — די דאָזיקע איבערגעבליבענע עפּל האָט אברהם דער ווילנער געהאַלטן אין אַ געדונגענעם קעלער און איבערן ווינטער אויספאַרקויפט אויף די חתונות, אין די שבת־צו־נאַכטן; איבערהויפּט ווען עס זיינען פאַרגעקומען חתונות, וואו די כלה, צי דער חתן, זיינען געווען פון די אינטעליגענטערע, און די פאַרלעך האָבן געוואוסט ווער אברהם דער ווילנער איז, און האָבן דוקא ביי אים, און ניט ביי חנהן, געקויפט די עפּל, צו דערקוויקן זיך נאָכן טאַנץ, און פאַר אַ צווייטן טאַנץ.

אַרום חנוכה זיינען אים שוין געבליבן די וויניקער „ווינטערדיקע" עפּל

מיטן שײנעם אויסזען: און דערצו נאָך די קלענערע סאָרטן, די זיסליכע עפּל, וואָס ווערן אָבער גיכער קאַליע, צוקנײטשט, און די ראָזעווע זײט פון דעם מין עפּל פאַרלירט איר עכטקײט און פרישקײט. — דעמאָלט פלעגט שוין אברהם דער ווילנער אין די אָוונטן, מיט זײן קאָשיק אײבס, איבערגעדעקט מיט אַ קלאָרן לײוונט, אַרײנקומען אין גרויסן, געמויערטן בית־מדרש. ניט אַזוי צוליב דעם פּדיון בײ די פּאָר אָרעמע ישיבה־בחורים, צי בײם אונטער־שמש, וואָס ער איז סײ־ווי־סײ ניט קײן ריכטיקער קונה, ווי צוליב דאָס ביסל פרײע צײט, וואָס ער קען פאַרברענגען אין בית־מדרש לויט זײן געמיט.

שפּעט נאָך מעריב איז שוין דער עולם זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און אפילו די פרומערע בעלי־בתים, וואָס לערנען אויך נאָך מעריב אַ פּרק משניות, צי אַ שטיקעלע עין־יעקב, זײנען שוין צוליב דער קעלט אין גאַס אַוועק אַהײם... דעמאָלט ווערט דער גרויסער בית־מדרש, להבדיל, ווי אַן אכסניא אויף אַ וועג, וואוהין אַ מידער דורכגײער, צי גלאַט אַ פאַרוואָגלטער מענטש, פאַלט־אַרײן אָדער אַגוואַרעמען זיך, אָדער פאַרטרײבן אַביסל דעם אומעט...

בפרט נאָך טאַקע אַ בית־מדרש, וואָס כאָטש אברהם דער ווילנער איז, באַהאַלטענערהײט, אַ מענטש מיט פרײע געדאַנקען, האָט ער אַ בית־מדרש שטאַרק ליב... ערשטנס, טאַקע די צוויי אַלמערס אָנגעפּילט מיט ספרים, און טאַקע פון אַלערלײ מינים — פון אַ ש״ס ביז אַ רמב״ם, און פון אַ שבט יהודה ביז אַ נײערן ספר, וואָס פאַרטראַגט שוין אויף אַ השכלה און רעדט שוין מעניני דיומא, ווי למשל, דער ספר מצוקי עתים, וואָס דער רב, דער מחבר, כאָטש אַ פרומער, אָבער ווערדליג אַ רב, האָט ער פרײע געדאַנקען... דער גרויסער בית־מדרש האָט שוין געהאַט אַ „נאַמען" ניט נאָר אַ למדן, נאָר אפילו אַ ליבהאָבער פון ספרים בכלל; האָט ער שוין, דער „נאמן", בײ אַ דורכפאָרער אַ מוכר־ספרים אויך אָט דעם ספר געקויפט. צי אברהם דער ווילנער בליקט אַרײן אין דעם ספר ווען ער קומט, צו ער איז יוצא מיט די עטליכע מאָל אַרײנבליקן שוין פריער אין דעם דאָזיקן ווײכטיקן ספר אין אַלמער, ווערט אים שוין, שטײענדיק בײ דעם אַלמער מיט די אָנגעפּילטע פאַליצעס מיט די ספרים, וואַרעם אין גוף און אויך דער נשמה — סײ־ווי־סײ...

עס איז שוין זײן אַלמער מיט ספרים. ער איז שוין איצט ניט קײן עפּל־פאַרקויפער, בלויז אַ באַזוכער פון אַ מין ביבליאָטעק אין אַ גרויסן טעמפּל פון חכמה און וויסן און טאַקע תורה אויך...

און שוין, כלומרשט ווי ער וואָלט עס געטאָן ניט ווילנדיק, ווי אַ שטאַרק

פאַרטראַכטער, ווי מען האַלט אים טאַקע אין שטאַט, — שטעלט ער אַוועק דעם קאַשיק עפּל אין אַ זייט, ביי דער בימה, וואָס איז קעגנאיבער דער טיר. גנבענען, ווייסט ער, וועט מען ניט, און טאָמער וועט זיך דער הינקעדיקער אונטער־שמש קוואַפּן אויף אַ פּאָר עפּלעך, איז אויך קיין סכנה ניט... צו ברענגען אַ פּאָר גילדן דער ווייב אַהיים, האָט ער שוין געלייזט בייטאָג, אַרומגייענדיק מיטן קאַשיק אין גאַס, אויפן מאַרק, און אפילו אַריינגייענדיק אין אַ שטוב. וואו מען קויפט אַמאָל, ווי ער האָט שוין געוואוסט פון פּראַקטיק, אַ פּאָר עפּ־צי עטליכע קלענערע עפּלאַך.

אין אָוונט, אין גרויסן בית־מדרש איז ער געקומען טאַקע אי אָנוואַרעמען, אי אָפּרוען זיך פון דער גאַס, פון דעם יאָך פון האַנדל, פון אַרומגיין מיט אַ קאַשיק.

דאָ איז ער געשטאַנען ביים פולן אַלמער ספרים. אַ פאַרטראַכטער ווי ער איז געווען, מיט דער לענגליכער בלאָנדער באָרד, האָט ער טאַקע אויסגעזען ווי ניט קיין היגער...

און אייניקע פון די ישיבה־בחורים, אַליין ניט קיין שטאָטישע, נאָר גע־קומענע אַהער לערנען פון וויטערע שטעטלעך, און צייטנווייז שטאַרק־פאַר־בענקטע, האָבן געמיינט, אַז אויך אברהם דער ווילנער, ווען ער איז געקומען אין גרויסן בית־מדרש, איז ניט קיין היגער, נאָר איז געקומען פון דער פרעמד, ווי זיי...

ערשט אַז, פריער איינער פון זיי, דער „זעלווער״, נאָכדעם דער צווייטער, דער „דאַלינעווער״ ישיבה־בחור, האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז דאָך דער היגער ייד, וואָס קומט אַהער אין די אָוונטן מיט אַ קאַשיק עפּל, האָבן זיי זיך איינער צום צווייטן צושמייכלט, באַלד געוואָרן עטוואָס ערנסטער, און דער „זעלווער״ האָט פאָרגעשלאָגן דעם חבר זיינעם, דעם „דאַלינעווער״:

— לאָמיר קויפן אויף שותפות אַ האַלב צענדליק עפּעלעך, וועט זיך נאָכדעם לערנען מיט מער התמדה און מיט מער אויפטו...

און זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דעם אַלמער ספרים.

דאַן איז שוין אברהם דער ווילנער אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט פון דעם אַלמער ספרים, זיך געלאָזט גיין צו דער בימה, וואו ער האָט פריער אַוועק־געשטעלט דעם קאַשיק עפּל, איבערגעדעקט מיט אַ לייוונט, און ביז ער האָט עס אָפּגעדעקט, האָט ער אויסגעזען ווי ער אַליין, אברהם דער ווילנער, קומט טאַקע פון ערגעץ גאָר אַ וויטן געגנט...

# צוויי עפל-פאַרקויפערס

אויב זומער איז עפל געווען נישט קיין טייערע פרי, כאָטש אַן אַנגעליגטע און אַ „גלוסטיקע" פאַר די אויגן — און אין אַ יאָר פון גערעטעניש אין די היימישע סעדער האָבן אַפילו אָרעמערע מענטשן זיך געקענט פאַרגינען צו קויפן אַן עפל — איז שוין אָבער ווינטער אַן עפל געווען עפעס אַזוינס, וואָס ניט יעדערער האָט זיך דאָס דערלויבט צו קויפן... ווינטער צייט איז שוין מער נייטיק געווען אַ קאַרטאָפל... טאָקע אַ פּראָסטערע שפּייז, אָבער אַ זעטיקערע. אָן אַן עפל קען מען זיך ווינטער באַגיין, אָבער אָן אַ קאַרטאָפל קען מען אין ווינטער ניט אויסקומען...

אמת, וואָקסן — וואָקסן די ביידע מינים בלויז אין זומער. די קאַרטאָפל — טיף אין דער ערד, און די עפל — הויך אויפן גרינעם בוים... און אַראָפּנעמען די עפל פון דיביימער און אַרויסנעמען די קאַרטאָפל פון דער ערד, מוז מען אויך כמעט אין איין צייט — אין אָסיען... אָבער אַז עס קומט ווינטער, ווערן שוין די יחסנים די עפל... הגם אויך זומער זיינען זיי טייערער, איז אָבער ווינטער צייט פאַר אַן עפל, פאַר אַ ריכטיקן, ניט קיין צעפוילטן, זיך ניט אויסצוצאָלן...

קאַרטאָפל קען מען נאָך אפילו אין ווינטער קויפן ביי די פויערים, וואָס ברייגגען זיי אין זעק אויפן מאַרק. אוודאי איז אין ווינטער צייט אויך קאַרטאָפל טייערער, ווי אין אָסיען; אָבער צו דער טייערקייט פון עפל אין ווינטער — קומט עס ניט. און מיט עפל פאַרזאָרגן ווינטער די שטאָטישע מענטשן בלויז צוויי פערזאָנען: אברהם דער ווילנער און חנה די עפּלניצע...

אברהם דער ווילנער איז אָבער צו פיל למדן און צו פיל פאַרטראַכטער און חקרן, אַז ער זאָל קאָנען צו פיל זיך אָפּגעבן מיט זיין „שליחות" — אַרומצוטראָגן די עפל אין דעם גרויסן קאָשיק. דערצו איז ער צו שוואַך און

ער האָט ניט די כּוחות, כאָטש אַ מאַנסביל, וואָס עס האָט חנה די עפּלניצע — כאָטש אַ יידענע, אַן אשה, אָבער אַ שטאַרקע, אַ יידענע ווי אַ מאַנסביל, מיט קיילעכיקע רויטע באַקן און מיט אַ קול, וואָס איז נאָך שטאַרקער פון אַ מאַנסבילשן, און מיט איר אויסטענהען זיך איז שווער. רופט זי נאָר אָן דעם עפּל אָן „אַנטאָנאָווער", וועט מען שוין מוזן אָפּצאָלן פאַר אים די צוויי קאָפּיקעס, וואָס זי בעט אויס, מען וועט אפילו קיין האַלבן גראָשן נישט אָפּדינגען. און אָפּוואַרפן זיך פון דעם עפּל, ניט קויפן אים, איז שוין אַ סכנה. חנה די עפּלניצע וועט שוין מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, דורכשטעכן, עס איז אַזש אַ מורא!

אברהם דער ווילנער אָבער רופט ניט אָן די עפּל מיט קיין באַזונדערע נעמען. ער האָט איין סאָרט. פרעג אים בחרם ווי אַזוי מען רופט דעם סאָרט. אפשר טאַקע „אַנטאָנאָווער"... אָבער וואָס איז דען דער יחוס, אויב אפילו אַנטאָנאָווער. עס גייט דען אין נאָמען. נו, אַז ער הייסט אברהם דער ווילנער, איז ער דען אַ ווילנער? באשר ער האָט אַמאָל, בחורווייז, געקליבן זיך פאָרן קיין ווילנע... ער איז אָבער ניט געפאָרן — רופט מען אים שוין אברהם דער ווילנער, און ער שמייכלט בלויז צו, ווען ער הערט דעם דאָזיקן צונאָמען זיינעם... אַזוי שמייכלט ער, ווען עס קומט אים אויס אַמאָל זיך באַגעגענען אין איין פלאַץ מיט חנה דער עפּלניצע, און ער הערט, ווי זי רופט אָן אַ געוויסען עפּל מיט דעם נאָמען אַנטאָנאָווער...

אמת, ער פאַרקויפט אויך נישט ביליקער... סיידן, אַז מען קויפט דריי מיטאַמאָל — רעכנט ער שוין פינף קאָפּיקעס... דעמאָלט איז טאַקע דער ריווח זייער קליין. נאָר מען קען דאָך ניט זיין קיין באַרייסער. זאָל מען ניט זאָגן, אַז ביי אברהם דער ווילנער צו קויפן עפּל איז טייער ווי אין אַן אַפּטייק... ער האָט פיינט דעם פאַרגלייך...

חנה דער עפּלניצע אַרט דאָס ניט... טאָמער זאָגט מען איר — אויב מען ריזיקירט — אַז זי רעכנט טייער ווי אין אַן אפּטייק, לאַכט זי:

— נו, וואָס מיינט איר, אָדער נו, וואָס מיינסטו — דער עפּל היילט טאַקע אין האַרצן, עס איז אַ רפואה...

מיט איר אויסטיינען זיך איז שווער... און ניט קויפן, ווען מען האָט שוין דעם עפּל אָנגערירט, צי גאָר גענומען אין דער האַנט אַריין — איז אוממעגלעך.

— געהערט אַביסל — צושרייט זי זיך אויף אָן הויכער אָקטאַווע — אַרומגעטאַפּט דעם עפּל פון אַלע זייטן, געמאַכט אין אַ ווייסן „אַנטאָנאָווקע" — פלעקן, פליאמעס, און איצטער ווער וועט עס קויפן?...

אברהם דעם ווילנער אַרט אויך ווען מען דריקט דעם עפּל מיט אַ פינגער... עס איז אים גלאַט אַ שאָד דער עפּל... אָבער, זאָגן וועט ער ניט. ער האָט אויך רחמנות אויפן קונה. מילא, אַ מענטש קויפט, וויל ער זען וואָס ער קויפט...

און דעם אָנגעריסענעם עפּל לייגט ער אָפּ אין אַ זייט. ער וועט שוין אָט דעם עפּל אוועקגעבן צוזאַמען מיט נאָך צוויי — פאַר פינף קאָפּיקעס, ווען דער קונה וועט זיך שטאַרק דינגען...

טרעפן טרעפן זיך ביידע — אברהם דער ווילנער מיט חנה דער עפּלניצע — ווינטערצייט אין צוויי פלעצער: איינמאָל אין אָוונט — אין גרויסן בית־מדרש, און אין אַ שבת צו נאַכט, אויף אַ חתונה — ביי די טענץ...

אין בית־מדרש איז דער יחסן אברהם דער ווילנער — עס איז זיין בית־מדרש... אין די ספרים, וואָס שטייען אין די גרויסע אַלמערס אין מערב זייט, קעגן וועלכע ער זיצט מיט זיין קאָשיק עפּל, אויף אַ באַנק, איז ער באַהאַוונט... און דערצו — אַ מאַנסביל צווישן מאַנסביל... אַ געוויינלעכע זאַך... די ישיבה בחורים און דער פרוש זיינען זיינע פריינט, אפילו מקורבים. זיי ווייסן, אַז אברהם דער ווילנער, כאָטש אַ ייד אַן אָרעמאַן און מוז נעבאַך שפּייזן זיין וויב מיט די קינדער מיט אַזאַ פרנסה, ווי אַרומטראָגן עפּל אין אַ קאָשיק, איז אַ ייד אַן איידעלער, א למדן, און אַ חקרן. ביי אים איז ניט דער עיקר דער פדיון אין בית מדרש, נאָר די לופט... ער פאַרפירט אַמאָל, אויף זיין שטילן שטייגער, מיט די ישיבה בחורים אַ שמועס וועגן גאָר הויכע ענינים — וועגן עולם הבא. וואָס די גמרא זאָגט, און וואָס דער רמב״ם זאָגט, און וואָס אַריסטאָטעל האָט געזאָגט. און וואָס די היינטיקע זאָגן... און זיי האָבן טאַקע פאַר אברהם דער ווילנער דרך ארץ. אַמאָל דאַכט זיך זיי גאָר, אַז ער איז אַ מין תנא, צי אַן אמורא פון דער גמראס צייטן... אין יענע צייטן זיינען געווען טאַקע גרויסע מענטשן און געוואַלדיקע אָרעמע לייט...

פילט זיך אברהם דער ווילנער דאָ צווישן זייניקע, און זיי — די ישיבה בחורים, און דער פרוש, און אַזוי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין בית מדרש — ווייסן, אַז אברהם דער ווילנער איז אַ זייעריקער. קען מען ניט אַלע אָוונט אים געבן עפּעס צו לייזן, איז מען אים מהנה מיט אַ פּאַפּיראָס, אַמאָל איז מען אים מכבד מיט אַ געבאַקטער קאַרטאָפל... ער האָט טאַקע אַ קאָשיק מיט עפּל, אָבער אַ געבאַקטע קאַרטאָפל איז ביי אים מער נאָשעריי, ווי אַן עפּל. עס איז אַ סברה, אַז ער אַליין פאַרזוכט ניט אין ווינטער אַן עפּל. ער וועט

גיכער דערלייגן אַן עפּל — אמת, אַ קלענערע, נאָר אַן געלט צו נעמען פֿאַר דעם, איידער אַליין זאָל עסן אַן עפּל... שטענדיק זעט ער זיי, די עפּל, פֿאַר די אויגן, און ווי שיין זיי זאָלן אַפּילו ווינטער ניט אויסזען, גלוסט זיך אים ניט...

חנה די עפּלניצע איז שוין אין בית מדרש ניט קיין יחסנטע.

איז שוין מער יחסן לאה די אלמנה... יענע פֿאַרקויפֿט האַלב צעפּוילטע און קליינינקע עפּעלעך — זעקס פֿאַר אַ קאָפּיקע — און אויף יענער איז טאַקע אַ רחמנות, און אַ ייִדענע איז זי אַ שטילע... דער פּרוש האָט זיך שוין מיט איר אַמאָל געוואָלט פֿאַנאַנדעררעדן נאָר זי האָט זיך געשעמט צו ענט־פֿערן... אָבער די אלמנה קומט ניט אַזוי אָפֿט. חנה די עפּלניצע האָט העזה אַפּילו אין בית מדרש. אמת, צו ווייט גייט זי ניט — זי זעצט זיך אַוועק מיט איר קאָשיק ביי דער באַנק, הינטער דער בימה, אַנטקעגן דער טיר... אָבער, אַז אַ ישיבה בחור גייט צו איר צו און וויל שוין ביי איר קויפֿן אַן אַנטאָנאָווער עפּל פֿאַר ווייניקער ווי צוויי קאָפּיקעס — מאַכט זי חוזק:

— געהערט אַביסל — ער לערנט גמרא און ווייסט ניט וואָס אַן אַנטאָנאָווער עפּל איז — קויף ביי דעם ווילנער... ער האָט די ריכטיקע...

אברהם דער ווילנער הערט פֿון וויטן ווי זי דערמאָנט זיין נאָמען. ער פֿאַרשעמט זיך און ער מוטיקט זיך מיט אַ נייעם שמועס:

— די גמרא אין „יומא” זאָגט: און פֿאַרטיפֿט זיך אין שמועס — שטיל און לאַגאַדנע, ביז וואַנען חנה די עפּלניצע גייט אַרויס.

און אַז ער איז זיכער, אַז זי איז שוין אַוועקגעגאַנגען, דערפֿילט ער זיך געהויבענער.

ניט אַזוי וואָס אַ קאָנקורענטקע איז אַוועק, נאָר ווייל זי דערמאָנט אים ניט זיין געפֿאַלנקייט... און די עפּל אַליין אין קאָשיק — קוקן אויס גע־הויבענערע...

דער צווייטער פּלאַץ, וואו זיי טרעפֿן זיך ביידע, איז אויף אַ חתונה — שוין שפּעט ביינאַכט, נאָך דער וועטשערע, ווען די מיידלעך טאַנצן און די איידעלע קאַוואַליערן זיינען מחויב צו דערקוויקן די מיידלעך מיט וועלכע זיי האָבן געטאַנצט דעם קאַדריל.

דעמאָלט איז אַ צענערל — צען גראָשן — קיין געלט ניט... בפֿרט, אז דער חתן אַליין, שוין נאָך די דראָשע־געשאַנקן, איז אויך צווישן דעם יונגן עולם...

און די כלה אין דער גירלאַנדע און אין דער זיידענער קליידי, איז שוין עטוואָס מיד און זי זעט אויס אַ מידע, נאָך שענער, ווי ביי דער חופה...

דעמאָלט קויפט מען עפל און מען איז מכבד דער חתן — דער כלה און די בחורים, וואָס האָבן געטאַנצט — זייערע מיידלעך. יעדער בחור — זיין מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַלטן ביי די הענט און אפילו זי ביי דער געוויסער „לאַנסע" אַראָפּגענומען, אמת, זייער אידל, ווייל די עלטערן פון דער מיידל און זיינע עלטערן האָבן אַכטונג געגעבן.

דאָ, ביי די טענץ, אויף דער חתונה איז שוין די יחסנטע, די געניטע, די מעכטיקע חנה די עפּלניצע. אַ חתונה — לאָזט איר! זי ווייסט שוין וואָס און ווען. דאָ האָט זי שוין אַנדערע וועגן ווי צו לייזן און ווי צו נעמען טייערער.

זי ווייסט שוין וועלכער בחור האָט ליב וועלכע מיידל, ווער רעדט וועגן חתן־כלה, ווייסט זי שוין די סודות:

— חתן! — רופט זי זיך אָן — נישקשה, איר מעגט געבן צו לייזן מער. די כלה קיין עין־הרע, שיינט ווי אַ בת מלכה. איר מעגט קויפן אַ פּאָר צענדליק „אַנטאָנאָווקע" און אַלעמען מכבד זיין.

און דער חתן, אַ ברירה האָט ער — ער קויפט און דינגט זיך ניט.

דאָ איז שוין אברהם דער ווילנער אָן עם הארץ. ער ווייסט אפילו נישט ריכטיק ווער איז די כלה, און ווער איז דער חתן. אַלע מיידלעך זיינען דאָ שיין געקליידעט — אַלע כלות און בת מלכות, און די בחורים — שררות! אין די ווייסע מינישקעס מיט די מינישקעס מיט די קראַגנס, מיט די קאַפּעלישלעך, און אַפילו מיט די היטלען מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס זעען זיי אויס ווי וואַזשנע לייט.

זיצט ער, אברהם דער ווילנער, ערגעץ אין אַ ווינקל, ביי דער טיר, אויף אַ זיך שאָקלענדיקער טאַבורעטקע, דעם קאָשיק מיט די עפּל אויף די קני, און קוקט אויס אויף אַ קונה.

צו אים גייט שוין דוקא צו דער מחותן, אויב יענער באַמערקט אים:

— נו, רב אברהם, לאָמיר אייך עפּעס געבן צו לייזן:

און עס דאַכט זיך אים, אברהם דער ווילנער, אַז דער מחותן וויל אים שענקען אַ נדבה, און ער רופט זיך אָן:

— ס'איז לאו־דוקא... כ'מיין וואָס איז שייך — אַ שמחה... זאָל זיין שמחות ביי ידן...

ער פאַרפּלאָנטערט זיך, און דערווייל רופט אָוועק די מחותנת׳טע דעם מחותן.

און חנה די עפּלניצע איז אַרומגערינגלט מיט קונים — דער חתן, די כלה, די בחורים און די מיידלעך.

ער זעט, ווי חנה די עפּלניצע זיצט שוין באַלד מיט אַ לידיקן קאָשיק.

און ער פאַרקויפט איינגאַנצן עטלעכע עפּל: דעם קלעזמער, וואָס שפּילט אויף דער באַנדורע — צוויי, און דעם מחותנס דינסטמיידל — דריי.

ער וואָלט זיך שטילערהייט אַרויס געזוקט פון דער גאַנצער חתונה, אַנטלויפן פון דעם טומל.

ער וואַרפט ביים אַרויסגאַנג א בליק אויף חנה די עפּלניצע. ער איז אַ בעלן צו זען וואָס ער הערט זיך ביי איר.

ערשט זי גייט צו אים צו און רוימט אים איין אַ סוד:

— רב אברהם, באַרגט מיר אויס אַ פּאָר צענדליק עפּל.

— מיט דעם גרעסטן כבוד — רופט ער זיך אָן און ער ציילט איר אָפּ צוויי צענדליק עפּל פון זיינע עפּל, וואָס האָבן ניט קיין באַזונדערן נאָמען.

און חנה די עפּלניצע גייט צוריק אויף איר פּלאַץ, אין סאַמע אויבן־אָן, און זי פאַרקויפט שוין אברהמ׳ס עפּל און רופט זיי אָן מיט שטאָלץ: „אַנטאָ־נאָווקעס״.

און זי באַקומט שוין דעם ריכטיקן מקח. דער חתן אַליין האָט זיי אָפּגע־קויפט און טיילט זיי מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים די יונגע געסט.

און אברהם לאָזט זיך גיין אַהיים אַ מידער, אַ פאַרשלאָפענער.

אין קאָפּ באַמבלען זיך נאָך די טענער פון די מזיק פון דער קאַפּעליע. די באַנדורע טראָגט זיך אין דער לופטן, און חנה די עפּלניצע — אַ ברייטע, אַ האָפערדיקע, אַ שרייענדיקע — זיצט ערגעץ אין דער הויך און פאַרקויפט די פריילעכע יונגעלייט עפּל, זיינע עפּל, און רופט זיי „אַנטאָנאָווקעס״.

און הינטער אים לויפט נאָך עמעצער און רופט אים: רב אברהם — קערט זיך אום. עס איז אַ חתונה...

ער אָבער שלייכט זיך ווייטער פאַרויס...

# גרינע בלעטער

טאָמער האָט חנה זלמנס, אַ מאַמע פון פינף קינדער, צוויי דערוואַקסענע און דריי נאָך קליינע, איינע אונטער דער אַנדערער — טאָמער האָט זי געהאַט ווייניק אַרבעט אַרום שטוב און אַרום די קינדער, האָט זי נאָך געהאַט אַרבעט אַרום דער בהמה, וואָס מען האָט געקויפט, ווען זי האָט אַנטוואוינט דאָס עופהלע און עס האָט געדאַרפט טרינקען מילך שוין פון אַ גלאָז.

די בהמה האָט מען געקויפט אין מיטן זומער, אויף אַ יריד, אַ מציאה. אַבצן רובל האָט מען פאַר איר באַצאָלט. דאָס איז געווען טאַקע זלמנס אויפטו. אַליין אַ הענדלער פון תבואה און קיין תבואה אין מיטן זומער שוין צו קויפן ניט געווען, איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט קויפן אַ בהמה. האָט ער וועגן מקח אַ פרעג געטאָן ביי אַ פויערל, וואָס איז אין מיטן מאַרק געשטאַנען ביי זיין וואָגן און צום וואָגן, אין דער ברייט, צוגעבונדן אַ קליינגעוויקסיקע מאָגערליכע בהמה, מיט אַ ברוינער פעל, און אויף איר שטערן דריי ווייסע פלעקן, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ מין בהמהשן חן. זלמן, וואָס האָט געהאַט אַלעמאָל, צוליבן האַנדל, אַ געוויסע סומע געלט, אייגענע צי געבאָרגטע, אין איינער פון די צוויי טיפע קעשענעס פון זיינע וואַכעדיקע הויזן, וואָס זיינען טאַקע צוליב דעם געווען אי פון שטאַרקן שטאָף, אי שטאַרק געניית, האָט זיך דערמאָנט אין דעם וואָס חנה רעדט אָפט איבער, אַז פון געקויפטער מילך קען מען קוים אויסקומען, אַז קויפן אַ בהמה, צוליב די קליינוואַרג, איז נויטיק ווי לעבן. האָט ער זיך פאַרלאָזן אויף זיין אייגענער מבינות, וויל זיין מאַמע, געדענקט ער, האָט אויך יאָרן־לאַנג געהאַט אַ בהמה און ער האָט נאָך געדענקט די סימנים וואָס ווייזן אָן צי זי איז יונג, צי אַלט, ווערליק די קאַרבן אויף דער בהמהס הערנער.

אײדער ער האָט באַצאָלט דעם פויערל, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נאָך

אַן עצה געהאַלטן מיט נח חיים דעם קצב, וואָס פאַר אים איז זי ניט געווען קיין סחורה. ער האָט אויפן מאַרק געזוכט אַנדערע בהמות. און ער האָט זלמנען ערקלערט:

— אויף פלייש טאַקע ניט, אָבער אויף מילך יאָ. מען זאָל איר נאָר געבן גוט עסן.

האָט שוין זלמן זיך געפרייט, וואָס די בהמה איז אַזאַ מזלדיקע און טויג ניט פאַר נח חיים דעם קצב. פון דעם ערשטן קוק, וואָס די בהמה האָט אויף אים געגעבן מיט אירע צווי גרויסע שוואַרצע אויגן, האָט ער שוין דערפילט צו איר גרויס רחמנות.

ער האָט שוין ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ביי אים, ביי זלמנען און ביי זיין חנהלען, זאָל דער בהמה, חלילה, גאַרניט פעלן.

די ערשטע פאַר נעכט האָט די בהמה איבערגענעכטיקט ביי אַ שכן אין שטאַל. זלמן אַליין האָט בלויז געהאַט אַ שטוב און הינטערן שטוב אַ שפייכלער, וואו צו האַלטן די תבואה. האָט ער זיך שוין אָנטגעטאָן אַ כח און אויפגעשטעלט אויפן לידיקן פלאַץ צווישן שטוב און שפייכלער — אַ קליין שטעלכל.

אויסגעבעט דעם ערדיקן גריבערדיקן באָדן מיט צווי בינטלעך שטרוי, וואָס דאָס האָט שוין געקויפט חנה ביי אַ גואישער וויטער שכנה, האָט מען אַריינגעפירט די בהמה אין איר נייער היים.

ס'איז אויסגעקומען, אַז דער נייסטער בנין געהערט דער בהמה.

אַ שכן אַ וויצלינג האָט טאַקע געזאָגט:

— ביי זלמנען און חנהן וועט דער בהמה זיין גוט ווי דער וועלט.

אויפן דריטן טאָג האָט מען זיך שוין באַדונגען מיט פּאַכאָמן — אַ גוי, וואָס האָט געוואוינט אין עק גאַס און זיין הויכגעוואַקסענער און מאָגערער זון, אַנדרעי, האָט געפירט די טשערעדע אין דער פרי אין פעלד אַריין, אויפן גרינעם גראָז.

געדונגען האָבן זיך אי זלמן, אי חנה. מען איז מושוה געוואָרן — אַזוי ווי עס איז שוין געווען אינמיטן זמן, אַרום חודש אב — פאַר פינף גילדן. פּאַכאָם האָט צוגעזאָגט, אַז אַנדרעי וועט איר, מיט די אַנדערע בהמות, אָפּהיטן.

האָט שוין חנה פון דעמאָלט אָן ניט געדאַרפט מורא האָבן צו פאַרשלאָפן. אַנדרעי, וואָס האָט זיך געפירט, ווי אַן אמתער פּאַסטוך, מיט אַ טאַרבע אויפן פּלייצע און מיט אַ בלעכענער טרובע פון פאַרנט, און מיט אַ לאַנגן דינעם שטעקן אין דער האַנט, איז ער געגאַנגען דאָ ביי איין זייט פון די בהמות,

דאָ ביי דער אַנדערער זייט, און וואָס ווייטער איז אַלץ די מחנה בהמות גרעסער געוואָרן. די לעצטע בהמה אַרויסצולאָזן פון שטאַל און מיטנעמען זי אויפן פעלד — ביי אַ האַלב וויאָרסט פון דער גאַס, איז געווען חנהס.

עס איז נאָך געווען זייער פרי, ווען ער פלעגט אַרויפקומען אויף זלמנס הויף און פאַרנעמען די בהמה שוין אַן אויסגעמאָלקענע. חנה איז שוין צוליב דער בהמה אויפגעשטאַנען פריער ווי שטענדיק. און זלמן אַליין איז אויך שוין געווען אַ בעלן צו זען ווי אַזוי זיך ברוינע בהמה מיט די דריי פלעקן אויפן שטערן לאָזט זיך, שוין ווי אַ צעבאַלעוועטע, פון דער גוטער אויפפאַסונג, מיט נאַכלעסיקע טריט, צו דער מחנה בהמות. און אַנדרעי גיט שוין די לעצטע סיגנאַלן אויף זיין בלעכענער טרובע. וואָס דאָס באַדייט, אַז שוין אַלע בהמות זיינען דאָ. ער לאָזט זיך שוין מיט זיי אין פעלד.

דערווייל נעמט זיך חנה צו די מילך. זינט די בהמה גייט אין פעלד, איז דאָס געמעלק גאָר נישקשהדיק. זי וויל דאָס אַפילו ניט איבעררעדן. זלמן, וואָס גלויבט ניט אין עין־הרע, וועט לאַכן.

די גאַנצע מילך פאַרטוט זי ניט. אַ טייל פאַרקויפט זי יענע שכנות, וואָס האָבן אַליין ניט קיין בהמות. האָט זי צושטייער אי פאַרן פאַסטעך צו באַצאָלן, אי פאַר דער בהמה אויף צו געבן איר דאָס עסן אין דעם „צעבער", ועלכן חנה פראָוועט־צו אפילו מיט קלייען, וואָס קאָסט זייער טייער, וועדליק פאַר אַ בהמה. דאָס קלייען געבן איז שוין זלמנס אויפטו. ער ווייסט, אַז קלייען איז פאַר אַ בהמה זייער גוט. וויל חנה זיך מיט אים ניט קריגן.

דאָס ביסל מילך, וואָס בלייבט פון די צוויי מאָל מעלקן, איז פאַר די קינדער און אַמאָל צו פאַרווייסן אַ געקעכטס, וואָס מען קאָכט אינדערפרי. אַליין אויסטרינקען אַ גלאָז מילך קען חנה זיך ניט פאַרגינען. טאַקע פון דער אייגענער בהמה, אָבער אַז זי וויל מאַכן אַ ריכטיקן חשבון, קאָסט עס געננג. בפרט, אַז דאָס קינד אין שוין אַנטוואוינט, איז צו וואָס זאָל זי טרינקען מילך... די קינדער זיינען בילכער, איבערהויפט דאָס אַנטוואוינטע באַשקעלע, אַ לעבן אויף איר.

זלמן, שוין ניט אַזאַ שפּאַרזאַמער, האָט קיין מילך ניט ליב. ס'איז ניט קיין מאַנסבילשער געטראַנק. פונדעסטוועגן טוט ער אַמאָל חנהן צוליב און פרייטיק צו דער ווייסער בולקע טרינקט ער אויס אַ האַלבע גלאָז מילך. זאָגט ער שוין דערפאַר מבינות:

— די מילך איז זייער באַטעמט.

ווערט די בהמה נאָר טייערער.

דערצו איז מען, הייסט עס, באַלעבאַטים... מיט אַן אייגענער בהמה... מיט וואָס זיך איבערנעמען איז טאַקע ניטאָ, בפרט, ווען דער שכן שלום דער שניידער האָט זיך מיישב געווען און אויך געקויפט אַ בהמה, און ווײַדליק ער אַליין דערציילט, איז זײַן בהמה נאָך אַ גרעסערע מציאה און גיט נאָך מער מילך. אמת, ער אַליין — צאָלט אים צו, וועט ער קיין מילך ניט טרינקען — ער האָט עס ניט ליב, ניט געוואוינט דערצו פון קינדווײַז־אויף. נאָר די קונדן, וואָס קויפן ביי אים די מילך, זײַנען גאָר נתפעל — אַזוי באַרימט ער זיך.

אָבער חנה, ניט קיין גדלהניצע, ניט קיין גרויס־האַלטערין, איז פונדעסט־וועגן צופרידן. פאַרקערט, דאָס וואָס שלום דער שניידער פאַרמאָגט שוין אויך אַ בהמה, איז ביי איר זייער אָנגעלעגט. אַ גוטער שכן און זי, דאָס ווײַב זײַנס, אויך אַ וואוילע. האַלט מען זיך טאַקע עצות מיט איר, וואָס צו געבן עסן דער בהמה און עס זאָל ניט קאָסטן טייער. דעם שניידערס ווײַב זאָגט, אַז קלייען איז ניט פאַר איר קעשענע. בפרט, זינט מען האָט געקויפט די בהמה, איז אויסער די הוצאה, וואָס די בהמה קאָסט אויסצוהאַלטן און פאַרן שטאַל וואו צו האַלטן זי צאָלט זי אויך, האָט שלום אַליין אויפגעהערט צו אַרבעטן — ער איז פאַרטאָן מיט דער בהמה.

אָבער אָט קומט אָן דער אָסיען. ס׳איז נאָך סוכות. פּאַכאָם, דעם פּאַסטוכס טאַטע, איז שוין געקומען אײַנמאָנען דעם לעצטן גילדן. אַנדרעי וועט שוין, הייסט עס, די בהמות אין פעלד מער ניט טרײַבן. דאָס גראָז אין שוין אָפּ־געשניטן און אָפּגעגעסן. די בהמה בלייבט שוין אין שטאַל און מוקעט מיט בענקשאַפט פון שטעלכל אַרויס, נאָכן פעלד.

דאַרף מען שוין זען איר געבן מער עסן אין דערהיים, עס זאָל דער בהמה ניט פעלן דאָס ביסל גראָז.

ווערט חנה געוואויר, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַן עצה. ביי מינע־לאה, וואָס האַנדלט מיט גערטנער פון גרינס, זי פאַרזעעט זיי, געדונגענע ביים פוילישן גלח, הינטער פוילישן קלויסטער. מוז מען שוין נאָך סוכות אַרויסנעמען די לעצטע געוויקסן, די ברוקועס, וואָס אויך זיי קענען זיך שוין מער ניט האַלטן אין דער ערד, זיי זײַנען שוין צו צייטיק. דעמאָלט זוכט די רייכע באַלעבאָסטע מינע־לאה — וואָס האָט טאַקע איר אייגענע הויז ניט ווייט פון די גערטנער — אַרויסהעלפער אַרויסצונעמען די ברוקועס וואָס האָבן זיך צעוואָקסן איבער הונדערטער בייטן.

צאָלן פּאַר דער אַרבעט איז מינע־לאהן אַ שאָד, און אפשר לוינט טאַקע איר ניט. די ברוקוועס פּאַרקויפט מען ביליג. דעמאָלט שלאָגט זי פּאַר יענע ווייבער, וואָס פאַרמאָגן בהמות, אַוועקצוגעבן זיי די אויבערשטע בלעטער פון די ברוקוועס פאַר זייערע בהמות.

חנה זלמנס איז אין דער פריער יוגנט געווען חברטעס מיט מינע־לאהס אַ יינגערע שוועסטער, און מינע־לאהן אַליין, איצט אַ רייכע אלמנה, דעמאָלט אַ כלה־מיידל, האָט זי אויך געקענט און אַפילו אַמאָל אין אַ שבת געטאַנצט מיט איר ביי זיי אין הויז, איז איר ניט אַזוי אנגענעם צו גיין אין מינע־לאהס גערטנער גראָבן די ברוקוועס און אַרומשנײַדן די אויבערשטע בלעטער, און יעדער ברוקווע מאַכן ריין, גרייט צו פאַרקויפן. אָבער ווי באַלד דאָס איז פּאַר דער בהמה, מוז זי עס טאָן. די דאָזיקע אויבערשטע בלעטער, קענען זיין, אויף אַ חודש צו געבן עסן דער בהמה.

און חנה זלמנס שעמט זיך אָפּ. עטלעכע טעג נאָך סוכות, אויב עס רעגנט נאָר ניט, לאָזט זי זיך אַוועק צו מינע־לאהן. דאָס הויז שטייט ווי אין מיטן וועלט — אַ הויז אַ גרויסע, מיט אַ גאַנעק אויף סלופּעס. די פענצטער, גרויסע און ליכטיקע, האַלב פאַרהאַנגען מיט ווייסע פאַרהאַנגלעך. און אַרום און אַרום גערטנער מיט נאָך ניט אַרויסגענומענע ברוקווע, קרויט און קאַרטאָפל. איין גאָרטן נאָכן אַנדערן, קוים אַרומגעצאַמט. ס׳איז עק שטאָט און קיינער קומט ניט גנבענען.

גייט זי אַריין אינעווייניק. מינע־לאה, אַ ברייטלעכע ידענע, אַנגעטאָן ווי אַ רייכע באַלעבאָסטע, מיט פערל אויפן האַלדז אַפילו אידערוואָכן, גייט חנהן אַנטקעגן. זי ענפערט חנהן אויפן גוט־מאָרגן פריינטליך, פרעגט אפילו וואָס מאַכט זלמן, די קינדער.

חנה ענטפערט, ווי אַליין אַ באַלעבאָסטע, מיט ווירדע. נאָר אָט ענדערט זיך מינע־לאהס פנים. דאָס בליק פון אירע שוואַרצע גרויסע אויגן ווערט שטרענגער, ווי באַפעלעריש, און זי הויבט־אָן:

— איז אַזוי... אַרויסנעמען די ברוקווע פון דעם ערשטן גאָרטן, אַרומ־שנײַדן די אויבערשטע בלעטער ריין, עס זאָל גאָרנישט בלייבן, און זען, אַז יעדער ברוקווע זאָל אויסזען שיין און דער עיקר ריין, צום פאַרקויפן. און די אַרומגעשניטענע צונויפנעמען אין קופּעס, ניט צעוואָרפן.

חנה זלמנס הערט אויס און עס פלאַמט איר דאָס פנים. אָבער שוין פאַרפאַלן.

אָבער אָט פילט זי נאָך מער באַליידיקט. מינע־לאה בייט דעם אויסדרוק פון איר פּנים, ווערט שוין ווידער פריינטליך, און זאָגט:

— עסן די ברוקווע, ביים אַרומשניידן די בלעטער, מעגט איר וויפל איר ווילט. און עטלעכע מעגט איר אַפילו נעמען אַהיים אויף צימעס מאַכן, אויף שבת.

דאָ צינדט זיך שוין אָן חנהן דאָס פּנים. וואָס הייסט: זי שענקט איר אַ נדבה... און זי רופט זיך אָן:

— ניין, אַ דאַנק... איך וועל אַפילו ניט פאַרזוכן... וואָס הייסט פרעמדע ברוקווע...

— נו, איז ווי איר ווילט אייך... איך זשאַלעווע אייך ניט — ווערט שוין חנה צוריק שטרענג אפילו אין איר גוטסקייט... און זי מאַכט אַ מינע, ווי מער האָט זי שוין ניט וואָס צו זאָגן...

חנה גייט אַרויס... לאָזט זיך אַוועק מיט די זעק אונטערן אָרעם צום גאָרטן. פאַרנאַכט האָט זי שוין אַרום זיך גאַנצע בערג מיט בלעטער...

קומט שוין, ווען ס'איז שוין פינצטערלעך, זלמן העלפן צו איינפּאַקן די גרינע גרויסע בלעטער אין די זעק אַוועקטראָגן אַהיים. ער נעמט דעם שווערסטן זאַק. זיי גייען ביידע דורך זייטיקע געסלעך, דורך אויסגעגראָבענע גערטנער פון געוועזענע גרינס, דורך בייטן און קוסטעס, אַבי קיינער זאָל ניט זען.

פאַרשעמטע פון דער דאָזיקער אַרבעט, ביי וועלכער חנה האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג און געלאָזן די שטוב אַליין, קוקן זיי זיך איבער, שוין קומענדיק אַהיים, און רעדן ניט קיין וואָרט.

ערשט אַז חנה דערמאָנט זיך אָן דער בהמה, הויבט זי אָן צו שמייכלען. זי עפנט פאַנאַנדער די דריי זעק מיט די גרינע בלעטער, איז זיך משער, אַז דאָס וועט זיין פאַר דער בהמה אַן אַנגעלייגטע שפּייז, עלעהיי גראָז אויפן פעלד, און זאָגט פעסט אַרויס: — מאָרגן וועל איך ווידער גיין.

און זלמן שוויגט. ס'איז אים אי אַ חרפּה, אי אַ רחמנות אויף דער בהמה, וואָס איז שוין דעם דריטן טאָג אין שטאָל אָן אַ ביסל גראָז.

— נו, וואָס באַשטייען מיר אין וועמען, אַבי די בהמה וועט האָבן גרינע בלעטער צו עסן...

רוט זיך שוין חנה אָפּ, און אַ צופרידענע לאָזט זי זיך אַרויס צו דער בהמה אין שטאָל געבן איר עסן, און טאַקע אָט די גרינע בלעטער.

די קינדער וועט זי שוין געבן עסן שפּעטער אַ ביסל.

# אַמאַליקע חברטעס . . .

ביי חנה זלמנס איז דער יום־טוב אַליין ניט געווען אַזוי וויכטיק, ווי דאָס גרייטן זיך צו אַ יום־טוב. נו, אודאי, עס האָט זיך געוועגדט וואָס פאַר אַ יום־טוב. מען האָט ניט געקענט גלייכן דאָס גרייטן זיך אויף אַ פּסח, ווי אויף שבועות, צי אפילו אויף אַ סוכות. יעדער „פאַר יום־טוב" פאָדערט זיין געוויסע צייט. אַ „פאַר־פּסח", למשל, קען הייסן אַמאָל ביי אַ פיר וואָכן, גלייך פון נאָך פורים ביז דעם סאַמע טאָג פון ערב־פּסח, וואָס אין אָוונט איז טאַקע דער סדר... אָבער אַ „פאַר־שבועות" איז אַפילו ביי אַזאַ ניט קיין פאַרמעגלעכער באַלעבאָסטע, ווי חנה, געענוג דאָס גרייטן זיך ביי איין וואָך... ווייל וואָס איז שייך — דאָס שטיקל פּוטער, וואָס זי גרייט אָן אויף די פּוטער־געבעקס, צי די שבועותדיקע „ציקאָריע", קען דאָך אין די שוין־געגוג־וואַרעמע טעג אפילו אין קאַלטן פירהויז, אין דער „שפּיזאַרניע", לענגער ווי אַ וואָך ניט האַלטן.

רעדט מען דאָך שוין ניט אודאי וועגן דעם גרייטן זיך צו אַ פּסח, וואָס דאָס איז ביי חנה־זלמנ׳ס, סיי לויט איר פרומקייט און סיי לויט איר באַלעבאַטישן שטאַט וואָס זי פירט, אַ גאָר־געהויבענער יום־טוב; ביי חנה־זלמנ׳ס — כאָטש ניט קיין פאַרמעגלעכע, אָבער פון דעם גאָר־פיינעם יחוס — איז פּסח אַ יום־טוב אי פאַר גאָטס־וועגן, אי פאַר לייטס־וועגן... דאָס מצה־באַקן איז אָפּן, אין אַ „פאָדריאַד", וואָס אַלע זען וואָס פאַר אַ מעל און וויפל מ׳באַקט, און אויך אין די שפּייז־קראָמען, נישקשה, ווייסט מען וואָס מען קויפט־איין... און טאָמער פּרוּאווט ווער עפּעס איינקאָרגן. איז אי מען באַרעדט, אי מען באַדויערט... און דאָס באַדויערן איז נאָך ערגער — דאָס קען שאַדן צו קרעדיט, ווייל כל זמן, ווי דער האַנדל גייט ניט גאָר פויגלדיק און מען לייגט נאָך אַמאָל צו — מוז מען אָבער האַנדלען, און דאָס רוב מיט פרעמד געלט... מוז מען קויפן אין שפּייז־קראָם דעם שיינעם ציטרין און דעם שיינעם פּעקעלע פּאָפּאָוו׳ס טיי, מיט אַ הכשר פון די גאָר־גרויסע רבנים אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג, אַז

עס איז כשר פאַר פסח, און עס קאָסט שוין טאַקע אַזאַ פעקעלע טיי טייערער... אַבי לייט זאָלן ניט מיינען, אַז מען איז שוין, חלילה, גאָר אויס...

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גרייטן זיך אויף פורים וואָלט געדאַרפט זיין ביי חנה׳ן פון די לייכסטע זאַכן... אַ יום־טוב, ערשטנס, אײנגאַנצן אַ טאָג... וואָרים אויף מאָרגן, דער שושן־פורים, איז דאָך נאָר פאַר די יינגלאַך, וואָס מאַכן זיך אַ יום־טוב און גייען ניט אין חדר... און, אמת, זי, חנה אַליין, האָט ליב געהאַט צו האַלטן אויך שושן־פורים — צוליב די ייִדן טאַקע אין שושן... וועדליק די שרעק, וואָס זיי האָבן, נעבאַך, געהאַט פון המנ׳ען, ביז מען האָט אים מיט זיינע בנים פאַר׳משפט — קומט זיי נאָך אַ טאָג... אָבער קיין בעסערן מאַלצייט האָט זי ניט געמאַכט. בלויז אַ טישטוך איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפ׳ן טיש דעם גאַנצן טאָג — אַ סימן, אַז ס׳איז יום־טוב...

נאָר דער איין טאָג פורים, דער אמת׳ער יום־טוב, איז — זאָל עס ניט אויסגערעדט זיין — געווען אויך אַ טאָג, וואָס האָט, ערשטנס, טאַקע געקאָסט און געקאָסט, און, צווייטנס — דאָס צוגרייטן זיך.

דער עיקר — דער מאָן פאַר די המן־טאַשן... עס פּאַסירט אַמאָל, אַז אין די שפּיז־קראָמען גייט אויס אַ פּאָר טעג פאַר פורים דער מאָן און מען מוז דאָן שוין אָנקומען צו דער גרויסער קרעמערין מאַטליע־גיטל, וואָס ביי איר אין קראָם איז דאָ פון אַלדאָס גוטס. ס׳איז אַ סברא, אַז אפילו פּרוכט, וואָס וואַקסט אַזש אין בעסאַראַביע, צי אין אָדעס, צי אַפילו אין קאַווקאַז... וועגן ארץ ישראל, להבדיל, איז שוין אָפּגערעדט... און אפילו אין סאָמען ווינטער. נאָר דאָס אַלץ האַלט זי פאַר די אָרומיקע פּריצים; און אפשר אויך פאַר די פּאָר גבירים און נגידים אין שטאָט גופא, וואָס זיי קענען זיך אַמאָל פאַרגלוסטן אַ בעסערע, טשיקאַ־ווערע פּרוכט.

אָבער מאָן, שוואַרצע מאָן אויף המן־טאַשן, דאָס איז ביי איר אַ סחורה, ווי צום שפּאַס... ס׳איז אויך מיר אַ פדיון... צו־טייער נעמען דערפאַר קען זי ניט — זי האָט איינזען מיט די ייִדישע באַלעבאַסטעס, וואָס קענען צופיל ניט צאָלן. איז דערפאַר אַ גאַנצע לאַסקע, אַז זי פאַרקויפט עס... סיידן, אַז מען גיט איר צו לייזן אויך פאַר אַנדערע סחורות... דעמאָלט מעסט זי שוין אָפּ אַ מעסטעלע מאָן און שמייכלט־צו דערביי...

חנה אָבער האָט ניט ליב אַ יום־טוב צו פאַרשטערן. פון דעם חלק פליש קען זי איינשפּאָרן. קיין פרעסערס זיינען ביי איר ניטאָ, ניט זלמן, חלילה, וואָס ער איז דאָך גאָר אַן אײדעלער, און ניט די קינדער... אָבער אַ המן־טאַש מיט

מאַן, אין סאַמע מיטן — דאָס איז שוין ביי די קינדער אַ שמחה... מיט דעם מאַן קאַרגן קען זי ניט... זי מוז האָבן מאַן פון דער פולער האַנט...

דערצויגן געוואָרן ביי איר זיידן — אין „עק״ גאַס, וואו עס וואוינען די גויים — פאַרמאָגט חנה אַ פּאָר באַקאַנטע גוי׳עס, וואָס זיי האָבן גערטנער הינטער זייערע כאַטעס. איינע פון אָט די גוי׳עס, אַנדזשע, אַן אַמאָליקע נאָענטע שכנה, איז געבליבן חנה׳ס אַ חבר׳טע אויפ׳ן גאַנצן לעבן... אַז חנה קומט צו גיין צו אַנדזשע׳ן צו קויפן עפּעס אויף אַ שבת — מערעלעך, צי אַפילו אַזוי גרינסן, וואָס וואַקסן אין אַנדזשע׳ס גאָרטן אין גרויס שפע — איז אַנדזשע די גליקלעכסטע פון אירע שכנים. ניט אַזוי ווייל חנה איז אַ יחסנ׳טע — פּרעג איר, אַנדזשע׳ן, בחרם אַקוראַט וועגן דעם יחוס — נאָר טאַקע ווייל זי איז אירע אַ חבר׳טע פון קינדוויז־אויף.

חנה אַליין דערפרייט זיך אויך. אין דער צייט, וואָס זי געפינט זיך אין אַנדזשע׳ס כאַטע, ביי דעם דובאָוון טיש, און הערט אויס אַנדזשע׳ס פריידן און לײַדן, וואָס יענע דערציילט איר, דאַכט זיך איר, חנה׳ן, אַז עפּעס איז דאָ אַוויינס, וואָס גלייכט אויס ביידנס לעבן. זי, אַנדזשע, אַ גויע, און זי, חנה, אַ ידישע און נאָך אַזאַ פרומע... דערוויל אָבער באַמערקט זי די הייליקע בילדער ביי די ווענט אונטער דעם נידעריקן סופיט, לאָזט שוין חנה אַראָפּ די אויגן... צו איר האָט עס לחלוטין קיין שייכות ניט. זי איז געקומען צו אַנדזשע׳ן, ווי צו אַ חבר׳טע, וואָס קליינוויז־אויף פלעגט מען זיך שפּילן, זינגען צוזאַמען אפילו די אומעטיק־פרייליכע לידער, וועלכע די מאַנסביל זינגען ווען זיי קומען פון פעלד מיט די וועגען סנאָפּעס־תבואות...

רופט שוין אַנדזשע פונדעסטוועגן חנה׳ן אַרויס פון דער כאַטע אין הויף אַרויס, צו די שפּייכלערס, צו די שייערן, וואָס געפינען זיך אינעווייניק אין הויף גופא. ווי ניט רייך אַנדזשע איז, אָבער אַ „האָספּאָדאַרשע״ — ווי עס הייסט אויף זייער לשון — איז זי יאָ.

„פון כל טוב״, — זאָגט אַמאָל חנה פאַר אירע שטוביקע, און זי לייגט דערביי צו — „זאָל איר גאָט העלפן. איך האָב צו איר ניט... אַמאָל חבר׳טעס געווען, געשפּילט זיך אינאיינעם אין די גערטנער, אויף די גראָזן גע־זונגען״...

ווען חנה איז שוין אויפ׳ן הויף, צערעדט זי זיך מיט אַנדזשע׳ן. ווען עס קומט אויס אַ וואָך פאַר פורים, ווען חנה פלעגט קומען צו איר, האָט שוין אַנדזשע זי געפרעגט:

— פון דעם מאַן האָסטו נאָך?

דאָס האָט געהייסן, אַז זי, אַנדזשע, האָט שוין חנה'ן געגעבן מאַן סוף זומער; נאָר עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז ביי איר אַוועקגעגאַנגען, דאָ צו געוויסע פלעצלעך, וואָס זי באַקט, און דאָ זיינען די קליינוואַרג, די קינדער, געוואָר געוואָרן וואו עס ליגט דאָס זעקעלע מיט די מאַן און האָבן עס אויפ־געגנאַשט...

— נו, יאָ, קינדער, — פאַרענטפערט זיי אַנדזשע אויף איר לשון און שמייכלט. — ביי „אייערע" איז מאַן אַ גאַנצער מאכל; ביי מיינע דוקא ניט...

און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַנדזשע האָט נאָך געהאַט גענוג די „בעכער־לעך", אין וועלכע די מאַן וואַקסן...

— איך וועל דיר געבן גאַנצע און דו וועסט שוין אַרויסקריגן... נאַ, אַ גאַנצן פּאַק...

און אַנדזשע האָט חנה'ן אַנגעשאָטן אין איר פאַרטוך אַרייַן, וועלכן זי האָט נאָכדעם פאַרבונדן און געטראָגן שוין אין די הענט. אַ פּאָר צענדליק „בעכער־לעך" מיט מאַן. עס האָט נאָך דערמאַנט, ווי עס האָט געוואַקסן אין גאָרטן, מיט די רויטע רויזן אַרום...

פאַרשטייט זיך, אַז חנה האָט שוין ביי אַנדזשע'ן אויך באַקומען עטלעכע פיינע בינטלעך פּאַסטערנאַק, אויף אַ שבת'דיקן צימעס; ווייל די מערעלעך זיינען שוין ניט געווען אַזוי פריש, און דערצו אַ בינטל כריין. דאָס איז שוין געווען אויף פּסח...

— טאָמער וועסטו זיין פאַרנומען, נאַ דיר שוין... — האָט צו איר אַנדזשע ליכטיק געשמייכלט.

זי האָט געוואוסט, אַז אויך דער כריין האָט צו טאָן מיט דעם יידישן יום־טוב, מיט עפּעס אַ שלעכטן קעניג, אַ פּרעה; אַזוי ווי דער מאַן האָט צו טאָן מיט עפּעס אַ המנ'ען.

אָבער אַנדזשע האָט זיך מיט זיי ניט געשעמט... זי האָט זיי ביידן, סיי פּרעה'ן און סיי המנ'ען, ניט געהאַלטן פאַר איריקע...

און אין אַ שמועס אַמאָל מיט חנה'ן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האַלט פון זיי ניט, ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען רשעים, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן דאָך נאָך אין גאַנט ניט געגלויבט... דאָס איז דאָך געווען אַזוי לאַנג צוריק...

פון וואַנען אַנדזשע האָט דאָס געוואוסט, האָט חנה ניט נאָכגעפאָרשט. ביי

איר איז דער עיקר, וואָס אַנדזשע איז אירע אַ שכנה, און אַמאָל, קינדוויז, זיך אינאיינעם געשפּילט אין די גערטנער, אין עק גאַס, אויף דער פרײַ...

און דוקא נאָך מאָן אויף פּורים איז זי געגאַנגען צו אַנדזשע'ן — מיט די שענסטע געפילן אירע...

און אַנדזשע האָט חנה'ן אויפגענומען, איבערהויפּט אין אַ פּאָר־יום־טוב, ווי אַ נאָענטע שכנה און ווי אַ חבר'טע פון קינדוויז אויף.

און אַנדזשע האָט שוין געוואוסט, וואָס אויף יעדן יום־טוב איז חנה'ן נויטיק פון אירע אָנגעגרייטע גרינסן אין די שייערן אויף איר הויף אין עק גאַס.

דערפאַר האָט שוין חנה געוואוסט וואָס אַנדזשע'ן איז נויטיג אויף אירן אַ יום־טוב און וואָס זי, אַנדזשע, האָט עס ניט און קען עס ניט באַקומען. דאָס איז שוין באַשטאַנען מער אין האַנט אַרבעט, אין געניי, אין וואָס חנה איז געווען אַ גרויסע בריה.

— נאַ, אַנדזשע, פאַר דיר אויפגענייט, אויף דײַן יום־טוב. טראָג געזונט...

אַנדזשע פּלעגט זיך אַזש כאַפּן צלמ'ען פון דער שיינקייט פון דער מתנה; אָבער צוליב חנה'ן האָט זי זיך באַהערשט און אַזוי זי געבענטשט מיט זייערע פרומע רייד...

און חנה האָט דערביי ליכטיק געשמייכלט.

# פאַרטאָג . . .

אויפשטיין אַליין צו „סליחות” איז געווען אַ ספק צי עס וואָלט אַפילו אַ פרימערער איד אין יעדער גאַס, צי אין מאַרק, צי אין געסל אין דעם שטעטל — נישט געוועקטערהייט — אויפגעשטאַנען. ווער רעדט, צו דער צייט, צו דער מינוט, — ווי אַ זעלנער אין אַ טרעוואָגע, להבדיל, — איז אַודאי אַ ספק געווען. דאָס אויפשטיין צו די ערשטע סליחות — און ניט נאָר צו די ערשטע — איז אויסגעקומען פאַרטאָג. די נעכט זיינען שוין געוואָרן — ווי טיף אין אלול — כמעט אָסיענדיק און קיל, און ס׳האָט זיך שוין געשלאָפן גאַנץ געשמאַק — איינגעדעקט אין וואָס פאַר אַ קאָלדרע יעדער האָט פאַרמאָגט, צי ער איז געשלאָפן אַליין צי אין אַ בערך היימיש שמאָל בעטל, צי עס האָבן זיך נאָך צוגעטוליעט צו אים, צום באַלעבאָס פון שטוב, אין דער ענגשאַפט, אַ פּאָר יינגלעך זיינע — ווער צופוסנס, ווער צוקאָפּנס.

פונדעסטוועגן האָט מאָטע־בער דער שמש אין געוויסע היזער, צי שטיבער, ניט צו שטאַרק מיט זיין האַמער אַנגעקלאַפּט, און ניט צו הויך גערופן: שטייט אויף צו סליחות... ער אַליין, דעמאָלט נאָך אין די בעסטע יאָרן, אַ ייד אַ הויכער, אַ געזונטער, איז אויפגעשטאַנען אַודאי פריער פאַר אַלעמען... ער איז דאָך דער, וואָס דאַרף אַרומגיין וועקן, טאָר ער דאָך נישט פאַרשלאָפן... פלעגט אים אַליין אַמאָל אויפוועקן זיין ווייב, די שמשטע... אָבער אַרומגייענדיק אין אַ גאַס פון שטוב צו שטוב איז ער סיי ווי סיי געוואָרן אַלץ מער וואַך, און נישט נאָר דער געדאַנק איז געוואָרן לויטער, נאָר אויך דאָס גוטע האַרץ זיינס בכלל... בפרט, אַז לויט זיין „חשבון” איז אויסגעקומען, אַז דער וואָס וויל גיין צו סליחות וועט סיי ווי סיי דערהערן... ער ווייסט עס שוין פון געניטקייט... אַפילו דער גביר, וואָס וואוינט דווקא אויפן מאַרק וואָס אויב ער איז נאָר געווען אינדערהיים און געהאַט עפעס אַ זאָרג: צי וועגן אַ פּאַסיקן גבירישן שידוך פאַר דער טאָכטער, צי וועגן דעם וואַלד, וואָס ער האָט געקויפט ביי אַ פּריץ און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויפן וואַלד האָט שוין אַן אַנדערער געהאַט

װעקסלען — צי מאַלע װאָס אַ גביר קען האָבן אַמאָל אַ זאָרג, און צוליב דעם שוין אויך טראַכטן װעגן כלל ישראל; — האָט דער גביר אין אַזאַ צייט אויך באַלד דערהערט די שטילע דריי קלעפּ מיטן האַמער, װאָס מאָטע־בער דער שמש האָט געגעבן אין די לאָדן, אמת, נישט אַזוי אויס רחמים, װי אויס רעספּעקט און אפשר אויך אויס פורכט: װיבאַלד אַזאַ גביר!... אַ קאַפּריזנער, װי דער שטייגער איז פון אַ גביר בכלל... ער קען נאָך האָבן טענות... צי די גבירטע אַליין...

װידער האָט מאָטע־בער זיך געזעגנט מיט די בעלימלאכישע הײזלעך, שטיבער, צי אפילו די ריכטיקע הייזער, װאו ס'האָבן געװאױנט די גאָר גרויסע פאַרדינער, יענע דאַמסקע שניידער, װאָס האָבן געניײט פאַר פריצטעס, יענער מענסקער שניידער, עליע פּעטערבורגער, װאָס האָט געניײט גאַרניטורן און אַלערליי מאַנטלען — זומערדיקע און װינטערדיקע, אָסיענדיקע און װעסנע־דיקע — פאַר די רייכע בנים פון שטאָט און טאַקע פאַר די פּריצים אַליין... אָבער ביי אָרימע בעלי־מלאכות, האָט ער אָנגעקלאַפּט פאַמעלעך, טאַקע צוליב דעם, װאָס ער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ צו װעקן זיי — כאָטש צוריקגערעדט — ער װייסט, האָבן זיי באַטאָג געהאַט אַזױפיל אַרבעט?.. ביי די בעלי מלאכות־באַלעבאַטים, די פאַרדינער, האָט ער געװאוסט, אַז מען ליגט זיך טאַקע שפּעט, צי די פּועלים אַרבעטן שפּעט, צי מען פאַרברענגט, — די לאָמפּן, אַז מען גייט פאַרביי ברענען ליכטיק און פריילעך... אי עס אַרבעטן „מענטשן", אי עס קומען מענטשן... איז טאַקע ניט אַזוי פאַסיק צו קלאַפּן צו שטאַרק אין די דאָזיקע לאָדנס.

װידער זיינען דאָ הייזער אין אַ גאַס װאו דאָ און דאָרט װאױנט אַ יונגערמאַן אַן אויפגעקלערטער, װי למשל יצחק װיינשטיין, צי זלמן מוישעס, צי יוסף זאַװעלס... פון איין יאָר צום אַנדערן פלעגט טאַקע מאָטע־בער דער שמש פאַרגעסן צו קומען צו די סליחות, צי ניט... נאָר ס'דאַכט זיך אַז אַ פּאָר פון די דאָזיקע יונגעלייט קומען יאָ...

כדי צו דערפילן זיין שליחות פון אַ שמש, און אין סליחות צייט — פון אַ װעקער — האָט ער געקלאַפּט מיט זיין האַמער אויך ביי די װעגן װעלכע ער איז געװען אין ספק...

געװאוסט אָבער האָט ער זיכער, אַז ביי זלמן מוישעס מעג ער יאָ קלאַפּן... זלמן װעט קומען צו די ערשטע סליחות, און דווקא אין נייעם בית מדרש, װאו עס דאַװנען די אויפגעקלערטע.

ער, מאָטע־בער אַליין, איז געווען דער הויפּט שמש אין גרויסן בית־מדרש, אָדער ווי עלטערע יידן האָבן עס גערופן „אין מויער”. דער דאָזיקער גרויסער בית־מדרש איז געווען אַ געמויערטער, ווי אַ פעסטונג — מיט דיקע ווענט, אַז דעמאָלט האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט שטיין און שטיין נאָך הונדערטער יאָרן... און מען וועט אים נישט דאַרפן איבערבויען, צי בויען אויף דעם זעלביקן פּלאַץ אַנייעם געמויערטן בית־מדרש...

דאָס וואָס זלמן מוישעס האָט געזאָגט סליחות אין נייעם בית־מדרש, וואו עס איז געווען אַ באַזונדער שמש — האָט מאָטע־בער דעם שמש פון גרויסן בית־מדרש נישט געאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז דער שמש פון נייעם בית־מדרש האָט, אויסער שמשות געהאַט נאָך אַ פּרנסה — גלעזעריי, און ווינטער לאַמטערנעס. עס האָט געהייסן, אַז דער עיקר איז יענער אַ גלעזער. און טאָקע אַלע שטאָט עניינים האָבן באַלאַנגט צו אים, צו מאָטע־בערן... ער איז געווען ווי, להבדיל, אַ הויפּט־נאַטשאַלניק איבער די שמשים אין די אַנדערע בתי מדרשים. אגב אין דעם קליינעם בית מדרש, צום מויער הייסט עס — איז אויך שמש געווען דער זעלביקער מאָטע־בער טאָקע... צוליב דעם אפשר האָט אים שוין געהערט דאָס אומגיין וועקן צו סליחות... אגב, אים האָט אויך געהערט דאָס רעכט צו רופן, לויט אַ צעטל, צו אַ חתונה... האָבן דער כלות עלטערן, הייסט עס, געמעגט דאַוונען אפילו ניט אין גרויסן נאָר אין קליינעם בית מדרש. מאָטע־בער, הייסט עס, איז געווען דער שטאָט־שמש, און ווי באַלד אַ חתונה און איינלאַדן אַלעמען מיט בריוו וואָלט אפשר געקאָסט טייער, האָט מען מאָטע־בער דעם שמש געגעבן אַ צעטל פון די באַלעבאַטים קרובים און ער איז שוין געגאַנגען פון איינעם צו אַנדערן און אויסגעזונגען האַלב אין שפּאָס, האַלב אין ערנסט — ער איז געווען אַ ייד אַ פריילעכער:

— האָט מען געלאָזט בעטן צו שמואל קאַטנען אויף דער חתונה — דעם פרייטיק...

דערפאַר, הייסט עס, האָט ער שוין אויף צו סליחות געוועקט גאַנץ שטאָט.

און אין זיין וועקן, אין זיינע דריי קלעפּ מיטן האַמער — דווקא אַ הילצערנער, האָט ער ווי אויסגעשפּילט דעם ניגון צו די ווערטער:

— שטייט אויף צו סליחות...

און אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען פאַרטיק מיט זיין שליחות.

ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַלע פיר שולן — ערשט אין אַלע פענצטער איז ליכטיק, ווי אין אַ יום־טוב, און די אַלע פיר שולן און בתי מדרשות און

אפילו דאָס פינפטע — דאָס „שטיבל" פון די חסידים, וואָס זיי האָט עפשר געוועקט זייער שמש — זיכער איז ער נישט געווען, ווייל ער אַליין, מאָטע־בער דער שמש, האָט געוועקט אין אַלע הייזער, איז ער געווען אַ בעלן פאַרבייציוגיין — ערשט קיין עין הרע אומעטום פול, יונג און אַלט.

און פון נייעם בית מדרש טראָגט זיך שוין אַ גרויס געזאַנג.

אין נייעם בית מדרש „זאָגט" די ערשטע סליחות דער חזן מיט די משוררים... ס'איז שוין אַזאַ מין תקנה פון יאָרן... זינגט, הייסט עס, די פרייערע יונגע לייט דאַוונען אין דעם נייעם בית מדרש...

ער וואָלט, מאָטע־בער, אַוודאי געווען אַ בעלן אַריינגיין אינעווייניק אין נייעם בית מדרש... נאָר דאָס פּאַסט אים שוין נישט. דאָס וואָלט שיר נישט געהייסן „השגת גבול"... אמת, זייער שמש איז גאָר דאָס רוב אַ גלעזער און אין אלול הויבט ער שוין אָן אויסצושניצן און אָנצוגלאָזן די שיינע לאָמטערנעס און לאָמטערנעלעך. אָבער יענער איז פונדעסטוועגן אַלץ אַן אָרעמאַן — מעג ער פאַרמאָגן אפילו אַ דימענט, מיט וועלכן ער שנײַדט דאָס גלאָז...

האָט דערפאַר מאָטע־בער גובר געווען זיין פאַרלאַנג צו הערן אַ שמע קולנו פון חזן מיט די משוררים אין נייעם בית מדרש, און איז אַריין אין גרויסן בית מדרש, זיך געשטעלט אויף דער בימע, אַכטונג געבן אויף דעם גרויסן עולם, וואָס ער האָט איינער אַליין אויפגעוועקט, און דווקא אַן שטאַרקע קלעפּ און אַן געשריי...

# געשלאָסן אַ געשעפט

אויף מאָרגן נאָך פסח.

לייזער שטייט ביי זיין קליין שטיבל און קוקט אין דער וועלט אַריין. זיין קוק איז אַ דערשראָקענער, אַ פאַרצווייפלטער. די ליבע זון, וואָס שפרייט אירע שטראַלן פון דער פולער האַנט, ווירקט ניט אויף אים. פאַרקערט, דער שיינער ליכטיקער טאָג רייצט אים, לאַכט פון אים, מאַכט חוזק פון זיין בלאַסן איינגעשרומפּענעם פּנים, פון זיין קליין בערדל, וואָס האָט שוין צו פערציק יאָר פילע ווייסע האָר, און דער הויפּט פון זיין סורדוט, וואָס איז כלומרשט דער יום־טובדיקער און האָט סך הכל מיט צוויי לאַטעס און מיט איין ריס ווייניקער, ווי דער וואָכנדיקער...

היינט, ווי וואָלט נאָך די זון געלאַכט, ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָס ביי אים „טוט זיך” אין שטוב, צי גאָר אין קעשענע... און אפשר וואָלט זי גאָר קיין האַרץ ניט האָבן דאָן צו לאַכן. זי וואָלט זיך פאַר שרעק אַוודאי באַ־האַלטן, און זי וואָלט דערמיט טאָקע אים אַ טובה געטאָן. זי וואָלט אים ניט אַזוי געשטאָכן מיט אירע שטראַלן, זי וואָלט אים ניט אַזוי געוועקט צום לעבן, ווען אים איז געקומען ממש זיך אויסצוציען אין גאַס און שטאַרבן.

עס איז אָבער גרינג צו רעדן — אויסצוציען זיך אין גאַס און שטאַרבן. קיין שלעכטע זאַך וואָלט דאָס אַפילו ניט געווען — אַ סוף — אַן עק, וויפיל איז דער שיעור צו מוטשען זיך! אָבער וואָס טוט מען מיטן ווייב און קינדער? אויסציען זיך אין גאַס מיט זיבן פאַרשוין, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ פּאָר עופהלעך איז עפּעס אַביסל צו שרייענדיק, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ רעש עס וואָלט געוואָרן אויפן הימל פון אַזאַ מעשה, און אפשר אויף דער ערד אויך...

וואָס זשע טוט מען אָבער פאַרט? אויף היינט אַפילו איז נאָך גע־בליבן פון פסח עטלעכע מצות, אַביסל מצה־פאַרפל און אַביסל בולבע. אין דער פרי נאָך האָט ער געהערט, ווי זיין גרונע האָט זיך געחשבונט און

באַשלאָסן צו קאָכן אַ טעפּל בולבע און פאַרזופּן מיט מצה־פאַרפל. שלעכט איז דאָס אַפילו ניט, כּמעט אַ יום־טובדיקער „וואַרמעס״, אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויף היינט. וואָס וועט מען אָבער טאָן מאָרגן?

די קשיא איז אַ האַרבע, אַ שווערע און איר שפּיץ איז מיט נאָדלען אָנגעשטעקט און די נאָדלען שטעכן אין האַרץ, אין קאָפּ און אין אַלע גלידער. באַלד אָבער ווערט זי נאָך האַרבער, נאָך שווערער, נאָר שטע־כעדיקער: וואָס וועט ער טאָן איבערמאָרגן און וואָס וועט ער טאָן אַ גאַנץ זומער, דעם לאַנגן גרויסן זומער, אַז קיין אַרבעט קאָן ער ניט, קיין קראָם האָט ער ניט און האַנדלען איז ניטאָ מיט וואָס און זומער איז ניטאָ וואָס צו האַנדלען.

און לייזער ווערט ניט אויף געלעכטער אין כּעס און ברומט:

— אַ, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן, דער זומער!...

***

יענקל־חנן דער מלמד איז אויך ניט אין אַ באַזונדער גוטער שטי־מונג. די וואַרעמקייט איז אַפילו צו זיין הוסט אַ שטיקל רפואה, אין אַ וואַרעמען טאָג הוסט זיך לייכטער, און דער עצם הוסט איז אַ ווייכער, אַזש אין דעם הוסטן אַליין שטעקט אַ שטיקל תענוג, פונדעסטוועגן איז פאַרט ניט גוט, מיטן הוסט אַליין קען מען ניט לעבן, מען מוז האָבן דערצו אַ קנעלוני־און זומער באַקומען אַ קנעלונג איז נאָך שווערער ווי ווינטער צו באַקומען די ליחה.

נאָר יענקל־חנן איז אַ ייד אַ בריה. ניט אומזיסט לעבט ער שוין פופציק יאָר אויף דער וועלט און הוסט שוין פינף און דרייסיק יאָר, — און ער לאָזט זיך אַרויס אין גאַס זוכן „קינדער״.

און זוכנדיק קומט ער צו צו לייזערן, אַ גליקלעכע אידייע פליט אים דורך אין קאָפּ. סטייטש! לייזער האָט דאָך אַ ייִנגל, אַ חומשניק. ער וועט צו אים צושטיין, ער זאָל אים דאָס ייִנגל אַוועקגעבן. ער מוז אים אַוועק־געבן. פאַר גליק גיט ער אַ פאַר מאָל אַ הוסט און גייט צו גלייך צום קינפּ־טיקן שפּייזער, צו זיין „בעל־הבית״, צו לייזערן, און נאָכן „גוט מאָרגן״ פרעגט ער:

— ווי געפעלט אייך היינטיקער טאָג?

— ניט קיין מיאוסער טאָג! ענטפערט לייזער.

— דוקא אַ שיינער טאָג! לויבט יענקל חנן —

ער ווערט שטיל, גיט אײדל אַ הוסט, מאַכט גאָר אַן אַנדער מינע און שטייט צו גלייך צו דער זאַך.

— וואָס הערט זיך מיט אייער „בחורל״? האָט ער שוין אַ מלמד?

— האָבן האָט ער... ענטפערט לייזער און וויל שטאָלץ זיין — נאָר איך בין עפּעס ניט צופרידן.

— הייסט עס, האָט ער דאָך ניט — ווערט יענקל חנן מלא שמחה.

— אַזוי ווי ניט! איז זיך שוין לייזער האַלב מודה.

— היינט וואָס־זשע וואָרט איר? ווערט שוין יענקל חנן אין גאַנצן פריילעך, די האָפנונג צו באַקומען דעם תלמיד איז שוין כמעט ווי דערפילט. און ער הוסט זיך שוין פאַרנאַנדער, ווי געהעריק איז, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלמד, וואָס האָט שוין באַלד זיין חדר פאַר פול.

לייזער פרעגט דעם מקח, וויפיל קינדער האַלט ער אין חדר און ווי איז זיין שיטה אין לערנען. יענקל חנן ענטפערט אַזוי, אַז לייזער איז אין גאַנצן צופרידן און נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת זאָגט ער אַרויס מיט אַ ברייט־קייט:

— מילא, ער וועט גיין צו אייך!

— און איר וועט זיין צופרידן! פאַרזיכערט יענקל חנן און וויינט שיער ניט פאַר שמחה...

און אַז דער מלמד גייט אַ גליקלעכער אַוועק, ווערט לייזער אויך רואיקער און האַלב שמייכלענדיק, האַלב וויינענדיק ברומט ער אַרויס:

— געשלאָסן אַ געשעפט...

# אין גאַנג פון דורות

צוצולייגן צום נאָמען ישראל־אָרטשיקן אויך דעם נאָמען מלמד איז מען געווען אָפּגעהיט, ביז מען האָט כמעט פאַרגעסן, אַז זיין פּרנסה איז טאַקע מלמדות, דאָס הייסט קנעלן מיט עטלעכע באַלעבאַטישע יינגלעך. מיט דער צייט האָט זיך אַן אַנדערער נוהג געווען צו רופן אים, צום נאָמען ישראל־אָרטשיק, „דער בעל־תנ״ך"... דאָס איז שוין אָבער געווען מער טיטול, ווי באַצייכענונג פון זיין פּרנסה, פון זיין פאַך, הייסט עס.

און דוקא האָט ישראל־אָרטשיק געהאַט יעדן זמן אי גוטע תלמידים, אי גוטע באַלעבאַטים. די תלמידים האָבן געוואָלט לערנען, און די באַלעבאַטים די יינגלעכס טאַטעס, האָבן געוואָלט צאָלן, און טאַקע געצאָלט פּינקטלעך דעם שכר־לימוד און נאָך מיט כבוד.

עס איז שיער ניט אויסגעקומען, אַז ניט נאָר אָפּגעבן אַ יינגל צו ישראל־אָרטשיקן איז אַ כבוד, נאָר דאָס וואָס ער נעמט דעם שכר לימוד איז אַ מין זכיה...

ישראל־אָרטשיקן האָט געבראַכט יעדער באַלעבאָס אין חדר אַריין דעם שכר־לימוד איינמאָל אַ חודש, אַ פּינפּערל אין איין אַסיגנאַציע, ניט, חלילה, איינציקע רובל, און צוזאַמענגעלייגט אין פיר סטאַלקעס, ניט צוקנייטשט. און ישראל־אָרטשיק האָט עס אַפילו ניט פאַנאַנדערגענומען, נאָר ווי אַ גרויסער דאָקטאָר אַריינגעלייגט דוקא אין דער פאָדערשטער קעשענע פון לענגלעכן ראָק, וואָס ער האָט געטראָגן ביים לערנען. דאָס האָט געהייסן, אַז ער גלויבט, אַז דער באַלעבאָס נאַרט אים, חלילה, ניט אָפּ. אַזוי ווי ער אַליין נאַרט, חלילה, ניט אָפּ, לערנענדיק מיט די יינגלעך, די תלמידים.

נישט מער, אים אַליין, ישראל־אָרטשיקן, דאַכט זיך אַמאָל, אַז טאַקע צוליב דעם, וואָס ער אַליין האָט הנאה פון לערנען מיט די קינדער תנ״ך, איז אפשר דער שכר־לימוד ניט אינגאַנצן קיין פאַרדינטער...

דאָס האָט ער ניט געטראַכט צוליב פרומקייט, נאָר צוליב זיין יושר גע־פיל. לערנענדיק אַלע טאָג תנ״ך מיט די קינדער, און אין די זומערדיקע שבתים, צו צוויי שעה, אַ פּרק פון די זעקס פּרקים „אָבות״, האָט זיך זיין געפיל וועגן ראַיעלקייט אין דיני־ממונות און אין ערלעך פּאַרדינען דאָס ברויט, זייער שטאַרק אויסגעאיידלט, אויסגעפיינערט...

האָט ער טאַקע דערפאַר קיין צופיל תלמידים ניט גענומען. כאָטש באַ־לעבאַטים־בעלנים צו שיקן צו ישראל־אַרטשיקן זייערע יינגלעך אין חדר אַריין לערנען תנ״ך זענען געווען אַ סך. ער האָט אָבער דאָס רוב זמנים מער ווי זעקס תלמידים ניט אָנגענומען צו לערנען מיט זיי. געהאַלטן זיי דאָס רוב צו צוויי זמנים, איז מען אַרויס פון ישראל־אַרטשיקן אַ בעל־תנ״ך, און דערצו נאָך האָט נאָכגעקלונגען יאָרן־לאַנג דער ניגון — ישראל־אַרטשיקס כמעט אייגענער ניגון צום תנ״ך...

און ניט אַזוי דער אייגענער ניגון, ווי דער אייגענער געפיל, און טאַקע דאָס פּאַרשטיין אַ פּסוק און דאָס אמתדיקע פּאַרטייטשן...

ישראל־אַרטשיק, וויבאַלד אַ בעל־תנ״ך, איז ער שוין געווען אויך אַן אויפטוער אין געפינען אַ בעסערן טייטש־וואָרט. און אויב עס איז אים טייער געווען דער אָנגענומענער טייטש־וואָרט, וואָס פאַר אַ יינגל אָבער איז דאָס געווען שווער צו פּאַרשטיין, האָט ער אויך דאָס שווערע יידישע טייטש־וואָרט פּאַרטייטשט אויף אַ גרינגערן, אָבער אַלץ מיטן ניגון, מיט וועלכן ער האָט געלערנט תנ״ך בכלל.

ווי ניי־וועלטלעך ער האָט געלערנט דעם תנ״ך, איז אים אָבער דער אַלטער טייטש־וואָרט טייער געווען.

דאָס איז טאַקע געווען צוליב דעם „ביאור״ פון מענדעלסאָן, וואָס ער האָט געלערנט ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער ישיבה־בחור אין דער פרעמד און געגעסן „טעג״. ער איז דערגאַנגען דאָרטן פון וואַנען עס שטאַמען די שווערסטע ווערטער, מיט וועלכע מען האָט פּאַרטייטשט געוויסע שטעלן, אי־בערהויפּט אין חומש, און אויך אין נביאים.

ער האָט אַזש געשמייכלט, שוין מיט יאָרן שפּעטער, קנעלנדיק מיט די תלמידים, וואו ער האָט זיי אין חומש, למשל, געטייטשט: „ועלטה״, און אַ נעפּל, דאָס מיינט אַ נעבל, אַ פינצטערקייט, אַ טומאַן.

לערנענדיק אָבער מיט די קינדער, איז פאַר אים געלעגן ניט דער תנ״ך מיט מענדעלסאָנס „ביאור״, נאָר דער תנ״ך מיט די צוויי־און־דרייסיק פּירושים,

און אברהם אבן עזראס פירוש אויך צווישן זיי. די פירושים זענען בלויז גע־וועז פֿאַר אים, צו דערקוויקן זיך אין מאַנכע טיפֿקייטן, און דער עיקר טאַקע, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין די טיפֿע גרונטן פֿון אברהם אבן עזראס פּירוש.

עס איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס זעלטן־ווען האָט ישראל־אָרטשיק פֿאַר־מאָגט אַזאַ געטרייען תּלמיד, פֿאַר וועמען מען זאָל קענען פֿאַרטרויען, ווי אַ סוד, וואָס דער אבן עזרא, למשל, זאָגט וועגן אָט־דעם־און־דעם פּסוק, ווענדליק ער, ישראל־אָרטשיק, פֿאַרשטייט עס אויפֿן פֿרייען וועג.

אמת, די באַלעבאָטים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע ייִנגלעך לערנען צו ישראל־אָרטשיקן, איז ביי זיי טאַקע געווען דער עיקר צוליב קענען תּנ״ך, צוליב לשון־קודש, און טאַקע צוליבן ביסעלע דיקדוק, וואָס ישראל־אָרטשיק האָט אין אַ פֿרייערער שעה אין אַ טאָג מיט זיי געלערנט. און וויבאַלד קענען לשון־קודש און דיקדוק, זענען זיי שוין אַליין געווען נייערע מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען, הייסט עס, מיט דער צייט...

האָט שוין ישראל־אָרטשיק ניט געדאַרפֿט מורא האָבן.

עס איז אָבער ניט אין מורא פֿאַר די באַלעבאָטים געגאַנגען ביי אים, נאָר אין דער דערציאונג גופא, און טאַקע אין זיין יושר־געפֿיל: אויפֿגעקלערט וועלן זיי ווערן ערגעץ אַנדערש, ביי אַנדערע לימודים, און ניט דאָ ביי אים, וואָס אויסן איז ער דאָך, דער עיקר, אַז זיי זאָלן קענען תּנ״ך, די נביאים...

ער, ישראל־אָרטשיק, אַליין האָט זיך געקענט דערלויבן טייטשן אַ פּסוק ווי ער פֿאַרשטייט, צי לויטן אבן עזרא, אָבער אַריינלאָזן זיך אין חקירה מיט די תּלמידים האָט ער ניט געוואָלט. מיט זייער ביסעלע פֿרומקייט איז אויך זיי געווען שווער איינצוהאַלטן ביים טיש. און אַפֿילו שוין ערב סוף הזמן, זומער, נאָכן לערנען אַזוי פֿיל שבתים מיט זיי די קלוגע רייד און די גוטע זיטן פֿון פּרק... און צו פּרק האָט ישראל־אָרטשיק געהאַט אַן אַנדער ניגון. אמת, דעם פּרק האָט ער ניט צו־הויך געלערנט מיט די קינדער; ווייל די שכנים און שכנות אין גאַס, וואו דער חדר איז שוין מיט דער צייט געווען, אין ישראל־אָרטשיקס אייגענער שטוב, וואו די פֿענצטער צו דער גאַס, צוליב זומער, זיינען געווען אָפֿן, וואָלטן שוין ביי דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, אויסגעשלאָפֿענע, זיך אַרומגעשטעלט צו הערן אַזאַ מין לערנען פּרק, ווי ישראל־אָרטשיק האָט געלערנט. נו, איז ישראל־אָרטשיק דערצו געווען צו־שעמעוודיק. פֿאַר קינדער — יאָ; פֿאַר גרויסע, צי אַפֿילו פֿאַר גרויסע האָט ער ניט קיין העזה הויך צו לערנען און נאָך מיט אַ ניגון. בפֿרט נאָך ווען מען

שטייט אַרום די פענצטער, אינדרויסן גופא, ווי עס האָט שוין פּאַסירט ביים אָנהויב פון זיין מלמדות.

— תורה און דער ניגון פון תורה האָט ליב אין אַ געצעלט, — האָט ער נאָך אין די ערשטע יאָרן געגעבן צו פאַרשטיין אַן איידעלערן, אָבער פשוטן שכן, פאַרוואָס אים איז ניט ניחא, ווען מען זאָל זיך אַרומשטעלן ביים פענצטער, ווען ער לערנט שבת מיט די קינדער פרק.

דערפאַר אָבער, איז אין מיטנוואָך, אַפילו אין זומער ביי אָפענע פענצטער, געווען זיין לערנען תנ״ך מיטן ניגון געגוג הויך, און די שכנים, צי אַפילו די שכנות, אינמיטן וואָך פּאַרנומענע, באַשעפטיקע אין שטוב גופא, וואו אויך די פענצטער זיינען אָפן געווען, האָבן געקענט הערן ישׂראל־אַרטשיקס לערנען תנ״ך מיט די קינדער, און הערן דעם פריילעך־אומעטיקן און ווייטן־נאָענטן ניגון, און דערפילן די דערהויבנקייט און די שיינקייט פון די ווערטער, סיי אין דעם אַמאָליקן לשון־קודש, סיי אין דער נייער פאַרטייטשונג, וואו עס זיינען שוין אויך דאָ ווערטער, וואָס מען דאַרף פאַרשטיין און וויסן וואָס זיי זאָגן און לערנען. ס׳איז בלויז אַ גליק וואָס מען דערפילט, און טאַקע צוליב דעם ניגון... ישׂראל־אַרטשיקס ניגון איז אַזוי ווי אַ פּירוש אויף דעם תנ״ך און אויף אַלץ, וואָס ער לערנט מיט זיינע געציילטע תלמידים.

און וואָס ווייטער אין זומער, ווערט ביסלעכווייז, טאַקע אין די הייזער גופא, די צאָל פון זיינע תלמידים — די שכנים, גרעסער און גרעסער. צאָלן טאַקע צאָלן אים אַזעלכע „תלמידים״ און „תלמידות״ ניט, אָבער בענטשן — בענטשן זיי אים מיט די שענסטע און איידלסטע ברכות און ווינטשענישן, און מיט די איידלסטע שבחים און לויב־געזאַנגען:

„זאָל אים דאָס קול לאַנג דויערן״, ווינטשט אים אַ שכנה, ווען זי פאַר־קנעט די געבעקס־ברויט, און די פסוקים, מיט די טייטשן, מיט די ניגונים פון ישׂראל־אַרטשיקס חדר יאָגן זיך, שורימן אַזוי לאַגאַדנע אַריין אין דער שטוב פון דער שכנה, וואָס פאַרקנעט דעם געבעקס־ברויט...

אמאָל פּאַסירט נאָך, אַז דער פסוק פּאַסט זיך צום רומל: עס רעדט זיך טאַקע און עס זינגט זיך טאַקע וועגן הונגער און נויט, זאָל מען באַהיט ווערן, און וועגן זעטיקונג און דערקוויקונג... עס איז — אי מען שרעקט־אָן, אי מען טרייסט... און װעדליק די שכנה הערט זיך אָן אַ פּאָר שעה, ביז דער געבעקס־ברויט איז פאַרטיק פון אויוון, האַלט שוין ישׂראל־אַרטשיק ביי אַזאַ פסוק אין ישעיה, וואָס איז לויטער טרייסט, האָפענונג און דערליזונג... דער

אָרעמער שכנה דאַכט זיך, אַז אַלץ פּאַסט זיך אויך פֿאַר איר... זי ווייסט אָבער, אַז דאָס מיינט מען דעם כלל־ישׂראל און די גאַנצע וועלט... און זי איז אָוודאי צופֿרידן.

***

סוף־הזמן, צווי וואָכן אין אלול, צולאָזט שוין ישׂראל־אַרטשיק זיינע תּלמידים.

אָוודאי איז זיין וויב, די שמייכלנדיקע און אידל־שטאָלצע לאה־רייזל, צופֿרידן און אַפֿילו גליקלעך: ער וועט זיך, איר ישׂראל, אַ ביסל אָפּרוען, ער האָט זיך, נעבעך, געגוג אָנגעלערנט מיט די יינגלעך פֿון ניין פֿרי ביז אַכט פֿאַרנאַכט; אַלול־צייט איז שוין געווען אָוונט.

יענעם אָוונט מאַכט זי אַ רייכערע וועטשערע. אַ באַלעבאָסטע ווי זי איז, וואָס פֿאַרמאָגט אַן אייגענע בהמה, און פֿאַרקויפֿט זומער־צייט בלויז דריי חלקים פֿון די מילכיקס, ווייל אויסהאַלטן אַ בהמה, אַפֿילו זומער, קאָסט געגוג, פֿאַרגינט זי זיך פֿונדעסטוועגן לכבוד דער ערשטער וועטשערע פֿון סוף־הזמן צו געבן איר מאַן, ישׂראל־אַרטשיקן, אין אַ טיפֿערע שאָל, סמעטענע מיט גרינע אוגערקעלעך, און אין פֿענדל קאָכט זי נאָך אַ מילכיקע זופּ, יונגע קאַרטאָפֿליעס מיט האָבערנע גרויפּן, פֿאַרווייסט מיט מילך, כמעט אָן וואַסער. עס וועט היילן אין האַרצן...

פֿילט זיך שוין ישׂראל־אַרטשיק ווי ער איז טאַקע אויס מלמד, גאָר קיינמאָל קיין מלמד ניט געווען... און ער לערנט דאָך טאַקע דער עיקרשט תּנ״ך און מיט אַן אַנדער גאַנג; ניט אַפּיקורסיש, חלילה, אָבער אויך ניט ווי די אַלטע. און דערצו דאָס ביסעלע דיקדוק, און דאָס בלעטל גמרא אַפֿילו — אויך מער פּשוט, ניט געפּילפּולט. איז פֿילט ער זיך שוין ווי אַ מין לערער, אַ יידישער לערער.

און דער סוף־הזמן, וואָס פֿאַלט אַריין נאָך אין אמתן זומער, כאָטש די זון שיינט שוין ווייניקער און אַ ווינטעלע טוט שוין אויך גאָר אַנדערש אַ בלאָז, דער דאָזיקער סוף פֿון זומערדיקן זמן האָט טאַקע ביי ישׂראל־אַרטשיקן געהייסן אַ מין קאַניקול, להבדיל, וואַקאַציע הייסט עס, ווי אין די שקאָלעס.

אַז ער האָט געמאַכט ריכטיק דעם חשבון, איז אויסגעקומען, אַז פֿון חצי־אלול ביז מער ווי אַ וואָך אין חשוון איז באַלד כמעט צוויי חדשים פֿריי. ס׳איז טאַקע אַ מין וואַקאַציע... אַכט וואָכן אָפּרוען זיך איז אַ היפּשע צייט, טרייסט ער

זיך, און וועגן דער צייט גופא מאַכט ער אַ פשרה: אַ העלפט איז סאַמע זומערדיקע טעג, און די אַנדערע העלפט איז אויך ניט קאַלט, און די יינגלעך, נישקשה, די תלמידים שפילן זיך אַן געגנוג, אפילו צו די פעלדער הינטערן שטאָט און צום וואַלד ביי דער שטאָט גייען זיי...

און אין אַ וויכוח מיט דעם נייעם לערער אין שטאָט — ווי באַלד סוף־הזמן, האָט ישראל־אָרטשיק זיך מיט אים געטראָפן, — און יענער האָט געהאַט געעפנט אַ חדר־מתוקן און האָט איינגעפירט אַ מין נייע צייט צום אָפּרוען פֿאַר די קינדער, שיעור ניט אַ מין קאַניקול, ווי ביי די מלוכה־שולן, האָט ישראל־אָרטשיק פאַרענטפערט ניט נאָר דעם לערנען תנ״ך אין ידיש, ווי ער, ישראל־אָרטשיק, פירט זיך, נאָר אַפילו די צייט פון סוף־הזמן האָט ער פאַרטיידיקט:

— ניט צו פאַרזינדיקן, אַ שיינע טראַדיציע.

און ער האָט אַליין צופרידן געשמייכלט פון געהויבענעם וואָרט „טראַדיציע”.

דער לערער פון חדר־מתוקן, וואו מען האָט געלערנט אי אַן אַ ניגון, אי ניט געטייטשט, און אויב יאָ, איז עברית־בעברית, האָט פונדעסטוועגן ניט געוואָלט איינרייסן מיט ישראל־אָרטשיקן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז יענער, ישראל־אָרטשיק, קען טאַקע לשון־קודש כדבעי, ווי ער האָט עס ערקלערט כלומרשט אין אַ שפּאַס, און דערצו איז דער דאָזיקער תנ״ך־לערנער אַזוי תמימותדיק, אַז עס איז ניט כדאי צו אַמפּערן זיך. און ס׳איז טאַקע אַ סכנה אויך... אַז עס קומט צום תנ״ך, האָט טאַקע ישראל־אָרטשיק ניט נאָר שענער געזונגען די פסוקים, נאָר טאַקע בעסער געקענט...

און וועגן ליב האָבן תנ״ך, — דאָס האָט שוין דער נייער לערער דער־פילט; ער האָט געזען באַשיינפערלעך, ווי ישראל־אָרטשיק בענקט שוין נאָכן אַנהויב פון ווינטערדיקן זמן, צו לערנען אַ קאַפּיטעלע תנ״ך מיטן אייגענעם ניגון זיינעם...

# ווען ער קומט אַהיים . . .

די לעצטע וואָך פון ווינטערדיקן זמן איז שוין אין חדר געוואָרן פרייער. אַפילו די גרויסע גמרא מלמדים, וואָס זייערע תלמידים זענען געווען שוין דער־וואַקסענע יינגלעך, און זיי אַליין, די גמרא־מלמדים, האָבן געמוזט זיך פירן מיט לומדישער שטרענגקייט — האָבן אין דער לעצטער וואָך געפירט דעם חדר אויף אַ מער פרייען שטייגער... ערשטנס, טאַקע, טאָמער אַ תלמיד, וואָס איז טייער ביי זיינע עלטערן, איז ביי זיי ווען אַ רבי איז אַ גוטער, — ווען זון פאַרלויבט אים אַלס אַזעלכן, — זייער אָנגעלייגט... איז מעגלעך אַז ער וועט דעם יינגל האָבן דערפאַר אויף נאָך אַ זמן... און צווייטנס, איז שוין טאַקע דרויסן געוואָרן וואַרעמער, שענער... שוין באַלד טאַקע ניסן, און דערווייל נאָך דורך די פאַרמאַכטע און „דאָפלטע״ פענצטער אינעווייניק דרינגען שוין אויך אַריין ליכטיקע פאַסן פון דער נייער זון, ווי זי וואָלט טאַקע ערשט אַראָפּ־געקומען פון איר גאָר הויכן פלאַץ פון העט איבער די וואָלקנס... און אויסער דעם אַליין, לערנט שוין אפילו אַזאַ גרויסער גמרא־מלמד די לעצטע וואָך מיט די קינדער עפּעס גרינגערס ווי אַ האַרבע מסכתא... אדרבא, ער לערנט שוין מיט זיי איינעם פון די גרינגסטע און אײדלסטע ספרים אין תנ״ך — דעם ספר „שיר־השירים״... און כאָטש ביים רבין אַליין איז „שיר־השירים״ ניט קיין נייעס, — ער „זינגט״ עס פאַר זיך, מיט דעם אייגענעם ניגון, אַלע פרייטיק צו נאַכט, — אָבער ביים פאַרטייטשן עס פאַר די תלמידים באַקומט דער „שיר־השירים״, מיט דעם שוין מער פריידיקן ניגון, אַ באַזונדער באַדייט... טאָמער איז אַפילו וואו ניט וואו אַ שווערערער וואָרט צו פאַרטייטשן, גיט זיך אַ גמרא־מלמד אַן עצה, אריינקוקנדיק אונטן, אין אַ פירוש אין זיין דיקן תנ״ך, וואָס פאַרטייטשט אפילו אויף לשון־קודש, אַ שווערערן וואָרט...

קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי פריי עס איז געוואָרן די לעצטע וואָך פון ווינטערדיקן זמן ביי אַזאַ מלמד, ווי אבא יאַנקל. ער איז געווען כמעט אַ

דרדקי מלמד. ער האָט געלערנט מיט די תלמידימלעך בלויז חומש און עטלעכע פסוקים רש״י פון יעדער ערשטער פרשה פון אַ נייער סדרה. בלויז מיט יענע יינגלעך, וואָס האָבן שוין געלערנט ביי אים דעם צווייטן זמן, האָט ער אויך געלערנט אַ ביסל ווייטערדיקע פסוקים פון רש״י אין יעדער ערשטער פרשה.

די וואָך פאַר סוף הזמן, אַ דריי וואָכן פאַר פסח, האָט ער שוין מיט די קינדערלעך געלערנט די ערשטע שטעלן פון דער הגדה. דער עיקר אָבער דעם „מה נשתנה״ געלערנט מיט אַ גרונט, אַז יעדער יינגעלע וואָס גייט צו אים אין חדר זאָל קענען פרעגן אויסנווייניק אָט די פיר קשיות ווי אַ וואַסער, וואָס דאָס האָט באַדייט: אָן אַן אָפּשטעל, איין קשיא נאָך דער אַנדערער, ביז דער לעצטער... אַזוי, אַז דער גליקלעכער טאַטע זאָל טאַקע קענען ענטפערן דעם ריכטיקן תירוץ און אויסזינגען עם מיט דעם פיינעם ניגון „עבדים היינו״ און ווי ווייטער שטייט געשריבן: „און גאָט האָט אונדז פון דאָרט אַרויסגענומען״...

זיינען שוין די קליינע יינגלעך, די זיבן־אַכט יעריקע, געווען מער מבינים אויף דער שיינקייט פון „מה נשתה״, ווי די שוין דערוואַקסענע יינגלעך ביי די גמרא־מלמדים, וואָס האָבן אין דער זעלבער וואָך געלערנט אין חדר „שיר־השירים״. צי שענער, צי ניט — פריילעכער זיכער... ביי „שיר־השירים״ איז ניטאָ וואָס צו לאַכן... אָבער ביי „מה נשתנה״ — יאָ... איבערהויפּט די ערשטע פּאָר מאָל, ווען דער רבי, אבא־יאַנקל, אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, פרעגט אַליין, כדי צו לערנען ווי די תלמידים זאָלן ביים סדר פרעגן: טאַטע, איך וועל דיר פרעגן די פיר קשיות... אָבער אבא־יאַנקל, בכלל אַ רבי, וואָס האַלט ניט פון צו שטאַרק זיך בייזערן, לאָזט זיי ביי די פיר קשיות זיך אויסלאַכן, ער שטערט זיי ניט... ער ווייסט שוין, אַז וואָס מער מען שטערט, אַלץ מער לאַכן זיי... ווען ער דערלויבט עס זיי, איז ווערן זיי פון זיך אַליין ערנסט און פרעגן שוין איבער, ווי דערוואַקסענע יינגלעך: טאַטע, איך וועל דיך פרעגן... און זיי קוקן דערביי אויפן רבין... ס׳איז אַ מין שפּיל... אַ פּראָבע. דער רבי, הייסט עס, איז דערווייל דער טאַטע... ביים ריכטיקן סדר וועט דאָס יינגעלע טאַקע פרעגן דעם טאַטן... און די מאַמע און די עלטערע ברידערלעך און די שוועסטערלעך וועלן זיך פרייען, אָבער ניט לאַכן...

אבא־יאַנקל, וואָס מיט דער ערשטער ווייב האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט און מיט דער צווייטער — אַ יינגערע פון אים — האָט ער דערלעבט אַ

קינד, אַ מיידעלע, פֿאַרשפּילט זיך אין חדר מיט די פיר קשיות, ווי אַלע תּלמידים וואָלטן געוועזן זיינע קינדער, וואָס פרעגן אים שוין די פיר קשיות... ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז דאָס איז בלויז געלערנט מיט יינגעלעך פֿאַר שכר־לימוד, און די קשיות צום סדר וועלן זיי פרעגן ביי זייערע טאַטעס, — יעדעס יינגעלע ביי זיין טאַטן, — טוט ער אַ באַהאַלטענעם זיפֿץ. דאַכט זיך אים אָבער, אַז ער זינדיקט... וואָס הייסט עס — דו דאַרפֿסט זיך פרייען, דו לערנסט אויס ייִדישע יינגעלעך פרעגן די פיר קשיות... און עס וועט פריילעך זיין ביי די ייִדישע טישן צו די סדרים...

דעמאָלט באַשליסט ער שוין, אַז ער וועט שוין זיין טעכטערל לערנען אין דער היים פרעגן סתּם די פיר קשיות... בלויז ווי אַ שפּילן זיך... ווי אַ לידעלע. דאָס ווייב, חייע־בריינע, זאָל נאָר ניט לאַכן... יענע איז אַ גרויס־שטאָטישע...

אַז ער איז געגאַנגען דעם לעצטן אָוונט פון סוף־ווינטערדיקן זמן אַהיים, נאָך דעם פֿאַנאַנדערלאָזן די אַלע תּלמידימלעך — יעדערן צו זיין היים, צו זיין טאַטן און מאַמען — האָט ער דערפילט אַ מאָדנע בענקשאַפט... עס האָט אים באַנג געטאָן דער געדונגענער חדר, אין אַ וואַרעמער שטוב, ביי אַן עלטערע פֿאַר פֿאָלק, אָן קינדער. און דער אַלטער אַליין, אַ בעל מלאכה, פלעגט ערשט קומען נאָך מעריב. און נאָכן אָפּעסן די וועטשערע מיט דער אַלטער, דער באַלעבאָס, הייסט עס, פון חדר, ניט צו שטערן אים דאָס לערנען מיט די קינדער, זיך זעצן ביים אויוון און הערן תּורה... ביי אים, אַן אָרעמער בעל מלאכה, איז אַ שטיקעלע חומש, פֿאַרטייטשט פון אבא־יאַנקלען און נאָך מיט אַ ניגון, געווען אַן אמתער תּענוג... אבא־יאַנקל האָט עס געוואוסט, און עס האָט אים באַזונדערס הנאה געטאָן... ס'איז אויסגעקומען, ווי ער האָט ניט נאָר קליינע, זיבן־אַכט יאָריקע יינגלעך, פֿאַר תּלמידים, נאָר אָט דער עלטערער ייד אויך... אַ בעל מלאכה, אַ יגיע כפּיםניק... און אפילו אַז זי, די באַלעבאָסטע, וועמען ער האָט געצאָלט פֿאַרן חדר, די עטלעכע רובל איבערן ווינטערדיקן זמן, צו ביסלעך, צו עטלעכע גילדן אַ חודש, צי אַמאָל זעלטענער, פלעגט זיצן ביים קיך־באַנק, ערגעץ ווייט פון זיין גרויסן טיש, וואו ער האָט געלערנט און זי פלעגט זיך מיט גרויס יראת הכּבוד צוהערן ווי און וואָס ער לערנט מיט די קינדער — האָט דאָס אבא־יאַנקלען אויך שטאַרק הנאה געטאָן. חייע־בריינע, אַ גרויס־שטאָטישע, אַ יינגערע פון אים, וועדלריק די צווייטע ווייב — זי ווערט ניט נתפּעל פון זיין תּורה... אין אַ פּרייטיק, אַז ער זיצט ביים טיש און איז מעביר

די סדרה און זי „פּאַרקערט" דעמאָלט די שטוב — מוז ער אויפשטיין און זי קערט מיטן בעזים לענגער, ווי אים דאַכט זיך, ווי זי דאַרף...

פונדעסטוועגן, אַז ער איז אַריינגעקומען אין שטוב, און טאַקע אַן אייגענע, דאָס הייסט, אַליין אַ באַלעבאָס, און דערציילט זיין חייע־ברײנען, אַז שוין, מאָרגן איז ער שוין אַ פרייער מענטש, האָט חייע־ברײנע פריינטלעך אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— נו, געזונט זיך אָנגעקנעלט — אַזאַ ווינטער — אין דער פרי — אין חדר, שפּעט אין אָוונט, — פון חדר... וועסט טאַקע מיר אויך עפּעס העלפן. עס איז דאָס פאַר פסח און קיין דינסטן האַלטן, צי אפילו אויף אַ פּאָר שעה אַ העלפערן, קענען מיר ניט...

און נאָך אַ שווייגן אַ ווײלע האָט זי געפרעגט:

— האָסט עפּעס געבראַכט געלט?

אַ גליק וואָס יאָ. דעם לעצטן טאָג האָבן טאַקע דריי תלמידימלעך — לאַנג לעבן זאָלן זיי, — געבראַכט שכר־לימוד. ווער דעם גאַנצן חוב פאַרן ווינטערדיקן זמן, ווער אַ טייל...

אבא־יאַנקל האָט עס איר איבערגעגעבן מיט גרויס געטריישאַפט. אין רובלדיקע אַסיגנאַציע — אַ שטאַרק פאַרקנייטשטע — אויסגעגלייכט און צוגע־פּרעסט מיט די הענט... די זילבערנע מטבעות האָט ער אויסגעציילט מיט גרויס כונה — הויך אויפן קול...

איז שוין חייע־ברײנע, וואָס האָט טאַקע נעבאַך שטאַרק געדאַרפט האָבן אויף צו פאַרענדיקן דעם צוגרייטן און אָנגרייטן אויף פסח — געוואָרן זייער פריינטלעך... האָט אים גלייך אָנגעזאָגט, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר אים אויף וועטשערע... און ווען ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, ווערליק נאָך אַ טאָג לערנען מיט קליינע תלמידימלעך, האָט זי אים שוין אגב, איבערגעגעבן, וואָס זי גרייט צו אויף מאָרגן, — אויף וואָרעמס...

— ווי באַלד דו וועסט שוין זיין אַ היימיקער, דאַרף מען שוין דאָך קאָכן וואָרעמס אויך... כאָטש צוריק געגרעדט — האָט זי זיך פאַרכאַפּט — איז איצטער, פאַר פסח, אַלץ פייער און פלאַם... און דערצו, ווייס איך, עס איז גאָר ניטאָ קיין צייט צו קאָכן און ווען צו עסן...

האָט שוין אבא־יאַנקל פאַרשטאַנען אַז אָט אין די צוויי וואָכן ביזן סאַמע פסח, וועט ער דאַרפן אי העלפן אין שטוב אי צו זיין פאַרוואָגלט בכלל.... ווייל דער טומל איז שוין ניט פאַר אים געווען... ער האָט זיך שוין אין משך פון

אַזאַ ווינטער, אין אַזאַ פרייען און גערעמען חדר — ביי אַ גרויסן טיש, אַרומ־גערינגלט מיט ליבע תלמידימלעך, — זיך אָפּגעוואוינט פון אַט די אַלע היימישע יאָכן, מעג עס זיין אפילו לכבוד פסח...

באַלד אָבער איז צו אים צוגעקומען די קליין טעכטערל, זי האָט זיך געוווען פאַרשפילט אין אַ ווינקל פון שטוב, ביי אַ בעט, מיט אַ קעסטעלע געלן זאַמד, וואָס די מאַמע, חייע־ברײנע האָט שוין געהאַט צוגעגרייט, פאַר די פאַדלאָגע. — האָט שוין חייע־ברײנע דערציילט, אַז מען האָט שוין ביים באַרג, לעבן קלויסטער, סאַמע אונטן — זיך גענומען צום פרישן זאַמד, נאָכדעם, ווי די שניי איז שוין געוואָרן מיט עטלעכע טעג צוריק צושמאָלצן, און די זון האָט גלייך אַ טריקן געטאָן... האָט זי אויך זיך אָנגעגרייט. זי רעכנט אָבער, אַז עס וועט זיין צו ווייניק... ווייל דער שניי איז נאָך ניט צוגאַנגען אומעטום און מען קומט נאָך אַריין אין שטוב מיט נאַסע שיך און מיט נאַסע שטיוול.

פאַרבראַכט אַביסל מיט דער טעכטערל, אויסגעפרעגט איר וועגן די לשון־קודשדיקע ווערטער, וועלכע ער האָט איר אויסגעלערנט — ווי אַזוי צו זאָגן זיי אויף ידיש, ווי מצה, אַ שטערנדל, עינים, אויגעלעך, און דאָס גלייכן — גרינגע און ליב קלינגנדיקע ווערטער פאַר איר — האָט ער זיך גענומען צו אַ שטוביקער אַרבעט, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון פאַראַיאָרן, און פון פאַר יאָרן און יאָרן צוריק...

דאָס איז געווען אָנצושפּאַלטן פון אַ טרוקענער שייט־האָלץ — דינע קין און פון זיי צו פלעכטן צודעקעלעך פאַר אַלערליי כלים, וואו עס וועלן זיך געפינען פסחדיקע שפייז.

די דאָזיקע אַרבעט איז אַ מאָנסבילישע... די אַרבעט האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר אים, ניט נאָר ביים פלעכטן, נאָר אפילו ביים אָפּשפּאַלטן יעדע לאַנגע דינע קין, פון רונדן טרוקענעס שייט־האָלץ. ווער רעדט דאָס פלעכטן אין אַ דעקל — איז דאָך אַ מין אומנות, וואָס ניט יעדערער קען... פאַר אַזאַ אַרבעט האָט געהאַט חייע־ברײנע דרך ארץ...

מיט טעג שפּעטער אָבער, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַזעלכע אַרבעט, וואָס עס האָבן אויך געקענט טאָן ווייבער און אפילו חייע־ברײנע, כאָטש אַ גרויס־שטאָטישע — אויך. אין די טעג האָט זיך שוין אבא יאָנקל דערפילט, ווי פאַרלוירן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער... האָט ער געזוכט עצות, געבויט פּלענער... ערשט יאָ, ס'איז געווען אַלערליי וועגן. איין וועג — ער האָט נאָך געהאַט

איינצומאַנען ביי אַ צוויי־דריי באַלעבאַטים שכר־לימוד... וויבאַלד שכר־לימוד — איז דאָך בילכער ווי אַלץ און חייע־ברײנען האָט נאָך טאַקע אויסגעפּעלט אויף יום טוב... האָט זיך אבא יאַנקל שוין אין דער ערשטער וואָך געשפּאַצירט איבער די גאַסן פון שטאָט צו די באַלעבאַטים, און ניט געפינענדיק וועמען — פלעגט ער אַריין אין איינעם פון די בתי־מדרשים, צו כאַפּן דעם פיינעם שמועס מיט זיינע נאָענטסטע — די מלמדים...

נישט מער, אויך אין אַ בית מדרש איז געווען ערב־פּסחדיק... דער אונטער־שמש איז געשטאַנען ביי צוזאַמענגעשטעלטע סטענדערס אין אַ ווינקל, און ביי די בענק, און געגעבן באַפעלן צו צוויי עלטערע ווייבער, וואָס מען האָט געדונגען צו וואַשן דעם דיל, די בענק און בכלל באַנייען דעם בית־מדרש לכבוד פּסח... און אין סאַמע מיטן זענען געשטאַנען אַנדערע צוויי ווייבער — שוין יינגערע, צו שייערן די הענגלייכטער, און די איבעריקע הייליקע כלים פון בית־מדרש...

אין אַ ווינקעלע ביים נר־תמיד, לעבן כיור, ביי דער טיר, זענען געשטאַנען עטלעכע מלמדים, ווי אַנטלאָפענע פון די אָרעמע צערודערטע היימען, און האָבן זיך דערציילט אַלערליי מעשיות וועגן תלמידים, בעלי־בתים און אַלע ווילע געמוזט איבעררייסן זייער שמועס, ווייל דער אונטער־שמש האָט געגעבן נייע באַפעלן צו די אַרבעטערינס צו פאַרנעמען נייע פּלעצער, וואו און וואָס צו שייערן אויף דעם אָנקומענדיקן פּסח... האָבן די מלמדים געמוזט שוין איבערוואַנדערן צו דער בימה...

באַלד אָבער האָבן זיי געמוזט אויך די בימה פאַרלאָזן...

האָט שוין אבא יאַנקל זיך געלאָזט גיין אַהיים. אויב אָפּקומען, איז שוין בעסער ביי זיך אין שטוב. און טאַקע מיט עפּעס אַרויסהעלפן זיין חייע־ברײנען... אויב שוין ניט מיט קיין ווייבערישער אַרבעט, וועט ער אַכטונג געבן אויף דער טעכטערל, אין דרויסן, וואו די זון האָט זיך שוין מיט יעדן טאָג ליכטיקער צושיינט און יינגלעך שפּילן זיך שוין אין „מלחמה״, און קליינע מיידלעך מאַכן שוין פון דער נאַקעטער, נאָך פייכטער ערד — כלומרשטע געבעקס — אין אַן אַליין געמאַכטן אויוון און אפילו מיט אַ קוימען...

# דער אַרימער מאַלצייט

אָפּהיטן די „ניך טעג" איז הירש דעם למדן ניט אָנגעקומען „צו־שווער". נישט־מער, ער האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך, זיין אייגענע פירונג, אָדער ווי אויף זיין לשון — זיין אייגענע הנהגה.

וואָס ס'איז שייך ניט עסן קיין פלייש אין די ניך־טעג, האָט דאָס פּאַר אים און פּאַר זיין ווייב און פּאַר די עלטערע קינדער, וואָס האָבן שוין אויך געוואוסט פון אַ דין, געקלונגען ווי אַ שפּאַס. אַז סיי־ווי־סיי איז דאָס פלייש עסן אין דער וואָכן, און נאָך אין זומער־טעג, ניט געווען קיין געוויינטליכער ענין. הירש למדנס ווייב האָט זיך אַמאָל, אין אַ זומער, זאַוויניעט און אפילו אויף שבת געמאַכט אַ מילכיקן וואַרמעס. און הירש למדן האָט איר דערפאַר שטאַרק געלויבט, אויף זיין אופן.

— ווען עס ווענדט זיך אין מיין הירשלען — פלעגט זיך דאָס ווייב אַמאָל גרויסן מיט איר מאַן פאַר אַ נאָענטערער שכנה אין גאַס — האָבן די קצבים שוין לאַנג געמעגט אָוועקלייגן די העק און דער שוחט דעם חלף. ביי אים איז פלייש־עסן ניט קיין מוז, חלילה.

אָבער אויך מילכיקס איז פאַר אים ניט געווען צו שטאַרק אָנגעלייגט. אויף פּוטער האָט ער אַפילו ניט געקענט קוקן. אויב שוין יאָ אַמאָל עפּעס פרעגלען פאַר אים, איז אויף בוימל. פון בוימל האָט ער שטאַרק געהאַלטן. וואו ער טוט זיך אַ קער אין זיינע ספרים, פון חומש ביז נביאים און ווייטער און אַלע טאָג אין דאַוונען — איז לויטער בוימל... היינט דאָס „ווערטל", אַז דער אמת שווימט אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער!... אַביסל מילך אין אַ גלאָז, אין וועלכער ער האָט געטונקט דאָס שטיקל איינגעדאַרטע חלה, שוין אַרום דאָנערשטאָג, וואָס עס איז איבערגעבליבן פון שבת, האָט ער אויך געהאַלטן פאַר אַ געהויבענער סעודה. מער האָט ער ליב געהאַט יענע מאַכלים, וואָס מען מאַכט פון געוויקסן. אַרבעס און בעבלאַך און קאַרטאָפל, געקאָכטער־הייט, און אַ גרין אוגערקעלע רויערהייט.

און דוקא אָט די זאַכן זיינען שוין אין אָנהויב חודש אב דאָ פון דער פולער האַנט. געוויסע מינים האָט ער שוין אפילו פון זיין אייגענעם גאָרטן, וואָס געפינט זיך הינטער זיין הויז און אויף וועלכן ער גיט שטילערהייט אַכטונג, איבערהויפּט אויף דער טירעלע, וואָס פירט צום גאָרטן, אַז עס זאָל זיך „שטשילנע" פאַרמאַכן. ניט אַזוי צוליב פאַרהיטן די גרינסן פון גנבים, נאָר מער זאָל ניט צוטרעטן די בייטן, אויף וועלכע ער האָט גרויס הנאה צו קוקן, ווען ער קומט אין גאָרטן אַמאָל אַריין, אין אַ שיינעם טאָג, מיט אַ ספר.

אָפּהיטן די „ניין־טעג" מוז שוין הירש אויף אַן אַנדער שטייגער. עס איז שוין ניט אין די מאכלים, וואָס ער עסט יאָ, און וואָס ער עסט ניט, אין די דאָזיקע ניין טעג, נאָר אין די ספרים, וואָס ער לערנט יאָ און וואָס ער לערנט ניט. און אפילו אין דעם ניגון. אין די ניין־טעג בייט ער דעם ניגון, אויב ער לערנט גמרא, ס'איז אַ ניגון וואָס פאַרטראָגט שוין מער צום איכה־ניגון און צו דעם ניגון פון געוויסע קינות, וואָס מען „זאָגט" שוין אין תשעה־באב. איז דאָס אָבער אַ ניגון, וואָס פאַרשאַפט אים אַ הנאה. כאַפּט ער זיך צוריק און שלינגט שוין אין אַ פּאָר עמודים גאָר אָן אַ ניגון.

אמת, די מסכתא אַליין, וואָס ער קלייבט אויס צו לערנען אין די ניין־טעג, איז אַ האַרבע — ער קלייבט אַזאַ בכיון אויס — אָבער ווי אַ גרויסער למדן איז פאַר אים קיין שווערער ענין ניטאָ. בפרט, אַז זיין ש"ס, וואָס ער פאַרמאָגט זינט נאָך זיין חתונה — אַ דרשה־געשאַנק פון זיין טאַטע דעם ניט־למדן, אָבער אין יענער צייט דעם בעל פרנסה — פאַרמאָגט גענוג פּירושים, וואָס גלעטן אויס און פאַרענטפערן דאָס האַרבסטע. קוקט ער טאַקע דעמאָלט אין די פּירושים ניט אַריין, ער וויל אַליין דערגרונטעווען. זאָל טאַקע אָנקומען שווערער.

וואָס ווייטער אין די ניין־טעג, ציט אים אַלץ מער צו דער גמרא גיטין — אַ מסכתא בכלל א גרינגע און דער ענין איז וועגן גטן — פאַר אים גאָר אַ פרעמדער ענין. הירש למדן קען גאָרניט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש גט דאָס אָפּ אַ ווייב. ווען ער לערנט אַמאָל אָט די מסכתא, לערנט ער טאַקע שטילער — ער שעמט זיך פאַר זיין ווייב און וויל זי טאַקע ניט פאַרשעמען, צי גאָר חלילה דערשרעקן. אַז אַ מאַן גט זיין ווייב ווייגען אין הימל די מלאכים. דאָס ווייסט ער, שטייט געשריבן אפילו אין איר ספר — אין דעם „טייטש־חומש"...

אָבער צו דער מסכתא גיטין ציט אים ניט צוליב די דינים פון גטן זיך, נאָר צוליב יענעם „פרק" אין דער מסכתא, וואו עס דערציילט זיך וועגן דער מלחמה וואָס די רוימער האָבן געפירט מיט די ידען און די ידען האָבן געפירט מיט די רוימער. און איבערהויפּט וועגן דער באַלאַגערונג פון ירושלים, און נאָכדעם וועגן חורבן פון דעם צווייטן בית־המקדש.

נאָך יענעם „פרק", וואו עס הויבט זיך אָן דער „אמר ר' יוחנן", און עס גייען אָוועק גאַנצע „דפים", לויטער גמרא, כמעט אָן די פירושים פון רש"י און תוספות ביי די זייטן, ווייל צו וואָס איז נאָך דאָס מפרש זיין, אַז מען זעט עס גלייך פאַר די אויגן — ווערט ער ערשט אַריינגעצויגן אין דער טרויער־דיקייט פון די נייך־טעג. מעג שוין זיין ווי שפּעט פאַרנאַכט און לאַנג צייט צו עסן זיין ווערטשערע, וואָס זיין ווייב האָט אודאי, אַפילו אין אַ טאָג פון אָב, צוגעגרייט — אים קען זי שוין אַזוי גיך ניט אָפּרייסן פון זיין טישל, וואָס שטייט צו דער וואַנט. ווען ער זיצט ביים טישל, איבער דער גמרא, ציי אַמאָל אַזוי איבער אַ ספר — מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיט דער פּלייצע צו דער שטוב, ווערט דער פּלאַץ פאַרוואַנדלט אין אַ חדר־מיוחד און קיינער פון די שטוביקע שטערט אים ניט אין דעם דאָזיקן חדר זיינעם.

מיט גרויס געבעט פּועלט דאָס ווייב, אַז ער זאָל שוין גיין צו גרויסן טיש עפּעס עסן. אָבער נאָך אַזעלכע צרות, וואָס די ידען האָבן אָט־ערשט־אַ איבער־געלעבט אין ירושלים און אַרום ירושלים, ווי וועט אים איינגיין אַ בייסן?... שטייט ער פאַרטראַכט, שוין אין מיטן שטוב און קען ביי זיך ניט פּועלן צו גיין וואַשן זיך. ער וויל אָבער ניט אָפּעסן דער ווייב דאָס הארץ, און די עלטערע קינדער ווילן אויך דער טאַטע זאָל זיך עסן. זיין שמאָל לענגלעך פּנים זעט אויס בלייכער ווי שטענדיק. די אויגן פאַרצויגן ווי מיט וואָלקנדלעך. נאָטירלעך, וויינען וועט ער ניט. הירש למדן קען זיך מאַכן הארץ.

וואַשט ער זיך, זעצט זיך ביים גרויסן טיש, אויבן־אָן, אויף זיין שטענדיקן פּלאַץ, מיטן פּלייצע צו די קינדער. ער זוכט אויס פון די אָנגעשניטענע המוציאס ברויט אויפן טיש דעם האַרטסטן שטיקל, דאָס אויבערשטע פון לעבל, דאָס קרייטשיקל — דוקא ווייל ער קען קיין האַרטע ניט עסן, ווייל ער אָט דאָס שטיקל — זאָל זיך אים דאַכטן, אַז ער איז דאָרטן, ווען די שטאָט איז באַלאַגערט פון שונא, און אָט געפינט ער אַזאַ האַרט שטיקל ברויט.

ער גריזעט עס מיט די פאָדערשטע ציין. ער וויל נעמען אַ חלק אין דעם צער פון זיינע ברידער אַמאָל.

און ער טוט זיך אַ זאָג, שיר ניט שמייכלענדיק — פון וואָס זיין פּנים ווערט נאָך מער בלייך און איינגעפאַלן:

— וואָס דאַרטן האָט זיך אָפּגעטאָן!...

דערוויל טראָגט דאָס ווייב צו צום טיש די שיסל מיט דער געקאָכטער וועטשערע, וואָס זי האָט נאָך פאַררוקט אין אויוון אײנדערפרי. פון דער שיסל טאַרטשעט אין דער הויך די גרויסע צינענע קאָך־לעפל.

הירש למדן דערקענט שוין וואָס פאַר אַ מין וועטשערע דאָס איז: זיין באַליבטער מאכל — פּערל גרויפּן מיט בעבלאָך מיט קאַרטאָפל.

זאָל ער איצטער עסן אַזאַ מאכל? גריזעט ער דאָס האַרטע שטיקל ברויט און ישובט זיך.

אָבער דאָס ווייב גיסט שוין אָן מיט דער קאָכלעפל זיין טעלער, וואָס שטייט פאַר אים, ביז די ברעגן.

— עפּעס זעט אויס היינטיקע וועטשערע געשמאַקער ווי אַלעמאָל — זיפצט ער, קוקנדיק אויף דעם פולן טעלער.

— דווקא אַ „מיטנישטעי", אַ „פאַרעווע" — פאַרזיכערט זי מיט אַ פרומער מינע. ס'איז דאָך ניק־טעג. איך ווייס דען ניט?

אודאי מעג ער עס על פּי דין עסן. עס גייט אָבער ניט אין דעם דין. אַז די אַלע בילדער פון „אמר ר' יוחנן" שטייען אים נאָך פאַר די אויגן... אויך שוועבט פאַר זיינע אויגן די גרויסע גבירה, וואָס האָט אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג געשיקט אירע דינסטן קויפן שפּייז און זיי זיינען יעדעס מאָל געקומען אָן שפּייז, ווייל אפילו דאָס גראָבע מעל איז אויך ניט געווען צו קריגן — ער זעט זי אַנגעטאָן אין זיידנס, מיט אַ באַנד פּערל אויפן האַלדז, גייט זי אַרום אין די גאַסן פון ירושלים און זוכט, אַ פאַרהונגערטע, אַ ברעקל שפּייז.

אָבער ניט עסן, וועלן זיין ווייב און די קינדער האָבן צער.

עסט ער אַ פּאָר לעפל. דער טעם צעגייט אים אין די גלידער. אַ מאכל־מלכים... באַ'טעמטער ווי אַלע מאָל... לייגט ער אַוועק דעם לעפל און זוכט עפּעס אַ טרייסט, און ער דערציילט שוין פאַר זיין געזינדל:

— איז אָבער דאַרטן געווען, שוין נאָכן חורבן, אַ גבור, אַ העלד. בר־כוכבא האָט ער געהייסן. אָך, וואָס ער האָט געוויזן פאַר אַ גבורות!

די קינדער הערן, דאָס ווייב אויך. זי ווייסט עס פון טייטש־חומש נאָך פון פאַראַיאָרן. נאָר אַז הירש דערציילט עס, איז עס נאָך שענער.

מוז ער שוין עסן נאָך אַ פּאָר לעפל פון דער באַ׳טעמ׳טער ווטשערע און זי פאַרזיכערט אים נאָך אַמאָל, אַז עס איז „מיטנישטע״, פאַרעווע. אפילו דער טאָפּ אַ „פאַרעווער״...

— דער מילכיקער טאָפּ איז צושפּאָלטן און איך האָב נאָך אים ניט איינגעדראַטעוועט. ס׳איז אַלץ קיין צייט ניטאָ.

ער איז שוין אָבער ניט ביים טיש, נאָר ערגעץ־וואו אַנדערש. ער ווייסט שוין ניט, צי עסט ער יאָ, צי נישט. זיין געדאַנק טראָגט אים אַוועק אַזש אין דער שטאָט ביתר. דאָרטן זעט ער זיך מיט בר־כוכבאן, מיט ר׳ אליעזרן, און מיט ר׳ עקיבאן. נאָכדעם הערט ער אַ געריוש, אַ געדרודער, אַ קליגנען פון געווער. און חיילות גייען, גייען נאָכאַנאַנד... און בר־כוכבא, פון זיין אקסל העכער פון זיי אַלע, הויבט הויך זיין האַנט און...

אָבער זיין ווייב ברענגט אים באַלד צוריק פון דאָרטן:

— הירש, וואָס עסטו ניט?

כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ חלום — ערשט ער זיצט מיט דער לעפל אין דער האַנט, און אַרום אים די קינדער, און — אַ ברירה האָט ער — ער מוז צוליב טאָן דער ווייב און עסן נאָך.

און זי פאַרזיכערט אים ווידער, אַז ס׳איז געקאָכט אפילו אין אַ „פאַרעווען״ טאָפּ.

שמייכלט ער שוין ווי אַ פאַרשולדיקטער, ווייל געבן איר צו פאַרשטיין אַקוראַט קען ער ניט.

ס׳גייט אים ניט אין דעם דיך, צי מען מעג, צי ניט — אודאי מעג מען. עס גייט אין עפּעס אַ העכערן ענין.

און נאָך דער אָפּקומעניש ביי דער באַ׳טעמ׳טער ווטשערע האָט ער זיך ווידער געזעצט ביי זיין טישעלע, מיטן פּנים צו דער וואַנט און זיך שוין געוויגט איבער אַן אַנדער ספר, וואָס איז געשריבן געוואָרן שוין ניט לאַנג — אינגאַנצן מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק. ביי דעם ספר האָט ער שוין געלערנט אַן אַ ניגון. ער האָט אין דעם דאָזיקן ספר בלויז אַריינגעקוקט און דער ניגון האָט זיך געזונגען אין אים. הירש דעם למדן אַליין, אין זיין געמיט און אין זיין גאַנצן וועזן...

# גערֹאַם אין דער שניידערשער שול

סיי יונגערהייט, ביי זיין „פּאַך" — שניידעריי, סיי שפּעטער נאָך דער חתונה — זייַן אַ שמש אין שניידערישער שול, און נאָך שפּעטער, שוין ביז זיין טיפער עלטער, אויך אַ בדחן אויף חתונות — האָט זיך אין זכריהן אויס־געאַרבעט אַ פריילעכן געמיט. זיין פריילעכקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף די שניידער, די דאַווענער אין דער שול.

די שול איז טאַקע געווען געבויט כדי צו דינען גאָט, צו דאַוונען אין איר דריי מאָל אַ טאָג — וואָך און שבת און יום־טוב, אָבער וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייטן איז צו לייטן... די שניידערשע שול איז געווען מער הויז, ווי שול... ערשטנס טאַקע די דאַוונער אַליין — לויטער בעלי־מלאכות. ניט נאָר שניידער, נאָר אַ שוסטער, צי אַן אַנדער מין בעל־מלאכה וועט אויך ניט קריכן אין גרויסן בית מדרש, צי אפילו אין נייעם בית־מדרש, וואו עס דאַוונען שוין יאָ עטלעכע פשוטע יידן אויך. ווער רעדט אין קליינעם בית־מדרש, וואו עס דאַוונט דער גביר און איינער פון די צוזי רבנים, ר׳ הירש — וועט אָבי ווער אַ בעל־מלאכה אודאי ניט האָבן די העזה צו דאַוונען דאָרטן... און סיי ווי סיי האָט עס ניט געלוינט. ביי די שניידער איז פריילעכער, און טאַקע דערפאַר וואָס זכריה בדחן איז דאָרטן אַ שמש... ווייל אידער זכריה דער בדחן הייבט אָן צו רעדן, שמייכלט ער שוין אַליין, און נאָכדעם ווי ער זאָגט עפּעס, מוזן שוין אַנדערע שמייכלען און אַמאָל טאַקע פריילעך זיך פונאַנדערלאַכן. זכריה׳ס אַ ווערטל איז כדאי צו הערן סיי פאַר׳ן דאַוונען, סיי אינמיטן דאַוונען און סיי נאָכן דאַוונען... און ווערטלעך האָט ער געניג. עס בלייבט אים נאָך געניג צו זאָגן זיי אויף אָרעמע און אַפילו באַלעבאַטישע חתונות... אויף אַ גבירשער חתונה זיינען דאָ, זאָגט ער אַ ווערטל, ערגערע בדחנים... און אויב אַ שטיקל תורה, איז זכריה דער בדחן אויך ניט קיין עם־הארץ; טאַקע אין דער יוגנט געווען אַ שניידער, אָבער, אַ פּנים, אויך אַמאָל געלערנט. איבערהויפּט אין אַ

מדרש אַפּזאָגן איז ער געווען אַ גרויסער בריה... אַז ער וואָלט וועלן וואָלט ער געקענט זיין אַ מגיד, ווערליג זיך איינטייטשן אַ מדרש... וואָלט ער, הייסט עס, געקאָנט האָבן נאָך אַ פּרנסה. נאָר אים איז געווען צוּוויל פּרנסות: בדחנות און שמשות. און סיי ווי סיי איז אַ סברא, אַז אין אַ פאַר־פּסח׳דיקער וואָך, ווען ביי ישראל ארטשיקס דעם שניידער, וואָס איז אויך אַ שטיקל למדן און וואוינט טאַקע אונטערן שניידערשן שול אין אַ קעלער, וואָס איז אָבער אַ גאַנץ נישקשה׳דיקע דירה — ווען ביי יענעם איז דאָ „ספּעשנעל" אַרבעט — העלפט אים זכריה דער בדחן אַרויס. אמת, לייט זאָלן ניט זען — שפּעט אין דער נאַכט.

אָבער פון דעם ווערט ער אויך ניט קיין גביר... עס איז בלויז צושטייער אויף וויין אויף פּסח...

דערצו איז נאָך זיין גאָלדע אַ שוואַכע יידענע, און ער מוז אין שטוב אַמאָל איר אויך עפּעס צוהעלפן, ווייל זכריה האָט ניט קיין טעכטער, נאָך בלויז זין און אַלע זיינען זיי קלעזמער, און גייען שוין אינדערפרי אַוועק פון דער ענגער דירה צו ישראל פליישיסט, איינצושטודירן אַ נייעם וואַלץ, טאָמער מאַכט זיך ווען אַ געהויבענע חתונה. פונדעסטוועגן איז אין שניידערשער שול שטענדיק אויפגערוימט. קיין אַרויסהעלפער און אונטער שמש האָט ער ניט... פון די שכירות וואָס ער באַקומט פון די שניידער און די אַנדערע בעלי־מלאכות, וואָס דאַוונען אין שניידערשער שול — איז ער ניט בכח צו האַלטן אַן אונטער שמש. און דער שניידערשער קהל אודאי ניט. טאָמער איז דאָ איין רייכער שניידער, עליע פּעטערבורגער, דאַוונט ער טאַקע אין נייעם בית־מדרש מיט די פיינע באַלעבאַטים, און האָט אַ „שטאָט" דאָרטן — דוקא אין מזרח־וואַנט. נאָר עליע פּעטערבורגער איז מער באַלעבאָס ווי שניידער, ער האָט די שענסטע הויז, נעבן מאַרק און נייט פאַר די גבירים און פאַר די פּריצים און די סחורה אויף די טייערע גאַרניטורן און אויף די מאַנטלען קויפט מען טאַקע ביי אים גופא, און אַליין שנידט ער נאָר אַמאָל צו... נייען אַליין — געדענקט מען שוין די צייט ניט, ווען ער האָט געניית. ער האַלט „מענטשן" — יונגע בחורים.

אמת, אַן „אָרעם־בחור", וואָס לערנט אין שניידערשער שול, און שלאָפט שוין אויך דאָרטן, העלפט זכריה׳ן אַמאָל צו; ס׳איז דאָך זיין דירה... נאָר איינגאַנצן אויף אים קען מען זיך ניט פאַרלאָזן — אַ בחור׳ל פון דער פרעמד, פרעג אים בחרם, וואָס די דאַוונער פון שניידערשן שול פאַרלאַנגען.

אין שניידערשער שול איז אויך דאָ אַן אַלמער מיט ספרים. טאָמער מאַכט

זיך אַמאָל אַ בעל־מלאכה אַ למדן, זאָל ער האָבן אין וואָס אַריינצוקוקן. און ס'זיינען טאַקע אַזעלכע דאָ. אויב ניט קיין שנידער, קען פּאַסירן דוקא אַ שוסטער, וואָס פאַרשטייט אין די שוואַרצע פינטלעך. מער ווי ספרים זיינען אָבער דאָ אין די אונטערשטע פּאָליצעס פון ספרים־אַלמער — סדורים און תהלים'לעך... די סדורים, געדרוקט מיט גרויסע אותיות, און אויך די תהלים'לאך שטעלט צו ישראל דער ווינער, וואָס אויסער וואָס ער פאַרקויפט וויין אויף קידוש און אויף פסחדיקע סדרים, איז ער אויך אַ מוכר ספרים. ישראל דער ווינער איז אויך אַ ווערטל־זאָגער, נאָר אַזוי ווי ער איז אַ חסיד און דאַוונט אין שטיבל — ביים חסידישן רבי'ס הויף — איז ער זכריה'ס ניט קיין קאָנקורענט, בפרט אַז צו זכריה'ן קומט ער ניט...

האָט זכריה דער בדחן, וואָס ער איז אויך דער שמש פון שניידערשן בית־מדרש, זיין שטעלע שטאַרק ליב געהאַט. ער אַליין האָט געוואוינט אונטן — אונטערן בית־מדרש, אין דער צווייטער זייט קעלער — וואָס די טיר קוקט שוין אַרויס צו אַ וואַנט, וואָס גרענעצט דעם שול־הויף מיט אַ גאַס... ביי אים איז דער דירה, אונטן אין קעלער, איז אודאי ניט געווען צו גערוים, ווען די זין זיינע זיינען אַפילו אַוועק מיט די „כלים" אונטער די אָרעמס צו זייער עלטערן ברודער ישראל דעם פּלייטיסט, איינשטודירן די נייע שטיק, פלעגט ער זיך נאָך אין דער פרי אַרויפכאַפּן אויבן — אין שניידערישן שול. כלומרשט צוליב דער פרנסה, אָבער אין דער אמתן צופרידנשטעלן די דאַווענער.

אין דער שניידערשער שול האָבן געדאַוונט מנין נאָך מנין. ס'האָט אויס־געזען אַזוי ווי אַ פאַבריק פון דאַוונען, פון מאָלן מיט די מיילער. איין מנין געענדיקט, באַלד אַ צווייטער מנין... אַ וואָכעדיקער אינדערפריעדיקער דאַוונען, שוין מיט אַלע „דרויבן" — האָט געדויערט ביי אַ קנאַפּע האַלבע שעה. אַט שפּייט שוין אויס איין מנין ביי עלינו, און באַלד שטייט שוין אַ צווייטער בעל־תפילה ביי'ן עמוד, איינער, וואָס האָט יאָרצייט, צי אַן אבל — און קנאַקט שוין מזמור שיר חנוכת, און באַלד — מען ווייסט ניט ווי אַזוי ער האָט דאָס „אָפּגעמאָלן" און ער האָלט שוין ביי די הללויהס, און באַלד גיט ער שוין אַ געשריי אהבה רבה אהבתנו, און אַט שטייט ער שוין שמונה עשרה און אַט שאָקלט מען זיך שוין ביי דער קדושה...

זכריה דער בדחן האָט אָנגעקוואָלן און זיך געוויצלט:

— בעריעס, גרויסע בעריעס — זיי מאָלן ווי די בעסטע מילנער... און דוקא שניידער...

און אַמאָל פֿלעגט ער זאָגן אַ ווערטל וועגן דעם:

— מילנער, דאַכט זיך, מאָלן אַזוי שנעל און קיין ברויט האָבן זיי ניט...

ער אַליין פֿלעגט אָפּדאַוונען מיט׳ן ערשטן מנין, וואָס דאָס דאַוונען איז אויך געגאַנגען שנעל, אָבער ניט קיין גלייכן צו דער שנעלקייט פֿון די שפּעטערדיקע מנינים...

אַמאָל אין אַן ערב יום־טוב, אַז דאָס איילעניש איז געווען שוין גאָר גרויס, האָט זכריה שוין געהאַט אַ ווערטל:

— אונדזער שטאָט וואַקסט קיין עין הרע: מיר האָבן שוין מילן, וואָס מאָלן מיט פּאַרע...

דערפֿאַר איז שוין אין אַ שבת, און איבערהויפּט אין אַ יום־טוב, דאָס דאַוונען געווען מער פּאַמעלעך... מען האָט געדאַוונט בלויז איין מאָל — זיך געשטעלט אַכט אין דער פֿרי, אָבער אין שנײַדערשן קלויז האָט מען אַלץ אָפּגעדאַוונט פֿריער, ווי אומעטום... אַ בעל מלאכה, איבערהויפּט אַ שנײַדער, האַלט ניט פֿון צופֿיל דבקה׳נען זיך. אפֿילו די שנײַדער די זקנים — און אַזעלכע זײַנען אויך געווען — וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן מיגיע כפּים — פֿון דער אייגענע פּראַצע — האָבן ניט ליב געהאַט צופֿיל צו בעטן זיך ביי גאָט... מילא, וואָס עס קומט אים — קומט אים, אָבער קיין שטיק האָבן זיי חלילה ניט געפּראַוועט...

סיידן ימים־נוראים. און איבערהויפּט טאַקע יום־כּפּור...

אין יום כּפּור איז שוין זכריה דער בדחן אַליין ערנסטער געוואָרן. סיי ווי סיי אַ ייד מיטן פֿולן מויל, מאַכט ניט אויס, וואָס ער זאָגט אַ ווערטל און אויף אַ חתונה — אַ גראַם — איז ער יום־כּפּור געוואָרן מער פֿאַרחושכט... און דער עיקר טאַקע — דער גרויסער עולם.... דער עולם אַליין אין די קיטלען און אין די טליתים האָט שוין אַרויסגערופֿן מורא און דרך ארץ...

דערצו נאָך די אורחים אין שול... גאָר נײַע מינים ידן... ער קען זיי אפֿילו כמעט ניט... איבערהויפּט יונגוואַרג, די זין און די פּועלים פֿון די שנײַדער און פֿון אַנדערע בעלי מלאכות, וואָס אין מיטן יאָר קומען זיי זעלטן דאַוונען... יום־כּפּור זײַנען זיי אַלע דאָ, אפֿילו זייערע זין, וואָס זײַנען, ווי קלעזמער, ניט קיין חסידים, חלילה — זיי זײַנען אויך דאָ... זיי זאָגן שוין מער מבינות אויפֿן בעל־תּפֿלה, ווייל אַליין מוזיקער, ווי זיי דאַוונען... אָבער שטאָט פֿירן זיי... יעדער זון זײַנער — און זיי זײַנען דאָ קיין עין־הרע פֿיר — שטייען מיט די מחזורים׳לעך,

מיט וועלכע ער האָט זיי אַליין טאַקע פאַרזאָרגט, אין די הענט, און ביי אַ געהויבענער תפילה קוקט מען אַריין און זיי "זאָגן" אַפילו... דאָס זעט ער אַלץ, שטייענדיק אויף דער בימה, פון וועלכער ער גייט אַראָפּ נאָר דעמאָלט, ווען ביי דער טיר ווערט, צוליב דער ענגשאַפט, עפּעס אַ גערודער און זיין פּאַטשן מיט דער האַנט איבער דעם שולחן העלפט ניט איינצושטילן...

אום יום־כּפּור גייען שוין ניט אַן קיין ווערטלעך... האַלטן אַזאַ עולם אין אָרדנונג מוז מען פאַרגעסן אַן אַלע ווערטלעך און אַן אַלע גראַמען...

האָט ער זיך יום־כּפּור דערפילט אין אַן אַנדער מדרגה...

ערשט צו מנחה, פאַר נעילה, אַז דער עולם ווערט שוין מיד און רוט זיך אָפּ, און די מורא ווערט שוין קלענער, — הגם "נעילה" איז נאָך אויך ניט קיין קלייניקייט — קומט ער שוין צו זיך. ער איז טאַקע אַ שמש אין אַ שניידער־שער שול, אָבער זיין הויפּט פּרנסה אין דאָך דאָס בדחנות. דאָס טאָר ער אויך ניט פאַרזען. בפרט, אַז די לעצטע צייט צופאָרן זיך די שניידער קיין אַמעריקע. פריער די טאַטעס. אין דער שניידערשער שול ווערט אַפילו יום־כּפּור געראַמער. עס פעלן אים שוין די פיינסטע באַלעבאַטישע שניידער. זיי דוקא, וואָס האָבן גיכער געהאַט אויף הוצאות, זיינען די ערשטע אַוועקגעפאָרן.

אמת, דאָס בדחנות לײַדט אויך גענוג, ווי נאָר די טאַטעס שלאָגן זיך דאָרטן צו עפּעס צו, שיקן זיי אַ שיפסקאַרד און מען נעמט צו דעם זון אַהין, — ווערן חתונות אויך ווייניקער; אָבער פו אַ חתונה, אַז זי איז שוין יאָ דאָ, פאַרדינט מען פאַרט מער ווי פון שמשות, אַפילו אין די ימים־נוראים, ביי די אָרעמע איבערגעבליבענע שניידער.

ס'פאַרדריסט אים נאָך דערצו, וואָס, וואָס אַ יאָר ווערט יום־כּפּור אין דער שניידערשער שול אַלץ גערוימער. דער דורכגאַנג צום אָרון־קודש איז פריי, און אַפילו ווען דער בעסטער בעל־תפילה דאַוונט, איז דער עולם ניט גרויס.

ער טרייסט זיך נאָר דערמיט, וואָס אויך אין די באַלעבאַטישע בתי־מדרשים איז אויך ניט דאָס וואָס אַמאָל.

באַלעבאַטים פאָרן שוין אויך קיין אַמעריקע.

מאָטע בערל דער שמש פון גרויסן בית־מדרש — אויך אַ פריילעכער ייד — האָט זיך פאַר אים שוין אויך געקלאָגט, און טאַקע אויף מאָרגן נאָך יום־כּפּור:

— ביי מיר, זכריה — האָט ער געזאָגט — איז שוין אויך גאָט צו דאַנקען גערוים, אַפילו יום־כּפּור. מיינע יידן, די באַלעבאַטים, פעלן שוין אויך.

האָט זכריה געפּרואווט זאָגן וועגן דעם אַ ווערטל, אָבער עס האָט זיך ניט געזאָגט אַזוי גיך ווי אין אַמאָליקע טעג.

פונדעסטוועגן גאָר אָן אַ ווערטל איז עס ניט געגאַנגען.

און זכריה האָט זיך אָנגערופן:

— ביי אונדז איז געראָם אין די שולן און ביי זיי דאָרטן איז געראָם אין קעשענע.

האָט שוין מאָטל־בערל אָפּגעענטפערט אויך מיט אַ ווערטל, אויף זיין אייגענעם שטייגער:

— נו, זכריה, לאָמיר אויף דער עלטער ביידע פאָרן קיין אַמעריקע. מיר האָבן שוין דאָרטן מער באַלעבאַטים ווי דאָ.

דאָס איז שוין אָבער קיין ווערטל ניט געווען. איבערהויפּט פאַר זכריה׳ן:

זכריה וועט זיין שוואַכער ידענע ניט איבערלאָזן אַליין.

און ער איז געבליבן שמש אין דער שניידערשער שול ביז אין טיפסטן עלטער און דערפרייט די הערצער פון די איבערגעבליבענע אַלטע שניידער מיט זיינע ווערטלעך און די חתן־כּלות און די מחותנים אויף די אָרעמע חתונות — מיט זיינע גראַמען און מיט זיין איינטייטשן די מדרשים אויף אַ פּאַסיקן שטייגער...

# די גלעזערנע פושקע

אויסער וואָס דער חזן איז געווען אַ גרויסער קענער אויף נאָטן, איז ער אויך געווען ניט קיין קליינער למדן. עס איז אַ סברא, אַז ווען ניט זיין גרויסער געפיל צו זינגען, וואָלט ער געווען גאָר אַ רב, נאָר דער געפיל זיינער האָט אים געשטערט בחור־ווייז צו לערנען. מילא, אַ חזן איז אויך אַן אָנגעלייגטער כלי־קודש, בפרט אַז למדנים זיינען אין שטעטל געווען גענוג. האָט מען זיך טאָקע מער געגרויסט אַנטקעגן אַנדערע שטעטלעך מיטן חזן, ווי מיט די צוויי רבנים. און איבערהויפּט טאָקע דערפאַר, ווייל ער זינגט אויף נאָטן, בשעת ווען די חזנים פון די אַרומיקע שטעטלעך זיינען אין נאָטן גרויסע עמי־הארצים...

וואָס איז אַזוינס נאָטן האָבן די שטעטלשע יידן ניט קלאָר געוואוסט, ווי זיי האָבן ניט קלאָר געוואוסט, וואָס ס'איז אַזוינס כלי־זמן־לשון, כאָטש זיי האָבן געוואוסט זיכער, אַז אַזאַ לשון עקזיסטירט יאָ און קאַלדוניע דער ראש פון די שטעטלשע כלי־זמר און דער גרעסטער פידלער אין דער סביבה, שפּילט טאָקע אויף נאָטן, כאָטש ווען ער שפּילט אָן נאָטן איז נאָך שענער, ווייל דער עיקר איז דער געפיל און ניט די נאָטן... דאָס האָבן שוין די שטעטלשע יידן געוואוסט אָן לייענען קריטישע אָפּהאַנדלונגען... און צייטנווייז האָבן זיי טאָקע צונויפגעגמישט נאָטן מיט כלי־זמר־לשון...

דעם קונס נאָטן האָבן די שטעטלשע יידן געזען בלויז צוויי מאָל אין יאָר, ווען ער האָט זיי על פי דין געמעגט מיטנעמען אין בית המדרש, דאָס איז געווען חול־המועד סוכות, ווען ער האָט אָפּגעריכט בשותפות מיט די כלי־זמר אין גרויסן בית־מדרש שמחת בית השואבה, און חנוכה, ווען ער האָט מיטן כאָר און מיט די כלי־זמר פון שטעטל געבענטשט חנוכה־ליכט. אין די דאָזיקע טעג זיינען נאָטן ניט מוקצה, מעג מען זיי האַלטן. פלעגן טאָקע דעמאָלט די מער נייגעריקע זיך צורוקן נאָענט צום טיש, אַרומגערינגלט פון די משוררים מיט

די כלי־זמר, און דער חזן אין דער מיט, מאַכנדיק מיט דער האַנט און קוקנדיק אין אַ גרויסן בלאַט נאָטן, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט פֿאַר אים אויפֿן טיש, האָט געפֿירט דעם גאַנצן כאָר מיט די כלי־זמר ווי אַ קאַפּיטאַן זיין שיף מיט דער מאַנשאַפֿט אין אַ גרויסן שטורעם ווינט...

כאָטש נאָטן איז זיכער אַ גוישע זאַך, פֿונדעסטוועגן האָבן די צוקוקער געהאַט גרויס דרך־ארץ. מען איז דאָך ניט מער ווי זינדיקע מענטשן, און ניט אַלץ וואָס גויאיש איז אַלעמאָל טריף... בפֿרט אַז איינער פֿון די צוקוקער האָט דערקלערט, אַז אויב מען וויל גיין וויַט, זיינען די נאָטן להבדיל דאָס, וואָס ביי ייִדן טראָפּ, מיט וועלכע מען איז מעביר די סדרה און מען זינגט די הפֿטרה...

דאָס האָט זיך שוין געלייגט מאַנכע אויפֿן שכל און ווען איינער האָט געמאַכט אַ פּראָבע און אויסגעזונגען: של־ש־לת! — האָט דאָס געקלונגען טאַקע ווי אמתע נאָטן.

נאָך די דאָזיקע „קאָנצערטן”, וואָס דער חזן האָט אָפּגעגעבן חנוכה, פֿריער אין גרויסן בית־מדרש און נאָכדעם אין די איבעריקע דריי שולן, האָט ער זיך געפֿילט שטאָלצער ווי געוועזן... אמת, די כלי־זמר האָבן אים געהאָלפֿן אויף זייערע כלים, אָבער דער עיקר איז דאָך די „זאַכן”, און די „זאַכן” איז ער אַליין מחבר. יעדעס יאָר אַ נייע זאַך און דערצו הערט מען דאָס זינגען מער ווי דאָס שפּילן און ער, יאָסל באַס, דעקט מיט זיינע אונטערשטע טענער קאָל־דוניעס פֿידעלע...

און יעדעס יאָר נאָך חנוכה פֿלעגט טאַקע דער חזן אַ מורמל טאָן צו איינעם פֿון די פּני, וואָס האָט געפֿירט די „שטאָט”, אַז עס וואָלט ניט געווען קיין גרויסע עוולה, מען זאָל אים געבן אַ הוספֿה... און אָפּרוענדיק זיך נאָך דער ערשטער פֿאָדערונג ביי אַ פּאָר סעקונדן, פֿלעגט ער שוין דרייסטער אויסזינגען:

— גאָר־ניט־קיין־עוולה...

דער שטעטלשער פֿירער פֿלעגט אים מבטיח זיין, אַז עס איז טאַקע גאָרניט קיין עוולה.

פֿלעגט דער חזן זיך צערידן ברייטער און אויסזינגען:

— עס איז יקרות — אַ דרייער אַן איי!

אַכער עס פֿלעגט פֿאַרגיין אַ שטיקל צייט און דער איינדרוק פֿון זיין חנוכה־קאָנצערט פֿלעגט שוואַכער ווערן, האָט מען די פֿאָדערונג צו קריגן אַ הוספֿה פֿאַרגעסן און דער חזן פֿלעגט טאַקע מוזן פֿיל מאָל אַ יאָר גיין איבער די הייזער

און צונויפמאַכן דאָס, וואָס אים האָט געפעלט, צוגלייך מיט די איבעריקע קלענערע כלי־קודש: חנוכה, פורים, הושענה רבא און ערב יום־כפור.

אָבער זיין כבוד איז דערביי ניט געמינערט געוואָרן. עס האָט ניט געהייסן קיין קיצבה חלילה, נאָר פשוט ער גייט איינמאָנען, וואָס אים קומט צו דער הוספה...

און דערצו האָט ער געהאַט זיינע אייגענע וועגן, ווי אַזוי זיין כבוד זאָל ניט ליידן. אויסער, וואָס ער פלעגט זיך אָנטאָן אין זיינע שענסטע יום־טובדיקסטע קליידער מיט דעם וואָלענעם שאַל אויפן האַלדז אין אַלע פיר צייטן פון יאָר, האָט ער ממציא געווען אַן אייגענע פושקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשיידט פון אַלע אַנדערע פושקעס ניט נאָר לויט דער פאָרם נאָר אויך מיט דעם מעטאַל. אין דער צייט, ווען אַלע פושקעס פון די כלי־קודשביים אַרומגיין נאָך זייערע „וואָכער״, זיינען געווען פשוט בלעכענע, איז זיין פושקע געווען אַ גלעזערנע און ניט פון געוויינלעכן גלאָז, נאָר פון געשליפטן. ערשטנס, איז טאַקע גע־שליפט גלאָז שענער; און צווייטנס, זי זאָל ניט צעבראָכן ווערן, ווען מען וואַרפט אַמאָל אַריין אַ גרויסן, האַרטן דרייער פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן. אַזאַ מין דרייער האָט טאַקע אַמאָל שיער ניט צעבראָכן זיין גלעזערנע פושקע, אָבער מיט דער צייט זיינען די דאָזיקע דרייערס אַלץ וויניקער געוואָרן און די גלעזערנע פושקע איז געוואָרן זיכערער...

דערצו האָט ער זיך געקליגט, טראָץ דעם, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר ניט קיין איבעריקן פראַקטיקער, אַז אַרויסגייענדיק פון דער היים זאָל די פושקע ניט זיין ליידיק. די ערשטע נדבה פלעגט ער נעמען טאַקע ביי דער אייגענער ווייב.

— חנה! — פלעגט ער אויסזינגען, — האָסט עפּעס געלט! וואַרף אַריין אין פושקע...

האָט שוין חנה געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר ביז וואַנען ער וועט קומען צוריק, כדי אָפּצונאַרן די ערשטע בעלי־בתים, וואוהין ער קומט, מען זאָל מיינען, אַז לייט האָבן שוין געגעבן מער... פלעגט זי אַריינוואַרפן איר גאַנצן פאַרמעגן, וואָס איז דאָס רוב באַשטאַנען פון דריי זילבערנע גריוונעס, אַ זעקסערל און אַ צענערל. ער האָט נאָך געהאַט אַ פּאָר קאָפּיקעס אויך, אָבער קאָפּיקעס האָט דער חזן ניט גענומען, כדי ניט צו וויזן די בעלי־בתים קיין ווע״ג.

פלעגן טאַקע די ערשטע בעלי־בתים דערזען דורכן גלאָז די זילבערנע

גריוונעטשקעס, פלעגט זיך ביי זיי אָפּרייסן אין האַרצן. זיי האָבן געמיינט, אַז דער חזן איז צום ערשטן געגאַנגען צו די פּאָר נגידים. האָט זיי שוין ניט געפּאַסט צו געבן ווייניקער ווי אַ צענער.

ווייטער זיינען שוין געוואָרן די מטבעות קלענער, אָבער ווייניקער ווי אַ דרייער איז די נדבה ניט געווען, ווייל דורכן גלאָז האָבן זיך דורכגעקוקט אַלע מטבעות און קיינער האָט ניט געוואָלט, אַז זיין קליינע נדבה זאָל זיך אַרויסזען דורך דער גלעזערנער פּושקע...

אָט אַזוי האָט דער חזן, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר ניט קיין חכם, אַריינגענאַרט מיט זיין המצאה די גרעסטע נדבות.

גיי וואַרף אַריין אַ גראָשן, צי אפילו אַ קאָפּיקע אין אַ גלעזערנער פּושקע, אַז גלייך דערזעט מען זי און עס איז אַ חרפּה פאַרן חזן.

די איבעריקע כלי־קודש האָבן זיך שטאַרק מתקנא געווען: זיי, אין די בלעכערנע פּושקעס וואַרפט מען אַריין ניט נאָר די קלענסטע מטבעות, נאָר אפילו גלאַטע. גיי זע, אַז עס איז אינעווייניק פינסטער... אָבער נאָכמאַכן דעם חזן האָט זיי ניט געפּאַסט: די גלעזערנע פּושקע איז זיין חזקה...

# אַ נייער פּריינט . . .

עס איז געקומען אַ צייט, ווען ישראל דעם חזן איז שוין ניט געווען אַזוי גרינג צו באַקומען אַ נייעם זינגערל, אויב איינס פון די זינגערלעך איז עלטער געוואָרן און זיין קול האָט זיך, וואָס מען האָט עס גערופן „געביטן". עס איז, חלילה, ניט געווען דערפאַר, וואָס עס זיינען אין דער שטאָט, וואו ישראל איז חזן געווען, ווייניגער אינגלעך געבוירן געוואָרן. עס איז געווען מער צוליב דעם, וואָס מיט דער צייט האָבן זיך די טאַטע־מאַמע געכאַפּט, אַז צו זיין אַ זינגערל איז ניט קיין תכלית... און נאָכ'ן כבוד, וואָס טאַטע־מאַמע האָט געהאַט, ווען זייער אינגעלע האָט זיך געלאָזט הערן מיט זיין קול'כעלע, — מיט אַלע משוררים און אַמאָל טאַקע איינער אַליין, וואָס מען רופט עס אַ „סאָלאָ", — האָט מען זיך שוין ניט געיאָגט. פון דעם דאָזיקן כבוד האָט מען שוין ווייניקער געהאַלטן... מען האָט שוין מער געהאַלטן פאַר שעהן, אַז דאָס ייִנגל האָט געקענט לייענען אַ רוסיש ביכל צום ביסל יידישן „לערנען", וואָס ער האָט נאָך געלערנט אין די חדרים, צי אין דער ישיבה, און שפּעטער — ווער ווייסט — האָט מען שוין זיך פאַרטראַכט: אפשר טאַקע שיקן אים ערגעץ שטודירן... און ביי אָרעמערע עלטערן האָט מען געטראַכט וועגן אָוועקגעבן דאָס ייִנגל צו אַ בעל־מלאכה, צי אַזוי עפּעס אַ תכלית...

סיידן פון די אָרעמע בחורים'לאַך, וואָס קומען פון דער פרעמד לערנען פאַר זיך, ביחידות אין בית־מדרש. און עסן די „טעג" איז אָבער אויך דער דאָזיקער מין ווייניגער געוואָרן. אויך צו שיקן דאָס ייִנגל לערנען האָבן שוין די עלטערן, אין די אַנדערע שטעט אַפילו, געשיקט מיט אַ תכלית — טאַקע אין אַ שטאָט וואו עס געפינט זיך די גרויסע ישיבה מיט'ן גרויסן נאָמען... אין דער שטאָט, וואו ישראל איז געווען חזן, איז קיין ריכטיקע ישיבה ניט געווען... אַ היימישער ייד, אַ גרויסער לערנער טאַקע, האָט „געזאָגט" אין שניידערשן בית־מדרש אַ שיעור פאַר עלטערע שטאָטישע בחורים... מען זאָל

פאַרן אין אַזאַ ישיבה פון דער פרעמד, צוליב'ן לערנען, ניט צוליב די „טעג עסן", — זיינען קיין בעלנים ניט געווען...

האָט ישראל דער חזן געמוזט זיך אַן עצה געבן מיט איבערשרייבן די נאָטן פון דעם „סאָפּראַנאָ" פאַר'ן זינגער וואָס האָט געזונגען „אַלט", און ביי עטלעכע טאַקטן אָנגעצייכנט צו זינגען אויפ'ן פאַלצעט — דין, הייסט עס, זייער דין — עס זאָל אויסקומען, וואו ס'איז שטאַרק נויטיק, ווי סאָפּראַנאָ...

קיין באַס האָט שוין אין יענער צייט ישראל דער חזן אויך ניט געהאַט אין זיין כאָר. זיין יונגער חבר און בעל־עצה יאָסל באַס האָט סוף כל סוף געמוזט זען פאַר זיך אַ תכלית און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט און דאָרטן, ווערליק ישראל דער חזן האָט געהערט, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יידישער אַקטריסע און זינגט איצטער, אַזוי האָט מען דערציילט, אין אַ יידישן טעאַטער און ער קלייבט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע, אויב ער איז שוין ניט דאָרטן...

האָט שוין ישראל דער חזן טאָפּלט אָפּגעזיפצט. ערשטנס, וואָס זיינער אַ פריינט זינגט גאָר, ווערליג מען דערציילט, אין יידישער טעאַטער, וואָס איז, — ווי מ'זאָל דאָס ניט שעצן און טייער האַלטן, ווערליג ער, ישראל דער חזן, האָט געהערט, טאַקע פון יאָסל באַס, — דאָך ניט קיין אָפּערע. איז דאָך שוין מער שטאָט צו זינגען ביי אַן עמוד... דערצו האָבן איהם אַלע געקענט... געוואוסט, אַז די און די סאָלאָ זינגט עס יאָסל באַס... און דאָרטן — ווער ווייסט — אין אַ גרויסן כאָר הערט מען ניט אַפילו דעם באַס. אַלע שטימען ווערן צוזאַמענ־געמישט...

צווייטנס, האָט ער אָפּגעזיפצט, וואָס דער באַס'עס סאָלאָס מוז ער איבער־שרייבן פאַר דעם טענאָר און דער טענאָר, טאַקע אַ ישיבה בחור, סטראַשעט אַלע טאָג, אַז ער פאָרט אַוועק, ווייל דאָ, אין דער שטאָט, איז פאַר אים קיין תכלית ניט... וועט ער שוין זיך מוזן אַן עצה געבן און אַליין זינגען געוויסע סאָלאָס... כאָטש ער אַליין איז מער בריה צו שרייבן די ניגונים, ווי צו זינגען זיי, בפרט אַז קיין יונגער מאַן איז ער שוין אויך ניט. ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס פון דער נאַטור האָט ער ניט ליב צו זאָרגן. ווי עס טרעפט איז גוט — איז ער נאָך ניט אַזוי גרוי, ווי אַנדערע ווערן, ווערליג אין די יאָרן...

אָרן האָט אים מער געאַרט די יידישקייט גופא. ס'איז ניט דאָס, וואָס געווען... ס'איז עפּעס קאַליע געוואָרן... און ס'איז ניטאָ אַפילו פאַר וועמען צו אויסריידן זיך... מיט יאָסל באַס איז געווען אַ תענוג צו ריידן — ניט דוקא וועגן נגינה

אַליין, נאָר טאַקע וועגן וועלט־זאַכן און וועגן יידישע ענינים. אַ יונגער מענטש, אַפילו נאָך קיין באַוויבטער ניט געווען, און אַלץ האָט ער געוואוסט און פאַרשטאַנען...

ער האָט געפּרובירט צו דערציען פאַר זיך אַ נייעם חבר אַזאַ, ווי ס'איז אים געווען יאָסל באַס. אים אַליין פּאַסט טאַקע ניט צו אָפּט אַריינצובליקן אין די אַלערליי יידישע ביכלאַך, וואָס אַמאָל האָט מען זיי גערופן מעשה־ביכלאַך... ווייל אויב די היינטיקע ביכלאַך, טאָ צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ חזן בכלל?... אויב די וועלט איז שוין אַזוי פריי, קען מען זיך דאָך באַגייען אָן אַ חזן... ס'איז געוואַנג, אַז ער בליקט אַריין אַמאָל בשתיקה און כאַפּט אַמאָל, מעשה־חזן, ניט צו לאַנג, אויך אַ בלאַט־צייטונג אויף יידיש... ס'איז ניט קיין זינד, אויב אַביסל, אָבער ניט צו פיל זיך אַריינטאָן דערין... יאָסל באַס האָט זיך געקענט ערלויבן, ווייל פון אַ משורר פאַרלאַנגט מען ניט אַזוי פיל שטאַט, ווי פון אַ חזן. מעג אַפילו די יידישקייט ניט אַזוי אָפּגעהיט ווערן ווי אַמאָל, דאַרף דער חזן, וואָס נעמט שכירות פון קהל, היטן דעם זעלביקן „שטאַט", ער דאַרף זיך פירן ווי איינער, וועמען מען געטרויט דעם עמוד מיט'ן „שויתי", מיט די צוויי לייבן פון בײדע זייטן עמוד, ווי לעבעדיקע, מיט דעם אָרון־קודש דערבײ, מיט דער געמאָלטער טויב איבער'ן אָרון־קודש — אַ משל קעגן כנסת ישראל... דאָס איז נאָך אַלץ ווי געווען... ס'איז פאַר ישראל דעם חזן אי אַ טרייסט, אי אַ וואָרנונג...

וויסט ער אַלץ אַליין... אָבער כאַפּן אַ שמועס מיט עמיצן, וואָס זאָל אים פאַרשטיין, ווי עס האָט אים פאַרשטאַנען יאָסל דער באַס, — אַזאַ איז ניטאָ... יאָסל דער באַס האָט אויך פאַרשטאַנען די ספיקות דעם חזנ'ס — סיי וואָס איז נוגע אים, דעם חזן אַליין, זיין נגינה, זיינע קאָמפּאָזיציעס, סיי וואָס עס איז נוגע דעם יידישן פאָלק, און אמונה־זאַכן בכלל.

אַז מען רעדט זיך אויס, איז ווערט מען ווי געלייטערט און באַפרייט פון אַלע ספיקות...

און דאָ גראָד, זינט יאָסל איז אַוועקגעפאָרן און דער כאָר איז בכלל קלענער געוואָרן, זיינען טאַקע זיינע ספיקות גרעסער געוואָרן... ער האָט זיי געפּרואווט אויסשרייען אין נאָטן, אין נגינה. אָבער ערשט צו אַזעלכע אויסגעשרייען האָט ער געדאַרפט האָבן דעם ריכטיקן באַס... עס זאָל אַ ברום טאָן... ער אַליין, ישראל דער חזן, זאָל דאָס אויסזינגען — פּאַסט ניט. יאָרן האָט ער עס געגעבן דעם באַס, און מיט אַמאָל וועט ער אַליין צעברומען פאַר'ן עולם...

האָט ער זיך נאָך מער געגומען היטן מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס. געשריבן זיי אויף יעדן יום־טוב, אויב מען האָט געדאַרפט עפּעס אַ נייעם ניגון צו אַ קדושה, צי צו אַ שיר, צי צו אַ זמר, אָדער אַ תפילה, ביי וועלכער מען עפנט דעם אָרון־קודש און מען זאָגט זי שטייענדיקערהייט — געשריבן זיי מיט גרויס פּאַרזיכטיגקייט, אין סקאַרבאָוון שטייגער, אָבער מיט אַ נייערן ניגון, אומעטיק־מוטיק, געפּאַלן און נצחונ׳דיק...

און דוקא מיט די עלטעכע געבליבענע זינגערלעך...

און נאָך יעדער נייער קאָמפּאָזיציע איז שוין אפילו דער טענאָר, וואָס אים האָט עס אָנגעהויבן צו ציען אין דער וועלט אַרייַן, געבליבן אויף נאָך אַ זמן...

און מיט אַ שמייכל — וואָס טרעף וואָס ער האָט געמיינט — האָט ער זיך געווענדט צום חזן:

— אַ ברירה האָב איך? איך מוז נאָך בלייבן...

האָט ישראל דער חזן טאַקע ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, דער פרעמדער בחור, מיט דער ברירה — צי געפעלט אים נאָך די שטאָט מיט די עטלעכע גוטע „טעג״, צי ער, ישראל דער חזן, געפעלט אים פאַר דער נייער קאָמפּאָזיציע אויף אַ יום־טוב...

האָט ער בלויז גוטמוטיק, ווי ער וואָלט געשפּילט אויף אַ פּיאַנאָ, מיט די אויסגעשפּרייטע פינגער אויף דעם בחור׳ס אַקסל, צוגעקלאַפּט און ווי צוגעזונגען:

— וואָס דען, אַ ברירה האָבן מיר ביידע?...

און דאָ האָט דער חזן אַ שמייכל געטאָן שוין גאָר אויף אַ חקירה׳שען שטייגער און באַלד טאַקע זיך טיף פאַרטראַכט וועגן גאָר הויכע ענינים...

# דער היימישער קאָנצערט

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער. „געשטעלט" האָט ער זיך שוין גלייך נאָך יום־טוב. דער האַנדל איז געווען געפאַלן, די קרעמער־מאַנסביל זיינען געזעסן אומעטיקע, איינגעטוליעטע אין די קאָלנערס פון זייערע בגדים, און די ווייבער, די קרעמערקעס — אין זייערע פאַטשיילעס, און זיי אַלע האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה.

דערצו האָבן זיך נאָך געטראָגן קלאַנגען וועגן גזירות — וועגן טרייבן פון די דערפער אַלטגעזעסענע ישובניקעס. עטלעכע פון די פריערדיקע אַרויס־געטריבענע האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אויפן מאַרק און מיט זייער יאושדיקן אויסזען געוואָרפן אומעט.

ישראל דער חזן, וואָס ניט קוקנדיק וואָס ער איז געווען פאַרטאָן מיט זיין נגינה, האָט פון דעם אַלעם געוואוסט, און געפילט דעם צער פון יעדערן באַזונדער און פון כלל, האָט פונדעסטוועגן זיך געשטאַרקט און איז געבליבן געטריי זיין באַרוף און אַפילו אין אַזאַ צייט, גייענדיק אין גאַס, געזומט נייע ניגונים.

אמת, פון איין זייט איז טאָקע פריקרע — אין אַזאַ צייט, נגינה! פון דער אַנדער זייט אָבער — האָט ער זיך אַליין פאַרענטפערט — איז אַ שיינער ניגון אַ דערמונטערונג. דוקא אין אַזאַ צייט קען אַ שיינער ניגון שטאַרקן די הערצער.

ער אַליין — גוטע צייטן, צי שלעכטע — באַקומט ער, ווי עס איז, זיינע שכירות. מוז ער דאָך טאָקע וויזן, אַז ער באַקומט עס ניט, חלילה, אומזיסט; אַז, אַדרבא, אין אַ שלעכטער צייט זיינען אים די שכירות נאָך מער אַנגעלעגט, און ער וועט דערפאַר מפצה (מעפאַצע) זיין מיט אַ שענערן ניגון אויף אַ שבת ראש־חודש, צי אויף אַ יום־טוב. קומט שוין לסוף ביי אים אויס, אַז וואָס

ערגער די צייטן, דאַרף ער נאָך מער זיך אָפּגעבן מיט געזאַנג — ער, מיט זיינע משוררים...

צו די משוררים איז עס אין אַזאַ צייט נאָך בעסער, ווי ער איז אַלע מאָל. צוויי פון זיי, וואָס עסן „טעג" און אַ פּאָר טאָג אין דער וואָך פעלט זיי, עסן שוין אַמאָל ביי אים — דאָס איז לייבעלע „אַלט" און יאַנקעלע סאָפּראַנאָ — בײדע פון דער פרעמד. איז אויף זיי גלאַט אַ צער. טאָמער פאַרזיצט מען זיך ביי אים ביז שפּעט אין אָוונט, און צווישן זיי איז אויך יאַנקעלע דער סאָפּראַנאָ, וואָס האָט נאָך ניט קיין ווינטערדיקן מאַנטל און דרויסן — דער־הערט דער חזן אין שטוב, רייסט אַ ווינט די דעכער — פאַרהאַלט ער שוין יאַנקעלען:

— דו וועסט איבערנעכטיקן דאָ.

ער וואָלט אויך פאַרהאַלטן לייבלען, נאָר לייבל האָט אַ וואַרעמען שאַל, און צווייטנס, איז לייבעלע עלטער — שוין אַ בחורל פון אַ יאָר אַכצן — און אין שטוב איז דאָ אַ טאָכטער, און קיין באַזונדערע חדרים זיינען ניטאָ — איז נישט שיין פאַר לייטן.

מיט די דערוואַקסענע זינגער, ווי יאָסל באַס, און חנא דער טענאָר — אַפילו נאָך בחורים, אָבער שוין מיט סימנים פון בערד — מיט זיי איז ער אויך אין אַזאַ צייט פריינטלעך און איז אַפילו מיט זיי נוהג כבוד. דער רחמנות אויף זיי איז אָבער קלענער. זיי האָבן טאָקע בעסערע „טעג", און זיי פאַר־דינען פון אַ חתונה, צי ביי אַן אַנדער שמחה, אויסער דאָס ביסעלע שכירות וואָס ער צאָלט זיי, טאָקע פון זיינע אייגענע שכירות.

אָבער אויך זיי, אַז מען פאַרזיצט זיך שפּעט, איז ער מכבד אַמאָל מיט אַן איבערבייס, שוין פאַרן אַוועקגאַנג, ווייל ווער וויסט צי וועלן די איצטער, אַזוי שפּעט, אויף זייערע סטאַנציעס, וואו זיי „שטייען־איין", קריגן עפּעס צו עסן.

טרעפט טאָקע אַמאָל, אַז נאָך אַ לאַנגן ווינטערדיקן אָוונט, נאָכן איינזינגען אַ נייע שטיק, ווען די זינגער גייען זיך פאַנאַנדער, בלייבט ביים חזן אַ „לידיקע שטוב", ווי די חזנטע דריקט זיך אויס.

מוז שוין די חזנטע אויף מאָרגן אויפשטיין פריער ווי אַלע מאָל און גיין איינקויפן אין קרעמל און ביים בעקער — פון אַ פערטל צוקער ביז אַ לעבל ברויט.

שווערער ווערט נאָך, ווען עס קומט אַ פּאָר וואָכן פאַר חנוכה און דער

חזן האָט אויפגעטאָן, אַז צום ערשטן ליכטל גיט ער אַ קאָנצערט אין גרויסן בית־מדרש. שוין עטלעכע יאָר אַזוי.

אָפּשאַפֿן דעם דאָזיקן קאָנצערט קען ער שוין ניט. אָפּשאַפֿן איז אַ סכנה. און ער וויל עס טאַקע אַליין. ער, ישראל דער חזן, האָט ליב, אַז צו זיינע התחייבותן זאָלן צוקומען נאָך. ערשטנס, זאָלן די שכירות זיינע זיין ערליך פֿאַרדינט, ניט סתם קיין צדקה. און, צווייטנס, דער דאָזיקער קאָנצערט, נאָך אַלע אָפּקומעניש, ביז ער ווערט פֿאַרטיק מיט אים, דערהויבט אים פֿאַרט. און אַמאָל וויזט זיך אַרויס, אַז ביז חנוכה ווערט די צייט שוין בעסער. אַמאָל — אַ גוטער מאַרק־טאָג; אַמאָל — אַ פֿריילעכערע נייעס: אַ גזירה ווערט אָפּגעשריען; און אַמאָל ווערט מען שוין אי צוגעוואוינט צו דער צייט, אי מען האָפֿט אויף בעסערע.

אָבער די אחריות פֿאַר דעם קאָנצערט פֿאַלט אויפֿן חזן.

דער עיקר זאָרג איז וועגן די קלעזמער, וואָס זיי נעמט ער אַריין צום קאָנצערט. און דווקא האָט ישראל דער חזן די קלעזמער ליב. ער האַלט פֿון זיי, פֿון יעדן קלעזמער נאָך זיין גראַד. אמת, זיי אַליין קיין אייגענע „קאָמפּאָזיציעס" שרייבן ניט, אָבער „נאָטן" קענען זיי. זיי לייענען נאָטן, ווי ער, נאָר זיי רופֿן די נאָטן מיט אַנדערע נעמען. ער רופֿט עס „דאָ־רע־מי־פֿאַ־לאַ־אַל", און זיי, ווערדליק דער „אַזבוקע": „אַ־בע־ווע־גע". ס'איז ניט קיין חילוק.

דער חילוק איז נאָר אין די כאַראַקטערן. די קלעזמער זיינען דאָס רוב פֿריילעכע, און אַלע פֿון יונגן דור. דער פֿירער זייערער, דער „עלטסטער", איז נאָך דערווייל אַ בחור. און דער יינגסטער, אַהרטשיק, איז אין איינע יאָרן מיט זיין סאָפּראַנאָ, יאַנקעלע. קיין גבירים זיינען די קלעזמער אויך ניט, אָבער אָנגעטאָן זיינען זיי לייטיש, היינוועלטיק, און טראָגן קראַגנס און מאַנישקעס, און מיט שניפּסן. אַפֿילו אַהרטשיק טראָגט שוין אַ קראָגן מיט אַ שניפּסל. דאָס שענקט אים שוין דער רייכסטער פֿון דער קאַפּעליע, דער ערשטער פֿידלער, וואָס איז אַליין אַ גרויסער פֿראַנט.

דאָס גרייטן זיך אָפּצוריכטן דעם קאָנצערט אין גרויסן בית־מדרש, צוזאַמען מיט די קלעזמער, דויערט עטלעכע וואָכן. צוערשט „לערנען זיך" די קלעזמער אין דערהיים, יעדער פֿאַר זיך. נאָכדעם קומט שוין יעדער מיט זיין בלאַט נאָטן, וואָס איז פֿאַר אים אַליין געשריבן — צום חזן אין שטוב. דאָס לערנט מען שוין איין צוביסלעך צו שפּילן אינאיינעם און שוין מיטן חזן און מיט זיין כאָר — טאַקע זיך „קאָמפּאָזיציע", אַ שפּאָגל־נייע.

דעמאָלט איז ישראל דער חזן אויס חזן. ער ווערט אַ מין קאַפּעלמייסטער. דעם „קאַמערטאָן" נוצט ער אויך ניט. ער נוצט שוין זיין אייגענע פידל, וואָס ער פאַרמעגט און קען אַפילו אויף איר שפּילן. מיט דעם בויגן טוט ער אַ פּיר אויף זיין פידל און גיט דעם טאָן. נאָכדעם בעט ער ביי דעם עלטסטן קלעזמער, דעם ערשטן פידלער, אַז ער זאָל ·אַזוי גוט זיין, געבן אים דעם ערשטן טאָן אויף ז י י ן פידל. ערשט דיביידע טענער שטימען ניט. איין פידל, קענטיק, העכער אָנגעסטראָיעט. און ביז מען באַקומט דעם ריכטיקן טאָן, דעם „בע־מאָל", אין וועלכן די שטיק, די קאָנצערט־קאָמפּאָזיציע, איז געשריבן געוואָרן, גייט אַריבער אַ היפּשע צייט. און ערשט דעמאָלט מוז מען בעטן דעם טאָן ביי חיים קלאַרנעט:

— זייט מוחל, גיט מיר אייער „צע", איך דאַרף אייער „צע"...

דאָס איז אַלץ, ווען דער חזן פירט און לערנט און בעט דעם טאָן. דעמאָלט מוזן די קלעזמער האָבן דרך־ארץ און הערן און פאָלגן. אָבער, אַז מען רוט זיך אָפּ, צו פאַררויכערן — אַלע קלעזמער האָבן געררויכערט, און דער חזן פאַררויכערט שוין אויך אַ פּאַפּיראָס, וואָס עס האָט אים מכבד געווען דער ערשטער פידלער — דעמאָלט איז ערשט די סכנה גרויס: די קלעזמער זיינען גרויסע ווערטל־זאָגער, און איבערהויפּט דער ערשטער פידלער. און פון ווערטלעך איז דער חזן ווייט... ניט יעדן „ווערטל" פאַרשטייט ער. אפשר מיינט מען דאָס אים, הא?...

פּרוּווט זיך דער חזן ראַטעווען מיט דער שלעכטער צייט... און ער פּרוּווט אָנהויבן — אויב שוין יע שמועסן, צו רעדן סעריאָזנע — וועגן כלל... וועגן יידן... וועגן יידישע ענינים.

אָבער די קלעזמער — זיי, וואָס קומען נאָר אויף שמחות, אויף חתונות, און ווען אַפילו דער בדחן „זאָגט" דאָרט דאָס ביסעלע אומעטיקע שמייכלען זיי — זיינען בכלל ניט געשטימט צו רידן וועגן צרות. גוטע יידן, ווי זיי זיינען, האָבן זיי אויך אַ ווערטל וועגן יידישע צרות, און איבערהויפּט וועגן שלעכטער נאַטשאַלסטווע:

— דער פּריסטאַוו וועט האָבן המנס מפּלה.

און אַז זיי ווילן, לאַכן זיי אויס דעם קייסער אַליין. און חיים קלאַרנעטיסט דערציילט ווי אַזוי אַ קייסער טרינקט טיי. דער חזן ווערט שוין זיכערער... ער האָט אַפילו מורא... די קלעזמער רעדן צו פריי — און „עוף השמים יוליך

את הקול״... ער זאָגט עס אָבער ניט. ס׳איז צופיל לשון־קודש פאַר זיי. הערט ער אַלץ אויס און שווייגט. ווען זיי רעדן, איז ער ביי זיך געפאַלן.

רואיקער פילט ער זיך שוין, ווען די קלעזמער ווילן עפּעס צובייסן.

פאַר אַזאַ חברה, אמת, געפינט זיך ניט אין זיין שטוב אַזוי פיל שפּייז. נאָר די קלעזמער ״לייגן זיך צענויף״ צו שיקן עמיצן נאָך גוטע זאַכן. דער חזן וויל אויך עפּעס געבן, אָבער די קלעזמער זאָגן זיך אָפּ פון זיין חלק.

קויפן די ״גוטע זאַכן״, און אַ קליין פלעשעלע משקה איז אויך אַריינגערעכנט, שיקט מען טאַקע אהרטשיקן. ער ווייסט שוין וואָס דינען עלטערע חברים האָבן ליב. ער, דער יינגסטער, איז דער שטענדיקער איינקויפער.

און אָט קומט אהרטשיק צוריק מיט די אַלע גוטע זאַכן צוצובייסן און דאָס פלעשעלע משקה שטייט שוין אויפן טיש אַ פריילעכע, אַ זינגעוודיקע.

דאָ איז שוין דער חזן אַביסל צעטומלט. דווקא דאָס פלעשעלע שרעקט אים... ס׳איז ניט זיין דרך... נאָר מיט די קלעזמער איינרייסן וויל ער ניט. ס׳איז דאָך, נאָך אַלעמען, זיינע מענטשן — ער מיט דער שטים, זיי מיט דער כלי; די נאָטן זיינען די זעלביקע, כאָטש מיט אַנדערע נעמען... נעמט ער לסוף אויך אַ קליין ביסעלע בראָנפן.

נאָך דעם ביסעלע בראָנפן ווערט ער שוין מוטיקער... ס׳וועט נאָך זיין גוט אויף דער וועלט...

און ער ווינשט טאַקע, אויסזינגענדיק ווי אַ חזן:

— עס זאָל זיין ישועות ונחמות אויף ידן!

און ער רופט זיך אָן שוין צו דער ווייב:

— שפרה, דערלאַנג עפּעס, וואָס דו האָסט אין שטוב.

שפרה, וואָס איז פאַרנומען מיט איר הויז־אַרבעט, ענטפערט, אַז פאַר אַזעלכע געסט האָט זי כמעט ווי גאָרנישט. סיידן אַ פאַר זויערע אוגערקעס. און זי שמייכלט מיט הכנעה צו די וויכטיקע געסט.

דער חזן פאַרשעמט זיך אַזש.

דוקא איצט, אַזאַ כיבוד — אוגערקעס...

און ער ניכטערט זיך שוין אויס פון דעם ביסל משקה, און צוזיפצט זיך.

נאָך דער סעודה, וואָס מען האָט אָפּגעריכט, ווערט דער עולם קלעזמער דוקא פריילעכער. דער חזן, אָבער, נעמט זיך שוין ווידער צו אײַנלערנען דעם קאָנצערט אויף חנוכה.

— נו, ליבע ברידער — זאָגט ער מיט אַ ניגון — נעמט זיך ווידער צו די כלים. מיר װעלן דורכגיין די גאַנצע שטיק פון אָנהויב אָן.

און ערשט דעמאָלט װערן אויך די קלעזמער ערנסט. דאָס ביסעלע, װאָס זיי װייסן שוין פון דעם שטיק, איז זיי געפעלן. דער חזן האָט דאָ אַריינ־געגעבן אַ סך פון זיין קענטשאַפט. עס איז דאָ גענוג פאַר די פידלען, פאַרן קלאַרנעט און פאַרן פלייט. און די זינגער האָבן דאָ אודאי פיינעם געזאַנג.

און דעם חזנס שטוב װערט אָנגעפילט מיט קלאַנגען — שטים מיט פידל, שטים מיט קלאַרנעט מישן זיך; שטים פון געזאַנג מיט שטימען פון כלים. יאַנקעלע סאָפּראַנאָ, נאָכן „צובייסן" מיט דער לוסטיקער חברה קלעזמער, דערפילט זיך כח. ער וויל וויזן, אַז זיין סאָפּראַנאָ־שטים זאָל זיך אַרויסהערן פון די אַלע כלים — פון די פידלען און פון פלייט און פון קלאַרנעט; יאָסל באַס, אָבער, דעקט אים מיט אַ כוואַליע פון נידעריקע טענער.

און דער חזן — ער איז שוין אויס חזן. ער איז שוין אַפילו אויס קאַפּעליע־מייסטער. ער וויגט אום דעם בויגן פון זיין פידל אין אַלע זייטן, אין דער הויך און אין דער נידער, און שוועבט אין דער לופט — אין אַ ים פון קלאַנגען.

מיט אַט דעם קאָנצערט מוז ער אי זיך דערהויבן, אי דערפרייען אַ שטאָט מיט יידן אין די שווערע צייטן.

# אויף אָרימע חתונות

די וואָס פאָרן אויף אַ שיף אויפן ים אַ לענגערע צייט, ווייסן דאָס בענקען נאָך אַ שטיקל יבשה, נאָך אַ גרינעם אינדזעלע, וואו די שיף זאָל זיך אָפּ־שטעלן און מען זאָל קענען אָפּרוען זיך מיטן בליק; אַמאָל טאַקע אַראָפּגיין אויפן אינדזל און זיך אָנזאַמלען מיט כחות אויף דער ווייטערדיקער רייזע...
אַזוי האָבן אויך געבענקט די קלעמענקער יידן, פון קליין ביז גרויס, יעדער אויף זיין שטייגער — צווישן איין גרויסן יום־טוב ביזן צווייטן — נאָך אַ קליין שטיקל יום־טוב אויף איין טאָג, צווישן די ביידע יום־טובים...

אַזאַ מין דערוואַרטעטער טאָג איז געווען דער טאָג ל״ג בעומר... ניט קיין גרויסער יום־טוב טאַקע, די קראַמען האַלט מען אָפן, דער קרעמער — אויב ער האָט קונים — לייזט געלט, און אויב אויף באָרג אין דאָס „בוך״ אָפן ווי אין פּרק שטייט געשריבן און די האַנט פאַרשרייבט דעם חוב... אויך די בעלי מלאכות, אויב זיי האָבן נאָר ביי וואָס, זיצן און אַרבעטן, אָדער ווי די סטאָליאַרס און די שמידן און די טשעסלער שטייען, ווער מער געבויגן און ווער ווייניקער, און אַרבעטן, יעדער ביי זיין מלאכה... יעדער אָבער פון זיי ווייסט, אַז היינט איז פאָרט ניט קיין וואָכיקער טאָג, ס'איז ל״ג בעומר... און עס אַרבעט זיך פריילעכער, לוסטיקער... און מען וואַרט אויפן פאַרנאַכט...
זאָל נאָר אָנקומען דער פאַרנאַכט, וועט מען דערהערן די קלעזמער שפּילן אין סאַמע מיטן גאַס, אויפן סאַמע מיטן מאַרק... דאָס וועלן זיי מיט מוזיק באַגלייטן צו דער חופה אַן אָרעמע חתן־כלה, וואָס די חתונה האָט מען אָפּגעלייגט אויף ל״ג בעומר...

און קלעזמער־שפּילן האָט מען אַזוי לאַנג ניט געהערט — צוליב די ספירה־טעג האָט מען ניט געטאָרט מאַכן קיין חתונות...

וויפל אָרעמע חתן־כלות האָבן דאָס געוואַרט אויף דעם ל״ג בעומר...

איבערהויפּט טאָקע די כּלות, וואָס זיינען ניט געווען זיכער, אַז דער חתן וועט דעם שידוך ניט אָפּלאָזן... און טאָקע דערפאַר האָט מען די חתונה ניט אָפּ־געלייגט אויף שפּעטער, אויף שבת נחמו...

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן ווינטער, די תנאים זיינען געשריבן געוואָרן אַרום פאַר־פּסח... דאָס ביסעלע נדן האָט מען ערשט געדאַרפט איינלייגן נאָך פּסח... האָט מען שוין געאיילט מיט דער חתונה און טאָקע אין די תנאים איינגעשריבן, אויף דעם אַראַמיישן לשון און נוסח: ל״ג בעומר די חתונה...

און כאָטש חרטה האָבן איז שוין פאַר דעם חתן קיין צייט ניט געווען... בפרט אַז די כלה איז געווען שיין און קלוג, וועט ער גיין זוכן אַן אַנדער כלה?... פונדעסטוועגן איז בעסער, אַז די חתונה איז וואָס פריער... אין אַרעמען אופן, ווען דער נדן און דער כלהס גאַרדעראָבע און דעם חתנס מתנות זיינען ניט אַזוי פון דער פולער האַנט, איז זיכערער, אַז די חתונה איז פריער...

האָט טאָקע פּאַסירט אין געוויסע ל״ג בעומרס עטלעכע חתונות אין שטאָט...

האָט דאָס שוין משפּיע־געווען, געווירקט, הייסט עס, אויף דער פּרנסה, אָדער ווי די שוין דעמאָלטיקע געלערנטע און איבערהויפּט די סאָציאַליסטן האָבן דאָס אָנגערופן, אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן פון געוויסע שטאָטישע ייִדן. קודם טאָקע אויף די קלעזמער... אַ פאַר וואָכן פאַר פּסח, צוליב דעם הו־האַ, דעם ערב־פּסחדיקן, און אַ דרייפיר וואָכן נאָך פּסח, צוליב דער „ספירה״, האָט מען קיין חתונות ניט געפּראַוועט, זיינען די קלעזמער שיר־ניט פאַראַרעמט געוואָרן און זיך שטאַרק גענייטיקט אין אַ מזומנעם גראָשן...

„קאַלדוניע״ איז דער גרעסטער פידלער. אַזוי האָט מען געהאַלטן אין שטאָט, ווייל ער האָט, ערשטנס, געשפּילט מיט דער לינקער האַנט (אַ געלינקטער געווען) און זיין פידל איז געווען אַן איבערגעשטעלטע, מיט די סטרונעס קאַפּויר... צווייטנס, ווייל ער האָט געשפּילט „פּאַ סלוכו״ פון אַלערליי שטיק, איבערהויפּט פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס און די ניגונים פון דער אָפּערע „קאַלדוניע״, און ער האָט מיט דער מתיקות פון זיין שפּילן שיער ניט אַרויס־גענומען די נשמה. .

ער, קאַלדוניע, ניט קיין גרויסער בעל הוצאה און האָט געוואוסט ווי צו היטן דעם גראָשן, האָט אַרום ל״ג בעומר שוין געהאַלטן שמאָל... ער

האָט שוין געבעטן אַביסל טאַבאַק פאַר אַ פּאַפּיראָסל ביי דעם ערשטן פידלער, וואָס האָט שוין דוקא געקענט גוט נאָטן און גוט שפּילן מיט דער רעכטער האַנט, און צוליב די פאַרמעגליכערע עלטערן זיינע האָט ער טאַבאַק שטענדיק געהאַט... אָבער דער מזומן גראָשן האָט שוין אויך אים געפעלט.

— וואָס, ברידער, — פלעגט ער זיך אַ צוויי וואָכן נאָך פּסח אָנהויבן ווינצלען — מיר וועלן אַמאָל דערלעבן אַ חתונה אין קלעמענקע, האַ?... צי מען וועט אָנשטאָט ציילן אַביסל מזומנים ציילן אַלץ ספירה?... האַ, ברידער, ווי מיינט איר?...

און נאָכדעם זיך אַ ווענד געטאָן צו קאַלדוניע:

— וואָס זאָגסטו קאַלדוניע, דו ביסט דאָך עפּעס אַ בריה צו שפּילן אפילו פּאַ סלוכו... הערט זיך עפּעס אַ חתונה אין קלעמענקע, האַ?...

קאַלדוניע האָט דיפּלאָמאַטיש געשוויגן... ער האָט געוואוסט, אַז דער ערשטער פידלער ווייסט פון די אַלע חתונות, וואָס דאַרפן פאָרקומען אין איין ל"ג בעומר... טאַקע אָרעמע, אָבער אַ פּאָר גילדן אויף אַ חלק וועט פאַר יעדן זיין, בפרט אַז טאַקע עטלעכע... כאָטש שפּילן שפּילן ניט אַלע אויף יעדער חתונה, נאָר מען צעטיילט די קאַפּעליע אויף עטלעכע טיילן, אָבער די פּרנסה, וואָס מען נעמט־אַריין, צוטיילט מען זיך לויט אַ געוויסן קלעז־מערישן חשבון פון פּראָצענטן... און ביז שבת נחמו וועט מען ווי עס איז דורכקומען מיט דער הוצאה...

דערצו זיינען די קלעזמער, דאָס רוב אַליין נאָך געווען ניט חתונה געהאַט, האָבן זיי געלעבט ווי אין אַ פּאַרצייטיקער „קאָמונע"... דו האָסט ניט, האָב איך אויך ניט, האָט נאָך איינער אַ קאַלעגע אונדזערער אויך ניט, אָבער אַלע אינאיינעם געפינט מען זיך צו אַן עצה... מען קלייבט זיך צוזאַמען טאַקע ביי „קאַלדוניען".

„קאַלדוניע" איז שוין אַ מענטש מיט אַ פאַמיליע, מיט אַן אייגענער היים, ערגעץ אויפן שול־הויף. דערצו איז זיין דירה טיף אין אַ הויף, אַז קיינער ווייסט ניט וואָס ביי קאַלדוניען טוט זיך... איז אַז חברה קלעזמער קומען זיך דאָרט צוזאַמען, איז קען מען שוין ניט הונגערן חלילה... אַלע קלעז־מער לייגן זיך צענויף יעדער צו עטלעכע גראָשן, און קאַלדוניעס ווייבל וועט שוין אָנקויפן אין אַ שפּיז־קרעמל, טאַקע אויפן שול־הויף גופא, פון אַלעם גוטען... פון אַ טייערן הערינג מיט אַ סיטניצע לעבל־ברויט ביז דעם טאָפּ אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס, וואָס אויך זיי האָט זי נאָר וואָס

געקויפט, און דערלאַנגט עס טאַקע אויפן טיש — צווישן די אינסטרומענטן — מיט די זויערע אוגערקעס, אויך ערשט פון שפּייז־קרעמל פאַר די מזומן געלט געקויפט... און פאַר מזומן קען מען זיך דינגען...

ערב ל״ג בעומר אָבער פעלן אָט די רייכע שותפותדיקע מאַלצייטן ביי קאַלדוניען אין דער „דירה״... מען קומט אַפּ מיט וואָס עס איז, וואָס דעם „קאַלדוניעס״ ווייבל קויפט איין אויף באָרג אין זעלביקן שפּייז־קרעמל...

— זי האָט דען געוואָלט באָרגן . . . — קלאָגט זי זיך אַהיימקומענ־דיק...

— האָסט דאָך איר געקענט זאָגן, אַז ס׳איז שוין באַלד ל״ג בעומר... וואָס־זשע האָט זי מורא די נאַר... עס וועלן זיין חתונות, און חתונות . . .

איז נאָך אַ גליק, וואָס עס קומט אַריין, טאַקע וועגן פּרנסה ענינים, זכריה דער בדחן אַליין... ערשטנס, האָט ער צווישן די קלעזמער אַ פּאָר בנים, זין, און דוקא געטרייע, איז דאָך ניט שייך... אַז זיי פאַרדינען, האָט ער דערפון אויף עפּעס, מיט זיין אַלטער, זייער מאַמען; אַן אַלטן טאַטן און נאָך אַ בדחן, וואָס גייט שוין אַרויס פון דער מאָדע אַפילו אין קלעמענקע, מוז מען דאָך העלפן... דערווייל אָבער איז ער אויך זייער בעל־עצה, זייער וועג־ווייזער... ער זאָגט זיי אָן וויפל חתונות דעם דאָזיקן ל״ג בעומר וועלן זיין.

— און קינדערלעך — אַזוי רופט ער זיי אַלעמען, אַפילו די „פרעמדע״, די, וואָס זיינען ניט זיינע זין, — איר זאָלט וויסן, אַז צווישן די פינף חופות דעם ל״ג בעומר איז דאָ איינע גאָר אַן אָרעמע — אָרעמער פאַר אַלע... זאָלט איר האָבן איינזען מיט דער יונגוואַרג. שפּילן זיי אַ טאַנץ מער וועט איר חלילה ניט אָרעם ווערן, די פידלען וועלן ביי אייך בלייבן, און אַ שטי־קעלע „קאַליפאָניע״ דינט חדשים צו באַשמירן די סטרונעס... גאָט וועט העלפן...

זכריה דער בדחן איז געווען אַ ייד פול מיט בטחון... אָפּגעלעבט אַ לעבן אין גרויס אָרעמקייט, אין אַ דירה אונטערן שנידערשן קלייזל, אַ „זעמליאַנקע״, ווי מען האָט עס גערופן, און אויסער אַ בדחן אויך אַ שמש געווען, טאַקע אין שנידערשן קלייזל, און זעלטן ווען האָט זיך מלכה געהאַט אויף שבת צו מאַכן אָן באַזונדערע זאָרג, איז ער אָבער געווען אַ פריילעכער פון דער נאַטור אַליין... און אפשר פון די ספרימלעך, אין וועלכע ער האָט אַריינגעבליקט אין אַ פרייער צייט... אין אַ „ילקוט״, אין אַ מדרש רבא,

צי טאָקע אין יערות דבש... כלומרשט צוליב דער פּרנסה: צו זאָגן אַ קלוגן וואָרט אויף דער חתונה, משמח זיין די מחותנים, די חתן־כלה און די געסט, אָבער ער אַליין איז דערזויל פון די ווערטלעך געליטערט געוואָרן... קיין בייז וואָרט האָט מען פון אים ניט געהערט, בלויז ברכות און דוקא צום גראָם, עס זאָל שענער און טיפער קלינגען און אָפּקלינגען און צוגעשפּילט מיט דער מוזיק פון זיינע אייגענע קינדער די קלעזמער און פון די פרעמדע יונגען, וואָס זיינען אויך געווען ווי זיינע אייגענע — ווי זיינע ייִנגערע ברידער...

האָט טאַקע זכריה דער בדחן אויף ל״ג בעומר געוואָרט גליך מיט זיינע זין. אָבער ביי אים, וואָס בליקט אַריין אין די ספרימלעך, אין שנײַדערשן קלייזל, וואו ער איז אויך שמש, איז אָט דער דאָזיקער ל״ג בעומר, אויסער דאָס ביסל מזומן, וואָס מען זעט זיך אין דעם טאָג, אויך אַ יום־טוב... דאָס דאַרף ער שוין וויסן, ווי אַ שמש פון אַ שנײַדערשן קלייזל...

ווייל זיי — פרעג זיי בחרם וואָס צו „זאָגן“ ביים דאַווענען אין ל״ג בעומר און וואָס ניט צו „זאָגן“...

אין דעם פּרט איז ער שוין ניט קיין בדחן און אַפילו ניט קיין שמש, נאָר פשוט — אַ רב...

שטייענדיק ל״ג בעומר אויף דער בימה אין שנײַדערשן קלייזל האָט ער געגלעט דאָס קליינע קוים גרוי־געוואָרענע בערדל זיינע — זכריה אַ בעל בטחון און אַ פריילעכער בכלל איז ניט געוואָרן גרוי אַפילו נאָך זעכציק — און געפּאַטשט אויף דעם שולחן און אויסגערופן דעם יום־טוב ל״ג בעומר... מען זאָל וויסן...

און אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך שוין געגרייט צו די חתונות, צו די באַזעצנס פון די אָרעמע כלות, וואָס יעדערער — אויסער דאָס, וואָס מען זאָגט צום גראָם פאַר אַלע — האָט מען גערדאַרפט עפּעס זאָגן באַזונדערס, צוליב דער לאַגע אין דער פאַמיליע...

אָבער זכריה דער בדחן האָט שוין געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט און דעם ריכטיקן גראָם פאַר יעדער אָרעמער כלה. און אויב דער חתן האָט זיך געפירט מיט רחמים פאַר דער חופּה און נאָך דער חופּה, ניט געעקשנט זיך, ווי עס האָט געקענט פּאַסירן אַמאָל — מיט צופיל פאַרלאַנגען צו טייערע מתנות — האָט ער אויך פאַרן חתן געהאַט אַ ליכטיקן וואָרט מיט אַ פריילעכן גראָם...

און זיינע זין די קלעזמער און זיינע ברידער, די פרעמדע יונגען, האָבן אומטיק־פריילעך צוגעשפילט אויף זייערע פידלען, אָדער אין אַ ל״ג בעומר — אַז מען האָט די קאַפּעליע געטיילט — אויף אַן איינציק פידעלע, וואָס האָט אָבער געשפּילט געוווּג הויך, טאַקע ווי אַ גאַנצע קאַפּעליע לכבוד אַן אָרעמער חתונה אין ל״ג בעומר.

און זכריה דער בדחן האָט זיך נאָכדעם אויסגערעדט דאָס האַרץ, און נאָך אים די אַנדערע קלעזמער, אַז אַ חתונה אין ל״ג בעומר איז זיי ליבער, ווי אַלע חתונות פון אַ גאַנץ יאָר און טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס רוב זיינען דאָס אָרעמע חתונות. מען פרייט זיך נאָר איין טאָג... אויף מאָרגן, שוין נאָך דער חתונה, האָט דאָס אָרעמע פּאָר פאָלק שוין געדאַרפט גייך זוכן ערגעץ אַ דירה.

אַזעלכע אָרעמע חתן־כלה, וואָס באַלד שוין אַן אָרעם פּאָר־פאָלק, וואָס דאַרפן גיין זוכן אַ דירה, אַזעלכע דאַרף מען טאַקע משמח זיין. דאָס האָט סיי דער בדחן, סיי זיין קאַפּעליע געוווּסט און אָפּגעהיט: דער בדחן דאָס גאַנצע לעבן, די קלעזמער — ביז זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אין די ווייטע מדינות און דאָרטן האָבן זיי שוין דערפרייט די יונגע מענטשן אויף אַן אַנדער אופן...

# דער פריינטלעכער וויזיט

פון די צען־גראָשענע מטבעות וואָס דוד דער רופא האָט געקראָגן פאַר אַ וויזיט, פאַר זיין באַזוכן אַ חולה, האָט ער זיך ניט געקענט ערלויבן צו מאַכן אָפּט אַ נייעם בגד. דערפאַר האָט מען אים כל־ימיו געדענקט אין די הייסע זומער־טעג אין אַ ווייסן לייוונטענעם רעקל; אין די וואַרעמע טעג — אין זיין לענגלעכן שוואַרצן סורדוט, און אין ווינטער, ווען די פרעסט האָבן זיך שוין געשטעלט — אין דעם לאַנגן שוואַרצן אויבער־בגד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פלאַטשטש פון אַ סוחר, וואָס פאַרט אַרום איבער די וועלדער. ניט קיין דאָקטער. איז ער ניט געווען מחויב צו טראָגן אויפן קאָפּ אַ קאַפּעליוש, צי גאָר אַ שטייפן צילענדער, אָבער זיין היטל איז דאָך געווען ניט ווי אַ היטל, וואָס עס האָט געטראָגן געוועונלעכער ייד. דאָס היטל מיטן ברילעק האָט געהאַט איר אייגענעם פאַסאָן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר אַזאַ היטל קען טראָגן און מעג טראָגן אַ רופא.

אַרום־און־אַרום האָט ער אויסגעזען, ווי אַ האַלבער דאָקטער, אָדער ווי אַ גאַנצער דאָקטער, וואָס היט אָפּ דעם יידישן שטאַט.

פאַרגלייכן צו אַן אַנדער יידן אין גאַס האָט מען אים ניט געקענט, סיידן צו יצחק דעם זייגער־מייסטער, וואָס יענער האָט אויך זיך „געקליידט" אויף אַן אַנדער מין שטייגער, ניט צו קורץ און ניט צו לאַנג — האָט טאַקע זייערע ביידנס פרנסות געהאַט אַ ענלעכקייט: ביידע האָבן געהאַט די עובדא אַריינ־צוקוקן אינעווייניק, דער אין אַ מענטשן, און יענער אין אַ זייגער. די יעניקע וואָס האָבן געהאַט אַ נייגונג צו חקירה האָבן טאַקע געגליכן אַ מענטשן צו אַ זייגער, און אַ זייגער צו אַ מענטשן, להבדיל.

אָבער דוד דער רופא איז דאָך ניט געווען אַזאַ באַרייסער, ווי יצחק דער זייגער־מייסטער. כאָטש אַרעמעלייט זענען זיי געווען ביידע. דאָס האָט געשטאַמט פון זייער ערלעכקייט. איבערהויפּט דוד דער רופא. ער נעמט טאַקע פאַר זיין

קומען און פאַר זיין באַטראַכטן דעם חולה און פאַר זיינע סגולות באַצאָלט, אָבער דאָס איז נאָכדעם, שוין ביים אַרויסגיין. ווען ער באַטראַכט, טראַכט ער ניט פון געלט. דעמאָלט איז ביי אים דער עיקר טאַקע דער מענטש, דער חולה — אַ דערוואַקסענער, צי אַ קינד; אַ יינגעלע, צי אַ מיידל; אַ ייד, צי אַ יידענע.

ער איז טאַקע אַ רופא און ניט קיין דאָקטער, און אפילו ניט קיין פעלדשער, אָבער דאָס ערשטע וואָס ער טוט, איז גלייך, ווי אַ דאָקטער — „זען" דעם פולס. אמת, אויסצוגעפינען דעם פולס, ווער רעדט נאָך ביי אַ מאָגערן חולה, איז אים ניט אַזוי לייכט, ווי אַ דאָקטער. אַמאָל דאַכט זיך אים, אַז יעדער מענטש האָט דעם פולס ערגעץ אויף אַן אַנדער אָרט אין דער האַנט. אָבער אָנגענומען דעם פולס און דערהערט דעם קלאַפּן, נעמט ער שוין אַרויס זיין זייגערל, וואָס האָט טאַקע אויבן אַ רעדעלע און אין רעדעלע אַ ווייזערל, וואָס ווייזט די סעקונדן — און ער ציילט אויפן זייגער די קלעפּ פון דעם פולס ביים חולה. דוד דער רופא איילט זיך ניט. צי ער דאַרף נאָך גיין צו אַנאַנדערע חולאים, צי ניט — געקומען צו אַ חולה, בלייבט ער שוין אַ לענגערע צייט.

קיין אומעטיקער איז ער ניט געווען, אָבער קיין שפּאָס טרייבן, ווי אָרע דער פעלדשער, למשל, פלעגט ער ניט. ער איז געווען ערנסט. זייער ערנסט, איבערשרעקן טאַקע ניט, אָבער יעדע קראַנקהייט גענומען ערנסט, און באַלד באַרוהיקט, ווען ווער פון דער משפחה פון דעם חולה, צי דער חולה אַליין, האָט זיך דערשראָקן, און צוגעגעבן:

— קיין סכנה זע איך ניט.

וויבאַלד אַז קיין סכנה ניט, פאַלט שוין אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. דער חולה, אויב ער האָט ווייניק היץ, צי גאָרניט, שמייכלט שוין ווי באַגליקטער, ווי אַ דערפרייטער פון אַ גוטער בשורה.

קיין געשטודירטער איז דוד רער רופא אודאי ניט געווען. קיין לאַטיין שרייבן האָט ער ניט געקענט. נאָר וואָס דען? ער האָט אַמאָל, אין די גאָר יונגע יאָרן, געדינט אין אַ שפּיטאָל. איז ער געפעלן געוואָרן איינעם אַ גרויסן דאָקטער, דוקא אַ פּאָליאַק, און דער פּאָליאַק האָט אים ערלויבט צו לערנען זיך אַזוי. צוקוקן און לערנען זיך. ביז ער איז געוואָרן אַ מומחה אין אַלערליי חולאותן, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, און אַז יענער דאָקטער איז געשטאָרבן, איז ער געקומען אין שטעטל און איז געוואָרן אַ רופא.

אָבער צו וואָס דאַרף ער קענען שרייבן לאַטיין, אַז ער ווייסט די נעמען

פון אַ סך רפואות, און אין דערהיים ביי זיך האָט ער אַזאַ מין אַלמערל, מיט גלעזערנע טירלעך, פונקט ווי אין אַן אַפּטייק, און אין דעם אַלמערל געפינען זיך „כינע״־פּראָשקעס און אַלערליי פּילן און אַ פלעשל יאָדע, און וואָס דען ניט?

קיין רעצעפּטן טאָקע ניט, אָבער אַ פּראָשעק כינע ברענגען אַ חולה, ווען יענער דאַרף דאָס, אַראָפּצונעמען די „היץ״, דאָס מעג ער. און ס׳־ווי־סיי — ווער וועט אים מסרן? דער אַפּטייקער לייזט געווינג, און ניט יעדער קען זיך פּאַרגינען קויפן אין אַפּטייק. אַ קלייניגקייט, אַן אַפּטייקערס הוצאה! זיין דירה אַליין... דוד דער רופא, אָבער, האָט ניט געשטעלט קיין הויכע פּרייזן אויף די רפואות, וואָס ער האָט אַליין געבראַכט, שוין ביים צווייטן מאָל, צי ביים דריטן מאָל קומען צום חולה. און אַמאָל פלעגט ער גאָרניט רעכענען.

— ווייס איך וואָס... איר מיינט טאָקע, אַז עס קאָסט מיר אַליין אַזויפיל... ס׳איז ניט קיין אַפּטייק. אַט, פאַר אַ באַקאַנטן חולה, האַלט איך דאָס.

עס איז דאָ געווען אויסער פּריינטשאַפט צום חולה און צו דער פאַמיליע, אויך דאָס געפיל פון האַלטן פון זיך אַליין. טאָקע אַ רופא, אָבער וויסן ווייסט ער ווי אַ דאָקטער און אַן אַפּטייקער צוזאַמען.

און אויסער, וואָס מען האָט פאַר אים געהאַט דרך־ארץ, האָט מען זיך אויף אים אויך פאַרלאָזט.

סיידן, אַז דער חולה האָט געהאַט מיט אַ דריי גראַד היץ מער ווי גע־ווינלעך.

אַרויסגענומען פון אונטערן חולהס פאַכווע דעם טערמאָמעטער, וואָס פאַר אַזעלכעס האָט מען ביי אַ חולה אין שטוב, פון קליין ביז גרויס, געהאַט דרך־ארץ, און זיך איינגעקוקט און דערזען וויפל גראַד, האָט ער שוין אויף זיך ניט געוואָלט שטעלן. דאָס איז געווען איינע פון זיינע אַנדערע מעלות — און ער פלעגט זיך שוין אָנרופן:

— מען דאַרף רופן דעם דאָקטער. ניט קיין סכנה, אָבער ס׳איז זיכערער. מיר וועלן זיך ביידע מישב זיין, איך מיטן דאָקטער.

און דעם דאָקטער ברענגט שוין טאָקע דוד דער רופא. דער דאָקטער, ייִנגער פון אים — דאָס פּנים גלאַט געראַזירט, רונד און קלאָר, די אויגן שטרענג מילד, און ריידן רעדט ער ווייניק — פילט זיך שוין דוד דער רופא, ווי איינער וואָס איז יאָ נויטיק און ניט נויטיק. פאַר דער משפחה פון חולה מוז ער זיך האַלטן מיט ווירדע, מיט שטאָלץ; פאַרן דאָקטער, אָבער, פאַלט ער פאַרט אַראָפּ.

יענער זעט אויס ווי מאַנאַרך. אמת, דער דאָקטער, דאָס ביסעלע, וואָס ער רעדט, רעדט ער יידיש, אָבער ס'איז גאָר אַן אַנדער לשון. ס'איז ווי רוסיש און ווי דייטש און געמישט מיט לאַטיין.

פונדעסטוועגן וואַרפט דוד דער רופא אַריין אַ וואָרט — אַ העכערן. פאַר־שטייט זאָל עס נאָר דער דאָקטער. די משפחה פון חולה, איז רעכט, אַז ניט. דער דאָקטער ענטפערט מיט אַ שמייכל: יאָ און ניט... און באַלד זעצט ער זיך צו ביי אַ ברעג טיש און שרייבט אַ רעצעפּט.

דעמאָלט זעט מען טאַקע, אַז דוד דער רופא ווייסט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן.

קיין רעצעפּטן שרייבט ער ניט.

אָבער אַז דער רעצעפּט איז אָנגעשריבן — און דער דאָקטער מאַכט עס שנעל — נעמט ער שוין דאָס שטיקל פּאַפּיר אין זיינע הענט. ער קען טאַקע ניט לייענען, אָבער מאַנכעס דערקענט ער שוין פון געניטקייט. ווערטער ווערן ביי אים ווי ציפער. ער כאַפּט מיטן שכל.

און אַז דער דאָקטער גייט אַוועק, נאָכדעם ווי ער באַקומט פאַרן וויזיט פונקט פיר מאָל אַזוי פיל ווי ער, דער רופא — און איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר, וואָס אים רוקט מען אַריין אַ נאַקעטע מטבע — דערפילט ער זיך ווידער אין זיין גדולה.

ער זאָגט פאַנאַנדער ברייטער. ער ערקלערט, אַז דער רעצעפּט איז ניט ווייסט־ער־וואָס. ער האָט דאָסזעלביקע אין דערהיים, אין זיין אַלמערל. נאָר ער וויל ניט גיין קעגן דאָקטער.

און צום סוף ווייזט זיך טאַקע אַרויס, ווען מען ברענגט שוין די שאַכטעלע פּראָשקעס פון אַפּטייק און דוד דער רופא באַטראַכט זי, ווען ער קומט ווידער צום חולה — ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז ס'איז כינע צוגעמישט מיט נאָך עפּעס. ער האָט אינדערהייםביידע זאַכן.

— נאָר גאָרנישט... — פלעגט ער מורמלען — מען קען זיך דאָך ניט שטעלן קעגן אַ דאָקטער.

און פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע און גוטמוטיק צוגעגעבן:

— און דער אַפּטייקער איז אויך אַ ייד. ער דאַרף אויך לעבן.

און ער בלייבט שוין דער איינציקער. דער דאָקטער, אַז מען רופט אים ניט אַ צווייטן מאָל — אַליין קומט ער ניט.

דוד דער רופא, אָבער, פלעגט יאָ קומען. יאָ צען גראָשן, ניט צען גראָשן —

ביז דער חולה שטייט שוין ניט אויף פון בעט און מעג שוין עסן אַ געבאַקטע קאַרטאָפל, וואָס דאָס איז ער, דוד דער רופא, טאַקע מתיר — הערט ער ניט אויף צו קומען צוויי מאָל אַ טאָג.

אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון דער קראַנקהייט, וואָס האָט זיך אַמאָל געצויגן אַ פּאָר וואָכן, איז שוין דוד דער רופא אויך געוואָרן אַ גוטער פריינט, אַן אייגענער מענטש, הייסט עס, און אויב דער צו זיך געקומענער חולה איז געווען אַ דערוואַקסענער, אַ מענטש מיט שכל, פלעגט שוין דוד דער רופא פאַרפירן מיט אים אַזוי אַ שמועס.

ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס אַליין, אַ שמועס, טוט גוט דעם חולה.

ס׳איז געווען אַ מין סגולה צו ווערן אינגאַנצן געזונט.

אין אַ וואָך שפּעטער איז ער שוין געקומען אים געוואָר ווערן אַן געצאָלט.

ער איז געגאַנגען פאַרביי, האָט ער זיך דערמאָנט און איז אַריין זען וואָס מען מאַכט.

און ווייבאַלד ער איז שוין דאָ, האָט ער געגעבן עצות וואָס דער געוועזענער חולה מעג שוין עסן פון די פּראָסטערע מאכלים און וואָס ער דאַרף נאָך אָפּ־וואַרטן — נאָר דאָס איז שוין געווען מער אויס גוטער פריינטשאַפט.

ס׳איז געווען, ווי אַ צוליג צו די באַצאָלטע וויזיטן.

אַ וויזיט אָן געלט.

מען האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ זכיה און כבוד.

דוד דער רופא איז געקומען געוואָר ווערן. און דעמאָלט האָט מען אים צוריק אָפּגעגעבן דעם ריכטיקן כבוד. געדאַנקט און געדאַנקט. און דער חולה אַליין, וואָס האָט שוין באַלד פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל קראַנק געווען, האָט גליקלעך געשמייכלט.

# די יונגע מצה-וועלגערינס

פּאַר פרומע פּיזועס, אַ יידענע וואָס איז געוועזן באַקאַנט אי מיט איר בריהשקייט, אי מיט איר ערליכקייט און גוטהאַרציקייט, איז די לעצטע יאָרן דער פּאַר־פּסחדיקער „פּאַדריאַד", וואָס זי האָט געמאַכט ביי איר אין שטוב, געוועזן ניט דאָס, וואָס אַמאָל. עס גייט ניט אין דער פּרנסה. פרומע פּיזועס, כאָטש זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן אויף איר מאַנס, פּיזועס דעם דאָרף־שניידערס, פּאַרדינסטן און אַליין צוגעהאַנדלט אויפן מאַרק אין אַ מאַרק־טאָג, האָט קיינמאָל ניט שטאַרק געציילט דאָס פּאַרדינסט. זי האָט וועגן דעם געהאַט אַ ווערטל: „אַז מען ציילט ניט, איז מזלדיקער". און פרעג איר בחרם וויפל איז איר יעדן יאָר פון דעם „פּאַדריאַד" געבליבן ריינער ריוח. ביי איר איז געוועזן אַ קרן, אַז עס „רודלט זיך"... און מען זעט זיך מיט דעם מזומענעם גראָשן...

זינט אָבער דער „עולם" האָט אָנגעהויבן פאָרן קיין אַמעריקע, איז מיט איר "פּאַדריאַד" עפּעס אַנדערש געוואָרן... זי ווייסט אַליין ניט, צי בעסער, צי ערגער חלילה. ביי איר אָבער, ווי באַלד עס האָט זיך געענדערט דער שטייגער, איז שוין, הייסט עס, ערגער. אַלץ, וואָס ענדערט זיך איז איר, פרומען, סיי־ווי־סיי אַ שאָד, און אַמאָל טאַקע אַ צער... ערשטנס, פאָרן אַוועק נאָענטע מענטשן, שכנים, באַקאַנטע; און, צווייטנס, ווייסט זי ניט וואָס מיט איר גופא, מיט איר פאַמיליע, הייסט עס, קען נאָך פּאַסירן... אַז איר „אַלטער", פּיזועס, וואָס זיין באָרד איז שוין האַלב־גרוי, טוט גאָר אויך אַמאָל אַ זאָג, ווי אַ זונג: — מען וועט נאָך מוזן צופאָרן, אַ בליק טאָן אויף אַמעריקע... — און אַ טאָכטער, וואָס איז שווער אויף אַ שידוך, דוקא אַזוי אַ געראָטענע, רייסט זיך אויך מיט אַלע כוחות אַהין, אַהין, קיין אַמעריקע.

און זי, פרומע הייסט עס, קומט צוויי וואָכן פאַר פּסח מאַכן אַ „פּאַדריאַד",

וואו באַלעבאָסטעס זאָלן באַקן זייער געבעקס, מצות אויף פּסח, פּונקט ווי די וועלט וואָלט זיך גאָרניט געענדערט...

אמת, אין איר גאָס, צי אין דער גאַנצער שטאָט „אירער", האָט מען נאָך, מיט גאָטס הילף, קיין מאַשינאָווע מצות ניט איינגעפירט. עס זיינען שוין דאָ אַזעלכע יידן און זייערע ווייבער וואָס דערלאָזן ניט... און מען האָפט צו גאָט, אַז אין זייער שטאָט וועלן קיין מצה־מאַשינען ניט אַריינקומען, און אויב יאָ, וועט זי ליגן ערגעץ אין אַ קעלער, ביז משיח וועט קומען, און ערשט דאַמאָלסט וועט מען זי ניט נוצן, אַזוי פּלעגן זיך וויצלען די שטאָטישע געגנער פון מאַשינאָווע מצות. און ווער איז דען ניט געווען קיין קעגנער דערפון, אויסער אפשר די פּאָר אויפגעקלערטע, וואָס האָבן געהאַלטן פון ציוויליזאַציע. האָבן זיי אויך מורא געהאַט צו ריידן צו־אָפן...

דער „פּאַדריאַד" אָבער אַליין איז פּאָרט ניט דאָס, וואָס געווען... עס איז שווערער צו באַקומען די וועלגערינס. ערשטנס, האָט שוין שטאָט אַן אייגענע פאַבריק, וואו מען מאַכט שוועבעלעך; וואו נאָר אַן אָרעמע מיידל, אַרבעט זי אין פאַבריק ביי די שוועבעלעך, ביי די פאַפּירן־קעסטלעך. די אַר־בעט, הערט פרומע פּיוועס, איז אַ שווערע, אַ קאַטאָרזשנע, אָבער עס איז יאַקבי מער יחוס — אַ פאַבריק, ניט חלילה קיין וועלגערקע אין אַ מצה־„פּאַדריאַד"...

און, צווייטנס, זיינען שוין אייניקע וועלגערקעס, וואָס האָבן ביי איר געוועלגערט עטלעכע יאָר, יעדן פּאָר־פּסח נאָכאַנאַנד, אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, ווער צו חתנים, ווער צו זוכן חתנים, און אַרבעטן דאָרטן דערווייל; און ווער טאַקע צו זייערע מענער וואָס זיינען אַהין נאָך פריער אַוועקגעפאָרן.

איז אָבער אַ גליק, וואָס ניט אַלע מענער נעמען־צו זייערע ווייבער גלייך אַהין, קיין אַמעריקע. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן צייט און וואַרטן... זיי קענען זיך, הייסט עס, קיין עצה ניט געבן, צי קומען צוריק אַהיים, ווען מען וועט דאָרטן אָנזאַמלען עטלעכע הונדערט דאָלאַר, וואָס דאָ קען עס ווערן טויזנט רובל, צי ברענגען די פרויען אַהין טאַקע אוין בלייבן שוין, הייסט עס, אויף שטענדיק אין אַמעריקע... (אַזאַ מין פּלאַן, אַן פרומע פּיוועס דערהערט, קלאַפּט איר דאָס האַרץ אַזוי, אַז זי מוז צולייגן די האַנט צו איר האַרצן, זי זאָל, חלילה, ניט שוואַך ווערן...).

איז אָט די דאָזיקע ווייבער, אָדער ריכטיקער, יונגע ווייבלעך, זיי דוקא, וואָס האָבן געגנוג צייט פאַרדינגען זיך ביי פרומען אין „פּאַדריאַד" צו

וועלגערן. עס איז ניט אַזוי צוליב די פּאָר גילדן אַ טאָג, ווי צו פאַרברענגען די צייט, די פריילעכקייט, צווישן מענטשן. ווייל אין אַ מצה־״פאַדריאַד״ בכלל, און ביי פרומען בפרט, איז, וואָס־וואָס, אָבער אומעטיק, חלילה, נישט. קיין ״משגיח״, וואָס זאָל אַכטונג געבן, אַז מען זאָל ניט ריידן בשעת וועלגערן, צי ניט זינגען, — אַזאַ איז ביי פרומען אין די ״גוטע״ צייטן ניט געווען... מען האָט שוין געוואוסט, אַז מען קען זיך אויף פרומען, אַן ערלעכע, האַרע־פאַשנע ידענע, אַליין פאַרלאָזן... אַז זי וועט זיין אי די ״פאַדריאַטשיכע״, אי די משגיחטע, הייסט עס...

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן זיי זיינען דאָ רייכערע, דאָס הייסט אייגנטליך, מיט מער מזל, וואָס דער מאַן שיקט זיי אַפּטע בריוועלעך און עטלעכע דאָלאַר אַלע חודש; און אָרעמע. די רייכערע באַקן שוין טאַקע דאָס ביסעלע מצות ביי פרומען, און מען רעכנט זיך שוין אויס.

זיינען אָבער צווישן דעם דאַזיקן מין וועגלעריגס אויך דאָ אָרעמע וויבלעך, וואָס ערשטנס, זיינען זייערע מענער טאַקע אַט ״ערשט נישט לאַנג״ אַוועקגעפאָרן; אַנדערע פון די דאַזיקע זיינען נאָך אַוודאי אויפן שיף; און דוקא, זאָגט מען, אַז אין ניסן וואַרפט דער ים שטאַרקער, ווי אַ גאַנץ יאָר; איז די דאַזיקע וויבלעך אויפן האַרצן שטאַרק אומעטיק. אָבער אַז די פריי־ליכערע צוזינגען זיך, זינגען זיי מיט און שמייכלען, אָנפאַנגס דורך טרערן, ביז זיי ווערן טאַקע פריילך, ווי יענע, און האָפן, אַז אויך זייערע מענער וועלן זיך דאָרטן צופּאַסן, ווער ביי זיין פאַך, און ווער ביי זיין האַנדל.

פרומע אַליין, וואָס האָט יאָרן ״פּאָר פסחן״ געהאַט צו טאָן אין איר ״מצה־פאַדריאַד״ מיט גאָר אַנדערע מינים וועלגעריגס, מוז זיך איצט צופּאַסן צו אַט דעם נייעם סאָרט וועלגערקע... זי איז דוקא זייערע אַ גוואַלדיקע גוטע פריינט, ערשטנס — צוליב איר אייגענער טאָכטער, וואָס רייסט זיך אַהין, און דער אַלטער פּיזוע אַליין ״סטראַשעט״ אויך מיט אַ שמייכל, אַז ער האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן, און אַז כאָטש זי, פרומע, די ״בריה״, האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע און אירע פּרנסות אַ גרעסערע שטוב — אָבער, ווי זאָגט מען, ״בייסך־די שטוב קען מען ניט — און דער אַלטער איז דאָך געדעכט...

הייסט עס, קען זי נאָך, פרומע, אַליין אויף די עלטערע יאָרן, ווערן אַן ״אַמעריקאַנקע״, ווי ס׳הייסן די ווייבער, וואָס זייערע מאַנען זיינען דאָרטן, אין אַמעריקע...

איז איר האַרץ, וואָס איז שטענדיק ניט קיין ״גאַנצעס״, די לעצטע צייט

געווען „צעבראָכן״... און דוקא פּאַסט עס איר צו איר אידעלען פּנים... נאָכאַנאַנד זי שמייכלט צו די וועלגעריגס, צום שיבער ביים אויוון — אַפילו אַן עלטערער ייד, אָבער אַ ייד אַ בייזלעכער, מיט אַ געמבע. נאָר אויף איר, אויף פרומען, שרייט ער ניט — ער זעט, אַז זי איז אַ באַלעבאַסטע מיט יושר. פרומע קומט אָפּט צו אים צו און צום יונגינקן רעדלער, וואָס שטייט ביים „בלעך״, און ער סטאַרעט זיך, ווען זי, פרומע, גייט צו נאָענט, צו רעדלען נאָך שנעלער... ער איז דוקא אַ ישיבה־בחור פון די עטלעכע, ברוך השם, געבליבענע, אין גרויסן בית־מדרש, פון אַמאָל, ווען עס איז נאָך ניט געווען אין שטאָט קיין פאַבריק פון שוועבעלעך און מען איז נאָך ניט געפאָרן קיין אַמעריקע, און ווען עס איז בכלל, ווי פרומע מיינט, געווען אַ בעסערע וועלט און אַ שענער לעבן...

מיט דעם יונגן רעדלער, וועדליק ווי זי באַהאַנדלט אים, וואָלט מען געקענט זאָגן, ווען זי איז מיט אַ צוואַנציק יאָר יינגער, אַז זי איז פאַרליבט אין אים, — אַזוי שפּיגלט זי זיך אין זיינע צווי שוואַרצע אויגן... אָבער אַלע ווייסן, אַז פרומע, וואָס ביי איר עסט נאָך אַ ישיבה בחור „אַ טאָג״ „עד היום״, — אַז זי איז פּשוט אַ פרומע יידענע און דאָס רעדלעריל איז אַ בן־תורה, און אין דער פרעמד, נו, איז זי גוט צו אים, וויל זי אים מקרב זיין, ווי אַן עלענטן דאָ הי, און זי פרעגט אים אָפּט, צי איז ער ניט הונגעריק חלילה, צי ניט פאַרמאַטערט...

— אויב שטאַרק פאַרמאַטערט, וועט דיך מיין פּייווע „אָפּבייטן״, ער קען אויך רעדלען...

און איר פּייווע איז גרייט אַרויסצוהעלפן... איר הויפּט מיטגעפיל אָבער ווייזט זי אַרויס צו יענע עלטערע וועלגערינס, וואָס זייערע מענער זענען ערשט ניט לאַנג אַוועק אין אַמעריקע און זיי וועלגערן צוליב דעם, זיי זאָלן פאַרדינען די עטלעכע רובל אויף יום־טוב, ביז די מענער וועלן שוין אָנקומען אויף די פּלעצער און קענען שיקן...

אָט מין וועלגערין באַקט אָפּ אַ אירע מצה, אויך ביי פרומען אין פּאַדריאַד, פאַר האַלב בחנם... און דאָס ביסל געלט, וואָס פרומע רעכנט איר כלומרשט יאָ, הייסט זי איר צו באַצאָלן ווען ס׳וועט אָנקומען די ערשטע „פּאַוויעסטקע״ פון דער פּאַסט אויף געלט פון אַמעריקע — פון איר מאַן...

— נישקשה, האָט פרומע געשמייכלט דעמאָלט מיט מער גוטסקייט, וואָס האָט זיך שטאַרקער אויסגעדריקט אויף איר פּנים, ווי שטענדיק — נישקשה,

איך קען דיין בערלען, ער איז אַ גוטער און אַ בריה, ער קען די מלאכה און ניט קיין פוילער . . . ער וועט דיר שיקן געלט ווי נאָר ער קומט אָן אַהין . . .

און נאָכדעם האָט זי ניט פאַרגעסן דעם עיקר.

— און דו אַליין ביזט דאָך אַ ווייבל אַ פאַרשוין, קיין עין הרע. איך שטעל מיך פאָר, ווי ער בענקט נעבעך נאָך דיר, וועט ער אין אַ פאָר יאָר אַרום אָדער צוריקקומען, אָדער דיך נעמען אַהין...

און קוים וואָס פרומע האָט זיך דעמאָלט באַהערשט זי זאָל זיך ניט פאַנאַנדערוויינען... ווייל איר פּיזוע האָט דאָך שוין אויך געטראַכט וועגן אַמעריקע...

# די ניי-געבוירענע

די שטילסטע אין דער „מאַסטערסקאַיע״ פון דאַמען־קליידער איז געווען באַשקע. ווער איז באַשקע, פון וואַנען זי קומט, האָט מען געגוי ניט געוואוסט און זיך ניט אינטערעסירט צו וויסן. מ'האָט בלויז געוואוסט, אַז געקומען איז זי פון ערגעץ אַ קליין שטעטל אין דער גרויסער שטאָט נאָך אַלס יונג קינד און אַז אַן אָרעמע קרובה האָט זי אַריינגעגעבן אַהער אין דער מאַסטערסקאַיע מיט דעם אָפּמאַך, אַז אַ יאָר צייט זאָל זי אַרבעטן אַן געלט, און דעם צווייטן יאָר וועט זי שוין באַקומען אַ רובל אַ וואָך. דאָס אומזיסע אַרבעטן אַ יאָר צייט, האָט באַשקע'ס געפאַלנקייט נאָך מער פאַרגרעסערט. דאָס עסן און וואוינען ביי דער קרובה און ניט צאָלן יענער דערפאַר, האָט איר געדריקט. האָט זי דערפאַר זיך אויסגעקויפט מיט דעם, וואָס זי האָט געפאָלגט. געפאָלגט האָט זי יעדן אין מאַסטערסקאַיע, אָנהויבנדיק פון דער באַלעבאָסטע, וואָס האָט געפירט די מאַסטערסקאַיע, ביז דער יינגסטער מיידל, וואָס איז אויך געקומען אַרבעטן אַן געלט, אָבער אַ קירצערע צייט — בלויז אַ האַלב יאָר — ווייל די האָט געגעבן צען רובל פּאַרויס פאַר'ן אויסלערנען זיך, און זי האָט דאָ טאַטע־מאַמע, און די מאַמע קומט אַמאָל אין מאַסטערסקאַיע זי געוואויר־ווערן... געפאָלגט האָט באַשקע אויך דער אָרעמער קרובה, ווען זי איז שוין געקומען צו יענער נאָך דעם טאָג אַרבעט — ווינטער ביז אין אָונט און זומער ביז פאַרנאַכט, ווען אין גאַס ברענען שוין די לאַמטערנעס און ביי דער אָרעמער קרובה צינדט מען שוין אָן דאָס לעמפּעלע. ערשט דעמאָלט האָט איר די קרובה געגעבן אַראָפּגייך אין הויף און ברענגען פון פּלומפּ אַ קרוג וואַסער, וואָס פעלט אויס אין שטוב... און באַשקע איז געווען צופרידן, וואָס אפילו אַ מידע נאָך צוועלף שעה אַרבעט אין מאַסטערסקאַיע, שוין מיט'ן „פּאַלגן״ אַלעמען — צו גיין אַ גאַנג פאַר יעדער, וואָס שיקט זי, איז זי נאָך אימשטאַנד צו פאָלגן איר קרובה, ביי וועמען זי כאַפּט עפּעס אַ בייסן און געפינט אַ ווינקל, וואו אָפּצורוען זיך ביז אויף מאָרגן אין דער פרי...

אנגעהויבן צו באַקומען אַ רובל אַ וואָך, האָט זי נאָך דעם ערשטן מאָל באַקומען די שכירות, פּרייטיק פאַרנאַכט, אַ שמייכל געטאָן. איר ברוין רונד פּנים׳ל האָט זיך געליכטיקט, און אירע ברוינע אויגן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ פייכקייט. אָן עלטערע שנידערין, וואָס אַרבעט שוין דאָ יאָרן און באַקומט שוין דעם העכסטן געהאַלט — פיר רובל אַ וואָך, האָט באַמערקט באַשקע׳ס פרייד, איז זי צו איר צוגעגאַנגען און איר אַ גלעט געטאָן איבער איר שמאָלע פּלייצע. האָט באַשקע געמיינט, אַז אָט די עלטערע מיידל, וועלכער זי האָט געפאָלגט, פאַרלאַנגט עפּעס, האָט זי געפרעגט מיט הכנעה:

— איר דאַרפט עפּעס ?...

אָבער די עלטערע מיידל האָט שוין פריינטלעך געשמייכלט צו באַשקע׳ן און זיך אָפּגערופן:

— ניין, איך פאַרלאַנג גאָרניט... איך בין צופרידן וואָס איר נעמט שוין געלט... איר זיינט שוין אַ פאָלגע שנידערין...

געקומען צו דער אָרעמער קרובה, וואָס האָט זיך שוין געגרייט צו ליכט־צינדן, האָט נאָך באַשקע באַוויזן צו דערלאַנגען איר דעם רובל...

דער קרובה׳ס פּנים האָט אויפגעלויכטן. ניט געהאַט קיין העזה צו־צונעמען ביי איר דעם ערשטן רובל, האָט זי זיך שוין שבת׳דיק און קרובה׳דיק אָנגערופן:

— נו, האַלט עס דערווייל ביי זיך...

אָבער באַשקע, אַ גערירטע פון דער קרובה׳ס גוטסקייט, און זי אַליין האָט זיך שוין מיט׳ן רובל אָנגעשפּילט — האָט זיך געבעטן:

— ניין, דער רובל קומט אייך. איך וועל אייך יעדע וואָך אָפּגעבן... עס קומט אייך... — און זי האָט דעם רובל אַוועקגעלייגט אויפ׳ן שבת׳דיקן טיש, וואו עס זיינען שוין געלעגן צוויי אָרעמע חלה׳לעך...

די קרובה, שוין יאָרן אַן אלמנה, וואָס האָט זיך און אירע קינדער געשפּייזט מיט דעם, וואָס זי האָט געהאַנדלט מיט אַלטע קליידער אויפ׳ן „נייעם מאַרק", האָט דעם רובל צוגענומען, באַהאַלטן ערגעץ אין אַ שופלאַדל פון דעם אַלטן קאָמאָד, דער איינציקער שענערער שטיק מעבל אין דער אָרעמער דירה, און זי האָט נאָכדעם זיך אָנגערופן:

— וועסט זיך מוזן מאַכן אַ ניי קליידל...

באַשקע האָט דערפילט אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט צו דער אָרעמער קרובה.

און זי האָט דערפאַר זיך גענומען צו עפּעס אַן אַרבעט, וואָס איז נויטיק אין שטוב...

***

אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן אויפ'ן צווייטן יאָר און באַקומען יעדע וואָך דעם רובל, האָט שוין באַשקע אָנגענומען צוריק איר פריערדיקן געמיט און איז געוואָרן שטיל און הכנעה'דיק ווי געוועזן. אין דעם מייסטערסקאַיע איז שוין אָנגעקומען אַ צווייטע מיידל אויף אַ יאָר אָן געלט, אָבער די איז געווען אַ היי־געבוירענע, אַ גרויס־שטאָטישע און אַ געבאַלעוועטע אין דער היים. מיט איר צו שאַפן זיך האָט מען ניט געקענט. אפילו די באַלעבאָסטע פון דער מאַסטערסקאַיע האָט פאַר איר, דער דאָזיקער לערן־מיידל געהאַט אַפּשיי... איז אויף צו פאַלגן אַלץ געבליבן באַשקע. די מיידלעך האָבן זיך אויך געשאַפן מיט באַשקע'ן...

— באַשקעלע, נאַ דיר אַ קאָפּיקע, גיי אַרויס אין קרעמל און ברענג מיר אַן עפּל... עס ציט מיר עפּעס אין האַרצן...

אודאי וועט באַשקע פאָלגן, ווי דען? זי האָט נאָר מורא, אַז די באַלעבאָסטע זאָל ניט דערזען. ווייל אַרויסגיין אין מיטן דער אַרבעט עפּעס קויפן, כאָטש דאָס קרעמל איז דערביי, טאָר מען ניט... אָבער זי גייט אַרויס שנעל, אומבאַמערקט און טראָגט אַריין, ווי בשתיקה, דעם עפּל און גיט אים איבער דער שניידערין... יענע באַדאַנקט אפילו ניט...

באַשקע איז אָבער צופרידן. קיין דאַנק פאַרלאַנגט זי ניט. עס איז איר סיי ווי סיי אַ פריד צו זיין מיט אָט די מיידלעך. זיי זיינען אַלע אַזעלכע פריי־ליכע, און אפילו די עלטערע שניידערין איז אויך ניט קיין אומעטיקע. אויב מען זינגט אַ ליד, ווען די באַלעבאָסטע איז ניטאָ אין דער מאַסטערסקאַיע, זינגט די עלטערע שניידערין מיט...

באַשקע אַליין זינגט ניט. זי ווייסט אַפילו ניט צי זי קען זינגען... זי וואָגט ניט אויפצוהויבן איר קול, און אַליין מיט זיך איז זי קיינמאָל ניט... ביי טאָג אין מאַסטערסקאַיע און אין אָוונט ביי דער אָרעמער קרובה... דאָרטן וועט זי אודאי ניט זינגען... סיידן די צייט ווען זי גייט פון דער אַרבעט; וועט זי דאָך אין גאַס ניט זינגען. אַז זי דערפילט זיך אַמאָל צופרידן, שמייכלט זי. דאָס שמייכלט זי צו זיך אַליין. זי ווערט דעמאָלט ווי צווי. איינע זי אַליין און די צווייטע — איר חברטע, אין איר אַליין... באַלד אָבער כאַפּט זי זיך, אַז

זי איז איינע אַליין, און איר ברוין־קיילעכדיק פּנימל ווערט ווי פאַר־וואַלקנט.

נאָר אָט הויבט מען אָן אין דער מאַסטערסקאַיע זינגען אַ ליד, וואָס זי וואָלט זיך דאָס גוואַלדיק געוואָלט אויסלערנען און אויך מיטזינגען אָדער זינגען אַליין... עס איז אַ ליד, וואָס רעדט צו איר האַרצן, אי דער ניגון, אי די ווערטער... דער ערשטער „פּערז" איז גאָר שיין: איר אַרבעטער־פרויען, איר פרויען, וואָס אַרבעטן אין שטוב און פאַבריק...

אָבער זי הערט מער זיך צו. און צוהערנדיק זיך לערנט זי זיך אַזוי אויס דאָס גאַנצע ליד... דאָס ליד זינגט שוין אין איר...

ביז איינמאָל — נאָכדעם, ווי זי האָט שוין געקענט דאָס גאַנצע ליד אויסנווייניק, און אין מאַסטערסקאַיע האָט מען שוין אָנגעהויבן זינגען אַ צווייטע ליד, אַ נייערע — האָט זי דערהערט, אַז די אַלע צוועלף מיידלעך אין מאַסטערסקאַיע, שוין מיט איר איינאיינעם, וועלן אויפהערן צו אַרבעטן. די מיידלעך, פריילעכערע, ווי שטענדיק, רעדן וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס זי קען נאָך ניט באַנעמען מיט'ן קאָפּ, אָבער זי פילט עס מיט'ן האַרצן...

מען אַרבעט צופיל שעה'ן אַ טאָג, און די באַלעבאָסטע לאָזט ניט הויבן דעם קאָפּ, און צאָלן צאָלט זי ניט ווי געהעריק, וויפל עס קומט... און נאָך טענות, וואָס באַשקע, די שטילסטע אין מאַסטערסקאַיע, פאַרשטייט זיי און זי גיט אין האַרצן געדעכט... זי וואַרט נאָר וואָס דאַ וועט זיין... אַוודאי וועט זי טאָן וואָס אַלע מיידלעך אין מאַסטערסקאַיע וועלן איר זאָגן... אַביסל וויסט זי שוין אַליין...

מ'האָט זיך שוין צונויפגעקליבן ביי איין מיידל אין צימער... איר, באַשקען, האָט מען אויך מיטגענומען... זי האָט זיך געפילט גוואַלדיק דערהויבן... דאָס ערשטע מאָל איז זי מיט די מיידלעך ניט אין דער מאַסטערסקאַיע, נאָר ווי אַ געלאַדענע, ווי אַ חברטע, וואָס קומט צו זיי צו גאַסט...

אין אָט דעם גרויסן צימער, ערגעץ אין אַ הויז, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פאַרוואָרפענער גאַס, און געגאַנגען אַהין איז מען איינציקווייז, אַזוי האָט מען אַלעמען אָנגעזאָגט און איר אויך, האָבן זיך אין אָוונט אַלע צונויפגעקליבן. ס'איז אויך געקומען אַהין אַ בחור, וואָס זי זעט אים דעם ערשטן מאָל אין איר לעבן... אַ שטרענגער אַזאַ, מיט אַ טשופּרינע, וואָס ווען ער זאָגט עפּעס, וואַרפט זיך די טשופּרינע אין בידע זייטן פון זיין גרויסן שטערן. זיין פּנים אָבער איז

אַן אַנגעגעמס... באַשקען געפעלט שטאַרק זיין פּנים... זי פילט, אַז ער איז אַ גוטער פריינט און מיינט בלויז זייער טובה...

ער איז דאָס, ווערט זי אין פאַרלויף פון דעם ערשטן אָונט געוואויר, דער אַגיטאַטאָר. ער לערנט ווי אַזוי אויסצופירן... ער רעדט וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז שווער אַלץ צו פאַרשטיין, נאָר עס איז געננג אַ וואָרט, וואָס איז איר באַקאַנט, וואָס ער זאָל איר די פראַגע מאַכן קלאָר.

ס׳איז ענדלעך פשוט און פּראָסט: אַ סטרייק! און אַלע דאַרפן שטימען דערפאַר. און זי, באַשקע, אויך. זי דאַרף אויך הויבן איר האַנט.

אַ שאלה צי זי וועט הויבן איר האַנט! און דאָס איז שוין ניט שייך פאַלגן, וואָס מען הייסט...

איר האַרץ פילט זיך אַן מיט אַ נייעם, קיינמאָל ניט דורכגעלעבטן מוט אַזאַ. זי הויבט די האַנט הויך, זי שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, מען זאָל זען איר האַנט און ציילן איר האַנט אויך.

איצטער האָט זי שוין פאַר דער באַלעבאָסטע קיין מורא ניט געהאַט. און פאַלגן, הייסט עס, וועט זי איר ניט דאַרפן.

איצט, אויב זי פאַלגט וועמען איז עס דעם בחור, דעם אַגיטאַטאָר. זי ווערט אָבער געוואויר, אַז אָט דעם בחור איז ניט שייך פאַלגן. מען ווייסט אפילו ניט ווי מען רופט אים ריכטיק מיט׳ן צווייטן נאָמען. און מען רופט אים טאַקע מיט׳ן ערשטן נאָמען — איסאַק... חבר איסאַק... אַזוי ווי איר אַליין רופט מען בלויז באַשקע... ער, אָבער, אָט דער בחור, ווערט זי שוין געוואויר, געהערט צו אַזאַ חברה פון אַרבעטער, ייִדישע אַרבעטער. די חברה הייסט „בונד״. און ווער עס געהערט צו דער חברה הייסט אַ „בונדיסט״, און אַ מיידל, צי אַ פרוי, הייסט אַ „בונדיסטקע״.

פון הייַנט און ווייטער וועט זי שוין הייסן באַשקע די בונדיסטקע.

און ס׳איז אַ גליק געווען, וואָס אין דערהיים, אין דעם קליין שטעטל האָט זי זיך אויסגעלערנט לייענען עברי. קען זי שוין, אַז זי וויל, אויך לייענען אויף יידיש. די ערשטע צייט איז איר געווען שווער, ס׳איז געווען ביכעלעך און בלעטעלעך כמעט אָן נקודות. די בלעטעלעך הייסן פּראָקלאַמאַציעס — און עס זיינען געווען שווערע ווערטער, אָבער זי האָט באַלד די אַלע ווערטער באַנומען און זיי שאַרף אַרויסגערעדט: פּראָקלאַמאַציע, אַגיטאַציע, עקספּלואַ־טאַציע...

און שפּעטער פון אַלע נעמען האָט פאַר איר געקלונגען דער נאָמען בונד.

אויף יעדן בלעטעלע פון אויבן: דער יידישער אַרבעטער־בונד פון רוס־לאַנד, פוילן און ליטע.

און אַז דער סטרייק ווערט געוואונען, באַקומט שוין באַשקע צווי רובל די וואָך, און אַרבעטן אַרבעט זי בלויז עלף שעה. אַזוי ווי עס איז זומער, קומט איר אויס גיין פון דער אַרבעט ווען ס'איז נאָך ליכטיק. ס'איז נאָך דאָ אַביסעלע זון אין סאַמע מיטן גאַס, וואו ס'איז ניט פאַרבויט אַנטקעגן מיט אַ צו הויכן מויער און ס'איז דאָ אַ ליידיקער פּלאַץ, וואָס מען וועט נאָך ערשט פאַר־בויען.

*****

באַשקע וואוינט שוין ניט ביי איר קרובה. ס'איז אַ סברא, אַז אַ שפּיאָן קוקט איר נאָך... מען איז דערגאַנגען, אַז זי איז אַ בונדיסטקע. וואוינט זי שוין אין אַ באַזונדערן צימערל אין אַ זייטיק געסל, וואס קיינעם וועט ניט איינפאַלן, אַז דאָ ערגעץ וואוינט אַ בונדיסטקע. און אַז זי גייט אַהיים, נאָך דער אַרבעט, גייט זי שוין אַזוי פאַרזיכטיק, קוקט זיך אַלע ווײַלע אַרום, צי גייט איר ניט ווער נאָך.

אין איר קליין צימערל קומט שוין אַמאָל חבר איסאַק. ער קומט צו איר אַן ערנסטער, אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטיפטער אין זיך. ביים קומען דערלאַנגט ער איר די האַנט, ווי אַ חבר'טע, ווי פון איין פאַרטיי, צו וועלכער בײדע געהערן גלייך, צום „בונד". ס'איז אַ נאָמען, וואָס זינגט.

ער גיט איבער באַשקע'ן עפּעס אַ פּעקעלע. זי ווייסט שוין. דאָ ליגן דינע ביכעלעך. ער זאָגט איר אַן ווי אַזוי עס צוצוטיילן.

אודאי וועט זי פאָלגן. אָבער דאָס פאָלגט זי ניט איסאַק'ן — דאָס פאָלגט זי דעם „בונד", און זי אַליין געהערט דאָך צום „בונד". קומט דאָס אויס, אַז זי טוט דאָס אויך פאַר זיך...

*****

און וואָס וועט זי לייקענען? זינט זי איז געוואָרן אַ בונדיסטקע, איז אין מאַסטערסקאַיע גאָר אַן אַנדער לעבן. מען אַרבעט פרייער, די באַלעבאַסטע אַליין, כאָטש בייז, וואָס די שניידערינס האָבן אויסגעפּירט, וואָגט שוין אָבער ניט צו באַליידיקן, אַנצושרייען, און צו שאַפּן זיך. אַ לערן־מיידל ווערט גלייך אַריינגענומען אין „בונד". און טאָמער איז זי נאָך צו יונג, נעמען זיך

פאַר איר די שנידערינס סיי־ווי־סיי אָן. ביז זי וועט זיך אַליין „אַנטוויקלען און ווערן באַוואוסטזיניק“ און דערגיין איר מאַכט.

פונקט ווי עס איז דערגאַנגען די שטילע באַשקע. און באַשקע לערנט טאַקע דער לערן־מיידל ווי אַזוי ניט צו פאַלגן דער באַלעבאַסטע פון דער מאַסטערסקאַיע.

— דו דאַרפסט פאַר איר גאָר קיין מורא ניט האָבן...

און זי שמייכלט צו דער לערן־מיידל מיט אַ שמייכל פון אַ דערהויבענער, פון איינער וואָס האָט דערגרייכט און וועט נאָך דערגרייכן...

און דאָס לערן־מיידל טוליעט זיך צו באַשקע׳ן ווי צו איינער, וואָס וועט זי שיצן פון דער שטרענגער באַלעבאַסטע.

# אַנהויב פֿרילינג

דאָס וואָס באַדעוויטש איז, ווערליק דער „עלטסטער" פֿון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין שטעטל, געווען אַ קעגנער פֿון דעם פֿרומען קלאַס, איז אוודאי ביי זיינע אָנהענגער — דאָס רוב באַלעבאַטישע ייִדישע טעכטער — ניט געווען קיין וואונדער. עס האָט זיי, פֿאַרקערט, געוואונדערט, וואָס אין די ערב־פּסחדיקע טעג איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער באַדעוויטש. וועגן פֿאַרליבט איז דאָך ניט שייך צו ריידן — פֿאַרליבט איז ער דאָך אייגנטליך אין דער גאַנצער מענטשהייט, גייען דאָך שוין אין דער מענטשהייט אַריין אָט די אַלע, אפילו די פֿרומע ייִדן אויך — איז דאָך אידאַ, פֿון דעם דערפֿל יעראַשקינקע, וואָס געפֿינט זיך אינגאַנצן אַ צווי ווערסטלעך פֿון שטעטל אוודאי אים נאָענט און ליב אין אָט די ערב־פּסחדיקע, פֿרילינגדיקע טעג, בפֿרט אַז אָט־באַלד־באַלד, איז שוין אויך דער ערשטער מאַי... און קיינער קען נישט וויסן מיט וואָס ער פֿרייט זיך אַזוי, צי מיטן פּסח, וואָס קומט פֿריער אַביסל, צי מיטן ערשטן מאַי, וואָס קומט עטוואָס שפּעטער אָן...

האָט באַדעוויטש אָפֿיציעל קעגן דעם יום־טוב פּסח נישט אַרויסגעטראָטן חלילה... אַז די יונג־בלינדיקע אידאַ האָט דערציילט אין באַדעוויטשעס קאַמערל, וואו די פּני פֿון דער „אָרגאַניזאַציע" האָבן זיך פֿאַרקליבן, ווי אַזוי איר מאַמע האָט שוין אָפּגעבאַקט די מצה, און זי האָט שוין טאַקע געגעסן מצה, און ס'איז געשמאַק, האָט באַדעוויטש דערוויל אין אַ וויץ געבעטן, אַז זי זאָל אים ברענגען אַביסל מצה, ווייל אויך ער האָט ליב מצה... האָט שוין אידאַ, אַ שטאָלצע אי מיט איר דאָרפֿישקייט, אי מיט איר בילדונג, געשפּאַסט:

— וואָס זיינט איר אַ פֿריץ, מען זאָל אייך טראָגן מצה אין שטוב אַריין? איר זיינט דאָך אַ ייִד, ווי מיר אַלע...

— אַ ייִד, אַ ייִד, האָט באַדעוויטש אי געשפּאַסט אי געמיינט אין ערנסט.

און איז טאַקע באַלד ערנסט געוואָרן...

ס׳איז געווען אַ וואָך פאַר פסח, אין אַן אָוונט, ווען עטלעכע פון די נאָענטערע פון דער באַוועגונג האָבן זיך ביי אים אין צימערל צונויפגעקליבן — דאָס רוב מיידלעך, ווייל די בחורים, די אַרבעטער, דאָס רוב שניידער און שוסטער, וועלכע מען האָט אין פאַרלויף פון ווינטער אַגיטירט, זיינען געווען פאַרנומען ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי זייערע באַלעבאַטים צו העלפן פאַרטיק מאַכן די אלערליי באַשטעלונגען אויפן געהויבענעם יום־טוב... און באדעוויטש האָט זיך אָנגערופן:

— מילא, — פסח איז פסח — מיר קענען דערווייל גאָרניט אויפטאָן... אין די „פּאַדריאַדן" אַרבעטן די וועלגערנס, די רעדלער און די „שיבערס" צו זעכצן שעה אַ טאָג און נאָך מער... ביי די שניידער — אויך אַזוי... מען דער־ציילט מיר — האָט באַדעוויטש ווי אויפגעוואַכט מיט נייע גבורה — אַז ביי נאָטע איצעס אַרבעט מען אָן אָפּשטעל... אַ גליק, וואָס ביי אים אַרבעטן צווי זין אייגענע — ווייסן מיר נאָך ניט דעם דין, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט אַזאַ באַלעבאָס... אָבער האַנדלען מוז מען דאָך גלייך, ווייל נאָך פּסח ווערן זיי דאָך אַלע, די באַלעבאַטים — די שניידער און די שוסטער און די אַנדערע — צוריק אָרעמע לייט און דאַנקן גאָט, אַז זיי האָבן עפּעס אַרבעט... נו, איז וואָס קענסטו דעמאָלט טאָן מיט זיי... אַזאַ לאַגע האָט קענטיק, מאַרקס ניט פאָרויסגעזען, נישט געוואוסט, און פּלעכאַנאָוו — אויך נישט... און אפילו אונדזער גרויס־שטאָטישער הורוויץ „פּריוויזער", וואָס אַרבעט דאָ אין אַפּטייק — אַ גאַנצער קענער אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע — פרעג אים בחרם וועגן אַזעלכע שאלות...

ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי זיך אָפּגערוט, אַ שמייכל געטאָן און ווידער גערעדט, ווי פאַר אייגענע:

— אָבער יום־טוב אין יום־טוב... בפרט פסח... גאַנצע אַכט טעג. צייט איז דאָ גענוג... און מען גייט איינע צו די אַנדערע אויף כיבוד... נו, פרעג בחרם דעם זשאַנדאַרם, צי דעם אוראַדניק, צי דעם סטראַזשניק און דעם פּריסטאַוו אפילו — וואוהין מען גייט עס אויף כיבוד צי אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגן ערשטן מאַי...

דאָ האָט שוין די יונג־פרילינגדיקע אידאַ זיך אָפּגערופן, ווי זי וואָלט זיך צעזונגען:

— מען זאָל טאַקע קומען צו מיר — צו מיינע עלטערן — נישקשה... זיי אַרט נישט קיין סאָציאַליסטן... מיין מאַמע וועט זיי מכבד זיין. ביי דעם

זשאַנדאַר צי דעם סטראַזשניק, וועט דאָס הייסן, אַז געסט זיינען געקומען אויף יום־טוב... און ווי ווייט איז פון אונדז דער וואַלד? און דער וואַלד איז שוין גרין... איך קען אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון אים — איך האָב שוין דאָרטן אויס־געזונגען אַלע אונדזערע לידער, און דער עכאָ האָט אַזוי וואונדערלעך זיי אָפּגעקלונגען, אַז ווי עס וואָלט צוגעוואונטשן, אַז אַזוי וועט טאַקע זיין...

— אידאַ האָט זיך שוין אַריינגעלאָזט אין דער פּאָעזיע... — האָט באַדעוויטש, אַליין אין דער שטיל אַ ליבהאָבער פון פּאָעזיע — גוטמוטיק געשפּאַסט... ער איז אָבער באַלד ערנסט געוואָרן און זיך העכער אָנגערופן, בליקנדיק צו אידאַן מיט אָנערקענונג און מיט העכערן מין פּאַדערונג:

— וועגן אַ סכאַדקע ביי אייך אין וואַלד — אוודאי... וועגן אַ כרעמזל — האָט ער שוין זיך צעשמייכלט — וואָס אייער מאַמע וועט מכבד זיין, איז אוודאי אי אָנגעלייגט, אי אַ גוטער מיטל פון קאָנספּיראַציע... פאַר אונדז איז אָבער וויכטיק אין „שטאָט" גופא האָבן עטלעכע „מיטינגען", „צונופקומענישן", פאַר־זאַמלונגען עס זאָל טאַקע הייסן געקומען אויף כיבוד און דערוויילע זאָל מען עפּעס אויפטאָן פאַר דער „זאַך" גופא, פאַר דער באַוועגונג, און טאַקע זען, אַז אפן ערשטן מאַי זאָלן זיין גרייט וואָס מער מענטשן, צי פאַר אַ דעמאָנס־טראַציע, צי פאַר אַ סכאַדקע, נאָר וואָס מער אָנהענגער. — און נישט דווקא מוזן אַלע זיין בעלי־מלאכות, אַרבעטער... אַ מיידל, וואָס אַרבעט אין אַ שניט־קראָם פאַר צווי גילדן אַ וואָך און גיט עס אַוועק — האָט ער מיט אַ זיפץ צוגעגעבן — איר אַרעמען טאַטן, איז אויך אַ אונדזעריקע... זי געהערט צו אונדז... זי וועט אונדז אויסהערן, זי וועט אונדז גלויבן, און פון אונדזערער אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס מיר דאַרפן באַקומען די טעג — אַרום חול־המועד פּסח — קען זי אויך עפּעס געוואויר ווערן, און אויפפלאַמען זיך פאַר דער אידייע...

און פאַר די פאַר באַלעבאַטישע מיידלעך, וואָס זיי האָבן געדינט אין דער אָרגאַניזאַציע אַלס די אינטעליגענץ, האָבן פאַרגעשוועבט די פּענימער פון די מיידלעך אָנגעשטעלטע אין די שניט־קראָמען... איינע פון זיי, חוה ראַבינאָ־וויטש — וואָס אירע עלטערן האָבן טאַקע געהאַלטן אַ גרעסערע שניט־קראָם און אין שניט־קראָם האָט אַרויסגעהאָלפן חייקע זעלדעס, אַ יונג מיידל, אַ חנעוודיקע אַ קלוגס, מיט צווי שוואַרצע ברענענדיקע אויגן — האָט זיך גרויסמוטיק געמאַלדן צום וואָרט:

— יאָ, חבר באַדעוויטש, איר זיינט גערעכט. אַט די מיידלעך, די אַרויס־העלפּערנס אין די קראָמען, זיי פאַרזעט מען אינגאַנצן... איז וואָס מיינט איר

ווערט פון זיי? זיי זאַמלען אַן אַביסל געלט צושטייער אויף אַן „אויסשטייער" און — פרעגט זיי בחרם פּאָליטישע עקאָנאָמיע — האָבן אָדער חתונה מיט אַבי אַ בחור, מעג זיין אַ באַלעבאַטישער גאַרנישט, אָדער זיי פֿאָרן אַוועק אין אַמעריקע...

האָט שוין באַדעוויטש זיך געפילט וויכטיקער ווי פריער; דאָס האָט געהייסן, אַז ער האָט אָנגערירט דעם ריכטיקן פונקט. חוה ראַבינאָוויטש איז געווען די הויך־אינטעליגענטקע, זי האָט געקענט קאָראָלענקאָס „פּייערלעך" אויף אויסנ־ווייניק, און נאַדסאָנס ליד: „ברודער, מיין לײדנדיקער ברודער!" האָט זי דעקלאַמירט אַזוי, אַז אפילו די פּאָר אַרבעטער, וואָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען קיין רוסיש, האָבן געוויינט די אויגן פון גרויס מיטגעפיל. הערנדיק עס, און אפילו זי, הייסט עס, שטימט איין וועגן דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען דאַרף דעם יום־טוב שענקען די אַרויסהעלפערנס אין די קראָמען...

און דאָס, וואָס ביי אירע עלטערן אַליין געפינט זיך אַזאַ מין אַרויס־העלפערן, און זי איז דערפֿאַר, האָט איר נאָך געשטעלט סיי אין דיינע, באַדע־וויטשעס אויגן, סיי אין די אויגן פון די עטליכע פֿאַרזאַמלטע, ווי אַ גרויסע קעמפּערין און אידעאַליסטקע...

אמת, זיי האָבן שוין געוואוסט פון דער געשיכטע פון די באַוועגונגען פּאַסירונגען, וואו קינדער פון בורזשואַזנע עלטערן האָבן זיך געשטעלט אין קאַמף פֿאַר די אַרבעטער — קעגן די אינטערעסן פון זייערע אייגענע טאַטע און מאַמע...

דערפֿאַר קומט חוה ראַבינאָוויטש נישט קיין דאַנק...

אידאַ פון דעם דאָרף יעראַשעווינקע האָט זיך שוין דערמאָנט, אַז די שטוב־מיידל ביי זיי — אַ קריסטלעכע, אַ דאָרפישע — איז אַגיטירט, ווי זי, אידאַ אַליין, און זי עסט ביי איין טיש מיט זיי אַלעמען, און די שעהן וואָס זי אַרבעט איז פונקט ווי אין אַ פאַבריק, וואו מען האָט געסטרייקט און געזיגט, און איר געהאַלט — איז נישט שייך — וויפל זי דאַרף און וואָס זי דאַרף...

— און טאָמער גלויבט איר מיר נישט — האָט אידאַ חנעוודיק און ווי עטוואָס טראַציק אָנגעבליקט די פֿאַרזאַמלטע — ברענג איך איך זי דעם קומענדיקן מאָל צו אַ פֿאַרזאַמלונג, און איר וועט זען און הערן ווי זי לייענט אַ פּראָקלאַמאַציע און ווי זי דעקלאַמירט אַ רעוואָלוציאָנערע רוסיש ליד. איר וועט הערן...

באַדעוויטש, קענענדיק די אַלע חנעוודיקע שוואַכקייטן פון דעם שיינעם

מין, פון זיינע תלמידות און חברות, האָט צוגעשמייכלט, און זיך אָנגע־רופן:

— מיר גלויבן אייך, אידאַ; וואָס דען, חלילה, נישט? — אוודאי. אָבער בעסער ברענגט זי נאָך נישט — צוליב קאָנספּיראַציע... וויבאַלד מיר ווילן פּסח אויסנוצן פאַר אַגיטאַציע און פאַרזאַמלען זיך, ווי מיר וואָלטן כלומרשט געקומען אויף פּסחדיקן כיבוד — וועט אַזאַ אָנטיילנעמערן וואָרפן אַ חשד... מיר דאַרפן זיין זייער פּאָרזיכטיק...

אידאַ האָט אָבער פאַרגעשלאָגן די זאַך צום אָפּשטימען.

די איבעריקע האָבן אַלע געשטימט דאַקעגן... דאַן האָט אידאַ, אַ לוסטיקע, ווי זי איז געווען אין איר נאַטור, זיך צעלאַכט. איר געלעכטער האָט געקלונגען ווי גלעקל אין דעם קליינעם צימערל און האָט ווי אָנגעזאָגט ניי־לעבן, יום־טוב און פרילינג..

באַדעוויטש, וואָס איז געווען זייער פּאָרזיכטיק, אַז זיינע געסט זאָלן נישט גאָר צו הויך לאַכן אין זיין צימערל, ווייל די באַלעבאָסטע, ביי וועלכער ער וואוינט, קען אויך עפּעס פאַרדעכטיקן — האָט דאָך אידאַן נישט אויפמערקזאָם געמאַכט אויף איר צו־הויכן און צו־קלינגענדיקן לאַכן...

ער אַליין — צוליב די טאָפּלטע ערב יום־טובדיקע שטימונגען — האָט ליב געהאַט אידאַס פריילעך און לוסטיק לאַכן... עס האָט געוועקט זיין מוט און זיין גלויבן אין דער שיינער צייט, וואָס אָט־אָט און זי קומט אָן אַ ראַזיקע, אַ קלינגענדיקע, אַ זינגענדיקע.

און אידאַ האָט מיט זיך אַליין, מיט איר יונגער פריידיקייט, פּערזאָניפיצירט די נייע צייט — דעם נייעם פרילינג...

# דער דאָפּלטער יום טוב

דער איינציקער יום־טוב, וואָס די יונגע באַלמעלאָכעס האָבן געפּייערט אין משך פון עטלעכע יאָר, און איז שוין געווען באַקאַנט כמעט פאַר אַלע באַלעבאַטים אין שטאָט, איז געווען דער „ערשטער מאַי". דער דאָזיקער „יום־טוב", האָבן די באַלעבאַטים געוואוסט, פאַלט אויס אַרום נאָך פּסח, אַרום סוף חודש אייר; עס איז אַ מין ל"ג בעומר, להבדיל, האָט זיך אַן אַנדערער, אַ ווייצלינג אַ באַלעבאָס, געוויצלט... נישט מער, וואָס ל"ג בעומר גייען די יינגלעך פון די חדרים אין וואַלד אַריין מיט זייערע פייל און בויגנס, און די רביים פון די חדרים פירן זיי אַהין, און ביי זיי, ביי די באַלמעלאָכעס און ביי די וואָס אַרבעטן אין דער שוועבעלע־פאַבריק, גייט די חבֿרה אין וואַלד מיט זייער רבין, זייער פירער באַדעוויטש; און אַנשטאָט פייל און בויגן, נעמען זיי מיט אַזאַ מין רויטע שטאָף, וואָס מען טוט עס אַרויף אויף אַ שטעקן און מען רופט עס די רויטע פאַן... „און אַז גאָט העלפט", פלעגט דער באַלעבאָס, דער ווערטל־זאָגער, צוגעבן, „דערוויסט זיך דערפון דער אוריאַדניק, צי דער זשאַנדאַר, און מען כאַפּט זיי, און די הויפּט־מאַכערס זעצט מען אַריין אין אָסטראָג... און יאַנקל דער שתדלן האָט שוין אַרבעט צו גיין צום פּריסטאַוו, אַז מען זאָל זיי אַרויסלאָזן, ווייל נאָך אַלע זאַכן, מאַכן זיי זיך דאָך מער ניט, ווי נאַריש, ווייטער גאַרנישט — וואָרעם זיי וועלן דען עפּעס אויספירן?"...

דאָס לעצטע פלעגט שוין דער קלוגער באַלעבאָס אַרויסריידן, אַריינ־נעמענדיק די באָרד זיינע אין דער רעכטער האַנט און אָנקוקן דעם עולם, וואָס האָט אים אויסגעהערט, מיט אַ זיגערישן שמייכל; ווייל ווער ווייסט נאָך אַזוי, ווי ער, ווי שטאַרק די מלוכה איז... עפּעס אַ קלייניקייט — פאָניע!...

דערפאַר, אָבער, אַז צו באַדעוויטשעס חבֿרה, וואָס איז דאָס רובֿ באַשטאַנען פון די פועלים ביי די באַלמעלאָכעס און פון די אַרבעטער אין דער שטאָטישער איינציקער פאַבריק, די פאַבריק פון שוועבעלעך, איז אין שטאָט צוגעקומען אַ

צוויטע חברה — די ציוניסטן, וואָס זייער פירער איז שוין געווען יוסף־יודע, אַ שטאָטישער בחור, אַ גרויסער קענער אין לשון־קודש, וואָס האָט אַ פּאָר יאָר צייט שטודירט אין קעניגסבערג אויף ראַבינער — האָבן שוין די סאָציאַליסטן מיט זייער פירער באַדעוויטש געמוזט אויסזוכן נאָך יום־טובים, וואָרעם קאָנקורירן מיט יוסף־יודעס חברה, די ציוניסטן, אין יום־טובים איז אים שוין געווען שווער.

אויך באַדעוויטשעס אַרבעטער־עולם האָט ליב געהאַט אַ יום־טוב...

אָבער באַדעוויטש, דער פירער פון די אַרבעטער, האָט ניט געקענט פּועלן ביי זיך אָנשטאָט צו באַקעמפן די רעליגיע, גאָר צו שטאַרקן זי...

יוסף־יודע, וואָס איז אויך ניט קיין פאַנאַטיקער, טייטשט אָבער אויס די ידישע יום־טובים מיט נאַציאָנאַלן אָנדענקען. פּסח איז דער יום־טוב פון באַפרייאונג; שבועות לאָזט זיך אַפילו ניט אַזוי אויסטייטשן — ס׳שטייט בפירוש „זמן מתן תורתנו״ — אָבער יוסף־יודע מיט זיין גלאַטן צינגעלע מאַכט אַ פשטל: תורה איז בילדונג, קולטור און וואָס דען ניט? וועגן סוכות איז דאָך אָפּגערעדט. ווען דאָס ידישע פאָלק איז געזעסן אויף זיין אייגענער ערד, אין זיין אייגן לאַנד, איז סוכות געווען דער יום־טוב פון איינזאַמלען די תבואות אין די שייערן. מיט אַזאַ יום־טוב איז זיך אַודאי ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. און ראש־השנה איז דאָך אַ יום־טוב פון נייעם יאָר, ווי ביי אַלע פעלקער. אַי, וואָס? יום־כפור איז טאַקע אַ ריין־רעליגיעזער יום־טוב? איז...

דאָ פלעגט שוין יוסף־יודע, אין דער ערשטער צייט, מוזן אַ קנייטש טאָן דעם הויכן, שיינעם שטערן זיינעם. די קנייטשן אָבער האָבן אים געפּאַסט. און קנייטשנדיק אַזוי זיין שטערן, האָט ער אויך יום־כפור פאַרענטפערט: ערשטנס, איז איין מאָל אַ יאָר פאַסטן אַ נויטיקע זאַך פאַרן געזונט... אַזוי זאָגן די נייע גרויסע מעדיצינער... און, צווייטנס, איז איין מאָל אין יאָר אַ „חשבון־הנפש״ אויך זייער נויטיק... און אויב איר ווילט, פלעגט ער שוין דעם „אָפּאָנענט״, באַדעוויטשן טאַקע, אָננעמען פאַרן לאַץ, און זיינע אויגן פלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ פייער פון נצחון, זאָגן מיר אין יום־כפּורדיקע שמונה־עשרה דאָס זעלביקע, וואָס איר: ותעביר ממשלת זדון מן הארץ... עס איז געגנוג רעוואָלוציאָנער...

ער פאַרשטייט זיך, אַז דער סאָציאַליסט און אַרבעטער־פירער באַדעוויטש האָט געהאַט זיינע מיינונגען. און שולדיק קיין ענטפער איז ער יוסף־יודען ניט געבליבן.

אָבער די „מאַסע״, ווי ער האָט גערופן זיינע אָנהענגער, האָט נאָך אַ

יום־טוב אין דער שטיל געבענקט. און אַמאָל טאַקע, ווי אין אַ שמחת־תורה, זיך געריסן אין די בתי־מדרשים צו די הקפות, ביזואוינען די טענץ מיט די ספרי־תורהס... און ניט נאָר די בחורים, אַפּילו די מיידלעך פון זיין חברה זיינען אויך אַלע געקומען.

האָט ער שוין ניט געהאַט קיין ברירה און איז אַליין אויך „צוגעגאַנגען" אַ קוק טאָן... עס האָט געהייסן, אַז ער קומט זען ווי אַזוי דאָס פאָלק פייערט זיין יום־טוב... דער שמייכל איז אָבער ניט אַראָפּ פון זיינע ליפּן; דער שמייכל האָט אים ווי געשיצט פון אַריינגעצויגן ווערן אין דער שמחה...

עס איז אָבער געווען איין יום־טוב, און דוקא אין סאַמע ווינטער, ווען עס וואָלט נויטיק געווען ניט איבערלאָזן אים אינגאַנצן אין די הענט פון זיין געגנער יוסף־יודע, וועלכער נוצט אויס אַט דעם דאָזיקן יום־טוב פאַר אַגי־טאַציע — דאָס איז דער יום־טוב חנוכה...

חנוכה האָט שוין יוסף־יודע געפייערט אויף אַ נייעם שטייגער.

חנוכה איז לויטער נאַציאָנאַל, אַן קיין שום צומיש פון רעליגיע. דעם נס פון דעם בוימל, וואָס אַנשטאָט איין נאַכט האָט עס געברענט גאַנצע אַכט נעכט, וואַרפט ער, אַז ער וויל, אָפּ... דער עיקר איז דער קאַמף פון די מאַקאַבעער, די גרויסע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן די גריכן און זיי באַזיגט...

און מיט זיינע אָנהענגער — און צו וואָס זאָל מען דאָ לייקענען — אויך אָנהענגערינס, כמעט אַלע באַלעבאַטישע מיידלעך פון שטאָט, די ייִנגסטע און שענסטע, לערנט ער שוין נאָך אַ וואָך פאַר חנוכה אַ קאַפּיטל גרעץ.

קיין מורא פאַרן זשאַנדאַרם האָט ער ניט; זיין חברה די ציוניסטישע איז, ווי ער רופט עס אַליין, „לעגאַל". דער זשאַנדאַר, און אַפּילו דער אוריאַדניק, ווייסען עס שוין אויך, וועגן פּריסטאַוו איז אַפּגערעדט. מען דאַרף נאָר מעלדן, אַז מען וועט זיך צונויפקלייבן דאָ און דאָרטן, און די ערלויבניש ווערט גלייך געגעבן. אַוודאי איז דאָס ניט גרינג אָנגעקומען. ביז דער זשאַנדאַר און דער פּריסטאַוו האָבן געקענט אונטערשיידן די צוויי חברות — יוסף־יודעס און באַדעוויטשעס — זיינען ביי זיי די ערשטע צייט ביידע חברות געווען פאַרבאָטן. שוין אַליין דאָס צונויפקומען זיך איז פאַרן לאַנד אַ סכנה... אָבער מען האָט ווי־עס־איז ביי נאַטשאַלסטווע אויסגעפּועלט — מען פאַרזאַמלט זיך.

און וויבאַלד, אַז יוסף־יודעס אָנהענגער .ווייסן שוין די געשיכטע פון חנוכה, פייערט מען שוין חנוכה ווי אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב, מיט אַ גרויסן

חנוכה־אָוונט, אין אַ געדונגענעם זאַל, וואָס אַזאַ זאַל געפינט זיך ביי לאָזער דעם שענקער אין דער „אכסניא".

יוסף־יודע ברענגט אַמאָל אַראָפּ אַ רעדנער פון דער גרעסערער שטאָט. נאָך דער רעדע זינגט מען העברעאישע לידער, און לסוף מאַכט מען אַ סעודה, אַפילו מיט לאַטקעס.

דאָס ציט שוין צו אויך זייטיקע געסט, וואָס זיינען ניט אַהין און ניט אַהער... די שטייען שוין אַרום די ווענט פון זאַל און ווערן דערוויל צוגעצויגן צו דעם נייעם געדאַנק וועגן ארץ־ישראל פאַר ידן און וועגן העברעאיש. פאַרשרייבן זיך אָבער אין דער חברה איילט מען זיך ניט. צווישן די וואָס קומען ניט ווי אייגענע געפינט זיך אויך אַ באַלמעלאָכע, וואָס געהערט צו באַדעוויטשעס חברה, צו די סאָציאַליסטן. ער הערט, קוקט און שוויגט, און אויף מאָרגן דערציילט ער דאָס פאַר באַדעוויטשען, טאַקע ביי באַדעוויטשען אין צימערל.

ביי באַדעוויטש געפינט זיך דעמאָלט די אָנהענגערין זיינע, פאַניע, די טאָכטער פון אַ געוועזענעם גביר, וואָס איז געוואָרן אַ יורד, אָבער די פירונג אין הויז איז נאָך כלומרשט ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן. די דאָזיקע פאַניע ווערט אָן אויפגעקאָכטע. איבערגעגעבן צו דער נייער אידייע, באַדעוויטשעס אַ געטרייע אָנהענגערין, רופט זי זיך אָן:

— אָט מיט די יום־טובים זייערע נאַרן זיי אַריין אויף אונדזערע... מען דאַרף דאָס ניט דערלאָזן.

און זי איז מתיר צו פייערן חנוכה אויף זייער אופן, ווי סאָציאַליסטן...

באַדעוויטש שמייכלט־צו: נאָך אַ יום־טוב בענקט ער אויך, און גרעצן קען ער פּונקט אַזוי ווי יוסף־יודע, און איסער גרעצן קען ער אויך דובנאָוון. אָבער פייערן חנוכה, ווי זיי — די יוסף־יודעס — קען ער ניט, פּאַסט אים ניט... — שוין גיכער, זאָגט ער, וועלן מיר פייערן פורים; פורים איז פּאַרט עפּעס פּראָלעטאַרישעס, פאָלקסטימלעך, ווי מען רופט עס. מיר לייקענען ניט, חלילה, דעם לעבנס־שטייגער, אין אונדזער פּראָגראַם איז דאָ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע — יידישע שפּראַך, יידישע שולן און דאָס גלייכן...

דערהערט אַזעלכע רייד, איז פאַניע נאָך דרייסטער געוואָרן.

— אויב פורים, איז חנוכה אויך אַ יום־טוב פון פאָלק. אָרעמע ווייבער ווייסן בלויז פון באַקן לאַטקעס. אָרעמע יינגלעך שפּילן אין דריידלעך. עלטערע שפּילן אין „דאָמקעס"...

און פּאַניעס פּנים האָט זיך צושטראַלט און זי איז נאָך שענער געוואָרן; אירע שוואַרצע אויגן האָבן געגליט מיט בענקשאַפֿט נאָך יום־טוב...

— נו, יאָ, איז וואו נעמט מען די ערלויבניש? מיר טאָרן דאָך ניט... סיידן דאָ ביי מיר אין צימער. איז וויפֿל מענטשן קענען דען אַריינגיין דאָ? און ווער וועט מאַכן די לאַטקעס? — האָט ער זיך שוין צושמייכלט, און זיין ערנסטער פּנים האָט זיך אויך צעלויכטן...

האָט שוין פּאַניע אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם פּלאַץ און זיך אָנגערופֿן:

— מיר וועלן עס מאַכן ביי אונדז אין דער סאַליע. מיין טאַטע וועט ערלויבן, און די מאַמע — אַוודאי... זינט זיי האָבן פֿאַרלאָרן דאָס געלט, זיינען זיי ניט קעגן אונדז, אַדרבא...

האָט שוין באַדעוויטש זיך אַ פּאָר טעג צוגעגרייט, אַריינגעקוקט אי אין מאַרקס, אין אין גרעץ... פֿון דיביידע „קאָמבינירט" אַ רעדע, צו דער פֿינפֿטער ליכטל, ביי פּאַניעס עלטערן אין דער סאַליע.

אַזייגער אַכט אין אָוונט אין דער באַשטימטער צייט זיינען אָנגעקומען איינע נאָך די אַנדערע די געסט. געקומען איינציקווייז, זיך אומקוקנדיק, צי גייט ניט נאָך אַ פֿרעמדער... ניין אַזייגער איז שוין די גרויסע סאַליע געווען פֿול מיט געסט, די דרייסטערע אַרבעטער און אַרבעטערינס האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם גרויסן קיילעכדיקן טיש, וואָס איז געווען פֿאַרשפּרייט מיט אַ שענער יום־טובדיקער סערוועט. פֿון קיך האָט זיך שוין געטראָגן אין סאַליע אַריין דער אַראָמאַט פֿון די פֿריש־געבאַקטע „לאַטקעס"...

באַדעוויטש איז געזעסן אויבן־אָן און אַלע ווייל אַריינגעקוקט אין פּאַפּיר, וואו ס'איז געווען פֿאַרצייכנט פּונקטן פֿון זיין נייער רעדע. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אָן אָפּגעקילט גלאָז טיי. ער איז געווען פֿאַרטיפֿט.

פֿון קיך איז אַריינגעקומען פּאַניע, אָנגעטאָן אין אַ וואָכעדיקער, אָבער אין אַ שיין־געניייטער קלײדל. איר פּנים האָט אויסגעזען יום־טובדיק. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן באַדעוויטשן, און זיצנדיק זיך געווענדט צו די געסט, וועלכע זי האָט אַלע געקענט מיט די נעמען:

— נו, קינדער, באַלד וועט זיך אָנהויבן די סעודה. די מאַמע, זאָל געזונט זיין, האָט אָנגעבאַקט לאַטקעס גענוג.

פֿון פּאַניעס ווענדונג האָט זיך יעדער פֿון די געסט דערפֿילט היימישער. באַדעוויטש אַליין האָט דאָס פּאַפּיר, וואָס איז פֿאַר אים געלעגן, אַריינגעלייגט, אַ צונויפֿגעלייגטן, אין אַ קעשענע.

די רעדע וועט ער שוין האַלטן אויסווייניק...

און ער האָט דערוויל פאַרגעשלאָגן עפּעס צו זינגען. אָן ארבעטער האָט פאַרצויגן אַ ייִדישן ניגון, אָן ווערטער.

עס האָט אים אָבער קיינער ניט אונטערגעהאַלטן. האָט שוין באַדעוויטש זיך אויפגעשטעלט און שוין געוואָלט אָנהויבן זיין רעדע.

דערוויל איז אַריינגעקומען פון קיך, מיט אַ גרויסן פאַלומעסעק אין די הענט, די באַלעבאָסטע פון הויז, פאַניעס מאַמע — אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ פריינטלעכן אויסדרוק אויפן געקנייטשטן פנים. דערזען דעם עולם מענטשן, האָט זי זיך ווי פאַרשעמט. דערמאָנט זיך אָבער, אַז ס'איז חנוכה און דאָס האָט פאַניע איינגעלאַדן זיי אויף לאַטקעס, האָט זי זיך צושמייכלט, ווי אין אַמאָליקע גוטע יאָרן, ווען צו איר אויף לאַטקעס פלעגן קומען די רייכע געסט און איצט זעט מען זיי ניט אָן — האָט זי נאָך פריינטלעכער ווערנדיק, זיך אָנגערופן צו די אָרעמע געסט:

— עסט געזונטערהייט און זאָל אַייך וואויל באַקומען.

און ווענדנדיק זיך צום מאַן, דעם געוועזענעם גביר, דעם איצטיקן יורד, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל פון סאַליע, האָט זי געזאָגט:

— און דו, אהרן, נעם אויך אַ לאַטקע. עס איז דאָ גענוג.

און ערשט ביי די לאַטקעס האָט זיך באַדעוויטש דערוואַכט און אַנשטאָט האַלטן זיין רעדע, האָט ער זיך צורעדט מיט פאַניעס טאַטן, און דער געוועזענער גביר האָט זיך אָנגערופן:

— חנוכה בלייבט חנוכה: ביי אייך, צי ביי זיי.

דאָס האָט שוין באַדעוויטש ניט געקענט פועלן און אָפּגעענטפערט:

— דער זעלביקער חנוכה, אָבער מיט אַנדערע געדאַנקען. מיט אַן אַנדער אינהאַלט.

אָבער פאַניע, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך, האָט ניט מסכים געווען.

— יום־טוב איז יום־טוב... און דערמיט וועלן מיר אפשר צוציען עטלעכע פון יוסף־יודיס חברה.

האָט שוין באַדעוויטש דערפילט די פליכט פון אַ פירער פון זיין פאַרטיי און שטאָלץ געענטפערט:

— פריער, צי שפּעטער, זיי וועלן אַלע קומען צו אונדז.

און דאָ האָט ער זיך שוין געווענדט צו די אַלע געסט און אָנגעהויבן זיין רעדע מיט זיין שטענדיקן פייער.

האָבן שוין נאָך זיינע רעדע איניקע אָנגעהויבן זינגען אַ ליד, וואָס מען זינגט אויף דעם ערשטן מאַי, ווען מען איז שוין הינטער דער שטאָט. און מען הויבט שוין אויף די פאָן. פאַניע האָט מיטגעזונגען און דער טאַטע אירער האָט בלויז צוגעבאָמקעט און אַריינגעמישט טענער פון דעם ניגון פון אַן אַמאָליקן „הנרות הללו“.

די אַרבעטער־געסט האָבן דאָס אָבער ניט געהערט. ביי זיי איז געווען אַ נצחון, אַז אהרן, דער געוועזענער גביר, איז איצט מיט זיי און זינגט־מיט... און זיין טאָכטער, פאַניע, איז שוין מיטן גאַנצן האַרצן זייערע.

# יונגע גבאַ׳טע

אויב די יידן פון דער נייער צייט האָבן, אמת, מיט אַ פּאַרשפּעטיקונג, ווי די מאָדעס, אַריינגעדרונגען אין שטעטל, קען מען אָבער ניט זאָגן, אַז זיי האָבן די פריערדיקע מנהגים און לעבנס־שטייגער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט. די נייע יידן האָבן מער דאָס פריערדיקע געענדערט, איידער אָפּגעשאַפט. דער אַלטער מין מגיד, וואָס האָט געזאָגט מוסר און געמאָלט דעם גיהנום, האָט שוין ניט געהאַט געגוג בעלנים אים צו הערן און דער בית־מדרש איז ביי זיין דרשה געווען מער ווי האַלב ליידיק. דערפאַר אָבער האָט שוין דער נייער מין מגיד, וואָס האָט גערעדט וועגן ארץ־ישראל און געמאָלט די קאָלאָניעס — ער האָט שוין אין די געשריבענע מודעות אויף די ווענט פון בית־מדרש געהייסן „מטיף״, אָדער נאָך העכער — רעדנער — פאַרלאָקט אין בית־מדרש אַלט און יונג. אַוודאי זיינען די עלטערע יידן ניט געווען צופרידן. ניט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָבן זיי פאַרשטאַנען און דעם ניגון ביים זאָגן האָט ער כמעט אינגאַנצן אָפּ־געשאַפט, סיידן ביי אַ פּסוק פון ישעיה, וואָס ער האָט שוין כלומרשט געמוזט צוזינגען, אָבער ווי קומט עס צום ניגון פון דעם מין מגיד, וואָס האָט געזאָגט מוסר?

אָבער אינגאַנצן אָפּגעשאַפט איז דער מנהג צו גיין הערן אַ מגיד ניט געוואָרן. עס איז נאָר געענדערט דער נאָמען, ער הייסט מטיף, און דער ניגון. אַוודאי האָבן אַ סך פון עלטערן דור געבענקט נאָך יענעם מין מגיד, דעם מוסר־זאָגער — און אין די נייע צייטן איז דאָך אַביסעלע מוסר אַזוי נויטיק; די יונ־געלייטלעך זיינען שוין גאָר אויסגעטאָן פון יידישקייט. אָבער אַז אַזאַ מין מגיד האָט נאָך אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט, זיינען זיי שוין אַליין, די עלטערע יידן, געווען קנאַפּע בעלנים צו הערן אים. עס האָט זיי שוין ניט געגומען ווי אַמאָל. און דער אַלטער מין מגיד אַליין וואַרפט שוין אויך אַריין אַ ווערטל, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ היינטיקן. אויך די משלים צו אַ בן־מלך, אָדער צו אַ רייכן אָרעמ־

דאַר, אָדער צו אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ אינדזל, האָט ער פאַרביטן אויף מער היינטיקע. האָט עס ערשט ניט געגומען דעם עלטערן עולם. אויב נייע, וועלן זיי שוין בעסער הערן דעם שפּאָגל־נייעם — דעם מטיף.

אָבער אַן „זאָגער" איז דער עולם ניט געבליבן. איז אַ ניי־מאָדנער מגיד, אַ מטיף — די וועלט גייט ניט אונטער... ס'ענדערט זיך נאָר, הייסט עס. נו, איז קען מען דערצו ניט העלפן...

שוין מיט די צוויי רבנים אַליין איז ניט דאָס... דער רב איז שוין ניט נאָר אויף פּסק'ענען שאלות — עפּעס טרעפן זיך די שאלות שוין זעלטענער, און ניט אפילו אויף בוררות — אויסגלייכן צוויי ייִדן אין אַ מחלוקת וועגן געלט־ענינים — נאָר אַ רב מישט זיך שוין גאָר אין קהלשע ענינים און אין פּאָליטיק, ווען ס'איז נוגע דעם כלל־ישראל. איינער פון זיי, דער ייִנגערער, קומט אפילו אַמאָל הערן אַ נייעם מין מגיד, אַ „מטיף", הייסט עס.

ווערט, חלילה, דער רב ניט אויס רב, נאָר אַן אַנדער מין רב. ער איז אויך אַ פירער, אויף זיין שטייגער — אַן עצה־געבער.

דער עלטערער רב, פון דעם אָרעמען צד, מער פון די בעלי־מלאכות און אַזוי אָרעמע האָרעפּאַשנע ייִדן — ער ווייסט שוין אפילו, אַז עס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט... ס'איז אַ סברא, אז אויך דאָ אין שטאָט גופא זיינען פאַראַן אַזעלכע, פון די ייִנגערע בעלי־מלאכות און פון די געבילדעטערע, וואָס ווילן אָפּשאַפן די מלוכה און דאָס געלט. דאָס געלט וואָלט אים אפשר ניט געאַרט, אַדרבה, ס'וואָלט געווען טאָקע גוט. נאָר ווי אַזוי וועט מען קענען אויסקומען אָן אַ מלוכה? אָבער ער ווייסט, אַז עס טוט זיך עפּעס און זאָגט ניט יאָ און ניט ניין. ער פאַרלאָזט זיך אויף דער צייט. ער האָט גאָר מורא, אַז זיין טאָכטער, די ייִנגסטע, וואָס איר איז שוין אויך צייט חתונה צו מאַכן — ער שרייבט טאָקע איצט אַ „חיבור" און האָפט אים צו לאָזן דרוקן און צושיקן צו די גבירים, צו קריגן אויף נדן פאַר איר — אַז זי, דינה, איז אויך מיט זיי. מען האָט זי פאַרמסרט פאַר אים, נאָר ער שווייגט.

אָבער רב איז ער נאָך און די שכירות באַקומט ער די זעלביקע. אמת, שוין אויף אַן אַנדער וועג, אויף אַ נייערן, אָבער אַן אָרעמאַן איז ער דערזעלביקער. פון אַלע זין זיינע וועט הלואי זיין בלויז איינער אַ רב, די ייִנגערע צוויי, נאָך בחורים, רייסן זיך גאָר קיין אַמעריקע.

אַז מען שמועסט, אַז די וועלט ענדערט זיך...

אַבער אונטערגיין אינגאַנצן גייט גאָרנישט אונטער. איז דאָס נאָך אַ שטיקל טרייסט.

עס ענדערט זיך אויך דער ענין פון צדקה. די אָרעמקייט אַליין ענדערט זיך. דאָס אַרומגיין „אויפמאַכן״ פאַר אַן אָרעמער פאַמיליע, איז שוין אויך ניט דאָס וואָס אַמאָל. אַ יורד, א געוועזענער נגיד, איז שוין היינט ניט קיין יחסן. און די רייכע גבאיטעס, וואָס פלעגן אַמאָל אומגיין קלייבן נדבות, זיינען שוין אַליין פאַראָרעמט.

אַבער דאָס זאַמלען איז נאָך דאָ, עס גייט נאָך אָן.

נישט מער, די גבאי׳טעס זיינען יונגע מיידלעך. טאָקע פון באַלעבאַטישע עלטערן, אָבער אַליין אַרבעטערקעס — שניידערקעס, נייטאָרינס. אמת, שיינ־הייטן, איינע פון זיי, ריוועלע, הייסט טאָקע „ריוועלע די שיינע״. זי, מיט איר חברטע, לאהטשע, שוין ניט אַזאַ שיינהייט, נאָר אַ חנעוודיקע און אַ גוטע נאַטור, און שטאַרק געטריי ריוועלען — זיי בײדע גייען אַמאָל אַרויס זאַמלען געלט.

דאָס זאַמלען זיי אָבער ניט פאַר אַ געפאַלענעם באַלעבאָס, חלילה. זיי זיינען גאָר געגנערינס פון סתם צדקה. אַגיטירט פון דעם פירער זייערן, באַדעוויטש, ווייסן זיי, אַז צדקה וועט ניט אָפּשאַפן די אָרעמקייט, נאָר, פאַרקערט, עס האַלט אָפּ די רעוואָלוציע.

זיי זאַמלען דאָס טאָקע די נדבות פאַר דער רעוואָלוציע.

און אָט האָט מען טאָקע זייער פירער, באַדעוויטשן אַליין, אַרעסטירט. מען האָט אים אוועקגעפירט אין דער גובערניע אַריין און ער זיצט דאָרט דערווייל אין טורמע. פון „קאָמיטעט״ איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מען דאַרף געלט פאַר די אַרעסטירטע, און איבערהויפּט פאַר באַדעוויטשן. ס׳איז אַ סברא, אַז מען וועט אים פאַרשיקן ערגעץ אין אַ ווייטער גובערניע אין סיביר.

אַוועקגעגעבן אַליין די פאַרדינסטן פון אַ גאַנצער וואָך אַרבעט, איז ריוועלע מיט לאהטשן באַשטימט געוואָרן פון דעם נייעם פירער, דעם רוסישן לערער מאַרשאַקן, צו גיין זאַמלען געלט איבער די הייזער, ווי אַמאָל די רייכע ווייבער, די גבאי׳טעס, פאַר אַן אָרעמען באַלעבאָס.

האָט מען שוין אין דאָס רוב הייזער, וואוהין זיי זיינען אריינגעקומען, געוואוסט, אַז קיין געווײנלעכע גבאי׳טעס זיינען דאָס ניט, און אַז זיי, היינט־וועלטיקע, מיט נייע געדאַנקען, גייען אַרום, מסתמא איז דאָס פאַר אַ וויכטיקן מענטשן, פון זייערע...

אודאי האָבן די צווי חברטעס, ריוועלע די שיינע און לאהטשע די חנוודיקע, געוואוסט ווי אַזוי צו זיין קאָנספּיראַטיוו. עס זיינען נאָך דאָ באַלעבאַטים, וואָס ביי זיי איז אַ סאָציאַליסט ערגער ווי אַ גע׳שמדט. אָבער דוקא זיינען יענע די רייכערע. אין אַזעלכע הייזער מוז שוין ריוועלע, און לאהטשע העלפט איר אונטער, אָפּנאַרן:

— ס׳איז פאַר אַ גאַרדעראָבע פאַר אַן אָרעמער מיידל, אונדזערע אַ באַקאַנטע.

די באַלעבאָסטע, וועמען מען ענטפערט עס, האַלט דוקא פון הכנסת־כלה. ס׳איז אַ גרויסע מצוה. גיט זי אַ גרעסערע נדבה. אָבער אַלץ ניט גענוג גרויס, ווי ריוועלע די שיינע וואָלט געוואָלט. ביי איר איז באַדעוויטש דער וויכטיקסטער מענטש. און וואָס־מצוה, ווען־מצוה! — דאָס וואָרט איז איר פרעמד און באַליידיקט אירע סאָציאַליסטישע געפילן. ביי איר איז עס אַ פליכט. און אין געדאַנק גיט זיך צו: אַ הייליקע פליכט.

אָבער וואָס איז דער חילוק — פליכט צי מצוה — וואוהין די יונגע צווי גבאיטעס קומען אַריין טראָגט מען זיי די נדבה אַנטקעגן.

טאַקע קאָנספּיראַטיוו, אָבער פאַר אַ נעענטערן מענטשן, פאַר אַ יונגנמאַן, וואָס מען געטרויט איהם, רוימט מען אים אַריין אין אויער:

— ס׳איז פאַר אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן.

טרעפט, אַז איינער פון זיי כאַפּט זיך אַרויס, פון געוואוינהייט, און טוט אַ זאָג, אַ באַגייסטערטער:

— יאָ, ס׳איז אַ מצוה!

ווערט ריוועלע ווי אַנגעצונדן. זי איז ניט אויסן קיין מצוה. זי טוט איר פליכט. און זי פאַרריכט אים.

— ניין, מיין פריינט — חבר רופט זי אים שוין ניט — ניין, ס׳איז אַ הייליקע פליכט.

און ער מוז שוין דערפאַר דערלייגן צו דער נדבה.

נאָר וואָס הייסט נדבה? ריוועלע און לאהטשע זאַמלען ניט קיין נדבות. דאָס העלפט מען אַ קעמפער, וואָס קעמפט פאַר דעם, וואָס גיט. דאָס הייסט, דאָס זעלביקע ווי ער וואָלט זיך אַליין געהאָלפן.

דאָס ווייסן אָבער ערשט ריכטיק די אַרבעטער, די געהילפן ביי די שניידער, ביי די שטעלעכע שמידן, ביי די געהויבערנע שוסטער, וואָס האַלטן די ריכטיקע געהילפן. און אפילו די מיידלעך, וואָס אַרבעטן אין רייכערע קראָמען, ווי פאַרקויפערינס. זיי, אויב ניט קיין גאַנצע סאָציאַליסטקעס, אָבער וואָס אַרבעטן

שוועך, פאַר קליינע שכירות, זיי פילן מיט דער אידייע, און זיי מעג מען אפילו פאַרטרויען דעם סוד, אַז ס'איז פאַר באַדעוויטשן.

פאַר דער קרעמערין אַליין אָבער היט מען זיך:

— ס'איז פאַר אַן אָרעמער כלה, אויף גאַרדעראָב.

און די קרעמערין וואַרפט אַ קרומען בליק אויף די צווי יונגע מיידלעך מיט די באַגייסטערטע פנימער, מיט די שיינענדיקע אויגן פון דער הייליקער אַרבעט — און זי וואַרפט זיי אויך אַריין אַ קליינע מטבע אין דער ווייסער טיכל, וואָס איך חברטע, ריוועלע די שיינע, האַלט אין איר האַנט.

אין טיכל איז שוין דאָ אַ היבשע סומע, ווערלדיק מען גייט ניט צו איטלעכן.

דער קרעמערין געפעלט ניט, וואָס אַזעלכע יונגע מיידלעך זיינען שוין גבאיטעס.

אָבער פאַר אַן אָרעמער כלה — אַ מצוה.

ריוועלע און לאהטשע לאָזן זיך אַוועק צו אַנדערע הייזער, קראָמען. יעדער וואָס גיט זיי די נדבה, פילט אָבער, אַז ס'איז עפּעס אַנדערש. עפּעס שמייכלען זיי צו ניט ווי נאָך אַ נדבה־נעמען.

זיי זענען עפּעס יאָ גבאיטעס און עפּעס ניט.

און אַן אַנדערער פון די געבער, פון די באַלעבאַטישע, די רייכערע, מור־מלט צו:

— היינטיקע גבאיטעס... גיי, טרעף אויף וואָס זיי דאַרפן דאָס...

און זיי פילן, אַז עס קומט עפּעס אויף דער וועלט.

עס ענדערט זיך...

און די צוויי חברטעס אַליין פילן זיך ווי האַלב אין דער וועלט און האַלב אין דער נייער.

גבאיטעס און רעוואָלוציאָנערקעס... און אָט די טאָפּלקייט גיט זיי צו נאָך מער חן.

# וואו איז יושר ?

(פון א בעל־הביתים א שמועס וועגן ר׳ נח־חיים דעם שוסטער)

אנטקעגן דעם, וואס איר זאגט בעלי־מלאכות. איר מיינט דאך, אז נאר איר הייגטיקע זענט דערגאנגען דעם סוד, אז דער בעל־מלאכה איז אויך א מענטש, און נאך וואס פאר א מענטש! די אויבערשטע פון שטויסל, דער בחיר היצורים, די קרוין! א שפאס — דער פראלעטאריאט, ווי איר רופט עס, מען קען די ציינער צוברעכן מיט אזא נאמען... ניט דאס בין איך אויסן. איך זאג ניט — א גאנג איז דא, אז דער עיקר איז דער בעל־מלאכה. די מעשה איז דאך אזוי, ווער פארשטייט עס ניט? אז ניט קיין שוסטער וואלטן מיר געגאנגען בארוועס, אז ניט קיין שניידער וואלטן מיר געגאנגען נאקעט, אז ניט קיין בעקער וואלטן מיר אלע געפאסט, חאטש צוריק רעדנדיק: ברויט קען מען ביי אונדז אין שטעטל אליין באקן און אן בייגל קען מען זיך אויך באגיין. אי, א חלה? בלייבט ביי דער בעל־הביתטע א שטיקל חלה פון שבת... יא, הייסט עס אז ניט איר זייט די ערשטע, וואס איר זענט דערגאנגען דעם סוד. ביי אונדז אין שטעטל, כאטש מיר זענען קיינמאל ניט געווען קיין סאציאליסטן, האט מען שוין לאנג געוואוסט, אז בעלי־מלאכות זענען אויך מענטשן, אויב זיי פירן זיך נאר ווי מענטשן. ווארעם דער עיקר איז דאך, אז דער מענטש זאל זיין א מענטש מיט שטאט, מיט דרך ארץ, איז דאך ניט שייך, וואס איז וועמעס עסק, ווער דו ביסט — זיי כאטש א גארבער... ס׳אדאגה אונדזערע!...

און אויב דער מענטש איז נאר געווען א מענטש, האבן שוין די בעלי־בתים פון שטעטל פארגעסן זיין מלאכה, און אט אזא מענטש איז ביי אונדז געווען נח חיים דער שוסטער. הערט איר, הלואי וואלטן הייגטיקע בעלי־מלאכות זיך אזוי געפירט ווי ער, וואלטן מיר פון זיי מער געהאלטן, ווי מיר האלטן איצטער פון זיי, כאטש זיי זענען די יחסנים... ווארום צו־

ריק רעדנדיק האָט אַ בעל־הבית דעם היינטיקן אַרבעטער נאָך ערגער פיינט, ווי אַמאָל... צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן... ווי שטייט אין פּסוק: עבד כי ימלוך... איר פאַרשטייט? מיינע רייד, האָף איך, וועלן צו זיי ניט דערגיין, וואָרעם ס'איז סכנות נפשות...

נח חיים דער שוסטער האָט כל ימיו אַ בעל־הבית קיינמאָל ניט פּוגע בכבוד געווען, אַפילו שמחת תורה ווען ער פלעגט זיך איינשיכורן, וואָס דעמאָלט איז דאָך הפקר אַ וועלט: יאָ בעל־הבית, ניט בעל־הבית... און שכור איז ער געווען מער פון אַלע, ווייל נח חיים איז געווען דער אמתער טייערער ייד!... מיר האָט ער אַמאָל אַליין געזאָגט, אמת, ניט שמחת תורה, ניכטערהייט: ר' לייב, וואָס זאָגטשע איך אַנטקעגן איך? ווי דער בעל תפילה וואָס דאַוונט שבת פון פאַרנט ביז שוכן עד, קעגן דעם בעל־מוסף... ער איז געווען ניט קיין עם הארץ... עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים גלייך געענטפערט: „ביזט אַ שוטה... אַלע מענטשן זענען גלייך". ביי מיר איז ניטאָ קיין גדלות... „עט — פלעגט ער זיך נעמען עקשנען — וואָס הייסט גלייך?... ווי אַזוי קענען זיין אַלע גלייך... אויף יענער וועלט סיידן"... ער איז געווען דער גרויסער חכם! וואָלט למשל אַ היינטיקער „פּראָלעטאַריאַט" געענטפערט אַזוי קלוג? עס פאַרשטייט זיך, אַז לידיק איז שוין דערפאַר נח חיים דער שוסטער ניט געגאַנגען, די שענסטע בעלי־בתים האָבן ביי אים גענייט, כאָטש, אַן אמת האָב איך האַלט צו זאָגן, היינ־טיקע נייען בעסער: זיינער אַ באָט פלעגט שטענדיק קוועטשן...

אין שטעטל פאַרשטייט זיך, זענען געווען נאָך שוסטער, נאָר מיט די פלעגט ער ניט האָבן קיין מגע ומשא. ער פלעגט אַפילו דאַוונען ניט אין דעם קלייזל, וואו זיי, נאָר ביי אונדז אין דער גרויסער שול. דאָרטן האָט ער טאַקע געהאַט אַ שטאָט, ניט אין מזרח, פאַרשטייט זיך, אָבער צווישן די קלענערע בעלי־בתים... אַן עליה פלעגט ער שטענדיק קריגן אַ בעל־הביתשע, אַן אחרון, אַ הגבה און אַמאָל, אמת שבת צו מנחה, פלעגט ער טאַקע באַקומען שלישי... איך זאָג אייך, אַז ער איז ווערט געווען, אַז מען האָט, דערהויפּט שבת, געאַרניט דערקענט, אַז ער איז אַ שוסטער. די זעלביקע אַטלעסענע קאַפּאָטע, די זעלביקע יאַרמולקע, ווי ביי אַלע בעלי־בתים און די עטרה פון טלית איז נאָך געווען אַ טייערע ווי ביי אַנדערע בעלי־בתים. היינט גיי האָב פיינט אַזאַ שוסטער!...

זעט איר, אַז מיר, בעלי־בתים, זענען ניט עפּעס אַזוינע מענטשן, וואָס

פאַרשטייען גאָרנישט. און וואָס וואָלט געפעלט, אַז אַלע בעלי־מלאכות וואָלטן אַזוי געווען, ווער וואָלט צו זיי געהאַט. נח חיים דער שוסטער האָט טאַקע געלעבט ווי אַ גראַף. שטענדיק געהאַט אַרבעט, געטאָן מיט קינדער בעלי־ביתישע שדוכים, און אַז ער איז געשטאָרבן, דאָ ניט לאַנג טאַקע, איז געווען אַזאַ לויה, אַז יעדער ייד מעג מקנא זיין. גאַנץ שטאָט איז געווען. דער רב האָט אים אפילו געוואָלט מספיד זיין, דער רב האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן, נאָר אַ פּאָר בעלי־בתים האָבן אים אָפּגעהאַלטן: עס פּאַסט ניט, רבי... אָבער גענוג, אַז מען האָט געוואָלט!

מיינט ניט, חלילה, אַז מיר זענען עפּעס גזלנים... מיר ווייסן אַלץ און פאַרשטייען אַלץ און האָבן יושר. איצטער איז דאָך ניט שייך — אַז איצטער דאַרף מען גאָר מורא האָבן...

נו, איז דאָס אַ גאַנג, פרעג איך אייך, אַז אַ בעל־הבית זאָל דאַרפן מורא האָבן פאַר אַ בעל־מלאכה?...

איך פרעג אייך, איר זענט דאָך אַ היינטיקער:

— וואו איז יושר?...

# די ערשטע באַשטעלונג

אַז מען האָט שוין געהאַלטן ביי בענטשן ראש־חודש אדר, וועדליק שלום דער שניידער האָט ליב געהאַט זיך מקדים צו זיין און האָט שוין וועגן דעם אָנגעזאָגט אַרום דריי וואָכן אין שבת, איז ער שוין געוואָרן פריילעכער. „אָפּגענאַרט״ זיך אַליין אויף אַ וואָך, האָט ער אָבער שוין באַלד אַליין גע־גלויבט דערין... און אויב זיין ווייב, פעסיע, האָט זיך אַפילו געוואונדערט: סטייטש, ווי לאַנג איז אַז מען האָט „געבענטשט״ שבת, דאַכט זיך אַט ערשט! — האָט שלום דער שניידער זיך געוויצלט:

— עפּעס איז דיר, מיין פּעסעלע, קענטיק, פריילעך אויפן האַרצן, אַז ביי דיר פליט אַזוי זיך די צייט. מיר דאַכט זיך, אַז שבת ציט זיך שוין יאָרן...

ביז דער עלטסטער פּועל, בערטשיק, גלייכט אויס אַקוראַט... דוקא איז ער אויך ניט קיין גרויסער למדן און אין די שולן און אין די בתי־מדרשים קומט ער אויך ניט אין דער פרייער צייט; אָבער די טעג פון חודש און דעם חודש גופא ווייסט ער יאָ: ער נעמט זיין שכירות פון יאָר און איבערהויפּט סוף־ווינטער, ווען עס ענדיקט זיך זיין יאָר, אַ צוויי וואָכן צו פּסח. דעריבער ווייסט ער יעדן חודש און יעדן טאָג אין חודש, אַפילו אויף די מינוטן. ער האָט געדאַרפט באַקומען גאַנצע פינף און דרייסיק רובל פון זיין באַלעבאָס, שלום דער שניידער, איז אים גענוג געלעגן אין זינען צו ציילן די צייט — די חדשים, די וואָכן און די טעג...

— מילא, וואָס איז דער חילוק, אַ וואָך פריער, אַ וואָך שפּעטער, אַבי דער טאָג איז שוין גרעסער, — האָט שלום געוואָלט אויספּוייקן, אַז אינגאַנצן אומגערעכט איז ער ניט...

און טאָמער איז דאָס ווייניק געווען און זיין פּעסיע האָט זיך נאָך אַלץ געקווינקלט, האָט ער איר אָנגעוויזן, פון פענצטער אַרויס, אויף דער זון:

— זע, יידענע, ווייך ניט; זע ווי די זון שיינט, אַ מחיה; וועסט שוין

היינט פאַרנאַכט דעם אויזון ניט דאַרפן הייצן... די זון האָט שוין די שטוב אָנגעוואַרעמט, אַ מחיה!...

ער טוט זיך אַ רייב די הענט, עס זאָל אים נאָך וואַרעמער ווערן, און פילאָזאָפירט ווייטער:

— איך האַלט זיך ביי מיינס: ווי נאָר עס האַלט ביי בענטשן חודש אדר, איז שוין אויס מיטן ווינטער. טאָמער אַפילו אַ מאָל אַ פּרעסטעלע, איז דאָס נאָר צו־כלומרשט... מען לאַכט שוין פון אים, פון ווינטער...

און ווי באַלד אַזוי, ווערט שוין שלום דער שנײַדער פריילעך אויף אַן אמת. איינגערעדט זיך, אַז עס איז אויס מיטן ווינטער, דערפילט ער אַ וואַרעמקייט אין זיינע ביינער... ביי אים איז שוין רעכט אַפילו אַרויס־צונעמען די „פאַדוואַניע" פענצטער...

— ווייסט, פעסיע? די צווייטע, די ווינטערדיקע פענצטער, פאַרשטעלן מיר די זון... ביי מיר וואָלסטו געפּועלט, אַז מען זאָל זיי שוין אַרויסנעמען און אַרויפטראָגן אויפן בוידעם... צו וואָס איז דאָס אָנציען אויף זיך דעם ווינטער, האַ?...

פעסיע האָט שוין אָבער געוואוסט, אַז שלום זאָגט עס האַלב אין שפּאַס. און טאָמער מיינט ער אַפילו אין אַן אמת, איז עס אויך גאָרניט. וואָרעם ווער וועט אים הערן? זי נעמט אַרויס די צווייענדיקע פענצטער — אויב זי האָט צייט — ערשט ערב פסח... און אויב זי איז מיטן פסח־מאַכן צופיל פאַר־נומען, איז רעכט אויך נאָך פסח... זי זאָגט דערויף אַ ווערטל (דאָס האָט זי זיך אויסגעלערנט פון אים ווערטלעך זאָגן): פון וואַרעמקייט איז נאָך קיינער פון דער וועלט ניט געגאַנגען... דאָס האָט געהייסן, אַז זי האַלט פון וואַרעמקייט. שלומן האָט זי טאַקע געהאַלטן פאַר אַ לופטיקן: אַ מענטש וואָס וויל נאָר לופט! ס'איז אים שטענדיק הייס!...

דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט פאַר פרי שוין מאַכן זומער, איז זי אַרויס אין פירהויז און איבערגעציילט די שייטלעך האָלץ, וואָס זי האָט נאָך פאַר־מאָגט ערגעץ אין אַ ווינקל. געציילט האָט זי מיט אַ שכל — צווי קליינע שייטלעך פאַר איינעם, כדי זי זאָל ניט מיינען, אַז זי איז שוין באַזאָרגט מיט האָלץ ביז עס וועט טאַקע ווערן וואַרעם... נאָך איר חשבון איז אויסגעע־קומען, אַז זי האָט האָלץ קוים־קוים ביז פּורים, ווען זי זאָל אַפילו הייצן בלויז אין דער פרי, און פאַרנאַכט אויפקאָכן די וועטשערע אין אַ פּענדל אויפן פּריפּעטשיק...

אַריין אין שטוב און אָפּגעגעבן שלומן דעם באַריכט פון דעם ריכטיקן פאַרמעגן אין די האַלק, איז שלום עטוואָס אומעטיקער געוואָרן... ער האָט אַרויסגעבליקט דורכן פענצטער. גראָד איז שוין געווען אַ זייגער פינף פאַר־נאַכט, די זון האָט שוין געהאַלטן אין פאַרגיין... אין שטוב גופא, ביים טיש, וואו ער איז געשטאַנען און געצויגן פאַרסטריגעס פון אַן איבערגעניצעוועטן בגד, — פאַר אַ שכן, אַ גוי, וואָס ווער ווייסט ווען ער וועט קומען עס אָפּ־נעמען! — האָט ער דערפילט, ווי עס בלאָזט פון אַ פענצטער, און דוקא פון יענעם פענצטער, דורך וועלכן עס האָט פריער אַ ווילע אַריינגעקוקט די זון און אים געוואָרעמט...

אָבער ביי שלומן האָט אַזאַ מין אַראָפּפאַלן ביי זיך ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַלד האָט זיך פאַר אים ווי פאַרבייגעטראָגן אַלערליי טייערע שטאָפן, אויף זומערדיקע אָנצוגן, אויף זומערדיקע מאַנטלען, וואָס סיי די שכנים פון זיין גאַס און סיי פון אַנדערע גאַסן וועלן אים אָנברענגען און יעדער וועט זיך נאָך בעטן צו מאַכן זיינעם וואָס גיכער פאַרטיק.

— ווייל ס'איז דאָך שוין פּסח! — וועט איינער זאָגן.

— ווייל ס'איז דאָך זומער, קען מען דאָך ניט טראָגן דעם ווינטערדיקן מאַנטל! — וועט זאָגן אַ צווייטער.

שלום דער שניידער, סיי מיט זיין ערפאַרונג פון יאָרן און יאָרן אַלס „מענסקער שניידער" און סיי מיט זיין פאַנטאַזיע, דערזעט שוין אַ פאַרדעקטן טיש, ווי אין דעם רייכסטן שניט־געשעפט, און ער שטייט און שניידט צו, צייכנט מיט קרייד, און דערלאַנגט שטיקער, אָנגעטשעפּעטע מיט שפּילקעס, צו די צוויי פועלים, און ער אַליין נעמט זיך אויך צום געניי...

אין דער דאָזיקער צייט פון גרויסער און פולער אַרבעט, איז ער אי באַלעבאָס, אי אונטערנעמער, אי פאַסאָן־מאַכער, אי צושניידער... און אויב מען דאַרף מיט דער נאָדל, מיט דער האַנט, צי מיט דער מאַשין, קען ער אויך...

און ער טוט אַ בליק דורכן פענצטער — ערשט יאָ... אליה־לייזער דעם שאַפערס בן־יחיד, דער ערשטער פראַנט אין שטעטל, מיט אַ היפשן פעקל, פיין צונויפגעלייגט, אונטערן אָרעם, לאָזט זיך אַרויס פון געסעלע קעגנאיבער זיין, שלומס, דירה און גייט גלייך צו אים אויפן הויף.

— פעסיע, ווער איז גערעכט? ווען בענטשט מען ראש חודש אָדר, האָ? ווען איז אויס־ווינטער, האָ?...

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, רייצן זיך אין גוטער־פריינטשאַפט מיט זיין פּעסיע, וואָס זי, נאַר, האָט מורא צו בלייבן אָן האַלץ, אָן ברויט, אָן מצה און אַפילו אָן אַ דירה; און אין זומער גלויבט זי יאָ און ניט... ער וויל איר אָבער שוין בעסער דערפריייען, אײדער וויזן אַז ער איז גערעכט. זאָל זיינס איבערגיין...

און אײדער ער זאָגט איר אַן וועגן דעם ערשטן קונד, קומט שוין דער קונד אַליין אַריין.

דער קונד, אליה־לייזער דעם שאָפערס, וואָס זיין טאַטע, ווען ער קומט — איינמאָל אַ יאָר — אויף פּסח אַהיים, ברענגט ער אים די שענסטע מתנות, האָט שוין, קענטיק, באַקומען פון דעם טאַטן אויך דאָס געלט אויף דעם אַנ־צוג. די סחורה, אַ פאַנאַנדערגענומענע, כוואַליעט זיך אויפן טיש ווי פיינער סאַמעט, כאָטש שלום דער שניידער, דער גרויסער מבין — ווי ער האַלט זיך אַליין — אויף שטאָפן, רופט עס אַ „קאַנגער"... אליה־לייזער דעם שאָ־פערס, וואָס איז שוין אַליין באַלד ראוי צו זיין אין וואַלד אַ „מענטש", ווי דער טאַטע זאָגט אים צו, איז ניט מסכים אינגאַנצן. ער רופט עס „ענגלישער שעווראָ"... וויל שוין שלום, ווי באַלד עס איז די ערשטע באַשטעלונג, זיך ניט איינרייסן מיט אַ קונד, און נאָך אַ בן־יחיד דערצו, מאַכט ער עס אַזוי, אַז בײדע ווייסן...

— ס'איז אַ מין קאַנגער, וואָס איז קענטיק נאָכגעמאַכט אָן ענגלישן שעווראָ, און אַמאָל קען זיין פאַרקערט...

דאָ איז שוין אליה־לייזער דעם שאָפערס אַזש צעטומלט. אַזוי ווייט אויף שטאָפן ווייסט ער ניט, כאָטש ער לאָזט זיך מאַכן אַפּטער אַן אַנצוג, ווי אַנדערע בחורים אין זיין סביבה.

נאָכדעם ווי שלום נעמט אליהן אַראָפּ די מאָס און הערט אויס די אַלע פאַרלאַנגען פון זיין ערשטן ערב־פּסחדיקן, אָדער סוף־ווינטערדיקן קונד, און יענער גייט אַרויס, און סיי שלום און סיי פּעסיע באַגלייטן אים ביז יענער זייט טיר פון פּירהויז, גייען זיי בײדע אַריין צוריק און שלום שטעלט זיך קעגן איר, ווי אַ בעל־נצחון, און רופט אויס:

— נו, פּעסיע, ווי מיינסטו — עס וועט צום ווינטער נעמען אַ סוף?...

און פּעסיע האָט שוין קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט ענטפערן, און אַפילו מיט אַ שמייכל, וואָס האָט איר גראָד געפּאַסט:

— נו, וואָס דען... עס מוז זיך דאָך ענדיקן די שווערע צייט...

און אויף מאָרגן, ווען די זון האָט זיך צושייַנט ווי גאָר אין זומער, און שלום האָט איר אַ זאָג געטאָן וועגן אַרויסנעמען די צוויַיענדיקע פענצטער, האָט שוין פעסיע זיך ניט אַזוי געווינקלט: זי האָט בלויז געענטפערט:

— מירן נאָך זען... אפשר, חלילה, ווידער אַ פראָסט...

נאָר וועגן פרעסט האָט מען שוין ביי שלום דער שניַידער ניט גערעדט. ער איז שוין געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אַזוי אַז עס איז געווען וואַרעם אי אים, אַרבעטנדיק, אין פעסיען, העלפנדיק אין שטוב גופא...

שלום דער שניַידער איז דווקא אין אַט די טעג פון גרויסער אַרבייט, פון פאַרנומען זיך, געווען שטאַרק ערנסט, אָדער — ווי די צוויי פועלים זיינע האָבן דאָס גערופן — סעריאָזנע... ער האָט זיך אפילו ניט פאַרגונען צו זאָגן אַ ווערטל... ער האָט נאָר פון צייט צו צייט אַ בליק געטאָן אין פענצטער צו זען ווי עס האַלט מיט דער זון. און אַז די זון האָט אַריינגעשיינט אין פענצטער, האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט און מיט מער חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט...

פעסיע האָט פון איר ווינקל אַכטונג געגעבן און זיך געפרייט אויף איר שטייגער...

# אַ גבירישע לאַטע

שלום דער שנײדער האָט זיך מיט זײַן אַרבײַט, חלילה, ניט געשעמט. אָבער מען זאָל זאָגן, אַז ער האָט זיך מיט איר, מיט דער אַרבעט, הייסט עס, געיחסנט — האָט מען אויך ניט געקענט... אויסער אין שנײדערשע ענינים האָט ער זיך אויך ליב געהאַט צו מישן אין קהלשע — אין העכערע. טאָמער אַ מחלוקת צווישן צוויי צדדים, אין גרויסן בית־מדרש, ביי „וויבאַרעס", ועמען אויצוקלייבן פאַר אַ גבאי — כאָטש ער אַליין געהערט גאָר צו דער שנײדערשער קלייזל — האָט ער געזאָגט זײַן וואָרט און טאַקע הויך אויפן קול. אודאי איז ער געווען פאַר דעם אָרעמערן, אָבער ערליכערן באַלעבאָס, וואָס האָט געהאַט זײַנע מענטשן, די אָרעמערע יידן, און ניט פאַרן רייכן שענקער, וואָס דוקא אים, דעם שענקער, האָט זיך געוואָלט ווערן גבאי און איז טאַקע געוואָרן... שלום דער שנײדער האָט זיך דעמאָלט געקאָכט, אין שטוב און אין גאַס, און ניט מורא געהאַט אפילו צו חושד זײַן דעם רייכן שענקער אַז ער האָט פאַר די וויבאַרעס געטיילט שנאַפּס און ביר און אַפילו פּופּקעלעך מיט לעבערלעך האָט דער שענקער אויך ניט געזשאַלעוועט, אַבי קלייבט אים אויס.

אויך אין דער מחלוקת וועגן די צווײ רבנים, איז ער געווען מיט דעם „צד", וואָס האָלט מיטן רב, ר' יעקב יוסף, וואָס איז ווײניקער געוויקסיק, וואָס איז הויט און ביינער, און ניט מיט דעם רב פון צווייטן צד, פון די רײַכערע, די תקיפים, ר' הערש, וואָס יענער איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער און האָט געהאַלטן שטאַרק פון עולם־הזה... און ער, שלום דער שנײדער, האָט טאַקע אָנגעזאָגט זײַן ציפּען, אַז טאָמער אַ שאלה, זאָל זי גייז צו ר' יעקב־יוסףן — מעג ער אפילו מאַכן „טריף", צוליב זײַן גרויס לומדות און גרויס ערלעכקייט, און איבערהויפּט צוליב דעם דאָזיקן רבס אָרעמקייט. ווײַבאַלד דער איז אָרעמער פאַר יענעם פון צווייטן צד, אין שוין שלום דער שנײדער זײַנער אַ גוטער פרײַנט, און ער געהערט שוין צו זײַן צד, און טאָמער וואָבער צאָלן, איז פון די

לעצטע — אים, דעם אָרעמען רב, ר׳ יעקב יוסף, וואָס איז הויט און ביינער, אַז ער, שלום דער שניידער, אַליין אַ מאָגערער, איז אַנטקעגן יענעם אַ ייד אַ גבר!...

ניט ליב געהאַט בכלל קיין רייכע מענטשן, האָט ער זיינע קונדן געהאַט צווישן די אָרעמע פון זיין גאַס, און אויב אַ קונד פון אַ צווייטער גאַס — ניט קיין ווייטע פון זיין גאַס — איז דאָס אויך געווען אַן אָרעמער באַלעבאָס, צי גאָר אַ בעל־מלאכה... פאַר אַזעלכע קונדן, דאָס רוב אָרעמע און געפאַלענע, פלעגט ער שוין אַ גאַרניטורל, צי אַ רעקל, צי אַפילו אַ פאָר הויזן אַליין„ צי גאָר אַן אויבער־בגד אָפּצירקלען. וואָס מיט דער האַנט איז מיט דער האַנט און וואָס מיט דער מאַשין איז מיט דער מאַשין... פאַר אַן אָרעמערן יונגן בחורל — געמאַכט ברייטער, ווייל טאָמער וואַקסט ער אונטער, זאָל זיך דאָס רעקל, צי דער בגד ניט פלאַצן אין די נאַטס... פאַר אַן עלטערן מענטשן איז דאָך ברייטקייט אודאי קיין חסרון ניט — אויף אַן עלטערן מענטש וואַקסט ניט, און נעמט דאָס רוב ניט צו קיין לייב, דאַרף ער אויסזען לייטיש, ניט ווי אַ ייִנגל — דאָס רעקל איינגעקלעפּט...

טאָמער צווישן די יונגע בעלי־מלאכות, פון דעם נייעם דור, וואָס ווילן שוין אַ „שטשעגאָליאַיע״ טאָן, ווי די באַלעבאַטישע בחורים — אין גאָר ניי־מאָדנע גאַניטורלעך און מאַנטלען — קען ער אויך... און אויב ניט ער אַליין, מאַכט עס איינער פון זיינע צווי פועלים — שאַיקע, אַ יונג אַ ברען, אַ היינטיקער, אַ גרויסער פּאָליטיקער, ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און איז יאַקבי אַ סאָציאַליסט... און האָט אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער... זיינער אַן איינפאַל, ווען מען פאַרשמעלט אַמאָל, ווי אַזוי צו ראַטעווען — אין ווערט צו באַשרייבן אין די גאַזעטן...

דער דאָזיקער שאַיקע האָט פיינט גבירים נאָך מער ווי שלום דער שניידער אַליין. די פיינטשאַפט איז אָבער אַן אַנדערע. שאַיקע נעמט עס פון די פאָר ביכלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געאַרבעט, און צוליב אַ סטרייק, וואָס ביי אַ דאָרטיקן „באַלעבאָס״ איז געווען, האָט שאַיקע, וואָס האָט זיך צו שטאַרק געמישט, געמוזט אַנטלויפן אַהער, ווי ער רופט עס, אין אַ העק, און אָנקומען צו שלום דעם שניידער. שלומס פיינט־שאַפט איז מער פון האַרצן... זי באַשטייט מער פון פּאַראיבל — ער האָט פּאַראיבל אויף די גבירים, וואָס ביי זיי אַן אָרעמאַן, ווער רעדט שוין אַ בעל־מלאכה, איז גאָר קיין מענטש ניט...

קילט ער דאָס האָרץ מיט וויצעלעך, המצאהלעך און שטעכווערטערלעך אויף זיי — אונטער די אויגן...

אין די אויגן האָט ער מיט זיי צו טאָן זער זעלטן.

זייער זעלטן הייסט אָבער ניט — קיינמאָל ניט...

אין דער לעצטער הויז פון די ייִדישע הייזער אין גאַס — נאָכדעם הויבן זיך שוין אָן די גוישע הייזער — וואוינט אַ ייִד אַ גביר — זאַוול זאַוולסאָן — אַ גרויסער סוחר פון תבואה, וואָס האַנדלט אויף וואַגאָנעס... דערפאַר טאַקע רופט מען אים אי מיטן ערשטן, אי מיטן צווייטן נאָמען — דער צווייטער נאָמען, זאַוועלסאָן, איז אַ מין טיטול, ווי אַ מורנו... ער אַליין, דער גרויסער סוחר, לאָזט זיך נייען זיינע בגדים ביי אַ געהויבענעם מענער־שניידער אין שטאָט גופא... אָבער זיין עלסטער זון שמעון, שמעון זאַוועלסאָן, אַ הויכער אַ שייך־געוויקסיקער, וואָס גייט אפילו אינמיטן וואָך אין אַ קאַפּעליוש, און אין די קאַלטע חדשים פון ווינטער אין אַ טייערער באַראַשקענער קוטשמע, וואָס קאָסט אפשר אַ צען רובל, ער, שמעון זאַוועלסאָן, לאָזט זיך מאַכן זיינע בגדים, די גאַרניטורן און די מאַנטלען, די זומערדיקע און די ווינטערדיקע — אין דער נאָענטער גרויסער שטאָט, אַזש אין דער גובערניע... ער קען זיך „פּאָז־וואָליען" אַ פּאָר צו טאָן אין דער גרויסער שטאָט און טאַקע מיט'ן באַן, און ניט ווי אַן אָרעמער מענטש, וואָס אַז ער פאָרט שוין יאָ אין דער גרויסער שטאָט, פאָרט ער מיט די בעלי־העגלות, און דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, ביי דעם גרעסטן שניידער אַודאי, לאָזט ער זיך אָראָפּנעמען אַ מאָס אויף די בגדים און ס'איז אַ סברא, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרט ער זיי אָנמעסטן — קאָסט אים נאָך אַ רובל הוצאות...

אויף שמעון זאַוועלסאָנס בגדים איז כדאי צו קוקן, ניט נאָר פון נייגעריקייט וועגן, נאָר טאַקע צוליב דער מלאכה אַליין...

אַז שמעון זאַוועלסאָן גייט אין אַ זומערדיקן טאָג פאַרביי שלום דעם שניידערס שטיבל און ער, שלום דער שניידער, וויל כאַפּן אַ בליק — אַ טיפערן בליק — אויף דעם געניי, אויף דעם שניט פון דעם זומער־ראָק, וואָס ליגט אויף שמעונען ווי אויסגעגאָסן, אויף דער קאַלאַשע פון דער הויז, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם גלאַנציקן קאַמאַש ווי אויסגעדרייט מיט אַ שפּיץ — איז שלום דער שניידער, וואָס איז בטבע אַ קורצזיכטיקער, ניט מעגלעך צו כאַפּן די גאַנצע קונצקייט פון געניי...

ער מערקט נאָר, אַז עס איז אַ וואונדערלעכער געניי... טייערע אַרבעט...

פֿאַרדריסט אים שוין ניט דאָס, וואָס ער פֿאַרדינט ניט פֿון שמעון זאַוועלסאָן, נאָר וואָס ער האָט אפֿילו ניט קיין גרויסע ידיעה, קיין געניטקייט אין אַזאַ מין אַרבעט... דאָ איז ער שוין ניט אויסן די פּרנסה, דאָס פֿאַרדינסט, נאָר די מלאכה אַליין...

ער גיט צו — אין האַרצן, ער איז מודה, הייסט עס, אַז ער אַליין וואָלט אַזאַ אַרבעט ניט געקענט... אַזוי אָפּצירקלען, אָפּטאָקען!..

טרעפֿט אָבער אַמאָל אַ נס... שמעון פֿאַרטשעפּעט אַמאָל זיין אַנצוג, די הויזן, צי דעם ראָק, און מען דאַרף פֿאַרריכטן און טראָגן עס צו אַ גרויסן שניידער פֿאַסט דאָך נישט — יענער, דער גרויסער שניידער וועט פֿאַראיבל האָבן: נייע נייט ער אין דער גובערניע און מיט פֿאַרריכטן קומט ער צו אים. דעמאָלט שיקט שמעון צו דעם בגד, צי וואָס עס זאָל ניט זיין, צו שלום דעם שניידער.

שלום דער שניידער האָט אָפֿילו אָנפֿאַנגס אויך פֿאַראיבל: וואָס? אַ לאַטוטניק איז ער — פֿאַרריכטן בלויז?! און וואָס איז מכח נייע — האַ? — נייע??... אָבער אַז דער וואָס ברענגט אים אין שמעונס נאָמען דעם מלבוש צו פֿאַרריכטן, דאָס רוב איז דאָס אַ ייִנגערער ברודער, זאָגט ווי מיט חניפֿהלע, אַז שמעון האָט געזאָגט, אַז ער, שמעון, ווייסט, אַז דער „ריס" פֿאַרטשעפּן וועט קענען בלויז ער, שלום דער שניידער וואָס איז זייערער אַ שכן — ווערט שוין שלום געהויבענער. דערמיט קויפֿט מען אים ווי אונטער. אגב לאָקט אים שוין דאָס פֿאַרדינסטל: ס'איז גראָד זומער, קיין אַנדער אַרבעט, קיין ספּעשנע איז ניטאָ.

וועט ער טאַקע מאַכן די ריכטיקע שטיקל אַרבעט — שמעון זאַוועלסאָנס הויזן...

ביז וואָס ווען באַטראַכט ער די הויזן אַליין. קודם דעם שטאָף; ס'איז ענגלישער... דאָס ווייסט ער זיכער, ווייל ס'איז אין קליינע קעסטעלעך און ווייך, ווי פֿון טייערן וואָל... נאָר ס'איז ניט קיין וואָל... ס'איז עפּעס אַנדערש.

דער פּועל, שאַיקע, דער סאָציאַליסט, וואָס האָט גאָר אַנדערע טענות צו שמעונען — ער, שמעון, איז אַ יאַלד, אַן אינטעליגענט און אַ זון פֿון אַ בורזשוא — ווייל אפֿילו די הויזן ניט באַטראַכטן. ער קוועלט גאָר, ער זעט נאָר נקמה, וואָס די הויזן האָבן אַ ריס... באַלד אָבער פֿאַרבענקט ער זיך נאָך אַ גוט שטיקל אַרבעט — נאָך דעם גרויסשטאָטישן פֿאַסאָן, וואָס ער אַליין האָט

טאַקע ביי אַזאַ אַרבעט אַמאָל געאַרבעט, און ווען ניט דער סטרייק און די פּאָליציי אין יענער שטאָט, וואָלט ער אפשר זוער ווייסט ווי ווייט גע־האַלטן...

באַטראַכט ער שוין אויך די הויזן: אויסערן ריס זיינען זיי שפּאָגל ניי. שמעון זאַוועלסאָן האָט געענוג הויזן צו בייטן, און אַלע זיינע הויזן און מלבושים בכלל זיינען אַלעמאָל שפּאָגל ניי. ער הערט אַפּילו אויף צו טראָגן אַ געוויסן מלבוש, ווען דער מלבוש איז נאָך ווי ניט געטראָגן...

קוקן שוין בײדע, אי שלום, דער „באַלעבאָס", אי שאַיקע, דער פּועל... דער פּועל פאַרגעסט שוין אין זיין שנאה, אין זיין סאָציאַליזם, און ער ווערט פאַרכאַפּט פון דער קונסט, פון דער אײדעלער מלאכה, פון די קוים מערקבאַרע „נעט", פון די טאַשן און פון די שטעך ביי די אַלערליי קנעפּלעך, וואָס מען דערקענט זיי קוים־קוים, און איבערהויפּט פון דעם שניט ביז אונטן, וואו די ברעגן דאַרפן זיך אַראָפּלאָזן אויף די קאַמאַשן מיט אַ פאַרדריי...

און וויבאַלד פאַרריכטן דעם ריס, וואָס דאָס ווערט געטאָן פון בײדן, אי מיט די הענט אי מיט דער ניי־מאַשין, מוז מען עס נאָכדעם פאַרפּרעסן... עס זאָל ניט זיין קענטיק... פּרעסט מען שוין אויס די הויזן אינגאַנצן. דעם כבוד נעמט שוין שלום זיך אַליין... פּרעסן קען ער גאָר גוט, ווי באַלד אַז דער שניט און די קנייטשן זיינען פּאַרטיקע — גייט ער מיט דער פּרעס ווי איבער אַן אייזערנעם בריק...

פאַרגעסט ער זיך שוין און מיינט, אַז דאָס האָט ער אויפגעגנייט די פּאָר הויזן... ער צאַצקעט זיך מיט זיי און שפּיגלט זיך אין זייער שיין — קעגן פּענצטער...

— אַ שיינע פּאָר הויזלעך אים געמאַכט, — מורמלט ער צופרידן, שוין גאָר אָן כעס אויף שמעונען, וואָס ער נייט זיינע זאַכן אין דער פרעמדער שטאָט...

דער פּועל, שאַיקע, קומט אָבער באַלד צו זיך, דערמאָנט זיך ווער ער איז, צו וועמען ער געהערט און וואָס זיך פּליכט איז, כאָטש צו זאָגן, צו רעדן.

דערווייל אָבער קומט אַריין שמעון... אָפּנעמען וועט קומען אַן אַנדערער. ער אָבער וויל זען די אַרבעט... ער זוכט דעם ריס — ניטאָ.

באַוואונדערט ער די מייסטערשאַפט פון שלום דער שניידער, און שמייכלט ווי אַ באַגליקטער...

באַצאָלן באַצאָלט ער שיך, כמעט אַזוי פיל ווי שלום נעמט פאַר אויפנייען אַ פּאָר הויזן, געווײנלעכע, פאַר אַן אָרעמען באַלעבאָס. שלום וויל באַדאַנקען, ער באַגעגנט זיך אָבער מיט שאַיקעס בליקן און ער האָט שוין מורא...

מיט שאַיקען וויל ער זיך ניט אָנהויבן.

שמייכלט ער אַזוי צופרידן צו שמעונען...

און ווען יענער גייט אַרויס קען ער ניט העלפן און טוט אַ מורמל:

— אַן איידעלער איז ער יאָ...

אָבער שאַיקע גיט ניט נאָך.

שאַיקע איז ברוגז... אָבער ער שוייגט...

# אַן אַמעריקאַנער ניגון . . .

די ערשטע צייט איז שלום דער שניידער „געגאַנגען מיט זיין גאַנג", אַז אַמעריקע איז ניט פאַר אים. אַמעריקע, האָט ער שוין געכאַפּט מיט זיין פלינקן שכל, איז אָדער פאַר גאָר גרויסע מייסטערס, אָדער פאַר גאָר גרויסע קאַליקעס... פאַר אַזאַ אָבער ווי ער, סתם אַ גוטער בעל־מלאכה, פאַר באַלעבאַטישע מענטשן, יידן און, להבדיל, גוים, בעל־הגופים, צו אפילו רייכערע פרויען — איז אַמעריקע לאו דוקא... ער ווייסט שוין די גליקן: בלייבט מען ביי דער אַרבעט, ווערט מען דאָרט פאַרשוואַרצט, ווי דאָ, אלאַ־וואָס־דען? — מען ווערט דאָרטן אַליין אַ פאַבריקאַנט, איז דאָך ניט שייך שוין דערביי די שניידעריי — איז ער דאָך שוין, הייסט עס, ניט שלום דער שניידער, נאָר שלום דער פאַבריקאַנט, מיט'ן „מיסטער", ווי עס הייסט דאָרטן, וועדליג ער האָט געהערט — לוינט עס אים ניט, עס ציט אים ניט דערצו...

נאָטירלעך, די דאָזיקע געדאַנקען און מיינונגען טאָר ער הויך פאַר זיין ציפּע'ן ניט אַרויסזאָגן... זי האָט דוקא יאָ חשק צו עשירות, וועניקסטן — צו ווערן אַ שיינע באַלעבאָסטע... אויב עס שטייט אן עוזר'קעס וויב, ווי זי האָט געהערט, צו זיין דאָרטן — אין דער אַמעריקע — אַ גאַנצע פריצטע, און האַלטן דינסטן, און וואָס דען ניט? — מעג איר, שלומ'ס וויב, ציפּ'ען, אודאי אָנשטיין... נישקשה, אַז ציפּע וויל גוט אויסרעכענען איר יחוס — שטאַמט זי ניט פון לויטער בעלי־מלאכות, חלילה... צווישן איר משפחה זיינען אויך געווען דרדקי מלמדים, אַ שמש און אפילו אַ בעל־קורא אין אַ שולכל... זי קען עס באַווייזן, און שלום אַליין ווייסט עס אויך, כאָטש ער האַלט שוין ווייניק דערפון. ביי אים איז א בעל־מלאכה אַליין אַ יחסן...

האָט שלום זיך טאַקע געהיט פאַר זיין ציפּע'ן, און האָט גערעדט וועגן אַמעריקע — און וועגן די באַקאַנטע שניידער, וואָס זיינען שוין דאָרטן — וואָס ווייניקער... און וואָס פאַרזיכטיקער... ניט צופיל.

טאַמער איז עמיצער געקומען פון דאָרטן צוריק, צי צו גאַסט, צו נעמען די פאַמיליע אַהין, אַוועקפאָרן, הייסט עס, אין דעם גאָלדענעם לאַנד מיט אַלעמען — און שלום האָט עס געוואוסט, צי יענער איז געקומען זיך זעגענען — האָט שלום׳ען געטיאַכקעט אין האַרצן... הייסט עס טאַקע, אַז ס׳איז אַ גוטע מדינה... נאָר ער, שלום, זיצט נאָך אַלץ דאָ... וואָס איז? — עס ציט אים ניט, ווי ער רופט עס, צו נייע גליקן... ס׳איז אים, הייסט עס, גוט אַזוי אויך, דאָ אינדערהיים, וואו ער וואוינט אין דער געדונגענער גויאישער שטיבל, מיט דעם טשאַד פון דעם פּרעס אין ווינטער־צייט, ביי די פאַרמאַכטע פאַדזשאָינע פענצטער, און מיט דעם דלות אין זומער־צייט, ווען ס׳איז ניטאָ גענוג אַרבעט — ניט פאַר אים און ניט פאַר די פּועלים, און שפּעטער שוין אויך ניט פאַר זיין אייגענעם יינגל — דוד׳לען, וואָס איז אויך, נאָכ׳ן גייען ביז צוועלף יאָר אין חדר און ער זאָל אַ רב ווערן איז עפּעס ניט געוואָרן קענטיק — האָט ער, שלום, אויך דוד׳לען אַוועקגעזעצט ביים „טיש״ און געלערנט אים דאָס מענסקע שניידעריי...

צו זען זיך מיט דעם גאַסט, וואָס איז געקומען פון דאָרטן — זיינער אַ באַקאַנטער היימישער שניידער — האָט ער זיך שוין געשעמט. ער ווייסט שוין, ווי אַזוי אַזאַ מין קומט — מיט דעם קורצן רעקל, מיט די שמאָלע הויזן, ווי אַ קונצן־מאַכער אין אַ צירק, און דער עיקר — מיט׳ן שמייכעלע, וואָס אַזאַ מין גאַסט שמייכלט קוקנדיק אויף שלום׳ען אין דער לענגלעכער געלבליכער „קאָרטענער״ קאַפּאָטע און מיט דעם אָפּגעלייגטן קאָלנערל פון דער היימישער העמד, וואָס איז ניט געפּרעסט, נאָר קוים געוועלגערט, און אַמאָל, אַז עס רייסט זיך אָפּ דאָס קנעפּעלע איז פאַר אַזאַ גאַסט — אַן אַמעריקאַנער — גענוג „אויסרייד״ צו שמייכלען און צו לאַכן אפילו...

און דער עיקר, דעם תירוץ וואָס ער, שלום, בטבע ניט קיין ליגנער, דאַרף אויסזוכן, ווען יענער פרעגט אים, שלום׳ען: „פאַר וואָס זיצט ער אין דער היים... פאַר וואָס פאָרט ער ניט קיין אַמעריקע?״...

אָבער דערוויייל וואַקסט זיך אונטער דוד׳ל... ער הייסט שוין דוד... אפילו ביי דער מאַמען אַליין, ביי ציפּע׳ן:

— מיין דוד זאָל געזונט זיין — גאָלדענע הענט...

און אָט איז שוין אָנגעקומען די זאָרג וועגן „פּריזיוו״:

ער וועט נאָך דאַרפן גיין דינען „פּאַניען״, חלילה... ער, „פּאַניע״, הייסט עס — זי האָט געמיינט טאַקע דער קייסער אַליין — לאָזט ניט די יידן אין

זיין לאַנד דעם קאָפּ אויפהויבן און גיב נאָך אים אַוועק דוד׳לען... אויף גאַנצע פיר יאָר, ווייל די „לגאַטע״, וואָס ער האָט, העלפט דאָך שוין אויך ניט, זינט דער עולם פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע — טאַקע צוליב די גזירות פון דעם קיסר, וואָס נעמט אַוועק די יידישע פּרנסות...

און איבערהויפּט אַזאַ פאַרשוין, אַ בחור׳ל — וואָס פאַר אַ תכלית איז פאַר אים דאָ, ביים טאַטנ׳ס טיש, מיט דעם אָרימען ביסל אַרבעט...

איז שוין — אויב ניט שלום אַליין — דוד, אַ ניינצן־יאָריקער בחור, געפאָרן קיין אַמעריקע...

דאַמאָלט האָט זיך שוין שלום אויפגעהערט צו שעמען פאַר אַ גאַסט; אדרבא, ער איז דער ערשטער געקומען צום גאַסט. און ווען יענער האָט אים געפרעגט פאַר וואָס ער, שלום, פאָרט ניט קיין אַמעריקע, האָט ער שוין געענטפערט:

— צו וואָס זאָל איך נאָך פאָרן, אַז מיין דוד, זאָל געזונט זיין, איז דאָרטן... מיין חלק, הייסט עס, האָב איך שוין אַמעריקע געגעבן...

און דאָ האָט שלום דער שניידער אָנגעהויבן צו פרעגן אויף זיין דוד׳ען:

— וואָס מאַכט ער טאַקע דאָרטן, דער חברה׳מאַן? — האָט ער געפרעגט כלומרשט אין שפּאַסיקן טאָן, אָבער דאָס רויטע טיכל האָט ער געמוזט פאָרט אַרויסנעמען פון דער הינטערשטער קעשענע פון זיין קאַפּאָטע: מאַלע וואָס עס טרעפט זיך. ער איז אפילו ניט קיין ידענע, ניט ציפּע, וואָס נאָר עפּעס ווינט זי — אָבער אַז עס קומט צו דוד׳ן, וואָס איז אַזוי וויט פאַרוואָרפן געוואָרן, איז ער ניט ערוב פאַר זיך אַליין, פאַר אַ שטאַרקן מאַנסביל, הייסט עס...

דעמאָלט האָט מען שוין אים געמוזט דערציילן וואָס ער טוט... צי איז ער, חלילה, ניט געוואָרן קיין פאַבריקאַנט...

— אַ „מאַנופעקטשורער״ מיינט איר — האָט אים דער אַמעריקאַנער גאַסט פאַרריכט, אויפ׳ן ריכטיקן ענגליש... — דאָס דערוויל ניט... וואָרט, זאָל ער פריער חתונה האָבן... נעמען אַ בריה אַ פרוי.. דערוויל אָבער פעלט אים אויך גאָר נישט... ער איז אַ „קאָטער״...

— אַ וואָס! — האָט זיך שלום דערשראָקן פון וואָרט אַליין...

— שרעקט זיך ניט... — האָט אים דער גאַסט געטרייסט — עס הייסט — אַ צושניידער... דאָס איז שוין איינמאָל אַ „טרעיד״, כ׳מיין אַ פאַך... אַ גוטער צושניידער מאַכט דערמיט אַמאָל מער, ווי אַ שלימזל אַ מאַנופעקטשורער...

אָבער דאָס האָט שוין שלום ניט פאַרשטאַנען אַקוראַט, כאָטש ער האָט זיך

געהאַלטן פאַר איינעם, וואָס ווייסט אפילו אונטער די אויגן, וואָס אין אַמעריקע טוט זיך, ווייל, אַז ער וויל זאָגט ער, אַז אומעטום איז איין וועלט... ער האָט מורא געהאַט טאַמער וועט דער גאַסט, וואָס פאָרט צוריק, „אָפּדערציילן" דוד'ן, און דוד וועט לאַכן — וועט ער בעסער שווייגן וועגן די אַלע זאַכן, ווי אַזוי עס גייט דאָרטן צו, און וועט מער פרעגן וועגן דוד'ן אַליין...

דערמיט איז ער שוין יוצא געווען מיט אַמעריקע... ער האָט טאַקע גע־בענקט נאָך דוד'ען, שפּעטער נאָך דעם צווייטן יינגל, וואָס דוד האָט אַהין אַריבערגענומען. אָבער ער אַליין לאָזט ניט איבער זיין „טיש", זיין שער און איזן, און אַפילו ניט זיך „מאָס", מיט די נומערן, מיט די צייכנס, וואו העכער און וואו נידעריקער, וואו ברייטער און וואו שמעלער...

ווער ווייסט, האָט ער געצווייפלט, צי האַלט מען דערפון אין אַמע־ריקע...

פרעגן האָט ער זיך געשעמט...

האָט ער זיך שוין געזעגנט מיט זיין ציפּע'ן אין דער היים, ביי זיין אַרבעט, ביי זיין „טיש" — און מיט אַמעריקע איז ער יוצא געווען דערמיט וואָס ער פלעגט זיך זען מיט די געסט, וואָס פלעגן קומען פון דאָרטן צו די היימישע, צו די קרובים, און פלעגן באַלד פאָרן צוריק — אַמאָל אַליין, אַמאָל מיט די קרובים און אַן אַנדערער מיט דער גאַנצער משפחה...

אים, שלום דער שניידער, האָט מען שוין ניט געפרעגט, פאַרוואָס ער פאָרט ניט קיין אַמעריקע... מען האָט שוין געהערט און געוואוסט, אַז ער איז ניט פאַר אַמעריקע. האָט מען אים דערציילט וועגן די צוויי זין זיינע, נאָכדעם וועגן זייערע יונגע פרויען און שפּעטער שוין וועגן אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן, דאָ ביי איין זון, ביים עלטערן, דאָ ביים איינגערן.

דאָס האָבן שוין שלום און ציפּע געוואוסט פון די קינדער'ס בריוו און אויך פון די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זיי האָבן צוגעשיקט אַהיים צו טאַטע־מאַמע, מיט אַלע פּאָסירונגען דאָרטן.

ציפּע האָט ביי יעדעס מאָל באַטראַכטן די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס זיך פריי צעוויינט. שלום אַליין, כאָטש אויף דער עלטער, אָבער ווי אַ מאַנסביל און ווי אַ קלוגער מענטש בכלל, האָט גובר געווען דעם „יצר הרע" פון וויינען און האָט בלויז געזוכט אַרום דער קעשענע פון זיין קאַפּאָטע, שוין אַ נייע און פון אַ בעסערע סחורה, וואו ער האָט געהאַלטן דאָס רויטע טיכל.

ער, שלום, האָט זיך ענדלעך באַגנוגנט מיט רימען דאָס לאַנד: „אַ טייערע

מדינה, די אַמעריקע״, און האָט באַטראַכט גענויער די קליידער פון די קינדער אויף די פאָטאָגראַפיעס.

נאָכדעם האָט ער אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענצטער ערגעץ אין דער וויט און האָט זיך פאַרבענקט נאָך יענעם לאַנד, וואו אים איז ניט באַשערט געווען צו וואוינען. ער איז אָבער געווען שטאָלץ, וואָס זיינע קינדער און קינדס־קינדער וואוינען שוין דאָרטן, און ווערדליך די זין האָבן עס אים געשריבן, זיינען זיי שוין דאָרטן בירגער, וואָס דאָס הייסט, אמת׳ע אַמעריקאַנער.

האָט זיך שלום דער שניידער צעזונגען, ווי זיין שטייגער איז געווען ווען ער איז געוואָרן פון עפּעס פריילעך. דאָס מאָל איז דאָס זינגען געווען, לכבוד אַמעריקע, העכער און פריילעכער.

ציפּע האָט, ניט קענענדיק דעם ניגון, צוגעברומט, ווי זי וואָלט מיטגעהאָלפן איר שלום׳ען אין זיין נייער פרייד, וואָס דאָס איז אויך געווען איר פרייד, נאָר ער, ווי אַ מאַנסביל, באַנעמט עס מער, ווייל מען דאַרף קענען פאַרשטיין וואָס עס הייסט אין אַמעריקע ווערן אַ בירגער.

# יעקב דער בעל־עגלה

אַ גאַנצע וואָך — ס'הייסט אין די וואָכעדיקע טעג — האָט יעקב דער בעל עגלה זיך געפּונען אונטערוועגנס; דאָ איז ער געפאָרן מיט זיין פערד און וואָגן נאָך סחורה פאַר די קרעמער אין דער גובערניע־שטאָט אַריין, און דאָ צוריקגעפאָרן שוין מיט די פּעק סחורה אַהיים... אין בידע פאַלן האָט ער באַהאַנדלט זיין פערד ווי אַ באַלעבאָס. צופיל גוטסקייט אַרויסווייזן דעם פערד האָט יעקב ניט געקענט זיך דערלויבן. צופיל „באַלעווען" אַ פערד, ווען ער פירט משא, איז ניט קיין שכל. ווייל נאָר אַ פערד, ווען ער פירט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט משא, צי מיט פּאַסאַזשירן, און נאָך באַרג אַרויף, אַ פריינטליכע מינע, וועט דאָס פערד טאָקע זיך ניט וועלן רירן פון אָרט.

אמת, וואָס דעם פערד האָט אונטערוועגנס געקומט האָט יעקב איהם געגעבן. אָפּגעפאָרן עטליכע ווערסט שוין הינטערן שטאָט און צוקומענדיק צו אַ קרעטשמע, האָט ער זיך אַ קירצווע געטאָן צו דער קרעטשמע, אָפּגעשטעלט דעם פערד מיט אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם ט־פּ־ר־ר־ר! און דער־לאַנגט דעם פערד דאָס ביסעלע האָבער, אָדער אין אַרימערע יאָרדעס, דאָס ביסעלע היי, און אָן קיין שום צערטליקייט דעם פערד אַרויסצואווייזן — אים בלויז פריי געמאַכט פון צוים, מיט וועלכן אויך דעם פערדס מויל איז געווען געצוימט. און ער, יעקב אַליין, איז אַריין אין קרעטשמע אָדער כאַפּן אַ שמועס מיטן ידישן קרעטשמער, אָדער עפּעס אַליין איבערבייסן.

דערפאַר איז יעקב אויך ניט געווען צו פריינטליך צו די פּאַסאַזשירן, וואָס זיי זיינען געווען ניט דער עיקר ביי אים. זיין הויפּט חיונה האָט ער פון די קרעמער, פון פירן פאַר זיי די אַלערליי סחורות, ווען ער פאָרט צוריק פון דער גובערניע; יעדן קרעמער, לויט דער „רשימה", וואָס יענער האָט אים מיטגעגעבן, וואו עס איז פאַרשריבן געווען דער נאָמען פון דער סחורה, די וואָג און די מאָס. דער פּאַסאַזשיר, דער מענטש אַליין איז ביי אים ניט אַזאַ יחסן... אינגאַנצן

נעמט ער פאַר פירן אים אין שטאָט אַריין אַ פּערטעלע און מיט די פּעקלעך, וואָס אַ פּאַסאַזשיר פירט־מיט, איז דאָס אַ משא, וואָס ווען סחורה אַליין וועגט אַזוי פיל, וואָלט ער פאַר דעם פירן געפאָדערט דריי מאָל אַזוי פיל... און ער קוקט אויף מענטשן מיט זייערע פּעקלעך פון שטאַנדפּונקט פון דער וואָג: וויפל, בערך, וועגט דער מענטש... ווער רעדט נאָך אַז אַ פּאַסאַזשיר איז צו זיין אָרעמקייט גראָד אַ שווער־וואָגיקער, כאָטש פרעג פון וואַנען, סיידן פון די קאַרטאָפּליעס אַ גאַנצע וואָך, אַזאַ פּאַסאַזשיר פירט ער מער צו טאָן אַן אָרעמען יידן, צי ידענע, א טובה, איידער צוליב פּרנסה... ער האָט בטבע ניט ליב קיין אָרעמעלייט פּאַסאַזשירן, וואָס זען אויס צו־בריט, צו־דיק, ווי שיפן... סיידן, אַז איינער איז אַ תלמיד חכם, ווי אַ מגיד, אַ משולח, צי אַזוי אַ כלי קודש פון דער פרעמד, וואָס קהל דאַרף איהם אָפּשיקן אויף אירע הוצאות אין דער גובערניע אַריין, אויף אַזאַ לייגט ער שוין כבוד...

טאָמער כאַפּט זיך אַריין צווישן די פּאַסאַזשירן אַ פרוי, אַ ידענע, צי אַ יונג ווייבל, צי א מיידל, מוז ער שוין זען, אַז איין אָרט אין בויד זאָל האָבן אַ מחיצה... דאָס פאַרלאַנגען ביידע צדדים, אי די מאַנסביל, אי די פרוי אַליין, צי זי איז יונג, צי עלטער — צווישן מאַנסביל וועט זי ניט זיצן. און טאָמער אין שוין אין בויד קיין באַזונדער אָרט ניטאָ פאַר איר, זיצט זי שוין אויף דער קעלניע, ביי דער זייט פון יעקב דער בעל־עגלה, וואָס איז אַנגעפּעלצט אין זיינע בעל־עגלהשע בגדים, מעג עס זיין אפילו זומער, און אַזוי פאַרגאַרטלט מיט אַלערליי שטריק, ווי ער וואָלט געוועזן אַליין אַ פּעקל... איז וואָס איז שייך ניט טאָרן זיצן לעבן אַ פרוי... ווייס איך וואָס... בפרט, אַז ער אַליין גייט דאָס רוב צו־פוס, דער וואָגן, אפילו אַהינפאָרנדיק, איז אַ שווערער, הינטערן וואָגן צוגעבונדן אַלערליי פּעסער, קאַסטנס, אמת, לײדיקע, אָבער ווען וועגט אַלץ, און ער אַליין ניט אַזוי דיק, ווי געפּאַקט... ביי אים וועגט דער כח זיינער אַליין... שאַנעוועט ער דעם פערד. דער עיקר, אַז דאָס פערד זאָל כח האָבן צו פירן די משאות פאַר די קרעמער — די פּעסלאַך הערינג, די קאַסטנס שוועבעלאַך, די פּעק שניט־סחורה, די קעסטלעך האָלענדער קעז, און אפילו פאַרן אַפּטייקער האָט ער עפּעס אַ סחורה, וואָס עס פעלט אויס אין אַפּטייק... אַזאַ מין סחורה, אַ קלייניגקייט פאַרן אַפּטייקער, האָט ער איינגעפּאַקט אין שטרוי, סאַמע אונטן אין וואָגן, און האָט עס אָפּגעהיט ווי די טייערסטע פּעקלאַך פאַר די קרעמער . . .

מיט אַפּטייק־זאַכן שפּילט מען זיך ניט...

צוריק פאַרנדיק נעמט ער שוין אַ פּאַסאַזשיר זעלטן מיט. טאַמער קומט איינער, גיט ער אים אַן עצה ווי אַ גוטער פריינט, צו פאָרן מיט דער באַן.

— אינגאַנצן אַ חילוק אין אַ פערטעלע... פאָרט איר ניט מער, ווי צוויי שעה, שוין מיטן צופאָרן, צו צוגייַן צופוס, צו דער באַן און פון דער באַן. מיט מיר וועט איר זיך שלעפּן אַ גאַנצע נאַכט און אַ האַלבן טאָג...

אָבער אויב עס איז געווען אַ יונג ייִנגל, וואָס האָט געלערנט אין דער גובערניע אין אַ בית־מדרש, געגעסן טעג און פאַרבענקט זיך אינמיטן דערינען אהיים, נאָך טאַטע מאַמע, האָט ער אים מיטגענומען. אַזאַ איז געווען, פון די טעג עסן, קליין און מאָגער, און ווערליק אַ מבין אויף וואָס האָט יעקב — מיטן בליק — אים אָפּגעשאַצט אין אַן אַכציק פונטעלעך... ער וועט אים ערגעץ אַוועקזעצן צווישן די קעסטלעך... פאַר אַזאַ ייִנגל איז סיי ווי סיי דער מקח בלויז אַ גילדן... און טאַמער וועט דער טאַטע זיינער ניט האָבן צו באַצאָלן, וועט ער אים אויך ניט לאָדן צום בית־דין...

„זאָל אַ ייִנגל „אונטערפאָרן״... „כ׳מיין, וואָס איז שייך — אויך אַ באַ־שעפעניש...״

מיט אַזאַ ייִנגל פלעגט ער זיך שוין דווקא פאַרנדיק, אין מיטן נאַכט, צוריק פון דער גובערניע, פאַנאַנדער רעדן. ערשטנס, פרעגן צי ס׳איז אים ניט קאַלט, אויב יאָ, האָט ער אַ פרייע ראָגעזשע, וועט ער אים איינוויקלען... צווייטנס, צי איז ער ניט הונגעריק, האָט ער דאָ אין דער פאַרבונדענער טיכל ברויט מיט טרוקן קעז... און טאַמער איז ער שלעפעריק, קען ער זיך אויסציען אויף דעם פּאַק אין בויד גופא און שלאָפן...

דאָס ייִנגל, דאָס רוב געריירט פון אַזעלכע פראַגן, פלעגט ענטפערן, פון דרך־ארץ וועגן, „ניין״. ער איז ניט הונגעריק, ס׳איז אים ניט קאַלט און ער איז ניט שלעפעריק. אָבער אין פאַרלויף פון דער „יאַזדע״ האָט ער אי געגעסן דאָס ברויט מיט טרוקענע קעז, אי זיך איינגעוויקלט אין דער ראָגעזשע, אי נאָכדעם געשלאָפן אויף דעם גרויסן פּאַק אין בויד גופא...

ערשט אַז יעקב איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל, האָט ער דאָס ייִנגעלע גענומען שטאַרק וועקן און כלומרשט בייזערן זיך:

— נו, לערנער מיינער, גיי, נעם דייַן פּעקעלע און פאָר מיט אַ גלעקעלע... באַצאָלן וועט שוין דייַן טאַטע, נישקשה, איך קען אים, ער איז גוט געלט...

דאָס ייִנגעלע אַ דערוואַכטער, דערקענענדיק אין די ערשטע הייזלעך, ביים אַריינפאָר, דאָס שטעטל, איז אַראָפּגעקראָכן פון הויכן וואָגן, מיט דער הילף

פון יעקב בעל־העגלה, און זיך געלאָזט מיט גיכע טריט גיין אהיים, צו טאַטע־מאַמע...

יעקב האָט אים שוין פריינטליך נאָכגעקוקט, אַ זיפץ געטאָן, דערמאָנענדיק זיך, אַז זיין ברוכל האָט דוקא לערנען ניט געוואָלט, און ער רעכנט אים מיט־נעמען אין וועג אַריין, מאַכן אים, הייסט עס פאַר אַ בעל־עגלה — עפּעס לערנען קען ער יאָ, און דאַוונען אי אין אַ סידור און אי אויסנווייניק, און אַ רשימה איבערלייענען וועט ער זיך נאָך צולערנען...

פאַרט ער שוין אַראָפּ צום מאַרק צו, שטעלט זיך אָוועק ביי דער גלאָזונער קראָם, פאַר וועלכער ער האָט געבראַכט די גרעסטע פּעק און פּעקלעך, פּעסער און קאַסטנס און מער ווי פאַר אַנדערע קרעמער...

ווער עס זאָל אים העלפן אַריינטראָגן די אַלע פּעק אין קראָם אַריין האָט ער ניט, און ער דאַרף ניט. יעקב האָט שטאַרקע הענט און געזונטע פּלייצעס, און שכל, און געניטקייט — ווי אַזוי אַזעלכע משאות צו נעמען אויף זיך — נאָך מער...

און ערשט פאַרנאַכט ווערט ער פאַרטיק, און גיט אָפּ יעדן קרעמער דעם באַריכט פון די סחורות... אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער לעצטער קראָם איז ער צוגעגאַנגען צום אויסגעלידיקטן וואָגן, אַריינגעקוקט אינעווייניק און צוגעגאַנגען צום פערד...

דאָס פערד, נאָך אַ געשפּאַנטער, איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ... ניט אַזוי פון מידקייט, ווי פאַרבענקט נאָך יעקבן זיין באַלעבאָס...

דאָ האָט אים שוין יעקב אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט, אַ גלעט געטאָן אים איבערן האַלדז, נאָכדעם ווייטער, ביז דעם רוקן — שוין צום עק־צו, און באַלד אים אַריינגעקוקט אין די אויגן...

דאָס פערד האָט שוין אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך פריילעך צוהירזשעט און דערמיט אויסגעדריקט זיין אָפּשעצן דעם באַלעבאָס׳ פריינטשאַפט...

**
*

שבת פאַרגעסט שוין יעקב זיינע קונדן די קרעמער. אין דעם שבתדיקן טאָג איז ער שוין מער איבערגעגעבן דעם פערד... נאָכדעם ווי ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט ווייב און קינדער, אויסגעפרעגט אויף אַלע קלייניגקייטן, אָנהויבנדיק נאָך פרייטיק צו נאַכט, איז ער שוין שבת, נאָכן וואַרעמס, אַרויס פון שטוב, איז אַריין אין שטאַל זען וואָס מאַכט דאָס פערד...

אליין אַ באַלעבאַס פון אַן אייגענער שטוב מיט אַ שטאַל פאַרן פערד און מיט אַ גרויסן הויף פאַרן וואָגן, האָט ער זיך געפילט שטיף אין דער דעה. ניט גערעכנט זיך מיט די באַלעבאַטים פון גאַס, און אין אַ זומערדיקן שבת בייטאָג זיך אָפּגעגעבן מער מיטן פערד זיינעם... ערשטנס, האָט ער אים געפירט געבן דעם פיינעם טרונק, צום ווייטסטן ברונעם אין גאַס, וואו עס איז דאָ אויך אַ קאָרעטע, אין וועלכער דאָס וואַסער אַריינצוגיסן, אַז דעם פערד זאָל זיין גרינגער צו טרינקען... נאָכן אָנטרינקען דעם פערד שעפּט ער אַן אַ פולן עמער וואַסער, וואָס דאָס איז שוין פאַר אים, יעקבן אַליין. נאָך אַזאַ שבתדיקן „וואַרעמס" און נאָך דערצו אין אַזאַ הייסן טאָג, ווען ער אַליין טאָקע זיך אָנטרינקען ווי געהעריק... ער מאָשטשעט־צו די אויסגעשעפּטע עמער מיט קלאָר, ליכטיק וואַסער צום ווענטל פון ברונעם, האַלט עס אַן אָנגעבויגענע מיט ביידע הענט און בויגט זיך אַליין צו און טרינקט זיך אָן... דאָס איבערגעבליבענע וואַסער גיסט ער לאַנגזאַם אויפן רוקן פון פערד, אָפּצוקילן די שטומע חיה פון דער היץ...

צוריק פון ברונעם גייען זיי שוין ביידע גלייך: דאָס פערד און יעקב אַליין. דאָס פערד אַ באַפרייטער פון שפּאַן און פון צוים אין זיין מויל און אַן אויסגערוטער, האָט זיך דערפילט ווי אַן אַנדער מין באַשעפעניש...

יעקב איז געגאַנגען מיט איינע טריט, ניט גיכער און ניט לאַנגזאַמער, ווי דאָס פערד. און עס איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט געשפּאַצירט זייט ביי זייט מיט אַ געטרייען און גוטן פריינט. און ווי ער, יעקב, וואָלט געפירט מיט אים אַ שמועס וועגן אַ וואָך שווערע אַרבעט און וועגן אָפּקומענישן אונטערוועגנס, פּיינדיק און טראַגנדיק אַלערליי שווערע משאות... און היינט רוען זיי ביידע... ער און זיין פריינט...

און ווער עס האָט באַגעגנט יעקבן גייענדיק טראָט אין טראָט מיט זיין פערד — צוריק פון ברונעם צו זייער היים — האָט זיי אָנגעקוקט מיט אַ פריינטליכן און גוט־שבת־ווינשנדיקן שמייכל...

# דער לוח־למדן

קיין סך ספרים האָט זעליג דער בעל עגלה אין זיין שטוב ניט פאַרמאָגט. ער האָט זיי סיי בירושה ניט געקראָגן און סיי ניט אַליין זיי געקויפט. ניט געקויפט קיין ספרים האָט ער ניט אַזוי פאַר קאַרגשאַפט, ווי טאַקע צוליב דעם, וואָס אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען פאַרהאַרעוועט מיט פערד און וואָגן, היי און האָבער און פאָרן פון שטעטל אין שטאָט נאָך סחורה פאַר די קרעמער... און דערצו איז ער טאַקע אויך ניט געווען קיין איבעריקער למדן. דערפאַר זיינען זיינע ספרים בלויז באַשטאַנען אין אַ פּאָר מחזורים, אַ „גראָבער" סידור, און אַ חומש מיט עברי־טייטש. פון דעם חומש האָט אָבער געפעלט די פרשה בראשית. אַזוי, אַז אין זיין חומש האָט זיך די וועלט אָנגעהויבן פון נחן מיטן מבול... ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט אין זיין חומש געפעלט.

און אַפילו די עטלעכע „ספרים", ווי ער האָט זיי אַליין גערופן, זיינען ניט געווען אָפּגעהיט אין אַן אַלמער, מיט פּאַליצעס, חלילה. זיי האָבן זיך געוואַלגערט ערגעץ אויף אַ ברעט אונטער דעם באַלקן, אויף דעם זעלבן פלאַץ טאַקע, וואו עס האָבן זיך געוואַלגערט זיין ווייבס פאַר תחינות, וואו אויך די וויכטיקסטע „געבעטן" אירע האָבן שוין לאַנג געפעלט...

דערפאַר אָבער איז זעליג געווען אַ גרויסער מקפיד צו קויפן אַלע יאָר אַ לוח, אַזוי, אַז אין אַ לוח איז ער געווען אַ גרויסער למדן. אמת, דער לוח איז געווען אויף עברי־טייטש. פאַר די לשון־קודשדיקע לוחות האָט ער גע־ציטערט ווי פאַר פייער; כאָטש אויך אין די עברי־טייטש־לוחות זיינען געווען לשון־קודשדיקע ווערטער, אָבער זיי האָט ער שוין געקענט פון געניטקייט אַליין. מיט דער צייט האָט ער אַפילו געלייענט די ראשי־תיבות אָדער ווי ער האָט עס גערופן: די פאַרשטריכלטע ווערטער...

דעם לוח האָט ער יעדעס יאָר געקויפט דווקא אין דער גרויסער שטאָט, וואוהין ער פלעגט פאָרן ברענגען סחורה פאַר די היימישע קרעמער. אויפן

גרויסן הויף פון דער אַכסניא, וואו ער פלעגט „איינשטיין״, מיט זיין פערד און וואָגן, איז ווי נאָר עס האָט זיך סוף חודש אב געוויזן דער באַוואַקסענער ייד מיט די געדיכטע ברעמען, מיטן קויש ספרים אין דער האַנט מיט אַלערליי אַנטיקן, האָט שוין זעליג זיך מקדים געווען און צוגעגאַנגען צום פאַקטרעגער און מיט פאַרזיכטיקייט געפרעגט:

— האָט איר שוין אַ נייעם לוח?...

— ווי דען, אַוודאי... שוין דאָ.

און דער פאַקטרעגער ווייזט אים אַלערליי קליינע לוחלעך, וואָס זעען אויס אין זיינע אויגן ווי שפּילצייג פאַר קינדער...

— איך וויל אַ ריכטיקן, אָט ווי דעם... — ענטפערט זעליג און נעמט אַרויס דעם לוח, וועלכער איז נאָך פון דעם יאָר און וועלכער איז נאָך גוט פאַר אַ גאַנצן חודש...

פאַר זעליגן איז ער אָבער שוין איבעריק, ניט וויכטיק. ער האָט אים שוין דורכגעקוקט צענדליקער מאָל, און ווייס שוין, ווען עס וועט זיין ראש חודש אלול און אַפילו ראש השנה.

אויף די וועטערן ביז ראש־השנה ווייס ער שוין אויף אויסטווייניק פון דעם אַלטן „לוח״, וואָס ער טראָגט שוין אום מיט זיך באַלד עלף חדשים. ער וויל אַ נייעם. ער וויל שוין וויסן, וואָס וועט זאָגן דער קומענדיקער יאָר.

דער פאַקטרעגער דערמאָנט זיך שוין, וועלכן לוח דער בעל־עגלה האָט פאַראַיאָרן געקויפט.

— איר מיינט ראָמס?... עס קאָסט אַ „גריוועניע״.

— איך דינג זיך מיט אייך ניט... — ענטפערט זעליג ברייט.

דער פאַקטרעגער דערלאַנגט אים דעם ריכטיקן לוח מיטן פישעלע אויסגעמאָלט אויפן שער־בלעטל, וואָס דאָס מיינט „מזל דגים״... זעליגן ווערט ליכטיק אין די אויגן. ביי דער גאַנצער וועלט איז נאָך דער אַלטער יאָר, און ביי אים הייבט זיך שוין אָן אַ נייער. און דער נאָמען פון יאָר איז שוין ביים סוף פון אַ בית געוואָרן אַ גימל... ער גיט אַ מיש דאָס ערשטע בלאַט, און הייבט אָן פון דער כראָניק. זינט אדם הראשון איז געבוירן געוואָרן. און דערביי דערמאָנט ער זיך, אַז אדם הראשון האָט געגעסן דעם עפּל, ווען ניט — מאַכט ער אַ חשבון — וואָלט ער געלעבט אייביק און וואָלט איצט אינגאַנצן אַלט געווען עטלעכע טויזנט מיט עטלעכע הונדערט יאָר... ס׳וואָלט געהייסן אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן...

די מעשה מיט אדם און חוהן ווייס ער גוט, כאָטש טאַקע אין זיין חומש פעלט עס אינגאַנצן, אָבער דאָס געדענקט ער נאָך פון אַמאָל, ווען ער האָט נאָך דער תתונה, ווען אין דעם חומש האָט נאָך ניט געפעלט די ערשטע פרשה, געלייענט עס אונטן אויף עברי טייטש. און דערצו אַמאָל געהערט פון אַ מגיד, צי פון אַ עין יעקב זאָגער אין אַ מיטוואָכיקן בין מנחה למעריב, ווען זעליג האָט אַמאָל צייט און כאַפּט זיך דעמאָלט אַריין אין שולכל הערן אַ ידיש וואָרט...

דאָס איבעריקע אין דער וועלט־כראָניק אינטערעסירט אים ניט אַזוי שטאַרק... געשעענישן זיינען די זעלבע, ווי פאַראַיאָרן, אין אַלטן לוח, נאָר מיט אַ יאָר עלטער געוואָרן. ער גיט אַ מיש ווייטער... ווען וועט זיין יום־כפור, סוכות, חנוכה, פורים...

דערווייל גייט צו צו זעליגן נאָך אַ בעל־עגלה אַ יינגערער, וואָס געפינט זיך אויפן הויף פון דער אַכסניא.

ער דערזעט, ווי זעליג שטייט פאַרטיפט איבער אַ ספרל. ווערט ער נשתומם:

— וואָס טוסטו זעליג?!

— אָט, אַ נייעם לוח געקויפט...

ווערט שוין דער יינגערער בעל־עגלה אויך ערנסט געשטימט:

— אַ לוח... נו, וואָס שרייבט עפּעס דער לוח?...

יענער איז שוין ניט קיין למדן אין לוח, ער קויפט עס קיינמאָל ניט...

— וואָס ווילסטו למשל וויסן? — פרעגט זעליג, ווי אַ העכערער פרעגט אַ נידעריקן פון זיך...

— ווייס איך... — הייבט דער יינגערער בעל־עגלה דאָס היטל פון קאָפּ, — לאָמיר וויסן, ווען ס'פאַלט אויס „פאַקראָוויעס"...

— באַלד, אָט געפין איך... — ענטפערט זעליג שטאָלץ.

און זעליג גיט אַ מיש, ווי אַ למדן אַ צווי־דריי בלעטלעך, עס ווייס שוין. ער ווייס שוין, אַז עס דאַרף זיין מיט אַ שטערנדל פון אויבן, ווייל „פאַקראַ־וויעס" איז אַ גרויסער חגא, — אַ יאַריד, איז דאָס מיט אַ שטערנדל באַצייכנט...

— יאָ, געפונען... „פאַקראָוויעס" פאַלט אויס אין כסלו, דאָנערש־טאָג...

— אַי, שלעכט, — פאַרקרימט זיך דער יונגער בעל־עגלה, — פאַר ערב שבת, הייסט עס... דאָס איז ניט גוט...

און דער יונגער בעל־עגלה גייט אַוועק און לאָזט זעליגן איבער אַליין מיטן לוח אין דער האַנט אינמיטן הויף פון דער אַכסניא...

דאָס שטודירט ער שוין די וועטערן פון ווינטער...

און אַז ער קומט שבת אין שולכל, איז ער שוין באַהאַוונט אין נייעם לוח. ער איז שוין דער נביא צו זיינע נאָענטע מענטשן.

— מיר וועלן היי־יאָר האָבן אַ קאַלטן ווינטער... — שרעקט ער זיי.

און די נאָענטע אַרום אים כאַפּן שוין אַזש אַ ציטער, כאָטש סיי אין שולכל, סיי אין דרויסן, איז נאָך גוט וואַרעם, אַפילו הייס...

דערפאַר זאָגט ער זיי אָן, אַז מען וועט האָבן אַ לאַנגן שבועות...

— שבועות פאַלט אויס, — זאָגט ער זיי אָן מיט גדלות, — מיטוואָך און דאָנערשטאָג, הייסט עס, דינסטאָג ערב שבועות, מיטוואָך און דאָנערשטאָג — שבועות, און באַלד פרייטיק און שבת, גאַנצע פינף טעג יום־טוב...

— מ־מע־מע, מען האָט נאָך גענוג צייט ביז שבועות... — איז מבטל איינער זעליגס לומדות.

אָבער זעליג פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ. פאַרקערט, ער האַלט זיך געדולדיק. און קוקט אַראָפּ אויף זיינע נאָענטע מיט ביטול:

— פרעג זיי בחרם, וואָס אַ לוח איז.

# דער שייגעץ פּאָרט קיין אַמעריקע

אויף די, וואָס זיינען שוין אַוועק און די וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט מען זיך שוין אויפגעהערט אין גאַס צו חידושן. מען האָט שוין ניט געדאַרפט זיין דווקא אַ שניידער, וואָס פאַר אַזאַ איז דאָך אַמעריקע דאָס ריכטיקע לאַנד. מען האָט שוין געוואוסט, אַז אַ שוסטער קען דאָרטן אויך פאַרדינען, און אפילו אַ שמיד, כאָטש קיין קונציעס זיינען, ווי מען זאָגט, דאָרטן ניטאָ — קען ער ווערן אַ שליאָסער... און טאָמער פאָרט אַוועק אַ הענדלער, ווערט ער דאָרטן אַ פּעדלער, און שיקט אויך אַהיים די פיינע געלט... מען האָט זיך שוין ניט געוואונדערט, וואָס נאָכדעם ווי אַ שמש׳ס אַ זון, וואָס האָט געהאַט אַ שיין קולכל, איז אַוועקגעפאָרן, און איז געוואָרן דאָרטן אַ חזן, איז שפּעטער אויך אַוועקגעפאָרן זיין טאַטע — דער שמש אַליין, און איז דאָרט אויך אַ שמש אין דער זעלביקער שול, וואו דער זון זינגט. דער טאַטע האָט שוין, הייסט עס, אפילו ניט געדאַרפט בייטן זיין פרנסה.

מען האָט זיך שוין אפילו ניט געוואונדערט, וואָס דעם רבס עלטערער זון, וואָס איז געווען שוין אויף אַ שידוך, ווייל קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען און איז געווען מער פאַרטאָן אין ביכלעך־לייענען, אין לשון־קודשדיקע און אפילו אין רוסישע — אַז ער קלייבט זיך אין אַמעריקע פאָרן. און נאָכדעם ווי ער איז טאַקע אַוועקגעפאָרן, האָט זיך שוין געקליבן צו פאָרן די שוועסטער, אַ מיידל וואָס האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן דורך אַ שדכן, נאָר דווקא דורך ליבע. און ווען זי איז שוין טאַקע געפאָרן, האָט זי אפילו דער רב און די רביצין אַליין באַגלייט צו דער באַן. האָבן זיך שוין די איבערגעבליבענע גע־ווינצלט, אַז דער רב מיט דער רביצין וועלן נאָך אויך אַהין פאָרן... ווייל דאָ איז שוין כמעט ניטאָ פאַר וועמען צו פּסקענען קיין שאלות...

מען האָט זיך שוין מער געוואונדערט אויף געוויסע יונגעלייט, וואָס זיצן נאָך דאָ... און איינער האָט דעם אַנדערן געפרעגט: ווען פאָרסטו? אָדער איינער דעם אַנדערן גע׳עצהט:

— פאָרן קיין אַמעריקע...

פונדעסטוועגן, אַז מען האָט דערהערט אין גאַס צווישן די איבערגעבליבענע, צווישן די וואָס האָבן ניט געוואָלט, צי ניט געקענט, צי ניט גערדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע — אַז אַנטאָן, דער יונגער שייגעץ, דער זון פון דער גויע אַנטאָליע, אַז ער קלייבט זיך אויך צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט יעדערער זיך געוואונדערט און ניט געקענט פאַרשטיין און באַנעמען.

אַנטאָן איז געווען דער ערשטער גוי אין גאַס, און אפשר אין גאַנץ „שטאָט", וואָס ער האָט זיך דערוואוסט פון אַמעריקע...

מילא דאָס וויסן איז נאָך ניט אַזאַ וואונדער. אַנטאָן וואוינט צווישן יידן. זיין מאַמעס, אַנטאָליעס, שטוב שטייט צווישן צוויי יידישע היימער און אין דער דריטער שטוב, נאָך אירער, וואוינט יודזשע דער קדר, וואָס ביי אַנטאָנען און זיין מאַמען איז ער אויך אַ מין ייד, ניט קיין פּראַוואָסלאַוונער, און רעדט אפילו יידיש... האָט ער, אַנטאָן, פון אַמעריקע געקענט הערן... מען וואוינט מיט יידן אין איין גאַס...

דער חידוש איז נאָר געווען צו וואָס פאָרט אַזאַ מין שייגעץ אין אַמעריקע.

אמת, די יידן אין גאַס האָבן געוואוסט, אַז אַמעריקע איז ניט, חלילה, קיין יידיש לאַנד. די אמתע שפּראַך איז דאָרטן ענגליש... נאָר וואָס דען? עס זיינען דאָרטן דאָ אַ סך יידן, און אַז אַ ייד קומט אַהין, קומט ער גלייך צו וויניקע און ביז וואָס ווען רעדט ער יידיש... און טאָמער דאַרף ער אפילו פעדלען צווישן די אמתע אַמעריקאַנער, איז די ערשטע צייט רעדט ער אויף שטום לשון, ביז ער לערנט זיך אויס די אַלע נעמען פון די סחורות זיינע, ווי זיי הייסן דאָרטן. און קיין סך ענגליש דאַרף ער סיי־ווי ניט קענען. אַז דינגען דינגט מען זיך דאָרטן ניט, און אַמאָל באַצאָלט נאָך אַן אַמעריקאַנער מער ווי דער מקח... אַז ביי זיי איז געלט גאָרנישט...

אָבער אַ גוי אין אַמעריקע — וואָס וועט ער דאָרטן טאָן? אַז יידיש קען ער ניט, ענגליש וועט זיך דאָס אודאי קיינמאָל ניט אויסלערנען. אָט לעבט ער צווישן יידן שוין אַ פאָר צענדליקע יאָר און מער, מסתמא, ווי חלה און שאַבאַש און נאָך אַ פאָר ווערטער ווייסט ער ניט.

האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז וואָס שייך דעם לשון, „דופעט" ער טאַקע אויף די יידן, וואָס זיינען דאָרטן שוין דאָ, און עטלעכע פון זיין גאַס. וועט ער, הייסט עס, מיט זיין רעדן „גוייש", ווי ער האָט דאָ מיט זיי גערעדט...

און וואָס צו טאָן דאָרטן — קיין פעדלער וועט ער טאַקע ניט ווערן. ער קען אפילו דאָס וואָרט ניט אַרויסרעדן. אָבער ער האָט צווי געזונטע הענט און וועט אַרבעטן ביי שוואַרצע אַרבעט — אַ „טשאָרני ראַבאָטשי", הייסט עס, וועט ער זיין. ער וועט, למשל, ברוקירן די גאַסן דאָרטן אין אַמעריקע. עלעיי ווי מען האָט אַמאָל דאָ אין שטעטל געפּרוּווט ברוקירן דעם מאַרק און דערביי האָבן טאַקע גויים געאַרבעט — יונגע, געזונטע שקצים, קאַצאַפּעס.

ווייל דאָ האָט ער שוין טאַקע ניט וואָס צו טאָן.

אין דעם פּרט, הייסט עס, איז ער געגליכן צו אַ יידן — אַ באַלעבאַטיש בחורל. ער זיצט ביי דער אָרעמער מאַמען, אַנטאָליע — שוין יאָרן אַ אלמנה, וואָס האָט בלויז אַ שטוב און אַ שטיקל גאָרטן הינטערן שטוב און דערפון ציט זי די חיונה. אַמאָל שפּינט זי אויס אַביסל פלאָדעם, וועבט אויס אַ שטיקל לייוונט אויף איר שפּינרעדל, פאַרקויפט עס אין אַ מאַרק־טאָג. און אַ בהמה האָט זי שטענדיק, אַ פּאָר חזירימלעך, הינער פאַרמאָגט זי אויך. האָט זי נאָך אָפּגעשפּאָרט ביי אַ הונדערט רובל.

זי, אוודאי, וואָלט איר איינציקן זון, אַנטאָנען געהאַלטן און געהאַלטן ביי זיך, נאָר ער האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— דאָ אַמעריצי... קיין אַמעריקע.

קיין באַרעדטע איז אַנטאָליע דוקא ניט. מיט די גוישע באָבעס — אַמאָל יאָ. אַז עס קלייבט זיך אָן ביי איר אַ סך אויפן האַרצן, רעדט זי עס אויף איר לשון אַראָפּ. מיט די יידישע וויבער, אפילו מיט די נאָענטע שכנות, מיט וועלכע זי באַגעגנט זיך, איז זי קיינמאָל ניט באַרעדעוודיק. דעם „דזשין־דאָברי", צי דעם „דאָברי־וועטשער" דאַרף מען איר זאָגן פריער. זי איז אַ האָנאָראָווע, די אַנטאָליע. זי איז פון די גאָסיקע יוסטע „באַלגופּטעס" — גייט אַלע זונטיק אין קלויסטער און ברענגט דעם פּאָפּ אין זיין הויף אַריין אַלע יאָר אַ מתנה, צוויי צענדליק אייער, טאַקע פון די אייגענע הינער.

אַנטאָן, אַ הויכער שייך־געוויקסיקער יונג, מיט גרויע אויגן, אין וועלכע עס שוימט אום אַמאָל אַ בייזקייט, אַמאָל — אַ בענקשאַפט — ער היט שוין ווייניקער שטאָט. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרטשעפּען אַ יידיש יינגל, נאָך פון קינדוויז אויף. אַמאָל געצילעוועט זיך מיט אַ שטיינערל כלומרשט אין אַ יידישן דאַך און געטראָפן אין אַ שויב. דעמאָלט איז מען געקומען צו אַנטאָליען.

— טוואָי סין, אַנטאָן, זלאָמאַו שיבו... דיין זון, הייסט עס, האָט צעבראָכן אַ שויב.

אַנטאָן האָט זיך דעמאָלט באַהאַלטן.

אַנטאָליע, וואָס איז אודאי, ווי אַ פּינע „גאַספּאַדאַרקע״, געווען קעגן שויבן־ברעכן, אפילו ביי אַ ייִדישן שכן, האָט אָבער זיך אַנגענומען פאַרן זון און זי האָט ניט געגלויבט.

— ניע מאָזשע ביטש... עס קען ניט זיין.

און דערביי איז געבליבן. וואָס, מען וועט ביי איר גיין נעמען געלט? אַן אָרעמע גויע, אַן אלמנה...

אָבער זינט אַנטאָן האָט זיך איינגערעדט אַמעריקע, האָט זי אַנגעהויבן פירן שיר ניט אַ ייִדישן שטאָט. ער פאָרט אין אַ לאַנד, וואו ער וועט דאַרפן זיין נאָך צווישן יידן. און קיין קייסער, אַ פּראַוואָסלאַוונער, ווי דאָ, איז דאָרטן ניטאָ... און קיין אוריאַדניק, אַ פּראַוואָסלאַוונער, אויך ניט...

האָט ער שוין דער ערשטער זיך אַנגעהויבן צו וויטן מיט די שכנים אין גאַס. און נאָכדעם, אַז ער האָט שוין זיך געגרייט אין וועג אַריין, האָט ער געמוזט אַנקומען צו דעם ייִדישן „אַגענט״. יענער האָט אים מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַני יידן געדאַרפט איבערפירן די גרעניץ, ווייל אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַספּאָרט קאָסט אַ צו גרויסער סומע און דערצו דאַרף מען נאָך פאָרן אין דער גובערניע, האָבן צו טאָן מיט אַ סך נאַטשאַלסטווא, און ס׳איז ניט פאַר זיין קאָפּ און פאַר זיין מאַמעס פאַרמעגן. דער „אַגענט״ האָט מיט אים גערעדט דוקא פריינטלעך, געזאָגט אים וויפל די גאַנצע נסיעה ביז סאַמע אַמעריקע וועט אים קאָסטן. ס׳האָט פונקט אַנגעטראָפן די סומע וואָס זיין מאַמע, אַנטאָליע, האָט אַנגעקליבן.

האָט שוין אויך זיין מאַמע, אַנטאָליע, געמוזט אַנקומען צו די ייִדישע שכנים; גערעדט מיט זיי זייער פריינטליך, און אַלע ווילע דערמאָנט גאָט, צו וויזן, אַז זי איז ניט אַבי־ווער... ניט עפּעס, חלילה, אַ ניט־גלויביקע... און וואָס עס איז שייך די יידן, ווייסט זי שוין פון לאַנג, אַז די ייִדישע אמונה איז די ערשטע... און ס׳איז איין גאָט ביי איך, יידן, און ביי אונדז, פּראַוואָסלאַוונע הייסט עס, און אַפילו ביי די קאַטאָליקן וואָס גייען אין קאָסטיאָל און „איספּאָוועדיען״ זיך ביים קסאָנדז — אויך דער זעלביקער גאָט...

— אָבער די אמונה — האָט זי צוגעגעבן מיט הכנעה און מיט אָנער־קענונג — איז די ייִדישע די ערשטע.

די שכנים זיינען אָזש גערירט געוואָרן פון אַנטאָליעס אידלקייט און פריינטליכקייט.

זלמן דער אויפגעקלערטער, אַנטאַליעס נאָענטער שכן וואָס האָט אפילו אין געדאַנק צוגעשמייכלט אויף אירע רייד וועגן גאָט און אמונה, האָט פונדעסטוועגן, אַז זי איז אויך געקומען צו אים אַן עצה פרעגן, איבערהויפּט וועגן לייזערקע דעם אַגענט, האָט ער איר זייער פריינטליך אויפגעקלערט דעם גאַנצן ענין. ער האָט איר אויך צוגעזאָגט זען זיך מיט די איבעריקע ידן, שכנים, וואָס פאָרן קיין אַמעריקע אינאיינעם מיט איר אַנטאָנען, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף אים, און ער וועט קומען בשלום.

און אַנטאָן אַליק, אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן, איז געגאַנגען זעגענען זיך דווקא מיט די ידישע שכנים. ער איז אפילו אַריין צו יענעם ידישן שכן, ביי וועמען ער האָט אַמאָל, יינגלוויז, צובראָכן אַ שויב. ס'איז געווען גראָד וועלוול דער בעקער — אַ ייד אַ גוטמוטיקער, און אַ בעל־פּרנסה. האָט ער אים די שויב אפילו ניט דערמאָנט. וועלוול דער בעקער האָט אָפּגעטרייסלט דעם מעל־שטויב פון זיין רעכטער האַנט, אַריינגעשטעקט זי אין אַנטאָנס אויסגעצויגענער געזונטער האַנט און אים געוואונטשן אַ גליקלעכע רייזע. און דערביי ניט פאַרגעסן אים, אַנטאָנען, צו פאַרזאָרגן, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן זיין מאַמען, אַנטאָליען.

אַנטאָליע, וואָס איז מיט איר זון מיטגעגאַנגען צו זיין געזעגענען זיך מיט די יידישע שכנים, האָט זיך אַזש צעוויינט.

זי האָט געוויינט מיט אמתע ידישע טרערן.

און אַנטאָן אַליק, אין זיין נייעם אַנצוג, געניט ביים ידן, שלום דעם שנידער, פון האַלב־אידעלער, האַלב־פּראָסטער וואַרע, מיט אַ ידישן שניט; אין די נייע גלאַנציקע שטיוול און מיט דעם נייעם היטל, מיטן גלאַנציקן דאַשיק, איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט געפינטלט מיט די אויגן.

ער האָט אויסגעקוקט ניט ווי איינער וואָס פאָרט קיין אַמעריקע, נאָר ווי ער מאַכט דורך אַ געוויסע צערעמאָניע, וואָס מאַכט אים פאַר אַן אַנדער מענטשן. ער האָט געטראָגן די רעכטע האַנט צום האַרצן, ווי ער וואָלט זיך געזוואָלט איבערצלמען, אָבער די מאַמע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און ער האָט די רעכטע האַנט אַראָפּגעלאָזט און איז אין אַ רעליגיעזער שטימונג אַרויס און איז געגאַנגען, באַגלייט פון זיין וויינענדיקער מאַמען, צו אַן אַנדער ידישן שכן זיך געזעגענען...

# צו דער באַן . . .

הערשל באַשעס איז אַ בעל־עגלה געוואָרן שוין אויף די עלטערע יאָרן. דערפאַר טאַקע האָט ער געהייסן אויף דער ווייבס נאָמען, און ניט הערשל דער בעל־עגלה.

זי, דאָס ווייב, איז געווען אַ קרעמערקע, און פון דער קראָם האָט מען קוים געהאַט אַ טייל חיונה; האָט ער געקויפט אַ פערד־און־וואָגן און פלעגט אַרומפאָרן האַנדלען אין די נאָענטע דערפער. אויך דערפון — צוליב זיין צופיל גוטסקייט — האָט ער כמעט גאָרנישט פאַרדינט; און אַמאָל, ווי ער האָט זיך געקלאָגט מיט אַ המצאהלע, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער נאָך דערלייגט צום קרן.

— אַפילו אַזאַ חכם, ווי מיין פערדל, האָט אויך ניט געהאָלפן. געמוזט קומען אַהיים אָן אַ גראָשן. דעם קרן האָט עס טאַקע, דאָס פערדל, אויפֿגעגעסן . . .

דער עולם האָט אָבער מיט דער צייט אָנגעהויבן פאָרן אַלץ מער קיין אַמעריקע פון דער לאַנגער גאַס... הערשל באַשעס האָט אין דער זעלביקער גאַס געוואוינט — אין אַ קליין שטיבל, טיף אין אַ הויף, צווישן צוויי גרויסע גערטענער — זומער צעבליטע און צעוואַקסענע מיט אַלערליי גרינצייג, און טיף אין אָסיען און ווינטער — פאַרוויסטע און פאַרשנייטע.

פון דער דאָזיקער גאַס, — דאָס רוב אין אַ פּאָר סוכותדיקער, צי אַ נאָך פסחדיקער וואָך — איז מען קיין אַמעריקע געפאָרן מער ווי פון אַנדערע גאַסן. און אפשר האָט זיך עס אים, הערשל באַשעס, געדאַכט, ווייל מיט די מענטשן פון אָט דער גאַס איז ער געווען מער באַקאַנט, מער איינגעלעבט ווי מיט די, וואָס האָבן געוואוינט אין די אַנדערע גאַסן פון דער שטאָט...

האָט אים שוין געלוינט אָנשטאָט פאָרן מיט זיין פערד־און־וואָגן אין די דערפער האַנדלען — און אָן קאַפּיטאַל איז דאָס געווען קריעת ים סוף —

בעסער צו פירן די פּאַסאַזשירן צו דער באַן, וואָס פון זיין גאָס־אָן, פון זיין שטוב, הייסט עס, איז דאָס געווען אײַנגאַנצן ביי אַ דריי ווערסטלעך, ווייל ער האָט ניט ליב געהאַט אָפּצונאַרן און ניט מגזם זיין די לענג פון אַ וועג, צוליב עטלעכע גראָשן... יענע בעלי־עגלות, די ריכטיקע, וואָס זייער פּרנסה איז דאָס געווען זינט זיי האָבן חתונה געהאַט און נאָך אפילו בחור־ווייז האָבן זיי שוין געפירט פּאַסאַזשירן צו דער באַן — יענע האָבן געזאָגט, אַז דער וועג צו דער באַן איז שטאַרקע דריי וויאָרסט... און אַן אַנדערער האָט צוגעגעבן: אויב ניט מיט אַ סמיטשיק...

אוודאי האָט מען בכלל הערשל כּאַשעס געוואָלט טאָן אַ טובה און פאָרן צו דער באַן מיט אים.. נישט מער, ס'איז געווען אַ קלאָגג, אַז מיט אים קען מען אַמאָל די באַן פאַרשפּעטיקן. ניט, חלילה, ווייל ער איז פויל צו טרייבן, נאָר עס וועדנדט זיך גאָר אָן זיין פערד, וואָס פאָלגט ניט, און פאָלגן פאָלגט עס נישט — ניט צוליב ווילדקייט, חלילה. הערשל כּאַשעס פערד איז געווען דוקא אַ רואיקס... נאָר מען האָט גערעדט, אַז פון דעם ביסעלע היי, וואָס עס באַקומט אַ צוויי־דריי מאָל אַ טאָג, האָט עס, נעבאָך, אויף די עלטערע יאָרן, קיין כח ניט געהאַט צו־גיך צו לויפן... דעם שכל פון אַ באַן, וואָס איז „אַרויסגעקומען” נאָך אין דער פריערדיקער צייט, ווען הערשל כּאַשעס אַליין איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און ער פלעגט לויפן זען די באַן מיט אַלע קליינע ייִנגלעך, שבת נאָכן „וואָרמעס” — וועגן אַזאַ אײַלן זיך צו דער באַן האָט אוודאי דאָס פערד, אפילו אין די עלטערע יאָרן, ניט געוואוסט. איז צו וואָס דאָס יאָגן? דערצו, האָט מען דערציילט בסוד און מיט אַ שמייכל, אַז הערשל כּאַשעס הויבט אויף די בייטש איבערן פערד נאָר אויף צו כלומרשט... ער האָט נאָך, קען מען שווערן, קיינמאָל דאָס פערד מיט דער בייטש ניט אָנגערירט מיט אַ מינדסטן שמיצעלע...

אַז מען האָט הערשל באַשעסן געפרעגט צי ס'איז אמת, האָט ער בלויז געשמייכלט... ער האָט אָבער ניט אָפּגעלייקנט און ניט מודה געווען...

אָנגעהויבן פאָרן צו דער באַן מיט פּאַסאַזשירען, הגם בלויז דריי ווערסטלעך, האָט ער שוין געביטן זיין פערד אויף אַן אַנגערן מיט אַ פּאָר יאָר. הערשל באַשעס האָט געוואוסט אַלע סימנים פון אַ פערדס עלטער, ווי אַ געבוירענער בעל־עגלה, צי אפילו אַ פערד־הענדלער... דערצו טאַקע האָט אים שמואל־נחום דער שכן זיינער, וואָס איז געווען אַ פערד־הענדלער, צוגעהאָלפן ביי דעם קויפן, און יענער האָט טאַקע אויף אַן אמת געוואוסט... שמואל־נחום האָט

אָבער קיין מעקלעריי ביי הערשל באַשעס ניט פאַרלאַנגט. ער דער גרויסער פערד־הענדלער, וואָס האַנדלט אַפילו מיטן „דייטש", און שיקט זיינע שטאַרקע פערד — די הויכע, די פולע, מיט די לאַנגע העלדזער — אַזש קיין לייפּציג, וועט ער דען זיך קוואַפּען אויף אַ דרייערל „מעקלעריי" פון אַ הערשלען, אַן אָרעמען שכן און אַ ייד אַ צדיק...

מיט דעם פערד, דעם אינגערן אויף צווי יאָר, איז אָבער אין צוויי יאָר אַרום געווען דאָס זעלביקע... קיין סך פאַסאַזשירן האָט הערשל באַשעס שוין שפּעטער נישט גענומען. בלויז די סאַמע נאָענסטע שכנים און די וואָס האָבן געהאַט מיט זיך צו פירן קליינע קלומקעס; די אמתע פּעק האָבן זיי אַוועק־געשיקט אין באַגאַזש, צו דעם וואָקזאַל אין דער גרויסער שטאָט... דאָס איז געווען גראָד דער אינגערער דור, וואָס איז שוין געפאָרן קיין אַמעריקע, מיט דער זעלביקער זיכערקייט, ווי מען פלעגט אַמאָל פאָרן אין דער נאָענטער גובערניע־שטאָט אַריין...

מיט דער יונגער חברה, טאָמער האָט זיי אפילו באַגלייט טאַטע און מאַמע, אויך מיט דער פור און ניט צו־פוס, איז הערשל באַשעס אָנגעקומען אין צייט... דאָס רוב יונגינקע, גרינינקע, צי אַ מיידל, צי אַפילו אַ בחורל, האָט דאָס פערד, ווי זעגנענדיק זיך מיט זיי, הילכיק געהירזשעט, און באַרג־אַראָפּ אָפּגעלאָפן אַ היפּשן שטיק וועג, אַפילו אויף דער פלאַך... ווי עס וואָלט פאַרגעסן, אַז עס איז שוין לאַנג אויס באַרג...

דערצו איז טאַקע הערשל באַשעס מערכה, צוליב דעם פאַסאַזשירן פירן צו דער באַן, צו דעם „פאַלסטאַנאַק", ווי מען האָט די האַלב־סטאַנציע, אין עק שטאָט, גערופן — איז זיין מערכה פאַרט דערהויבן געוואָרן. ערשטנס, האָט זיין ווייב, אַ ידענע אַ חכמה, אין איר געוועלבל, וואו זי האָט פאַרקויפט פּאַפּיר און פּענעס און טינט, אָנגעהויבן מער צו לייזן; דערצו טאַקע די „אַוועקגעפאָרענע" וואָס האָבן שוין דאָ אין שטאָט געהייסן די „אַמעריקאַנער", וואָס פלעגן שיקען אָפטע בריוו, פאַר גרויס בענקשאַפט נאָך דער היים, צו די עלטערן, צי צו די יונגע ווייבלעך, צי צו די כלות און אַמאָל אַ מיידל, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און דער חתן איז דאָ געבליבן האָט שוין אַזעלכע געשריבן אַ בריוו צום חתן... הערשל באַשעס ווייב האָט שוין געהאַלטן די טייערע בויגעלעך פּאָסט־פּאַפּיר, מיט די טייערע בלויע טינטן און מיט די אַלערלייאיקע שטאָלענע פּענעס, וואָס אַנדערע זענען געווען ווי באַגילדעטע, און אַנדערע האָבן ביי די בײדע זייטן, רעכטס און לינקס, געהאַט פליגלען...

מען רעדט שוין ניט וועגן אַנדערע סחורות, וואָס האָט זיך געפּאַסט צו אַ געוועלב, וואו מען פאַרקויפט שרייבגעצייג. די יונגע „אַמעריקאַנקעס", דאָס הייסט, די ווייבלעך, וואָס זייערע מענער זענען געווען אין אַמעריקע און זיי אָפּט געשיקט געלט, האָבן שוין געהאַט השגות צו קויפן אַ פיינעם פּאַפּער, וואָס זעט אויס ווי זייד, און געמאָלן, און ס'איז גאָר פון אַזאַ מין פּאַפּיר... האָט דאָס הערשל באַשעס ווייב געהאַלטן אין איר געוועלב.

פאַרן נייעם דור בחורים, באַלעבאַטישע, די אָרעמערע „אינטעליגענטן", וואָס האָבן נאָך דערוויל קיין אַמעריקע ניט געוואָגט צו פאָרן, און האָבן שוין אָבער געטראָגן סיי גומענע און סיי פּאַפּירענע קראַגנס און מאַנדזשעטן, וואָס, איבערהויפּט די פּאַפּירענע, האָבן אויסגעזען ווי פון בעסטן לייוונט — האָט זי שוין אויך די דאָזיקע סחורות פאַר זיי אויסגעשריבן, דורך „קאָמיסיאָנערן", וואָס פאָרן נאָך אַלערליי סחורות אין דער גובערניע־שטאָט...

איז שוין פון מער סחורות — דער ריוח אין קראָם גרעסער... פאַרגינט זיך שוין הערשל באַשעס צו שפּייזן זיין פערדל מיט אַ ביסל האָבער יעדן אוונט... און אַליין, להבדיל, אַמאָל אויך אַ בעסערן ביסן...

און אָט ווערט דער עלטערער בחורל זייערער שוין אויך אַ פאַרדינער; זיך געלערנט „בערשטעריי". אין שטאָט גופא איז טאַקע געווען אַזאַ מין פאַבריק — געפּאַקטעוועט אין פאַבריק אַ יאָר כמעט אומזיסט, שפּעטער אָנגעהויבן קריגן אַ האַלבן רובל אַ וואָך, און נאָכדעם האָט ער שוין גענומען וואַרטן אויף די ריכטיקע שכירות — אפשר די גאַנצע דריי רובל אַ וואָך...

און געוואויינט טאַקע האָט אָט דער געטרייער זון, הוישע, ביי זיי גופא, ניט געווען קיין יחסן צו זוכן אַ שיינעם צימער, ווי אַנדערע, און דאָס פאַרדינסט האָט ער אָועקגעגעבן אין שטוב. נישט מער — אַז ס'קומט אָן ערב פּסח, דאַרף ער אַ גאַרניטור, צי אָן ערב סוכות דאַרף ער עפּעס אַ מאַנטל, אַ פּאַלטאָ, הייסט עס, אַ וואַרעמען — אויף ווינטער... נו, וועט מען אים, חלילה, זשאַלעוען?...

נאָר וואָס דען? הערשל באַשעס קען שוין אָט די דאָזיקע יונגע בחורים, וואָס עס ציט זיי ערגעץ, און דער עיקר טאַקע קיין אַמעריקע. און ער פאַרשטייט שוין די אַנצוהערעניש, וואָס זיין הוישע אַליין גיט אים אָנצוהערן...

— טאַטע, וואָס איז דער תכלית דאָ ביי דער בערשטעריי?...

— אַהער־אַהין — ווי הערשל באַשעס פלעגט עס נאָכדעם אַליין דער־

ציילן און שמייכלענדיק צוזיפצן — איך אַליין, זיין טאַטע, הייסט עס, האָב אים אָרעקגעפירט צו דער באַן, צום „פּאַלסטאַנאַק"...

הערשל באַשעס האָט דערציילט ווייטער, ווי אַזוי ער און זי האָבן געוואָלט פאָרן מיט אים כאָטש ביז דער גובערניע, און טאַקע מיטן פערד־און־וואָגן זיינעם, וועט ער און די מאַמע זיך כאָטש קענען אָנריידן מיט אים... אַזוי שטערן די „פרעמדע" מענטשן אויפן וואָגן... הוישע האָט אָבער ניט פאַר־לאַנגט. ס'איז געגנוג ביז דער באַן, דעם פּאַלסטאַנאַק...

און הערשל באַשעס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַפילו ביים זעגענען זיך ניט געוויינט... דעם אייגענעם זון צוגעפירט צו דער באַן — צו פאָרן קיין אַמעריקע... זי, די מאַמע, פאַרשטייט זיך — האָט ניט געקענט זיך העלפן. אָבער אויך זי האָט ניט ליב געהאַט אַפּצועסן זיך דאָס האַרץ מיט צופיל וויינען...

און נאָכדעם פלעגט זיך שוין הערשל באַשעס באַרימען מיט די בריוו, וואָס ער באַקומט פון זיין הוישען פון אַמעריקע — פון נעוויאָרק, הייסט עס... טייערע בריוו!...

דאָ פלעגט ער שוין זיך ניט קענען באַהערשן אויף אַ וויש־טאָן די אויגן.

אָבער באַלד פלעגט דאָס פּנים זיינס ווידער אויפלויכטן. די שוואַרצע אויגן אונטער די שוין־פאַרגרויטע ברעמען האָבן געשמייכלט, און אַ צי טוענדיק פריער מיט איין האַנט די באָרד, האָט ער שוין אויך אַ צי געטאָן די לייצעס, אַ זאָג געטאָן עפּעס צום פערד, ער זאָל פירן צו דער באַן די נייע פּאַסאַזשירן, שוין די פּאָר באַלעבאַטישע בחורים און איין יונגנמאַן, וואָס איז געוועזן אַן איידעם פון אַ מיטעלען בעל־הבית... זיי זענען געפאָרן קיין אַמעריקע, און מיט זיי האָט ער שוין געשיקט אַ גרוס זיין זון.

דאָס איילן זיך צו דער באַן איז שוין געוועזן ניט צוליב פּרנסה אַליין...

ער האָט שוין בכלל געהאַלטן פאַר אייגענע מענטשן די אַלע, וואָס פאָרן קיין אַמעריקע, וואו זיין זון געפינט זיך, און דערצו זענען שוין דאָרטן אָנגעפאָרן אַזוי פיל שטאָטישע ידן און נאָך ידן, און יעדער נייער, וואָס קומט אָן אַהין, ברענגט אַ גרוס פון דאָרטן — אַזש אַהין, קיין אַמעריקע — צו די דאָרטיקע ידן, הייסט עס...

ער האָט פאַר די פּאַסאַזשירן געוואָלט דערקלערן, ווי אַזוי די איצטיקע וועלט פירט זיך בכלל, ווי עס ענדערט זיך... אָבער ער האָט ניט געוואָלט

אַריינגײן מיט די, װאָס פאָרן אין אַזאַ װײַטער און אין אַזאַ נײַער מדינה, אין צו הױכע דרכים. אַפּילו מיט אַ װױך־זאָגן איז ער געװאָרן פאַרזיכטיקער...

דערפאַר אָבער האָט ער זיך געפּילט זיכערער... ער האָט אַ זון אין אַמעריקע...

און אַראָפּלאָזנדיק די פּאַסאַזשירן פון זײַן װאָגן, װאָס איז שױן מיט דער צײַט געװאָרן באַנײַט מיט װײַכער געבעט, האָט ער זיך געװענדט צו יעדן, װאָס איז געפאָרן קײן אַמעריקע, מיט דער זעלבער בקשה:

— לאָזט דאָרט גריסן מײַן זון...

און צוריק איז ער שױן געפאָרן — אױב אַפּילו אין לײדיקן — אָבער אַ דערמוטיקטער... עס זײַנען אַהין אָװעקגעפאָרן מענטשן, װאָס װעלן זיך זען מיט זײַן זון.

און לאַנג האָט ער זיך דערמיט געטרײסט...

שפּעטער האָט ער זיך אַפּילו באַרימט מיט זײַן זון, װאָס איז געפאָרן פון די ערשטע קײן אַמעריקע — און איז דאָרטן געװאָרן אַ לײַט...

נאָך שפּעטער, אַז ער איז שױן אױפגעריכט געװאָרן און האָט שױן ניט געדאַרפט פירן קײן פּאַסאַזשירן צו דער באַן, האָט ער נאָך אַלץ דערצײלט מיט אַ שמײכלענדיקן פּנים:

— איך האָב אים אַלײן געפירט צו דער באַן... און פלעגט שױן צוגעבן, װי פאַרטיפט: — כ'האָב נאָך דאָס פערד און װאָגן געהאַט...

און ער פלעגט שױן דערצײלן װעגן דעם געלט, װאָס דער זון שיקט אים צו דער עלטער:

— װאָס דען, אַ טאַטן װעט ער פאַרגעסן?...

דאָ פלעגט ער זיך שױן שטאַרק צושמײכלען, נאָר ניט פונאַנדער־לאַכן...

עס האָט געהײסן, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע װאָס קענען יאָ, חלילה, פאַרגעסן... נאָר ער האָט יענע ניט געװאָלט באַרײדן. עס איז ניט געװען הערשל כּאַשעס געװױנהײט...

# אַ היימישע זאַך

געוואָר געוואָרן, פריער פון אַ לאַנדסמאַן, ווי אַ גרוס, און נאָכדעם פון אַ נייס אין אַ יידישער האַלב־אָרטאָדאָקסישער צייטונג, אַז אין ניו־יאָרק איז אָנגעקומען דער קלעמענקער חסידישער רבי, אויף צו באַזעצן זיך דאָ, האָט לעאָן ראָזנקראַנץ, אַ פּראָגרעסיווער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ שטעלע אין אַ ראַדיקאַלער אינסטיטוציע, אַזש אויפגעציטערט. אויסערליך האָט ער טאַקע רואיק געשמייכלט און דערביי אַ מורמל געטאָן: „אַזוי, דער קלעמענקער רבי!" אָבער טיף אין זיך ווען האָט עפּעס אויפגעלויכטן, אויפגעשיינט. פאַר זיינע אויגן האָט אַ שוועב געטאָן פריער דאָס שטעטל קלעמענקע בכלל, מיט אירע זיבן גאַסן, מיטן מאַרק און מיטן שול־הויף; נאָכדעם האָט ער שוין בולט געזען, אַראָפּ שול־הויף, דעם רביס הויף. פון פאָרנט — דאָס „שטיבל", וואו אין העלפט האָט מען ווי אין אַ בית־מדרש געדאַוונט, געפּראַוועט טיש און געזונגען, און די צווייטע העלפט, וואָס דער „פּאָליש" האָט אָפּגעטיילט, איז געווען דעם רביס חדר, וואוהין די אָנגעפּאַרענע חסידים פון אַלע נעענטערע און ווייטערע שטעט און שטעטלעך, איבערהויפּט אין די יום־טובים, פלעגן קומען פרעגן אַן עצה און נעמען אַ ברכה... און הינטערן שטיבל און אין דער זייט רעכטס — הייזער און הייזלעך, אין וועלכע עס האָט געוואוינט דעם רביס פאַמיליע — זין, טעכטער, איידעמס און שניר, מיט זייערע שיינע, געצערטלטע און געאיידלטע קינדער — דעם רביס אייניקלעך.

יענער רבי, וועלכן ער האָט אַלע שבת, אַלס יינגל, ווען מען האָט נאָך אים גערופן לייבל זלמנס — געזען זיצן אויבנאָן אין „שטיבל" און געפּראַוועט דעם „טיש", וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט חסידים זיצנדיקערהייט און שטייענדיקערהייט און זיי האָבן אויפגעכאַפּט ניט נאָר די שפּיז, וואָס ער האָט זיי דערלאַנגט מיט זיינע אייגענע הענט, נאָר יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל — און אויפגעכאַפּט האָבן זיי עס מיט אויפהאָרכנדיקע

אויערן, מיט פֿארגלאָצטע אויגן — יענער רבי, ר׳ אהרעלע, איז שוין נפטר געוואָרן. ראָזנקראַנץ האָט נאָך וועגן דעם געהערט, ווען ער איז שוין פֿון דער היים אַוועק און שוין געוואוינט אין די גרויסע שטעט... ער האָט אַפֿילו געוואוסט, אַז עס איז געוואָרן רבי דעם נפֿטרס עלטסטער זון, וועמען ראָזנקראַנץ האָט אויך יינגלוויז געזען אין שטיבל, ווען יענער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן...

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער איצטיקער רבי, אין ניו־יאָרק איז יענעם רביס אַן אײדעם, און די איצטיקע רביצין איז דאָס די אַמאָליקע מיידעלע, דאָס אייניקל פֿון יענעם רבין, וואָס אים פֿלעגט ראָזנקראַנץ קומען אַלע שבת זען „פּראָוון" דעם טיש.

דער אַלטער רבי, דער זיידע פֿון דער איצטיקער רביצין, האָט אים אַפֿילו אַמאָל, ווען ער האָט נאָך געהייסן, אַלס יינגל, לייבל, געגעבן „שלום־עליכם" און ביי אים, דעם דאַמאָלסטדיקן לייבלען, איז דאָס געווען אַ גרויסע זכיה... אמת, דאָס קינדערשע האַרץ האָט אים דעמאָלט געציטערט: טאָמער האָט דער רבי, זעענדיק אים דעמאָלט אין איין ריי מיט די חסידים, געמיינט אַז ער, לייבל, איז אַ זון פֿון איינעם אַ חסיד, פֿון די אָנגעפּאָרענע חסידים...

ער האָט זיך אָבער, געדענקט ער, געטרייסט, אַז דער רבי האָט יאָ געוואוסט אַז ער, לייבל, איז אַ קלעמענקער גופא... והא ראיה, דער רבי האָט אויף אים אויפגעהויבן זיינע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען און געזאָגט פֿריינטליך:

— דיך, שקאָץ איינער, קען איך דאָך. נאָר נאַ דיר אויך שלום־עליכם!

און דער אַלטער רבי האָט אַזוי קלוג געשמייכלט, אַז ער, דער דעמאָלטדיקער לייבל, האָט דערזען ווי דעם רבינס פּנים לויכט אינגאַנצן און די חסידים, האָט ער באַמערקט, האָבן שטאַרק הנאה, וואָס דער רבי האָט דערקענט אַ יינגעלע אַ היגן און אַ זון פֿון ניט קיין חסיד, און פֿונדעסטוועגן אים געגעבן שלום...

און יענעם שבתדיקן, צי יום־טובדיקן טאָג — ראָזנקראַנץ געדענקט שוין ניט גענוי וואָס פֿאַר אַ טאָג ס'איז געווען — האָט ער זיך געפֿילט אומרואיק־גליקלעך:

— דער רבי האָט אים געגעבן שלום־עליכם! דאָס איז אַ גרויסע זכיה, אָבער ס'האָט אים ניט געקומט, ווייל ער, לייבל, איז אַ היגער... און דערצו איז זיין טאַטע אַ מתנגד... און אַפֿילו אַ משכיל...

איז דערפֿאַר די דאָזיקע פּאַסירונג ביי לייבלען געבליבן לאַנג אין זכרון...

און דערהערט שוין דאָ אין ניו־יאָרק וועגן דעם אָנקומען פון דעם קלעז־מענקער רבין אַהער, מעג עס שוין זיין גאָר אַן אַנדערער, און אַפילו יענעמס בלויז אַן אײדעם, וועמען פּערזענלעך ער האָט אַפילו אַלס ייִנגל ניט געקענט, האָט זיך ראָזנקראַנץ דערמאָנט אי אָן דער פּאַסירונג, אי אָן די באַזוכן זיינע אין רבּיס שטיבל, און אָן זיין קינדהייט און פריער יוגנט בכלל...

אויך האָט פאַר אים פאַרגעשוועבט ווי אונטער אַ שלייער דאָס מילדע, אײדעלע פּנים פון דער איצטיקער רביצין, ווען זי איז נאָך אַ קליין מיידל געווען, איז געזעסן אויפן גאַנעק פון איר טאַטנס שטוב, רעכטס פון „שטיבל" און מיט נייגעריקייט באַטראַכט אַלע פאַרבייגייער...

געוואָרפן אויף איר אַמאָל אַ בליק, פלעגט זי פאַרשעמט אַראָפּלאָזן די אויגן. אויף אַ ייִנגל טאָר מען ניט קוקן. און דאָך האָט זי אַמאָל יאָ אַ קוק געטאָן. איז אָבער איר בליק געווען ווי מיט פאַרוואָרף, ווי זי וואָלט געוואָרנט:

— מען טאָר ניט...

נו, אַוודאי האָט מען ניט געטאָרט...

פונדעסטוועגן האָבן אַלע ייִנגלעך געוואוסט, אַז זי איז אַ יפת־תואר, ווייל אַלע קינדער דעם רבינס — די זין און די טעכטער און די אייניקלעך — זיינען גרויסע פאַרשוינען, זייערע פּנימער לייכטן.

לייבל, וואָס איז שוין ייִנגלוויז געווען, צוליב דעם טאַטן דעם משכיל — אויף זיין אופן — אויפגעקלערט — האָט אויך אַזוי געהאַלטן. דער ייִנגערער זון, דעם רבינס, ר' שלמה חיימקע — אים, אַ יונגן בחור, פלעגט ער טאַקע זען אַלע שבת אין שטיבל גופא — יענער איז טאַקע געווען אַ פאַרשוין, מיט בלויע אויגן, און זיין קוק, אונטערן האַלב־פוטערנעם און האַלב־סאַמעטענעם שטריימל, אַזאַ פריילעכער... און יענער פלעגט זיך מער חברן מיט די יונגע חסידים, מיט די וואָס פלעגן זינגען די זמירות, צוקנאַקנדיק מיט די לאַנגע ווייסע פינגער, וואָס לייבלען, ווי אויפגעקלערט ער איז שוין געווען, פלעגט עס גאָר אַנטציקן און הויבן אים אַזש אין דער לופטן...

**
*

וועגן גיין צום רבין, שוין דאָ אין ניו־יאָרק, האָט ראָזנקראַנץ די ערשטע צייט ניט געטראַכט. און אויב ער האָט יאָ אַמאָל אַ טראַכט געטאָן, האָט ער זיך אַליין אויסגעמוסרט אין געדאַנק: וואָס הייסט — ס'איז ניט דיין וועלט... און וואָס וועלן לייט זאָגן?...

ס'איז אַפּילו דאָ אַ תּירוץ: די היים, די קינדערשע יאָרן... און דערצו — די שווערע לאַגע פון דעם נייעם רבין, פון זיין פאַמיליע, מיט וועלכער ער איז אָנגעקומען. און די רביצין, וואָס אַט געדענקט ער זי, ווי אַ קליין מיידעלע, וואָס זיצט ביי איר טאַטנס שטובס גאַנעק, קוקט דאָ אין דער ווייט, דאָ אויף פאַרבייגייער, און אויב זי באַמערקט שוין יאָ ווי ער, אַ יינגל, קוקט אויף איר, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן. און טאַמער טוט זי אַ קוק אויף אים אויך, איז דאָס מיט פאַרזואָרף, און לויפט באַלד אַריין אין שטוב... קוקט ער שוין אַריין אין די פענצטער. די פענצטער זיינען אָבער פאַרהאַנגען, אַמאָל זיינען אַפּילו ביי איין פענצטער די לאָדן פאַרמאַכט. קוק היינט, קוק מאָרגן — וועסט גאָרנישט דערזען, ס'איז לויטער סודות און וואונדער...

און אַוודאי וועט ער ניט גיין. ס'איז געננוג דער גרוס, וואָס ער הערט אַמאָל פון אַ לאַנדסמאַן. יענער איז שוין מער געזואָגט... דער לאַנדסמאַן קומט שוין אַריין צום רבין. ס'איז אויפן חשבון פון לאַנדסמאַנשאַפט...

— און נישקשה — זאָגט אים דער לאַנדסמאַן — ס'וועט אייך גאָרניט שאַטן, ווען איר, ראָזנקראַנץ, וועט אויך אַמאָל אַריינקומען... און מען פרעגט טאַקע דאָרטן אויף אייך: דער רבי, די רביצין... די קינדער אַפּילו.

ראָזנקראַנץ האָט שוין געהאַט אַלערליי פּראָבלעמען צו לייזן. אַזאַ מין האָט ער נאָך ניט געהאַט.

ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז עס איז אַ היימישע זאַך.

ער וועט בלייבן דער זעלביקער פּראָגרעסיווער מענטש. ער וועט אַריינ־קומען אַהין ווי אַ לאַנדסמאַן, ווי איינער, וואָס האָט ייִנגלווייז געשטילט זיין בענקשאַפט נאָך פרייד, ווען ער פלעגט אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג אַריינ־קומען אין שטיבל...

און געפונען אַ זכות, אַז צום רבין אין קלעמענקע פלעגן קומען דאָס־רוב אָרעמע חסידים. אַ טייל פון זיי פלעגן שוין בלייבן אַ שטיק צייט נאָך יום־טוב און דער טיש איז פאַר זיי שטענדיק געווען גרייט.

— אַ מין ייִדישע „באַהעמיע״ איז דאָס געווען — פאַרטיידיקט זיי איצט ראָזנקראַנץ אין געדאַנק, דערמאָנענדיק זיך די אָרעמקייט און די בענקשאַפט נאָך פרייד.

און ישובנדיק זיך אַזוי מיט זיך אַליין, איז אָנגעקומען ראָזנקראַנצן אַ בריוועלע. סיי אויפן קאָנווערט און סיי אויפן בויגעלע פּאַפּיר — דער אַדרעס און דער טיטל פון רבין. אַפּילו דער נומער פון טעלעפאָן האָט ניט געפעלט.

דאָס בריוועלע אַליין איז אָבער געווען אין יידיש. די אויסדרוקן — שטאָלץ, יחוסדיק און יידיש־וועלטלעך, און אַלט און ניי. חשיבותדיק.

און אַוודאי — שרייבט מען אין בריוועלע — וועט ער, ראָזנקראַנץ, פאַרברענגען אַ פּאָר שעה צווישן אייגענע מענטשן, לאַנדסלייט, און זיך באַקענען אויך מיטן רבין, וואָס וויל זיך זען מיט אַזאַ לאַנדסמאַן ווי ראָזנ־קראַנץ איז.

און אונטערגעשריבן אין דער נאָמען פון דער רביצין און דער פאַמיליע־נאָמען, שוין אַ נייער, פון אַן אַנדער דינאַסטיע, ווי די פאַמיליע פון אַן אײדעם פון דעם אַלטן רבין. אָבער אַ פאַמיליע פון גרויסן פאַרנעם.

אַמאַליקער יחוס! — האָט ראָזנקראַנץ, דורכלייענענדיק דאָס בריוועלע, אַ מורמל געטאָן. און האָט באַשלאָסן צו גיין.

ס׳איז אַ היימישע זאַך...

***

ראָזנקראַנץ איז אַרויף אויף אַ גאַנעק. ס׳איז געווען איינער פון די רייע גאַניקעס, וואָס האָבן זיך געצויגן איינע נאָך די אַנדערע — גאַניקעס פון פריוואַטע הייזער אין אַ שענערער גאַס פון ברוקלינער געגנט. צווישן די הייזער, איינגעקלעפּט איינע אין דער אַנדערער מיט דעם נומער אויף יעדער וואוינונג אין דער הויך ביי די טירן פון דרויסן, האָט ראָזנקראַנץ דערזען דעם אָנגעגעבענעם נומער פון דעם רבינס וואוינונג. ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס אַט צווישן אַזוי פיל הייזער, איינגעקלעפּטע איינע אין די אַנדערע, מיט איין אויסזען, פון איין הויך, געפינט זיך דעם רבינס וואוינונג.

געדריקט דאָס עלעקטרישע קנעפּל, האָט אים אויפגעעפנט די טיר אַ יונגער בחור אין אַ קאַפּעליוש. ס׳איז געווען דער איינציקער באַוויז, אַז דאָס איז איינער פון דעם רבינס הויז־מענטשן, און אפשר אַ זון.

יאָ, טאַקע, דעם רבינס זון. אַ בחור מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן.

ראָזנקראַנץ האָט אַרויסגערעדט, ווי פאַרשעמט, זיין נאָמען.

— אַ, יאָ... איך וויס... מיין טאַטע, דער רבי, דערמאָנט איך טאַקע, וואָס איר קומט ניט, און די מאַמע פרעגט אויך ביי די לאַנדסלייט. קומט אַריין.

באַלד זיינען אַנטקעגן געגאַנגען דריי יונגע מיידלעך, מיט שוואַרצע אויגן. די עלטערע — אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, די יינגערע — אַ יאָר אַכצן. די דריי טעכטער האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַרויס פון ערגעץ אַ פאַרצויבערטן

פּאַלאַץ. האָט שוין זייער ברודער, דער עלטערער, פֿאַרגעשטעלט זיי פֿאַר ראָזנקראַנצן. זיי האָבן חנעוודיק און פּריינטלעך געשמייכלט, זיך געגריסט, ווי טעכטער פֿון לאַנדסלייט מיט אַ לאַנדסמאַן.

ראָזנקראַנץ איז געווען פֿאַרכאַפּט פֿון זייער טאַקט, האַלטונג און ליבלעכקייט.

ער האָט אָבער געזוכט מיט די בליקן נאָך עמיצן.

ער האָט שוין געוואָלט זען די רביצין. זי איז דאָך די איינציקע, וואָס ער געדענקט פֿון זיין קינדהייט, און וועלכע דאַרף אים ערשט דערמאָנען די היים.

באַלד האָט זי זיך באַוויזן פֿון אַ באַזונדער ווייטן חדר. אין אמתן איז די וואוינונג געווען אין דער הויך, וואוהין עס האָט פֿון קאָרידאָר געפֿירט אַן אַרויפֿגאַנג פֿון טרעפּ. אונטן, אַ לאַנגער חדר, דאָס איז געווען דאָס שולכל. איצט איז דאָ פֿאַרגעקומען אַ סעודה, וואָס די פֿרויען לאַנדסלייט האָבן געמאַכט פֿאַר דער רביצין און פֿאַר איניקע וויכטיקע געסט. פֿאַר דער רביצין האָט שוין ראָזנקראַנצן פֿאַרגעשטעלט איינע פֿון די פֿרויען, וועלכע ער געדענקט נאָך פֿון דערהיים. די רביצין, שוין אין די מיטעלע יאָרן, האָט זיך מיט ראָזנקראַנצן געגריסט אי ווי אַ רביצין, אי ווי אַ לאַנדספֿרוי. ניט געוואַגט אויסציען זיין האַנט, האָט עס געטאָן די רביצין — אויף אַ ידישלעכן אופֿן אים אויסגעשטרעקט די האַנט. ס׳איז אויסגעקומען, ווי די רביצין דערלאַנגט אים אַ שלום־עליכם...

ער האָט געוואָלט דערקענען די שטריכן פֿון דעם אַמאָליקן רבינס איניקל — דאָס מיידעלע, וואָס ער האָט געזען זיצן אויפֿן גאַנעק. קעגן אים איז געשטאַנען אַ פֿרוי, וואָס האָט אין משך פֿון אַ צענדליק יאָר איבערגעלעבט אַזוי פֿיל.

זי האָט זיך ניט געקלאָגט. זי האָט בלויז פֿרום געשמייכלט. די דריי טעכטער, שוין איינגעזאַפּט אויך דאָס נייע לעבן פֿון נייעם לאַנד — ביי איר זייט. דער זון אַביסל אין דער ווייט, מיטן קאַפּעליוש אויפֿן קאָפּ.

און דאָ, ביי אַ געדעקטן טיש, זיצן פֿרויען. דאָס האָט מען געמאַכט אַ סעודה מיט דער כוונה צו געבן פֿון דער הכנסה דער רביצין אַ מתנה. און אויבן, אין דערהויך, זיצט דער רבי.

די רביצין, אָבער, פֿראַוועט ניט קיין טיש. ס׳איז גאָר אַ „פּעקעדזש פּאַרטי", ווי זיי רופֿן עס, די לאַנדספֿרויען. פֿירן דעם טיש פֿירט גאָר אַ פֿרוי, וואָס איז דאָ די טשערלידי. זי טיילט אַפֿילו צו די חשובערע מיטגלידערינס ווערטער.

אָבער ראַזנקראַנץ האָט מען אויך געגעבן אַ וואָרט.

אַודאי וועט ער רעדן.

און ער האָט אָנגעהויבן שטיל און נאָכדעם העכער:

ער וויל ניט לייקענען... ער איז ניט קיין חסיד. ער שטאַמט ניט פון חסידים. אָבער אַלס ייִנגל פלעגט ער קומען אַלע שבת אין שטיבל, ווען עס האָט נאָך געלעבט ר׳ אהרעלע. אויף ר׳ אהרעלעס טיש האָבן געגעסן אַ סך אָרעמע חסידים...

און וויבאַלד אַז אָרעמע, איז דאָך ניטאָ וואָס צו לייקענען. ס׳האָט געהאַט גרויס שיינקייט. איצט, אין דער נייער וועלט, באַקומט עס אַן אַנדער געשטאַלט. ס׳איז פאַר אים אַ פרייד צו זען, אַז די לאַנדסלייט וויסן ווי אָפּצוהיטן דאָס פאַרבליבענע שיינקייט, און ס׳איז אַ פרייד צו זען דעם נייעם דור, די קינדער, וואָס זוכן שוין זייער נייעם וועג, לויט די נייע אומשטענדן און באַגריפן.

די רעדע איז אַפּלאַדירט געוואָרן. ס׳איז געווען פונקט ווי מען האָט אַי זיך באַגעגנט, אַי זיך דערמאָנט... און דערווײַלע איז אַ שמחה.

שפּעטער איז ראַזנקראַנץ אַרויף צום רבין, וועלכער האָט אים דערוואָרט.

דער רבי איז געזעסן אַליין אין אַ חדר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַרלאָר. בלויז די מנורה אויף אַ טישל בײַ אַ וואַנט און נאָך איניקע היימישע חפצים, וואָס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פון דער פאַרגאַנגנהייט און האָבן געפינקלט פון די ווענט אַראָפּ, האָבן צוגעגעבן דעם פּאַרלאָר דער אויסזען פון אַ רבינס אַ חדר־מיוחד.

דער רבי, מיט אויגן וואָס האָבן געבליצט מיט קלוגשאַפט, איז געזעסן אויבנאָן בײַ אַ גרויסן טיש, געדעקט מיט אַ ווײַסער סערוועט. אויפן סערוועט אַן אָפּגעעפנטער ספר. דערזעענדיק אַרײַנקומען דעם גאַסט, האָט זיך דער רבי, ווי דער דין הייסט, אויפגעשטעלט, ווי פאַר אַן אורח, און אויסגעצויגן ראַזנ־קראַנצן די האַנט און געבעטן זיך זעצן.

ראַזנקראַנץ האָט זיך געזעצט נעבן רבין, געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ און מיט אינערלעכן ערפורכט. ער האָט שוין געלאָזט פרײַ זײַנע באַגערן. ער וויל טאַקע הערן דעם רבין עפּעס זאָגן.

דער רבי, מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, — אָבער די פאַרזאָרגטקייט אַ ליכטיקע, אַ טונקל־שטראַליקע — האָט געקוקט אויף ראַזנקראַנצן מיט אַ וואַרעמען בליק.

מ׳האָט זיך צערעדט וועגן פּרנסה.

נו, אַודאי... אָבער דער רבי האָט זיך ניט געקלאָגט אויף קיינעם. ער

האָט נאָר אָנגעוואָרפן אַ בילד פון דער אַמאָליקער חסידות. צו אַ רבין פלעגט מען קומען נאָך אַן עצה. און דער רבי האָט טאַקע געוואוסט ווי אַן עצה צו געבן. אַזוי פיל סוחרים פלעגן קומען... און טאָמער האָט דער רבי געגעבן אַ קרומע עצה, איז דאָס ערשט געווען מזלדיק...

און דאָ האָט דער רבי אַ גלעט געטאָן זיך זילבערנע באָרד, אַ ליכטיקן שמייכל געטאָן, און זיך טיפער געגרונטעוועט:

— איר פאַרשטייט: אַ מענטש טוט אַמאָל אַ קרומע זאַך און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז גאָר גלייך. אַלע וואָס זיינען באמת רייך געוואָרן, האָבן געטאָן לכתחילה אַ קרומע זאַך... און אַמאָל טוט איינער אַ גלייכע זאַך, ס'איז דאַכט זיך אַזוי קלוג, און עס גליקט ניט... אין דערין אַליין ליגט אַ גרויסער שכל... ס'איז אַ טיפער ענין.

ראָזנקראַנץ איז געזעסן און געהערט מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם. עס האָט אויסגעזען, ווי דורך דעם רבין וואָלט ער געוואָלט דערגיין דאָס גאַנצע חסידות, דעם כח, וואָס איז אין דעם אַזוי פיל יאָרן געווען באַהאַלטן.

ער האָט אין דעם רבינס דערקלערן וועגן גלייך און קרום, מיט די עטלעכע קלוגע משלים און מאמרי חז"ל, מיט וועלכע ער האָט אין זיינע רייד דורכ־געוואָרפן, דערפילט יענעם כח.

און פאַרברענגענדיק מיטן רבין ביז שפּעט אין אָוונט, איז ער אַרויס פון רבינס וואוינונג אַ טיף־פאַרטראַכטער...

# דאָס דערהויבענע ליד

— ...אַוודאי דאַרף מען ניט אַלץ, וואָס מ׳האָט געשריבן פאַרעפענטלעכן פאַר דער וועלט — האָט דער עלטערער דיכטער, וואָס איז געווען באַזונדערס אויפגעלייגט צו ריידן וועגן אָט דער דאָזיקער פראַגע, וואָס איז אַנגערירט געוואָרן אין אַ קרייז פון באַקאַנטע, זיך אָנגערופן ביי אַ טישל אין קאַפע־הויז — און איבערהויפּט — האָט ער פאַרגעזעצט נאָך אַ קורצן שוויגן און שמייכלענדיק ווי צו זיך אַליין — דאַרף מען זיין פאַרזיכטיק מיט די ערשטע זאַכן וואָס מען האָט געשריבן אין דער פריער יוגנט. אָבער מען קען דאָך נישט וויסן וואָס מיט אַזאַ זאַך אַפילו, קען אַמאָל פּאַסירן. ווי איר זעט, קאָלעגן, בין איך היינט, אין אַ גוטער שטימונג, כאָטש אויף דער וועלט איז גאָרניט אַזוי פריילעך. אָבער דאָס וואָס עס האָט היינט פּאַסירט מיט מיינעם אַ ליד, געשריבן גאָר אין דער פריער יוגנט, איז אַזוי טשיקאַווע און האָט דערצו אַ סימבאָלישע באַדייטונג, אַז ניט נאָר מוטיקט עס אין דער דאָזיקער צייט מיך אַליין, נאָר עס איז כדאי, אַז איר אַלע זאָלט עס הערן און אויך געמוטיקט ווערן.

דאָס דאָזיקע ליד, וועמעס געשיכטע איך וויל אייך איצט דערציילן, האָב איך נאָך אַלס ייִנגל, אין מיין טאַטנס קליין שטיבעלע געשריבן. אמת, ווען איך האָב דאָס דאָזיקע ליד געשריבן, איז אין שטיבעלע קיינער ניט געווען און דאָס גאַנצע שטיבעלע איז געווען אין מיין רשות. איך בין גראָד — ס׳איז געווען אַרום נאָך סוכות — געבליבן אין שטוב איינער אַליין. אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָב איך אויפן הויף דערזען אַ צוגעטוליעטע צו אַ וואַנט די נאָך ניט פאַנאַנדערגענומענע סוכה פון אונדזער שכן. איך ווייס ניט פאַרוואָס עס האָט מיך אַזוי געשטימט, אָבער איך האָב גלייך מיט אַ בלייפעדער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, אפשר אויס אומעט — זיך גענומען שרייבן

און אָנגעשריבן אַ ליד וועגן אַ סוכּה. אויב איר ווילט וויסן, האָב איך נאָך דעמאָלט אפילו דעם מעטער ניט אָפּגעהיט. דאָס לידעלע, האָט איך האָב אָנגע־שריבן, ס'האָט אָבער געקלונגען נישט שלעכט. די גראַמען איינע אין איינע... איך האָב עס דורכגעלייענט פאַר זיך אַ פּאָר מאָל און איך האָב אַליין ניט געוואוסט צי עס איז געלונגען, צי ניט. דערווייל זיינען איינע נאָך די אַנדערע אָנגעקומען די שטוביקע, פריער די מאַמע — פון אַ שכנה, דערנאָך דער טאַטע — פון גאַס און נאָכדעם די קלענערע קינדער, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעשפּילט אין האַרבסטיקן דרויסן. דאָס שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן דאָס ליד איז שוין געווען אַ פּאַרטיקס, האָב איך באַהאַלטן טיף אין אַ קעשענע, און עס באַלד פאַרגעסן. ווייזן עס האָב איך ניט געהאַט בדעה פאַר קיינעם. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך אין דעם דערמאָנט, איבערגעלייענט עס נאָך אַמאָל און האָב עס ווידער אַריינגעלייגט אין קעשענע. ביז אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב אַזוינס געשריבן. אַזוי איז מיט דער צייט דאָס ליד פאַרלוירן געגאַנגען.

כ'האָב געשריבן שוין אַנדערע לידער, וועלכע איך האָב שוין אָפּגעהיט, פאַרשריבן איטלעכס אין אַ העפט, און מאַנכע פון זיי איבערגעשריבן אויף בויגלעך פּאַפּיר און געפּרוּווט זיי שיקן אין רעדאַקציעס. און דווקא האָב איך זוכה געווען, אַז אַ טייל פון די געשיקטע זאָלן ווערן געדרוקט. נו, יענע פריידע פאַרשפּאַר איך איך איצט צו דערציילן. זי איז אונדז אַלעמען באַקאַנט.

אין יאָרן אַרום, איך בין שוין געווען אַ יונגערמאַן אין די צוואַנציקער, שוין באַקומען אַ שטיקל נאָמען, און בין שוין לאַנג געווען אַוועק פון דערהיים. געוואוינט שוין אין דער גרויסער שטאָט. גיי איך איינמאָל — ס'איז געווען סוף זומער — אַריין אין אַ רעדאַקציע. ערשט דער רעדאַקטאָר נעמט מיך אויף פריינטלעכער ווי שטענדיק און ער בעט מיך אַ ליד אויף סוכּות.

געשטימט בין איך שוין דעמאָלט געווען ראַדיקאַל. אַ ליד מיינע, שיר ניט אַ רעוואָלוציאָנערע, האָט מען שוין געזונגען צווישן די אַרבעטער. ס'איז שוין געווען די צייט פון דעם „בונד" אויף דער יידישער גאַס, און איך האָב זיך געטוליעט צום „בונד", און געפירט שוין, ווי אַ שרייבער, אַ רעוואָלוציאָנערן שטאָט בכלל. האָב איך דעמאָלט ניט געטאָרט פאַרעפנטלעכן אַ ליד וועגן אַ סוכּה. ווען איך וואָלט אפילו אָנגעשריבן אַזאַ, בפרט, אַז איך וואָלט צו אַזאַ מין ליד שוין ניט געהאַט קיין שטימונג, און „מאַכן" לידער — דאָס,

מוז איך זיך באַרימען, האָב איך קיינמאָל ניט געקענט. ענטפער איך דעם רעדאַקטאָר, אַז ניט איך האָב אַזאַ ליד און ניט איך קען אַזאַ ליד שרייבן.

דער רעדאקטאָר ווערט אַזש פאַרצוויפּלט. ער מוז אומבאַדינגט געבן אַ ליד אין סוכות־נומער. דאָס פאָדערט זיין פּרעסטיזש פון פון אַ פּעאיקן רעדאַקטאָר.

ער צוזיפּצט זיך אַזש און לאָזט ניט אָפּ.

— איר מוזט מיר עפּעס געבן. און אויב ס'פּאַסט איך ניט, וועל איך עס דרוקן אונטער אַ פּסעוודאָנים.

דערמאָן איך מיך אין מיין ליד, וועגן דער סוכה, וואָס איך האָב געשריבן יינגלוויז, אין דערהיים נאָך, מיט אַ בלייפעדער אויף אַ שטיקעלע פּאַפּיר, אָבער איך האָב זיכער עס שוין לאַנג פאַרגעסן.

פונדעסטוועגן דערצייל איך עס דעם רעדאַקטאָר, און איך שמייכל דערביי: קינדערשע זאַכן!

דער רעדאַקטאָר אָבער שיינט אַזש אויף און ער בעט זיך:

— אדרבה, גיט עס מיר אַהער, איר וועט מיך ראַטעווען.

— איך האָב עס זיכער פאַרגעסן — ענטפער איך שוין ערנסטער, און גלויב טאָקע, אַז איך האָב פאַרגעסן. און דעם רעדאַקטאָרס פּנים דריקט אויס פאַרצווייפלונג.

איך שטרענג אָן מיין זכרון, און דערמאָן זיך די ערשטע צוויי פערזן. און איך דערפריי אים מיט זיי.

— שרייבט איבער דאָס גאַנצע ליד.

זעץ איך מיך שוין אַוועק ביי אַ טישעלע אין רעדאַקציע און, ווי אַ נס וואָלט פּאַסירט — דאָס גאַנצע ליד שווימט אַרויס אויפן פּאַפּיר שורה נאָך שורה, אַזוי אַכט־און־צוואַנציק שורות, איינע נאָך דער אַנדערער.

איך ישוב זיך אָבער צון געבן עס צו דרוקן אַפילו אונטער אַ פּסעוור־דאָנים.

— ווייס איך וואָס — בין איך מבטל — אַ לידל וועגן אַ סוכה אינמיטן דערינען... וואָס וועט מען זאָגן?...

דער רעדאַקטאָר אָבער רייסט שוין דאָס שטיקל לענגלעכע פּאַפּיר פון מיינע הענט:

— וויזט אַהער.

ער לייענט עס דורך, שמייכלט פאַר גליק און רימט:

— ס׳איז פונקט גוט.

און ער גיט עס מיר שוין ניט אַוועק צוריק.

מילא, פּאַרפּאַלן... און וויבאַלד אַ פּסעוודאָנים, איז וואָס קען עס מיר שאַטן. און דער האָנאָראַר אין אפילו דעמאָלט, נאָך אַלערליי מאַראַלע גליקן, נויטיק געווען.

אָבער דאָך פיל איך מיך ווי דערנידעריקט. דאָס ליד — אַ יינגלשעס, געשריבן אַזוי לאַנג צוריק, און די טעמע אַליין, וועגן אַ סוכה... און טאָמער דערגייט נאָך עמיצער, אַז ס׳איז מיינס — מען וועט מיך קריטיקירן.

ערשט כך־הוה. איך קום אַ צווייטן מאָל אין רעדאַקציע, נאָכדעם ווי דער נומער איז שוין דערשינען מיטן ליד אין סאַמע פּראַנט, אמת, מיטן פאַרשטעלטן נאָמען — ערשט דער רעדאַקטאָר דערציילט מיר, אַז דער קריטיקער איז ערשט דאָ געווען און האָט דאָס ליד שטאַרק גערימט און ער האָט געפרעגט ווער ס׳האָט עס געשריבן, און אַז ער, דער רעדאַקטאָר, האָט אים אַנטפּלעקט דעם סוד!

פאַרפאַלן!

אָבער מער ניט. דאָס ליד מוז איך אינגאַנצן פאַרגעסן. אין אַ זאַמלונג פון לידער ניט אַריינגעמען עס.

און אין דער ערשטער זאַמלונג פון מיינע לידער איז עס טאַקע ניט אַריין. כ׳האָב געהאַט געטנג.

און איך האָב ווידער אין דעם ליד פאַרגעסן. די רעוואָלוציע, אין 1905, איז שוין געווען אין סאַמע פלאַם. מער וואָלט מיר ניט געפעלט — טראַכטן וועגן אַזאַ מין ליד אין אַזאַ הייסער צייט.

גייט אַוועק עטלעכע יאָר און אויף דער וועלט איז שוין שטילער. ס׳איז רעאַקציע. צו אַ נייער זאַמלונג לידער, וואָס איך גרייט דעמאָלט צו, דאַרף איך האָבן אַ געוויסע צאָל זייטן. פעלט מיר אויס פונקט איינינקע לידער.

דערמאָן איך מיך שוין מיט רחמים אין אָט דער ליד וועגן דער סוכה. האָ, צווישן אַזויפיל לידער וועט עס אפשר ניט אַרויסשרייען... און געדרוקט איז עס שוין אַמאָל געווען און באַמערקט האָט כמעט קיינער ניט.

האָב איך שוין, הייסט עס, דעם דאָזיקן ליד געגעבן מיין נאָמען. אָבער קיין באַזונדערע גריסן וועגן דאָס ליד האָבן איך ניט געהערט.

בין איך שוין געווען צופרידן, וואָס מען דערמאָנט עס ניט. עס האָט זיך געטוליעט צווישן די זייטן פון ביכעלע, ערגעץ אינדערמיט.

ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום, און איך וואוין שוין דאָ אין אַמעריקע, באַקען איך זיך מיט אַ יונגער פרוי. ס׳איז געווען זומער, אויף אַ דאַטשע. די יונגע פרוי איז ניט לאַנג פון דער אַלטער היים, פון אַ שטעטל ערגעץ אין אוקראַינע. אַ ווייבל פון פאָלק — זינגט זי אַלעמאָל יידישע לידער. און לכבוד מיר זינגט זי אָפּ דאָס ליד וועגן דער סוכה — מיין ערשטע ליד. אָבער, אַז ס׳איז מיינס, ווייסט זי ניט. ווייל זי קען עס נאָך פון לאַנג... ווען זי איז אַ קינד געווען, האָט מען דאָס ביי זיי געזונגען. מ׳האָט עס, קענטיק, אויסגעלערנט פון דער צייטונג.

ווער איך שוין איבעראַשט. דאָס ליד שווימט שטענדיק אַרויף, ניט צו פאַרגעסן. און דאָס ווייבל זאָגט, אַז דאָס ליד איז באַקאַנט אין זייערע מקומות שוין לאַנג. איז וויבאַלד אַזוי, האָב איך עס שוין איבערגעדרוקט, ניט גע־ענדערט, אין אַ נייער זאַמלונג.

דערווייל טראָגן זיך איבער דער וועלט אַלערליי שטורעמס. מלחמות, רעוואָלוציעס, דיקטאַטור אין דייטשלאַנד. לענדער ענדערן זיך. וועלטן גייען אונטער... און אָט ווערן מיר פאַרווירט פון דייטשלאַנד. די דייטשע יידן ווערן אונטערדריקט, ווי אין די פינצטערע צייטן. ניטאָ קיין אָנזאָג, קיין ווידער־שטאַנד, קיין שטראַל פרייד.

איך פיל זיך דערשלאָגן, פאַרשעמט. די אויסנאַם טרייסט מיך ניט. מיינע ברידער אין דייטשלאַנד — זיי, פון די געהויבנסטע — פאַרשטומטע און גע־פּאַלענע. עס ווילט זיך זיי מוטיקן, אָנזאָגן, טרייסטן נאָר ווי אַזוי ?... מיט וואָס ?...

זעלטן ווען עס קומט אָן אונדזער וואָרט צו זיי, און זייערס צו אונדז... איך וואָלט צו זיי געשריבן, געזונגען פאַר זיי לידער. נאָר ווי אַזוי...

און הערט וואָס עס האָט פּאַסירט:

אין אַ נומער פון אַ צייטונג, וואָס די יידן אין דייטשלאַנד גיבן איצט אַרויס און אַ קאָלעגע פון אַ היגער רעדאַקציע האָט מיר די טעג צוגעשיקט, געפין איך אַן אַרטיקל דער אַרטיקל איז וועגן מיר און דער אַרטיקל איז פאַרענדיקט מיט אַן איבערזעצונג פון אָט דעם ליד, וואָס איך האָב געשריבן אַלס קליין יינגעלע, אין אַ קליין שטיבעלע, מיט אַ בלייפעדער אויף אַ קליין שטיקל פּאַפּיר — און איך האָב זיך מיט דעם אַמאָל געשעמט.

און דאָס ליד, אין דער איבערזעצונג, איז אויסגעוואַקסן — וואָרט אין

ווארט איבערזעצט, און פון די ווערטער שטראָמען קוואַלן טרייסט, האָפענונג און מוט פאַר אונטערדריקטע ברידער. און איצט האָבן זיי דאָס ליד אַנטדעקט און דאָס ליד מוטיקט זיי.

און דער דיכטער, אַן אויפגעשטורעמטער, פריידיק פון דער ליד, מיט גרויס מיטגעפיל און רחמים צו זיינע ברידער אין דייטשלאַנד, האָט פאַר־ענדיקט:

— און איצט גייט און טרעפט וועלכעס ליד ניט צו פאַרעפנטלעכן...

די קאָלעגן צוהערער, איבעראַשטע פון דער פאַסירונג, האָבן אַ ווײַלע ווי אין אַנדאַכט געשוויגן און באַלד האָט זיך איינער אָנגערופן:

— ס'איז ווירקלעך סימבאָליש...

און אַ צווייטער האָט צוגעגעבן:

— אַזוינס איז כדאי צו פאַרשרייבן...

און דער עלטערער דיכטער, אַליין דורכגענומען פון זיין דערציילן, האָט ניט צוגעזאָגט און ניט אָפגעזאָגט. עס איז געווען קענטיק, אַז דערווייל איז ער צו איבעראַשט, ער זאָל עס קענען איבערגעבן אין אַ ליטעראַרישער פאָרם...

# צוויי חברים

ישראל, דער גרעסטער בעל־תנ״ך אין שטאָט, וואָלט אפשר, צוגליך מיט זיינע חברים פון דער יוגנט, געהערט שפּעטער צו די אויפגעקלערטע אין שטאָט; ער האָט אָבער צו־שטאַרק געהאַלטן פון תנ״ך. איז ער מיט דער צייט, שוין נאָך דער חתונה, אַז זיין יונגע, ליב־שמייכלענדיקע ווייבל, רייזל, האָט אים שוין געבוירן אַ קינד און ער האָט שוין באַלד געמוזט אַראָפּ אויף אייגענע קעסט, זיך גענומען לערנען תנ״ך מיט די יינגלעך פון די גאַנץ־ און האַלב־אויפגעקלערטע פריערדיקע חברים זיינע, צי אַזוי מיט יינגלעך פון די שענערע בעלי־בתים אין שטאָט.

קענען תנ״ך האָט ניט געהייסן, אַז אין גמרא איז מען, חלילה, געווען אַ קנאַפּער למדן. אַזוי ווי עס האָט ניט געהייסן אַז אַ גרויסער למדן האָט געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה אין תנ״ך. נאָר קענען צו קענען איז ניט גליך. איינער קען אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא און אַן אַנדערער קען האָבן סמיכה און פּסקענען שאלות. אַזוי קען איינער „אָפּלערנען" אַ קאַפּיטעלע תנ״ך און דער אַנדערער קען גאַנץ תנ״ך כמעט אויף אויסנווייניק און עס איז ניטאָ קיין איין וואָרט אַפילו אין איוב, וואָס ער זאָל ניט וויסן דעם „טייטש"...

און דערצו איז נאָך דאַן געווען אין תנ״ך־קענען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אויפגעקלערטקייט. דאָס הייסט, קיין אַפּיקורס זיין מיט תנ״ך אַליין האָט מען ניט געקענט, אָבער אַז מען פּאַרטיפט זיך אַפילו אין אַ קאַפּיטל יחזקאל און ווער רעדט אין קהלת, איז דאַרף מען קענען אַרויסקומען צוריק דער זעלבער מאמין, ווי איידער מען האָט זיך פאַרטיפט...

און ישראל, דער גרעסטער בעל־תנ״ך האָט זיך טאַקע אָפט מאָל געחדושט:

און ווי באַלד ער האָט געהאַט אַלס תלמידים די יינגלעך פון זיינע

געוועזענע חברים, ווען זיי אַלע האָבן זיך, בחור־ווייז, געשניטן אויף נייע דרכים, האָט מען ישראלן ניט פאַרהערט אין חקירה...

טראַכט זיך, וואָס דו טראַכטסט, אָבי „טייטש־אָפּ" ריכטיק דאָס וואָרט און זאָג דעם פּשט און זאָל דאָס יינגל, אַז עס לערנט ביי דיר, ישראל, אָפּ אַ צוויי־דריי זמנים, טאָקע קענען תנ"ך...

גמרא איז מען דיר שוין מוחל... דאָס האָט ניט געהייסן לגמרי מוחל. תנ"ך אַליין איז דאָך עפּעס צו־פריי. האָט אַוודאי ישראל דער בעל־תנ"ך אויך געלערנט גמרא מיט זיינע אַכט תלמידים, — און מער ווי אַכט האָט ער אין איין זמן צו זיך אין חדר ניט גענומען, צוליב פרייער לופט און „צוליב דער געזונטהייט פון די תלמידים", ווי ער האָט עס אַליין אין האַלב דייטש אַרויסגעזאָגט... אָבער סיי ווי סיי איז דאָס גמרא־לערנען ביי אים געווען מער אַ צוליב טאָן זיינע בעלי־בתים, די חברים...

אָבער אויב יאָ גמרא — פון וואָס ער האָט דווקא יאָ געהאַלטן — איז ניט קיין גיטין און ניט קיין קדושין, נאָר טאָקע אַ בלעטעלע סנהדרין, צי גאָר פון די גרינגערע, וואָס האָבן צו טאָן מיט פעלד־אַרבעט. פון וואָס ישראל און די טאַטעס פון זיינע תלמידים האָבן שטאַרק טייער געהאַלטן. דערצו זיינען די דאָזיקע גמרות געווען אין כמעט דיינע לשון־קודש... כאָטש ישראל, בכלל אַ גערעכטענער אין לשונות־לערנען, האָט אויך פאַרשטאַנען און געקענט די שווערסטע גמרא־ווערטער, און דערצו ווייסט ער וואו מען זוכט אַ טייטש־וואָרט אויך פון גמרא.

די טאַטעס פון די תלמידים זיינען אָנפאַנגס געווען מיט אים, מיט ישראל דעם בעל־תנ"ך, אויף דו. אַ קליינקייט, אינאיינעם „געטאָן" אויף לשון, אויף בילדונג, אויף רוסישער גראַמאַטיקע און אויף לשון־קודשדיקן דקדוק, — ווער מען אים איצטער אָנהויבן זאָגן איר? צי רופן ר' ישראל? שפּעטער אָבער איז ישראל אַריין וואָס ווייטער אין זיין לערנען תנ"ך און טאָקע מיט דעם אמתן ניגון, וואָס איז אי אַ באַקאַנטער, אי זיינער, ישראלס, איז שוין שווער געווען אַפילו אַ „טאַטן", אַ געוועזענעם חבר ישראלס, אים צו זאָגן דו...

אַז מען הערט אים לערנען, אין אַ זומערדיקן טאָג, ווען די פענצטער פון חדר זיינען אָפן, — איז דער ניגון אַליין, דאַכט זיך, אַ תנ"ך־ניגון, ישראלס אָן אויפטו... אין ניגון האָט ישראל — אַזוי האָט זיך זיינע בעלי־

בתים, פריערדיקע חברים, געדאַכט — אַריינגעגעבן זיין בענקשאַפט נאָך אַ מער פריערן לעבן... און זיי אַליין פלעגן, פאַרביגייענדיג זיין חדר, ניט דערוועגן זיך שוין אַריינגיין גלייך אין חדר. אַן אַנדערער פלעגט אַפּוואַרטן, צוקומען צום פענצטער און פון דרויסן אַריינזאָגן דעם „גוט מאָרגן"...

האָט מען געזען באַשיינפערלעך, אַז מען האָט ישראלן מיט זיינע אַכט תלמידימלעך, מיט זייערע פאַרטרוימטע אויגעלעך, ווי אָפּגעשטעלט, פון אַ וויטן גיין ערגעץ, אינמיטן דעריבעגן... אין גיין האָט זיי פאַרטראָגן מער דער ניגון פון זייער רבין, ר׳ ישראל...

ישראל אַליין — ער וואָלט זיך געשעמט אויסצוזאָגן — האָט זיך אויך דערפילט, ווי מען האָט אים אַליין געשטערט אין עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים שטאַרק זיך געגלוסט. פון דעם איבעררייסן אים פון לערנען האָט ער געדרונגען, אַז ער האָט אַליין געהאַט הנאה פון לערנען די פּסוקים פון תנ״ך, פון דעם ניגון, פון דעם מיט־לערנען פון די ליבע קינדער, די תלמידימלעך...

אָבער אַזעלכעס טאָר מען ניט מגלה זיין אַפילו ווען דער בעל־הבית, וואָס צאָלט דעם שכר־לימוד, איז אַ געוועזענער חבר...

— אַזוי. געקומען זען ווי איך קבעל... האַ, זלמן... געקומען מיך פאַרערן, צי קען איך לערנען... נו, איך קען?

און ביז דערוואַרטנדיק קיין ענטפער פון בעל־הבית, דעם חבר, פלעגט ער שוין אַריין אין זיין ראַלע:

— ווייסט, זלמן, אַ שיין קאַפּיטעלע אין ישעיהו. געדענקסט נאָך אים?...

זלמן, דעם תלמידס טאַטע, ישראלס חבר, גייט שוין אַריין אינווייניק אין חדר, זעצט זיך שוין צו אַ ווילע אויף אַ ברעג באַנק, אויף וועלכער זיין יינגל, לייבל, זיצט איצט און לערנט ביי זיין אַמאָליקן חבר.

ער בליקט אַריין אין תנ״ך, אין דעם קאַפּיטל, וואָס ישראל האָט אַזוי געריימט... עס איז דאָך טאַקע פון די שענסטע קאַפּיטלען. זלמן אַליין, אַ קענער פון לשון־קודש, וואָס האָט געשריבן אויך אַ שיר, איז ער געווען דער אמתער אָפּשאַצער פון אַ שיינעם קאַפּיטל תנ״ך, און ער פלעגט ענטפערן:

— נו, אַוודאי געדענק איך דעם קאַפּיטל; אָבער ניט אויף אויס־ווייניק...

און דאָ זינגט אַפֿ ישׂראל, שוין פֿאַרן בעל־הבית, פֿאַר זלמנען, די ערשטע פּסוקים פֿון קאַפּיטל...

זלמן ווערט דורכגענומען... ווען ער וואָלט געהאַט מער צייט און ווען ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער געזעסן און געהערט ווי אַזוי ישׂראל לערנט אַ קאַפּיטל ישעיהו, און נאָך מיט אַזאַ מין ניגון...

און רייזל אַליין, זיין ווייב, — זי האָט געוואוינט דערווייל, ביז מען וועט זיך ארייַנציען אין אַ גרעסערער דירה, וואו עס וועט אויך זיין אַ חדר, אין אַ צווייטער גאַס, — האָט אים, ווען דער טאָג איז געווען צו־גרויס, גע־בראַכט עסן אין חדר אַריין. אָבער ווען זי איז געקומען האָט ער ניט גע־הערט... זי איז אַריין אין דער שטיל, ניט צו שטערן אים... און טאַקע דער ניגון אַליין האָט איר ווי פֿאַרכישופֿט... רעדן האָט ער גערעדט דווקא שטיל... „קיין עין־הרע, וואָס פֿאַר אַ שטימע", האָט זי געטראַכט און זיך געבענטשט מיט אים אין געדאַנק...

ערשט ביי אַן אָפּשטעל, אַז ער האָט זיך אומגעווענדט, האָט ער דערזען ווי רייזל שטייט ביים טיש און האַלט דאָס קרוג מיט געקעכטס אין האַנט, איבערגעדעקט מיט אַ ווייס סערוועטל.

— וואָס, געקומען געוואויר ווערן? — האָט ער געשמייכלט צו איר אָפּן...

ווייל וואָס איז שייך שעמען זיך? שיר השירים קען ער אויסנווייניק און אין מאַפּו'ס „אהבת ציון" איז ער קלאָר אויפֿן בלאַט, איז אַז ער וויל, איז רייזל טאַקע שולמית פֿון שיר השירים...

סוף זומער, אָבער, איז אים אויסגעקומען צו לערנען מיט זיינע תּלמידים קהלת. אַזוי האָבן פֿאַרלאַנגט אַ פּאָר בעלי־בתּים, זיינע חברים פֿון פֿריער, ווען ער איז אַ בחור געווען און זיך געשניטן אויף דעם היינט־וועלטיקן און געזוכט נייע וועגן...

אַוודאי איז אויך „קהלת" געווען ישׂראלן נאָענט... עס זיינען דאָ אַזעלכע טיפֿע רעיונות, און אַפֿילו פֿרייע, אויב מען וויל און אויב מען זוכט... אָבער מיט די קליינע ייִנגלעך האָט ער זיך ניט געוואָלט טיילן מיט די דאָזיקע געדאַנקען. דער עיקר — מיטן הבל הבל. ער האָט נאָך זיי געוואָלט שוינען. דעמאָלט האָט ער, ישׂראל, שיר ניט געוואָלט טאָן מיט

קהלת, וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן אַנגערע געוואָלט: באַהאַלטן עס; דאָס הייסט, ניט לערנען עס מיט די ייִנגלעך...

אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין געמוסרט:

„ס׳וועט דאָך זיין פשוט גניזה — באַהאַלטן — ווי מ׳האָט עס גערופן אַמאָל. נו, האָט ער אַ רעכט דערצו? און פאַרקערט, איצט וועלן עס די ייִנגלעך נעמען גרינג; הכל הבל איז ביי זיי גאָר אַ שפּיל — זיי ווערן אַפילו ניט אומעטיק״...

אָפּגעלערנט מיט די ייִנגלעך עטלעכע פסוקים, האָט ער זיי פונדעסט־וועגן דאָס ערשטע מאָל אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט איך עפּעס קהלת, שלמה המלכס חכמה?...

— שיין! — האָבן אַלע אַכט ייִנגלעך אויסגעזונגען...

האָט ער געוואָלט זיין זיכער אין זייער מבינות און געפרעגט ווידער:

— געפעלט אייך טאַקע, באמת?

— יאָ, רבי! — האָבן זיי געענטפערט.

דעם ניגון אָבער צו קהלת האָט ישראל פון זיך אַליין געענדערט...

ער ווייסט ניט פאַרוואָס. עפּעס האָט זיך צו קהלת ניט געפּאַסט דער ניגון, וואָס צו ישעיה, צי אַפילו צו ירמיהו, צי צו די אַנדערע „נביאים״. דאָס זיינען געווען פסוקים מיט געדאַנקען פון אַ קלוגן קעניג... און ישראל האָט זיי ניט געקענט אויסזינגען, ווי די פסוקים פון די נביאים...

נאָר וואו־ניט־וואו, אַז עס איז געקומען צו די שטעלן וועגן דער אומגערעכטיקייט פון דער וועלט, פון די שטאַרקע קעגן די שוואַכע — דאָ האָט ער זיך צעזונגען ווי ביי די נביאים.

און אַז רייזל איז אַנגעקומען אין אַזאַ טאָג, ווען ער האָט געלערנט קהלת, האָט ער שוין דעמאָלט זיך ווי פאַרשעמט:

„וויס איך וואָס — דווקא איצט, ביי קהלת לערנען, איז זי אַנגעקומען״...

אָבער רייזל האָט געראָד אַזוי חנעוודיק געשמייכלט און אַזוי קלוג געבליקט אויף אים פון אונטער איר טיכל איבערן שטערן, אַז ער האָט שיר ניט פאַרגעסן אַן קהלת און געמיינט, אַז דאָס לערנט ער משלי, וואו עס געפינט זיך דאָס קאַפּיטל אשת־חיל...

האָט ער איר צוגעשמייכלט אַנטקעגן און זיך גענומען צום קהלת מיט מער חשק און מיט אַ מונטערן ניגון...

און אזוי ווי עס איז שוין געווען סוף־הזמן־ימדיקע טעג, און מען האט געלערנט מיט די תלמידים בלויז ביז נאך מיטאג, האט שוין רייזל גע־וואַרט אויף אים.

און זיי זיינען שוין געגאַנגען ביידע אַהיים.

ס׳האט געשיינט די האַרבסטיקע זון, ליבלעך אומעטיק, אָבער ווי אנגעטאָסן מיט וויין... ישראל — סיי מיט זיינע אייגענע געדאַנקען און סיי מיט די אויסגעזונגענע ערשט אין חדר מיט די תלמידים ביי קהלת־לערנען, וואָס ער קען עס סיי־ווי־סיי אויסנווייניק — האט זיך געפילט, גייענדיק מיט רייזלען, ווי באַרוישט. אים האט זיך געדאַכט, אַז ער איז עפּעס מער ווי אַ מלמד, וואָס איז, אמת, דער גרעסטער תנ״ך־קענער און באַקומט אַ גרעסערן שכר־לימוד.

ער האט זיך געפילט, ווי ער וואָלט אַנטדעקט דעם סוד פון גליק און פון דעם תכלית פונעם מענטשן אויף דער דאָזיקער וועלט...

די זון האט זיך העלער צעלויכטן, געוואַרעמט ישראלן ניט נאָר זיין שלאַנקן גוף, איינגעהילט אין דער לענגלעכער קאַפּאָטע, נאָר אויך אינע־ווייניק, די געדאַנקען...

און אַז עס איז געקומען סוכות־צייט, ווען ער האט זיך געטראָפן מיט זיינע באַלעבאַטים, די געוועזענע חברים, האט ער זיי — לכבוד שבת חול־המועד, טאַקע אין בית־המדרש, ווען מען האט געהאַלטן ביים „לייענען״ — איינגעטייטשט אויף דאָס ניי עטלעכע פּסוקים פון קהלת און, דרך אגב, אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק וועגן דעם תכלית פון דער וועלט, און אַז קהלת איז ניט אַפּיקורסות, נאָר אַדרבא, און ער האט פאַרענדיקט:

— ס׳איז אַ טיפער ענין...

די חברים זיינע פון דער יוגנט און שפּעטער די בעלי־בתים זיינע, האָבן אים פאַרשטאַנען און האָבן צוגעגעבן, אַז ער איז גערעכט, און איין חבר האט אים געבעטן אַריינצוקומען צו אים, זיך דורכרעדן וועגן נעמען דאָס יינגל אויף נאָך אַ זמן צו אים, ישראלן, אין חדר אַריין...

און נאָכדעם האט שוין ישראלס באַלעבאָס צוגעגעבן גוטמוטיק, ווי אַ חבר:

— קום אַריין, ישראל, און מיט רייזלען טאַקע, אויף כיבוד, אין די אַנדערע טעג יום־טוב... און מען וועט זיך דורכשמועסן אויף אַ היימישן אופן.

און ישראל איז שוין געקומען, ניט ווי א רבי צו בעטן אויף נאך א זמן דעם תלמיד, נאר ווי א חבר און אן אויפגעקלערטער, אביסל דורכ־לופטערן די פרייע געדאנקען — טאקע צו א „באלעבאס", אבער פארט אן אייגענער מענטש, א חבר פון דער יוגנט, ווען מען האט גערעכנט, אז מען וועט ווערן די גאר גרויסע קענער.

און ביי דעם יום־טובדיקן כיבוד פלעגט מען שוין זיך טאקע צורעדן וועגן הויכע ענינים, וועגן לשון־קודש, וועגן בילדונג, וועגן תכלית פון מענטשן און טאקע אויך וועגן קהלת... ווי באלד מען האט עס „געלייענט" דעם שבת־חול־המועד פון דער בימה אראפ.

און ישראל, נאך דעם ביסעלע כיבוד מיט דעם ביסעלע משקה, איז געווארן שוין רעדעוודיקער און ארויסגעזאגט זיין מיינונג: „עס איז געווען א גליק פאר דער וועלט — ווייל די אומות העולם האלטן אויך פון אונדזער תנ"ך — וואס קהלת האט מען ניט פארבאטן אריינצונעמען אין תנ"ך... א קלייניקייט, די געדאנקען און דער לשון, די שיינקייט און די טיפקייט!..."

און צוליב דעם האבן שוין די צוויי חברים גענומען נאך צו ביסלעך משקה, און יעדער האט פארביסן מיט שטיקלעך טארט, וואס איז געווען, ווי אויף אזא יום־טוב — פון דער פולער האנט...

# איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד

„איך בין געגאַנגען אין דעם שטילן פעלד, —
עס האָט דער צער מיך ווייט געטריבן,
ביז וואַנען איך בין שטיין געבליבן,
איך האָב דערהערט דעם טרויער פון דער וועלט.

ס׳איז שטיל געווען, דאָך איך האָב געהערט
ווי עמיצער איז שטיל אַרומגעגאַנגען
און פול געוואָרן איז די לופט מיט קלאַנגען,
און שטיל געטרויערט האָט די גאַנצע ערד.

און אָט איז נאַכט געוואָרן, די לבנה הויך —
איך ווייס ניט ווי אַזוי, פון וואַנען,
איז אויפן הימל ציטערדיק געשטאַנען
און האָט געטרויערט, דאַכט זיך, אויך.

און וואָס די גאַנצע וועלט האָט דורכגעלעבט,
אין אַלע אירע צייטן דורכגעליטן, —
האָט שטיל פאַרביי מיר דורכגעריסן,
און דורכגעקלונגען, דורכגעשוועבט...״

# אין דעם נייעם לעבן

(יידישע ערד־אַרבעטער געווידמעט)

אין דעם נייעם לעבן,
ביי די נייע פריידן,
מוז מען נעמען, געבן,
מינים צו באַשיידן.

ניט באַקאַנטע בלומען,
ניט געוואוקסט זינט יאָרן;
יעדער בלום אַ נאָמען
ווי ערשט ניי־געבוירן...

בוימער — ניט פאַרשעמען,
מיט די וואונדער־צווייגן,
רופסטו זיי מיט נעמען
העכער זיי נאָך שטייגן...

פייגל אין די הויכן
זאָלן נעמען קריגן
יעדער מיט זיין צייכן,
יעדער מיט זיין ניגון.

פליגעלעך אין לופטן —
גיי און צייל זיי איבער!
ווייסט דעם מיין ווי רופט מען —
ווערן זיי דיר ליבער.

ווייסטו וועלכע פאַרבן —
ווען די זון גייט־אונטער
איז ביי פולע גאַרבן
איר פאַרגיין אויך מונטער.

ווייסט ווען ווינטן יאָגן,
אַלע זייערע גאַנגען,
ווער וועט רעגן טראָגן
פֿאַר אַ פֿעלד מיט זאַנגען;

און די אַלע שטראָמען
וואָס ביי וועגן פֿליסן
יעדער מיט זיין נאָמען
זאָל דעם יידן גריסן...

# אַ טאָג, אַ האַרבסטיקער

אַ טאָג, אַ האַרבסטיקער, ווי פֿאַר אַ רעגן...
איך קוק אַרויס פֿון פֿענצטער... וואָלקן ציען
און פֿייגל, אומעטיקע און פֿאַרזאָרגטע, פֿליען
און שטעלן אָפּ זיך ווי זיי וואָלטן איבערפֿרעגן,
צי פֿליען ווייטער, אָדער דאָ ביים הויז פֿאַרבלייבן —
ס'איז האַרבסטיק אומעטום... צו וואָס זיך אומצוטרייבן?

וואו בעסער איז, ווער קען דען וויסן...
דאָך פֿליען זיי אַוועק — זיי האָבן פֿליגל...
איך שיק זיי צו מיט שטומע בליקן מיינע גריסן...
איך וואַרף מיין בליק נאָך ווייטער, ווי פֿאַרטיפֿט אין טרוימען.
אַנטקעגן מיר זיך הייבט און גלאָצט דער קוימען
פֿון אַ פֿאַבריק פֿון שטיין און ציגל...
וואָס דאָרטן ווערט געמאַכט איך קען ניט דרינגען
איך זע דעם רויך וואָס יאָגט זיך בלויז ווי צו פֿאַרווײַלן —
דאָ רויִק, אין געוועבטע גראָע רינגען
און דאָ אין טונקעלע, אין הויכע זײַלן...

און ווייטער זע איך ליגט דער טייך דער גלאַטער
היינט קוקט ער אויס, אויך ווי דער טאָג, אַ מאַטער.
דאָך שניידן דורך אים ווען-ניט-ווען די שיפֿן
און גיבן רוישיקע און הילכיקע סיגנאַלן,
וואָס זיי מיין בענקשאַפֿט מערער נאָך פֿאַרטיפֿן
און שטאַרקן מיר די האָפֿענונג, ניט זיין געפֿאַלן!

## דיכטער־פֿאַנטאַזיע

ווען צער איז גרויס, ער טונקט זיך אַפּ,
אין טיפֿקייט פֿון די גרונטן;
ער שטייגט אַרויף, ער גלייכט זיך אויס
ביז רוים, דעם העל־באַזונטן.

ער שיקט זיין בליק אין יעדער זייט,
וואו מענטש אויף ערד געפֿינט זיך;
וואו צער איז נאָנט, וואו פֿרייד איז ווייט,
וואו לעבן לעשט און צינדט־זיך.

און זיין געדאַנק, אין וועלט־געדראַנג
יאָגט אום און פֿליט אויף פֿליגלען;
וואו גליק־פֿאַרלאַנג און וואו געזאַנג,
וואו פֿרייהייט — אונטער זיגלען...

אַט איז ער דאָרט, אַט איז ער דאָ
און באַלד ער פֿליט שוין ווידער;
ביז וואַן ער קומט אין גוטער שעה
און ברענגט אונדז מוט און לידער...

## דער מענטש

דער מענטש איז אַן אות אין גאָטס שריפט,
אַן אַנד'רער — אַ גליענדיק וואָרט;
דו לייען די ווערטער פאַרטיפט,
און אותיות — אין ווייטעסטן אָרט.

גאָטס בוך איז אינגאַנצן די וועלט,
די רוימען דאָס בוך וויקלען־איין;
די בערג און די טאָלן און פעלד —
צום בוך אַ באַצירונג זאָל זיין.

און שטורעם — דאָס איז פּראָטעסט,
און רעגן — דאָס איז אָפט געוויין;
ווען איין אות אין צווייטן פאַרגעסט,
ווען מענטש נאָר געדענקט זיך אַליין...

## אין רעגן, אין ווינט

וואָס טוען צוויי עופהלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלעך — אייז און די פיסעלעך — נאַס,
די ליפּעלעך — בלוי און די בעקעלעך — בלאַס:

וואו איז זייער היים אין דער וועלט?

— זייער היים! זייער היים בין איך, זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.
וואו גייען צוויי קינדערלעך קליינינקע היינט,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?

וואו איז זייער היים אין דער וועלט?

## פאַרזאַמט ניט

(פראַגמענט פון אַן ערשטן־מאַי ליד)

פאַרזאַמט ניט די לידער
פון פרייהייט מיט רמז;
די אויפשריפטן, ברידער,
וואָס מאָנען דעם אמת...

צום גאַנג זיך צו גרייטן
מיט ליכטיקן שמייכל,
די מחנות צעשפּרייטן
מיט ליבשאַפט און שׂכל.

פאַרנעמט פרייע וועגן,
און פרייע געמאַרקן,
מיט ליבע אַנטקעגן
די מידע צו שטאַרקן.

מיט לידער דערגרייכן
די ווייטסטע ברידער,
דערוועקן די הייכן,
דערהויכן דעם נידער...

# היימלאַנד

(נאָך באַלפורס דעקלאַראַציע)

איך ווייס ניט פון נאָענט,
איך ווייס ניט פון ווייט:
און וואָס זיינען יאָרן
פון טויזנטער צייט?

מעג ליגן מיין היימלאַנד
פאַר טויזנטער מייל —
איך זע זי, איך גרייך זי
אָט באַלד, אין איין וויל!

און טויזנטער יאָרן
וואָס האָט פאַר אַ ווערט?
מיר דאַכט: איך האָב נעכטן
גערוט אויף איר ערד.

ווי נאָענט! ווי נאָענט!
שטרעק אויס בלויז דיין האַנט,
און — וואונדער! גלייך גרייכסטו
דיין היים און דיין לאַנד!

און וואונדער! — דו פילסט שוין,
ווי ס'רוישט איבער דיר
די ווינטן די לינדע
דורך פענצטער און טיר...

## צווייַ שטעט

תל-אביב און ירושלים —
ווער האָט וועלכע העלטער? —
ביידע שיין — ירושלים
איז דאָך אָבער עלטער.

תל-אביב אַ שטאָט אַ נייע,
ערשט ניט לאַנג געבויט זיך;
ברייטע גאַסן, הויפן פרייע,
און נאָך מער, זי גרייט זיך!

בלויז דאָס רעדן, ווי אַ תפילה,
נוסח ספרדי — פרומער!
קומט פון אונדז אַ רב אַפילו,
איז ער שיר אַ שטומער...

ירושלים — שטאָט די וואוילע,
קעניגן און נביא;
נאָ׳נט „מערת המכפלה״,
אָט די וואַנט מערבי!

ס׳איז כדאי אויך ספרדיש ריידן —
שוין צוליב די ערטער;
תפילה טאָן ביי ציונ׳ס פריידן,
זינגען עלטסטע ווערטער!

קומט ער, פרעגט ער, יישר כחם!
פריי און גרינג, צום חידוש!
גיט ער באַלד ווען שלום-עליכם —
און מען רעדט שוין יידיש...

פרומע יידן — מיט דעם ניגון,
יידן פון גמרא;
ווייזט מען וואו אכסניא קריגן,
עסט ער, קיין עין־הרע!...

„עסט און בענטשט און לויבט גאָט, פעטער,
בענטשט מיט א מזומן;
גייט אייך נאָכדעם זען די פלעצער,
און צו מנחה קומען!..."

# אין ארץ־ישראל...

אין ארץ ישראל איז ליכטיק,
אין ארץ ישראל איז ריין:
און טאַמער פעלט אוים דאָרט ברונעמס,
איז טרינקט מען דעם רעגן אַליין.

אין ארץ ישראל הערשט יושר,
גאָטס שטימע פון אומעטום רופט:
און טאַמער פעלט אוים דאָרטן שולן,
מאַכט קלוג דאָרט דעם מענטשן די לופט.

אין ארץ ישראל הערשט חדוה
און ס'פילט זיך דאָרט גליקלעך דער ייד:
און טאַמער פעלט אוים דאָרט פידלען,
רוישט שטענדיק דער ירדן זיין ליד.

אין ארץ ישראל די הייזלעך —
איינשטאָקיק, מיט בלומען אין הויף:
און טאַמער פאַרוועלט זיך דיר העכער,
דאַן שטייג צום באַרג תבור אַרויף.

1915.